STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09985

# KROPOTKIN ZAMLBUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פּ. א. קראָפּאָטקין 1842—1921

# קראפּאטקין-זאמלבוך

געווידמעט דעם 25-טן יאָרצייט זינט דעם טויט פון

## פּ. א. קראָפּאָטקין


אונטער דער רעדאקציע פון

י ע ק ב  ס י ג א ל



ארויסגעגעבן פון דער גרופּע

„דוד עדעלשטאַט"

בוענאָס איירעס, 1947.

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

# פון די אַרויסגעבער

קנאַפּע דריי צענדליק יאָרן זיינען אַוועק פון זינט ס'איז געשטאָרבן אונדזער גרויסער לערער און אומפאַרגעסלעכער חבר פּיאָטר קראָפּאָטקין.

ווען ער איז געשטאָרבן האָט די וועלט נאָרוואָס געהאַט איבערגעלעבט צוויי גרויסע עפּאָכע-מאַכנדיקע געשעענישן: — די ערשטע אַלוועלטלעכע מל-חמה, אין וועלכער צענדליקער מיליאָנען מענטשן זיינען דערהרגעט, אָדער צוקאַליעטשעט געוואָרן, און די גרויסע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די פעאָדאַל-בורזשואַזע אָרדענונג, און געגעבן האָפענונג די אונ-טערדריקטע פעלקער אויף אַ נייער ערע פון שלום און סאָציאַלן יושר.

צום באַדויערן פון דער רעכט דענקנדיקער מענטשהייט איז נאָך דער-וויל די דאָזיקע האָפענונג נישט מקוים געוואָרן אין די וועלט, דערונטער אויך די נייע רוסלאַנד, האַלט זיך איצט אין היילן פון די שרעקלעכע וואונדן פון דער נייער בלוט-באָד, וואָס זי האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט, און וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער קאָלעקטיווער מאָרד-משוגעת. און וואָס איז שייך דעם סאָציאַלן יושר — איז ער נאָך ווייט נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט, אָבער מען זעט שוין בולטע סמנים פון אַ נייעם בלוטיקן גאָראַנגל צווישן דער אַלטער, אָפּ-שטאַרבנדיקער וועלט און דער וועלט פון מאָרגן, וואָס עפנט זיך מעכטיק אַ וועג דורך אַלע גרענעצן און פאַרצוימונגען. דאָס איז די וועלט, וועלכע ס'האָט פאָראויסגעזען און געפּרעדיקט דער גרויסער פרייהייטס-קעמפער, פּיאָטר קראָפּאָטקין, אין וועמענס אָנדענק מיר האָבן אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן זאַמל-בוך.

אַזאַ בוך וועגן קראָפּאָטקינס אַנאַרכאָ-קאָמוניזם און זיינע מעטאָדן צו איינפירן אַ פריי געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעבן, וואָס זיינען איצט פונקט אַזוי אַקטועל, ווי ווען ער האָט געשריבן זיינע גרויסאַרטיקע, פונדאַמענטאַלע ווערק, איז געוואָרן באַזונדערס נויטיק איצט, ווען אונטער דער ווירקונג פון דעם כלומרשטן דערפאָלג פון די מאַרקסיסטיש-באָלשעוויסטישע מעטאָדן, האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וועלכע זוכן צו ליקווידירן זיינע אידעען. אַלס כלומרשט פאַרעלטערטע, אָפּגעלעבטע, ווי אויך דעם נאָמען אַנאַרכיזם גופא, כדי קאָנען לייכטער פאַרשפּרייטן זייערע אייגענע אומקלאָרע, נאָר אין תוך אָפּאָרטוניסטישע אידעען.

דער דאָזיקער זאַמל-בוך וועט אויך זיין נוצלעך פאַר די אויפריכטיקע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן נאָר געהערט פון קראָפּאָטקינס אידעען און דוקא

פון דעם מויל פון זיינע קעגנער, נאָר אליין האָבן זיי זיינע ווערק נישט גע־לייענט. אין דעם בוך וועלן זיי געפינען די הויפּטשטריכן פון קראָפּאָטקינס אנארכיסטישן קאָמוניזם און זיין שטעלונג צו א סך אנדערע געזעלשאַפט־לעכע פראגן, וואָס פאָדערן א ראַדיקאַלע לייזונג.

דער בוך האָט געזאָלט דערשיינען פּינקטלעך צו קראָפּאָטקינס 25־טן יאָרצייט, נאָר צוליב פאַרשידענע שוועריקייטן, מערסטנס פון טעכנישן כאַ־ראַקטער, האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אויף מער ווי אַ יאָר. מיר האָפן, אז אונד־זערע חברים און פריינט וועלן פאַרשטיין, אז א בוך פון אזא פּאַרנעם און וועגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי קראָפּאָטקין, קאָן נישט, און טאָר נישט ארויס־געגעבן ווערן בחפּזון, און וועלן אונדז אנטשולדיקן פאַר דעם פאַרשפּע־טיקונג.

מיר דאנקען די מיטארבעטער, און אלע חברים בכלל, וועלכע האָבן אומאייגנוצלעך מיטגעהאָלפן, גייסטיק און מאטעריעל, צום דערשיינען פון דעם דאָזיקן זאמל־בוך.

**די פּארלעגער־גרופּע**
**„דוד עדלשטאַט"**

# פון דער רעדאקציע

ביים צענויפשטעלן דעם דאָזיקן זאמל־בוך, וואָס מיר באטראכטן אלס ווירדיקע באַצייכנונג פון דעם 25־טן יאָרצייט פון אונדזער אומפארגעס־לעכן און אומשטערבלעכן לערער פ. קראָפּאָטקין, וועמענס הארץ האָט זיין גאנץ לעבן געקלאפּט און געליטן פאַר דער געפּלאָגטער מענטשהייט, פאַר וועמען זיינע אידעען וועלן שטענדיק זיין א וועג־וויזער צו איר באפרייאונג, האָבן מיר זיך געהיט, ווי ווייט־מעגלעך, אז ער זאָל נישט טראָגן דעם כאַ־ראַקטער פון צופעליקייט, נאָר ער זאָל געבן א בילד פון קראָפּאָטקינס פער־זענלעכקייט, אלס מענטש, געלערנטער און רעוואָלוציאָנער און פון זיינע אָנשויאונגען אויף אלע געביטן פון דעם סאָציאַלן לעבן.

אויף וויפל דאָס איז אונדז געלונגען, נעמענדיק אין אכט, אז דאָ, אין אַרגענטינע איז גאָר נישט לייכט צו געפינען דעם נויטיקן מאטעריאַל — בלייבט פארן לייענער צו אורטיילן.

איינער פון די גרעסטע מקורים, וואו מיר האָבן גענומען א סך ווערטפולן מאַ־טעריאל, איז געווען דער זאמל־בוך צו קראָפּאָטקינס צענטן יאָרצייט, וואָס עס האָט ארויסגעגעבן אין 1931 די רוסישע אַנארכאָ־קאָמוניסטישע פעדעראציע פון די פאראייניקטע שטאַטן און קאנאדע, רעדאגירט פון דעם חבר ג. מאקסימאָוו, און זיך באנוצט מיט א סך פון זיינע באמערקונגען און ציטאַטן. איינינקע ארטיקלען זיינען בשעתו געווען פארעפנטלעכט אין דער ניו־יאָרקער „פרייע ארבעטער שטימע", און אנדערע זיינען געשריבן ספּע־ציעל פאַר אונדזער זאמל־בוך. די ארטיקלען פון די חברים ר. ראָקער און ג. מאקסימאָוו האָבן מיר איבערגעזעצט מיט זייער דירעקטער הסכמה. ווען נישט די מלחמה און די נאָך־מלחמה אומשטענדן, וואָלטן מיר מסתמא גע־ווען געהאט די מיטארבעטערשאפט פון א סך חברים פון אייראָפּע.

יעדנפאלס גלויבן מיר, אז פון דעם מאטעריאל, וואָס אונדז איז געלונגען צענויפזאמלען, קאָן מען זיך שאפן א קלאָרן באגריף פון קראָפּאָטקינס אָנשוי־אונגען אויף די פארשידנארטיקע סאָציאלע פראגן פון אונדזער צייט.

י ע ק ב  ס י ג א ל

# קראָפּאָטקין דער מענטש

רודאָלף ראָקער

# מיינע דערינערונגען וועגן פּיאָטר קראָפּאָטקין

ווער עס באַקענט זיך גרינטלעך מיט דעם גייסטיקן שאַפן פון אַן אמת גרויסן מענטשן און באַנעמט די פולע באַדייטונג פון זיינע ווערק, ביי דעם לעבט אָפּט דער ווונטש מיט דעם דאָזיקן מענטשן פּערזענלעך נאָענטער זיך צו באַקענען. דערביי קומט אָפּט פאָר, אַז די דערפילונג פון דעם דאָזיקן פאַרלאַנג אַנטשפּרעכט נישט די אינערלעכע דערוואַרטונגען, אפשר דעריבער, ווייל זיי זענען פון אָנפאַנג אָן צו הויך אַרויפגעשרויפט געוואָרן. נישט אַזוי ביי קראָפּאָטקינען. דער, ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק מיט אים פּערזענלעך זיך צו באַקענען, אים צו האָבן פאַר א פריינט, איז קיינמאָל נישט אַנטוישט געוואָרן. וואָס בעסער מען האָט אים דערקענט, אַלץ טיפער איז דער איינדרוק, וואָס מען פלעגט קריגן פון אים. צווישן דעם פּאַרפאַסער פון „קעגנזייטיקע הילף" און דעם מענטש קראָפּאָטקין איז קיין מהלך נישט געווען. אַזוי ווי ער האָט געדענקט און געפילט, אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט אין אַלע פאַזעס פון זיין לאַנגן אינהאַלט־רייכן לעבן. אים צו קענען האָט געמיינט אים ליב צו קריגן. טאַקע די אינערלעכע האַרמאָניע פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ האָט פון זיך אַרויסגעשטראַלט יענע וואַרימקייט — די טיפע מענטשלעכקייט זיינע, וואָס איז שטענדיק געבליבן די זעלבע און האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזן דעם קלענסטן צווייפל אין דער ריינקייט און ערלעכקייט פון זיינע געדאַנקען און פּלענער. קראָפּאָטקין איז געווען א מענטש פון איין שטיק. אין אים איז נישט געווען קיין שום פּראָבלעמאַטישעס.

אין זיין דערשיטערנדיקן ווערק „דע פּראָפונדיס", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די טיפסטע פּערזענלעכע יסורים און איז מיט בלוט און טרערן געשריבן געוואָרן, דערקלערט אָסקאַר וואַילד: „צו די פולקאָמסטע מענטשלעכע לעבנס, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן, געהערן די לעבנס פון ווערלען און פון פירשט קראָפּאָטקין". וואַילד, דער פיינזיניקער דיכטער און פּסיכאָלאָג, האָט געהאַט רעכט. קראָפּאָטקינס לעבן גופא איז שוין געווען פון אַזאַ מענטשלעכער גרויסקייט, וועלכע מען געפינט נאָר גאַנץ זעלטן, און עס וואָלט שוין אַזוי געווען ווען ער וואָלט נישט געהאַט אָנגעשריבן אפילו קיין איינציקע

שורה. אין דעם ליגט די פארכאפנדיקע ווירקונג פון זיין גרויסארטיקער פערזענ־לעכקייט. דער אינערלעכער צויבער פון זיין גאנצן וועזן. אלע וואָס זענען געקו־מען מיט אים אין נאָענטער באַרירונג, זענען געשטאַנען אונטער דעם זעלבן כישוף. אין זיין לעבן איז קיין זאך נישט געווען געקינסטלט, קיין זאך, וואָס האָט געצילט בלויז אויפן אויסערלעכן עפעקט.

אויך געאָרג בראנדעס אורטיילט קראָפּאָטקינען אויפן זעלבן שטייגער ווי אָסקאר וואילד. אזוי, צום ביישפּיל, שרייבט ער אין דעם פאָרוואָרט צו די „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער" וועגן אים: „ער איז א רעוואָלוציאָנער אָן געמאכטע עפעקטן און אָן עמבלעמ". ביי אים רופן ארויס א שמייכל די שבו־עות און צערעמאָניעס, דורך וועלכע פארשווערער אין דראַמעס און אָפּערעטעס זוכן זיך צו בינדן. דער דאָזיקער מענטש איז די פארקערפּערטע פשטות. אלס כאראקטער האלט ער אויס יעדן פארגלייך מיט די גרויסע פרייהייטס־קעמפער פון אלע לענדער. קיינער איז נישט געווען מער אומאייגנוציק ווי ער, קיינער האָט די מענטשהייט נישט געליבט מער ווי ער".

אין פרילינג פון יאָר 1895 האָב איך קראָפּאָטקינען צום ערשטן מאָל באַ־געגנט, און איך בין געבליבן צו אים צוגעבונדן די גאנצע יאָרן ביז צו זיין טויט; יאָ, איך קען אפילו רואיק זאָגן, ביז איבער זיין קבר. ער איז שטענדיק געבליבן די גרויסע געשעעניש פון מיין לעבן. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין געצנ־דינער, וואָס איז בלינד און טויב פאר די שוואכקייטן פון זיינע זעלבסטגעשאפענע געטשן. אָבער דאָס וואָס האָט מיך מיט קראָפּאָטקינען אזוי אינערלעך פארבונדן, איז געווען זיין ווארימע מענטשן־ליבע און זיין אומדערשיטערלעכער גערעכטי־קייט-געפיל, וואָס האָט געקענט אויסהאלטן יעדע פּראָבע. זיין חוש פאר גערעכ־טיקייט איז נישט געווען קיין אבסטראקטער באגריף, נאָר א ליבנדיקער מיטפיל, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אין די קלענסטע זאכן; זיכער האָט ער אין זיין לעבן קיינמאָל קיין איינציקן מענטשן נישט פארשעמט. זיינע אלע האנדלונגען זענען נישט באַשטימט געווען פון קיין אויסערלעכער רעגל, נאָר זענען אנטשטאַנען שטענדיק פון דעם אינערלעכסטן אימפּולס פון זיין גרויסער נשמה, וואָס האָט געהאט פארשטענדעניש פאר אלע.

ווען עס איז אין 1914 אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט-מלחמה און אונדזערע וועגן זענען זיך פונאנדערגעגאנגען, איז אונדזער אינערלעכע פארהעלטעניש גע־בליבן אומבאריהרט, ווייל איך האָב געוואוסט, אז זיין שטעלונג איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין טיפסטער איבערצייגונג, אין וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט צווייפלען. ווער פון אונדז האָט געהאט רעכט, — דאָס קען קיינער נישט באשטי־מען, דען שליסלעך איז דאָך יעדע רעכט-פארשטעלונג נאָר דער רעזולטאט פון אונדזער אינערלעכער עמפּינדונג, איבער וועלכער קיין „אבסאָלוטער אמת" קאָן נישט אָנטשיידן. קראָפּאָטקין האָט בעת דער מלחמה אָפט געליטן פון קראנקהייט, אָבער ער האָט מיר געשריבן אזוי אָפט, ווי ער האָט געקאָנט, און האָט מיר אין קאָנצענטראַציע־לאַגער געשיקט ביכער פון זיין ביבליאָטעק. דאָס איז נישט גע־

זוען קיין לייכטע זאך, ווייל די מערסטע ביכער האָבן געהאַט צאָלרייכע ראנד-באַמערקונגען מיט זיין אייגענער האנט געשריבן, וואָס ער האָט זיי אליין צוערשט געמוזט אויסרייבן מיט א גומקע צו פארמיידן די צענזור־שווערינקייטן. אין איי־נעם פון די בריוו, וואָס איך האָב דערמאָלט פון אים געקראָגן, דערקלערט ער, אז ער פארשטייט פולשטענדיק מיין שטעלונג צו דער מלחמה, הגם ער קען זי נישט טיילן. כאַראַקטעריסטיש זענען געווען דערביי די פאָלגנדיקע ווערטער: „קודם כל, איז די איבערצייגונג דער עיקר, אלץ נעמט זיך דערפון. קיינמאָל זאָל מען נישט פארטרעטן א זאך, וואָס שטאַמט נישט פון אונדזער טיפסטן הארצן. אויך אַט די מוראדיקע קאַטאַסטראָפע וועט האָבן א סוף. דאַן וועלן מיר אויך ווייטער קעמפן צוזאַמען פאר דער גרויסער זאך פון דער מענטשלעכער באפרייאונג, וואָס איז אונדזער אלעמענס זאך".

די דאָזיקע אויפריכטיקייט האָט זיך אויך געלאָזט באמערקן אין זיינע רעדעס און איז געווען די אורזאך פארוואָס זיינע ווערטער האָבן שטענדיק ביי זיינע צוהערער ארויסגערופן אזא מעכטיקן איינדרוק. קראָפּאָטקין איז נישט געווען קיין „גרויסער רעדנער", ווייל אים איז פרעמד געווען יעדע קינסטלעכע רעטאָריק. אָבער ער האָט געהאַט אין א הויכער מאָס יענעם געהיימ־ניספולן עלעמענט, וואָס קומט פון די נשמה־טיפעניש און מאכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף מענטשן; יענער עלעמענט, וואָס נישט א מענטש קען זיך אליין אים אויסלערנען און נישט אנדערע קענען עס אים אויסלערנען, ווייל ער איז דער טיפסטער אויסדרוק פון דער פערזענלעכקייט און שטאַמט פון דעם אינער-לעכסטן וועזן פון מענטשן.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן דעם איינדרוק, וואָס איינע פון זיינע רעדעס האָט ביי מיר און ביי אלע צוהערערס ארויסגערופן. עס איז געווען די צייט, ווען די שוידערלעכע איינצלהייטן פון דעם קישענעווער פּאָגראָם (אין 1903) האָבן צו אונדז דערגרייכט אין לאָנדאָן. די גאנצע אידישע ארבעטערשאַפט פון איסט ענד האָט מאַרשירט אין א געשלאָסענער דעמאָנסטראַציע צום הייד־פּאַרק, אום צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אוממענטשלעכן פארברעכן פון דער צאַ־רישער רעגירונג. עס איז געווען א כמורנער, אומפריינטלעכער טאָג, פּונקט לויט דער שטימונג, וואָס האָט באהערשט טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אין א שטו-מער עמפּערונג זיך אלע אוועקגעלאָזן צום פּאַרק. קראָפּאָטקין איז געקומען אביסל שפּעטלעך און ס'איז געווען אוממעגלעך זיך דורכצושטופּן דורך דער טויזנט־קעפּיקער מאַסע, וואָס האָט ארומגערינגלט די פּלאַטפאָרמע. דאָ האָבן די ארבע־טער דעם טייערן קראָפּאָטקין וואָס איז שוין געווען אן עלטערער מאַן, פאָרזיכ-טיק אויפגעהויבן און געטראָגן איבער זייערע קעפּ ביז מען האָט אים געבראַכט צו דעם וואָגן פון וועלכן די רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן. איך זע אים נאָך היינט פאר מיר אין יענעם טאָג. זיין געזיכט איז געווען בלאַס פון דער אינער־לעכער עמאָציע און די באָרד האָט זיך ציטערנדיק באוועגט אין ווינט. זיינע ערשטע ווערטער זענען געווען אביסל אָפּגעהאַקטע, אָבער באלד איז געקומען די

אינערלעכע עמפערונג צו א באמת מעכטיקן אויסדרוק. יעדעס וואָרט איז געווען ווי א קלאַפּ מיט א האמער, א מוראדיקע אָנקלאגע קעגן די פּחדנישע פאראור־זאכער פון יענער בארבארישער בלוטבאָד, וואָס האָט געשענדעט דעם מענטש־לעכן נאָמען. דער אַלטער האָט אויסגעזען ווי א נביא פון די פארגאנגענע צייטן. אין זיין שטימע האָט זיך געלאָזט מערקן אן אייגנטימלעכער ציטער, פונקט ווי דער ווייטיק און דאָס ליידן פון די קרבנות פון צאריזם וואָלטן זיך געהאט פאר־קערפּערט אין דעם דאָזיקן מאן און זיינען געקומען צו אן איבערנאטירלעכן אויסדרוק.

און טויזנטער צוהערער האָבן געפילט מיט אים, האָבן געשלונגען זיינע ווערטער, וואָס זענען טיף אריין אין הארצן, ווייל זיי זענען פון טיפן הארצן געקומען. איך וועל יענע רעדע קיינמאָל נישט פארגעסן, ווי אויך די אייגנארטיקע פארזאמלונג גופא, וואָס איז אין יענעם כמורנעם טאָג פאָרגעקומען. ווער וואָלט עס דעמאָלט געקענט קלערן, אז דער קישענעווער מאסן־מאָרד וועט זיין א קינ־דער שפּיל אין פארגלייך מיט די אומגעהויערע פארברעכנס פון אונדזער צייט, וואָס האָבן אָנגענומען אן אינטערנאַציאָנאַלן כאראקטער.

די נאַטור האָט קראָפּאָטקינען מיטגעגעבן הויכע אוצרות שוין פון זיין ווי־געלע אָן, דאָך איז דער גרעסטער פון די אַלע אוצרות געווען זיין פערזענלעכקייט, די אינערלעכע גרויסקייט פון זיין כאראקטער, פאָרנעמקייט פון זיין געזינונג, וואָס האָט ארויסגערופן די שטענדיקע אכטונג ביי די ביטערסטע קעגנער פון זיינע אָנשויאונגען. איינער פון זיינע אַלטע פריינט, — סטעפּניאַק, האָט שוין אין זיין ווערק „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד" (1881) אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן אומשטאנד. „קראָפּאָטקין, שרייבט ער, איז אן אויסערסט אויפריכטיקער און בראַווער, פּריימוטיקער מאן. שטענדיק זאָגט ער די ריינע, לויטערע וואר־הייט און רעכנט זיך קיינמאָל נישט מיט דער זעלבסט־ליבע פון דעם צו וועמען ער רעדט, ווי אויך נישט מיט וועלכע עס איז אנדערע אומשטענדן, און דאָס איז דער אויפפאַלנדיקסטער און סימפּאַטישסטער שטריך פון זיין כאראקטער. מען קען אומבאדינגט שענקען דעם פולסטן גלויבן צו יעדן וואָרט זיינעם". — און דאָס איז טאַקע די זייט פון זיין וועזן, וואָס האָט געמאכט זיינע מעמוארן צו איינעם פון די העכסטע ווערק אין דער אויטאָביאָגראפישער ליטעראַטור. ער, וואָס ווייסט אונדז צו דערציילן אזוי פיל אינטערעסאַנטע זאכן וועגן אנדערע, בלייבט שטענדיק אין הינטערגרונט, און ווען ער ווערט שוין געצוואונגען פון זיך צו ריידן, קומט עס פאַר מיט אַן עניוות, וואָס איז ממש אנטציקנד.

ער איז קיינמאָל נישט געווען דער מענטש פון דעם „גאָלדענעם מיטלוועג", וואָס שטעלט אָן זיין זעגל לויטן ווינט. גלייכגילטיקייט צו מענטשן און זאכן איז אים געווען פולשטענדיק פרעמד. איך דערמאָן זיך אָן א געשפּרעך מיט אים וועגן אַן אַלטן פריינט וואָס האָט אמאָל געבראַכט גרויסע קרבנות פאַר דעם פריי־הייטס־קאַמף, אָבער איז שפּעטער בישלעכווייז אַלץ מער און מער אריינגעפאַלן אין א סקעפּטיציזם. „איך באדויער אים פון גאַנצן הארצן", האָט דער אַלטער

קראָפּאָטקין געזאָגט. „סקעפּטיציזם איז דער אָנפאַנג פון דער קראַנקהייט פון געוויסן, און דאָס איז געוויינטלעך אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט. אָבער ער האָט אונדז געגעבן דאָס בעסטע וואָס ער האָט געהאַט און דערפאַר מוזן מיר אים שטענדיק דאַנקבאַר זיין".

ווען קראָפּאָטקין, פאַר זיין אָפּפאָר קיין רוסלאַנד, האָט זיך מיט מיר ברייו־לעך געזעגנט, האָב איך אינסטינקטיוו געפילט ,אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט זען מער, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר אין דער געפאַנגענשאַפט גע־מאַכט דאָס האַרץ דאָפּלט שווער. אָבער זיין בריוו איז, טראָץ זיין הויכן עלטער, געווען אַזוי האָפערדיק און פול מיט פריידיקע אויסזיכטן, אַז איך האָב זיך מיט אים צוזאַמען געפרייט מיט דער געלעגנהייט וואָס עפנט זיך פאַר אים צו זען זיין אַלטע היים, וועלכע איז געווען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרצן.

אָבער אַ ביטערער שיקזאַל האָט דערוואַרט דעם אַלטן קראָפּאָטקין אין רוס־לאַנד. די רעוואָלוציע, וואָס האָט באַפרייט זיין היימלאַנד פון יאָרהונדערט־לאַנגער קנעכטשאַפט, איז אונטער דעם איינפלוס פון באָלשעוויזם אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיקטאַטור. דאָס האָט אוועקגעלייגט דעם באַזיס פאַרן ערשטן טאָטאַלן שטאַט אין אייראָפּע און האָט פאַרזייט די גיפטיקע קערנדלעך, פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן די פאַשיסטישע שלאַנג. פונקט אַזוי ווי ראָ־בעספּיער און די יאַקאָבינער האָבן דורך דער דיקטאַטור פון אַ גיליאָטינע צוגע־גרייט דעם וועג פאַר דער שווערד־הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען, אַזוי האָבן אויך לענין און זיינע אָנהענגער אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר סטאַלינס דעס־פּאָטיזם און זיין שפּעטערדיקן בונד מיט היטלערן.

קראָפּאָטקין האָט דערזען די געפאַר אין אָנפאַנג, און ווייל ער איז געווען אַ מענטש, וואָס מאַכט קיינמאָל נישט קיין פּשרה מיט אומיושרדיקע זאַכן, האָט ער געקעמפט מיט אַ פעסטער אַנטשלאָסנקייט קעגן דער סכנה, נישט קוקנדיק אויף זיין הויכער עלטער און אויף דער קראַנקהייט, וואָס האָט אים שטאַרק גע־פּלאָגט. זיינע לעצטע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען קעגן טיראַניע וואָס ער האָט זיין גאַנצן לעבן באַקעמפט, געפינט מען אין זיין בריוו צו לענינען און אין דעם „אויפרוף צו די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער". אין דעם בריוו צו לענינען פּראָטעסטירט ער מיט דעם גאַנצן געפיל פון זיין מענטשלעכקייט קעגן דעם גרויזאַמען מעטאָד פון נעמען לעבעדיקע משכנות (צום ביישפּיל, אַרעסטירן פרויען, עלטערן און אַנדערע נאָענטע קרובים פון די, וואָס מען איז חושד אין פּאָליטישער קעגנערשאַפט). דעם אויפרוף צו די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער האָט ער געשריבן עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט און האָט עס מיטגעגעבן דער ענגלישער אַרבעטער־פירערין, מיס באָנפילד, בעת זי האָט באַזוכט רוסלאַנד. יענער אויפרוף איז שוין היינט כמעט פאַרגעסן, אָבער ער ווייזט אונדז שטענדיק ווידער און ווידער, ווי קלאָר קראָפּאָטקין האָט נאָך דעמאָלט פאָראויסגעזען די אַנטוויקלונג. דער מאַן, וואָס די טיפע מענטשלעכקייט זיינע האָט מען אין מאַנכע קרייזן געהאַלטן פאַר אַ נאַאיוון געפיל־פּלאָנטער פון אַן אומפּראַקטישן

בעל-חלומות, אַז דער מאַן האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג ווי די מערסטע אַזוינערופענע רעאַל-פּאָליטיקער, וואָס האָבן דעמאָלט נישט געזען הינטער די ביימער דעם וואַלד.

עטלעכע מאָנאַטן נאָך זיין טויט האָט אונדז באַזוכט אין בערלין קראָפּאָטקינס טאָכטער, סאַשא, און האָט מיטגעבראַכט אַלס דעם לעצטן אָנדענק אַ בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּריינט אויף זיין טויטן-בעט, און אַ קליינעם צווייגל פון אַ קראַנץ וואָס איז אויף זיין קבר אַרויפגעלייגט געוואָרן. איך האָב זיי מיט טרייקייט אָפּגעהיט. זיי זענען פון די זייער ווייניקע זאַכן, וואָס איך האָב פון דייטשלאַנד געראַטעוועט.

פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט אויסגעקעמפט און אויסגעליטן ביזן סוף. אַפילו אין טויט ווייזט אַרויס אָט דער איידעלער פּנים די גאַנצע מענטשן-פריינטלעכקייט פון זיין גרויסער נשמה. אַ מאַן איז אַוועק אין יענער גרויסער וועלט פון די פאַרגאַנגענע דורות, אַ מאַן וואָס די וועלט האָט אַזעלכן נישט זייער אָפּט געזען*).

---

*) געווען געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון ניו יאָרק, און איז מאַי פון 1941 אין „דאָס פרייע וואָרט", פון בוענאָס איירעס.

ש. יאַנאָווסקי

# קראַפּאָטקין, ווי איך האָב אים געקאָנט

באקאנט האָב איך זיך מיט קראָפּאָטקינען אינעם קלוב אויף דער בערנער־גאס. איך דערמאָן מיך זיין רעדע, אזא איינפאכע און קלאָרע, אז יעדער איינער האָט זי געקאָנט פארשטיין. כ׳דערמאָן זיך זיינע וויצן און זיין ליבלעכן און שטענדיק שטראַלענדיקן שמייכל, מיט וועלכן ער פלעגט ענטפערן אויף די פראגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט. מיט דעם אלעמען האָט ער אויף מיר געמאכט א טיפן, אומפארגעסלעכן איינדרוק. נאָר דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט אזא פאַל: קראָפּאָטקין באגלייט פון עטלעכע חברים, האָט פארלאָזט דעם קלוב, און מיטאמאָל איז ער ארומגערינגלט געוואָרן פון א גרופּע קינדער פון דער בערנער־גאס. כ׳ווייס נישט, וואָס זיי האָט צוגעצויגן צו אים: צי זיין באָרד, צי דער ברייטער, אָפּגעריבענער קאפעליוש, וואָס ער האָט דעמאָלט גע־טראָגן, אָבער דער פאקט איז דער, אַז זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. אין דער דאָ־זיקער מינוט, האָב איך באמת דערזען פאר זיך א לעבעדיקן זיידן־פראָסט פון ווייַנאכט, שטיין אין א קרייז פון אָרימע קינדער, וועלכער אויפן אָרט פון מתנות, שענקט ער זיי די ליבע, וואָס שטראַלט פון זיינע אויגן.

כ׳וועל דאָס דאָזיקע בילד קיינמאָל נישט פארגעסן, ווי איך וועל אויך נישט פארגעסן דעם אויסדרוק פון גליק, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די אויס־געמאגערטע פּנימלעך פון די קינדער, וועמעס קעפּלעך ער האָט געגלעט, אָדער געדריקט זייערע הענטעלעך געזעגנענדיק זיך מיט זיי.

מען זאָגט — איך ווייס נישט אויף וויפל דאָס איז ריכטיק — אז קינדער פּאַרמאָגן א בעסערן אינסטינקט אויף צו דערפילן די מענטשלעכע נשמה, ווי דערוואקסענע; אין דעם פאַל האָט דער אינסטינקט זיי נישט אָפּגענארט, — זיי האָבן געטראָפן ריכטיק, ווייל קראָפּאָטקינס הארץ איז געווען פול מיט ליב־שאפט צו אלע לעבעדיקע, פארפאָלגטע און אונטערדריקטע. דאָס איז אמת, ער האָט נישט געקאָנט אָנקוקן שפּיאָנען, פאררעטער און רכילותניקעס; צו אזא סאָרט מענטשן האָט ער געפילט א פיזישן עקל — ער האָט פשוט נישט געקאָנט אָטעמען אין איין אטמאָספערע מיט זיי.

איך דערמאָן זיך אזא פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אויך אויף דער בערנער־גאס. ווען נאָך א מיטרייסנדיקער רעדע האָט מען אָנגעהויבן שטעלן פראגן, איז

קראָפּאָטקין, לויט דער פראַגע פון איינעם פון די אַנוועזנדיקע, געווען פּאָלקאָם איבערצייגט, אַז דער פראַגע־שטעלער איז א שפּיאָן, כאָטש קיין דירעקטע באַווייזן דערצו האָט ער נישט געהאַט. אָבער שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז קראָפּאָטקין האָט געהאַט רעכט. איך געדענק קלאָר דעם אויסזען פון קראָפּאָטקינס פּנים, ווען דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט זיך שפּעטער טאַקע ארויסגעוויזן אלס שפּיאָן, האָט געגומען שטעלן פראַגן: זיין לויטער פּנים איז פּלוצים געוואָרן כמורנע, דערנאָך בלאַס און רויט. אלעמען האָט ער געענטפערט, נאָר דעם שפּיאָן נישט. און תיכף, ווי ער האָט פארענדיקט מיט די פראַגן, האָט ער פאַרלאָזט דעם זאַל, מיך בעטנדיק איך זאָל מיטגיין מיט אים.

אַזוי פּלוצים אַוועקגיין, איז געווען קעגן זיין טבע: געוויינלעך פּלעגט ער פאַרבלייבן א שטיקל צייט אין סאַלאָן און שמועסן מיט די חברים. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט געענטפערט אויף די פראַגן פון איינעם פון די צוהערער? ער האָט געענטפערט: „איך קאָן קיין איין מינוט נישט פאַרבלייבן אונטער איין דאַך מיט א שפּיאָן, און מיט פאַררעטער דיסקוטירט מען נישט". מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, געזאָרגט דערפאַר, אַז די דאָזיקע פּערזאָן זאָל מער אין קלוב נישט קומען.

און אָט איז א צווייטער פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק.

קראָפּאָטקין האָט זיין גאַנץ לעבן אויסגעמיטן באַגעגענישן מיט רעפּאָרטערס. ער האָט, פאַרשטענדלעך, דאָס געטאָן נישט דערפאַר, וואָס ער האָט פיינט געהאַט דעם דאָזיקן סאָרט מענטשן, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט פיינט געהאַט צו זיין דער אָביעקט פון צייטונגס־סענסאַציעס. אין דעם פאַל דערמאָן איך זיך מיט ליבשאַפט און אכטונג אין זיין פרוי, סאָפיא גריגאָריעוונא, וועלכע פלעגט אים מיט אלע כוחות אָפּהיטן פון די רעפּאָרטערס. זי איז, אין פולן זין פונעם וואָרט, געווען זיין שומר, און קיינמאָל אפילו אויף דער שוועל נישט ארויפגעלאָזט קיין צייטונגס-רעפּאָרטער, כאָטש איר איז דאָס אָפט געווען פריקרע און שווער צו טאָן.

ווען קראָפּאָטקין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צופאָרן קיין אמעריקע אויף צו געבן א רייע לעקציעס, האָב איך זיך דורכגערעדט מיטן פאַרשטאָרבענעם דזשאָן עדעלמאַן (1) וועגן דעם, ווי וויכטיק עס וואָלט געווען פאַרן דערפאָלג פון דער ערשטער לעקציע, אַז די צייטונגען זאָלן עפּעס זאָגן וועגן אים. אָבער פריער האָט מען געמוזט פּועלן ביי קראָפּאָטקינען, ער זאָל מסכים זיין אויפצונעמען עטלעכע רעפּאָרטערס. עדעלמאַן האָט דאָס גענומען אויף זיך. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער מיסיע, ווייל איך האָב נישט געגלייבט, אַז מיר וועט געלינגען צו איבערצייגן קראָפּאָטקינען. אָבער עדעלמאַן האָט דאָס מאָל געהאַט דערפאָלג. די רעפּאָרטערס זיינען געקומען צו דער באַשטימטער צייט,

(1) ידזשאן עדעלמאן, ארכיטעקטאר פון פאך, א באוואוסטער ענגלישער אנארכיסט; ער האט רעדאקטירט די צייטונג "Solidarity" (סאלידאריטעט). געשטארבן מיט א 40 יאר צוריק.



פּ. א. קראָפּאָטקין אין דער אוניפאָרם פון א קאַמער־פּאַזש
אין יאַנואר 1861

און קראָפּאָטקין האָט מיט זיי געשמועסט איבער א שעה צייט. נאָך דעם דאָזיקן שמועס מיט די רעפּאָרטערס בין איך אריינגעגאנגען צו קראָפּאָטקינען און ער האָט מיר געזאָגט מיט גרויס שמחה, אז ער האָט געהאט א אינטערוויו מיט די רעפּאָרטערס, און אז זיי זיינען וואוילע מענטשן — גאָר נישט אזעלכע, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אָבער זיין פרייד איז נישט געווען אויף לאנג. אינעם זעלבן טאָג איז אין „איווינינג זשורנאל" דערשינען א קאָרעספּאָנדענץ אין וועלכער ס'האָט זיך געזאָגט, אז פירשט קראָפּאָטקין איז ארומגעלאָפן אין גאַס און אויסגעבעטן א סיגארעט. איך האָב געלאַכט, נאָר איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען קראָפּאָטקינען אזוי שרעקלעך בייז און אויפגערעגט.

— „ווי אזוי קאָן א מענטש זיין אזא ליגנער?!"

דאָס האָט אזוי געווירקט אויף קראָפּאָטקינען, אז ער איז צוזאמען מיט עדעלמאנען אוועק אין רעדאקציע פון „איווינינג זשורנאל" מיט א פּראָטעסט. ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס אויף מאָרגן האָט די צייטונג, מיט קליינעם שריפט, ערגעץ אין א ווינקל אָפּגעדרוקט אן הכחשה צו דער דאָזיקער אידיאָטי־שער געשיכטע.

ווען קראָפּאָטקין האָט צום צווייטן מאָל באזוכט ניו יאָרק, האָט דער פאר־שטאָרבענער דאניעל דע־ליאָן (2), אָנגעשריבן א העצעריש ארטיקל, אין וועלכן ער האָט געגאָסן פעך און שוועבל אויף קראָפּאָטקינען און דערקלערט, אז קראָ־פּאָטקין און דער פּראָפעסאָר איראָן (3) זיינען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי לאָקייען פון דעם קאפּיטאל. טאַקע אין דעם זעלבן אָוונט, ווען ס'איז דער־שינען דע־ליאָנס ארטיקל, האָט מען געגעבן א קליינעם באנקעט לכבוד קראָפּאָט־קינען אין א קליינעם סאלאָן אויף הענרי־סטריט. צווישן די געסט איז אויך געווען יעקב גאָרדין, וועלכער האָט געפילט צו קראָפּאָטקינען די גרעסטע אכטונג. אין זיין רעדע האָט גאָרדין דערמאָנט דאָס שמוציקע ארטיקל אין דער צייטונג „די פעפל". גאָרדין האָט נאָך נישט געהאט פארענדיקט די פראזע, ווען קראָ־פּאָטקין האָט אויפגעציטערט מיטן גאנצן קערפּער (איך בין געזעסן לעבן אים און בוכשטעבלעך געפילט דעם ציטער פון זיין לייב), ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און אים נישט געלאָזט ווייטער ריידן, — ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, און האָט נישט געוואָלט, אז דער דאָזיקער שמוץ זאָל דערמאָנט ווערן צווישן אנ־שטענדיקע מענטשן.

איך האָב שוין דערמאָנט, וויאזוי קראָפּאָטקין האָט שטארק נישט ליב־געהאט צו זיין דער אָביעקט פון צייטונגס־סענסאציעס, און איך גלויב, אז דאָס האָט געשטאַמט פון זיין גרויסער, נאטירלעכער באשיידנקייט. ווען ער איז צום צווייטן

---

(2) דאניעל דע־ליאָן, רעדאקטאָר פון דער צייטונג „פעפל", מיטגליד פון דער אמערי־קאנער סאציאליסטישער ארבעטער פארטיי, און איינער פון די פירער פון דער אינדוסטריע־לער ארבעטער ארגאניזאציע.

(3) פּראָפעסאָר איראָן, א באוואוסטער אמעריקאנער סאציאליסט. גרינדער פון דער באַ־קאנטער ניו־יאָרק „רענד סקול". ער איז געווען דער פאָרזיצער אויף קראָפּאָטקינס לעקציעס.

מאָל געווען אין ניו יאָרק, האָט די גרופּע „פרייע ארבעטער שטימע" באשלאָסן, צו מאכן עטלעכע הונדערט פון זיינע בילדער, אלס ביילאגע צו דער צייטונג. ערשטנס, האָבן מיר דאָס באטראכט אלס פּראָפּאגאנדע, און, צווייטנס, האָבן מיר געוואָלט פארדינען עטלעכע דאָלאר פאר דער צייטונג, און וועלכע זי האָט זיך שטאַרק גענויטיקט. איך ווייס נישט, ווי אזוי קראָפּאָטקין האָט זיך דערפון דערוואוסט, נאָר ער האָט דאָס אונדז קאטעגאריש פארבאָטן צו טאָן — ער האָט נישט געוואָלט, אז מען זאָל פון אים מאכן א הייליקן. ווען ער האָט מיר צוגע־שיקט זיין בוך „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער", ווי ער פּלעגט דאָס טאָן מיט יעדן בוך, אָדער בראָשור, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער מיר געשריבן אין א בריוו, אז ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאכן מיטן ארויסגעבער, וועלכער האָט געפּאָדערט, אז צום בוך זאָל צוגעלייגט ווערן זיין פּאָרטרעט, אָן וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ארויסצוגעבן די מעמוארן.

איינמאָל, אויף א קליינעם באנקעט, האָב איך געהאלטן א רעדע, אין וועל־כער איך האָב אָנגעמערקט דאָס נייע, וואָס קראָפּאָטקין האָט ארייננגעבראַכט אינעם אנארכיזם. אין דער דאָזיקער רעדע, האָב איך זיך ארויסגעכאפּט מיטן וואָרט „פירשט". אין דער זעלבער רגע, האָב איך דערפילט, ווי עמיצער ציט מיך פאר דער פּאָלע, נאָר איך האָב דעם נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט, און געזאָגט, וואָס איך האָב געוואָלט.

— „נו, נאָכוואָס האָט מען דאָס באַדאַרפט?" — האָט קראָפּאָטקין מיך געפרעגט נאָך דער רעדע.

— „וואָס?"

— „נו, אָט דעם דאָזיקן „פירשט"... — איז דען פאר אייך נישט גענוג, וואָס איך בין פּשוט פּיאָטר קראָפּאָטקין?

— „אָבער דאָס האָט דאָך, אָן און פאר זיך, א גרויסע פּראָפּאגאַדע-באדיי־טונג — האָב איך אים געגעבן צו פארשטיין. א פירשט, און מיטן אייגענעם ווילן"...

קראָפּאָטקין האָט מיך ווייטער נישט געלאָזט ריידן.

— „טוט עס מיר נישט. אויב מיין לעבן רעדט נישט פאר זיך זעלבסט, זיינען די דאָזיקע שמועסן איבעריק"...

ווען איך האָב באדארפט אוועקפאָרן פון לאָנדאָן קיין אמעריקע, בין איך געגאנגען זיך געזעגענען מיט קראָפּאָטקינען, נאָר, חוץ דעם, האָב איך געהאַט נאָך א ציל. איך האָב אים געגעבן צו פארשטיין, אז איך וויל, אז ער זאָל מיר אוועקגעבן דעם גאנצן אָוונט. ער האָט מיר תיכף געענטפערט, אז ער וועט דאָס טאָן מיט פארגעניגן, ווייל ער האָט אליין אויך געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט מיר. ער האָט הפּנים געוואָלט אויף מיר ווירקן, אז איך זאָל פארבלייבן אין לאָנ־דאָן. ארייַנקומענדיק צו אים, האָב איך ביי אים געטראָפן א רוסישן גענעראל (אזעלכע הערן פּלעגן צו אים שטענדיק קומען אין אָוונט, און בגנבה), וועלכער

איז אוועקגעגאנגען באלד נאָך וועטשערע. מיר זיינען אריינגעגאנגען אין זיין קאבינעט, און געשמועסט ביז שפּעט ביינאכט.

קודם כל, האָט ער ביי מיר געוואָלט פּועלן, אז איך זאָל פארבלייבן אין לאָנדאָן. נאָר איך האָב אים איבערצייגט, אז דאָס איז נישט מעגלעך, און אז אין אמעריקע וועל איך קאָנען ברענגען א סך מער נוצן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אז אין אייראָפּע האָט געהערשט די מיינונג, אז אויב איינער פון אונדזער באוועגונג איז אוועקגעפאָרן פון אייראָפּע קיין אמעריקע, איז ער שוין געווען פארלוירן פאר דער באוועגונג. ער ווערט דאָרט אן „אָלרייטניק" און אוים מיט אַלע אידעאַליסטישע שטרעבונגען. קראָפּאָטקין האָט וועגן מיר אזוי נישט געדענקט, איך זאָג עס מיט גרוים שטאָלץ. און מיר שיינט, אז איך האָב בארעכטיקט קראָפּאָטקינס מיינונג וועגן מיר.

ווען מיר האָבן פארענדיקט מיט דער דאָזיקער פראגע, האָב איך אים דערקלערט דעם ציל פון מיין קומען צו אים און פארוואָס איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל מיר אוועקגעבן דעם גאנצן אָוונט.

— איך פאָר רעדאקטירן די „פרייע ארבעטער שטימע" — האָב איך געזאָגט קראָפּאָטקינען — און איך וויל גלייך פון דעם ערשטן נומער ארויסטרעטן מיט א רייע ארטיקלען וועגן אייך, און וועגן אייער לעבנס־געשיכטע.

— פריינט, באפרייט מיך דערפון, האָט קראָפּאָטקין געבעטן. איך קאָן וועגן זיך נישט ריידן. און די געשיכטע פון מיין לעבן איז בכלל נישט אינטערעסאנט... אויב איר ווילט אויסהערן די געשיכטע פון אמתע העלדן, וועל איך אייך דערציילן וועגן אונדזערע פריינט מאלאטעסטא, קאפיערא, עליזע רעקליו, דזשעמס גיליאַם, שוויצגעבל און אנדערע.

און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַלע, וועגן די אַלע, וועמעס פּאָרטרעטן ער האָט אזוי מייסטערהאפט, און מיט אזויפיל ליבשאפט אָנגעצייכנט אין זיינע זכרונות. איך בין געזעסן ווי א פארכישופטער. איך האָב אַלעס פארשריבן און געטראכט צו געבן די פּאָרטרעטן פון די דאָזיקע מענטשן, און אויך די פּאָרטרעטן פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועגן וועלכע טשייקאָווסקי האָט מיר דערציילט, און וועמעס בילדלעך ער האָט מיר דערנאָך צוגעשיקט. אָבער רעדאקטאָר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע" בין איך געוואָרן נישט תיכף נאָר ערשט אין א יאָר ארום, און די פארנאָטירונגען זיינען שוין נישט געווען געגנוג, ווייל א סך פון דעם, וואָס מען האָט מיר דערציילט האָב איך פארגעסן, און איך האָב דערום נישט דורכגעפירט די אָנגעצייכנטע ארבעט. נאָר נישט אין דעם, אייגנטלעך, גייט עס. דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס קראָפּאָטקין האָט נישט ליב געהאט צו ריידן וועגן זיך. אין זיינע „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער", ווי בראנדעס האָט ריכטיק באמערקט, האָט ער ווי ווייט־מעגלעך אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן.

נאָך עטלעכע שטריכן און קראָפּאָטקינס פּאָרטרעט, אלס מענטש, וועט זיין גענוג בולט פארן לייענער.

אין די אָפטע באגעגענישן מיט קראָפּאָטקינען, האָבן מיר נישט איין מאָל דיסקוטירט וועגן פארשידענע פראגן. איך בין נישט תמיד געווען איינשטימיק מיט אים, באזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון אונזער באקאנטשאפט, אָבער איך האָב ביי אים קיינמאָל נישט באמערקט קיין פאנאטישע עקשנות. ארויסזאָגנדיק זיין מיינונג, פלעגט ער מיט גרויס אויפמערקזאמקייט אויסהערן די מיינונג פון זיין קעגנער, זיך ארייַנטראכטנדיק אין זיינע ארגומענטן (און געטראכט האָט ער מערקווירדיק שנעל,) און אויב ער האָט זיך געזען אומגערעכט, האָט ער דאָס תיכף מודה געווען. איך געדענק, דאָס איז געווען א פרייטיק — דער טאָג פון מיינע באזוכן ביי אים — ער האָט פאר מיר איבערגעלייענט אן ארטיקל, וואָס ער האָט זיך געקליבן שיקן דער „לא רעוואָלט". אצינד געדענק איך שוין נישט וועגן וואָס עס האָט זיך גערעדט אינעם ארטיקל, כ'געדענק נאָר, אז זייענדיק איינשטימיק מיטן אלגעמיינעם געדאנק, האָב איך אָנגעוויזן אויף אייניקע סתירות אינעם ארטיקל. קראָפּאָטקין האָט געטראכט עטלעכע מינוט, און געזאָגט: „איר האָט רעכט", און ער האָט ארויסגעוואָרפן די סתירותדיקע שטעלן, אויף וועלכע איך האָב אים אָנגעוויזן.

:: :: ::

אין די ערשטע יאָרן פון אונזער באקאנטשאפט, ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, זיינען געווע א סך פראגן, בנוגע וועלכע אונדזערע מיינונגען זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען. איינע פון די דאָזיקע פראגן איז געווען — די פראָפּאגאנדע דורך טאַט.

אין דער צייט, ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן, בין איך דורכאויס געווען פאר דער פראָפּאגאנדע דורך מעשים: איך, ווי א סך אנדערע בין געווען א תלמיד פון יאָהאן מאָסט (4). ס'האָט זיך פונקט געטראָפן, אז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים אויפמערקזאם געמאכט אויף מאָסטס ארטיקל, וואָס איז געווען געצילט קעגן אלקסאנדער בערקמאנס טעראָריסטישן אקט (5) אויף פריקן בעת דעם האמסטעדער שטרייק. מאסט האָט אין זיינע ארטיקלען אָנגערופן בעקערמאנען "Enfant terrible" (דאָס שרעקלעך קינד). קראָפּאָטקין איז תיכף ארויסגעטראָטן אין דער „רעוואָלט", מיט א שארפן ענטפער, און איך בין געווען דורכאויס איינשטימיק מיטן ענטפער — נאָר שפּעטער, נאָך דער באָמבע אין טעאטער ליסעאָ אין בארצעלאָנע, און נאָך ראוואשאָלס אקט

(4) יאָהאן מאסט, א באוואוסטער דייטשער אנארכיסט, וועלכער האט עמיגרירט קיין אמעריקע, וואו ער האט ארויסגעגעבן די צייטונג „פרייהייט". ער האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון דער אנארכיסטישער און ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע. רודאלף ראקער האט אנגעשריבן זיין ביאגראפיע.

(5) אלעקסאנדער בערקמאן, א באוואוסטער אנארכיסט, געקומען פון רוסלאנד. ער האט געמאכט אן אטענטאט אויפן פאבריקאנט פריק בעתן שטרייק פון די ארבעטער אין האמסטעד. מען האט אים פארמשפט אויף 22 יאר טורמע. נאר מען האט אים באפרייט פאר דער צייט. אין 1919 האט מען אים ארויסגעשיקט פון אמעריקע קיין רוסלאנד, פונוואנען אויך די „קאמוניסטישע" דיקטאטור האט אים ארויסגעשיקט.

האָב איך איינגעזעען, אז דאָס איז א שלעכטע און געפערלעכע טאַקטיק, און איך בין אָפן ארויסגעטראָטן קעגן איר. קראָפּאָטקין איז בשום אופן נישט געווען איינשטימיק מיט מיין שטעלונג. און איינמאָל, אויף א פארזאמלונג, וואו מיר האָבן ביידע גערעדט — איך דער ערשטער, און ער דער צווייטער — האָט קראָפּאָטקין, זייענדיק אין כעס אויף מיר פאר מיין שטעלונג צו דער דאָזיקער פראגע, געזאָגט מיט היץ: — „די יעניקע, וועלכע פילן זיך אלט און זיינען פּחדנים, וואָלטן בעסער געטאָן, זיי זאָלן אינגאנצן אוועקגיין און לאָזן דער קעמפנדיקער, און פאַראויסגייענדיקער יוגנט גיין מיט איר אייגענעם רעוואָלוציאָנערן וועג". ער איז בכלל געווען קעגן דעם, אז מען זאָל פארדאמען אזעלכע טעראָריסטישע אקטן.

לויט זיין מיינונג, איז קיין איין טעראָריסטישער אקט נישט געווען די ארבעט פון איין מענטשן, נאָר אז הינטער יעדער האנדלונג איז מסתמא פאראן א גאנצע גרופּע מענטשן, און מיר קאָנען דערום קיינמאָל נישט זאָגן, אז די דאָזיקע מענטשן, וועלכע שטייען אינעם צענטער פון דער שלאכט, ווייסן נישט, וואָס זיי טוען.

א רעוואָלוציאָנער איז ער פארבליבן זיין גאַנץ לעבן, נאָר איך מוז זאָגן, אז איידער איך האָב פארלאָזט לאָנדאָן, האָט ער מיר געזאָגט, אז די פּראָפּאגאנדע דורך טאַט, קאָן נישט אָנגענומען ווערן אלס אנארכיסטישע טאַקטיק. ס'וואָלט געווען זייער נוצלעך צו באלויכטן די דאָזיקע פראגע, נאָר דאָס גייט נישט אריין אין דער אויפגאבע פון מיין ארטיקל. מיט דער דאָזיקער דערציילונג וויל איך נאָר ווייזן, וואָסארא רעוואָלוציאָנערער כאראקטער קראָפּאָטקין איז געווען. — מער פון אלץ, האָט ער פיינט געהאַט רעוואָלוציאָנערע פראזן.

קראָפּאָטקין איז געווען א אינטערנאציאָנאַליסט אינעם בעסטן זין פונעם וואָרט, און פונדעסטוועגן האָט זיין ליבשאפט צו רוסלאנד נישט געהאַט קיין גרענעץ. ער פלעגט מיט מיר זעלטן ריידן דערפון. ער פלעגט זעלטן־זעלטן ריידן פון רוסלאנד און פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך געדענק אויף איין לעקציע, האָט קראָפּאָטקין ארויסגעזאָגט די מיינונג, אז לעבן אין ענגלאנד און ארבעטן פאר דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, לעבן און אָטעמען מיט די רוסישע אינטערעסן — איז א ווייניק־נוצלעכע באשעפטיקונג. יעדער שפּאַן פאָראויס, וואָס מיר מאכן אין אייראָפּע, דארף און וועט האָבן א גרויסע באדייטונג אויך אין רוסלאנד. און דאָך איז זיין ליבשאפט צו רוסלאנד און צום רוסישן פאָלק געווען א פייערדיקע און אויפריכטיקע, און טאָקע דערפאר, מן הסתם, האָט ער אזוי ווייניק גערעדט דערפון. איינע פון זיינע בריוו צו מיר האָט ער פארענדיקט מיט די ווערטער: „איך בין איבערצייגט, אז מיטן אָנהויב פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט איר אויפגעלעבט, ווי דאָס איז אויך געשען מיט מיר. איך לעב!"

:: :: ::

קראָפּאָטקינען קומט פון מיר א חוב — איך האָב געזינדיקט קעגן אים.

דאָס איז געווען אין יאָר 1914, ווען קראָפּאָטקין איז מיט אזא באגייסטערונג ארויסגעטראָטן פאר דער מלחמה. איך האָב אים פאָרגעוואָרפן, וואָס ער, א דאנק זיין מלחמה-פיבער, האָט פארגעסן זיינע איבערצייגונגען. נישט־קוקנדיק דערויף, האָט ער, פונדעסטוועגן, צוגעשיקט צוויי־דרייארטיקלען, וועלכע איך האָב פאר־עפנטלעכט. נאָר איין ארטיקל, אין וועלכן קראָפּאָטקין האָט אויפגעוויזן, אז ער האָט זיינע איבערצייגונגען נישט פאראטן, האָב איך נישט פארעפנטלעכט. כ'געדענק נישט גענוי פארוואָס איך האָב דאָס געטאָן — אפשר דערפאר, ווייל איך בין געווען צופיל אויפגערעגט, און אפשר דערפאר, ווייל עס האָט מיר אויסגעזען וויניק־איבערצייגנדיק... פון דעמאָלט אָן זיינען שוין אוועק 16 יאָר און אין דער צייט האָב איך א סך נאָכגעדענקט וועגן קראָפּאָטקינס שטעלונג אין דער צייט פון דער מלחמה. איך האָב מיך דערמאָנט אין עטלעכע זאכן, וואָס זיינען מיר דעמאָלט נישט געקומען אויפן זינען. איך האָב זיך דערמאָנט, אז נאָכן אינטערנאציאָנאלן סאָציאליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל (אין יאָר 1891), אויף וועלכן איך בין געווען, האָט קראָפּאָטקין, ווען איך האָב אים דערציילט, אז דאָמעלא ניואווענהויז האָט ארייגעטראָגן א פאָרשלאָג וועגן א גענעראל־שטרייק, האָט ער מיר געזאָגט, אז די דייטשע סאָציאליסטן וועלן קיינמאָל נישט טאָן אזא זאך, און דערום איז פראָפּאגאנדירן דעם אלגעמיינעם שטרייק, (קעגן מלחמה), אָדער דעם אנטימיליטאריזם נאריש און געפערלעך, ווייל אויב די דאָזיקע פראָפּאגאנדע וועט האָבן דערפאָלג אין ענגלאנד און פראנקרייך, מיינט עס, זיך אינגאנצן איבערגעבן אין די הענט פון דעם פּרייסישן מיליטאריזם. דאָס איז געווען קראָפּאָטקינס שטענדיקע מיינונג. וואָס איז שייך די נאציאָנאליטעטן אין די מלחמות צווישן זיי, האָט ער מיר צוגעשיקט אן אויסשניט פון אן ארטיקל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם „ביולעטין פון דער יוראַ'ר פעדעראציע" אין 1877, אין שייכות מיטן אויפשטאַנד אין באָסניע און הערצעגאָווינע. דאָ איז דער אויסשניט:

„די פראגע, וועגן די נאציאָנאליטעטן, וועלכע מערב-אייראָפּע האָט באַטראכט שוין פאר אָפּגעלעבטע, איז דערשינען אין איר גאנצער גרויס אויפן נאָענטן מזרח. די סלאוויאנער פון דער אָטאמאנישער אימפּעריע וועלן מער נישט שטיצן די הערשאפט פון טערקיי. מעגן די עם־הארצים פון דעם „פאָר־ווערטס" (אָרגאַן פון די דייטשע סאָציאליסטן) דערקלערן דעם אויפשטאַנד אין באָסניע און הערצעגאָווינע, אלס די ארבעט פונעם רוסישן רובל. אנדערע מעגן אונדז אפילו דערווייזן, אז די הערשאפט פונעם רוסישן צאר, צי פון אן אנדער מושל, וואָלט נישט געווען בעסער פון דער טערקישער הערשאפט. און אלס ארגומענט, מעגן זיי אָנווייזן אויף דער שחיטה אין פוילן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן באפעל פון אלעקסאנדער דעם צווייטן אין 1863, און אויך אויף דער פאריזער שחיטה, וואָס די ווערסאלער רעגירונג האָט דורכגעפירט. און דאָך וואָלטן די אונטערדריקטע סלאווען זיך געוואָרפן אין

די אָרעמס פון דעם ערשטן, וועלכער וואָלט זיי געהאָלפן זיך באַפרייען פון דעם טערקישן יאָך.

„מען וועט זאָגן, אַז ס'האָט קיין זין שום זין נישט צו שטיצן דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר. מאַכן אַן אויפשטאַנד פאַר עטלעכע צענדליגג מאָרדן, און פאַר פאַרגוואַלדיקן פרויען אין מיטן העלן טאָג, — איז א משוגעת. ס'קאָן זיין. אָבער ס'איז א פאַקט. גייט ענדערט די מענטשלעכע נאַטור!

„די מזרח־פּראָבלעם איז קודם כּל — א פּראָבלעם פון דער טערקישער הערשאַפט איבער די נאַציאָנאַליטעטן. פאַר אונדז סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן עקזיסטירט נישט אַזאַ פּראָבלעם. מיר ווייסן, אַז ווען מען וועט אַראָפּוואַרפן דעם טערקישן יאָך און די סלאַוון וועלן פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם אידעאַל פון א פעדעראַטיווער רעפּובליק, וועלן די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון די פּויערים נישט ווערן בעסער. די יונגע, וואַקסנדיקע מלוכה וועט באַלד אויפן צווייטן טאָג זיי באַלייגן מיט שטייערן. ס'וועט זיך תיכף אָנהויבן די שנעלע אַנטוויקלונג פון דעם בורזשואַזן קלאַס, און די אַרבעטער און פּויערים וועלן מוזן אָנהויבן א קאַמף מיטן קאַפּיטאַל. נאָר מיר דענקען, אַז דער דאָזיקער סאָציאַלער קאַמף קאָן זיך אָנהויבן נאָר דעמאָלט, ווען די פּויערים און די בורזשואַזיע וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן פּנים אל פּנים, און ווען זייער אויפמערקזאַמקייט וועט מער נישט זיין קאָנצענטרירט אויפן געמיינשאַפטלעכן שונא — אויפן פרעמדן אונטערדריקער. אָבער אַזוי לאַנג, ווי דער פּויער און גוטבאַזיצער, דער אַרבעטער און דער אַרבעטסגעבער, דער אונטערדריקער און אונטערדריקטער מוזן, פון צייט־צו־צייט, צוזאַמען זיך אויפהויבן קעגן זייער געמיינזאַמען שונא — דעם פרעמדן אונטערדריקער, וועט נישט זיין מעגלעך קיין סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

„מיר מיינען, דערום, אַז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען קאָנען נישט באַטראַכט ווערן אַלס פאַרעלטערטע. אַזוי לאַנג ווי די סלאַוון, פּאָליאַקן, ליטווינער, פינלענדער, טשערקעסן, א.א.וו., וועלן נישט באַפרייט ווערן פון דעם טערקישן, דייטשן און רוסישן יאָך, און וועלן זיך נישט אויספורמען אין אייגענע, אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וועט די אָפּגעלעבטע אייראָפּע נאָך האָבן גענוג מלחמות. און דערום דענקען מיר, אַז בלויז נאָכדעם, ווי זיי וועלן ווערן אומאָפּהענגיק, וועלן די דאָזיקע לענדער ווערן א מער פרוכטבארער באָדן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אידייען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע”.

### עמאַ גאָלדמאַן

# פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקין

צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט קראָפּאָטקינען אין 1895 און שפּעטער ווידער אַמאָל אין 1899. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין ענגלאַנד דריי חדשים און דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט אָפטער צו זען קראָפּאָטקינען. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין אַ קליינינקן קאָטעדזש אין בראָמלעי, אינעם גראַפטום קענט. באַטש קראָפּאָטקין האָט זיך געפונען אין שלעכטע מאַטעריעלע אומשטענדן איז זיין הויז, פונדעסטוועגן, שטענדיק געווען אָפן. אָט איז איינע פון די טשיקאַווע געשיכטעס וועגן זיין גאַסטפריינטלעכקייט: קראָפּאָטקינס פרוי איז געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן מיטאָג פאַר איר קליינער פאַמיליע פון דריי מענטשן. אומגעריכט זיינען אָנגעקומען געסט און קראָפּאָטקין איז אַריינגעלאָפן אין קיך זאָגנדיק: „סאָניאַ, גיס צו אַ ביסל וואַסער צו דער זופּ”. אַזעלכע אָפּעראַציעס פלעגן זיין גאַנץ אָפט, און ווען דער מיטאָג פלעגט זיין פאַרטיק, פלעגן אויפן אָרט פון דריי זיך אָנעסן זעקס־זיבן מענטשן. קראָפּאָטקינס גוטסקייט איז געווען איינער פון אַ סך באַצויבערנדיקע שטריכן פון זיין כאַראַקטער. ער האָט פאַרמאָגט די זעלטענע באַגאַבטקייט צו צווינגען אַפילו אומבאַקאַנטע זיך צו פילן אין זיין אָנוועזנהייט, ווי ביי זיך אינדערהיים. ער איז שטענדיק געווען מיטפילנדיק פאַראינטערעסירט מיטן פּערזענלעכן לעבן און קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון אַלע מענטשן, וואָס פלעגן אים באַזוכן. איינמאָל, אין דער צייט פון די אומרואיקע טעג פון דער מלחמה מיט די בויערן *) האָב איך גערעדט אויף אַן אָפענעם מיטינג אין לאָנדאָן. קראָפּאָטקין האָט זיך געבייזערט אויף זיינע פריינט, וועלכע האָבן איינגעאָרדנט דעם מיטינג און מיך אַרויסגעשטעלט, ווי ער האָט געמיינט, צו דער סכנה צו ווערן אַטאַקירט פון די דזשינגאָס — מלחמה־אָנהענגער. נאָר ווען דער מיטינג האָט זיך פאַרענדיקט בשלום, איז קראָפּאָטקין געווען שטאַרק צופרידן און גערעדט מיט התפּעלות וועגן דער שטעלונג, וואָס איך האָב אָנגענומען.

---

*) די מלחמה מיט די בויערן האָט ענגלאַנד געפירט אין 1899־1900. דריי דרום־אַפריקאַנער רעפּובליקן, די גרעסטע פון וועלכע איז טראַנסוואַל, וואָס עס האָבן געגרינדעט אין 1852 האָלענדישע עמיגראַנטן (בויערן — פּויערן), זיינען נאָך אַ העלדישן קאַמף פון קיינעם נישט געשטיצט, באַזיגט און אַנעקסירט געוואָרן פון ענגלאַנד און איצט איז זי אַ ענגלישע דאָמיניע, ווי קאַנאַדע, אויסטראַליע א. א.

אין 1907, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין די פּאַרייניקטע שטאַטן פון אַמסטערדאַם, וואו כ'בין געווען אויפן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס *), האָב איך באַגעגנט קראָפּאָטקינען אין פּאַריז. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט קראָפּאָטקינען, ווען מען מ'האָט געהאַט אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך, דערלויבט צו באַזוכן דאָס לאַנד. זיין ליבשאַפט צו פראַנקרייך איז געווען זייער אַ טיפע. אָט־די ליבשאַפט איז געווען די הויפּט־סיבה, וואָס האָט באַוואויגן קראָפּאָטקינען צו פאַרטיידיקן די אַלוועלטלעכע מלחמה, — אַ שריט, וואָס איז געווען שטאַרק שעדלעך פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און וואָס האָט דערווייטערט פון קראָפּאָטקינען אַ סך חברים און אַלטע פריינט. זייענדיק אין פּאַריז אין 1907, האָב איך זיך אָפט געזען מיט קראָפּאָטקינען, און מיט זיין פאַמיליע, און שפּעטער, ווען איך בין געפאָרן צוריק קיין ניו יאָרק, האָב איך אים אויך געזען אין לאָנדאָן.

מיינע לעצטע באַזוכן ביי די קראָפּאָטקינס האָב איך געמאַכט אין יולי 1921 אין רוסלאַנד. נאָכדעם האָב איך געזען קראָפּאָטקינען דעם אַכטן פעברואַר אויף זיין טויטן־בעט.

פּיאָטר קראָפּאָטקין איז געווען אַ גרויסער מענטש אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב, — אַלס וויסנשאַפטסמאַן, אַלס פילאָזאָף און סאָציאָלאָג, אַלס ליטעראַט און אַלס אומדערמידלעכער רעוואָלוציאָנער. אַלס מענטש, האָט ער פאַרמאָגט זעלטענע פּערזענלעכע מעלות, ער איז געווען פול מיט גוטסקייט און צויבער, וואָס האָבן געפאַנגען פריינט און שונאים, און אפשר, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי זיין גרויסע ערודיציע און אויסגעצייכנטע דערצויגנקייט. מען זאָגט, אַז דער מענטש, וואָס האָט ניט קיין שונאים, האָט גאָרניט קיין ווערט. אָבער צו קראָפּאָטקינען איז דאָס ניט אָנווענדבאַר. ער האָט נישט געהאַט קיין שונאים חוץ, פאַרשטענדלעך, די געבוירענע רכילותניקעס, נאָר אפילו זיי, אַ דאַנק זיינע זעלטענע מעלות, האָבן נישט געקאָנט אים נישט אַכטן.

דער גרויסער, פעסטער גלויבן אין די מאַסן, אין זייער פעאיקייט צו בויען דאָס נייע לעבן, איז געווען קראָפּאָטקינס העלער שטריך. ער האָט מיט גרויס אַכטונג זיך באַצויגן צו אַרבעט, — ניט אין דער טעאָריע, נאָר אין דער ווירקלעכקייט. די דאָזיקע אַכטונג צו אַרבעט איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין זיין נאַטור און זיך אָרגאַניש צענויפגעוואַקסן מיט אים. צוזאַמען מיט דער אויפריכטיקייט פון זיינע צילן, איז דאָס אַלעס געווען זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך, אַלס מענטש. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט קראָפּאָטקינען, בין איך געווען דערשטוינט פון אָט־די וואונדערבאַרע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

אין מיין ערשטן באַזוך, האָט קראָפּאָטקין מיר דערציילט, וועגן זיינע באַזוכן אין די קוילן־מינען און וועגן זיין שמועס מיט די קוילנגרעבער.

---

*) אויפן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט פון 1907, איז אויסגעקליבן געווארן די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט: מאַלאַטעסטאַ, רודאָלף ראָקער, אַלעקסאַנדער שאַפּירא (סעקרעטאַר), דזשאָן טורנער און ג. הילקוועט.

„טוט נאָר אַ טראַכט — האָט ער געזאָגט — איינפאַכע אַרבעטער, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שולע און קיינמאָל ניט געזען קיין לערנביכל, האָבן מער געוואוסט וועגן דער נאַטור און קוואַליטעט פון די קוילן און וועגן מעכאַניק, וואָס מאַכט זיי נוצלעך פאַר דער מענטשהייט, ווי איך, דער געלאַג, וואָס האָב אַזוי פיל ערן־טיטלען. און אָט זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס ריידן אַזוי גרינגשע־צנדיק וועגן די אַרבעטער און גלויבן ניט אין זייער פעאיקייט. אָבער איך האָב זיך שטאַרק געשעמט פאַר די קוילנגרעבער״.

קראָפּאָטקין האָט געגלויבט אין דער פאַראייניקונג פון דער פיזישער מיט דער גייסטיקער אַרבעט און זיין גלויבן פאַרווירקלעכט אין לעבן. ער האָט געאַרבעט ביים וואָרשטאַט, אַליין געמאַכט די ביכער־שראַנקען, דעם שרייב־טיש, די שטולן און ליב געהאַט צו אַרבעטן אין גאָרטן. ס׳איז קאָמיש צו זאָגן, — ער האָט בעסער שטאָל־צירט מיט זיין האַנט־אַרבעט, ווי מיט זיין גרויסן ביישטראָג צו דער וויסנשאַפט און צו דער אַנאַרכיסטישער פילאָזאָפיע. ער פלעגט שטענדיק גערן ווייזן די געסט זיין האַנט-אַרבעט און איז געווען גליקלעך, ווען מען האָט זי געלויבט. דאָס — איז די ליבע און אַכטונג צו דער אַרבעט, וואָס האָבן באַגייסטערט קראָפּאָטקינען אָנצו־שרייבן דעם בוך „פעלדער, פאַבריקן און וואַרקשטאַטן״.

קראָפּאָטקינס גלויבן אין די מאַסן און זיין אָנערקענען פאַר זיי שעפערישע פעאיקייטן האָט אים ניט פאַרלאָזט אַפילו אין די גאָר שווערע יאָרן פון דעם באָל־שעוויסטישן רעזשים. ער פלעגט מיר אָפט זאָגן:

„גלויבט נישט זייערע מעשיות, אַז מען האָט באַדאַרפט זייער גרויזאַמען טעראָר און דעספּאָטיזם אויף צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. ווען מען זאָל די מאַסן דערלויבן צו נעמען אַן אָנטייל און אָריענטירן די רעוואָלוציע, ווען מען זאָל זיי דערלויבן אָנווענדן זייער איניציאַטיווע און שעפערישקייט אין דער רעאָרגאַניזאַ־ציע פון רוסלאַנד, וואָלטן מיר איצט נישט געווען פאַרמשפט צו צעפאַלונג און טויט. דער באָלשעוויסטישער טעראָר און אונטערדריקונג זיינען געווען „אומפאַרמייד־לעך״ נאָר דערפאַר, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געהאַט די חוצפה צו פאַרכאַפּן די מאַכט איבער אַ באַפעלקערונג פון 150 מיליאָן נפשות. אָבער זיי זיינען און וועלן פאַרבלייבן אומפּראַקטיש אין דער שעפערישער אַרבעט. זיי זיינען פּאָליטיקאַנע־ אָן, אַלס אַזעלכע, זיינען זיי נאָר פאַראינטערעסירט אין באַפעסטיקן זייער פּאָלי־טישן שטאַט״.

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, זיכער, אַז קראָפּאָטקין האָט ניט אָפּגעלייקנט די הילף פון דער אינטעליגענץ און איר מיטאַרבעטערשאַפט מיטן פאָלק. פאַרקערט, ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר זייער וויכטיק, נאָר ער האָט, פונדעסטוועגן, געהאַלטן אַז די מאַסן דאַרפן אַליין זיין די בויער פון דעם מענטשנס נייַ הויז, און אַז זיי האָבן דערצו די פּאָטענציעלע מעגלעכקייט. ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז די זיכערקייט פון דער רעוואָלוציע ליגט ניט אין אַ טעראָר און גוואַלט, נאָר אין דער אַקטיווער פאַראינטערעסירטקייט פונעם פאָלק אין דער ווייטערדיקער אויסוויק־לונג. פון דער רעוואָלוציע. ער האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט-נויטיק תיכף אָנ־

הויבן פּראָדוצירן קליידער, שפּייז־פּראָדוקטן און בויען וואוינונגען פאַר דער באַ־פעלקערונג, און דאָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַ לעבנס־פראַגע, וועלכע ס'האָבן נים געקאָנט לייזן קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי, און אַז די פּאַרטייען וואָלטן אויך באַדאַרפט נעמען אָנטייל אין דעם, אָבער צוזאַמען מיט אַלע קולטורעלע כוחות פונעם לאַנד.

איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דער גרויסער אויפריכטיקייט פון קראָפּאָטקינס ציילן. אַלס ביישפּיל וועל איך ברענגען אַ אינטערעסאַנטע מאַניפעסטירונג פון דער דאָזיקער אויפריכטיקייט. אין 1896 ווען קראָפּאָטקין איז געקומען קיין ניו־יאָרק, האָט אַנדריו קאַרנעגי *) אים איינגעלאַדן צו זיך אין פּאַלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו. קראָפּאָטקין האָט צוריקגעוויזן די איינלאַדונג; אין זיין שריפטלעכן ענט־פער האָט ער אָנגעגעבן פאָלגנדיקע מאָטיוון: „דערפאַר, ווייל אַ דאַנק אייער מאַכט און אייער איינפלוס האָט מיין חבר אַלעקסאַנדער בערקמאַן*) באַקומען 22 יאָר טורמע פאַר אַן אַקט, וואָס ווערט אין די פאַרייניקטע שטאַטן באַשטראָפט מיט זיבן יאָר, מאַקסימום. איך קאָן ניט געניסן פון דער ,גאַסטפריינטלעכקייט פון אַ מענטשן וועלכער האָט געהאָלפן פאַרמשפּטן אַ צווייטן מענטשן אויף 22 יאָר טורמע".

אין 1901 האָבן קראָפּאָטקינען אַרומגערינגלט מיסיס פּאָטער פּאַלמער און אַנדערע אַריסטאָקראַטישע דאַמען; זיי האָבן לכבוד קראָפּאָטקינען אָרגאַניזירט אַ פּרישטיק, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 11טן נאָוועמבער — דער יאָרצייט פון די טשיקאַגער מאַרטירער, ווען די אַרבעטער מאַסן באַזוכן דעם וואַלדהיימער בית־עולם, וואו עס זיינען באַערדיקט די דערמאָרדעטע אַנאַרכיסטן. ווען מיסיס פּאַלמער האָט אים אָנגערופן „פּירשט", האָט קראָפּאָטקין באַמערקט מיט זיין געוויינ־לעכער העפלעכקייט, נאָר מיט אַ בייז פייערל אין זיינע בלויע אויגן:

„מאַדאַם, איר קאָנט אייך בלייבן מיטן „פּירשט", נאָר איך וועל גיין מיט די אַרבעטער אויסדריקן מיין טיפע אכטונג צו מיינע טויטע חברים: שפּיז, פּאַרסאָן און די אַנדערע."

זומער פון 1917 האָט קראָפּאָטקין נאָך פ ע ר צ י ק י אָ ר ג ל ו ת, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, וואו דאָס פאָלק האָט אים געמאַכט אַ פייערלעכן קבלת פּנים. קערענסקי און די אַנדערע מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָבן אים אָנגעבאָטן אַ קוואַרטיר אינעם ווינטער פּאַלאַץ, נאָר קראָפּאָטקין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ ליבלעכקייט און געדונגען אַ געוועינלעכע קוואַרטיר, וואָס איז אינגיכן געוואָרן דער צענטער פון געדאַנק און באַגייסטערונג. קראָפּאָטקין האָט

---

*) דער נאָרד־אַמעריקאַנער מולטימיליאָנער.

*) אַלעקסאַנדער בערקמאַן, אַ באַוואוסטער אַמעריקאַנער אַנאַרכיסט. געקומען פון רוסלאַנד. פאַר אַן אַטענטאַט אויפן פאַבריקאַנט פריק בעת דעם אַרבעטער־שטרייק אין האָמסטעד, איז ער פאַר־משפּט געוואָרן אויף 22 יאָר טורמע. באַפרייט געוואָרן פאַר דער צייט. שפּעטער האָט די אַמעריקאַ־נער בורזשואַזיע אים געפּרואווט אַריינשלעפּן אין דעם מוני־בילינגס־פּראָצעס. אין 1919 איז ער אָפּגעפאָרן פון נאָרד־אַמעריקע קיין רוסלאַנד. פונוואַנען די „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט אים אַרויסגעשיקט. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די געשעענישן, נאָר ווען קערענסקי האָט אים פֿאָר־געלייגט זיך צו באַטייליקן אין דער רעגירונג, האָט קראָפּאָטקין דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ באַליידיקונג.

„איך האָב אים געזאָגט — האָט קראָפּאָטקין דערציילט — אַז כ'האָב מיין גאַנץ לעבן געקעמפֿט קעגן דער רעגירונג, אַלס אַ פֿאַקטאָר פֿון קאָרופּציע, און כ'האָב קיינמאָל נישט געטראַכט פֿון ווערן איר מיטגליד". ער האָט געזען קלאָרער ווי די מענטשן, וועלכע זיינען אַרויסגעהויבן געוואָרן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, די שעדלעכע ווירקונג פֿון דער רעגירונגס־סיסטעם און געוואוסט, אַז זיי וועלן נישט אויסמיידן איר קאָרומפּירנדיקן איינפֿלוס.

דאָס סובסידירן די באַוועגונג האָט קראָפּאָטקין באַטראַכט, אַלס דאָס שעדלעכ־סטע און קאָרומפּירנדיקסטע מיטל. ווען איך האָב באַזוכט קראָפּאָטקינען אין לאָנדאָן, דאָס איז געווען אין יאָר 1907, האָט איינער אַ פּירער פֿון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געקראָגן אַ ירושה, וואָס עמיצער האָט איבערגעלאָזט פֿאַר דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב ביי דער געלעגנהייט אָנגעוויזן דערויף, אַז קיי־נער לאָזט ניט איבער קיין ירושות פֿאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אָדער אויף פֿאַרצווזעצן קראָפּאָטקינס ווערטפֿולע אַרבעט.

„ס'איז גוט, וואָס דאָס איז ניט געשען, האָט קראָפּאָטקין באַמערקט, מיר זיי־נען לפּחות, זיכער, אַז קיינער האָט ניט אָנגענומען אונדזערע אידעען צוליב געלט מאָטיוון".

און דאָס איז געווען אַ נבואה. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז נאָך קיינ־מאָל נישט געווען אַזוי קאָרומפּירט, ווי איצט, דורך דעם אומאיבערגעריסענעם שטראָם פֿון גאָלד פֿון מאָסקווע. קראָפּאָטקין האָט דאָס פֿאָראויסגעזען אַ סך פֿריער, איידער מאָסקווע האָט אָנגעהויבן פּראָסטיטואירן אייראָפּע און אַמעריקע.

קראָפּאָטקין האָט אויסגעצייכנט געקאָנט אינעם מענטשן אַלעס, וואָס איז מענטשלעך. איינמאָל האָבן מיר גערעדט וועגן אייניקע אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען אין דער יוגנט געווען שטאַרק איבערגעגעבן אונדזערע אידייען, און איצט האָבן זיי פֿאַרקירעוועט אין אַ צווייטער זייט און זוכן אייגענע נוצן. איך האָב אויסגעדריקט מיין פֿאַרדאַמונג, אָבער קראָפּאָטקין האָט אַנדערש רעאַגירט דערויף.

„זיי האָבן אונדז אוועקגעגעבן די גאַנצע יוגנטשאַפֿטלעכע ליידנשאַפֿט. אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, וואָס־נאָך קאָנען מיר פֿון זיי פֿאָדערן?"

דער דאָזיקער אורטייל איז געווען אין פֿולער האַרמאָניע מיט קראָפּאָטקינס גאַנצן כאַראַקטער און מיט זיין גרויסאַרטיקן דעוויז: „פֿון יעדן לויט זיינע פֿעאי־קייטן און יעדן לויט זיינע באַדערפֿענישן". דער דאָזיקער דעוויז איז געוואָרן אַ קלאַסישער און איז דער יסוד פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין דער אַנאַרכיס־טישער אָרדענונג.

קראָפּאָטקינס לעצטע יאָרן זיינען געווען פֿול מיט ביטערניש נישט צוליב דער נויט און נישט צוליבן גייסטיקן הונגער, נאָר צוליב דעם, וואָס זיין האַרץ איז געווען צעבראָכן און ער האָט גייסטיק געליטן פֿון דעם טראַגישן גורל פֿון דער רוסישער רע־

וואָלוציע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אַ סך גרעסער פון דער פראַנצויזישער. און די סיבה דערפון איז געווען דער טעראָר, דער גרויזאַמער טעראָר און די ליידן פונעם פאָלק, און דאָס האָט אונטערגעגראָבן קראָפּאָטקינס כוחות און אים דערפירט צום קבר.

אַלעס וואָס קראָפּאָטקין האָט אָנגעשריבן פאַר דער אַנאַרכיסטישער און אַרבעטער־פּרעסע, ווי אויך זיינע פּילצאָליקע בראָשורן, האָט ער אָוועקגעגעבן אומזיסט דער פרייהייטס־באַוועגונג. ער פלעגט קיינמאָל נישט נעמען קיין געלט ביי די אַרבעטער. ער איז אין דער הינזיכט געווען אַזוי שטרענג, אַז ווען די אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען געבן אַ רייע לעקציעס (1896), האָט ער געענטפערט, אַז ער וואָלט גערן געפאָרן, נאָר ער קאָן דאָס נישט טאָן אויפן חשבון פון די אַרבעטער. אין דעם זעלבן יאָר האָט אַ וויסנשאַפטלעכער פאַראיין אים דעלעגירט צום געאָלאָגישן קאָנגרעס אין טאָראָנטאָ, ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער האָט געהאַלטן אַ רייע לעקציעס לטובת דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע און די רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

# קראָפּאָטקינס אידייען

רודאָלף ראָקער

# פּיאָטר קראָפּאָטקין און זיין ווערק

פּיאָטר קראָפּאָטקין פאַרנעמט נאָך אַלץ דאָס ערשטע אָרט צווישן די היינ־טיקע פאַרטרעטער פון דעם פרייהייטלעכן, אָדער אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם. אַ גרויסער טייל פון זיינע פילצאָליקע ווערק, זענען איבערגעזעצט אויף אַלע מאָ־דערנע, קולטורעלע שפראַכן. אַ באַזונדערס שטאַרקע ווירקונג האָבן זיי געהאַט אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די לאַטייניש לענדער. אַדאַנק זיין אַלזייטיקן און טיפן וויסן אויפן געביט פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, סאָציאָלאָגיע און געשיכטע, איז קראָפּאָטקינען געלונגען צו אַנטדעקן פאַר דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם נייע האָריזאָנטן, וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער צוקונפטיקער אויסוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַזן פונקט אין אַזאַ צייט, ווי אונדזערע, אין אַ צייט פון אומדערהערטער געזעלשאַפטלעכער צעפאַלונג, ווען די מלחמה*, די שרעקלעכסטע פון אַלע מל־חמות, האָט פאַרוואַנדלט די אַלטע וועלט אין חורבות און אָנגעפילט מיט כאַאָס אַלע ציוויליזירטע געזעלשאַפטן, באַקומט אַ באַזונדער באַדייטונג דאָס באַקאָנען זיך גענוי מיט קראָפּאָטקינס אידייען. אין אונדזער צייט פון בלינדן גלויבן אינעם שטאַט און אינעם סאַמע אינהאַלטסלאָזן פאַרטיי־שאַבלאָן, קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע און לעבנסלאָזער צענטראַליזאַציע פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס; אין דער גאָלדענער צייט פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָלי־טיקער, ביוראָקראַטיע און פּאָליציי־הערשאַפט, פון ראַסן־טעאָריעס און דיקטאַ־טור, וואו יעדער פרייע איניציאַטיווע ווערט געבראַכט אַלס קרבן דער זינלאָזער אידעע פון בלינדער צוואַנג און גרויזאַמער געוואַלט; וואו די לעצטע רעשטלעך פון געוואוינהייטס־רעכט ווערן געבראַכט אַלס קרבן פאַרן טויטן מעכאַניזם פונעם געזעץ; די סאָציאַלע פאַרשידנאַרטיקייט — דער איינפאַרמיקייט; די דערציאונג פון דער אינדיווידואַליטעט — דער אומבאַדינגטער געהאָרכזאַמקייט; די זעלבסט־טעטיקייט — דעם באַפעל פון אויבן, זיינען די מענטשן געוואוינט געוואָרן צו

*) דער מחבר רעדט דאָ וועגן דער ערשטער אַלוועלטלעכער מלחמה. רעד.

דערוואַרטן טובות פון די „העכערע קרייזן". דער בלינדער גלויבן אין פּאַפּירענע דירעקטיוון, אינעם כוח פון רעגירונגס-באַפעלן און דיקטאַטאָרישע פאָרשריפטן, האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אין אַ געפערלעכער שטערונג צום געזעלשאַפט־לעכן פּראָגרעס. די אינהאַלטסלאָזיקייט פון די לאָזונגען פון די פּאָליטישע פּאַר־טייען, וואָס מען רוקט איצט אַרויס מיט אַזאַ עקשנות — איז דער אומפאַרמייד־לעכער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן און סאָציאַלן אַבערגלויבן. אונטער דער ווירקונג פון די דאָזיקע לעבנסלאָזע אָנשטרענגונגען מוז דער סאָציאַליזם זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טויטער דאָגמע, פאַרפלאַכט ווערן, רינענדיק דורך די שמאָלע קאַנאַלן פון ריין-בורזשואַזע רעפאָרמען. און דערום איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס הונדערטער טויזנטער פון זיינע אָנהענגער זעען אין דעם האָפענונגס-לאָזן שטאַטס-קאַפּיטאַליזם דעם ענדציל פון זייערע שטרעבונגען.

פאַר קראָפּאָטקינען איז דער סאָציאַליזם נישט געווען נישט קיין פּשוטע אַריטמעטישע אויפגאַבע, נישט קיין „אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג", נאָר דער פולער אויסדרוק פון אַ באַשטימטער טענדענץ, וואָס ציט זיך דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און ווערט פּראַקטיצירט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע חיות — די טענדענץ פון קעגנ-זייטיקער הילף און סאָלידאַריטעט אָן וואָס עס וואָלט נישט מעגלעך געווען, נישט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, און נישט דער געזעלשאַפטלעכער פּראָגרעס.

אין קעגנזאַץ צו דעם מלוכהשן סאָציאַליזם, וואָס האָט געפונען זיין פולן אויסדרוק אינעם דאָגמאַטישן מאַרקסיזם, האָט קראָפּאָטקין שטענדיק באַטאָנט די גרויסע באַדייטונג פון די מאָראַלע מאָטיוון פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג, וועלכע מאַניפעסטירן זיך אויפן בולטסטן אופן אין דער אומבאַזיג־באַרער שטרעבונג צו דער סאָציאַלער גערעכטיקייט.

ס'איז קלאָר, אַז דער באַגריף „גערעכטיקייט" אין קראָפּאָטקינס פאָרשטע־לונג, האָט קיין שום שייכות נישט מיט די באַגריפן פון די פילאָסאָפישע מעטאַ־פיזיקער, וועלכע באַטראַכטן דעם „אַבסאָלוטן אמת", דאָס „אַבסאָלוטע רעכט" און אַנדערע אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען, אַלס איינמאָל פאַר אַלעמען פעסט־געשטעלטע פאָרבאַדינגונגען פון דעם מענטשלעכן וויסן. פאַר קראָפּאָטקינען איז דאָס געפיל פון גערעכטיקייט ביים מענטשן געווען דער נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן און געמיינזאַמע שטרעבונגען, וואָס פאַרבינדן די מענטשן, — די לעבעדיקע, שטענדיק אַקטיווע קראַפט, וואָס איז געוואָרן אַ מין אינסטינקט. וואָס טיפער און שטאַרקער דער דאָזיקער אינסטינקט איז איינגעוואָרצלט אינעם מענטשן, אַלץ מער איז ער גענייגט צו פאַרשטיין די געזעלשאַפטלעכע נאַטור פון דעם סאָציאַליזם, און אַלץ מער שאַנסן האָט דער סאָציאַליזם גופא צו זיין פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג. ווייל, סוף כל סוף, דאָס וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן וואָרט סאָציאַליזם, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די אָנערקענונג פון דעם אינסטינקט פאַר קעגנזייטיקער הילף און סאָציאַ־

לעו' גערעכטיקייט: די טרייב־קראַפט פון יעדער בשותפותדיקער געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט.

דער סאָציאַליזם וועט קומען נישט אדאנק אָן אומפאַרמיידלעכן נאַטור־געזעץ. ער וועט קומען נאָר דעמאָלט, ווען די מענטשן וועלן פאַרמאָגן אַ שטאַרקן ווילן און דעם נויטיקן מאָראַלישן כוח, אויף אים צו פאַרווירקלעכן. די צייט און די אומשטענדן האָבן, פאַרשטענדלעך, אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אונדזער ווילן און אויף אונדזער קראַפט. נאָר נישט די צייט און נישט די סאָציאַלע באַדינגונגען קענען אונדז, אָן און פאַר זיך, ברענגען די גאולה. ס׳זענען אויך נויטיק די טיפסטע איבערצייגונג און דער שטאַרקסטער פאַרלאַנג, אויף אויסצובויען די בריק, וואָס פירט פון דער שווערער נויט פון דער איצטיקער עקזיסטענץ, צו דעם נייעם לאַנד פון סאָציאַליזם.

מיר באַרירן דאָ אַ פונקט, וואו קראָפּאָטקין און זיינע פאָרגייער, פּרודאָן און באַקונין, צעגייען זיך גרונטלעך מיטן מלוכהשן סאָציאַליזם, און, באַזונדערס, מיטן מאַרקסיזם. פאַר די פאַרטרעטער פון די פאַרשידענע שטאַטלעך־סאָציאַליסטישע שטרעמונגען איז דער יחיד בלויז אַ אומגעזען שרייפעלע אין דער אַלגעמיינער מאַשין פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, „די אַרבעטס־קראַפט״, אַ לעבנסלאָזער אינסטרומענט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס באַשטימט אומפאַרמיידלעך זיין גייסטיק לעבן און ווילנס־מאַניפעסטירונגען. פון זינט העגעל האָט אונדז אויסגעלערנט דענקען מיט „קאַטעגאָריעס״ און האָט אַנטדעקט די „היסטאָרישע מיסיע״ פון די פעלקער, איז דער דאָזיקער גלויבן אינעם גורל טיף אריינדרינגען אינעם גייסטיקן לעבן פון אונדזער צייט, און באַוויזט זיך אין די סאַמע פאַרשידנסטע פאָרמען. און די איצטיקע ראַסן־טעאָריעס זיינען, לסוף, בלויז דער רעזולטאַט פון דעם העגעליאַניזם און פון דער לערע וועגן די „היסטאָרישע מיסיעס״; דער זעלבער רעזולטאַט איז אויך די פאָרשטעלונג פון דעם מאַרקסיזם, וועלכער באַטראַכט יעדער מענטשלעכע טעטיקייט בלויז אַלס אומפאַרמיידלעכע פאָלגע פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע־פּראָצעסן. אַזאַ אַרט דענקען, וואָס שטאַמט פון באַשטימטע פאַר־הנחות, האָט שוין געמוזט ווירקן אויף אַלע אַנדערע שלוסן פון זיינע פאַרטרעטער; און ער האָט געווירקט אויף אַזוי פיל, אַז ווען זיי גייען צו צו דער פראַגע וועגן יחיד, באַטראַכטן זיי אים, אַלס געוויינלעכן געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, וואָס קאָן געמאָסטן ווערן מיטן מאָס־שטאַב פון די גאַנגבאַרע אידעען. זיי האָבן זיך געשאַפן אַ מיינונג וועגן דער לע־בעדיקער ווירקלעכקייט, און געפאַלן אַ קרבן פון אַן אָפּטישער פאַרבלענדונג, ווייל זיי פאַרבייטן דעם מיראַזש, זייער אייגענע פאַנטאַזיע, אויף דער ווירקלעכקייט גופא. אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג זעען זיי בלויז אַ טויטן מעכאַניזם, אַ ריין טעכנישן אַפּאַראַט, און דערביי פאַרגעסן זיי זייער לייכט, אַז הינטער די מעכאַנישע פּראָדוקציע־כוחות און אויסערלעכע פּראָדוקציע־באַציאונגען, שטייען לעבעדיקע וועזנס פון פלייש און בלוט, פול מיט פערזענלעכע פאַרלאַנגען, שטרע־בונגען און באַדערפעגישן. און, אַזוי ווי די אינדיווידועלע פאַרשידנאַרטיקייט —

וואָס איז די אמתע רייכקייט אינעם לעבן, — איז פאַר זיי בלויז אַ מינדער־וויכטיקער פּרט, ווייזט זיך זיי אויס דאָס לעבן גופא קאָלירלאָז און סכעמאַטיש.

קראָפּאָטקין און זיינע פאָרגייער זענען געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג. דער יחיד איז געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זייער נאָכדענקען וועגן דעם תוך פון דער געזעלשאַפט: דער יחיד, נישט אַלס אַבסטראַקט־נעבלהאַפטער באַגריף, וואָס איז אָפּגעריסן פון זיין געזעלשאַפטלעכער סביבה, נאָר דער יחיד, אַלס סאָציאַלער איינס, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיינע נאָענטע דורך מויזנטער פעדים פון מאַטעריעלן און גייסטיקן כאַראַקטער.

אויף צו אורטיילן וועגן דעם וואוילשטאַנד, פרייהייט און קולטור פון אַ פאָלק, האָט קראָפּאָטקין נישט גענומען אין חשבון, נישט דעם סכום פון דער הכנסה פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, נישט די אַזוי־גערופענע „פאָרמעלע פרייהייטן", וואָס זענען פאַרשריבן אין וועלכער ס'נישט איז קאָנסטיטוציע, און נישט די קולטורעלע דערגרייכונגען פון אַ באַשטימטער עפּאָכע. פאַר קראָפּאָטקינען איז, קודם־כל, געווען וויכטיק פעסטצושטעלן די גרויס פון דעם פערזענלעכן אַנטייל אין דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, אויף וויפל דער יחיד איז אומשטאַנד צו באַפרידיקן זיינע אינדיווידועלע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און פרייהייט־באַדערפעניש אין די געזעלשאַפטלעכע ראַמען, און אויף וויאַסאַרע גראַד די געזעלשאַפטלעכע קולטור פון אַ געוויסן פעריאָד געפינט איר אויסדרוק אין יעדן איינצלנעם מענטשן. אויפן סמך פון די דאָזיקע דאַטן אורטיילט קראָפּאָטקין וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט.

פאַר קראָפּאָטקינען איז די פרייהייט נישט געווען קיין אומבאַשטימטער, אַבסטראַקטער באַגריף, פאַרקערט, ער האָט אין איר געזען אַ פּראַקטישע מעגלעכקייט צו דער פולער אַנטוויקלונג פון די נאַטירלעכע כוחות און פעאיקייטן פון דעם יחיד. און דערום האָט ער, ווי אַלע אַנאַרכיסטן, אין דער מאַניפעסטירונג פון די פערזענלעכע ליידנשאַפטן געזען דעם העכסטן אויסדרוק פון דעם פרייהייטס־אינסטינקט ביים מענטשן, און האָט גאַנץ אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן דעם אויטאָריטערן פּרינציפּ — די אידעאָלאָגיע פון ברוטאַלער גוואַלט. די פולע פרייהייט, אויף דער באַזע פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט, איז פאַר אים געווען דער איינציקער פאַרבאַדינג פון אַ צוקונפט, וואָס איז ווירדיק פאַרן מענטשן. נאָר אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, לויט זיין מיינונג, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען ביי יעדן מענטשן דאָס געפיל פון פערזענלעכער אחריות און דאָס לעבעדיקע באַוואוסטזיין פון זיין געזעלשאַפטלעכקייט צו אַזאַ גראַד, אַז זיינע פערזענלעכע פאַרלאַנגען און באַדערפענישן זאָלן דערשיינען, אַזוי צו זאָגן, אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט פון זיין געזעלשאַפטלעכן געפיל.

ווען קראָפּאָטקין האָט אין 1872 אונטערגענומען זיין ערשטע רייזע קיין אויסלאַנד, האָט ער שוין איבערגעלעבט אַ געוויסן אינערלעכן קריזיס. זיין וויסנ־

שאַפטלעכע רייזע איבער פינלאַנד, וואָס ער האָט אונטערגענומען אויפן אויפ־טראָג פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, האָט אים געגעבן אַ גע־נוגנדע מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער האָפנונגסלאָזער לאַגע פון די פינ־לענדישע פויערים, וועלכע זענען געווען פאַרמשפּט צו אַן אומאיבערגעריסענער אַרבעט, וואָס האָט געגעבן קנאַפּע פּרוכט. די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער טעכניק און אַן אַגראַר־ווירטשאַפטלעכע בילדונג האָבן, פאַרשטענדלעך, געקענט אַ סך פאַרלייכטערן דעם גורל פון די דאָזיקע שטיפקינדער פונעם לעבן, נאָר וועגן דעם האָט מען נישט געקענט חלומען, ווייל די ערד, וואָס זיי האָבן באַגאָסן מיט זייער שוויים, האָט נישט באַלאַנגט צו זיי. דער יונגער פאָרשער, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער וויסנשאַפט, האָט פאַרגלייכט דאָס לעבן פון די דאָזיקע פּאַריער מיטן לעבן פון די רוסישע פויערים, און אים איז געוואָרן קלאָר, אַז סיי די, סיי יענע, זיינען קרבנות פון אַ געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, וואָס איז פיינטלעך צו דער קולטור. דאָס יונגע ליידנשאַפטלעכע האַרץ, וואָס האָט שטענדיק געקלאַפּט אין אוניסאָן מיט די ליידנדיקע, האָט אים גע־צוואונגען אָנצונעמען אַ באַשלוס, וואָס האָט געגעבן זיין ווייטערדיקן לעבן אַ באַ־שטימטע ריכטונג.

„וואָסאַרא רעכט — האָט ער זיך געפרעגט — האָב איך געהאַט אויף די אַלע העכערע פריידן (די וויסנשאַפטן) ווען אַרום מיר איז פאַראַן אַ שטיקנדיקע נויט און פיינלעכער קאַמף פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט. ווען דאָס אַלעס, וואָס איך ברענג אוים אויף צו לעבן אין אַ וועלט פון העכערע גייסטיקע עמאָציעס דאַרף אומפאַרמיידלעך אַרויסגעריסן ווערן פון דעם מויל ביי די, וועלכע פאַר־זייען ווייץ פאַר אַנדערע, און האָבן נישט גענוג שוואַרץ ברויט פאַר זייערע קינ־דער? ביי עמיצן מוז אַרויסגעריסן ווערן דאָס שטיקל ברויט פון מויל, ווייל די אַלגעמיינע פּראָדוקטיוויטעט איז נאָך אַזוי קליין.״ (קראָפּאָטקין, „מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער״).

און ער האָט באַשלאָסן, צו פאַרלאָזן זיין אָנגעהויבענע גלענצנדע קאַריערע, און זיך שטעלן צום דינסט פון די אונטערדריקטע מאַסן. ווייל פאַר אים איז גע־וואָרן קלאָר, — „די אַלע הויכקלינגענדיקע ווערטער וועגן פּראָגרעס, וואָס מען האָט אַרויסגעזאָגט אין דער צייט, ווען די טוער גופא פאַרן פּראָגרעס האַלטן זיך אין אַ זייט פונעם פאָלק, זיינען בלויז סאָפיזמען. מען האָט זיי אויסגעטראַכט, כדי זיך באַפרייען פון דער צעפרעסנדיקער סתירה...״ (קראָפּאָטקין, „מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער״).

נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, פלעג קראָפּאָטקין אָפט באַגעגענען אין דער פּרעסע דעם נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע. נאָר אַזוי ווי די צענזור האָט קאַטעגאָריש פאַרבאָטן יעדע אויפקלערונג פון די אי־דייאישע צילן און פּראַקטישער טעטיקייט פון דער גרויסער־אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע, האָט קראָפּאָטקין זיך געקאָנט שאַפן בלויז אַ אומקלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער געזעלשאַפט פונעם נאָמען אליין אין וועלכן ער האָט אינסטינקטיוו

געפילט די אַנטוויקלונג פון אַ נייער גרונטלאַגע אין דער געשיכטע פון אייראָפּע. ס'איז דערום גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווי נאָר ער איז אין פרילינג פון 1872, געקו־מען צופאָרן קיין שווייצאַריע, האָט ער געזוכט אַ מעגלעכקייט צו קומען אין באַ־ציאונג מיטן אינטערנאַציאָנאַל. זיין ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט פאַרטרעטער פון דעם רעכטן פליגל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געווען אונטער דער השפּעה פון דעם גענעראַל־ראַט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון מאַרקסן און ענגעלסן. אָבער דאָס פּלירטעווען פון די פירער פון דעם דאָזיקן פליגל מיט די בורזשואַזע פּאָליטיקער, וואָס האָט געגעבן דער גאַנצער באַווע־גונג אַ אומגעזונטן און צווייידייטיקן כאַראַקטער, האָט געמאַכט אַן אומאַנגענעמען איינדרוק אויף דעם יונגן רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געווען אינגאַנצן באַ־הערשט פון די גרויסע אידייען, וואָס האָבן געפונען אַזאַ מעכטיקן אויסדריק אינעם אינטערנאַציאָנאַל. ס'האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג, זיך צו באַקענען מיט דעם, אַזוי־גע־רופענעם, באַקונין־פליגל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. ווען ניקאָלאַי אוטין, איינער פון די פירער פון דעם רעכטן טייל פון דער גענפער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט אים געגעבן אַ קורצע רעקאָמענדאַציע־בריוו צו זשוקאָווסקין (באַקונינס פריינט), האָט ער אַ קוק געטאָן קראָפּאָטקינען אין די אויגן, און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

„יאָ, איר וועט זיך שוין צו אונדז נישט אומקערן, איר וועט פאַרבלייבן ביי זיי.״ און ער איז געווען גערעכט.

אויף אַזאַ אופן האָט קראָפּאָטקין זיך באַקענט מיט די מיטגלידער פון דער יורער פעדעראַציע, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע און רומפולע ראָל אין דער געשיכטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין דעם דאָזיקן קרייז פון מענטשן, באַגייסטערטע פון דעם טיפסטן אידעאַליזם, האָט קראָפּאָטקין צום ערשטן מאָל דערקאָנט די ריכטיקע באַדייטונג און מהות פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די יורער פעדעראַציע האָט פּרינציפּיעל אָפּגעוואָרפן יעדער פּאַרלאַמענטאַרישע פּאָ־ליטיק און אירע אָנהענגער האָבן אין די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער געזען דעם איינציקן פונדאַמענט אויף וועלכן דער סאָציאַליזם דאַרף געבויט ווערן. אָפּלייקענענדיק די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי מיטן ציל צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, האָבן די יורער געהאַלטן פאַר נויטיק צו שאַפן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פאַרן עקאָ־נאָמישן ווידערשטאַנד מיט סאָציאַליסטישע צילן. פאַר זיי איז געווען קלאָר, אַז נאָר דער דירעקטער קאַמף פון די מאַסן איז דאָס איינציקע מיטל זיך צו באַ־פרייען פון דעם יאָך פון דער לוין־אַרבעט, פון דער מלוכהשער אַפּיטרופּסות, און דאָס איינציקע מיטל צו אַ גרינטלעכער איבערבויאונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף די יסודות פון דעם פרייען סאָציאַליזם.

די סעקציעס פון דער יורער פעדעראַציע האָבן טיף און גרינטלעך באַטראַכט אַלע גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען שפּעטער באַהאַנדלט געוואָרן אויף די צוזאַמענפאָרן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אַדאַנק דער מאָראַלער השפּעה

פון באַקונינס מעכטיקער פּערזענלעכקייט, און דער אומדערמידלעכער טעטי־קייט פון אַזעלכע מענטשן, ווי דזשעמס גיליאַם, שוויצגעבעל, זשוקאָווסקי און אַ סך אַנדערע, האָט די יורער פעדעראַציע באַקומען די אייגנאַרטיקע סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערע כאַראַקטעריסטיק, וואָס האָט פאַר איר פאַרזיכערט אַ גרויסן איינ־פלוס אין די רייען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף קראָפּאָטקינען דער פאַקט, וואָס אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער סביבה איז נישט געווען קיין שפּור פון דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן חילוק צווישן פירער און מאַסן, וואָס ער האָט געזען ביי די גענפער. אין יורא האָט מען נישט נאָר געדענקט אַנדערש, נאָר מען האָט אויך געפילט אַנדערש, ווי אין דעם לאַגער פון די גענפער פּאָליטיקער. זיי האָבן זיך געריכטעט לויט די פּרינציפּן, וואָס האָבן געפונען אַזאַ בולטן אויסדרוק אין דעם סאָנוויִער ציר־קולאַר, וועלכער זאָגט:

„דער אינטערנאַציאָנאַל — וואָס איז דער עמבריאָן פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט — דאַרף שוין איצט זיין אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון אונדזערע פּרינציפּן פון פרייהייט און פעדעראַציע, און אָפּוואַרפן יעדע אידייע, וואָס שטרעבט צו מאַכט און דיקטאַטור".

אַזוי־אַרום איז קראָפּאָטקין געוואָרן אַן אַנאַרכיסט און געאַרבעט אין דער ריכטונג ביז זיין אַרעסט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין פּראָפּאַגאַנדע־טעטי־קייט צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער.

ווען קראָפּאָטקין איז, לערך, אין אַ פיר יאָר אַרום נאָך זיין באַרימטן אַנט־לויפן פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, ווידער געקומען קיין מערב־אייראָפּע, האָט אים, נאַטירלעך, באַניים געצויגן צו די יורער בערג, וואו ער האָט געהאַט איבערגעלעבט אַזעלכע שטאַרקע און טיפע איינדרוקן. נאָכן פאַרבלייבן אַ קורצע צייט אין ענגלאַנד, האָט ער זיך אומגע־קערט קיין שווייצאַריע, און זיך באַזעצט אין שאָ דע פאָן מיט דער כוונה זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אָבער אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט, זענען פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען. ס'זענען געוואָרן בול־טער די רעזולטאַטן פון דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה און פון דעם בלו־טיקן אונטערדריקן די פּאַריזער קאָמונע, מען האָט צעשלאָגן די קאָמונאַליסטישע רעוואָלוציע אין שפּאַניע, די שפּאַלטונג אינעם אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט, — און דאָס אַלעס האָט גורם געווען טיפע וואונדן דער איי־ראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָר די יורא איז נאָך אַלץ געווען דער פעס־טער גייסטיקער צענטער פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. צווישן די אַלטע פריינט, האָט קראָפּאָטקין געטראָפן אַ רייע נייע אינטערעסאַנטע מענטשן, ווע־מען דער גורל האָט פאַרוואָרפן אין דער פראַנצויזישער שווייצאַריע: — די קאָ־מונאַרן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אינעם אויפשטאַנד פונעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט און וועלכע האָבן זיך צופעליק געראַטעוועט פונעם טויט; דערנאָך די שפּאַנישע, איטאַליענישע און דייטשע עמיגראַנטן, ווען די גרוי־

זאמע פארפאָלגונגען פון דער רעאַקציע האָבן געצוואונגען צו אַ קורצן אָדער לענגערן גלות. זעלבסטפארשטענדלעך, אַז אין אַזאַ קרייז האָבן נישט געפעלט קיין פרוכטבאַרע פּלענער, אָדער דעבאַטן אַרום די סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָט דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם, פּרוּוונדיק דורכלייגן אַ וועג פונעם קאָלעקטיוויזם צום קאָמוניזם, איבערגעלעבט אַ נייע, וויכטיקע פאַזע אין זיין טעאָרעטישער אַנטוויקלונג. אויפן פלאָרענטינער קאָנגרעס פון דער איטאַליענישער פעדעראַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל (1876), האָט קאַפיעראָ פאַרטיידיקט אַז די קאָלעקטיווע פאַרוואַלטונג פון דער ערד און פּראָדוקציע־מיטלען, איז דעם געדאַנק פון אַ קאָמוניסטישן באַניץ פון די אַרבעטס־פּראָדוקטן. אין דער דאָזיקער דערגענצונג פון דער קאָלעקטיוויסטישער פּראָגראַם האָט מען געזען די נויטיקע סאָציאַלע באַזע, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צום סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ, און דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. אַזוי־אַרום איז דער קאָלעקטיוויסטישער לאָזונג: „יעדן די פּרוכט פון זיין אַרבעט” פאַרביטן געוואָרן אויף דעם קאָמוניסטישן: „פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, און יעדן לויט זיינע באַדערפעניש.”

דער דאָזיקער נייער שטאַנדפּונקט האָט אַרויסגערופן לעבהאַפטע דעבאַטן אויך אין די סעקציעס פון דער יורער פעדעראַציע; די אַלטע און נייע ריכטונגען האָבן געפונען זייערע אָנהענגער און קעגנער. קראָפּאָטקין האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פונעם קאָמוניזם. אויפן קאָנגרעס פון דער יורער פעדעראַציע אין שאָדע פאָן, אין אָקטאָבער פון 1879 האָט ער פאָרגעלייענט דעם רעפעראַט: „די אַנאַרכיסטישע אידייע פון דעם שטאַנדפּונקט פון איר פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג”. דאָס איז געווען זיין ערשטער טעאָרעטישער אַרויסטריט פאַר די פּרינציפּן פון דעם קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם. פון דעמאָלט אָן ביז סוף פון זיין לעבן איז קראָפּאָטקין פאַרבליבן דער מערקווירדיקסטער און אַלזייטיקער טעאָרעטיקער פון דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם.

אין פעברואַר פון דעם זעלבן יאָר האָט קראָפּאָטקין צוזאַמען מיט אייניקע פריינט געגרינדעט אין גענף די צייטונג „לע רעוואָלטע” אויף די שפּאַלטן פון וועלכער ער האָט אַנטוויקלט די גרונט־אידייען פון זיין וועלט־אַנשויאונג; די דאָזיקע אידייען האָבן געפונען — באַזונדערס צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענץ פון די לאַטייניש לענדער — אַ גרויסע צאָל אָנהענגער, לײַדנשאַפטלעך איבערצייגטע און גרייט זיך מקריב צו זיין.

אין 1885, ווען קראָפּאָטקין, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן פון דעם ליאָנער געריכט אויף פינף יאָר טורמע פאַר באַלאַנגען צום אינטערנאַציאָנאַל, איז געזעסן אין דער טורמע קלערוואָ, האָט עליזע רעקליו אַרויסגעגעבן אַ טייל פון זיינע קריטיק־אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער”. קראָפּאָטקינס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע לײַדנשאַפט האָט געברויזט אין דעם בוך. אַלעס וואָס האָט געברענט זיין הארץ און נשמה, האָט געפונען אויף אירע שפּאַלטן אַ דורכגעפילטן אויסדרוק. דער דאָזיקער בוך האָט אַפּעלירט נישט

נאָר צום קאַלטן שכל, נאָר אויך צו דער נשמה פון דעם מענטשן, דערוועקנדיק אין איר דאָס פאַרגעפיל פון דער צוזאַמענהאַנג באַנייאונג פון אַלע קוואַלן פון דעם געזעלשאַפטלעכן און אינדיווידועלן לעבן. אייניצייטיק מיט די גלענצנדע אַר־טיקלען: „די פאַרטרעטערישע רעגירונגס־פאָרם", „געזעץ און מאַכט", „די רעוואָלו־ציאָנערע רעגירונג", „דער בונטאַרישער גייסט" אא"וו, איז דאָרט אויך פאַראַן דער באַרימטער אויפרוף „צו דער יוגנט", וואָס איז, אַדאַנק זיין נאַטירלעכער איינפאַכקייט און טיף־דורכגעפילטער באַגייסטערונג, דער אויסשליסלעכער דאָקו־מענט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. נאָר ווען מ'לייענט דעם אויפרוף, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דעם העכסטן אי־דעאַליזם און ליבשאַפט צו דער מענטשהייט, קאָן מען פאַרשטיין דעם גייסט פון יענער וואונדערלעכער באַוועגונג פון דער רוסישער יוגנט, וועלכע, זיך אָפּזאָגנ־דיק פון אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דעם פּריוואַטן לעבן, איז אַוועק אין פאָלק, זיך גענומען צו דער שווערער אַרבעט פון באַלמעלאָכעס, ערד־אַרבעטער, קראַנקנ־שוועסטער אא"וו, כדי ברענגען דעם פאָלק די נייע בשורה פון זיין גיכער באַ־פרייאונג.

ווען קראָפּאָטקין איז באַפרייט געוואָרן, נאָכן אָפּזיצן דריי יאָר אין טורמע (1886), האָט ער אויף אַ קורצער צייט באַזוכט פאַריז און דערנאָך אריבערגעפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט גענומען אן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַנייס אויפ־געלעבטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָרט האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט, וואָס די טורמע האָט איבערגעריסן, ווענן די עקאָנאָמישע און סאָ־ציאָלאָגישע עיקרים פון דעם אַנאַרכיזם. ער האָט די אַרבעט דורכגעפירט אין אַ רייע אַרטיקלען אין דעם פּאַריזער זשורנאַל „לאַ רעוואָלט", און שפּעטער, אין 1892, זענען די אַרטיקלען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך־פאָרם אונטערן נאָ־מען „ברויט און פרייהייט". די דאָזיקע אַרבעט האָט געצוואונגען קראָפּאָטקינען, זיך צו באַקענען גענוי מיט דער נייסטער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און מיט די לעצטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט און פּראָכט־קולטיווירונג. אַלס רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען. וואָס האָבן זיך געדרוקט פון 1880 ביז 1890 אין דעם "Ninteenth Century" און אין די "The Forum"... שפּעטער האָט מער די דאָזיקע אַרטיקלען, דערגענצט מיט נייע מאַטעריאַלן, אַרויסגעגעבן (אין 1898) אין אַ באַ־זונדער בוך אונטערן נאָמען „פעלדער, פאַבריקן און ווערקשטאַטן". דער דאָזיקער בוך, איז אַ נאַטירלעכע דערגענצונג, צו די אידייען, וואָס קראָפּאָטקין האָט אַנט־וויקלט אין „ברויט און פרייהייט". די לעצטע אויסגאַבע פון דעם בוך, וואָס איז דערשינען ערב דער (ערשטער) אַלוועלטלעכער מלחמה און מיט אַ סך צוגאָב־מאַ־טעריאַלן, איז אַן אמתער אוצר פון נייע אידייען און קאָנקרעטע פאַקטן. מען מעג דרייסט באַהויפּטן, אַז אין די לעצטע 40 יאָר איז די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט ווייניק ווערק פון אַזאַ באַדייטונג און מיט אַזאַ רייכקייט פון נייע אידייאַישע פּערספּעקטיוון.

קראָפּאָטקין האָט שוין פון לאַנג אָנגעהויבן איינזען, אַז דער אַנאַרכיזם איז אַ סך מער, ווי אַ באַזונדער ווירקזאַמקייטס-מעטאָד, אָדער ווי אַ באַזונדער פאַר־שטעלונג פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. וואָס מער ער האָט זיך פארטיפט אינעם שטודירן די אַנאַרכיסטישע וועלט־אַנשויאונג, אַלץ קלאָרער איז אים גע־וואָרן, אַז דער אַנאַרכיזם איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער נאַטירלעכער פילאָזאָפיע פון דער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אַנטוויקלט און באַגרינדעט ווערן גאָר אויף אַן אַנדער אופן, אַן דער הילף פון מעטאַפיזישע און דיאַלעקטישע מעטאָדן, וועלכע, צום באַדויערן, שפּילן נאָך אַלץ אַזאַ גרויסע און גאַנץ-אומפּאַרדינטע ראָל אין די אַנטראָפּאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפטן. פאַר אים איז פון אָנהויב אָן געווען קלאָר, אַז דער נייער פאָרשונגס־מעטאָד קען נאָר זיין דער אינדוקטיוו-דע־דוקטיווער מעטאָד פון דער מאָדערנער נאַטור-וויסנשאַפט. באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט דער מערקווירדיקער פעאיקייט צו באַגרייפן די רעאַלע לעבנס־דער־שיינונגען און די קאָנקרעטע פאַקטן, און זייענדיק אַן אומאָפּהענגיקער געלערנ־טער און פאָרשער, וואָס האָט זיך דעראָבערט אַ בכבודיקן אָרט אין דער וויסנ־שאַפט דורך זיין טעאָריע וועגן דער ריכטונג פון די קייטן־בערג אין אַזיע, האָט ער געפילט אַן אינסטינקטיוון עקל צו יעדער סאָרט דיאַלעקטיק מיט אירע אומפאַר־מיידלעכע סאָפיזמען; צו דער דיאַלעקטיק, וואָס הערשט נאָך אַלץ נישט נאָר אין דער איצטיקער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, נאָר אויך אין די מו־חות פון דעם רוב טעאָרעטיקער פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער צייט.

„דער דיאַלעקטישער מעטאָד — זאָגט קראָפּאָטקין, — דערמאָנט אין עפּעס, וואָס איז שוין לאַנג אַוועק, און וואָס די וויסנשאַפט האָט, צום גליק, שוין לאַנג פאַרגעסן. קיין איינע פון די אַנטדעקונגען פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט — אין דער מעכאַניק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, אַנט־ראָפּאָלאָגיע — איז נישט געמאַכט געוואָרן דורכן דיאַלעקטישן מעטאָד. אַלע זיינען זיי געמאַכט געוואָרן נאָר דורכן אינדוקטיוון מעטאָד. און אַזוי־ווי דער מענטש איז אַ טייל פון דער נאַטור, ווי דאָס וואַקסן פון אַ בלימל, אָדער, ווי די אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי די מוראַשקעס און בינען, איז נישטאָ קיין גרונט, איבערגייענדיק פונעם בלימל צום מענטשן, אָדער פון אַ ביבער־דאָרף צו אַ מענטשלעכער שטאָט, צו פאַרלאָזן דעם מעטאָד, וואָס האָט אונדז ביז איצט אַזוי גוט געדינט, און זוכן אַן אַנדערן אינעם אַרסענאַל פון דער מעטאַפיזיק.

„דער אינדוקטיווער מעטאָד, וואָס מיר ווענדן אָן אין די נאַטור־וויסנשאַפטן, האָט אַזוי גוט דערוויזן זיין קראַפט, אַז דער נייַנצנטער יאָרהונדערט האָט געקאָנט אַ רוק טאָן די וויסנשאַפטן אין אַ משך פון הונדערט יאָר מער, ווי זיי האָבן פּראָגרעסירט אין די פאַרגאַנגענע צוויי טויזנט יאָר. און ווען מען האָט אין דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט אים אָנגעהויבן אָנווענדן ביים שטודירן די מענטשלעכע געזעלשאַפטן, האָט מען זיך אין ערגעץ נישט אָנ־געשטויסן אויף קיין איין פּונקט, וואו מען זאָל דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון אים, און

זיך אומקערן צו דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, וועלכע העגעל האָט ווידער אויפגעלעבט".

קראָפּאָטקין איז שטענדיק געבליבן געטריי אָט־דער איבערצייגונג. און ווען ער האָט גענומען פאָרמולירן די קאָנסטרוקטיווע זייט פון זיין וועלט-באַנעם און אָנגעהויבן אָנוואַרפן די גרונט־שטריכן פון דער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט, איז ער נישט געווען געפאַנגען פון ספּעקולאַטיווע באַגריפן און ריין־אַבסטראַקטע פאַר־הנחות, וואָס העלפן שאַפן ביים לייענער די פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם טויזנט־יאָריקן קעניגרייך, ווי דאָס האָבן געטון אַ סך אַלטע סאָציאַליסטן. פאַרקערט, ער האָט זיך געשטיצט אויף פאַקטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויפן גענויעם שטודיום פון די פאַרשידענע סאָציאַלע טענדענצן אין עבר און איצט.

קודם־כל פלעג ער אָפּזוכן די סימנים, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם אָנקומען פון אַ נייעם פּעריאָד פון דער געזעלשאַפטלעכער קולטור, זיי צונויפ־זאַמלען, אָפּטיילנדיק דאָס צופעליקע פון דעם אָרגאַניש-וועזנטלעכן און, אויפן סמך פון די אַזוי־אַרום באַקומענע באַווייזן, ציען דעם אַלגעמיינעם שלוס.

אָט־דער מעטאָד האָט אומפאַרמיידלעך און גיך אים געמוזט דערפירן צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די שלוסן פון דער היינטיקער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. איז דאָך אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס מען רופט איצט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, בלויז אַ צוזאַמענפלעכטונג פון מעטאַפיזישע פאָרמולן און סאָפיסטישע דריידלעך. און די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון די סאָציאַליסטן, אין איר גרעסטן טייל, גייט נאָך אַלץ אויפן זעלבן וועג. די סאָציאַליסטן, ווי פּרודאָן און מאַרקס, אויף צו דער־ווייזן די בורזשואַזע געלערנטע עקאָנאָמיסטן, אַז דער קאַפּיטאַליזם שטיצט זיך אויף דער עקספּלאָטאַציע פון די אַרבעטער, האָבן שטודירט אַלע זייערע אַרגו־מענטן. לויט קראָפּאָטקינס מיינונג, האָט דאָס נישט קיין שום שייכות צו דער ווייסנשאַפט, און קאָן בשום אופן נישט זיין דער ציל פון דערווירקלעכער פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע.

„איך דענק, אַז די ווייסנשאַפט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע דאַרף גע־בויט ווערן גאַנץ אַנדערש. זי דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן ווי אַ נאַטור-ווייסנ־שאַפט און דאַרף זיך שטעלן אַ נייעם ציל. זי דאַרף אָננעמען אין באַצוג צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַ שטעלונג, ענלעך צו דער, וואָס עס האָט די פיזיאָ־לאָגיע אין באַצוג צו די פלאַנצן און חיות. זי דאַרף ווערן די פיזיאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט. זי דאַרף זיך שטעלן דעם ציל, צו שטודירן די אַלץ גרעסערע באַ־דערפענישן פון דער געזעלשאַפט, און די פאַרשידענע מיטלען, וואָס ווערן באַ־נוצט אויף זיי צו באַפרידיקן. זי דאַרף באַטראַכטן די דאָזיקע מיטלען און זען אויף וויפל זיי האָבן פריער געטויגט און טויגן איצט צו דעם ציל, און, לסוף, אַזוי ווי דער ענד־ציל פון יעדער ווייסנשאַפט איז אַ פאָראויסזאָגונג, די אָנווענ־דונג צום פּראַקטישן לעבן (בעקאָן האָט דאָס שוין לאַנג אָנגעוויזן), דאַרף זי שטודירן די אופנים פון אַ בעסערער באַפרידיקונג פון אַלע היינטיקע באַדערפע־

נישן, די אופנים וויאזוי צו באקומען, מיט א וואס-קלענערן פארלוסט פון ענער־גיע, די בעסטע רעזולטאטן פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט".

אויף דעם גרונט האט קראפאטקין, להיפוך צום רוב פארטרעטער פון דער פאליטישער עקאנאמיע, וואס האבן כמעט זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט קודם כל, געשענקט דער אויסארבעטונג פון סחורות, ארויסגערוקט אויפן ערשטן פלאן די באפרידיקונג פון די מענטשלעכע באדערפעניש. אויפן ערשטן קוק איז אט־דער חילוק זייער א קליינער, ער האט אבער א זייער טיפע באדייטונג. דאס שאפן מאטעריעלע אוצרות אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, וועמעס כאראק־טעריסטישער שטריך איז די באדייכערונג פון יחידים אויפן חשבון פון דער גע־זעלשאפט, שפילט די גרעסטע ראל. ביי קראפאטקינען, אבער, איז דער צוגאנג אינגאנצן אן אנדערער. צופירנדיק די באציאונגען צווישן דער פראדוקציע און געברויך צו זייער נאטירלעכער גרונטלאגע, בלייבט פאר קראפאטקינען די פרא־דוקציע שטענדיק דאס מיטל צום ציל. די אויפגאבע פון דער פראדוקציע — איז צו באפרידיקן די מענטשלעכע באדערפעניש. אין אט־דער אויפגאבע ליגט איר גאנצע באדייטונג. ביי א שכלדיקער ארדנונג, וואלט דאס ערשטע ארט באדארפט פארנעמען דער שטודיום פון די מענטשלעכע באדערפעניש, און אויפן סמך פון די רעזולטאטן פון אזא שטודיום, וואלט מען באדארפט בויען די פראדוקציע. איצט, אין דער עפאכע פון דער קאפיטאליסטישער ראציאנאליזאציע פון דער ווירטשאפט, וואס ס'האבן אזוי ווארעם אנגענומען די פארטרעטער פון דעם פאליטישן סאציאליזם און די פראפעסיאנעלע פאראייגען, וואס געפינען זיך אונטער זייער השפעה, זעט מען די גאנצע באדייטונג פון קראפאטקינס שטאנד־פונקט אין אט־דער פראגע, וואס ווערט מיט יעדן טאג אלץ שארפער: ד ע ר מ ע נ ט ש — פ א ר ד ע ר ו ו י ר ט ש א פ ט, א ד ע ר ד י ו ו י ר ט־ ש א פ ט — פ א ר ד ע ם מ ע נ ט ש ?

קראפאטקין איז, אדאנק אט־די פארשונגען, געקומען צו גאנץאנדערע רע־זולטאטן ווי דער רוב סאציאליסטן, וועלכע זענען ארויסגעגאנגען פון דער הנחה, אז ביי דער איצטיקער ווירטשאפטס-סיסטעם פראדוצירן די מענטשן א סך מער, ווי ס'איז נויטיק אויף צו באפרידיקן אלע זייערע באדערפעניש. פארקערט, ביי די איצטיקע פראדוקציע־אומשטענדן, פראדוצירט מען גאר א סך ווינציקער, ווי ס'איז נויטיק אויף צו באפרידיקן אונדזערע לעבנס־נויטיקע באדערפעניש. און שולדיק אין דעם איז דאס, וואס די פראדוקציע, וואס ליגט אין די הענט פון דעם קאפיטאליזם, גייט אויף א גאר פאלשן וועג. דארום, אויב די מענטשן וועלן נאך דער איבערקערעניש ארבעטן אויפן אלטן שטייגער, וועט דאס פארוואנדלען דעם מערוווערט, וואס גייט איצט אין די קעשענעס פון די קאפיטאליסטן, צום נוצן פון דער גאנצער געזעלשאפט, זיין ווייט נישט גענוג. ניין! מיר דארפן זיך שטעלן אויף דעם שטאנדפונקט, אז די גאנצע פראדוקציע דארף איבערגעבויט און רעגו־לירט ווערן אויף א גאנץ נייעם פונדאמענט, אויף וועלכן די גאנצע סחורות־

אויסאַרבעטונג זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַזאַ הויך, וואָס זאָל דערלויבן צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פֿון זאַטקייט פֿאַר אַלע.

זיך שטיצנדיק אויף גענויע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, ווייזט אונדז קראָפּאָטקין, אַז ס'איז גאָר נישט קיין אוטאָפּיע צו רעדן וועגן דער מעגלעכקייט פֿון אַזאַ צושטאַנד. ער דערווייזט אונדז, אַז ביי אַ ווירקלעך־ראַציאָנעלער, פּלאַנירטער אָרגאַניזאַציע פֿון דער ווירטשאַפֿט, קאָן די פּראָדוקציע שטייגן צו אַן אומגעווייִנלעכער הויך. נאָר צוליב דעם, מוז מען, קודם־כּל, זיך באַפֿרייען פֿונעם בלינדן גלויבן אין דער אומבאַדינגטער נויטיקייט פֿון דער היינטיקער „אַרבעטס־צעטיילונג" און אין דעם פּראָדוקציע־צענטראַליזם, — אַ גלויבן, וואָס איז געוואָרן אַ פֿעסטע דאָגמע פֿון אונדזערע עקאָנאָמיסטן און פֿון דעם רוב סאָציאַליסטן, און וואָס פֿאַרפֿאָלגט אונדז, ווי אַ קאָשמאַר. די גרויסע באַגרינדער פֿון דער מאָדערנער פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבן דערזען אין אָט־די צוויי דערשייִנונגען די אַנטפּלעקונג פֿון אַ נייער עפּאָכע פֿול מיט אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן. דער איינדרוק פֿון אָט דער נייער לערע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפֿילו אינעם סאָציאַליסטישן לאַגער האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן די היינטיקע צעטיילונג פֿון דער אַרבעט און די צענטראַליזאַציע פֿון דער האַנדלס־פּראָדוקציע, אַלס היסטאָריש־נויטיקע פֿאָרבאַדינגונגען צום פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. אָבער אין דער אמתן, זענען דאָס פֿאָרבאַדינגונגען בלויז אויפֿצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָטאַציע־סיסטעם, וואָס איז אין שאַרפֿער סתירה צום סאָציאַליזם. טויזנטער סימנים אין אַלע צווייגן פֿון דעם היינטיקן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן דערווייזן אונדז, וואָס פֿאַראַ שעקלעכע פֿאָלגן און געפֿאַרן עס באַהאַלט אין זיך די דאָזיקע אומגעזונטע סיסטעם פֿאַר דער פֿיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוצירער, און פֿאַרן נאָרמאַלן צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט.

ביי אונדז לויבט מען ביי יעדער געלעגנהייט די מעלות פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס וואָלט ווי באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן סאָציאַליזם, און מען פֿאַרזיכערט אונדז, אַז אָט־די פֿאָרם פֿון פּראָדוקציע וועט, אונטער אַ סאָציאַליסטישער אַדמיניסטראַציע, באַגרעניצן ביז מינימום די אַרבעטס־צייט, ווי גלייך אָט־די ריין־מעכאַנישע פֿאָרשטעלונג וועגן דער אַרבעט, וואָס האָט געצוואונגען די איצטיקע רוסישע קאָמוניסטישע רעגירונג זינגען הימנען דעם טיילעריזם און פֿאָרדיזם, האָט עפּעס אַ שייכות צום סאָציאַליזם. די זאַך איז, אינעם לעצטן אונטערצי, נישט אין דעם, אַז דער מענטש זאָל אַרבעטן וואָס־ווייניקער, נאָר אין דעם, אַז זיין אַרבעט זאָל אים ברענגען פֿרייד, אַז דער שעפֿערישער דראַנג זאָל געפֿונען זיין באַפֿרידיקונג אין דער אַרבעט; מיט איין וואָרט — די אַרבעט דאַרף באַניים ווערן אַ קונסט. דער אָפֿענער אָפּגרונט צווישן דער אינדוסטריע און דער לאַנדווירטשאַפֿט, דער אומגליקלעכער היפּוך פֿון דער גייסטיקער אַרבעט צו דער האַנט־אַרבעט — זענען לעבעדיקע עדות פֿון אונדזער ירידה. נישט די

צענטראַליזאַציע, נאָר די דעצענטראַליזאַציע פון דער אינדוסטריע, נישט די צעטיילונג פון דער אַרבעט נאָר איר אינטעגראַציע, דאַרפן ווערן דער לאָזונג פון אונדזער ווירטשאַפט־לעבן לעבן, אין דער ריכטונג — איז דער וועג צום סאָציאַליזם.

קראָפּאָטקין ווייזט אונדז די טעותלאָזע סימנים פון אַט־דער נייער אַנטוויקלונג, וואָס איז באַרופן צו איבערבויען אונדזער דערציאונגס־סיסטעם און אַנטוויקלען די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער אינדוסטריע צו אזא מדרגה, אז זי זאָל קענען לייכט באַפרידיקן אַלע פאָדערונגען, וואָס זיינען נויטיק אויף צו פאַרזיכערן אַ גוט לעבן פאַר יעדן.

די דאָזיקע איבערצייגונג האָט אים געצוואונגען צו קעמפן קעגן אַלע פאָרמען פון לוין־אַרבעט, אַרויסצוטרעטן פאַרן רעכט אויף פאַרגעניגן און אָפּוואַרפן יעדן פּרואוו צו אָפּשאַצן און אויסמעסטן די אַרבעט, לויט איר ווערט פאַר דער געזעלשאַפט. דערום לייקנט ער פּרינציפּיעל אָפּ, ווי אַ אומבאַגרינדעטן גדאַנק, דעם חילוק, וואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן געמאַכט, און וואָס אַפילו מאַרקס האָט אָנערקענט, צווישן דער „איינפאַכער” און „קוואַליפיצירטער” אַרבעט. ער דערווייזט אונדז פּשוט, אַז ריקאַרדאָס, פּרודאָנס און מאַרקס באַהויפּטונג, אַז די ווערט פון דער סחורה ענדערט זיך דורך דער געזעלשאַפטלעך־נויטיקער אַרבעט, וואָס מען האָט פאַרווענדט אויף זי צו פּראָדוצירן, איז אַ פרוכטלאָזע אַבסטראַקציע, הוילע חקירה, אָן שום ווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט. דער טויש־ווערט און די סומע אַרבעט געפינען זיך נישט אין פּראָפּאָרציאָנעלער שייכות — זיי זיינען נישט מאָסגעבנדיק. קראָפּאָטקין איז נישט קעגן אדאַם סמיט׳ס דערקלערונג, אַז די טויש־ווערט פון דער סחורה שטייגט מיטן וואוקס פון דער אַרבעט, וואָס מען האָט אויף איר פאַרווענדעט. אָבער ער מאַכט דערפון דעם אויספיר, אַז אדאַנק דעם זיינען די צוויי מאָסן פּראָפּאָרציאָנעל. זאָגן, אַז איינע איז דער מאָסשטאַב פון דער צווייטער, — וואָלט געווען אַ גרויסער טעות, ווי עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו זאָגן, למשל, אַז די צאָל רעגן, וואָס וועט מאָרגן אויספאַלן, וועט זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל מילימעטער, אויף וויפל דער באַראָמעטער וועט אַראָפּזינקען אונטערן דורכשניטלעכן ניוואָ, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם אָנגעגעבענעם אָרט אין אַ באַשטימטער צייט פונעם יאָר.

אָבער, נישט נאָר די עקאָנאָמישע פראַגע באַשעפטיקט קראָפּאָטקינען. די גרויסע געזעלשאַפטלעכע איבערקערעניש, צו וועלכער מיר דערנענטערן זיך, וועט ענדערן פון אונטן אַרויף נישט נאָר די ווירטשאַפטלעכע יסודות פון דער געזעלשאַפט, נאָר זי וועט אויך גרינטלעך איבערבויען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אונדזער צייט. יעדער אַטאַקע אויף דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, דאַרף דערום אויך זיין אַן אַטאַקע אויף דער הערשאַפט פונעם שטאַט. די צענטראַליסטישע

אָרגאַניזאַציע פון דעם היינטיקן שטאַט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ערשט במשך פונעם 16־טן יאָרהונדערט איז נישט קיין פּריוואָליקע פאַרמירונג, נאָר אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון די גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס זענען אין יענער צייט פאָרגעקומען אינעם רוב אייראָפּעאישע לענדער. אין שייכות מיט דער אויסברייטערונג פון דעם פּריוואַטן מאָנאָפּאָל, מיט דער איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן, און אין צוזאַמענהאַנג מיטן סיסטעמאַטישן אונטערדריקן די אַלע קולטורעלע פאַראייניגען, וואָס האָבן זיך באַזירט אויף פעדעראַליסטישע יסודות, איז פאַר די הערשנדיקע קלאַסן אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ אינסטיטוט, אויף צו פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס און איינהאַלטן די פּאָליטישע מאַכט. אַזאַ אינסטיטוט איז געוואָרן דער מאָדערנער שטאַט — די צענטראַליזאַציע פון דער פאַרוואַלטונג און דאָס קאָנצענטרירן די געזעלשאַפטלעכע מאַכט אין די הענט פון יחידים, וואָס דאָס איז אין דער אמתן, די אָרגאַניזירטע גוואַלט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, אָדער, ריידנדיק מיט קראָפּאָטקינס שפּראַך: — „אַ געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג, געשאַפן צווישן דעם ערדבאַזיצער, מיליטערמאַן, ריכטער און גלח, כדי פאַרזיכערן פאַר יעדן איינעם פון זיי די מאַכט איבערן פאָלק, און די עקספּלאָטאַציע פון דער אָרעמקייט".

צוזאַמען מיטן פאַרניכטן די עקספּלאָטאַציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן, וועט אויך נעמען אַ סוף צו דער מאַכט פון איין מענטשן איבערן צווייטן. צוזאַמען מיט דעם אייגנטום־מאָנאָפּאָל, דאַרף אויך פאַרשווינדן ווערן פון דער געזעלשאַפט דער מאַכט־מאָנאָפּאָל. די צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט דער פעדעראַציע פון זעלבסטשטענדיקע געמיינדעס; אויפן אָרט פון דער צוואַנג-געזעץ — פרייע אָפּמאַכן. קראָפּאָטקין זעט שוין סימנים פון דער דאָזיקער נייער אַנטוויקלונג און הונדערטער און טויזנטער אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטלעכע פאַראייניגען וואָס נעמען אַרום אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, — אין אָרגאַניזאַציעס און פאַראייניגען, וועמעס טעטיקייט און עקזיסטענץ שטיצט זיך בלויז אויפן פרייען אָפּמאַך פון זייערע מיטגלידער. דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם איז פאַר אים, אַזוי־אַרום, אַ מין סינטעז פון צוויי גרויסע גייסטיקע ריכטונגען, אויפגעבויט פון נייע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע שטרעמונגען, וואָס זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צווייטער העלפט פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט. צוזאַמען מיט די אַנדערע סאָציאַליסטן איז קראָפּאָטקין איבערצייגט, אַז דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון דער ערד, פון איר אונטערגרונט, אויפן קאַפּיטאַל און אַרבעטס־מכשירים דאַרף פאַרשוואונדן ווערן; אַז די אַרבעטס־אינסטרומענטן און דאָס געזעלשאַפטלעכע רייכטום דאַרף ווערן דאָס אייגנטום פון דער געזעלשאַפט און דאַרף פאַרוואַלטעט ווערן פון די, וואָס שאַפן אליין דאָס געזעלשאַפטלעכע עשירות. צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון דעם פּאָליטישן ראַדיקאַליזם האַלט זיך קראָפּאָטקין ביי דער מיינונג, אַז די פונקציע פון דער מלוכה דאַרף דערפירט ווערן ביז מינימום,

און אַז יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט דאַרף געגעבן ווערן די פרייהייט פון איניציאַטיווע און דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. וואָס איז שייך דעם סאָציאַליזם, דערפירט אים קראָפּאָטקין ביז דעם עקסטרעמען אויספיר. ער דערגייט ביזן פולשטענדיקן אָפּלייקענען די סיסטעם פון אַרבעטס-לוין, — ביזן קאָמוניזם. אין באַצוג צום פּאָליטישן ראַדיקאַליזם איז ער אויסגעהאַלטן ביזן סוף, נישט איבערלאָזנדיק גאָרנישט פאַר דער רעגירונגס-פונקציע; ער דערגייט ביז אַ געזעלשאַפט אָן אַ פּאָליטישער פאָרם פון מאַכט, — ביז אַנאַרכיע.

קראָפּאָטקין האָט געגוג קלאָר דערוויזן אין זיינע אויסגעצייכנטע ווערק — „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם", און באַזונדערס אין דעם מערקווירדיקן בוך, „קעגנזייטיקע הילף צווישן מענטש און חיות" וואָס עפנט אונדז אַ נייעם צוגאַנג צו די נאַטור-דערשיינונגען און גיט אַ גאַנץ נייעם באַגריף וועגן דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט — אַז זיין פאָרשטעלונג וועגן די טענדענצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, איז בשום אופן נישט קיין נעבלהאַפטע פאָרשטעלונג פון אַ אידעאַליסט, וואָס איז אָפּגעריסן פונעם לעבן און פאַר וועמען דער וואונטש איז דער פאָטער פונעם געדאַנק.

די אָנגעזעענסטע פאַרטרעטער פון דער מאָדערנער נאַטור-וויסנשאַפט האָבן צענדליקער יאָרן אויסגעטייטשט דאַרווינס „קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ" אויסשליסלעך אין דער הינזיכט, אַז צווישן די אינדיווידומס פון איין און דעם זעלבן מין קומט פאָר אַן אומאיבערגעריסענער קאַמף, און אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף זיגן די שטאַרקע, און די שוואַכע קומען אום. אין אַט-דעם קאַמף האָבן זיי געזען דעם פאָרבאַדינג פאַר דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב פון די בעסטע און פעאיקסטע. די פאָרשטייער פון דעם אַזוי-גערופענעם „סאָציאַלן דאַרוויניזם" האָבן אויך-גיך אָנגעווענדעט די דאָזיקע טעאָריע צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז בלומרשט אונטערגעוואָרפן די זעלבע נאַטור-געזעצן.

און אָט איז געקומען קראָפּאָטקין און אויפן גרונט פון אַ רייכן מאַטעריאַל דערוויזן, אַז אַזאַ פאָרשטעלונג וועגן דער נאַטור איז בלויז אַ נאַרישע קאַריקאַטור אויף די אמתע לעבנס-פאַקטן. קראָפּאָטקין האָט געוויזן, אַז איינצייטיק מיט אָט-דער גראָבער פאָרם פונעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, איז פאַראַן נאָך אַ צווייטע פאָרם, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין דער געזעלשאַפטלעכער פאַראייניקונג פון די שוואַכערע מינים און אין זייער אָנווענדן אין דער פראַקטיק די קעגנזייטיקע הילף. אָט-די צווייטע פאָרם פונעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, סיי פון דעם יחיד, סיי פון דעם גאַנצן מין, איז אַ מער ווירקזאַמער פאַקטאָר, ווי די ברוטאַלע מלחמה מיט ציין און נעגל. דאָס באַשטעטיקט זיך דורכן מערקווירדיקן רעגרעס פון יענע מינים, וואָס לעבן אָפּגעזונדערט, און דערהאַלטן זיך בלויז מיט דער הילף פון זייער פיזישן כוח.

קלאָרער פון אַלעס זעט מען עס אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אין יעדער פאַזע פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג באַגעגענען מיר אַ סך טויזנטער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און מנהגים, אין וועלכע דער

אינסטינקט פון קעגנזייטיקער הילף און סאָלידאַריטעט געפינט זיין אויסדרוק. ביי ווילדע שבטים, אין דער דאָרפישער געמיינדע פון די באַרבאַרן, אין די באַלמע־לאָבישע צעכן פון מיטלאַלטער און אין די אומצאָליקע אָרגאַניזאַציעס און אינס־טיטוציעס פון אונדזער צייט ווירקט און שאַפט דער גייסט פון קעגנזייטיקער הילף און ער ווייזט זיך אומעטום אַרויס, אַלס דער מעכטיקסטער פאַקטאָר פון אונדזער סאָציאַלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. אפילו דער שטאַט, וואָס איז בשום אופן נישט „דער פאַרטיידיקער פון די שוואַכע, קעגן דעם ווילקיר פון די שטאַרקע״, ווי מען באַצייכנט אים אָפט, און איז מער פון אַלעם דער גראָבער אופן פונעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, אפילו ער איז נישט געווען בכוח צו שטערן די מאַניפעסטירונג פון דעם סאָציאַלן געפיל, נישט קוקנדיק אויף זיין נאָמירלעכער, אָפענער קעגנערשאַפט צו יעדער איניציאַטיוו, וואָס קומט פון אונטן.
די באַדערפעניש צו העלפן אַ צווייטן, דער אינסטינקט פון געמיינשאַפטלעכקייט, פון קעגנזייטיקן מיטגעפיל — דאָס זענען אייגנשאַפטן, וואָס דער מענטש האָט דערוואָרבן אָן אויסערלעכן צוואַנג, און אָן אָנווייזונגען פון אויבן. זיי אַנטוויקלען זיך ספּאָנטאַן אין דער טיפעניש פון די מאַסן, און זיי זענען דער ווערטפולסטער רעזולטאַט פון דער געמיינשאַפטלעכער עקזיסטענץ. ווייל נישט דער מענטש האָט אויסגעטראַכט די געזעלשאַפט, נאָר די געזעלשאַפט האָט פון אים געמאַכט דאָס, וואָס ער איז איצט. די פון לאַנג פאַרשוואונדענע מינים, וועלכע דער מענטש דאַרף באַטראַכטן פאַר זיינע אָבות, האָבן אים איבערגעלאָזט בירושה דעם געזעלשאַפטלעכן אינסטינקט, וואָס האָט אים געגעבן דאָס ריכטיקע געווער אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. נישט די באַגייסטערונג פון די גרינדער פון רעלי־גיעס, נישט די חכמה פון די שטאַטסמענער, נישט דער צוואַנג פון די געזעצן און נישט די אבסטראַקטע עטיק פון די פילאָזאָפן זיינען געווען אומשטאַנד צו געבן דער געזעלשאַפט דאָס נויטיקע געפיל פון מאָראַלער גלייכגעוויכט, וואָס דער מענטש האָט דעראָבערט אַדאַנק די לעבעדיקע פּרינציפּן פון סאָלידאַריטעט און קעגנזיי־טיקער הילף, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט פון דער געזעלשאַפטלעכער באַדערפע־ניש פונעם לעבן גופא, און וואָס האָבן אָנגענומען אינעם לויף פון טויזנטער יאָרן אַלץ מער דערהויבענע פאָרמען. אפילו די רעטונג, וואָס די מענטשן דערוואַרטן פון דער מלוכה און פון די קאָנסטיטוציעס, ליגט אין זיי גופא, כאָטש אָט־דער אמת האָט נאָך נישט דערגרייכט צום באַוואוסטזיין פון דעם רוב פון זיי.

„אין דער מענטשהייט איז פאַראַן אַ קערן פון געזעלשאַפטלעכע געוואוינ־הייטן, וואָס זי האָט באַקומען בירושה פון די פאַרגאַנגענע צייטן און וואָס איז נאָך נישט גענוג אָפּגעשאַצט. נישט דורך צוואַנג האַלטן זיך די דאָזיקע געוואוינ־הייטן אין דער געזעלשאַפט, ווייל זיי זענען העכער און עלטער פון יעדן צוואַנג. און אויף זיי שטיצט זיך דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, און אַזוי לאַנג, ווי די מענטשהייט וועט נישט אָנהויבן ווערן דעגענערירט פיזיש און גייס־טיק, קענען די דאָזיקע געוואוינהייטן נישט פאַרניכטעט ווערן, נישט דורך דער קריטיק פון די מענטשן, וועלכע לייקענען אָפּ די גאַנגבאַרע מאָראַל, און נישט

דורך צייטווייליקע רעוואָלטן קעגן זיי"*). די דאָזיקע קראָפּאָטקינס ווערטער גיבן אונדז די מעגלעכקייט טיפער אריינצוקוקן אין די מאָראַלע פאר-הנחות פון אלע גרויסע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען און איבערקערענישן, ווי די פארטרעפלעכסטע פאָקוסן פון אונדזערע דיאַלעקטיקער.

קראָפּאָטקינס „עטיק", אַ נישט־פאַרענדיקטע, צום באַדויערן, איז אין דער אמתן נאָר אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון זיין גראַנדיעזער פילאָסאָפיע וועגן קעגנזייטיקער הילף, אַ לערע, וואָס איר מקור ליגט נישט אין דער אַנטפּלעקונג פון די רעליגיעס, און נישט אין די פאַרפּלאָנטערטע פאָרשטעלונגען פון די מעטאַפיזישע פּילפּולים, נאָר אין דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, פון וועלכן עס שטאַמט, גאַנץ נאַטירלעך, דאָס געפיל פון קעגנזייטיקייט, וואָס געפינט זיין העכסטן אויסדרוק אין דער אידייע פון פערזענלעכער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אין זיין אויסגעצייכנטער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט קראָפּאָטקין צום ערשטן מאָל אָנגעווענדעט זיין מיינונג צו דער שעפערישער איניציאַטיוו און טעטיקייט פון די מאסן אין אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע, — די וויכטיקסטע און דראַמאַטישסטע עפּאָכע אין דער מאָדערנער געשיכטע. נישט די געשיכטע פון דעם „רעוואָלוציאָנערן קאָנוועגט" און פון די יאַקאָבינער דערציילט אונדז קראָפּאָטקין. די דאָזיקע זייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז שוין גענוג אויסגעפאָרשט און אויסגעטייטשט געוואָרן פון אַזעלכע היסטאָריקער, ווי מישלע, לואי בלאַן און הונדערטער אַנדערע. אונדז האָט געפעלט דיווירקלעכע פאָלקס-געשיכטע פון דער רעוואָלוציע; די באַשרייבונג פון די גרויסע באַוועגונגען פון די פויערים און שטאָטישע פּראָלעטאַריער, וועמען די היסטאָריקער האָבן כמעט אינגאַנצן איגנאָרירט, מעגלעך דערפאַר, ווייל אין זיי פעלט דער רעטאָרישער גלאַנץ און די גריכישע פּאָזע. פונדעסטוועגן, האָבן דווקא די דאָזיקע פאָלקס-באַוועגונגען געהאָלפן דעם גרויסן שטורעם פון סוף 18-טן יאָרהונדערט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ רעוואָלוציע. אָט וועגן דעם דאָזיקן שטורעם דערציילט אונדז קראָפּאָטקין. אויפן גרונט פונאַ רייכן, אומאויסשעפּלעכן מאַטעריאַל ווייזט ער אונדז, אז „די גרויסע מענטשן פונעם קאָנווענט" זענען בכלל נישט געווען יענע ליידנשאַפטלעכע אינספּיראַטאָרס און פירער, וועלכע האָבן געגעבן דעם שטורעם דער באַוועגונג פון די מאַסן. פאַרקערט. די דאָזיקע מענטשן, וועמעס נעמען די געשיכטע האָט אַרומגערינגלט מיטן אָרעאָל פון העלדן, האָבן אין אָנהויב בלויז געחלומט פון באַשיידענע רעפאָרמען און זענען געווען גרייט זיך צו באַפרידיקן מיט אַ וועלכער ס'ניט איז הנחה מצד דער קעניגלעכער מאַכט, ווען דאָס פאָלק זאָל זיי נישט געווען טרייבן אויף כוח פאָראויס, שטעלנדיק זיי פאַר געשעענע פאַקטן. די מערהייט פון די דאָזיקע פירער האָט זיך געוואַקלט פון רעכטס אויף לינקס, און פון לינקס אויף רעכטס. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר יעדן געדאַנק פון אַן ענערגישער האַנד־

*) קראָפּאָטקין, „מעמוארן" פון א רעוואָלוציאָנער".

לונג, און נאָר די ענערגישע האַנדלונגען פון די פאָלקס־מאַסן זענען געווען בכוח זיי צו צווינגען זיין אַקטיוו. נאָך אין 1792 האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג געמאַכט אַ פּרואוו צו פאַרטיידיקן די פעאָדאַלע רעכטן, און אינעם זעלבן יאָר האָבן די יאַקאָבינער אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אַ רעפּובליק, און זיך דער־קלערט אַלס אָנהענגער פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, כאָטש ס'איז אַר־מעטום און יעדן געווען באַוואוסט, אז דער קעניגלעכער הויף האָט פאַראַטן פראַנקרייך.

די רעוואָלוציע האָט זיך באַוועגט פאָראויס, אין יעדן קריטישן מאָמענט פון איר אַנטוויקלונג, דורכן פאָלק, דורך די רעוואָלוציאָנערע טאַטן פון די נאָ־מענלאָזע און אומבאַוואוסטע, וועלכע האָבן צעשטערט די פעסטונג פון דער טי־ראַניע. די ספּאָנטאַנע באַוועגונג פון די מאַסן איז געווען די קראַפט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די פעאָדאַלע רעכטן, צו די רעשטלעך פונעם לייב־אייגנטום צוזאַמען מיט דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, וואָס האָט פאַריאָגט די אַרמייען פון די פאַראייניקטע מלכים אין אייראָפּע, און געמאַכט פּלאַץ פאַר א נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די אייראָפּעאישע פעלקער.

ווי טיף און אמתדיק ס'זענען קראָפּאָטקינס ווערטער, ווען ער באַשרייבט דאָס אַנטלויפן פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, וועלכע איז אין דער לעצטער מי־נוט פאַרהאַלטן געוואָרן, אַדאַנק דער ענערגישער האַנדלונג פון דעם פּאָסטמייס־טער דרועט און נאָך עטלעכע רעוואָלוציאָנערן פון דער פאָלקס־מאַסע:

„דרועט, וועלכער האַנדלט אויף אייגענער איניציאַטיוו און צעשטערט אַלע פּלענער פון די פּאָליטישע חכמים — דער דאָזיקער פּויער, וועלכער לאָזט לויט אייגענער אינספּיראַציע אין גאַלאָפּ זיין פערד איבער וועגן און טאָלן נאָכיאָגנדיק דעם קעניג, דאָס איז דער סימבאָל פון פאָלק גופא, וואָס ווערט פון דער מינוט אָן, אין אַלע קריטישע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע, נעמען די זאַך פון דער באַ־פרייאונג אין זיינע הענט, און אָנפירן מיט די פּאָליטיקער"*).

קראָפּאָטקינס געשיכטע פון דער רעוואָלוציע דערמאָנט, נישט־ווילנדיק, דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון זיין גרויסן לאַנדסמאַן, ל. טאָלסטאָיס „קריג און פרידן". אויך טאָלסטאָי צעשמעטערט אָן רחמנות דעם העלדן־קולט פון אונדזערע געשיכ־טע־שרייבער, און ווייזט די מענטשלעכע, און אָפט די צופיל מענטשלעכע זייטן פון די העלדן, באַזונדערס פון נאַפּאָלעאָנען, אין זייער גאַנצער פּראָזאַישער ווירקלעכקייט. טאָלסטאָי ציט אויך צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט צום פאָלקס־מענטשן, וואָס דערפילט זיין חוב אָן פּאָזע און מליצה, וועלכער טראָגט זיין קרייץ נישט טראַכטנדיק דערפון, אַז דאָס איז ער טאַקע דער העלד פון דער רומפולער עפּאָכע, וואָס דערמאָנט מיט איר באַשיידענעם גלאַנץ די מער דערהאַבענע גע־

*) קראָפּאָטקין „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע".

שיכטלעכע עפּאָכעס. קראָפּאָטקין האָט מיט פאַקטן פון דעם היסטאָרישן עבר דער־וויזן דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט געפילט אינטואיטיוו. ווער ס'האָט געלייענט און גוט פאַרשטאַנען קראָפּאָטקינס ווערק וועגן דער גרויסער רעוואָלוציע, אויף יענעם מאַכט שוין נישט קיין איינדרוק קאַרליילס העלדן־קולט און פון זיינע פילצאָליקע אָנהענגער. יענער זעט די עכטע דערהויבנקייט פון דעם מענטשלעכן לעבן אין אַנדערע געביטן, און פאַר זיינע אויגן עפנט זיך די צוקונפט פון דער מענטשהייט אין גאַנץ אַנדערע פּערספּעקטיוון.

אין דעם זין איז קראָפּאָטקין פאַר אונדז דער פּיאָנער פון אַ נייעם באַ־וואוסטזיין; אַ וועגווייזער, וואָס האָט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג פון דער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס פירט אונדז צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד פון דעם אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם.

## מאַריאַ קאָרן

# קראָפּאָטקינס קאָמוניזם

קראָפּאָטקין האָט באַטראַכט דאָס אויסאַרבעטן די טעאָריע פון דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם אַלס וויכטיקסטן בייטראָג צו דער טעאָריע פון דעם אַנאַרכיזם. און ווירקלעך, וועלכער איז געווען דער עקאָנאָמישער אידעאַל פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג ביז קראָפּאָטקין איז, אין 1897, אַרויסגעטראָטן אין דער צייטונג „רעוואָלטע" מיט דער רייע באַרימטע אַרטיקלען, מיט וועלכע מען האָט דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט דעם בוך „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער?".

אין דער עפּאָכע, ווען מען האָט געגרינדעט דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט די סאָציאַליסטישע לערע זיך אַנטוויקלט אין צוויי ריכטונגען: פון דעם מלוכהשן קאָמוניזם און פון דעם פּרודאָניזם. די קאָמוניסטן האָבן געשטרעבט צו קאָנצענטרירן די עקאָנאָמישע מאַכט אין די הענט פונעם שטאַט און אויסבויען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן לויט דעם מיליטערישן מוסטער: אַ שטרענגע דיסציפּלין, „באַטאַליאָנען" און „אַרבעטס־אַרמייען". אָבליגאַטאָרישער געזעלשאַפטלעכער געברויך אין אַ קאַזאַרמע־אַטמאָספערע א.א.וו. דער קאָמוניזם פון לואי בלאַן און קאַבע איז טאַקע געווען אַזאַ מין „מיליטערישער קאָמוניזם", וואָס כאָטש ער האָט פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ „יעדן לויט זיינע באַדערפענישן", האָבן די באַדערפענישן גופא געזאָלט באַשטימט ווערן פון אויבן, לויט דער אייגנאַרטיקער סיסטעם פון „שפּייז-פּאַרטיילונג". פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ סאָרט געזעלשאַפטלעכער אידעאַל האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן די פרייע מוחות. און פּרודאָן האָט אַרויסגעשטעלט אַ סכעמע פון אַ גאַנץ נייעם, קעגנזעצלעכן סאָרט. זיין צוקונפטיקע ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג שטיצט זיך אויפן באַגריף פון גלייכקייט און קעגנזייטיקייט; די פּראָדוקציע און טויש זיינען אויפגעשטעלט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות; די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט טוישן זיך מיט גלייכווערטיקע לייסטונג און גלייכווערטיקע פּראָדוקטן. די פּריווילעגיעס פונעם קאַפּיטל ווערן אַזוי אַרום באַזייטיקט. נאָר דאָס פּריוואַט־אייגנטום — אמת, דאָס אויסשליסלעך אַרבעטס־אייגנטום — פאַרבלייבט. און דער באַגריף וועגן זיין פאָרגעזעלשאַפטלעכונג, גייט נישט אַריין אין דער דאָזיקער סכעמע.

שוין אין די ערשטע יאָרן פונעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן סיי דער צווייטער אידעאַל אויפגעהערט באַפרידיקן די פּראָגעשריטענע אידעאַליסטן, און אויף די קאָנגרעסן פון 1867 און 1868 האָט מען אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון געמיינשאַפטלעכן (נישט דעם שטאַטלעכן) אייגנטום פון דער ערד און ארבעטס־אינסטרומענטן. אין די ווייטערדיקע יאָרן, אינעם ברען פון באַקונינס טעטיקייט, האָט מען ברייטער אַנטוויקלט דעם דאָזיקן געדאַנק און ער איז געוואָרן, אונטערן נאָמען „קאָלעקטיוויזם", די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פון דעם פעדעראַליסטישן טייל אינעם אינטערנאַציאָנאַל. דער זין פונעם וואָרט „קאָלעקטיוויזם" איז שפּעטער פּאַרקריפּלט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים, נאָר דעמאָלט האָט דאָס באַדייט: דער געמיינשאַפטלעכער („קאָלעקטיווער") באַזיץ פון דער ערד און די ארבעטס־מכשירים, און די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיילונג אינערהאַלב יעדער געמיינדע, וואָס באַטייליקט זיך אין דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע, אין איינקלאַנג מיט די פאַרלאַנגען פון די געמיינדע־מיטגלידער. די מיטגלידער פונעם אינטערנאַציאָנאַל האָבן באַצייכנט דעם „קאָלעקטיוויזם", אלס נישט־מלוכהשן, פעדעראַליסטישן קאָמוניזם זיך אָפּגרענעצנדיק אזוי ארום פון דעם מלוכהשן צענטראַליזירנדיקן קאָמוניזם פון קאַרל מאַרקס, באַבעפס, לואי בלאַנס און קאַבעס פראַנצויזישע אָנהענגער. און טאַקע אזוי דאַרף מען פאַרשטיין באַקונינס ווערטער, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אויף אַ קאָנגרעס: „איך בין נישט קיין קאָמוניסט, איך בין אַ „קאָלעקטיוויסט". ווען די קאָלעקטיוויסטן פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: „יעדן דעם פולן פּראָדוקט פון זיין ארבעט", האָט דאָס נישט באַדייט, אַז עמיצער וועט אָפּשאַצן און באַלוינען די ארבעט; דאָס האָט נאָר באַדייט, אַז די ארבעט וועט נישט עקספּלואַטירט ווערן, און אַז אַלע פּראָדוקטן וועלן גיין לטובת די ארבעטנדיקע. די פראַגע ווי אזוי די פּראָדוקטן וועלן צעטיילט ווערן איז געבליבן אָפן צום לייזן פאַר יעדער געמיינדע באַזונדער.

נאָר מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אידעע, האָט דער קאָלעקטיוויזם אין אזאַ פאָרם אויפגעהערט צו באַפרידיקן. און דער געדאַנק פון די מיטגלידער אינעם אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעהויבן זוכן אַ באַשטימטן ענטפער אויף דער אָפן־געבליבענער פראַגע. אזא ענטפער, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיטן פּרינציפּ פון אַ געזעלשאַפט אָן צוואַנג און אָן דער שטאַטלעכער מאַכט. מען האָט ארויסגעשטעלט דעם געדאַנק אַז דאָס איינציקע מיט וואָס מען קאָן זיך אָריענטירן אין דער פאַרטיילונג איז — די באַדערפעניש פון יעדן איינעם. אַז גענוי אָפּשאַצן איינעמס ארבעט איז אַן אוממעגלעכע זאַך. אין 1876 האָט די איטאַליענישע פעדעראַציע אינעם אינטערנאַציאָנאַל זיך ארויסגעזאָגט, אויף איר קאָנגרעס איז פלאָרענץ, פאַר דעם „אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם", און אין פיר יאָר ארום איז צום זעלבן שלוס געקומען (אויפן קאָנגרעס אין שאָ־דע־פאָ אין 1880) אויך די סאַמע איינפלוסרייכסטע פעדעראַציע — די יוראַ'ר. אויף דעם קאָנגרעס האָט דער אַלטער „קאָלעקטיוויזם" וואָס האָט פאַרטיידיקט בלויז די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער ערד און ארבעטס־מכשירים, זיך אָנגעשטויסן מיט דער נייער

אידייע פונעם  א נ א ר כ י ס ט י ש ן  ק אָ מ ו נ י ז ם,  וועלכע ס'האָב פאַר־טיידיקט קראָפּאָטקין, רעקליו און קאפיערא, אַלס די איינציקע פּאַסיקע פאַר אַ שטאַטלאָזער אָרדענונג. די נייע אידעע האָט טריאומפירט און פון יענער צייט אָן האָט דער קאָמוניזם באַקומען אַן אָרט אין דער אַנאַרכיסטישער וועלט־אַנשויאונג אַלס איר אומאָפּשיידבאַרער טייל, לפּחות אין די אויגן פון אַ גרויסן רוב אַנאַר־כיסטן. דאָס פאַרדינסט פאַרן אויסאַרבעטן די דאָזיקע אידעע אויפן גרונט פון באַווייזן וואָס ער האָט געזאַמלט סיי פון דער וויסנשאַפט, סיי פונעם פּראַקטישן לעבן, קומט קראָפּאָטקינען. אַ דאַנק אים פאַרמאָגט דער אַנאַרכיזם דעם דאָזיקן לייטנדיקן עקאָנאָמישן פּרינציפּ.

:: :: ::

קראָפּאָטקינס קאָמוניזם שטאַמט פון צוויי מקורים: פון איין זייט — פונעם שטודירן די עקאָנאָמישע דערשיינונגען אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג; פון דער צווייטער זייט — פונעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל פון פרייהייט און גלייכ־הייט. סיי די אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, סיי דאָס ליידנשאַפטלעכע זוכן די געזעלשאַפטלעכע פאָרם, אין וועלכער ס'קאָן פאַרקערפּערט ווערן דער מאַק־סימום גערעכטיקייט, פירט אים צו איין און דער זעלבער לייזונג: צום  א נ א ר־כ י ס ט י ש ן  ק אָ מ ו נ י ז ם.

די מענטשהייט האָט דורך די יאָרהונדערטער, דורך דער אַרבעט פון אַ סך דורות, באַזיגנדיק די נאַטור, אַנטוויקלענדיק אירע פּראָדוקטיווע כוחות, פּערפעק־ציאָנירנדיק די טעכניק, אָנגעזאַמלט אויף די פרוכטבאַרע פעלדער אין דער טיפע־ניש פון דער ערד, אין די קאָכיקע שטעט, גוואַלדיקע רייכטימער. די אָן אַ שיעור טעכנישע פּערפעקציאָנירונגען גיבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן און פאַרקורצן די מענטשלעכע אַרבעט; ס'ווערן אַלץ גרעסער די מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן די ברייטסטע מענטשלעכע באַדערפעענישן. און נאָך דערפאַר, וואָס אַ קליין הייפעלע מענטשן האָבן פאַרכאַפּט דאָס אַלעס, וואָס עס איז נויטיק אויף צו באַשאַפן די רייכ־טימער — די ערד, — פאַרבלייבן די דאָזיקע  מ ע ג ל ע כ ק יי ט ן  בלויז מעג־לעכקייטן, נישט פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ ווירקלעכקייט. אונדזער גאַנצער פּראָדוק־ציע — זאָגט קראָפּאָטקין — האָט אָנגענומען אַ פאַלשע ריכטונג: אויפן אָרט פון באַ־פרידיקן די באַדערפעענישן פון דער געזעלשאַפט, אָריענטירט זי זיך בלויז מיט אויס־זיכטן אויף רווחים. דערפון נעמען זיך די עקאָנאָמישע קריזיסן, די קאָנקורענץ, דער קאַמף פאַר מערק, און מיט אים זיין אומפאַרמיידלעכער באַגלייטער — די אומאַי־בערגעריסענע מלחמות. דער מאָנאָפּאָל פון אַ קליינער מינדערהייט שפּרייט זיך אויס ניט-נאָר אויפן מאַטעריעלן גוטס, נאָר אויך אויף די דערגרייכונגען פון דער קולטור און אויף דער בילדונג;; די עקאָנאָמישע קנעכטשאַפט פון דער גוואַלדיקער מערהייט מאַכט אוממעגלעך די אמתע פרייהייט און די אמתע גלייכהייט; זי שטערט צו דער אַנט־וויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע געפילן ביים מענטשן און אַ דאַנק דעם וואָס דאָס

גאַנצע לעבן איז געבויט אויף ליגן, פּירט דאָס צו דער ירידה פון זיין מאָראַלן ניוואָ.

די צוגעפּאַסטע צו אָט דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד מאָדערנע פּאָליטישע עקאָנאָמיע — אָנהויבנדיק מיט אַדאַם סמיטן און ענדיקנדיק מיט קאַרל מאַרקסן — גייט דורכווים אויף אַ פאַלשן וועג. זי הויבט אָן מיט דער פּראָדוקציע (די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, די ראָל פון די מאַשינען, די צעטיילונג פון דער אַרבעט א.א.וו.) און ערשט דערנאָך גייט זי אַריבער צום געברויך, ד.ה. צום באַפרידיקן דעם מענטשנס באַדערפעניש, בעת ווען זי וואָלט אָבער געוועזן דאָס, וואָס זי דאַרף זיין, ד.ה. די פּיזיאָלאָגיע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָלט זי זיך באַשעפטיקט מיט שטודירן די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט און די מיטלען אויף זיי צו באַפרידיקן מיט וואָס-ווינציקער אומנוצלעכן פאַרלוסט פון די מענטשלעכע קרעפטן *). מען מוז שטענדיק אין זינען האָבן, אַז דער ציל פון יעדער פּראָדוקציע איז, — צו באַפרידיקן די באַדערפעניש. דאָס פאַרגעסן דעם דאָזיקן אמת פירט צו אַ לאַגע, וואָס קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן. די מענטשלעכע געזעלשאַפטן מוזן — אונטער דער דראָונג פון אומקום, וואָס האָט שוין געטראָפן נישט ווינציק מלוכות אין אַלטערטום — זיך אומקערן צום גרונט־פּרינציפּ, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז אַזוי ווי די פּראָדוקציע־מכשירים זיינען דער פּראָדוקט פון דער אַרבעט פונעם גאַנצן פאָלק, דאַרפן זיי איבערגיין אין די הענט פונעם גאַנצן פאָלק. דאָס פּריוואַט-פּאַראייגענען זיי איז אי אומגערעכט אי אומנוצלעך. אַלץ געהערט אַלעמען, ווייל אַלע נויטיקן זיך אין דעם. יעדער האָט געאַרבעט אויף דעם לויט זיינע כוחות און ס'איז בשום אופן נישט מעגלעך צו באַשטימען דעם חלק, וואָס יעדן איינעם באַלאַנגט אין די רייכטימער וואָס מען שאַפט איצט... יאָ, אַלעם באַלאַנגט צו אַלעמען! און אַזוי ווי דער מאַן אָדער די פרוי, האָבן צוגעטראָגן צו דעם גאַנצן אויך זייער חלק אַרבעט, האָבן זיי אַ רעכט אויף זייער חלק פון אַלעם, וואָס ווערט געשאַפן דורך דער אַלגעמיינער אָנשטרענגונג. און דער דאָזיקער חלק איז שוין גענוג אויף צו באַוואָרענען זאַטקייט פאַר יעדן. אין אָט דער אַלגעמיינער סומע פון געזעלשאַפטלעכער עשירות, זעט נישט קראָפּאָטקין קיין מעגלעכקייט צו מאַכן אַ חילוק צווישן די אַרבעטס־מכשירים און די געברויכס־פּראָדוקטן. אַ חילוק, וואָס כאַראַקטעריזירט די שולן פון דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן טיפּ. ווי אַזוי טיילט מען אָפּ, בפרט אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט, איינס פונעם צווייטן? „מיר זיינען נישט קיין ווילדע און מיר קאָנען נישט לעבן אין וואַלד אין אַ ביידל פון צווייגן... פאַר דעם מענטשן וואָס אַרבעט, איז אַן אָנגעוואַרעמט און באַלויכטן צימער פּונקט אַזאַ פּראָדוציר־מיטל, ווי אַ שטיקל געצייג, אָדער מאַשין. ס'איז דאָס אָרט וואו ער שטעלט צוריק זיינע מוסקלען און נערוון, וועלכע ער וועט מאָרגן פאַרשווענדן

*) „ברויט און פרייהייט", פּ. קראָפּאָטקין.

אין דער אַרבעט. די רו פונעם פּראָדוצירער איז דאָס צוגרייטן די מאַשין צו דער אַרבעט. אין באַצוג צו דער שפּייז איז דאָס נאָך קלאָרער. די דאָזיקע כלומרשט עקאָנאָמיסטן, וועגן וועלכע מיר ריידן, איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו באַהויפּטן, אַז די קוילן, וואָס ווערן פאַרברענט אין דער מאַשין גייען נישט אַריין אין חשבון פון די זאַכן, וואָס זיינען אַזוי נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע, ווי די רויע וואַטן אָדער אייזן־ערץ. פאַרוואָס־זשע ווערט די שפּייז, אָן וואָס די מענטשלעכע מאַשין איז נישט פעאיק צו מאַכן די קלענסטע אָנשטרענגונג, אויסגעשלאָסן פון דער צאָל זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע?" *) דאָס זעלבע איז אויך אין באַצוג צו קליידער און אַנדערע זאַכן.

„דער קינסטלעכער חילוק, וואָס די עקאָנאָמיסטן מאַכן צווישן די אַרבעטס־מכשירים און קאָנסום־אַרטיקלען, האַלט נישט אויס נישט נאָר קיין שום לאָגישע קריטיק, נאָר ער קאָן אויך נישט דורכגעפירט ווערן אין דער פּראַקטיק. אין אונדזער געזעלשאַפט איז אַלץ אַזוי ענג פאַרבונדן צווישן זיך, אַז ס'איז נישט מעגלעך זיך צוצורירן צו אַ וועלכן נישט איז ווירטשאַפטלעכן צווייג אָן דעם, אַז דאָס זאָל זיך אָפּרופן. אויף די אַנדערע צווייגן" — זאָגט קראָפּאָטקין. אינעם מאָמענט ווען מען וועט פאַרוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אין אַ סאָציאַליסטישער, מוז די עקספּראָפּריאַציע אַרומנעמען אַלעס; האַלבע מיטלען וועלן נאָר גורם זיין אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג אין דער געזעלשאַפט, שטערנדיק דעם געוויינלעכן גאַנג פון איר לעבן און זיי וועלן אַרויסרופן אַן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט. מען קאָן נישט, למשל, צונעמען די ערד ביי די פּריצים און זי איבערגעבן די פּויערים, איבערלאָזנדיק די פאַבריקן אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן; מען קאָן נישט איבערגעבן די פאַבריקן אין די הענט פון די אַרבעטער און איבערלאָזן דעם האַנדל, די בענק און די בירזשע אינעם זעלבן צושטאַנד. די געזעלשאַפט קען זיך נישט אָרגאַניזירן אָנווענדנדיק צוויי זיך־ווידערשפּרעכנדיקע גרונטלאַגן: פון איין זייט פאַרוואַנדלען אין געמיינשאַפטלעכן אייגנטום אַלעס וואָס מען האָט געשאַפן ביז אַ באַשטימטן טאָג, און פון דער צווייטער זייט — שטרענג אויפהאַלטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דעם, וואָס דער יחיד וועט אויסאַרבעטן מיט דער הילף פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטרומענטן און פון די פאַראַנענע פּראָדוקטן". (קראָפּאָטקין, „ברויט און פרייהייט").

קראָפּאָטקין פאַראורטיילט אַנטשלאָסן יעדער באַצאָלונג פאַר אַרבעט, יעדן קויף און פאַרקויף. באַצאָלן יעדן איינעם פאַר זיין אַרבעט אַזוי, אַז די אַרבעט זאָל נישט עקספּלאָאַטירט ווערן און די גערעכטיקייט זאָל נישט פאַרלעצט ווערן — איז אוממעגלעך.

*) זע „ברויט און פרייהייט" פון פּ. קראָפּאָטקין.

אַלע סאָציאַליסטישע סיסטעמען וואָס פירן איין די באַלוינונג לויט דער אַרבעט (אַלץ איינס צו מיט געלט, אַרבעטס־טשעקן אָדער מיט פּראָדוקטן), מאַכן דערמיט גופא א סובסטאַנציעלע הנחה דעם גייסט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אויפן ערשטן קוק ווייזט דאָס אויס צו זיין אַ פּאַראַדאָקס. „אוןווירקלעך — שרייבט קראָפּאָטקין אין זיין קריטיק פונעם סיסטעם פון לוין־אַרבעט („ברויט און פרייהייט") — אין אַ געזעלשאַפט, ווי אונדזערע, וואו מיר זעען, אַז וואָס מער א מענטש אַרבעט, אַלץ ווייניקער באַקומט ער, קאָן אַזאַ פּרינציפּ זיך אויסווייזן, אויפן ערשטן קוק, אַלס אויסדריק פון גערעכטיקייט. נאָר אין דער אמתן פאַרהיילט דאָס בלויז די אומגערעכטיקייט פון די פאַרגאַנגענע צייטן. די געדונגענע אַרבעט נעמט זיך טאַקע פון אָט דעם פּרינציפּ — „יעדן לויט זיין אַרבעט", — און ער האָט אונדז ביסלעכווייז דערפירט צו דער בולטסטער אומגלייכהייט און צו אַלע אויפרעגנדסטע דערשיינונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. פון דעם טאָג אָן, ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן מעסטן די נוצן, וואָס מען ברענגט דער געזעלשאַפט, באַצאָלנדיק פאַר זיי מיט געלט, אָדער דורך וועלכער ס'נישט איז אנדער פאָרם פון אַרבעטס־לוין — פון דעם טאָג אָן ווען מען האָט דערקלערט, אַז יעדער וועט באַקומען אַזוי פיל, וויפל ער איז בכח צו צווינגען מען זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט — פון דעם טאָג אָן איז די גאַנצע געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אָנגעשריבן געוואָרן פון פאָרויס... (מיט דער הילף פונעם שטאַט). די נוצן וואָס מען ברענגט דער געזעלשאַפט — זאָל דאָס זיין דורך אַרבעט אין פאַבריק צו אין פעלד אָדער פון גייסטיקן כאַראַקטער — קאָנען נישט אָפּגעשאַצט ווערן אין מטבעות. נעמט די מאַנופאַקטור־פּראָדוקציע: נישט דאָס, וואָס מען רופט נישט ריכטיק אָן טויש־ווערט, און נישט די ווערט וואָס מען באַטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון נוצלעכקייט, איז מעגלעך פעסצושטעלן... אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן, אַז דער מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך אָפּגעזאָגט פון רו במשך פון צען שעה אַ טאָג, האָט געגעבן דער געזעלשאַפט מער ווי דער, וואָס האָט אוועקגעגעבן פינף שעה, אָדער ער האָט גאָרנישט געגעבן. אָבער מען קאָן נישט נעמען דעם פּראָדוקט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין צוויי שעה און זאָגן, אַז ער האָט די ווערט צוויי מאָל אַזויפיל, ווי דער פּראָדוקט. פון איין שעה אַרבעט פון אַ צווייטן מענטשן, און זיי ביידע באַלוינען לויט אַזאַ חשבון. דאָס וואָלט געמיינט, פאַרמאַכן די אויגן אויף דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט פון דער פּראָדוקציע, פון ז׳ער ערד־אַרבעט און בכלל פונעם גאַנצן לעבן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט; דאָס וואָלט געמיינט, נישט באַמערקן ביז וואָס פאַר אַ גראַד די אַרבעט פון יעדן יחיד איז דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער פאַריקער און איצטיקער מי פון דער געזעלשאַפט. דאָס וואָלט געמיינט צו טראַכטן, אַז מיר לעבן אין דער שטיין־עפּאָכע, ווען אין דער אמתן לעבן מיר אין דער שטאָל־עפּאָכע".

אַזוי אַרום אַנערקענט נישט קראָפּאָטקין קיין רעאַלע באַזע פאַר דער טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט, וואָס שפּילט, ווי באַוואוסט, די וויכטיקסטע ראָל אין דער עקאָנאָמיק פונעם מאַרקסיזם. ער אַנערקענט אויך נישט דעם חילוק צווישן פּראָסטער

און קוואַליפיצירטער אַרבעט, וואָס ס'אַנערקענען איינציקע סאָציאַליסטישע שולעס. אַרויסגייענדיק פון ריקאַרדאָס און מאַרקס ווערט־טעאָריעס, פּרוּווט מען דעם דאָזיקן חילוק געבן אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג, מיט דעם תירוץ, אַז אויסבילדן אַ וועלכן ס'גישט איז טעכניקער קאָסט דער געזעלשאַפט מער ווי אויסלערנען אַ פּשוטן אַרבעטער; אַז די „הוצאות צו אויסבילדן" דעם ערשטן זיינען גרעסער. קראָפּאָטקין דערווייזט, אַז די קאָלאָסאַלע אומגלייכקייט, וואָס הערשט אין דער הינזיכט אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, נעמט זיך בכלל נישט פון די „*פּראָדוקציע־הוצאות*", נאָר פון דעם *מאָנאָפּאָל אויף בילדונג*; די בילדונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויסן סאָרט קאַפּיטאַל, וואָס מען קאָן לייכט עקספּלאָטירן שוין צוליב דעם אליין, וואָס די הויכע פּרייז פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעט. איז גאַנץ אָפט פּשוט אַ לוינבאַרע אויסרעכענונג פון דעם אונטערנעמער גופא. דאָס אויפהאַלטן דעם דאָזיקן חילוק אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — אפילו ווען מען זאָל אים שטאַרק מילדערן — באַטראַכט קראָפּאָטקין פאַר העכסט שעדלעך, ווייל דאָס וואָלט געמיינט „לעגאַליזירן דורך דער רעוואָלוציע און מאַכן פאַר אַ גרונט־פּרינציפּ דעם גראָבן פאַקט, וועלכן מיר וואַרפן זיך איצט אונטער, נאָר וועלכן מיר אַנערקענען פונדעסטוועגן אלס אומגערעכטן"*).

מען דאַרף זיך בכלל אָפּזאָגן פון דעם פּרינציפּ פון אָפּשאַצן און באַצאָלן די אַרבעט. אויב די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דאָס נישט טון — זאָגט קראָפּאָטקין — וועט זי שטערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, און וועט איבערלאָזן נישט פאַרענדיקט די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן איבערגענומען בירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט. „יעדן פאַר זיין אויפטו! אָבער די מענטשהייט וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן אפילו צוויי דורות נאָכאַנאַנד, ווען יעדער זאָל נישט געבן אַמאָל די אַנדערע אַ סך מער, ווי ער באַקומט פון זיי... ווען יעדער מענטש זאָל נישט געבן, כאָטש פון צייט צו צייט, זיך נישט רעכענענדיק, איבערהויפּט ווען ער זאָל נישט געבן הווקא דעמאָלט, ווען ער דערוואַרט נישט קיין שום באַלוינונג. און אויב די בורזשואַזע געזעלשאַפט קומט אום, אויב מיר געפינען זיך איצט אין אַ טעמפּן ווינקל, פון וועלכן מיר קאָנען נישט אַרויסקריכן, סיידן מיר זאָלן צעשטערן מיט פייער און האַק די אינסטיטוציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט, נעמט זיך דאָס נאָר דערפון, וואָס מיר האָבן צו פיל געחשבונט; דערפון וואָס מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו *געבן* נאָר מיטן ציל צו *נעמען*; דערפון וואָס מיר האָבן געוואָלט מאַכן פון דער געזעלשאַפט אַ האַנדלס־קאָמפּאַניע, וואָס איז אויסגערעכנט אויף „איינקונפטן און אויסגאַבן".

און קראָפּאָטקין רופט צום געוואַגטן געדאַנק פון אויסבויען אַ נייע וועלט אויף נייע יסודות. און צוליב דעם מוז מען קודם כל „אַוועקשטעלן די הצטרכות פון די מענטשן העכער פון זייערע מעשים". מען מוז „אַנערקענען און דערקלערן בקול רם, אַז יעדער איינער, נישט קוקנדיק אויף זיין עטיקעטל אין דער פאַרגאַנגענהייט, זוי שטאַרק אָדער ווי שוואַך ער זאָל נישט זיין, פעאיק צו אומפעאיק, האָט קודם

*) קראָפּאָטקין: „ברויט און פרייהייט".

כל ד אָ ס ר ע כ ט צ ו ל ע ב ן און אַז די געזעלשאַפט דאַרף צעטיילן צווישן אַלע די לעבנסמיטלען וואָס זי פאַרמאָגט". (ברויט און פרייהייט").

„זאָל יעדער נעמען וויפל ער וויל פון דעם, וואָס ס'איז פאַראַן לרוב און באַקומען אַ באַגרענעצטע מאָס פון דעם, וואָס מען מוז וועגן און מעסטן" — זאָגט קראָפּאָטקין. ווי אַזוי זשע זאָל מען זיך אָריענטירן ביים איינפירן די נויטיקע באַגרענעצונגען? ווער וועט מוזן ליידן פון זיי? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קראָפּאָטקין קאָן נישט אנערקענען קיין שום קאַטעגאָריעס פון בירגער, וואָס ווערן איינגעטיילט לויט זייער ווערט — עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער — פאַר דער געזעלשאַפט, און נישט וועלכע ס'נישט איז באַדייטונג פון זייער אַרט באַשעפטיקונג, איצט, אָדער פון זייער סאָציאַלער פּאָזיציע אין עבר. זיין מאָס איז מענטשלעכער און איינפאַכער, זי איז בלויז מענטשלעך: פּריווילעגיעס האָבן די, וועמען ס'איז שווער איבערצוטראָגן די דחקות — קראַנקע און שוואַכע, קינדער און זקנים.

דאָס איז אַזוי נאַטירלעך, אַז ס'איז יעדן פאַרשטענדלעך און אויף דעם גרונט איז נישט שווער צו קומען צו אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, אָן שום צוואַנגמענשטויסן, אָן שום צוואַנג.

:: :: ::

אַלזאָ, דער יסוד פון דער נייער געזעלשאַפט איז — די פרייוויליקע אַרבעט און דאָס רעכט פון יעדן אויפן לעבן. און דאָ שווימען תיכף אַרויס אַ רייע פראַגן. וועט נישט זיין אַזאַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט פון הונגעריקע, אָרעמע מענטשן? וועט נישט פאַלן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט, ווען ס'וועט נישט זיין דער אונטערטרייבנדיקער סטימול, — דער הונגער? פאַרקערט. קראָפּאָטקין באַווייזט מיט אַ גאַנצער רייעביישפּילן אויף וויפל די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענטשלעכער אַרבעט איז געשטיגן שטענדיק, ווען זי איז געוואָרן, כאָטש פאַרגלייכמעסיק, אַ פרייע, נאָכן אָפּשאַפן די פעאָדאַלע רעכטן אין פראַנקרייך אין 1792, נאָכן אָפּשאַפן די נעגער-שקלאַפעריי אין אַמעריקע און נאָכן אָפּשאַפן דאָס לייב-אייגנטום אין רוסלאַנד. און — אין קלענערן מאַסשטאַב — אַלע ביישפּילן פון געמיינזאַמער, פרייער אַרבעט אין די רוסישע, שווייצאַרישע און דייטשע דערפער, אין די אַרטעלן; ביי די אַמעריקאַנער פּיאָנערן און רוסישע דוכאָבאָרן אין קאַנאַדע, ביי די מענאָניטן א.א.וו., דערווייזט אַזאַ פּראָדוקטיוויטעט, אַזאַ אויפשטייג פון ענערגיע ביי די אַרבעטער, וואָס מען זעט נישט אין קיין שום אונטערנעמונג מיט געדונגענער אַרבעט. „די געדונגענע אַרבעט איז אַ געצוואונגענע, וואָס קאָן נישט און דאַרף נישט געבן אַלץ, וואָס זי איז ביכולות צו געבן. ס'איז שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער לעגענדע וועגן אַרבעטס-לוין, אַלס דאָס בעסטע מיטל צו אַרויסבאַקומען אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט. אויב די פּראָדוקציע גיט אין אונדזער צייט הונדערט מאָל אַזוי פיל, ווי אין די צייטן פון אונדזערע זיידעס, האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען דער שנעלער אויפבליאונג פון דער פיזיק און כעמיע צום סוף פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געשען נישט אַ דאַנק

דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון געדונגענער אַרבעט, נאָר טראָץ אָט דער סיס־טעם". (קראָפּאָטקין „ברויט און פרייהייט").

נאָר די פרייהייט קאָן פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט. אַלע אַנדערע מיטלען, יעדער דרוק פון אויבן — אין דער פאָרם פון דיסציפּלינאַרע מיט־לען אָדער דורך שטיק־אַרבעט — גיבן פאַרקערטע רעזולטאַטן. דאָס זיינען איבער־בלייבעכצן פון דעם לייב־אייגנטום און שקלאַפנטום, ווען די רוסישע פּריצים פלעגן זאָגן, אַז די פּויערים זיינען פוילנצער און זיי וועלן נישט באַאַרבעטן די פעלדער אויב מען זאָל אויף זיי נישט אכטונג געבן. און צו זעען מיר דען נישט איצטער אין רוסלאַנד די גלענצנדיקע באַשטעטיקונג פון קראָפּאָטקינס ווערטער: די פּראָ־דוקטיוויטעט פון דער אַרבעט פאַלט, דאָס לאַנד ווערט אָרעמער און די דיסציפּ־לינאַרע מיטלען וואַקסן און וואַקסן, פאַרוואַנדלענדיק דאָס לאַנד אין אַ קאַזאַרמע און דעם אַרבעטער — אין אַ מאָביליזירטן סאָלדאַט?

און נאָך אַ פראַגע: לאָמיר זאָגן, אַז דער קאָמוניזם וועט קאָנען פאַרזיכערן די געזעלשאַפט מיט זאַטקייט און אַפילו רייכקייט, אָבער צו וועט מען צוזאַמען מיט דעם נישט אָפּטויטן די פרייהייט פון דער פּערזאָן? דער מלוכהשער קאָמוניזם — יאָ, ענטפערט קראָפּאָטקין, אָבער נישט דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם. דער קאָמו־ניזם אַלס עקאָנאָמישע אינסטיטוציע, קאָן אָננעמען אַלערליי פאָרמען, אָנהויבנדיק פון דער פולער פרייהייט און ענדנדיק מיט דער פולשטענדיקער פאַרקנעכטונג פון אַלע (קראָפּאָטקין: „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם"). אָבער יעדער אַנדערע עקאָנאָמישע פאָרם אין דער הינזיכט איז ערגער דערפאַר, ווייל זי פאָ־דערט אומפאַרמיידלעך די עקזיסטענץ פון אַ צווינגענדיקער מאַכט: דאָרט, וואו עס בלייבט די לוין־אַרבעט און פּריוואַט־אייגנטום, ווערן מענטשן אָפּ־העגניק פון אַנדערע און די אַנטשטייענדיקע פּריווילעגיעס מוזן אויף כח באַוואַכט ווערן פון אַלערליי פאַרזוכן אויף זיי מצד דעם באַעוולטן טייל פון דער געזעל־שאַפט. דער קאָמוניזם, אָבער, איז נישט אין סתירה צו דער פרייהייט פונעם יחיד, נאָר פאַרקערט: „אין דעם קאָמוניזם וועט דער מענטש קיינמאָל נישט דערגרייכן די פולע אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס דאָס איז אפשר דער הייסטער פאַרלאַנג פון יעדער דענקנדיקן וועזן".

דער קאָמוניזם, לפּחות וואָס איז שייך די פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, שטעלט מיט זיך פאָר די לייזונג צו וועלכער עס גייט די מאָדערנע געזעלשאַפט, און אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט איז די איינציקע מעגלעכע פאָרם פונעם קאָמוניזם די, וואָס ס'לייגן פאָר די אַנאַרכיסטן, ד. ה. דער הערשאַפטסלאָזער קאָ־מוניזם. קיין אַנדער מין קאָמוניזם איז נישט מעגלעך. מיר זיינען אים שוין איבער־געוואַקסן. קאָמוניזם, לויט זיין מהות, מיינט גלייכהייט פאַר אַלע מיטגלידער פון דער קאָמונע און פאַרלייקנט דערום אַלע מאַכט-פאָרמען. פון דער צווייטער זייט, קאָן נישט געמאָלט זיין קיין שום אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפט פון אַ געוויסער גרויס, וועלכע זאָל נישט, קודם כל „זען באַזאָרגן אַלעמען כאָטש מיט אַ געוויסן ניוואָ פון לעבנס-באַקוועמלעכקייטן, געשאַפענע פון אַלע צוזאַמען. אַזוי אָרום דערגענצן,

נויטיקערוויז, די באַגריפן קאָמוניזם און אַנאַרכיזם איינער דעם צווייטן". (קראָ־פּאָטקין: „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם").

אין די אויסזעצונגען קעגן אַנאַרכיזם ווייזט מען אָן צווישן אַנדערס, אויף די דורכפאַלן וואָס עס ליידן געוויינטלעך די פאַרשיידענע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן — רעליגיעזע געמיינדעס און סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס. די, ווי יענע, פאַרמאָגן חסרונות וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט צום קאָמוניזם. און טאַקע צוליב די חסרונות קומען זיי אום. ערשטנס — זאָגט קראָפּאָטקין — „זיינען זיי אַלע געוויינ־לעך צו קליין אין פאַרנעם און זיינען נישט פאַרבונדן צווישן זיך; זייערע מיטגלי־דער לעבן נויטיקערוויז אין זייער אַ באַגרענעצטן אינטערעסן־קרייז, אַ געקינסטלט לעבן. די דאָזיקע געמיינדעס דערווייטערן זיך פונעם לעבן אין דער איבעריקער מענטשהייט, פון איר קאַמף און איר פּראָגרעס. אויסער דעם, פאָדערן זיי אַ פול־שטענדיקע געהאַרכזאַמקייט פון זייערע מיטגלידער צום קאָלעקטיוו: דאָס לעבן פון יעדן איינעם ווערט קאָנטראָלירט, ער באַלאַנגט קיינמאָל נישט צו זיך אַליין. די געזעלשאַפט פאַרשלינגט זיין גאַנצע צייט. דערפאַר טאַקע אַנטלויפן פון אַזעלכע געמיינדעס געוויינלעך אַלע מער־וויניקער אומאָפּהענגיקע מענטשן, באַזונדערס די יוגנט. מיליאָנען מענטשלעכע וועזנס וועלן קיינמאָל נישט מסכים זיין צו לעבן אין אַ פאַלאַנסטער. אמת, אפילו דער ווייניק־געזעלשאַפטלעכער מענטש פילט צייטנ־וויַיז אַ באַדערפעניש זיך צונויפצוקומען מיט אַנדערע מענטשן צוליב געמיינזאַ־מער אַרבעט — אַן אַרבעט, וואָס ווערט מער אָנציענד אויב דער מענטש פילט זיך דערביי ווי אַ טייל פונעם גרויסן גאַנצן. אָבער די פרייע צייט, וואָס ווערט געוויד־מעט דער רו און די נאָענטע מענטשן — איז אַ פּערזענלעכע זאַך... אונדז זאָגט מען צייטנוויַיז, אַז דאָס לעבן אין אַ פאַלאַנסטער איז עקאָנאָמישער, אָבער דאָס איז די סאַמע קליינלעכע און פּוסטע עקאָנאָמיע. די ריכטיקע, נאַטירלעך־שכלדיקע עקאָנאָמיע באַשטייט אין דעם, צו מאַכן דאָס לעבן אָנגענעם פאַר יעדן, ווייל אויב אַ מענטש איז צופרידן פונעם לעבן, פּראָדוצירט ער אָן אַ שיעור מער ווי ווען ער פאַרשעלט אַלעס אַרום זיך". (קראָפּאָטקין: „ברויט און פרייהייט").

דאָס זיינען מאָטיוון, וועגן וועלכע עס וואָלטן זיך געמעגט פאַרטראַכטן די יעניקע, וועלכע זעען אין דער „סאָציאַליזירונג פונעם לעבנשטייגער" דעם ציל פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג און וואַרטן אויף אַזאַ וועג פטור צו ווערן פון די צרות, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון אַזעלכע מאָסמיטלען, וואָס זיינען דורכגע־דרינגען מיטן מיליטערישן גייסט.

„אין תוך גענומען — באַמערקט קראָפּאָטקין — זיינען די אויסזעצונגען, וואָס די אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען מאַכן קעגן דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, נישט פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער; כמעט אַלע אַנערקענען דעם קאָמוניזם און דעם אַנאַרכיזם אַ ל ס   אַ י ד ע אַ ל. דאָס פאַרשוואונדן ווערן פון דער מלוכה נאָכן אָפּשאַפן די קלאַסן, ווי אַ זאַך פון דער צוקונפט, אָנערקענען דאָך אויך די מאַרקסיסטן. דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם פאַרלייקנט מען געוויינלעך אויפן סמך פון זיין כלומרשטן אוטאָפּיזם; נישט פאַרויסזעענדיק די מעגלעכקייט פון אַן אומ־

מיטלבארן איבערגאַנג פונעם קאַפּיטאַליזם צום אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, שטעלן זיך דער רוב סאָציאַליסטן אַלס ציל פון זייער פּראַקטישער אַרבעט נישט דעם קאָמוניזם, נאָר די עקאָנאָמישע לעבנס־פאָרם, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן לויט זייער מיינונג, אין דעם אומפאַרמיידלעכן איבערגאַנגס־פּעריאָד.

קראָפּאָטקין, האָט בכלל נישט געשטרעבט צו דערוויזן, אַז דער אַנאַרכיס־טישער קאָמוניזם וועט אומבאַדינגט תיכף איינגעפירט ווערן אין לעבן אין זיין פול־קאָמענער פאָרם, אָבער ער שטעלט אַנדערש אוועק די פראַגע וועגן דעם איבער־גאַנגס־פּעריאָד.

„אָבער מען מוז גדענקען, אַז אַלע חקירות וועגן די איבערגענג, וועלכע עס וועט אויסקומען צו מאַכן אויפן וועג צום ציל, וועלן זיין אַבסאָלוט אומנוצלעך, אויב זיי וועלן זיך נישט שטיצן אויף די ריכטונגען, אויף די סמנים פון איבער־גאַנגס־פאָרמען, וועלכע מען באַמערקט שוין איצט". (קראָפּאָטקין: „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם"). און דאָ ווייזט קראָפּאָטקין אָן, אַז די דאָזיקע ריכטונגען פירן דווקא צום קאָמוניזם. מיר האָבן דאָ נישט קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן אויף די צאָלרייכע ביישפּילן און באַווייזן; מיר שיקן דערום אָפּ דעם לייענער צום טעקסט. נאָר אין פאַרבינדונג דערמיט מעג מען דערמאָנען נאָך איין אויסזעצונג. מיר אַלע ווייסן, ווי אָפט מען ווייזט אָן אויף קראָפּאָטקינס עקסט־רעמען אָפּטימיזם — אייניקע מיט לייטזעליקן שבח („אַ אידעאַליסט", „אַן אויס־געצייכנטער מענטש"), אַנדערע מיט פאַרוואורף. פאַר אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָר־דענונג זיינען נויטיק נישט די היינטיקע מענטשן, נאָר אַ סך מער מאָראַליש־אַנט־וויקלטע — זאָגט מען אונדז געוויינלעך — און מען לייגט אָפּ יעדער גדאַנק וועגן דעם ביז דער צייט, ווען די מענטשן וועלן זיך אַנטוויקלען דורך אַ מין אומנאַטיר־לעכן אופן. יאָ אַוודאי, קראָפּאָטקין גלויבט אין מענטשן. באַזונדערס אין זייערע פעאיקייטן זיך צו אַנטוויקלען און אין די געפילן פון געזעלשאַפטלעכקייט און סאָלידאַריטעט, וואָס ליגן אין זייער נאַטור; נאָר צו איז דער דאָזיקער סאָרט אָפּ־טימיזם נישט די נויטווענדיקע אייגנשאַפט פון אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, רע־וואָלוציאָנערן און רעפאָרמאַטאָרס? דער אַרגומענט, אַז די מענטשן זיינען נישט פּערפעקט, אַז דאָס פאָלק איז „נישט דערוואַקסן", אַז ער איז ווילד, גראָב א.א.וו. איז שטענדיק געווען די טענה פון אַלערליי קאָנסערוואַטאָרס, פּאַרטיידיקער פון דער איצטיקער אָרדענונג, קעגן די באַפרייאונגס פאַרזוכן. די פּראָגרעשריטענע מענ־טשן, אָבער, האָבן שטענדיק געוואוסט, אַז כדי די מענטשן זאָלן ווערן בעסער, אַנט־וויקלטער און קולטורעלער, דאַרף מען צוערשט זיי אַוועקשטעלן אין בעסערע לע־בנס־באַדינגונגען; אַז די קנעכטשאַפט וועט קיינמאָל נישט אויסלערנען זיך צו באַנוצן מיט דער פרייהייט און אַז די מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, וועט נישט אויס־אַרבעטן הומאַנע געפילן. אַזוי אויך דאָ: ריינע אַנאַרכיסטן, אַזעלכע, וועלכע מען טרעפט איצט בלויז איינצלנע, און וואָס אַזעלכער איז קראָפּאָטקין געווען, וועט אַרויסגעבן בלויז די אַנאַרכיסטישע אָרדענונג; דערום דאַרף מען אַרבעטן פאַר איר, זיך דערנענטערן צו איר, נישט וואַרטנדיק אויף דער פולער אַנטוויקלונג פון די

מענטשן: די מענטשן וועלן וואקסן מיטן פארגרעסערן די פרייהייט און גלייכהייט אין די געזעלשאפטלעכע פאָרמען. און, יעדנפאלס, איז נישט די סאָציאַליסטן, די מענטשן פון דער צוקונפט, דאַרפן זיך באַנוצן מיט די אַרגומענטן, אַז די מאַסן זיינען נאָך נישט רייף און נישט צוגעגרייט.

קראָפּאָטקינס אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם האָט אויף זיין זייט די גרעסטע מערהייט אַנאַרכיסטן, נאָר נישט אַלע. ס'זיינען פאַראַן אַנאַרכיסטן — אינדיווידואַליסטן, פון וועלכע אייניקע זיינען אָנהענגער פון פריוואַט־אייגנטום און אַנדערע גיבן זיך בכלל ווינציק אָפּ מיט די פראַגן וועגן דער צוקונפטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, קאָנצענטרירנדיק זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אינערלעכער פרייהייט פון דער פּערזאָן אין יעדער סאָרט געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג; ס'זיינען אויך פאַראַן אַנאַרכיסטן פון פּרודאָנס ריכטונג. נאָר דאָס, וואָס דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם נעמען אָן אַלע, ווער עס באַטייליקט זיך אינעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון אונדזער צייט, בפרט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — איז נישט קיין צופאַל און נישט קיין פראַגע פון צייטווייליקן דערפאָלג פון דער אָדער אַ צווייטער אידעע. נאָר דער קאָמוניזם גיט דעם ריכטונגס־פאָדעם ביים לייזן אַ רייע פּראָבלעמען פון פּאָזיטיווער בויאונג, ווייל ער איז דער נויטיקער תנאי צו דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון דער שטאַטלאָזער געזעלשאַפט. אַלע אַנדערע אַנאַרכיסטישע סיסטעמען שטויסן זיך אָן אויף אומלייזבאַרע אינערלעכע סתירות; נאָר דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם גיט אַן ענטפער אי אויף די פאָדערונגען פון טעאָרעטישער אויסגעהאַלטנקייט, אי אויף די פאָדערונגען אויסצואַרבעטן פּראַקטישע פּראָגראַמען.

## פיאָטר קראָפּאָטקין

# סינדיקאַליזם און אַנאַרכיזם

אונז פרעגט מען פון אַלע זייטן: „וואָס אַזוינס איז סינדיקאַליזם און וואָס־אַראַ שייכות האָט ער צו אַנאַרכיזם?" מירן דאָ פּרוּוון געבן אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן.

סינדיקאַליזם איז, אין דער אמתן, בלויז אַ נייער נאָמען פון דער אַלטער טאַקטיק, וועלכע ס'האָבן שוין פון אַ לאַנגער צייט אָנגעווענדעט די ענגלישע אַרבעטער, און מיט גוטן דערפאָלג: — די טאַקטיק פון דירעקטער אַקציע פון די אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַל אויפן עקאָנאָמישן געביט. אַזאַ סאָרט קאַמף איז געווען דאָס אויסדערוויילטסטע געווער. נאָך אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט האָבן די ענגלישע אַרבעטער, נישט האָבנדיק קיין שטימ־רעכט, דערגרייכט, אָנווענדנדיק דאָס דאָזיקע געווער, גרויסע עקאָנאָמישע דער־ראָבערונגען, געשאַפן אַ שטאַרקע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע און אַפילו געצוואונ־גען די הערשערישע קלאַסן צו אָנערקענען זייערע פאָדערונגען אין דער אַר־בעטער־געזעצגעבונג, בתוכם די ברייטסטע וואַלרעכט.

די דירעקטע אקציע האָט זיך, אזוי ארום, ארויסגעוויזן, ווי א מעכטיק געווער סיי אויף צו דערגרייכן עקאָנאָמישע רעזולטאַטן, סיי פאַר פּאָליטישע דעראָבערונגען.

אין ענגלאַנד איז די דאָזיקע אידייע געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין די יאָרן 1830־31 האָט ראָבערט אווען(1) געגרינדעט אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פּראָפעסיאָ־נעלן פאַראיין און אַ אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געזאָלט קעמפן קעגן קאַפּיטאַל, דורך דירעקטער אַקציע. אָבער די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען פון דער ענגלישער רעגירונג האָט זיי געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער אידעע.

דעמאָלט, כדי דערגרייכן פּאָליטישע פּריווילעגיעס, איז אַנטשטאַנען די

---

(1) ראָבערט אווען (1771 — 1818). דער גרינדער פון דעם סאָציאַליזם אין ענגלאַנד און פּיאָנער פון דער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג.

טשאַרטער־באַוועגונג(2), וועלכע איז זיך שטאַרק צעוואַקסן און טיילווייז אָנגע־נומען דעם כאַראַקטער פון געהיימע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. און דאָ טאַקע האָבן די ענגלישע אַרבעטער באַקומען זייער ערשטע פּאָליטישע לעקציע: זיי האָבן זיך גיך איבערצייגט, אַז די פּאָליטישע אַגיטאַציע, וועלכע איז געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער מוטיקייט, האָט נישט געבראַכט קיין שום עקאָנאָמישע פאַר־בעסערונגען, חוץ יענע, וועלכע זיי האָבן אַליין אַרויסגעריסן ביי זייערע עקס־פּלאָאַטאָרס און געזעצגעבער מיט דער הילף פון שטרייקן און אויפשטאַנדן. זיי האָבן פאַרשטאַנען ווי נאַריש ס'איז צו דערוואַרטן פון דעם פּאַרלאַמענט ערנסטע אויסבעסערונגען אין זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

:: :: ::

די פראַנצויזישע אַרבעטער זענען געקומען פונקט צו דעם זעלבן אויספיר; די רעוואָלוציע פון 1848, וועלכע האָט געפירט די פראַנצויזן צו דער רעפּובליק, האָט זיי איבערצייגט אין דער פולשטענדיקער פרוכטלאָזיקייט פון דער פּאָלי־טישער אַגיטאַציע און אין דעם פּאָליטישן זיג גופא; קיין שום ממשותדיקע ענדערונגען אין די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער איז נישט מעגלעך, אויב די אַרבעטער גופא וועלן נישט צווינגען צו דעם די הערשנדיקע קלאַסן דורך דער *דירעקטער אַקציע*.

די פראַנצויזן האָבן געקריגן פון דער רעוואָלוציע נאָך אַ צווייטע לעקציע. זיי האָבן געזען די פולשטענדיקע הילפסלאָזיקייט פון זייערע אידעאָלאָגישע פי־רער, ווען מען האָט באַדאַרפט אויסגעפונען נייע פּראָדוקציע־פאָרמען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די אַרבעטער אַן אַנטייל אין דער פּראָדוקציע און זיי זאָלן קאָנען באַפרייט ווערן פון דער עקספּלאָאַטאַציע פונעם קאַפּיטאַל. פונקט ווי אין דער לוקסעמבורגער קאָמיסיע(3), וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען אין אַפּריל, מאַי און יוני פון 1848, אַזוי אויך אין פּאַרלאַמענט, וועלכן מען האָט אויסגעקליבן אין 1849 אויף צו שטודירן די דאָזיקע פּראָבלעמען, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט איבער הונדערט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן, — האָבן די אַרבעטער געזען די הילפסלאָזיקייט פון די פירער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די *אַרבעטער אַליין* דאַרפן אויסאַרבעטן די *גרונטליניע*

---

(2) די טשאַרטער־באַוועגונג (פונעם ענגלישן וואָרט טשאַרטער — כאַרטיאַ) האָט אָנגע־האַלטן אין ענגלאַנד פון 1836 ביז 1848. דער ציל פון דער באַוועגונג איז געווען — פּאָליטי־שע רעכטן און עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען פאַרן אַרבעטער־קלאַס אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן וועג. די טשאַרטיסטן האָבן געפאָדערט גרויסע רעפאָרמען אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט. די באַווע־גונג האָט געטראָגן אַ שטורמישן כאַראַקטער און באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די פּרי־ווילעגירטע קלאַסן.

(3) בעת דער רעוואָלוציע פון 1848, האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, אויף צו באַ־קעמפן די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. די קאָמיסיע האָט אויסגע־אַרבעט אַ פּראָיעקט פון מלוכה־אַרבעטן. אַזוי ווי די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען אינעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ, אין פּאַריז, האָט זי באַקומען דעם דאָזיקן היסטאָרישן נאָמען.

פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — אַ ליניע, אויף וועלכער זי מוז גיין, כדי זי זאָל זיין אַ פּראַקטישע און פרוכטבאַרע.

:: :: ::

די דירעקטע אַקציע פון דער אַרבעט, קעגן דעם קאַפּיטאַל, און די נויטווענדיקייט אַליין אויסצואַרבעטן די אופנים, צו אָרגאַניזירן אַ ווירטשאַפט, וואָס שליסט אויס די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָטאַציע, — דאָס זיינען צוויי לעקציעס, וועלכע די אַרבעטער האָבן געקריגן, און באַזונדערס די אַרבעטער פון די צוויי לענדער מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע.

שפּעטער, אין די יאָרן 1864-66, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ראָבערט אָווענס אַלטע אידייע: ס'איז פאַרלייגט געוואָרן דער אָנהויב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע; די דאָזיקע נייע אָרגאַניזאַציע האָט גענומען אַלס פונדאַמענט ביידע אויבנגעבראַכטע גרונט־פּרינציפּן.

ווי נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָציאַציע איז געגרינדעט געוואָרן פון די פאַרטרעטער פון די ענגלישע אַרבעטער־פאַראיינען און פון די פאַרטרעטער פון די פראַנצויזישע אַרבעטער — הויפּטזעכלעך פון פּרודאָנס נאָכפאָלגער — וועלכע האָבן באַזוכט די צווייטע אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג, האָט די אַסאָציאַציע אַנטשלאָסן פּראָקלאַמירט, אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון די אַרבעטער גופא, און אַז פון איצט אָן דאַרף מען קעמפן מיטן קאַפּיטאַל מיט דער הילף פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס איז זיך סומך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שטיצע.

צוויי גרויסע שטרייקן: איינער אין פּאַריז, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון די ענגלישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; דער צווייטער — דער שטרייק פון די בוי־אַרבעטער — אין גענוא, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון די ענגלישע און פראַנצויזישע אַרבעטער, — דאָס זענען געווען די ערשטע צוויי אינטערנאַציאָנאַלע אַקטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ אומדערהערטע אומרואיקייט אין אייראָפּע און געוואָרפן אַ פּחד אויף דעם מיטלקלאַס.

נאָכמער. די אַרבעטער האָבן שוין ניט באַהאַנדלט אויף די קאָנגרעסן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל די נאַרישקייטן, מיט וועלכע ס'האָבן זיך פאַרנומען די נאַציעס מיט זייערע רעגירונגען אין די פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס; זיי האָבן באַהאַנדלט די גרונט־פראַגן פון דעם רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט און אַריינגעבראַכט אין דער באַוועגונג אַזאַ אידייע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פרוכטבאַר: — די אידייע פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק. וואָס איז שייך דער פּאָליטישער פאָרם, וואָס די דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע רעאָרגאַניזירטע געזעלשאַפט וועט אָננעמען, האָט די לאַטיינישע פעדעראַציע אָפּן זיך אָפּגעגרעניצט פון דער אידייע פון צענטראַליזירטע מלוכות. זיי האָבן אַנטשלאָסן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף דער פעדעראַציע פון פריי'ע קאָמונעס און ערד־אַרבעטער־געמיינדעס. וועלכע

האָבן זיך באַפרייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָטאַציע און זיך פאַר־אייניקט אויפן דאָזיקן פונדאַמענט, אויף דעם פונדאַמענט פון פעדעראַטיווער פאַראייניקונג, אין גרויסע טעריטאָריעלע און נאַציאָנאַלע איינהייטן.

ביידע גרונדלאַגן פון דעם מאָדערנעם סינדיקאַליזם — דירעקטע אַקציע און די זאָרגפעלטיקע אויסאַרבעטונג פון נייע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען, — שטיצן זיך אויף דער פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייננען: די דאָזיקע ביידע גרונדלאַגן זענען אין אָנפאַנג געווען די לייטנדיקע פּרינציפּן פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע.

פונדעסטוועגן האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל צוויי פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך באַציגן פאַרשידן צו דער פּאָליטישער טעטיקייט, וואָס צעטיילט די אַרבע־טער פון פאַרשידענע לענדער: — דאָס איז די לאַטייניש און די דייטשע ריכטונג.

די פראַנצויזן אינעם אינטערנאַציאָנאַל, זענען מערסטנס געווען פּרודאָנס נאָכפאָלגער. פּרודאָנס לייטנדיקע אידעען זיינען:

אויפלייזן די בורזשואַז־שטאַטלעכע אָרגאַניזאַציע און זי פאַרבייטן מיט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן רעגולירן און אָרגאַני־זירן אַלעס, וואָס עס האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער געזעלשאַפט. די אַר־בעטער דאַרפן אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע פון די עלעמענטן פון ערשטן געברויך; אַ גערעכטן, אומפּאַרטייאישן טויש פון אַלע פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער אַרבעט, די פאַרטיילונג און קאָנסום פון אַלעס וואָס ווערט געשאַפן. און ווען זיי וועלן דאָס טון, וועלן מיר דערזען, אַז פאַר דער מלוכה איז ווייניק־וואָס פאַר־בליבן צו טון. די פּראָדוקציע פון אַלעס, אין וואָס דער געברויכער נויטיקט זיך, דער גערעכטער אויסטויש און גערעכטער קאָנסום — זענען פּראָבלע־מען, וועלכע נאָר די אַרבעטער קאָנען לייזן. נאָר צווישן די פראַנצויזישע גרינדער (פון דעם אינטערנאַציאָנאַל) זענען געווען אַזעל־כע מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער רעפּובליק און פאַר דער קאָמונע. זיי זענען געווען דערפאַר, אַז די פּאָליטישע טעטיקייט דאַרף נישט איגנאָרירט ווערן; פאַר די פּראָלעטאַריער איז נישט אַלצאיינס, צי זיי לעבן אונטער אַ אַנאַר־כיע, רעפּובליק אָדער קאָמונע. זיי ווייסן פון דער אייגענער פּראַקטיק, אַז אַ זיג פון די קאָנסערוואַטאָרס, אָדער אימפּעריאַליסטן, מיינט אַ ריקצוג אויף דער גאַנצער ליניע און אַ גוואַלדיקע אָפּשוואַכונג פון דעם ווי־דערשטאַנד פון די אַרבעטער קעגן דער אָנגרייפערישער פּאָליטיק פון די קאַפּי־טאַליסטן. פאַרקערט, זיי באַציִען זיך נישט גלייכגילטיק צו דער פּאָליטיק, אָבער זיי זאָגן זיך אָפּ צו זען אין דער וואַל־אַגיטאַציע, אין די וואַל־רעזולטאַטן, און אין אַלע וואַקלענישן, אויף הין און צוריק, פון די פּאָליטישע פּאַרטייען דעם אינסטרומענט פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין איינקלאַנג מיט דעם, האָבן די פראַנצויזישע, שפּאַנישע און איטאַליע־נישע אַרבעטער איינשטימיק זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מען זאָל אין די סטאַטוטן אַריינשטעלן פאָלגנדע ווערטער:

„יעדע פּאָליטישע טעטיקייט דאַרף זיין אונטערגאָרדנט דער עקאָנאָמישער".

צווישן די ענגלישע אַרבעטער זענען געווען עטלעכע טשאַרטיסטן, וועלכע האָבן אָנערקענט דעם פּאָליטישן קאַמף. די דייטשן האָבן נאָך נישט געהאַט, ווי ס'האָבן געהאַט די פראַנצויזן, די דערפאַרונג פון צוויי רעפּובליקן, זיי האָבן געגלויבט אין דעם קומענדיקן פּאַרלאַמענט פון דער צוקונפטיקער דייטשער אימפּעריע. אפילו לאַסאַל — ווי ס'איז איצט געוואָרן באַוואוסט — האָט גע־צערטלט דעם געדאַנק וועגן אַ סאָציאַליסטישן אימפּעראַטאָר פון אַ פאַראייניקטער דייטשלאַנד, וועלכע ער האָט שוין געזען אַ אויפלעבנדיקע.

אַדאַנק דעם, האָבן נישט די ענגלענדער און נישט די דייטשן געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע. זיי האָבן נאָך געגלויבט אין איר, און דערום האָבן זיי אַריינגעפירט אין דעם ענגלישן און דייטשן טעקסט פון די זעלבע סטאַטוטן: „יעדע פּאָליטישע טעטיקייט דאַרף זיין אונטערגעאָרדנט דער עקאָנאָמישער, אַלס מיטל". אַזוי אַרום איז באַניים אויפגעשטאַנען תחית המתים די אַלטע אידייע פון צוטרויען צום בורזשואַזן פּאַרלאַמענט.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, וואָס ווען דייטשלאַנד האָט אין דער מלחמה פון 1870־71 באַזיגט פראַנקרייך; ווען פראַנקרייך איז געלעגן אַ אויס־געצויגענע, און ווען נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע האָבן די בורזשואַזע אַרמייען דערמאָרדעט 35.000 פּאַריזער אַרבעטער, די בעסטע פון דעם פראַנצויזישן פּראָ־לעטאַריאַט, ווען דער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל איז פאַרבאָטן געוואָרן אין פראַנקרייך, האָבן מאַרקס, ענגעלס און זייערע נאָכפאָלגער געפּרואווט דורכפירן אינעם אינטערנאַציאָנאַל די אַלטע פּאָליטישע טעטיקייט, אין דער פאָרם פון אַרבעטער־קאַנדידאַטורן (צום פּאַרלאַמענט) (4).

צוליב דעם איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אינעם אינטערנאַציאָנאַל, וועל־כער האָט ביז דעמאָלט אַרויסגערופן אַזעלכע דערהאָבענע האָפנונגען ביים פּראָ־לעטאַריאַט און אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד אויף די רייכע.

די פעדעראַציע פון די לאַטייניש לענדער: איטאַליע, שפּאַניע, יורא און מזרח־בעלגיע (5) (פראַנקרייך האָבן פאַרטראָטן נאָר די פּאָליטישע עמיגראַנטן),

(4) די שפּאַלטונג אינעם אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומען אויפן האַאַגער קאָנגרעס אין יאָר 1872.

(5) אַלע לאַטייניש פעדעראַציעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל האָבן רעוואָלטירט, קעגן דעם גענעראַל־ראַט, און זיינען נאָכגעגאַנגען באַקונינען, אַזוי אַז דער גענעראַל־ראַט פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַל איז פאַרבליבן אַ גענעראַל־שטאַב אָן אַן אַרמיי.

האָבן אָפּגעוואָרפן דעם נייעם קורס. זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער אייגענע פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אַלץ מער און מער זיך אַנטוויקלט אויף דער זייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם און אַנאַרכיזם ווען דייטשלאַנד, באַזונדערס נאָכדעם, ווי ביסמאַרק האָט אַדאַנק דער זיגרייכער מלחמה פון דער אויפסניי געשאַפענער גערמאַנישער אימפּעריע, איינגעפירט אַלגעמיינע וואַלרעכט אין די פּאַרלאַמענט־וואַלן, האָט גענומען אויף זיך די אָנפירונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

איצינד, אין פערציק יאָר אַרום (6) נאָך דער שפּאַלטונג, קאָנען מיר אָפּשאַצן זיינע רעזולטאַטן. אין דעם ווייטערדיקן וועלן מיר גענוי אַנאַליזירן די האָפנונג, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געלייגט אויף דעם, וואָס זיי האָבן גערופן „דעראָבערן די מאַכט און די עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע" מלוכות, נאָר מען קאָן שוין איצט פעסטשטעלן די מערקווירדיקע פרוכטלאָזיקייט פון דעם, וואָס מען האָט אונטערגענומען אין דער דאָזיקער ריכטונג במשך פון די לעצטע פערציק יאָר.

אויפן אָרט פון דעראָבערן די מלוכה, וועגן וואָס זיי האָבן געחלומט, זענען זיי אַליין דעראָבערט געוואָרן פון דער בורזשואַזער מלוכה. זיי — זענען איר אינסטרומענט. זיי העלפן באַפעסטיקן די מאַכט פון די העכערע און מיטעלע קלאַסן איבער די אַרבעטער. זיי זענען אַ געהאָרכזאַם ווערקצייג פון דער קירכע, מלוכה, קאַפּיטאַל און מאָנאָפּאָל־ווירטשאַפט.

אין גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע זעען מיר אַ נייע באַוועגונג, וואָס קומט אַרויס פון די מאַסן; אַ נייע קראַפט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ קראַפט, וועלכע שטיצט זיך אויף די אַלטע פּרינציפּן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל: דירעקטע אַקציע, דירעקטער קאַמף פון די אַרבעטער מיטן קאַפּיטאַל, און דאָס איינזען פון די אַרבעטער, אַז זיי אַליין מוזן זיך באַפרייען, און נישט דער פּאַרלאַמענט.

דאָס, פאַרשטענדלעך, איז נאָך נישט אַנאַרכיזם. מיר גייען ווייטער. מיר זענען איבערצייגט, אַז די אַרבעטער וועלן נישט דערגרייכן זייער באַפרייאונג, אויב זיי וועלן זיך ווייטער האַלטן ביים שווינדל פון צענטראַליזאַציע, יעראַרכיע, שטאַט, באַשטימטע באַאַמטע, געזעץ און אָרדנונג — אַ געזעץ, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון די רייכע, קעגן די אָרימע, און אַ אָרדנונג, וואָס מיינט די געהאָרכזאַמקייט פון די אָרימע צו די רייכע — זיי וועלן נישט דערגרייכן זייער באַפרייאונג, אויב זיי וועלן נישט פּטור ווערן פון די דאָזיקע סאָפיזמען, שווינדל און פּאַראַט.

---

(6) דאָס אַרטיקל איז געשריבן אין 1912.

במשך פון די דאָזיקע פערציק יאָר, האָבן די אַנאַרכיסטן, — צוזאַמען מיט יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן די זאַך פון זייער באַפרייאונג גענומען אין די אייגענע הענט און אָנגעווענדעט די דירעקטע אַקציע, אַלס צוגרייטונגס־מיטל צו דער ענדגילטיקער שלאַכט פון דער עקספּלואַטירטער אַרבעט מיטן ביז היינט זיגערישן קאַפּיטאַל, — געקעמפט דערפאַר, וועגן וואָס די אַרבעטער האָבן גע־רעדט אין דער פּרוכטלאָזער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. און אָט די גאַנצע צייט האָבן די אַנאַרכיסטן געהאַלטן אין וועקן ביי די אַרבעטער דעם ווילן אויסצואַרבעטן פּרינ־ציפּן, אויפן סמך פון וועלכע די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וואָלטן געקאָנט פאַר־כאַפּן די דאָקן, אייזנבאַנען, מינען, פאַבריקן, פעלדער און מאַגאַזינען מיט סחו־רות, כדי אויף ווייטער פּראָדוצירן נישט אין די אינטערעסן פון אַ קליין הייפעלע קאַפּיטאַליסטן, נאָר אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

:: :: ::

מיר האָבן געוויזן, אַז סיי אין ענגלאַנד, פון 1820 ביז 1830, סיי אין פראַנק־רייך, נאָך דער רעזולטאַטלאָזער פּאָליטישער רעוואָלוציע פון 1848, זענען די באַמיאונגען פון אַ היבשן טייל אַרבעטער געווען געריכטעט דערויף, אויף צו פירן דעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַל דורך אַ דירעקטער אַקציע, און מיט דעם ציל אָר־גאַניזירן אַ געהעריקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז פון 1866 ביז 1870 זענען די דאָזיקע אידייען געווען די מאָסגעבנדיקע אין דער נאָר־וואָס געגרינדעטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע, נאָר אַז נאָך דער מפּלה פון פראַנקרייך, אַדאַנק דער ני־דערלאַגע פון אירע רעוואָלוציאָנערע כוחות, נאָכן פאַלן פון דער פּאַריזער קאָ־מונע און נאָך דעם זיג פון דייטשלאַנד, איז דער פּאָליטישער עלעמענט געוואָרן דער הערשנדיקער אינעם אינטערנאַציאָנאַל און צייטווייליק געוואָרן דער אַנט־שיידנדיקער פאַקטאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

פון דעמאָלט אָן האָט יעדע ריכטונג זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען אָן אי־בערייס, און יעדע איינע האָט אויסגעאַרבעט אירע פּראָגראַמען. אין אַלע קאָנס־טיטוציאָנעלע לענדער זענען געשאַפן געוואָרן פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געטאָן אַלעס, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, אויף צו פאַרגרעסערן וואָס שנעלער די צאָל פון זייערע דעפּוטאַטן אין די פּאַרלאַמענטן. פון דעם, ווי אַזוי די דעפּוטאַטן האָבן זיך געיאָגט נאָך שטימען, האָט מען פון אָנהויב אָן געקענט זען, אַז די עקאָנאָמישע פּראָגראַם וועט אַלץ מער און מער פאַרשמעלערט ווערן, און דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט געשען, און סוף־כל־סוף איז זי דערפירט געוואָרן צו מינ־דערוויכטיקע באַגרעניצונגען פון די רעכטן פון די אונטערנעמער, און דערמיט גופא געגעבן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם נייעם כוח און פּאַרפעסטיקט די אַלטע אָרדענונג. איינצייטיק מיט דעם, זיינען די סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער באַ־זיגט געוואָרן דורך די פאַרטרעטער פון דעם בורזשואַזן ראַדיקאַליזם וועלכע האָבן

מיט זיי קאָנקורירט אינעם גײַעג נאָך אַרבעטער־שטימען, אַזוי, אַז די סאָציאַליסטן האָבן קענען זייער ווילן געהאָלפן אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דער טריאומפירנדיקער אייראָפּעאישער רעאַקציע.

זייער גאַנצע אידעאָלאָגיע, ד. ה. אידייען און אידעאַלן, וואָס זיי האָבן גע־פּרעדיקט צווישן די מאַסן, האָבן זיך באַגרעניצט בלויז אויף דעם. זיי זענען געווען איבערצייגטע אָנהענגער פון דער מלוכהשער צענטראַליזאַציע און קעגנער פון דער אויטאָנאָמיע און זעלבסטשטענדיקייט פון די קליינע פעלקער, און אויס־געאַרבעט אַזאַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, וועלכע האָט געפּרואווט באַגרינדן דעם דאָזיקן קוק. די האָפענונג פון די מאַסן האָבן זיי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַ־סער, און אין נאָמען פון דעם „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם" האָבן זיי פּאָראויס־געזאָגט, אַז קיין שום רעגירונגס־ענדערונגען אין דער ריכטונג אויף צו פאַר־ווירקלעכן דעם סאָציאַליזם זענען נישט מעגלעך, ביז די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ פון די קאַפּיטאַליסטן וועט נישט פאַרקלענערן זייער צאָל.

זיי האָבן נישט געוואָלט זען אַזאַ אויגנשײַנלעכן פאַקט אין אַלע מאָדערנע אינדוסטריעלע לענדער, אַז דאָס העלפט די ענגלישע, פראַנצויזישע, בעלגישע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטן עקספּלואַטירן די אינדוסטריעל נישט אַנטוויקלטע לענדער און קאָנטראָלירן די אַרבעט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין מזרח־אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. אַלס רעזולטאַט דערפון פ א ר ק ל ע נ ע ר ט זיך ב כ ל ל נ י ש ט די צאָל מענטשן אין די אינדוסטריעלע לענדער פון אייראָפּע, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון יענעמס אַרבעט. פאַרקערט, אינדער־אמתן וואַקסט די צאָל פון אַזעלכע מענטשן אין אַ שרעקלעכער פּראָפּאָרץ. און מיטן פאַרגרעסערן די צאָל פון אַזעלכע מענטשן, וואַקסט אויך די צאָל פון די, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין פאַראייביקן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה־סיסטעם. אין לעצטן סך־הכל קעמפן מיט אַלע מיטלען די פּאַרטייִדיקער פון דער פּאָליטישער אַגיטאַציע צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט אין די עקזיסטירנ־דיקע מלוכות, קענען אַלעס, וואָס קאָן, לויט זייער מיינונג, שטערן צום פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט. זיי האָבן באַשטימט אויסצושליסן פון די אינטערנאַציאָ־נאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן די אַלע, וועלכע האָבן געוואַגט צו קריטיקירן זייער פּאַרלאַמענטאַרישע טאַקטיק. זיי האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו די שטרייקן, און שפּעטער, ווען די אידייע פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק איז אַרײַנ־געדרונגען אין קאָנגרעס, האָבן זיי אויפן ווילדסטן אופן באַקעמפט די דאָזיקע אידייע, לאָזנדיק אין גאַנג אַלע מיטלען, וואָס זיי האָבן געהאַט צו זייער רשות.

:: :: ::

אַזאַ טאַקטיק האָט געהערשט במשך פון פערציק יאָר, און איצט איז יעדן געוואָרן קלאָר, אַז די אַרבעטער האָבן זיך אַנטוישט אין איר. אַ סך האָבן זיך אָפּגעקערט פון איר מיט עקל. און אין דעם ליגט די סיבה, וואָס מיר הערן איצט אַזוי פיל וועגן דעם „סינדיקאַליזם".

פונדעסטוועגן האָבן די ריכטונגען, וועלכע האָבן אינעם קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס מיטן קאַפּיטאַל זיך געהאַלטן ביי דער דירעקטער אַקציע, זיך ווייטער אַנטוויקלט במשך פון די פערציק יאָר; זיי האָבן זיך אַנטוויקלט נישט אַכטנדיק אויף די פאַרפאָלגונגען מצד די רעגירונגען, און נישט קוקנדיק אויף די מסירות פון די בורזשואַזע פּאָליטיקער. ס׳וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן די נאָכאַנאַנדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער ריכטונג און איר באַציאונג צו דער פּאָליטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פון איין זייט, און צו די אַנאַרכיסטן, פון דער צווייטער זייט. נאָר ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פאַרעפנטלעכן אַזאַ אַרבעט — אַלע באַרגן ביי אַלע — און, ס׳איז אפשר בעסער, וואָס מען האָט נאָך אַזאַ אַרבעט נישט אָנגעשריבן. כדי אָנשרייבן די אמתע געשיכטע פון דעם סינדיקאַליזם, מוז מען שענקען באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די פאַרזענלעכע השפּעות, ווי אויך די השפּעות פון די הויפּט־ריכטונגען פון דעם מאָדערנעם געדאַנק און דעם וואוקס פון דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער פון אַמעריקע און אייראָפּע, — אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי די אַרבעטער אומאָפּהענגיק פון זייערע אידייאישע פירער, — דאָס דאָזיקע פאָדערט אַ באַזונדערן אַנאַליז.

אַלעס, וואָס אונדז בלייבט צו זאָגן, — איז אַז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די סאָציאַליסטישע לערער, און נאָר אַדאַנק דעם פאַקט, וואָס די אַרבעטער־מאַסן זענען געווען קאָנצענטרירט אין גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס, און אויך אַדאַנק דעם, וואָס די דאָזיקע מאַסן האָבן זיך געהאַלטן ביי די מנהגים פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון אַמאָל, האָבן זיי אָרגאַניזירט. און ווייטער פאַרפּעקציאָנירט עפנטלעכע און געהיימע פאַראיינען, וועלכע האָבן געצווימט די אַלץ גרעסערע עקספּלאָאַטאַציע און עקשנות פון די אונטערנעמער.

נאָך אָנהויבנדיק פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן אַלץ מער און מער אָנגעהויבן אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון דער גרויסער שלאַכט; ס׳זיינען געוואָרן קלאָרער און בולטער זייערע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע טענדענצן, וועלכע זענען פון זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַקטיש דער לעבנס־אינהאַלט פון די ציוויליזירטע פעלקער.

אין פאַרלויף פון די לעצטע פערציק יאָר האָבן די פּאָליטישע פירער געטון אַלעם מעגלעכעס און אוממעגלעכעס, אויף נישט צו דערלאָזן די אַרבעטער־אויפשטאַנדן און אונטערדריקן די יעניקע, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ דראָענדיקן כאַראַקטער, — און גראַד אין די דאָזיקע פערציק יאָר זעען מיר, אַז די אַרבעטער־אויפשטאַנדן שטייגן אַלץ העכער און ווערן אַלץ גוואַלטזאַמער, און די צילן פון די אַרבעטער ווערן אַלץ קלאָרער. די דאָזיקע אופשטאַנדן פאַרלירן אַלץ מער און מער דעם כאַראַקטער פון פּשוטע פּאַרצווייפלונגס־אויסברוכן. ווען מיר פילן דאָס זעלבע, וואָס די אַרבעטער, איבערצייגן מיר זיך אַלץ מער, אַז די הערשנדיקע געדאַנקען זענען געוואָרן רייף; די דאָזיקע געדאַנקען קאָן מען אויסדריקן אין

פאָלגנדע געציילטע ווערטער: „מאַכט פריי דעם וועג, איר, סוחרים! אויב איר זענט נישט פעאיק אָנצופירן מיט דער אינדוסטריע אויף אַזאַ אופן, אַז מיר זאָלן קאָנען לעבן און האָבן אַ פאַרזיכערטע עקזיסטענץ, דעמאָלט, — טרעט אָפּ דעם וועג! אַרונטער, אויב איר זענט אַזוי קורצזיכטיק און זענט נישט פעאיק צו קומען צו אַ פאַרנונפטיקן הסכם צווישן זיך, און וואַרפט זיך ווי אַ טשערעדע שעפּסן אויף יעדער נייער אינדוסטריע, וואָס פאַרשפּרעכט אייך גוואַלדיקע רווחים, נישט נעמענדיק אין אַכט די שעדלעכקייט, אָדער נוצלעכקייט פון דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט. אַרונטער, אויב איר זענט נישט פעאיק צו בויען אייערווירטשאַפט אויף אַנדערע פונדאַמענטן, וואָס פאָדערן נישט קיין צוגרייטונגען צו אַ אומענדלעכער מלחמה און באַוואָפנונג, אויף וואָס איר פאַרווענדט אַ דריטל פון אַלע פּראָדוקטן, וואָס ווערן געשאַפן פון יעדער פאָלק, — אַ באַוואָפנונג, וואָס דינט אייך, אויף צו באַראַבעווען אַנדערע רויבער! אַרונטער, אויב פון אַלע מערקווירדיקע דערפינדונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט האָט איר בלויז אויסגעלערנט די קונסט צו שאַפן אייער פאַרמעגן פון שמוץ און אָרימקייט, אויף וועלכן ס'איז פאַראורטיילט אַ דריטל באַפעלקערונג פון די גרויסע שטעט פון אונדזערע העכסט רייכע לענדער. אַרונטער, אויב דאָס איז די איינציקע קונסט, אויפן גרונט פון וועלכער איר קאָנט פירן אייער האַנדל און אינדוסטריע! מיר אַרבעטער, וועלן נאָכן ערשטן דערפאָלג פון אַראָפּוואַרפן דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליסטישן עבר בעסער פון אייך אָרגאַניזירן די אינדוסטריע!"

דאָס זיינען די אידעען, וועלכע האָבן געלעבט, באַטראַכט און באַהאַנדלט געוואָרן אין אַרבעטער־הייזקעס פון דער גאַנצער ציוויליזירטער אַרבעטער־וועלט. זיי זיינען געוועזן די סיבה פון די אומדערהערטע אַרבעטער־מרידות, וועלכע מיר זעען יערלעך אין אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער פאָרם פון שטרייקן פון די פאָרט־אַרבעטער, אייזנבאַן־אַרבעטער, וועבער א. א. וו., וועלכע נעמען אָן, אין לעצטן סך־הכל, די פאָרם פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק, — פון דעם מין גענעראַל־שטרייק, וואָס צעוואַקסט זיך שנעל אין אַ גרויסער שלאַכט, וואָס איז ענלעך צו די ציקלישע אויפטרייסלונגען; די קליינינקע שלאַכטן אין די פּאַרלאַמענטן זענען, אין פאַרגלייך מיט אָט דעם שלאַכט, אַ קינדער־שפּיל.

אין דער צייט, ווען די דייטשן האָבן מיט רויטע פאָנען און פלאַקערנדיקע פאַקלען געפייערט זייערע אַלץ גרעסערע וואַל-זיגן, האָבן די מערב-פעלקער, אָנגעלערנט פון דער פּראַקטיק, שווייגנדיק געאַרבעט איבער דער זייער וויכטיקער אויפגאַבע: — איבער דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די געדאַנקען, וואָס האָבן באַשעפטיקט די דאָזיקע פעלקער, האָבן געטראָגן זייער אַ ערנסטן כאַראַקטער, זיי האָבן זיך געשטעלט די פראַגן: וואָסאַרא פאָלגן וועט ברענגען דער אומפאַרמיידלעכער אַלוועלטלעכער צוזאַמענשטויס צווישן קאַפּי־

טאָל און אַרבעט? וואָסאָרא נייע פאָרמען פון עקאָנאָמישן לעבן און געזעלשאַפט־לעכער אָרגאַניזאַציע וועלן אַנטשטיין פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס?

אַט דאָס איז, אייגנטלעך, די אמתע סיבה פון דער אַנטשטייאונג פון דעם סינדיקאַליזם, וועלכע די אומוויסנדיקע פּאָליטיקער אַנטדעקן אין אים, ווי אַ נייעס.

:: :: ::

פאַר אונז, אַנאַרכיסטן, איז די דאָזיקע באַוועגונג נישט קיין נייע. מיר האָבן זי באַגריסט, ווען אירע טענדענצן זענען פאָרמולירט געוואָרן אין דער פּראָגראַם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע. מיר האָבן זי פאַרטיידיקט, ווען די דייטשע פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן זיינען אויף איר אָנגעפאַלן אין אינ־טערנאַציאָנאַל, זעענדיק אין איר אַ שטערונג אין זייער וועג צום דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט. מיר האָבן געראַטן די אַרבעטער פון אַלע לענדער צו האַנדלען אַזוי, ווי ס'האָבן געהאַנדלט די שפּאַניער, האַלטנדיק זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען אין ענגער פאַרבינדונג מיט די סעקציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר מיט גרויס סימפּאַטיע נאָכגעפאָלגט אַלע פאַזן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און, וואָס עס זאָל נישט זיין, ווייסן מיר, אַז דער צוזאַמענ־שטויס צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט וועט געשען אין דער נאָענטער צוקונפט, און אַז די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג וועט דער געזעלשאַפט עפענען די אויגן אויף די פליכטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער פּראָדוקציע פון אַלע רייכטימער. דאָס איז די איינציקע באַוועגונג, וועלכע וועט אָנווייזן די דענקנדיקע מענטשן דעם אויסוועג פון דעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן אונדזער דור איז אַריינגעטריבן גע־וואָרן דורך דער מאָדערנער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן קיינמאָל נישט גע־דענקט, אַז זיי דאַרפן איינפּלאַנצן אין דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג זייערע באַגריפן וועגן די מאָראַלע פליכטן אין דער ניי־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. די אַנאַרכיסטן האָבן קיינמאָל נישט פאַרטיידיקט דעם דאָזיקן אומזיניקן שטאַנד־פּונקט, אַז נאָר זיי זיינען די פירער פון דער גרויסער גייסטיקער באַוועגונג, וועלכע פירט די מענטשהייט צו דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. אָבער מיר האָבן אַ רעכט, אין פולן זינען פון וואָרט, צו פּרעטענדירן דערויף, אַז מיר האָבן פון אָנהויב אָן אָנערקענט די אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פון די דאָזיקע אידייען, וועלכע זיינען איצט דער ציל פון דעם סינדיקאַליזם. דאָס זיינען יענע אידעען, וועלכע ס'האָבן אין ענגלאַנד אַנטוויקלט גאָדווין, גאָדסקין גרע און זייערע נאָכפאָלגער, און פּרודאָן אין פראַנקרייך: די אידעע, אַז די אַרבעטער דאַרפן אין דער פּראָדוקציע, אויסטויש און פאַרטיילונג פאַרבייטן דעם איצטיקן שטאַט און קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָטאַציע, און אַז

די צוגרייטונג פון נייע געזעלשאפטלעכע פאָרמען — איז דער חוב און אויפגאַבע פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די דאָזיקע צוויי גרונט־אידייען זענען נישט אונדזער דערפינדונג. זי איז קיינעמס נישט דערפינדונג. דאָס לעבן גופא האָט זיי דיקטירט דער ציוויליזאַציע פון דעם 19-טן יאָרהונדערט. און איצט איז אונדזער חוב, זיי צו פאַרווירקלעכן. מיר זענען שטאָלץ, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען די דאָזיקע אידייען. מיר האָבן זיי פאַרטיידיקט אין די פינצטערע יאָרן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיקער און פסעוודאָ־פילאָזאָפן האָבן זיי געטראָטן מיט די פיס. מיר זענען שטאָלץ, וואָס מיר זענען זיי פאַרבליבן געטריי איצט, פונקט ווי דעמאָלט.

ג. מאַקסימאָוו

# דער קאָנסטרוקטיווער כאַראַקטער פון קראָפּאָטקינס לערע

## (די עלעמענטן פון דער צוקונפט און דער קעגנוואַרט*)

כאַראַקטעריזירנדיק עליזע רעקליו, האָט קראָפּאָטקין געשריבן אין „מעמוארן פון אַ רעוואָלוציאָנער", אַז רעקליוס אַנאַרכיזם „איז דער אויספיר פון אַ ברייטן, גרינטלעכן שטודיום פון די לעבנס־פאָרמען פון דער מענטשהייט אין אַלע קלימאַטן און אין אַלע שטופן פון דער ציוויליזאַציע". אָט די באַצייכענונג פון עליזע רעקליוס אַנאַרכיזם איז אָנווענדבאַר צו קראָפּאָטקינס אַנאַרכיזם גופא, נאָר אין אַ סך אַ ברייטערער פאָרם, נעמלעך: קראָפּאָטקינס אַנאַרכיזם איז דער אויספיר פון דעם שטודיום פון דעם לעבן פון דער נאַטור און אירע לעבנס־פאָרמען.

:: :: ::

קראָפּאָטקין איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווען ער איז שוין אַלט געווען דרייסיק יאָר, מיט דער רעפּוטאַציע פון אַ דערפאָלגרייכן געלערנטן און פאָרשער אויפן געביט פון געאָגראַפיע און געאָלאָגיע, מיט דער פּראַקטיק פון אַ לעגאַלן געזעלשאַפטלעכן טוער, דאָס הייסט, אַז אין דער באַשטימונג פון זיין לעבנס־וועג האָבן געשפּילט אַ ראָל נישט נאָר די עמאָציעס אַליין. צום אַנאַרכיזם איז ער געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ גענויעם שטודיום פון דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור. אין „מעמוארן פון אַ רעוואָלוציאָנער", זאָגט ער, אַז אין זיין ערשטער רייזע קיין אויסלאַנד אין פרילינג פון 1872, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיין יאָרנלאַנגע ליידנשאַפט צו „דערלערנען אַלץ, וואָס איז נוגע דעם „אינטערנאַציאָנאַל". „מיינע אַ קרובה — דערציילט קראָפּאָטקין — האָט מיר געבראַכט אַ גאַנצן פּאַק ביכער, בראָשורן און ציימונגען פאַר די לעצטע צוויי יאָר, איך האָב געלייענט גאַנצע טעג און נעכט און דער איינדרוק, וואָס איך האָב אַרויס־געטראָגן, איז געווען אַזאַ טיפער, אַז ער וועט קיינמאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן".

---

*) געווען געדרוקט, אין שייכות מיט קראפאטקינס הונדערטסטן געבורטסטאג אין 1942 אינעם נומער אקטאבער־דעצעמבער פון דעם ארגאן פון דער רוסישער ארבעטער־פעדעראציע „דיעלא טרודא" וואס דערשיינט אין טשיקאגא.

צווישן דער ליטעראַטור, וואָס קראָפּאָטקין האָט פאַרשלונגען, זיינען אָן צווייפל אויך געווען די צייטונגען „עגאַליטע" און „פּראָגרעס", וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען אין 1869, וואו ס'האָבן זיך געדרוקט באַקונינס גלענצנדיקע אַרטיקלען: „די פּאָליטיק פונעם אינטערנאַציאָנאַל", „די פאַרשלעפער", „די אַלזייטיקע בילדונג", „בריוו וועגן פּאַטריאָטיזם" א.א. צווישן דער דאָזיקער ליטעראַטור, דאַרף מען זיך משער זיין, זיינען אויך געווען באַקונינס בראָשורן, וואָס זיינען דערשינען פאַר קראָפּאָטקינס קומען קיין אויסלאַנד, אין רוסיש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש: „אַ וואָרט צו די יונגע רוסישע ברידער", „צו די אָפיצירן און דער רוסישער אַרמיי", „דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פון דער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע", „די וויסנשאַפט און די וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט", „די בערנער בערן און די פּעטערבורגער בערן", „בריוו צו א פראַנצויז", די ערשטע טייל פון „די קנוט-גערמאַנישע אימפּעריע און די סאָציאַלע רעוואָלוציע", די פּאָלעמישע בראָשורן קעגן מאַציניז — „דער ענטפער פון א אינטערנאַציאָנאַליסט מאַציניז" און „די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער אַסאָציאַציע" און „צו די אַרבעטער דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס אין רוים".

מען דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז באַקונינס שריפטן האָבן עס געמאַכט אויף קראָפּאָטקינען אַזא אומאָפּמעקבאַרן איינדרוק. איך דענק, אַז זיי האָבן באַשטימט נישט נאָר דעם כאַראַקטער פון קראָפּאָטקינס רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, נאָר אויך דעם כאַראַקטער פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אויף קראָפּאָטקינען, ווי אויף אַ געלערנטן נאַטוראַליסט, האָט, אָן ספק, געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק באַקונינס פייערדיקע קריטיק פון אַלע טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און אידעאַליסטיש-פילאָזאָפישע סיסטעמען; זיין פעסטע פאַרטיידיקונג פון דער מאַטעריאַליסטישער וויסנשאַפט; זיין באַהויפּטונג, אַז דער אַנאַרכיזם איז „דער וויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַליזם", זיין אָנווענדן דעם וויסנשאַפטלעכן אינדוקטיוון מעטאָד ביים שטודירן די סאָציאַלע פּראָבלעמען („בריוו וועגן פּאַטריאָטיזם"); זיין שטענדיקע באַהויפּטונג וועגן דער איינהייט פון דער נאַטור, אריינגערעכנט די מענטשלעכע געזעלשאַפט; זיינע געדאַנקען, אַז די מאָראַל שטאַמט אָפּ פון דער חיות-וועלט; זיין באַהויפּטונג, אַז אין דער נאַטור איז פאַראַן נישט-נאָר קאַמף, נאָר אויך סאָלידאַריטעט; זיינע געדאַנקען וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַגרינדן די נייע סיסטעם פון מאָראַל, וואָס איז זיך סומך אויף די באַווייזן פון דער וויסנשאַפט; זיינע אָנצוהערענישן וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ סינטעטישער פילאָזאָפיע, וואָס זאָל זיך שטיצן אויפן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם, וואָס מיינט אַנאַרכיזם. די אַלע געדאַנקען האָבן אויף קראָפּאָטקינען געמאַכט אַן אויפקלערערישע ווירקונג. זיי האָבן פאַר אים געעפנט אַנציענדיקע פּערספּעקטיוון צו דער פאַרווירקלעכונג פון באַקונינס קאָנספּעקטיוו־אָנגעוואָרפענער גרויסער וויסנשאַפטלעכער פּראָגראַם, די פּראָגראַם פון אַ וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג פונעם אַנאַרכיזם, די פּראָגאַם פון אַ נייער פילאָזאָפישער סיסטעם. דער, וועלכער וועט אויפמערזאַם שטודירן באַקונינס און קראָפּאָטקינס ווערק און זיי פאַרגלייכן, וועט איינזען, אַז מיינע הנחות זיינען נישט אומבאַגרינדעט.

קראָפּאָטקין האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד א באהערשטער פון די אלע געדאנקען, זיי האָבן אים נישט פארלאָזט אין רוסלאַנד. און נאָך ווינציקער, ווען ער איז אנטלאָפן קיין אויסלאַנד און זיך אָנגעשלאָסן אינעם אינטערנאַציאָנאַל. ארבעטנדיק אין די צייטונגען „רעוואָלטע" און „רעוואָלט" איבער די אָנאַליטישע ארטיקלען, וואָס דעקן אויף די גאַנצע נישט-אויסגעהאלטנקייט פון דער היינטיקער אָרדענונג, און וועלכע זיינען שפּעטער ארויסגעגעבן געוואָרן אין א בוך פאָרם מיטן נאָמען „ווערטער פון א רעוואָלוציאָנער", און איבער די ארטיקלען פון קאָנסטרוקטיוון כאראקטער, וואָס דערווייזן וויאזוי די געזעלשאפט וואָלט באדארפט זיין — שפּעטער האָט מען זיי ארויסגעגעבן אינעם בוך „ברויט און פרייהייט" — האָט קראָפּאָטקין פארשטאַנען אלץ קלאָרער און קלאָרער, אז דער אנארכיזם איז נישט נאָר אן אָנגעווענדבארע סאָציאָלאָגיע, א טעטיקייטס-מעטאָד, אויך נישט נאָר דער אידעאל פון א פרייער געזעלשאפט, נאָר עפּעס מער.

„איך בין ביסלעכווייז געקומען צום שלום — זאָגט קראָפּאָטקין — אז דער אנארכיזם שטעלט מיט זיך אויך פאָר די פילאָזאָפיע סיי פון דער נאטור, סיי פון דער געזעלשאפט". אויף וויפל די מענטשלעכע געזעלשאפט איז א טייל פון דער נאטור, אויף אזוי ווייט, כדי אויפצושטעלן די דאָזיקע פילאָזאָפיע, מוז מען פארגעסן אין דער עקזיסטענץ פון אלע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן דורך דעם „מעטאפיזישן אָדער דיאלעקטישן מעטאָד", און אָנווענדן אויפן סאָציאָלאָגישן געביט דעם אינדוקטיוון מעטאָד. דעם מעטאָד פון די נאטורוויסנשאפטן, ווי דאָס האָט געטון, אָדער געפּרואווט טון באקונין. „און איך האָב געטון אַלעס, וואָס איך האָב געקאָנט אין דער ריכטונג" — זאָגט קראָפּאָטקין.

קראָפּאָטקין האָט אויפגעטאָן „אין דער ריכטונג" זייער א סך. אויב באקונין, זיך שטיצנדיק אויף די רעזולטאטן פון דער וויסנשאפט פון זיין צייט האָט געזאָגט, אז דער אמתער אמת, „די רעאלע וויסנשאפט" איז „מאטעריאליזם און סאָציאליזם", און אז „דער צווייטער אויסדרוק", ד. ה. דער אנארכיסטישער סאָציאליזם, „איז בלויז די ריכטיקע און פולע אנטוויקלונג פון דעם מאטעריאליזם", ד. ה. פון דער „רעאלער וויסנשאפט", האָט קראָפּאָטקין, זיך שטיצנדיק נישט נאָר אויף די באווייזן פון דער וויסנשאפט פון זיין צייט, נאָר אויך אויף זיינע אייגענע פאָרשונגען דערוויזן, אז „דער אָנארכיזם איז אַ וועלט-אָנשויאונג וואָס באזירט זיך אויף דעם מעכאנישן באנעמען די געשעענישן (ס'וואָלט געווען גלייכער צו זאָגן „אויפן קינעטישן באנעמען", ווייל דאָס מיינט די שטענדיקע באוועגונג פון די טיילעכלעך פון דער מאטעריע, נאָר דער אויסדרוק איז ווייניק באקאנט), וואָס נעמט ארום די גאנצע נאטור, ארייננרעכענענדיק דאָס לעבן פון די מענטשלעכע געזעלשאפטן, און אז „איר טענדענץ איז — צו שאפן א סינטעטישע פילאָזאָפיע — ד. ה.: א פילאָזאָפיע, וועלכע זאָל ארומנעמען אלע נאטור-דערשיינונגען, איינשליסנדיק דאָס לעבן פון די מענטשלעכע געזעלשאפטן מיט זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און מאָראלע פּראָבלעמען".

אזוי ארום האָט קראָפּאָטקין, נאָכפאָלגנדיק באקונינען, געשטרעבט צו געפינען

פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אַ „טעאָרעטישן, וויסנשאַפטלעכן אויסדרוק און באַגרינדונג אין די נאַטור־וויסנשאַפטן" פון זיין צייט, און אים פאַרוואַנדלען אין אַ צווייג פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. קראָפּאָטקינען איז געלונגען דאָס צו טון מיט אַ סך מער אויסגעהאַלטנקייט און סיסטעמאַטישקייט ווי באַקונינען. ער האָט דאָס געטאָן דורך זיינע פאָרשונגען אויפן געשיכטלעכן געביט — „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע"; אויפן געביט פון דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — „דער שטאַט און זיין ראָל אין דער געשיכטע"; אויפן פילאָזאָפישן געביט — „די מאָדערנע וויסנשאַפט און די אַנאַרכיע", און „די עטיק"; אויפן געביט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע — „פעלדער, פאַבריקן און וואַרקשטאַטן", און אויף אַ סך אַנדערע געביטן, וואָס ער האָט באַלויכטן אין אַ רייע אַרטיקלען און בראָשורן.

:: :: ::

קראָפּאָטקינס אַנאַרכיזם, וואָס שטיצט זיך אויף דער נאַטור־וויסנשאַפט און איז באַוואָפנט מיטן אינדוקטיוון מעטאָד, איז געוואָרן אַזאַ מעכטיקער רעטעריש־צושטערער, ווי די וויסנשאַפט גופא אינגאַנצן גענומען. די וויסנשאַפט, זיך אוועקשטעלנדיק מיט ביידע פיס אויפן פעסטן מאַטעריאַליסטישן באָדן, האָט צעטריבן דעם נעפּל פון דער טעאָלאָגיע און מעטאַפיזיק, און פאַרניכטעט די דורך זיי געשאַפענע געשפּענסטער, ווי דער „בורא עולם", „גאָט", „דער אַלוועלטלעכער גייסט", „די אַלוועלטלעכע נשמה", „דער וועלט געדאַנק", „די סובסטאַנץ", „מאַנאַדאַ", „די פאַרקערפּערונג פון דער אידעע", „לאָגאָס", „ליבעס־צוציאונג", „שעפערישער גייסט", „דער אַבסאָלוט", „דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", „דער לעבנס־כוח" און אַנדערע רוחות פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע. אויך דער אַנאַרכיזם פונקט ווי די וויסנשאַפט, צעשטערט אָן רחמנות די רוחות און געשפּענסטער אויפן סאָציאַלן געביט: „שטאַט", „פּאָלקס מלוכה", „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", „פּאַרלאַמענטאַריזם", „מאַכט", „צענטראַליזאַציע", „דאָס יורידישע רעכט", „עקספּלאָטאַציע", „אייגנטום־אומגלייכקייט", „נאַטור־געזעץ" א.א.וו.. נאָר דער אַנאַרכיזם, להיפוך צו דער וויסנשאַפט טוט עס מיט מער אויסגעהאַלטנקייט און אַנטשלאָסנקייט. דער וויסנשאַפט פעלט אָט די אויסגעהאַלטנקייט און אַנטשלאָסנקייט, ווייל זי איז נישט פריי, ווייל אירע פאַרטרעטער, זייענדיק אָפּהענגיק פון דעם הערשנדיקן קלאַס, שטעלן זיך און די וויסנשאַפט צום דינסט פון זיינע אינטערעסן, אָדער זיי האָבן אָפט נישט דעם מוט צו גיין ביזן לאָגישן סוף פון זייערע אויספירן און פאָרמולירונגען, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי אַרויסזאָגן. אָט איז דער הינזיכט זיינען קראָפּאָטקינס, ווי באַקונינס טעאָריעס, דעסטרוקטיווע ביז גאָר.

אייגנטלעך, איז די דאָזיקע פאַר דער מענטשהייט רעטערישע צושטערערישקייט גאָר נישט קיין צושטערערישקייט, נאָר גיכער אַ סאַניטאַרישע אַקציע. יאָ, דאָס איז אַ סאַניטאַרישע אַקציע, ווייל די וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם דערפילן דאָ אַ הערקולעסן־אַרבעט. די אַרבעט פון אויסרייניקן די „אוגיעווער שטאַלן" פון דער ציוויליזאַציע. — אוגי האָט געהאַט דריי טויזנט אָקסן, און האָט דרייסיק יאָר

נישט געריייניקט די שטאַלן, הערקולעס האָט דורכלאָזנדיק דורך זיי דעם טייך אַלפעי, זיי אויסגערייניקט אין איין טאָג. — די שטאַלן פון דער ציוויליזאַציע האָט מען נישט געריייניקט עטלעכע טויזנט יאָר. און אין דער צייט זיינען דאָרט איבערגעוואַקסן אַזוי פיל טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און אידעאַליסטישע אָקסן פון פאַרשידענע מינים ווי רוחות, גענים, געטער, אידעען, מאַנאַדן, סובסטאַנצן, אַבסאָלוטן, אימפּעראַטיוון און א סך אַנדערע, אַז ס'האָבן זיך אָנגעקליבן בערג מיט מיסט. די מעכטיקע וואַסערן פון דער וויסנשאַפט און פון דעם אַנאַרכיזם וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט אין די שטאַלן פון דער ציוויליזאַציע, האָבן נאָך ביז איצט נישט צעשווענקט ביזן גרונט די דאָזיקע בערג; אָבער די אַרבעט ווערט פאָרגעזעצט מיט אַלץ־גרעסערער קראַפט, און דער טאָג פון גרונטלעכער אָפּריייניקונג דערנענטערט זיך.

נאָר אין דעם זין איז קראָפּאָטקינס לערע א דעסטרוקטיווע, אין אַלע אַנדערע אינזיכטן איז זי קאָנסטרוקטיוו, און אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין. ווײַבאַלד קראָפּאָטקין מאַכט דעם אַנאַרכיזם פאַר „איינער פון די צווייגן פון דער וויסנשאַפט". דער רעאַליזם איז דער ערשטער עלעמענט אין קראָפּאָטקינס לערע, דער קאָנסטרוקטיוויזם — איז דער צווייטער.

:: :: ::

שטודירנדיק די געשלענגלטע וועגן אויף וועלכע די מענטשהייט איז דערקראָכן ביז צו אונדזער עפּאָכע, איז קראָפּאָטקין, געקומען צו דער פאָרמולע פונעם פּראָגרעס, וועלכע זאָגט:

— די גרעסטע מאָס גליק פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אָט די פאָרמולע פונעם פּראָגרעס איז גלייכצייטיק דער ציל פון דעם אַנאַרכיזם. און דאָ שווימט אַרויף די פראַגע: ווי אַזוי קאָן מען העלפן דער עוואָלוציע אין אָט־דער ריכטונג? ווי עס שיינט קאָן מען העלפן נאָר קעמפנדיק פאַר דער פאַרווירקלעכונג גופא פון אַזעלכע פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פונעם פּראָגרעס.

וועלכע זיינען די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, וואָס באַפרידיקן די פאָדערונגען פונעם פּראָגרעס און „דערלויבן בעסער דער סומע פון גליק צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען אין היכות און אין כמות, ד. ה. — זיי דערלויבן דעם גליק צו ווערן פולער און אַלגעמיינער?".

אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע קאָן מען געפינען אויף צוויי וועגן, און דער ענטפער, אָפּהענגיק פון דעם וועג וואָס מען האָט אויסגעקליבן, קאָן זיין אַן אוטאָפּישער און ער קאָן זיין א רעאַליסטישער, א וויסנשאַפטלעכער.

מען קאָן, למשל, זיך אויסמאָלן, אַבסאָלוט נישט רעכענענדיק זיך מיט דער רעאַליטעט, א געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין דער פולשטענדיקער היפוך צו דער הייטיקער אָרדענונג, ווי דער גן־עדן לגבי דעם גהינום, און זי אויסאַרבעטן דעטאַל. לויט אונדזער וואונטשן און פאַרשטעלונג וועגן גליק. דער אידעאַל פון א געזעלשאַפט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַזאַ קאָפּ־מעטאָד, וועט זיין אַן ענטפער

אויף דער אוועקגעשטעלטער פראגע. אזוי האָבן געטון די ערשטע סאָציאַליסטן, און אזוי האָבן געטאָן און טוען די מארקסיסטן און אלע שטאַטס־סאָציאַליסטן. די מארק־סיסטן, זיך נישט רעכענענדיק מיט דער ווירקלעכקייט, איגנאָרירנדיק דעם מענטשנס נאַטור, זיך שטיצנדיק נאָר אויף די מעטאפיזישע „עקאָנאָמישע אָדער פּראָדוקטיווע כוחות" פון דער היינטיקער אָרדענונג, (טעזים), שאפן ווילקירלעך, לויטן אייגענעם אויסוואל, דעם היפוך, וואָס זיי רופן אנטיטעזים, און דערנאָך מאכן זיי דעם אויס־פיר — דעם סינטעז.

קראָפּאָטקין, אויף וויפל ער בויט דעם אנארכיזם אויף דער נאַטורוויסנשאַפט און באַנוצט זיך מיט דער אינדוקציע, האָט מיט אזא וועג נישט געקאָנט גיין זוכנ־דיק געזעלשאַפלעכע פּאָרמען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן דעם מאַקסימום גליק אין דער געזעלשאַפט און אין דער מענטשהייט. דעם אנארכיסטישן אידעאל באַגרינדעט מען נישט אויף אַזאַ כלומרשט ראַציאָנאַליסטישן, קינדערשן, אויסגעמוטשטן וועג; ער דאַרף זיין באַזירט אויף רעאַלע פאַקטן און נישט אויף דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע און אויסטראַכטענישן, וועלכע האָלטן נישט אויס קיין שום קריטישן אנאַליז. „דער אנארכיזם — זאָגט קראָפּאָטקין — באַזירט זיך אויפן שטודיום פון די ריכטונגען, וואָס מערקן זיך שוין אין דער געזעלשאַפט אין איר איצטיקער פּאָרם". כדי צו האָבן אַ רעכט אויף אזא באַהויפּטונג, האָט קראָפּאָטקין געמוזט אַ סך אַרבעטן. ער האָט געמוזט אויפכאַפּן די דאָזיקע ריכטונגען, די דאָזיקע טענדענצן, נאָכפאָרשן זייער מקור, אַרויסברענגען זייער פּראָגרעסיוון כאַראַקטער, זייער לעבנספעאיקייט און כוח, זיי אונטערוואַרפן אַ קריטישן קאָנטראָל און ערשט דערנאָך זיך באַנוצן מיט די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די קריטיק, אלס ציגל אויף אויסצובויען די קומענדיקע געזעלשאַפט, אויף צו פאַרווירקלעכן דעם אנארכיסטישן אידעאל. נאָר אויף אזא אופן קאָנען די אויסגעפונענע געזעלשאַפטלעכע פּאָרמען האָבן אַ רעאַלן כאַראַקטער, זיין אין איינקלאַנג מיט די פאַרלאַנגען און באַדערפענישן פון די לעבעדיקע און נישט אַבסטראַקטע מענטשן, און פּראָגרעסירן. אָט אזוי בויט קראָפּאָטקין דעם אנאַר־כיזם אויפן לעבנס־פונדאַמענט און אין איינקלאַנג מיטן רעאַלן לעבן, ד. ה. ער גיט דעם אנארכיזם אַ רעאַליסטישן און קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער.

:: :: ::

צו די אנארכיסטן, אלזאָ, קלעפּט זיך לחלוטין נישט דאָס צונעמעניש „אוּ־טאָפּיסטן", וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיי אָנגעהאַנגען, כדי פאַרבאָרגן זייער אייגענע אומוויסנשאַפטלעכקייט און אוטאָפּיזם פון נידעריקן סאָרט.

„אוטאָפּיסטן" זיינען אין דער אמתן געווען די — זאָגט קראָפּאָטקין — ווער ס'האָט, זיך רעכענענדיק מיט די פערזענלעכע וואונטשן, נישט געוואָלט נעמען אין אכט די נייע טענדענצן, וואָס האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן, די נייע ריכטונגען; די יעניקע, וועלכע האָבן צוגעשריבן אַ צו גרויסע שטאַנדהאַפטיקייט דעם, וואָס איז שוין געוואָרן אַ זאַך פון דעם עבר, נישט זעענדיק אַז דער דאָזיקער עבר איז געווען דער רעזולטאַט פון פאַראיבערגייענדיקע היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס זיי־נען פאַרביטן געוואָרן מיט נייע לעבנס־תנאים".

די דאַזיקע באַצייכענונג פון די אוטאָפּיסטן איז אין איר פולער מאָס אָנווענד־באַר צו די מאַרקסיסטן פון אַלע שאַטירונגען. דער מאַרקסיזם, נישט קוקנדיק אויף די שווערע לעבנס־לעקציעס, ווייל זיך ביז איצט נישט שיידן מיטן שטאַט, נישט מיט דער דיקטאַטור און נישט מיטן פּאַרלאַמענטאַריזם. די דיקטאַטור־פּרינציפּן, וואָס זיינען אין רוסלאַנד דערפירט געוואָרן ביזן לאָגישן סוף, האָבן דערפירט צום אבסאָלוטיסטישן, טאָטאַלן שטאַט, און צו דעם פאַרקנעכטן דאָס פאָלק צו אָט־דעם שטאַט. פון דער צווייטער זייט, האָט דער גלויבן אין דער „פּאַרלאַמענטאַרישער אַריטמעטיק" דערפירט צו דער צושמעטערונג פון דעם סאָציאַלדעמאָקראַטיזם אין אַלע לענדער, און צום זיג פון דער רעאַקציע און דעם נאַצי־פאַשיזם, און צו דער פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער־מאַסן. דאָס זיינען גוטע ביישפּילן פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, מאַרקסיסטישן אוטאָפּיזם, פון דעם רעאַקציאָנערן אוטאָפּיזם.

קראָפּאָטקינס פילאָזאָפיע לאָזט נישט די אַנאַרכיסטן אַריינפאַלן אין אַזאַ באַ־נאַלן, רעאַקציאָנערן אוטאָפּיזם און אויך נישט אין קיין שום אַנדערן, מער צוציענ־דיקן סאָרט אוטאָפּיזם. זי האַלט זיי אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט און פאָדערט פון זיי א קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט. דער אַנאַרכיזם, להיפוך צו דער מאַרקסיסטי־שער מעטאַפיזיק, זייענדיק, אָדער אויב איר ווילט, שטרעבנדיק צו זיין א צווייג פון דער נאַטורוויסנשאַפט, באַטראַכט די געזעלשאַפט פּונקט אַזוי, ווי דער נאַטור־פאָרשער באַטראַכט און שטודירט די נאַטור־דערשיינונגען, ד. ה. דער אַנאַרכיזם נעמט די געזעלשאַפט אַזעלכע, ווי זי איז אינדעראמתן: מיט איר גאַנצער שיינקייט און מיאוסקייט, מיט אַלע אירע חסרונות און מעלות.. ער שטודירט זי אַנאַליזירנ־דיק יעדן איינעם פון אירע באַשטאַנדטיילן, יעדער פונקציע אירע, יעדן פּראָצעס, וואָס קומט אין איר פאָר, זיך באַמיענדיק אויפן גרונט פון דעם אַנאַליז פון איר היסטאָרישן מקור און פעסטגעשטעלטע סיבות צו באַגרייפן דאָס, וואָס ס'איז לע־בנס־פעאיק און פּראָגרעסיוו, און דאָס, וואָס איז רעגרעסיוו און פאַרמשפּט צום אָפּשטאַרבן.

אז דאָס איז אַזוי, קאָן מען זען פון קראָפּאָטקינס אייגענעם ביישפּיל. ער האָט געהאַט א פולשטענדיק רעאַליסטישע פאָרשטעלונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, ער האָט זיך וועגן איר נישט געשאַפן קיין שום אילוזיעס. פאַר זיין טיף־דורכ־דרינגענדיקן בליק איז געווען קלאָר, אז דער אונטערגעאָרדנטער דעם היידנטום און דעם קלער אַלטערטום־גייסט, דער גייסט פון קנעכטשאַפט, אימפּעריאַליזם, לייב־אייגנטום, די מיטלאַלטערלעכע געמיינדע, די אַלטע פאַראורטיילן און דער מאָדער־נער גייסט — דאָס אַלץ איז פאַראַן, מער־ווייניקער, אין דער היינטיקער געזעלשאַפט מיט אַלע שאַטירונגען און פאָרמען. די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס געשטאַלט פון דער צוקונפט, די מנהגים און באַגריפן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן פון דעם שטיין־פּעריאָד, און די שטרעבונגען צו דער צוקונפט, וואָס מערקן זיך קוים אויפן האָריזאָנט, — דאָס אַלץ איז אין איר פאַראַן אין א צושטאַנד פון פּערמאַנענטן קאַמף אין יעדן מענטשן, אין יעדן געזעלשאַפטלעכן שיכט און אין יעדן דור, ווי אין דער געזעלשאַפט בכלל".

אַט־דאָס, און קיין שום אידעאַליזירטע געזעלשאַפט מיט אַ אידעאַליזירטן מענטשן, האָט קראָפּאָטקין שטודירט און אַנאַליזירט. אַט אין דער געזעלשאַפט האָט ער אויפגעכאַפּט די „בילדער פון דער צוקונפט" און די „שטרעבונג צו אַ צו-קונפט", וואָס שיילט זיך קוים אויס אויפן האָריזאָנט.

און ער האָט געזאָרגט, נישט ווי אַ אוטאָפּיסט, נאָר ווי אַ רעאַליסט און בויער, אַז מען קאָן ווערן אַ באַוואוסטזיניקער אַגענט פון דעם וואוקס און אויסברייטערונג פון די דאָזיקע טענדענצן, פון די דאָזיקע שטרעבונגען, פון די דאָזיקע צוקונפט־בילדער נישט־פאַרגעסנדיק, אַז די נייע געזעלשאַפט קאָן אויפגעבויט ווערן „נאָר פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע מיר זעען זיי איצט: נישט קיין בעסערע און נישט קיין ערגערע, נישט מער און נישט ווינציקער אַרבעטלוסטיקע". נאָר מיט אַזאַ רעאַ־ליסטישן צוגאַנג, און אין תוך, קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג, האָט קראָפּאָטקין געקאָנט אונטערנעמען די דערפאָלגרייכע אַרבעט פון אָנצייכענען די אַנטוויקלונגס־וועגן פון דער געזעלשאַפט. דאָס אָנצייכענען די אַנטוויקלונגס־וועגן פון דער געזעלשאַפט גיט אַ מעגלעכקייט צו מאַכן סאָציאַלע פּראָגנאָזן, וואָס קאָנען אָבער זיין נענ־טער צום אמת נאָר בתנאי, „אויב מען וועט שענקען אויפמערקזאַמקייט די טויזנטער סמנים פון דעם נייעם לעבן, אָפּטיילנדיק די צופעליקע פאַקטן פון די אָרגאַניש־נויטווענדיקע, און בויען די פאַראַלגעמיינערונג אויף אַט־דעם איינציקן פעסטן גרונט".

און טאַקע דאָס האָט געטאָן קראָפּאָטקין אויף צו באַגרינדן זיין קינעטישע פילאָזאָפיע און דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, דעם אידעאַל, ווי ער פלעגט זיך אַמאָל אויסדריקן, פון דעם „אַנאַרכיסטישן אידעאַליזם".

אויף צו פאָרמולירן די גרונט־פּרינציפּן פון זיין פילאָזאָפיע האָט קראָפּאָטקין, באַוואָפנט מיט דער אינדוקציע, זיך געווענדט צו די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און זוכענישן אויף אַ גאַנצער רייע וויסנשאַפטלעכע געביטן.

שטודירנדיק די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז ער געקו־מען צו דעם אויספיר, אַז „די מנהגים און מדות, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן מיטן ציל פון קעגנזייטיקער הילף, פאַרטיידיקונג און שלום בכלל, זיינען אויסגע־אַרבעט געוואָרן פון דעם „נאָמענלאָזן המון"; דאָס הייסט, אַז די שעפערישקייט פון די מאַסן איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע היסטאָרישע פאַקטאָרן, און אַז נאָר יענע אינסטיטוציעס וועלן קאָנען באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע זיי אַליין וועלן אויפשטעלן. פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז נאָר יענע „שטריכן פון דער צוקונפט" אינעם היינט וועלן אָנעמען זייער בולטע פאָרם, וועמעס אורשפּרונג איז צו פאַרדאַנקען דער קאָלעקטיווער שעפערישקייט פון די מאַסן.

די פאָרשונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם געזעץ האָבן געבראַכט קראָפּאָט־קינען צום אויספיר, אַז דאָס געזעץ האָט בלויז „פאַרפיקסירט און קריסטאַליזירט, אויסגיסנדיק אין אַ באַשטענדיקער פאָרם, אָדער פאַרשפּרייט די מנהגים, ד. ה. די תקנות פון אויפירונג ,וואָס די נאָמענלאָזע מאַסע האָט אויסגעאַרבעט, און אַז צו די קאָדעקסן פון די דאָזיקע מנהגים האָט מען שטענדיק צוגעגעבן גינסטיקע פאַר

די הערשנדיקע קלאַסן אָדער גרופּעס תקנות, וואָס האָבן ביסלעכווייז באַפעסטיקט די מנהגים פון אומגלייכקייט און קנעכטשאַפט". דאָס יורידישע רעכט איז, אַלזאָ, אַ נעגאַטיווער היסטאָרישער פאַקטאָר אין דער אויפגאַבע פון איינפירן גערעכטי־קייט, גלייכהייט און פרייהייט און ער דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן.

די פאָרשונגען אויפן געביט פון ביאָלאָגיע האָבן געפירט צו די שלוסן, אַז אַזאַ געזעץ, ווי „וואָרג יעדן איינעם, וואָס איז שוואַכער פון דיר" איז אין דער נאַטור נישט פאַראַן; אַז „די נאַטור לערנט אונדז פונקט דעם היפוך": — די קעגנזייטיקע הילף, און אַז דווקא אָט־דעם פאַקטאָר האָט די געזעלשאַפט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג.

די פאָרשונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן דערוויזן אַז „די פאַרמעגנס־אומגלייכקייט איז נישט קיין נאַטור־געזעץ" אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט איז בכלל נישט קיין לויטבאַרער אופן פון אָרגאַניזאַציע, און אַז די „געזעצן" פון די בורזשואַזע סאָציאַלע וויסנשאַפטן, אַריינגערעכנט די פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע — זיינען הוילע באַהויפּטונגען, אָדער אפילו הנחות, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט אויסגעפּרוווט אין דער פּראַקטיק".

אַזוי אַרום איז קראָפּאָטקין ביסלעכווייז, באַוואָפנט מיטן אינדוקטיוון מעטאָד, אין אַ סך צווייגן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט געקומען צו גאַנץ אַנדערע אויס־פירן ווי די אָפיציעלע וויסנשאַפט, וואָס איז אונטעראָרדנט די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן.

זיך שטיצנדיק אויף זיינע פאָרשונגען, האָט קראָפּאָטקין נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, אַז „שאַפן אַ נייע אָרדענונג קאָן מען נאָר שטודירנדיק — ווי דאָס האָט געטאָן פּרודאָן — ד י ט ע נ ד ע נ צ ן פ ו ן ד ע ר ה י י נ ט י־ ק ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט, ווייל נאָר ווען מען באַגרייפט גוט די טענדענצן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג — קאָן מען, מער־ווייניקער, ריכטיק בויען די פּלענער פון דער צוקונפטיקער סאָציאַלער אָרדענונג". זיך האַלטנדיק ביי דעם שטרענג־וויסנשאַפטלעכן, רעאַליסטישן און קאָנסטרוקטיוון שטאַנדפּונקט, האָט ער נישט אָנערקענט קיין שום אידעאַל פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס זאָל נישט זיין די סומע פון די פּראָגרעסיווע פאָרמען, און פון די פּראָגרעסיווע טענדענצן און ריכ־טונגען, וואָס זיינען פאַראַן אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און וואָס זייער עקזיס־טענץ איז צו פאַרדאַנקען דער אַנאָנימער פאָלקס־שאַפונג. נאָכמער, ער וואָרנט קאַ־טעגאָריש, אַז „אַלע רייד וועגן „איבערגענג", וואָס עס וועט אויסקומען צו מאַכן אויפן וועג צום ציל, וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן, אויב זיי וועלן זיך נישט שטיצן אויפן שטודיום פון די ר י כ ט ו נ ג ע ן פון די עמבריאָנישע איבער־גאַנגס־פאָרמען, וואָס מען באַמערקט שוין אין דער איצטיקער געזעלשאַפט".

דאָס באַדייטעט, אַז צווישן דעם דורך דער רעוואָלוציע צעשטערטן קאַפּיטאַליזם און דעם ציל, וואָס דער אידעאַל האָט זיך געשטעלט, איז פאַראַן אַ געוויסער מרחק, און אַ געוויסער צייט אָפּשניט, וואָס מוז, נויטווענדיקערווייזע, פאַרפולט ווערן מיט געוויסע איבערגאַנגס־פאָרמען, ד. ה. אינעם א י ב ע ר ג א נ ג ס ־ פ ע ר י א ד

צ ו ם  צ י ל קאָנען די איבערגאַנגס־פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרגאַ־
ניזאַציע נאָר זיין אַזעלכע, וועלכע וואַקסן אַרויס פֿונעם פֿאָלקס־לעבן גופֿא, וועלכע
האָבן גוטע וואָרצלען אין איר און זיינען בכוח, זיך אַנטוויקלענדיק, פֿולשטענדיק
פֿאַרקערפּערן דעם אידעאַל. אַלע אַנדערע איבערגאַנגס־פֿאָרמען, די צוגעטראַכטע,
קינסטלעכע, ווי למשל, די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, זיינען נישט נאָר אומ־
נוצלעכע, נאָר שעדלעכע, פֿאַרדאַרבלעכע פֿאַר דער פֿאָלקס־פֿרייהייט, פֿאַר דעם
פֿאָלקס־וואוילזיין, פֿאַרן פּראָגרעס. דער רוסישער עקספּערימענט אילוסטרירט אויס־
געצייכנט דעם דאָזיקן געדאַנק, — קראָפּאָטקינס קאָנסטרוקטיוון געדאַנק.

:: :: ::

קראָפּאָטקין האָט גוט פֿאַרשטאַנען אַז דער צוקונפֿטס־עלעמענט געפֿינט זיך נישט אין די קעפּ פֿון די פֿירער, נישט אין די קעפּ פֿון די גרויסע מענטשן, נישט אין די פּאַרטיי־פּראָגראַמען, נישט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר אין דער קעגנוואַרט. אָט די עלעמענטן דאַרף מען עס אויפֿדעקן און שטודירן. מיטן שטודירן די דאָזיקע עלעמענטן האָט ער זיך באַשעפֿטיקט זיין גאַנץ לעבן און מיט זיי זיינען דורכגעזאַפּט אַלע זיינע ווערק; אין דער הינזיכט איז ער דער איינציקער. נישט פֿאַר אים, נישט נאָך אים וועלן מיר געפֿינען אַ דענקער, וועמעס ווערק זאָלן זיין אַזוי דורכגעדרונגען מיט די רעזולטאַטן פֿון אָט דער באָאַבאַכטונג פֿונעם לעבן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

זיך צוקוקנדיק צו דער עקאָנאָמיש טעטיקייט פֿון די מענטשן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, האָט קראָפּאָטקין באַמערקט, אַז אין גאָר אַ סך פֿאַלן טראָגט די דאָזיקע טעטיקייט, אויף זיך און אין זיך, די טענדענץ צום קאָמוניזם. שטודירנדיק, למשל, דעם אַרבעטס־לוין האָט ער באַמערקט, אַז די פּרייז פֿאַר שטיק־אַרבעט ווערט אַלץ מער און מער פֿאַרביטן אויף טאָג־לוין, און אַז אונטער דער ווירקונג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער טעכנאָלאָגיע, שטרעבט דער טאָג־לוין אין דער פֿאַבריקאַציע צו דער ניוועלירונג. דער דאָזיקער פֿאַקט זאָגט עדות דערויף, אַז אויב מען שטרעבט צו גערעכטיקייט, ווערט דאָס באַצאָלן פֿאַר דער אַרבעט לויט דעם סכום אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן אַלץ־מער אוממעגלעך. דאָס לעבן טרייבט צו אַ גלייכן לוין, וואָס דאָס איז די ערשטע דערנענטערונג צום אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישן פּרינציפּ: „יעדן לויט זיינע באַדערפֿענישן און פֿון יעדן לויט זיינע כוחות". נאָכמער: מיר מעגן צוגעבן, אַז אין דער איצטיקער צייט האָט מען ביים באַשטימען די מאָס פֿונעם אַרבעטס־לוין, אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער אינזינען די דורכשניטלעכע לעבנס־באַדערפֿענישן, ד. ה., אפֿילו די הערשנדיקע קלאַסן מוזן אָנערקענען דעם פּרינציפּ פֿון באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן. אמת, דערווייל אָנערקענט מען די דאָזיקע באַדערפֿענישן נאָר אין מינימום, אָבער מען אָנערקענט זיי דאָך, די אַנטוויקלונג גייט אין דער ריכטונג, און ס'איז נישט ווייט דער טאָג, ווען ס'וועט אָנערקענט ווערן אַז מען דאַרף באַפֿרידיקן אַלע באַדערפֿענישן, ד. ה. — די לעבנס־אַנטוויקלונג און די ריכטונג פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג גייט צום קאָמוניזם.

ס'איז וויכטיק פֿעסטצושטעלן דעם פֿאַקט, אַז אינעם שוים פֿון דער קאַפּיטאַ־

ליסטישער געזעלשאַפט קומט פאַר דער געבורטס און אַנזאַמלונגס־פּראָצעס פון די ערשטע עלעמענטן פון א טיילווייזן קאָמוניזם; די אויסקריסטאַליזירונג פון די איבערגאַנגס-פאָרמען צום פולשטענדיקן קאָמוניזם, און אז דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאַר נישט נאָר אין דער עוואָלוציע פון די אופנים פון דעם אַרבעטס־לוין און דעם צוגאַנג צו אים, נאָר אין א סך ספערן פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט. אמת, די קאָמוניסטישע טענדענצן און די פאָרמען וואָס דערנענטערן זיך צום קאָמוניזם זעט מען איבערהויפּט אויפן קאָנסום-געביט, און דאָס איז נאַטירלעך: דאָס קומט פאָר צוליב דעם כאַראַקטער פון דער היינטיקער אָרדענונג. און דאָס קאָן נישט ריידן פאר דעם, אז די קאָמוניסטישע טענדענצן זיינען נישט די צוקונפטס־שטריכן, וועגן וועלכע קראָפּאָטקין רעדט. אַזעלכע שטריכן זיינען פאראן א סך אינעם מאָדערנעם לעבן. קראָפּאָטקין ווייזט אָן אויף די רעסטאָראַנען, פּענסיאָנען, האָטעלן, שיפן, וואו מען באַט אָן פאַר א באַשטימטער פרייז אן אויסוואַל פון א סך מאכלים, און וואו קיינער גיט נישט אכטונג וויפל ברויט איינער עסט אויף, וויפל צוקער ער פאַרנוצט, זאַלץ, וואסער, פעפער א.א.וו.; ער ווייזט אָן אויף די פאַרשידענע אופנים פון סעגוראַציע; אויף די פאַרשידענע טראַנספּאָרטאַציע אופנים; אייזנבאַנען, שיפן, אויטאָבוסן און עראָפּלאַנען וואו מען קאָן פאַר א באַשטימטער פרייז, ווי אין די רעסטאָראַנען, דורכפאָרן די גאַנצע זאָנע — (אויב די פרייז איז אויסגערעכנט אין זאָנעס) — אָדער א טייל פון איר; אויף דער צענטראַלער באַהייצונג אין די גרויסע הייזער; אויף די טעאַטערס, אויף די פון זיי, וואו פאר איינער און דער זעלבער פרייז קאָן יעדער איינער פאַרנעמען וואָס פאר א פּלאַץ ס'איז נאָר פריי; אויף די אויטאָמאָביל־קלובן, וויסנשאַפטלעכע, פאָרשערישע און אנדערע מינים קלובן; אויף די פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוועס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, וועלכע שטעלן צום רשות פון זייערע מיטגלידער, פאר א באַשטימטן אָפּצאָל, אַ ביבליאָטעק און א צימער צום ארבעטן. ער שטרייכט באַזונדערס אונטער די קאָמוניסטישע עלעמענטן אין דער קאָמונאַלערווירטשאַפט: די קאַנאַליזאַציע, וואסער־לייטונג, שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריעס, סאַניטאַרע באַדינונג, אונטערערדישע באַנען, שולן, פייערלעשער, אמבולאַנסן, פּאַרקן, טרינק־פאָנטאַנען, וועלדער פאר פּיקניקן, ביבליאָטעקן, מוזייען, באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע גערטנער און א סך אנדערע זאַכן. „בכלל — פאַרענדיקט קראָפּאָטקין — מיר האָבן פאר זיך הונדערטער אינסטיטוציעס ערשט גאָרנישט לאַנג צוריק אנטשטאַנענע און זיך פאַרשפּרייטנדיקע מיט אומגעווייגלעכער שנעלקייט, וואָס באַזירן אויף די פּרינציפּן פון א דערנענטערונג צום קאָמוניסטישן באַנוצן זיך מיט גאַנצע און ברייטע קאָנסום־צווייגן".

צו די דאָזיקע ווערטער קאָנען מיר צוגעבן, אַז אין די מאָמענטן פון נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונגען אָדער אומגליקן, ווען דער שטאַט ווערט אָפּגעשוואַכט און אַלע פילן זיין מאַכטלאָזיקייט, און האָבן פאַר אים מער קיין מורא נישט, הויבט זיך אָן, בדרך כלל, אַ סטיכישע קאָמוניסטישע באַוועגונג אויפן פּראָדוקציע־געביט — די געמיינשאַפטלעכע ארבעט. דאָס האָט מען געזען אין 1917-19 אין רוסלאַנד. ווען

די דאָרפֿישע און פֿאַבריק־קאָמונעס, אַרטעלן און קאָאָפּעראַטיוון זיינען אַנטשטאַ־נען אין אַ גרויסער צאָל; אַזוי איז אויך געווען אין די פּאַראַיייניקטע שטאַטן באַלד נאָכן בירזשע־קראַך פֿון 1929, ווען די אַרבעטסלאָזיקייט און האַנדלס־קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

ס'איז שווער נישט מסכים צו זיין מיט קראָפּאָטקינען, אַז די דאָזיקע טענ־דענצן זיינען שטריכן פֿון דער צוקונפֿט, וואָס דייטן אָן אויף די באַציאונגען צווישן דעם האַנדלס־באַטריב און דעם קאָנסום אין דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט. אָט אויף אַזעלכע רעאַליסטישע יסודות דאַרף מען בויען דעם אידעאַל פֿון דער צו־קונפֿטיקער געזעלשאַפֿט און נישט נעמען אים פֿון דער פֿאַנטאַזיע. דאָס לעבן אינ־גאַנצן גענומען איז דער פֿונדאַמענט פֿון קראָפּאָטקינס פֿילאָזאָפֿיע און סאָציאַלן אידעאַל.

אויפֿן פּאָליטישן געביט, האָט קראָפּאָטקין אויסגעפֿונען, אַז עס קומט פֿאָר אַ פּראָצעס פֿון באַפֿרייאונג פֿון דער שטאַטלעכער און קירכלעכער מאַכט, און אַז די דאָזיקע באַפֿרייאונגס־טעטיקייט אינעם שוים פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט גיסט זיך אויס אין די פֿאָרמען פֿון קליינע און גאַנץ פֿאַרשידענע פֿאַריינען, וועלכע וואַקסן, אין פֿאַרגלייך מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, מיט מערקווירדיקער שנעלקייט.

„היינט צו טאָג — זאָגט קראָפּאָטקין — מערקט זיך אַ גרויסע שטרעבונג צום שאַפֿן, אָן דער אַריינמישונג פֿונעם שטאַט און פֿון דער קירכע, טויזנטער און טויזנ־טער קליינע פֿאַריינען אויף צו באַפֿרידיקן אַלערליי באַדערפֿעניש... דאָס וואָס ס'איז פֿריער געווען די אומבאַשטרייטבאַרע פֿליכט פֿונעם שטאַט און פֿו דער קיר־כע, **איז איצט אַ טעטיקייטס־צווייג** פֿון די פֿרייע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע ריכ־טונג ווערט אַלץ מער און מער אָנזיכטיק. ס'איז גענוג געווען, אַז אַ פֿרייהייטס־ווינטל זאָל אַביסל צוימען די קירכע און דעם שטאַט, אַז ס'זאָלן זיך אָנהויבן באַ־וויזן טויזנטער פֿרייע אָרגאַניזאַציעס. און מען קאָן פֿאָראויסזען, אַז ווי נאָר די רעכטן פֿון אָט די צוויי אייביקע שונאים פֿון דער פֿרייהייט וועלן נאָך מער באַגרע־נעצט ווערן, וועלן די פֿרייע אָרגאַניזאַציעס נאָך ברייטער אויסוויקלען זייער טע־טיקייט".

„די צוקונפֿט און דער פּראָגרעס — פֿאַרענדיקט קראָפּאָטקין — ליגט אין אָט דער ריכטונג. און דער אַנאַרכיזם איז דער אויסדרוק פֿון ביידע".

דאָס איז דורכויס ריכטיק. דאָס אויבנגעזאָגטע באַשטעטיקט זיך פֿולשטענדיק דורך דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1917-21. מען האָט דעמאָלט געשטירצט דעם שטאַט און קירכע און זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין שטויב, אָבער דאָס לאַנד האָט אויפֿגעלעבט מיט אַ פֿולן לעבן. ס'זיינען אַנטשטאַנען אָן אַ שיעור פֿאַרשידנאַר־טיקע אָרגאַניזאַציעס: ס'האָט דערוואַכט אַ זעלבסט־טעטיקייט ביים פֿאָלק; אַלע אַד־מיניסטראַטיוו־געאָגראַפֿישע איינסן האָבן געשטרעבט אויסצוברייטערן זייער פֿריי־הייט און זייער זעלבסטשטענדיקייט, אַריינגערעכנט די שטעט און דערפֿער מיט זייערע ראַיאָנען, סוב־ראַיאָנען, קוואַרטאַלן און הויז־קאָמיטעטן: נאָר ווען די באָל־שעוויקעס האָבן צוריק אויפֿגעשטעלט דעם געשטירצטן שטאַט, האָט דאָס דאָזיקע

לעבן אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן און מיטן איינשטעלן דעם אַלמעכטיקן טאָטאַליטאַרן שטאַט איז דאָס אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן: ,אינעם לאַנד האָבן זיך איינגעקוואַר־טירט די בית־עולם שטילקייט און „פּאַנשטשיני". דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט אייניקע אַנדערע לענדער אין איירָאָפּע און אַמעריקע. נאָר די דאָזיקע דערשיינונגען זיינען פֿאַרבייגייענדיקע און נישט קיין אָרגאַנישע, און זיי וועלן דערום לאַנג נישט אָנהאַלטן.

::—::

קלאָר מאַכנדיק די צוקונפטס־עלעמענטן אין דער קעגנוואַרט, וועלכע דריקן אויס די טענדענצן צו עקאָנאָמישער גלייכהייט און פרייהייט, אויסבויענדיק אויף זיי דעם אידעאַל פונעם קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם, רופט קראָפּאָטקין צום סאַמף פאַר באַדינגונגען, וואָס זאָלן העלפן דעם פּראָגרעסיוון וואוקס פון די דאָזיקע בולטע טענדענצן, פאַר דער רעאַליזירונג פונעם אידעאַל אין זיין גאַנצער מאָס. דער דאָזיקער קאַמף איז נויטיקערוויז א רעוואָלוציאָנערער, ווייל נישט די קירכע, נישט דער שטאַט מיט די הערשנדיקע קלאַסן וואָס שטייען הינטער זיי, וועלן אוועקגיין פריי־וויליק. קראָפּאָטקין האָט דאָס פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט, און ער האָט אויפגענו־מען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און די רעוואָלוציע, וואָס זיינען כלומרשט אין סתירה צו זיין פונדאַמענטאַלן עוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט, צו זיין נאַטוראַליסטי־שן דעטערמיניזם. ער האָט דאָס אויפגענומען און איז נישט אריינגעפאַלן אינעם היסטאָרישן פאַטאַליזם פון די מאַרקסיסטן, און נישט אינעם מעכאַנישן פאַטאַליזם פון די נאַטוראַליסטן, אין וואָס דער פאַרשטאָרבענער מאַלאַטעסטא האָט אים אומבאַרעכטיקט באַשולדיקט. און אינעם פאַטאַליזם איז ער נישט אריינגעפאַלן דער־פאַר, ווייל ער איז אומשטאַנד געווען צו באַגרייפן און דערווייזן אַנדערע, אַז עוואָ־לוציע מיינט בכלל נישט אַז דער פּראָצעס דאַרף זיך רוקן לאַנגזאַם, ווי א טשערע־פּאַכע, און אַז דאָס אָפּלייקענען דעם פרייען ווילן מיינט לחלוטין נישט, אַז דער מענטש הערט אויף צו זיין אַן אַקטיווער און באַוואוסטזיניקער אַגענט פון דער עוואָ־לוציע ,און אַז ער איז נישט אומשטאַנד אויסצואיבן וועלכן נישט איז איינפלוס, נישט אויפן פאַרשנעלערן און נישט אויפן פאַרלאַנגזאַמערן די אַנטוויקלונג פון זיין אייגענער סביבה, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון דער מענטשהייט. אַוודאי, די אָנשטרענגונגען פון די מענטשן זיינען שוואַכע, אָבער פון די פאַראייניקטע אָנ־שטרענגונגען פון אַלע מענטשן ווערט א קראַפט, וואָס איז אַ פאַקטאָר אין דער היס־טאָרישער אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע קאָלעקטיוון, און פון דער מענטשהייט בכלל. קראָפּאָטקין האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט דאָס אַלץ באַטראַכט ווי דערשיינונגען פון דער זעלבער נאַטור. „איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, — שרייבט ער אין „ווערטער פון א רעוואָלוציאָנער", — אַז די רעוואָלוציעס, ד. ה. די פּעריאָדן פון א פאַרשנעלערטער עוואָלוציע, פון א פאַרשנעלערטער אַנט־וויקלונג און שנעלע ענדערונגען, זיינען פונקט אַזוי אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי די לאַנגזאַמע, בהדרגהדיקע עוואָלוציע, וואָס מען זעט איצט אין די קולטורעלע לענדער. און יעדעס מאָל ווען דער אַנטוויקלונגס־

טעמפּ ווערט פאַרשנעלערט, און ס'הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון גרויסע ענדערונגען, קאָן זיך צופלאַקערן א בירגער-קריג אין א מער־ווייניקער גרויסן מאַסשטאַב".

די רעוואָלוציע איז פאַר אים א נאַטור-דערשיינונג, א מעסט־צייכן אויפן וועג פון דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי א באַשטאַנד־טייל פון דער נאַטור, פון איר באַוואוסטזיניקן טייל, וואָס קאָן זיך אָנצייכענען צילן און שטרעבן זיי צו פאַרווירקלעכן. קראָפּאָטקין גופא איז געווען אן אַקטיווער, באַוואוסטזיניקער אַגענט פון אָט דעם נאַטור־פּראָצעס, און געזוכט צו ווירקן אויף זיין ריכטונג און שנעלקייט, דערפאַר האָט זיך פאַר אים געשטעלט די פראַגע, נישט „ווי אַזוי אויסצומיידן די רעוואָלוציע, נאָר ווי אַזוי צו דערגרייכן וואָס גרעסערע רעזולטאַטן דורך א ווי-ווייט מעגלעך קלענערן פאַרנעם פון דעם בירגער־קריג, ד. ה. מיט דער קלענסטער צאָל קרבנות און ווי-ווייט מעגלעך נישט פאַרגרעסערנדיק די קעגנזייטיקע שנאה".

אוועקשטעלנדיק אַזוי די פראַגע, זוכט קראָפּאָטקין א לייזונג צו איר, און געפינט זי אין דעם, אַז „די אונטערדריקטע דאַרפן זיך שאַפן א וואָס־קלאָרערע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס זיי שטייט פאָר צו טון, און ווערן דורכגעדרונגען מיט א גענוג גרויסן ענטוזיאַזם. מיט אַנדערע ווערטער, אַז צום דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע איז „קודם כל נויטיק צו וויסן די צילן און האָבן א לעבעדיקע פאָרשטעלונג פונעם אידעאַל, ד. ה. ס'איז נויטיק באַוואוסטזיניקייט. קראָפּאָטקין, דערלאָזט בשום אופן נישט די מעגלעכקייט פון וועלכער ס'נישט איז צושטערונג פון דעם אַלטן „אָן דעם, אַז מען זאָל אין מאָמענט פון צושטערונג אין קאַמף, וואָס פירט צו דער צושטערונג, זיך נישט פאָרשטעלן אין געדאַנק, וואָס עס וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם, וואָס מען וויל צו שטערן".

רופן צו דער צושטערונג, נישט וויסנדיק מיט וואָס צו פאַרבייטן דאָס צושטערטע, רופט ער אָן נאַרעריי און זעלבסטנאַרעריי. „זאָגן די מענטשן לאָמיר פריער צושטערן דעם קאַפּיטאַליזם און נאָכדעם וועלן מיר זען, וואָס אוועקצושטעלן אויף זיין אָרט, וואָלט פשוט געהייסן אָפּנאַרן זיך און אַנדערע".

קראָפּאָטקין פאָדערט, אַלזאָ, ווי דאָס טוט אויך באַקונין, אַז דער קאַמף גופא פאַר נייע צוקונפטס-פאָרמען זאָל פאַרמאָגן אין זיך קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן; אַז דאָס צושטערן זאָל תיכף פאַרביטן ווערן מיט קלאָר־באַוואוסטע פאָרמען פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, און דאָס מיינט, אַז שוין אין דעם ערב־רעוואָלוציאָנערן פעריאָד דאַרף ביי די מאַסן אַנטוויקלט ווערן די שעפערישע זעלבסטטעטיקייט, די פעאיקייט פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, ווייל אינעם לעצטן פאַל וועט דער אויסגאַנג פונעם קאַמף זיין אָפּהענגיק נישט אַזוי פון די ביקסן און האַרמאַטן, ווי פון דעם שעפערישן כוח, וואָס מען וועט פאַרווענדן ביים איבערבויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות. דער אויסגאַנג וועט זיין אָפּהענגיק פון די שעפערישע געזעלשאַפטלעכע כוחות פאַר וועלכע ס'וועט זיך אויף א צייט עפענען א גרויסער רוים, און פון דער גייסטיקער ווירקונג פון די צילן צו וועלכע מען שטרעבט.

די נויטווענדיקייט פון קאָנסטרוקטיוויזם ווי א באַדינג פאַרן דערפאָלג פון דער

רעוואָלוציע, האָט געפונען א פולשטענדיקע באַרעכטיקונג אין דער רוסישער רעוואָ־לוציע, און וועט ווייטער געפינען אין די רעוואָלוציעס פון אנדערע פעלקער, אויב זיי וועלן נישט קאָנען באַשיצן פון דער מלוכה דאָס רעכט אויף א ברייטער, שע־פערישער זעלבסט-טעטיקייט, אויב זיי וועלן גלויבן דעם שטאַט און זיך פאַרלאָזן אויף אים. קראָפּאָטקין האָט צוגעזען די אויסוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַר זיין אויג איז נישט געבליבן אומבאַמערקט די קנאַפּע צוגעגרייטקייט צו דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. און ער האָט דאָס מיט ביטערניש אָנגעמערקט אין דער פאָררעדע צו זיין בראָשור: „די אַנאַרכיסטישע אַרבעט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע" (רוסישע אויסגאַבע 1919): „דורכקוקנדיק די דאָזיקע בראָשור, קאָן איך די גאַנצע צייט נאָר פילן, אויפן סמך פון די לעקציעס פון דער רוסישער רע־וואָלוציע, אויף וויפל ס'איז געווען נויטיק דער רוף דווקא צו דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון די מאַסן גופא, צוליב דעם דערפאָלג פון דער איבערקערעניש. ווי האָפע־נונגסלאָז ס'איז די רעוואָלוציע, אויב זי וועט נישט זיין דורכגעדרונגען מיט אָט דעם גרונט-פּרינציפּ".

אין דעם זעלבן יאָר האָט קראָפּאָטקין געמאַכט א באַמערקונג צו פּרודאָנס ווער־טער, וואָס ער האָט ציטירט (דאָס אַרטיקל: „לוין־אַרבעט אין דער קאָלעקטיוויסטי־שער געזעלשאַפט", אין זיין בוך „ברויט און פרייהייט"); „צושטערנדיק וועלן מיר בויען". אין אָט דער באַמערקונג געפינען מיר די פאָרמולירונג פון אַלע זיינע קאָנס־טרוקטיווע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין אַלע זיינע ווערק.

איצט, ווען מיר זעען אין דער פּראַקטיק, ווי שווער ס'קומט אָן דאָס „בויען", ווען מען באַטראַכט נישט פריער גענוי, אויפן סמך פון שטודירן דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן, וו אָ ס א ו ן ו י א ז ו י מיר ווילן בויען — מוז מען זיך אָפּזאָגן פונעם שפּריכוואָרט פון דעם אַזוי גערופענעם „בורא און באַלעבאָס" פון דער נאַטור און זאָגן — „בויענדיק וועל איך צושטערן".

מיר קאָנען נישט פאַרוואַרפן קראָפּאָטקינען, אַז ער האָט נישט אנערקענט דעם מוז פריער צו באַטראַכטן וו אָ ס א ו ן ו י א ז ו י צ ו ב ו י ע ן. מיר קאָנען אים נישט באַשולדיקן אַז אין זיין פילאָזאָפיע פעלט קאָנסטרוקטיוויזם. אין אַלע זיינע ביכער און בראָשורן, חוץ „ווערטער פון א רעוואָלוציאָנער", שפּרודלט מיט קאָנסטרוקטיוויזם אויף יעדער בלעטל: זיינע אַלע ווערק זיינען, דירעקט און אומדירעקט, אָנגעזאָפּט מיט אויפרופן צו שעפערישער זעלבסט-טעטיקייט פון די פאָלקסמאַסן, וועלכע קאָן אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, לויט זיין גאַנץ ריכ־טיקער מיינונג, מיט דערפאָלג זיך אַנטוויקלען אין אַרבעטער-פאַריינען, אין די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון און אין אומצאָליקע אַנדערע סאָרטן אָרגאַניזאַציעס און אַסאָציאַציעס.

דער רעאַליזם, שעפערישקייט און וויסנשאַפטלעכקייט פון דער אַנאַרכיסטי־שער פילאָזאָפיע איז אויסער יעדן ספק. די דאָזיקע מעלות פון קראָפּאָטקינס פילאָ־זאָפיע, זענען א גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער אַנאַרכיזם, ד. ה. די אמתע פרייהייט און דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם, האָבן אַלע שאַנסן צו פאַרווירקלעכט ווערן, און די צייט איז שוין גאָר נישט אַזוי ווייט פאַר דעם.

**א. שאַפּירא**

# קראָפּאָטקין, די אַרבעטער־באַוועגונג און דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל

די אַרבעטער-פראַגע — ריכטיקער, די פראַגע וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — האָט זיך באַניים דערוועקט אין די אַנאַרכיסטישע רייען.

דער יונגער דור, וואָס האָט זיך דערצויגן אין די אומשטענדן, וואָס האָבן זיך געשאַפן נאָך דער מלחמה און רעוואָלוציע — א שענדלעכער מלחמה, און געשענדעטע רעוואָלוציעס*) — קוקט זיך צו מיט אינטערעס און אפילו מיט א געוויסער וואַרעמער סימפּאַטיע צו דער „פּאַרטיי־דיסציפּלין”, צו דעם כוח פון דער פּאַרטיי און צו דער מאַכט פון דעם „פּאַרטיי־אַפּאַראַט”, ווי צו פאַקטאָרן, וואָס קאָנען באַווייזן וואונדער. אזא אָפּנויג אין דער זייט פון א דיסציפּלינירטער פּאַרטיי רופט אומפאַרמיידלעך אַרויס די אַנטשפּרעכנדע באַציאונג צו די אָרגאַניזאַציעס וואָס שטייען מחוץ פון דער פּאַרטיי־ספּערע און קודם כל, פאַרשטענדלעך, צו די אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע באַציאונג צו די אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס איז אייגנטלעך אַלע פּאַרטייען פון אַלע צייטן — איז די באַציאונג פון די „פירער” צו דער „טשערעדע” און זי מאַניפעסטירט זיך בולטער פון אַלץ אין דער טאַקטיק צו פאַרכאַפּן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס צוליב דער „אידעאישער” (און שפּעטער אויך צוליב דער נישט־אידעאישער) פירערשאַפט אין די אינטערעסן פון די „פאַרכאַפּער”.

אזא „אידעאָלאָגיע” איז, א דאַנק דעם מיראַזש פון דעם רוסישן באָלשעוויזם, וואָס האָט דורכגעפירט מיט דערפאָלג און ביזן סוף די דאָזיקע טאַקטיק פון פאַרכאַפּן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַריינגעדרונגען אויך אין די רייען פון די אַנאַרכיסטן.

ס'איז פאַראַן נאָך א צווייטע, א מער „קלאַסישע שטרעמונג” אינעם אַנאַרכיזם, וואָס האַלט, אַז ווי וויכטיק ס'זאָל נישט זיין דער קאַמף פון דעם אַרבעטער קלאַס פאַרן אויסבעסערן די אַרבעטס־און לעבנס-באַדינגונגען, איז די אויפ־

*) דער מחבר באַציט זיך דאָ אויף דער ערשטער אַלוועלטלעכער מלחמה. — י. ס.

נאבע פון די אנאַרכיסטן אַ צווייטע: — די אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען — איז אַ צווייטראַנגיקע אויפגאַבע, די אנאַרכיסטן דאַרפן פאַרשטאַרקן זייער אידעאישע פּראָפּאַגאַנדע און פאַרבלייבן ריין פון יעדער באַרירונג מיט דעם „אומפּאַרמיידלעכן רעפאָרמיזם" פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

פונדעסטוועגן זיינען די „ריינע" אנאַרכיסטן און די „פּאַרטיי"־אנאַרכיסטן זיך נאָך אַלץ סומך אויף דער וועלט-אָנשויאונג פון די גרונטלעגער פון דעם אנאַר־כיזם — באַקונין און קראָפּאָטקין, זיי האַלטן זיך פאַר זייערע תּלמידים, אוןריידן וועגן פאַרזעצן זייער אַרבעט. נאָר דערביי פאַרגעסן זיי, אַז באַקונין איז געווען דער אַקטיווסטער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען — פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, און אַז דורך זיינע אַלע ווערק ציען זיך ווי אַ רויטער פאָדעם די אידעען פון אַט־דער אַרבעטער־פאַר־איינִיקונג, וועמענס הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט ער איז געווען.

איבעריקנס, האָט מען שוין אַ סך געשריבן וועגן זיין קוק אויף דער ראָל און אויפגאַבן פון דער אַרבעטער באַוועגונג, אַ סך מער, ווי וועגן קראָפּאָטקינס באַצי־אונג צו דער דאָזיקער פראַגע. דאָס שטערט דערום נישט כאָטש טיילווייז אויספילן דעם דאָזיקן סובסטאַנציעלן בלויז אין דער אנאַרכיסטישער ליטעראַטור: אַרויס־נעמען פון קראָפּאָטקינס טעטיקייט, ביכער און אַרטיקלען זיין באַציאונג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, און נישט צום אַרבעטער, אַלס אַן אונטערדריקטן יחיד, איז זייער נוצלעך און באַלערנד, באַזונדערס פאַר די אויבנדערמאָנטע אנאַרכיסטן.

:: :: ::

קודם כל איז נויטיק צו אָנערקענען, אַז אין קראָפּאָטקינס פונדאַמענטאַלע און מער באַרימטע ווערק: „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער", (1882—1879), „ברויט און פרייהייט" (1890—1886), „דער אַנאַרכיזם, זיין פילאָזאָפיע און אידעאַלן" (1896), „מעמוּאַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער" (1899),*) וועלן מיר קוים געפינען גע־נוג אָנווייזונגען אויף צו לייזן די אוועקגעשטעלטע פראַגע.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ בלויז אין די דאָזיקע און אין אַנדערע גרויסע קראָפּאָטקינס ווערק דאָ, ווען ער האָט אין אַ סך אַרטיקלען, וועגן וועלכע ב'וועל שפּעטער ריידן, בפרטיות באַהאַנדלט דווקא אַט־די פראָבלעם?

קראָפּאָטקין האָט באַטראַכט די ק אָ מ ו נ ע , אַלס גרונט־ציל פון דער צוקונפטיקער אנאַרכיסטישער אָרדענונג און אין דער פעדעראַציע פון אַלע קאָמו־נעס האָט ער געזען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער דאָזיקער אָרדענונג. נאָך זיין אַנטלויפן פון דער פּעטראָפּאַוולאָסקער פעסטונג, איז קראָפּאָטקין געקומען קיין אויסלאַנד (1876), וואו ער איז אייניכן געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוראַ־פעדעראַציע, זיך באַפריינדעט מיט דזשעמס גיליאַמען, עליזע רעקליו און מיט אַנ־דערע אָנגעזעענע טוער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועמענס אידעען קראָפּאָטקין האָט גיך אָנגעהויבן אויסוויקלען אויף די שפּאַלטן פון „לע רעוואָלטע". קיין אַר־

*) אַז אויסנאַם זיינען עטלעכע זייטלעך, וואָס זיינען נוגע דעם אינטערנאַציאָנאַל.

בעטער-באוועגונג, אין איר איצטיקן באגריף, האט נאך דעמאלט נישט עקזיסטירט. דער אינטערנאציאנאל, אן אפגעשוואכטער דורך די רעגירונגס-פארפאלגונגען פון איין זייט, און דורך דער מארקסיסטישער שפאלטונג פון דער צווייטער זייט, האט איבערגעלעבט זיינע לעצטע טעג. די ליאנער און פאריזער קאמונעס זיינען נאך געווען פריש אינעם זכרון. דער קלאסנקאמף האט געטראגן א צעקראכענעם, אומבאשטימטן, פארעמלאזן כאראקטער, — מען האט שוין געקאנט אנטאפן זיינע גייעוועגן און פארמען. גאנץ נאטירלעך און פארשטענדלעך, אז די פון דער שטאטלעכער מאכט באזיגטע קאמונעס, זיינען געווארן די לאזונגען און אינסטרומענטן פאר דער פראפאגאנדע פון די אנארכיסטישע אידעען. אזוי ארום איז די קאמונע אין יענעם פעריאד געווען די איינציקע זיכטבארע פארם אויפן יסוד פון וועלכער מען האט געקאנט בויען א פרייע געזעלשאפט, און ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, אז קראפאטקין, אויסארבעטנדיק די יסודות און פרינציפן פון א פרייער ארדענונג, האט זי פארלייגט, אלס אורשפרונגלעכע צעל אינעם פונדאמענט פון זיין סאציאלן בנין. שפעטער, מיט דער אנטוויקלונג פון דער ארבעטער-באוועגונג, געפינט קראפאטקין, ווי מיר וועלן עס זען, אויך א צווייטן וועג און מעטאד צו בויען די פעדעראטיוו-סאציאליסטישע און שטאטסלאזע ארדענונג.*) אויף אזא אופן האט קראפאטקין, אויסוויקלענדיק זיין קאמונאליסטישע טעאריע, באגרינדנדיק און פארטיפנדיק, די אנארכיסטישע וועלט אנשויאונג, ווי אינגאנצן איגנארירט די ארבעטער-באוועגונג און איר נישט געגעבן קיין שום באדייטונג. אבער דאס איז ווייט נישט אזוי.

דאס לעבן איז זיך געגאנגען זיין וועג. די ארבעטער פלעגן זיך צענויפקומען, זיך ארגאניזירן, באהאנדלען די אנגעווייטיקסטע פראגן, אנגענומען שטעלונגען, געקעמפט, מיט איין ווארט — די באוועגונג איז געוואקסן און פארשטענדלעך, אז קראפאטקין האט דאס נישט געקאנט פארבייגיין שווייגנדיק.

קראפאטקין איז געווען פאר דער נויטווענדיקייט צו א ר ג א נ י ז י ר ן די רעוואלוציאנערע קרעפטן און כמעט אינערגעץ אין זיינע ווערק זיך נישט אפגעשטעלט אויף דער א ר ג א נ י ז י ר ו נ ג פ ו ן א נ א ר כ י ס ט י ש ע ג ר ו פ ע ס. ווייטער וועלן מיר זען, אז ער האט אן אויפהער גערופן די אנארכיסטן אריינצוטרעטן אין די ארבעטער-ארגאניזאציעס און ארבעטן אין זיי. ער האט געהאלטן, אז נאר די ארבעטער-ארגאניזאציעס קאנען דורכפירן די סאציאלע רעוואלוציע, און דערום געדענקט, אז דאס ארט פון די אנארכיסטן איז אין די דאזיקע ארגאניזאציעס. נאר איין מאל, אין 1905, אין שייכות מיט די רעוואלוציאנערע געשעענישן אין רוסלאנד, האט קראפאטקין, זיך אפשטעלנדיק אויף דער פראגע וואס ד א ר פ ן ט א ן ד י א נ א ר כ י ס ט ן? — געגעבן דעם פארצוג דער ארגאניזירונג פון אנארכיסטישע גרופעס. און אין אט דעם איינציקן פאל האט קראפאטקין, וועלכער האט אזוי קלאר געזען די וועגן אויף וועלכע ס'אנטוויקלט זיך, אדער ס'דארף זיך אנטוויקלען די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין די-

*) דאס פארווארט צום בוך „ברויט און פרייהייט" ארויסגעגעבן פון „גאלאס טרודא" 1919.

מערב אייראָפּעאישע לענדער, נישט דערשאַצט די באַדייטונג פון דער אַרויסשפּראָצנדיקער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג... אין רוסלאַנד!

נאָר וועגן דעם שפּעטער.

:: :: ::

ווערנדיק אַ מיטגליד פון דער יוראַ'ר פעדעראַציע, האָט קראָפּאָטקין גאַנץ ענערגיש אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם שוים פון דער צווישנפעלקערלעכער אַרבעטער־באַוועגונג און מיטגעאַרבעט אין דעם „ביולעטין פון דער יורא'ר פעדעראציע". אין דעם נומער פון דעם 29טן יולי 1877, האָט קראָפּאָטקין געשריבן פאָלגנדעס:

„מיר גלויבן אינעם געזונטן פאַרשטאַנד פון דעם פאָלק. ער וועט פאַרשטיין, אַז מען דערגרייכט נאָר דאָס, צו וואָס מען שטרעבט, און דאָס אויך נישט מיטאַמאָל, מיט איין שפּרונג... ער וועט פאַרשטיין, אַז אונדז שטייט איצט פאָר צו פּראָקלאַמירן נישט דאָס רעכט פון דעם בירגער, נאָר דאָס רעכט פון דעם האָרעפּאַשניק. ער וועט פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָן דער עקאָנאָמישער פרייהייט איז נישטאָ קיין פּאָליטישע פרייהייט, קאָן די דאָזיקע איבערצייגונג נישט פאַרבלייבן אַ פּוסטער קלאַנג... אונדז בלייבט, דערום, נאָר צו פּראָקלאַמירן די עקאָנאָמישע באַפרייאונג און דערקלערן, אַז אויסער דער עקספּראָפּריאַציע און פאַרניכטונג פון דער בורזשואַזיע, אויסער דעם אָפּשאַפן דעם שטאַט און אַלע בורזשואַזע אינסטיטוציעס איז קיין רעטונג נישטאָ.*).

אַזוי אַרום שטעלט קראָפּאָטקין פעסט, גלייך פון די ערשטע טעג פון זיין טעטיקייט אין אויסלאַנד, די אומצעטיילבאַרקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פרייהייט און דעם מוז פון אַ גלייכצייטיקן קאַמף אויף ביידע פראָנטן. דער דאָזיקער געדאַנק, להיפּוך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס באַטראַכט דעם שטאַט ווי אַ נויטיקן אינסטיטוט, וואָס העלפט צו דער ווייטערדיקער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, און להיפּוך צו די שפּעטערדיקע „ריינע" סינדיקאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרשוויגן די פראַגע וועגן דעם שטאַט, איז געוואָרן דער יסוד פון קראָפּאָטקינס וועלט־אָנשויאונג. און קראָפּאָטקינען איז נישט־איינמאָל אויסגעקומען אָנצואווייזן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ גלייכצייטיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף. אַזוי, למשל, איז קראָפּאָטקין אין 1895, באַטראַכטנדיק די פראַגע וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שייכות, געקומען צום אויספיר, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זעט נישט ריכטיק די עקספּלאָטאַציע בלויז אויפן עקאָנאָמישן געביט:

„אמת, די עקאָנאָמישע אומשטענדן שאַפן די שקלאַפעריי. אמת, דער שקלאַף פון דער ערד, אָדער פון דער מאַשין, וועט קיינמאָל נישט זיין קיין פרייער בירגער. אמת, די פּאָליטישע שקלאַפעריי וועט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ס'וועט עקזיסטירן די עקאָנאָמישע שקלאַפעריי.

---

*) זע זשעמס גליאָם „דער אינטערנאַציאָנאַל".

„אָבער פון די צוויי פאַרשקלאַפונגס־פאָרמען, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, דאַרף קיין איינע נישט באַטראַכט ווערן, אַלס דער קוואַל פון דער צווייטער. ביידע גייען האַנט אין האַנט און געבוירן איינע די צווייטע, לויט דער רייע.*).

אינעם שטאַט זעט, פאָלגלעך, קראָפּאָטקין די פאַרשקלאַפונג, וואָס איז גלייך צו דער פאַרשקלאַפונג דורכן קאַפּיטאַל: „אַזוי ווי דער שטאַט איז די פּאָליטישע פאָרעם, אין וועלכער ס׳ווערט איינגעפירט און באַפעסטיקט די עקאָנאָמישע פאַרשקלאַפונג, איז די עקאָנאָמישע באַפרייאונג נישט מעגלעך אָן דער גלייכצייטיקער צושטערונג פון דעם רעגירונגס־מעכאַניזם, אַ דאַנק וועלכן די עקאָנאָמישע פאַרשקלאַפונג וועט עקזיסטירן אַזוי לאַנג, ווי ס׳וועט עקזיסטירן דער שטאַט" — זאָגט קראָפּאָטקין.

אַלזאָ, נאָך מיט צען יאָר פאַר דער אמיענער כאַרטיע פון דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, האָט קראָפּאָטקין געוואָרנט די אַרבעטער־באַוועגונג און אָנגעוויזן דערויף, אַז דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן גלייכצייטיק קעגן דעם קאַפּיטאַל און קעגן דער מאַכט.

:: :: ::

קראָפּאָטקין זוכט נישט נאָר די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך אירע וועגן. אויף איינער פון די זיצונגען פון דער יוראַ־פעדעראַציע, האָט ער פאָרגעלייענט אַ רעפעראַט — „די אַנאַרכיסטישע אידעע פונעם שטאַנדפּונקט פון איר פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג" — וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אַזוי:

„ווי נאָר די עקספּראָפּריאַציע וועט זיין דורכגעפירט און דער ווידערשטאַנדס־כוח פון די קאַפּיטאַליסטן וועט זיין געבראָכן, וועט אומפאַרמיידלעך אַנטשטיין, נאָך אַ געוויסן פּעריאָד פון וואַקלעניש און עקספּערימענטן, אַ נייער אופן פון אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע און טויש, תחילת אין אַ באַגרענעצטער מאָס, און דערנאָך אין אַ אַלץ־ברייטערער... מיר דענקען, אַז מירן נישט מאַכן קיין טעות אויב מירן פאַר־אויסזאָגן באַצייטנס, אַז דער יסוד פון דער נייער אָרגאַניזאַציע וועט זיין — לפּחות אין די ראָמאַנישע לענדער — די פרייע פעדעראַציע פון די פּראָדוצירנדיקע גרופּעס און די פרייע פעדעראַציע פון די אומאָפּהענגיקע געמיינדעס און געמיינדעס־פאַר איינען"*)..

קראָפּאָטקין האָט באַטראַכט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל פאַר אַ גרויסער אַנאַרכיסטישער דערגרייכונג און אָן אויפהער געפאָדערט פאַר אים די אַלוועלט־לעבע שטיצע.

אַזוי, למשל, האָט קראָפּאָטקין געשריבן, אַלס ענטפער אויף לאַוועלע׳ס אַר־טיקל „די דערהויבנקייט און דאָס פאַלן פונעם אינטערנאַציאָנאַל":

„די צווישנפעלקערלעכע אַרבעטער־אַסאָציאַציע — מיט וואָס פאַר אַ נאָמען

---

*) קראפאטקין „די עקאנאמישע מיטלען"

*) שלום פון לעוואשאווס (קראפאטקינס פסעוודאנים) רעפעראט אויפן יורא׳ר צוזאמענ־קונפט. געווען געדרוקט אין „לע רעוואלט", דעם ערשטן נאוועמבער 1875.

מיר זאָלן זי נישט אָנרופן — קאָן נישט אויפהערן עקזיסטירן. זי וועט אומפאַר־מיידלעך אַרויסשפּראָצן פון די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווייל די אינטערעסן פון די אַרבעטער — זיינען איינע און די זעלבע אין אַלע לענדער, און אין אַלע לענדער ווערן זיי פּאַרלעצט אויפן זעלבן שטייגער... איז דען נישט נאַטירלעך, אַז די אַלע, וועלכע ליידן פון אַזאַ צושטאַנד, פּאַראייניקן זיך שטעטוויַיז, פּראָווינצנווייז און לענדערווייז, כדי ענדלעך ווערן די באַלעבאַטים פון דער ערד, פאַבריקן און פון זייער אייגענער אַרבעט? די ליידן זיינען איינע און די זעלבע אין אַלע לענדער, דעריבער דאַרף אויך דער ווידערשטאַנד ווערן אַ אינטערנאַציאָנאַלער. וואָסאַרא נעבעכדיקע מחיצות ס׳שטעלן מיט זיך פאַר אייערע פּאָליטישע גרענעצן! פון איבער די ווענט פון אייערע פעסטונגען, פון איבער אייערע צאָל־אַמט־שטיבלעך, האָבן מיר איינגעזען, אַז מיר זיינען ברידער; אַלע אייערע מלוכות זיינען פאַר־משפּט צום אונטערגאַנג און זייער אָרט וועט פאַרנעמען די פעדעראַציע פון גרופּעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל״.

אויפן קאָנגרעס פון דער יוראַ׳ר פעדעראַציע אין 1880, איז קראָפּאָטקין געווען איינער פון זיינע טעטיקסטע אנטיילנעמער, און ס׳איז קיין שום ספק נישט, אַז ער האָט פולשטענדיק געשטיצט פאָלגנדע רעזאָלוציע פונעם צוזאַמענפאָר:

„דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט די סעקציעס דאָס דאָזיקע מיטל (שיקן ספּע־ציעלע דעלעגאַטן, אויף צו אָרגאַניזירן גרופּעס אין די ערטער, וואָס זיינען געבליבן מחוץ פון דער אַרבעטער־וועלט), כדי ברייטער אַנטוויקלען די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־קרעפטן״.

ערב דעם צוזאַמענפאָר פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן, (יולי 1881) איז אויף דער ערשטער זייט פון „לע רעוואָלטע״, אויפן אָרט פון אַ לייט־אַרטיקל געווען פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו די דעלעגאַטן, געשריבן פון קראָפּאָטקינען, אין וועלכן ער האָט געזאָגט פאָלגנדעס:

„אין פינף טעג אַרום וועלן די דעלעגאַטן פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָר־גאַניזאַציעס פון גאַנץ אייראָפּע זיך צענויפקומען קיין לאָנדאָן אויפן אינטערנאַציאָ־נאַלן קאָנגרעס... פון אונדזער זייט ווינטשן מיר דעם דאָזיקן קאָנגרעס פולשטענדיקן דערפאָלג. אונדזערע וואונטשן קאָנען אויסגעדריקט ווערן אין ווייניק ווערטער: מיר וואָלטן געוואָלט, אַז די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען זאָלן זיך איינגאַנצן אַריינגיסן אין דער ברייטער צווישנפעלקערלעכער ברידערשאַפט פון די אַרבעטער.

„מיר זיינען טיף איבערצייגט אין דעם, אַז די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען זיך צענויפגעקומען אויפן לאָנדאָנער קאָנגרעס, וועלן זיך אליין איבערצייגן, אַז דער אינ־טערנאַציאָנאַל דריקט אויס אַלע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון דעם אַלוועלט־לעכן פּראָלעטאַריאַט, און פאַרשטענדלעך, אַז נישט די סטאַטוטן פונעם אינטערנאַ־ציאָנאַל, און נישט זיין גייסט שטערן די דאָזיקע שרעבונגען זיך צו מאַניפעסטירן מיט דער גרעסטער קראַפט.

„מיר האָפן, אַז באַקאָנענדיק זיך נאָענטער מיטן איצטיקן אינטערנאַציאָנאַל,

וועט דער קאָנגרעס זיך פאַרענדיקן מיטן אויסרוף: „זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל!"

„און מיר האָפן אויך, אַז אינגיכן וועלן מיר זען דעם נעקסטן קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, אין וועלכן ס'וועט זיך אָנשליסן די ברייטע אַרבעטער־מאַסע, און אַז אויף אַזאַ אופן וועט צוריקגעשטעלט ווערן די מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט ציטערן די בורזשואַזיע און די רעגירונגען, און וועט אינגיכן ווערן אַ גענוגנדע קראַפט, אויף זיי צו דערלאַנגען אַ טויט קלאַפּ, דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

דער קאָנגרעס — אין וועלכן אויך קראָפּאָטקין האָט זיך באַטייליקט — האָט דאָס פאַרשטאַנען, און קראָפּאָטקין האָט געשריבן נאָכן קאָנגרעס:

„די לאַנג־געוואונטשטע פאַראייניקונג פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן פון דער אַלטער און נייער וועלט איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן אויפן לאָנדאָנער קאָנגרעס... די אַלע, וועלכע שטרעבן באמת, אָן תירוצים צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פאַרשטייען, אַז די רעוואָלוציע גרייט מען צו נאָר דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען, האָבן איינער דעם צווייטן אויסגעשטרעקט די הענט און שטעלן איצט צוזאַמען איין גרויסע, מעכטיקע אָרגאַניזאַציע — די צווישנפעלקערלעכע אַרבעטער־אַסאָציאַציע"*).

שפּעטער, נאָך זיין אַרויסשיקונג פון דער שווייץ, האָט קראָפּאָטקין אויפן פּראָצעס אין ליאָן געזאָגט פאַרן געריכט: „ס'וואָלט אוודאי געווען גרויסאַרטיק, ווען מיר זאָלן אייך קאָנען זאָגן, אַז מיר באַלאַנגען צום אינטערנאַציאָנאַל; אָבער מיר האָבן דאָס נישט געקאָנט טאָן, ווייל די דאָזיקע דערהויבענע אַרבעטער־אַסאָציאַציע עקזיסטירט מער נישט אין פראַנקרייך נאָכדעם, ווי דאָס אומגערעכטע געזעץ פון 1872 האָט זי אומגעבראַכט. כ'וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין צו באַטראַכטן אַלס פאַרברעכן דאָס ווענדן זיך צו די אַרבעטער פון דער אַלטער און נייער וועלט מיט די ווערטער: „אַרבעטער, ווען די בורזשואַזיע דערפירט אייך צו בעטלער־צושטאַנד זאָל פאַרשטומט ווערן די שנאה, שטרעקט אויס די הענט איינער דעם צווייטן איבער דער גרענעץ, זייט ברידער!"

קראָפּאָטקין פלעגט זיך אָפט באַציען אויפן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, ווייל ער האָט אים באַטראַכט, אַלס אידעאַלע אָרגאַניזאַציע צום קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה**) און אין די מלחמה-יאָרן, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אין רוסלאַנד, האָט מען אַלץ אָפטער און אָפטער אויפגעהויבן די פראַגע פון דעם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, מען האָט אַלץ אָפטער באַהאַנדלט די פראַגן וועגן דער פּראַקטיק און טאַקטיק פון דעם אַרבעטער־קלאַס בכלל, און פון די אַנאַרכיסטן בפרט, און קראָפּאָטקין פלעגט געוויינלעך פאַרענדיקן

*) לע רעוואָלטע יולי 23, 1881. דאָס אַרטיקל איז אָן אַ אונטערשריפט.

**) דער מחבר רעדט וועגן דער ערשטער אַלוועלטלעכע מלחמה. — י. ס.

אזעלכע שמועסן מיטן דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט: „אָבער דאָס אַלץ האָט מען שוין גערעדט און געטאָן אין די סעקציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל"...

:: :: ::

יאָ, קעגן דעם קאַפּיטאַל, אָבער אויך קעגן דער מאַכט. דאָס — איז אַ לאָזונג. דאָס — איז אַ פּראָגראַם. דאָס — איז דער וועג צום ציל.

אָבער קראָפּאָטקין האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז אויב דער קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל קאָן נישט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג אָן דעם גלייכצייטיקן קאַמף קעגן דעם שטאַט, איז נאָך ווייניקער מעגלעך אַ קאַמף קעגן דער מאַכט אָן אַ קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל.

ער האָט איינגעזען, אַז אויף וויפל די האַרעפּאַנישקעס זיינען דער יסוד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַזוי ווייט מוז דער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר קאַמף אומפאַרמיידלעך ווערן די אַקס פון אונדזער גאַנצער פּ ר אַ ק ט י ש ע ר טע־טיקייט.

דער שונא, וועמען מיר דערקלערן קריג, איז דער קאַפּיטאַל, און קעגן אים איינגנטלעך דאַרפן מיר ריכטן אונדזערע אָנשטרענגונגען, נישט אָפּנויגנדיק פונעם ציל דורך דעם פאַרבלענדערישן קאַמף פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. דער גרויסער קאַמף, צו וועלכן מיר גרייטן זיך, איז קודם כל אַ עקאָנאָמישער קאַמף, און דעריבער דאַרף אויך אונדזער אַגיטאַציע געפירט ווערן אויפן עקאָנאָמישן באָדן.

„לאָמיר זיך אוועקשטעלן אויף אָט־דעם באָדן און מירן דערזען ווי די גרויסע אַרבעטער־מאַסע וועט אָנהויבן אָנפילן אונדזערע רייען, און ווי אַזוי זי וועט זיך גרופּירן אַרום דער פאָן פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

„אויב אונדז וועט געלינגען צו שאַפן, במשך פון עטלעכע יאָר אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע, מעגן מיר זיין זיכער, אַז די צוקונפטיקע רעוואָלוציע וועט נישט זיין קיין דורכפאַל"...*).

אַזוי רופט כסדר פּ. קראָפּאָטקין די אַרבעטער אַליין צו אָרגאַניזירן זייערע כוחות צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און די אַנאַרכיסטן צום טעטיקן אָנטייל אין דער דאָזיקער אַרבעט.

קראָפּאָטקין האָט געשריבן רעגולער אינעם זשורנאַל „לע רעוואָלטע", וואָס האָט פון 1887 ביז 1894 געהייסן „לאַ רעוואָלט". חוץ די אַרטיקלען, וואָס זיינען אַריין אין זיינע ביכער „ברויט און פרייהייט", „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער" און „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע", האָט קראָפּאָטקין רעגולער געגעבן אי־בערבליקן איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, און אין אָנהויב פון יעדן נייעם יאָר האָט ער אונטערגעצויגן דעם ס"ה פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר. די דאָזיקע פּעריאָ־דישע איבערבליקן האָבן זיך כסדר באַשעפטיקט מיט דער זיך־אַנטוויקלענדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר וואָרט, מיט אירע דערפאָלגן און ווייטערדיקע לאָ־זונגען. אַזוי, למשל, אַנאַליזירט ער אינעם איבערבליק פון 1887 די מערקזאַמע צע־

*) „די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע". „לע רעוואָלטע", דעצעמבער פון 1881. אַן אונטערשריפט.

פאלונג פונעם פארלאמענטאריזם, דעם וואוקס פון דעם אפענסיוון כאראקטער פון דער טעטיקייט פון די ארבעטער־מאסן און די סכנה פון א מלחמה, וואס איז געהאנגען איבער אייראפע. מיט וואס וועט זיך דאס אלעס ענדיקן? פלעגט קראפאטקין פרעגן און ער פלעגט ענטפערן:

„אדער די קאמונעס וועלן ווערן ק א מ ו נ ע ס אינעם ריכטיקן זין פונעם ווארט, ד. ה. קאמוניסטישע קאמונעס און דעמאלט וועלן זיי פארטרייבן די דרעראבערער און ברענגען אייראפע די סאציאלע רעוואלוציע, אדער זיי וועלן ווערן בלויז י א ק א ב י נ י ש ע: זיי וועלן פארגעסן דעם פראלעטאריער, און דעמאלט — וועלן זיי זיין באזיגטע. דעמאלט וועט דאס זיין די גרויסע פינצטערניש פון דער רעאקציע איבער אייראפע".

פונקט אין 30 יאר ארום איז די רוסישע רעוואלוציע געווארן „בלויז א יאקאבינישע", — קראפאטקינס נבואות איז מקוים געווארן אינגאנצן: אייראפע איז איצט איינגעהילט אינעם חושך פון דער רעאקציע.

וועלכער וועט זיין דער לויף פון די געשעענישן אין דער הינזיכט? — פרעגט זוייטער קראפאטקין — דאס קאן קיינער נישט פארויסזען, נאר זאלן די פראלעטאריער וויסן איין זאך: פ ו ן ז י י א ל י י ן, א ו ן נ א ר פ ו ן ז י י א ל י י ן, וו ע ט ז י י ן א פ ה ע נ ג י ק ד ע ר ג א נ ג פ ו ן ד ע ר ר ע וו א ל ו צ י ע.

„קיינער וועט זיך מיט זיי נישט פארנעמען אויב זיי וועלן זיך אליין נישט נעמען צו דער ארבעט. קיין שום פארט'ע — די סאציאליסטן פון היינט, און די יאקאבינער פון מארגן — וועלן זיך מיט זיי נישט פארנעמען, אויב זיי וועלן נישט אליין תיכף אנהויבן די עקספראפריאציע; אויב זיי וועלן זיך נישט ארגאניזירן אויף צו באשפייזן יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאפט; אויב זיי וועלן זיך נישט ארגאניזירן צוליב דעם, כדי צוריק פראדוצירן דאס, וואס זיי האבן פארברויכט און אויסגעגעבן".

לסוף פון זיין איבערבליק, רעדט קראפאטקין אויך וועגן דער ראל פון די אנארכיסטן, וועגן דער נויטווענדיקייט פון זייער פעסטער פאראייניקונג:

„ערשט דעמאלט וועלן די אנארכיסטן קאנען אויסאיבן א ווירקונג און שפילן די ראל, וואס וועט אויספאלן אויף זייער חלק אין דער נאענטער רעוואלוציע. זיי וועלן דעמאלט זיין א מעכטיקע, אומפאשאצבארע קראפט, ווייל זיי וועלן זיין דורכגעדרונגען מיט דער דיסציפלין, וועגן וועלכער באקונין האט געחלומט, און וועלכע איז דער רעזולטאט פון געמיינשאפטלעכע שטאנדפונקטן און גלייכהייט אין דער טעטיקייט, און נישט קיין אויספאלגן באפעלן פון יחידים, אדער פון א מער־ווייניקער ערנסטער מערהייט".

וואו־זשע דארפן זיין די אנארכיסטן און וואו וועט פארווירקלעכט ווערן די דאזיקע פעסטע פאראייניקונג?

„אפט זאגט מען: „אונדזער ראל איז באשטימט פון פאראויס. ווען דאס פאלק וועט זיין אויפן גאס, וועט פאר אונדז בלייבן בלויז אנצוהויבן די שלאכט ד ו ר ך

מ ע ש י ם". זאָל זיין אזוי! פונדעסטוועגן איז נויטיק, אז די מאַסן ז אָ ל ן אונגדז קאָנען, און אז די אַנאַרכיסטן זאָלן זיך פילן גענוג מוטיק אויף אָנצוהויבן די שלאַכט, און צוליב דעם איז נויטיק. א פאַרלויפיקע ארבעט".

„...די מאַסן ווילן גיין פאָראויס, און אונדזער ראָל איז זיי העלפן אין דעם און מאַכן די געציילטע שפּאַן, וואָס טיילן זיי אָפּ פון דער רעוואָלוציע. צוליב דעם דאַרף מען זיין מיטן פאָלק, וואָס פאָדערט נישט קיין איינצלנעם אָפּגעזונדערטן אקט, נאָר דעם אָנטייל אין זייערע רייען פון מענטשן פון טאַט".

קראָפּאָטקין קריטיקירט די אָפּגעזונדערטקייט פון די אַנאַרכיסטן. ער פאַר־נאָטירט דעם געבוירן־ווערנדיקן אריסטאָקראַטיזם פון איינצלנע אַנאַרכיסטן, און ער באַוועגט די אַנאַרכיסטן, ענדלעך, צו באַגרייפן די קאָמפּליצירטע קעגנזייטיקע באַציאונגען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, ער זאָגט צו זיי:

„אלזאָ, דאָס דאָזיקע וויסן מיינט איר צו באַהאַלטן פאַר זיך כדי באַלעבן אונדזערע פאַרזאַמלונגען?... כדי טאָן דאָס זעלבע, וואָס אזויפיל בורזשויען, וועלכע באַהאַלטן זייער וויסן פאַר זייערע וויסנשאַפטלעכע שמועסן, פאַר זייערע זשורנאַלן און ביכער, און זאָגן וועגן דעם קיינמאָל נישט די יעניקע, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם מער ווי אַלעס? איז דען צוליב דעם, כדי אַליין שפּילן דעם בורזשוי, האָבן מיר, פון אונדזער זייט, זיך פאַרדעקט מיטן גרויסן נאָמען אַנאַרכיזם, וואָס מיינט, קודם כל, זיין מיטן פאָלק, לעבן מיטן פאָלק, ארבעטן מיטן פאָלק?"...

...„און אויפן אָרט פון איבערצייגן יעדן ארבעטער־אָרגאַניזאַטאָר באַזונדער, ווי דאָס פלעגט טאָן פאַנעלי אין שפּאַניע און באַקונין אומעטום... קערן זיי זיך אויס מיטן רוקן צו אים און מאַכן חוזק פון זיין טעמפּקייט, ווען דער אומדערפאַ־רענער תלמיד צועפנט ברייט די אויגן דערהערנדיק, אז גנבה וועט מאַכן א סוף צום פּריוואַט אייגנטום, און אז בלויז א פּאָר דינאַמיט פּאַטראָנען (וואָס קאָנען אפילו א טיר נישט אויפרייסן), זיינען גענוג אויף צו מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע"*).

די קאָלומס פון „לע רעוואָלטע" זיינען פול מיט באַמערקונגען און ארטיקלען, וואָס זיינען, אָן ספק, געשריבן פון קראָפּאָטקינען אין וועלכע ער באַהאַנדלט די ארבעטער פראַגע אין אַלע אירע דעטאַלן. ער באַריכטעט אָפט וועגן דעם גאַנג פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד, וואו ער האָט געוואוינט. די ענגלישע באַ־וועגונג איז א סך מער קאָרפּאָראַטיוו־רעפאָרמיסטיש, ווי אין די לאַטייניש לענדער. פונדעסטוועגן האָט קראָפּאָטקין געשריבן, אין שייכות מיטן ליווערפּולער קאָנגרעס פון די טרעד־יוניאָנען אין 1890, אז „דער דאָזיקער קאָנגרעס איז א געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער באַוועגונג. ער ברעכט די אַלע יוניאָניסטישע טראַ־דיציעס. ער עפנט נייע וועגן. ס'איז איצט די צייט פאַר די סאָציאַליסטן צו פאַרזייען זייערע אידעען אין אָט־דער סביבה, וואָס איז שוין נישט די אַלטע, רעאַקציאָ־נערע סביבה. און אָט דאָס טוען די אַנאַרכיסטן — און מען מוז זאָגן — אז זיי פאַרמערן זיך שנעל — אין דער פּראָווינץ".

*) די אַלע ציטאַטן זיינען פון קראָפּאָטקינס ארטיקלען אין „לא רעוואָלט" אין 1887-1892.

קראָפּאָטקינען שרעקט בכלל נישט דאָס, וואָס די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען זיך, הויפּטזעכלעך, מיט טיילווייזע פאַרבעסערונגען פון די אַרבעטס און לעבנס־באַדינגונגען. די אַנאַרכיסטן דאַרפן בשום אופן נישט אַוועקגיין פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס צוליב די אָנגעוויזענע כלומרשטע סתירות צווישן דעם הונדערט פּראָצענטיקן אַנאַרכיסטישן אידעאַל און דעם דאָזיקן מינדערוויכטיקן טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן.

די דאָזיקע פּראָבלעם באַהאַנדלט קראָפּאָטקין אין די אַרטיקלען: „די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג". ווען לאַגאַרדעל, קריטיקירנדיק די באַציאונג פון אייניקע אַנאַרכיסטן צום סינדיקאַליזם, רופט אַרויס אַ פּאָלעמיק אויף די שפּאַלטן פון „טאַן נאָוואָ", קערט קראָפּאָטקין, וועמען לאַגאַרדעל האָט אָנגערירט אומדירעקט, זיך אום צו דער פראַגע:

„אוודאי, אַריינטרעטנדיק אינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, מאַכט דער אַנאַרכיסט אַ הנחה — ווי ער מאַכט אַ הנחה ווען ער מעלדעט דער אַדמיניסטראַציע דעם נאָמען פון דער צייטונג, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבן, ווען ער בעט אַ דערלויבעניש אויף אַ מיטינג, אפילו ווען ער שרייבט אונטער אַ קאָנטראַקט אויף צו דינגען אַ דירה... אָדער, ווען ער לאָזט זיך אָנטאָן האַנטקייטן, נישט קעמפנדיק מיט די פויסטן.

„אַריינטרעטנדיק אינעם לעבן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין דערפילט דער מענטש, זיכער, די ווירקונג פון דער סביבה, פּונקט ווי אַריינטרעטנדיק אין פּאַרלאַמענט.

„נאָר דער חילוק צווישן דעם פאַראיין און דעם פּאַרלאַמענט איז דער, וואָס דער ערשטער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרגאַניזאַציע. צום ק אַ מ ף מיטן קאַפּיטאַל, בעת דער צווייטער (דער פּאַרלאַמענט) איז אַן אָרגאַניזאַציע אויף צו שטיצן דעם שטאַט און זיין מאַכט. דער ערשטער ווערט אַמאָל רעוואָלוציאָנער, אָבער דער צווייטער — קיינמאָל נישט: איינער (דער פּאַרלאַמענט) איז אונדז דערווידער אין פּרינציפּ; און דער צווייטער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרענדערלעכע מעסיקע קאַמפּס־פאָרעם, מיט וועלכער די מערהייט פון אונדז איז מסכים.

„ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זאָלן זיך אונטערוואַרפן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יעראַרכיע, וואָלטן מיר נישט געקאָנט אַריינטרעטן אהינצו, נישט פאַרניכטנדיק זי פריער.*)

אויסוויקלענדיק ווייטער דעם געדאַנק וועגן דער אייגנטלעכער ראָל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זאָגט קראָפּאָטקין:

„די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען די ווירקלעכע קראַפט, וואָס איז ביכולת צו מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע... און דאָרט, וואו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס

---

*) „די אנארכיסטן און די פּראפעסיאנעלע פאראיינען", „טאן נאוואָ", דעם 25־טן מיי פון 1907. דער געבראכטער אויסצוג איז א טייל פון „די בריוו, וואס איז נישט אפּגעשיקט געווארן צום אדרעסאט", דאטירט „אפּריל 1898, און איז צום ערשטן מאל געדרוקט געווארן אין דעם דערמאנטן ארטיקל.

האָבן זיך נישט אונטערוואָרפן די אָנהענגער פון „פּאַרבאַפּן די מאַכט" און זייִנען ווייטער געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די אַנאַרכיסטן — ווי אין שפּאַניע — האָבן זיי דערגרייכט, פון איין זייט, אומשטלבאַרע רעזולטאַטן, און פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי געשאַפן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פאַר דער, וואָס וועט קומען נישט פון די הארן פון אויבן, נאָר פון אונטן, פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס".

מיר וועלן איבערדרייסן דעם לאַנגן אויסצוג, כדי פאַרנאָטירן די אומוועגדונג אין די אַנאַרכיסטישע, ווי אין די סינדיקאַליסטישע רייען: מיט 25 יאָר שפּעטער קומט אויס צו רייִדן, שוין נישט פון דער נויטווענדיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, צו „גייִן האַנט אין האַנט מיט די אַנאַרכיסטן, נאָר וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט און דרינגענדער נויטווענדיקייט פאַר די אַנאַרכיסטן, צו גייִן האַנט אין האַנט מיטן רעוואָלוציאָנערן, פעדעראַליסטישן סינדיקאַליזם, אויב זיי ווילן נישט צושטערן די גאַנצע צוגרייטונגס־אַרבעט, וואָס באַקונין און קראָפּאָטקין האָבן אָפּגעטאָן.

מיר וועלן זיך אומקערן צום אויסצוג:

„די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעל צום  ד י ר ע ק ט ן  ק א מ ף  מיטן קאַפּיטאַל—אין פראַנקרייך רופט מען זי איצט סינדיקאַליזם און דירעקטע אַקציע — שטעלט מיט זיך פאָר די ווירקלעכע קראַפט, וואָס איז פעאיק אי  ד ע ר פ י ר ן  צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אי זי דורכפירן, רעאָרגאַניזירנדיק דעם קאָנסום און די פּראָדוקציע אויפן יסוד פון גלייכקייט, — די יעניקע פון אונדז, וועלכע האָבן אַזוי געדענקט במשך פון די לעצטע 35 יאָר, זייִנען פּשוט פאַרבליבן געטריי דעם גרונט־געדאַנק פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, ווי ס'האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט, אָנהויבנדיק פונעם יאָר 1864, די פראַנצויזן... דער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אַ ברייטע סינדיקאַלע באַוועגונג, וואָס האָט שוין דעמאָלט פּראָקלאַמירט דאָס אַלעס, וואָס די דאָזיקע הערן האָבן כלומרשט אַנטדעקט אינעם סינדיקאַליזם.

„און אַצינד, ווען דער פּראָלעטאַריאַט, אַנטוישט אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, קערט זיך אום צו דער אַלטער אידעע פון אַ דירעקטן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף מיטן קאַפּיטאַל, און ווען ס'געפינען זיך ווידער פּערזאָנען, וואָס באַמיען זיך אָראָפּצופירן די דאָזיקע באַוועגונג פון איר וועג און זי פאַרוואַנדלען אין אַ אינסטרומענט פאַר זייער פּאָליטיק, — מילא, וועלן מיר קעמפן מיט זיי, ווי מיר האָבן געקעמפט מיט זייערע פאָרגייער פאַר דער זעלבער אידעע פון באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט דורך אַ דירעקטן, אָפענסיוון קאַמף מיט זייִנע שונאים.*)."

מיר האָבן געבראַכט דעם דאָזיקן אויסצוג דערפאַר ווייל אין אים איז קלאָר

---

*) „די אַנאַרכיסטן און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען", „טאַן נאָוואָ", מאַי 25. 1907.

און דייטלעך פאָרמולירט קראָפּאָטקינס קוק אויף דער רעוואָלוציאָנערער ראָל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

מיר טרעטן אריין אין א פּעריאָד פון א גרויסער אנטוויקלונג פון דעם סינדי־קאַליזם, נישט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. עס לעבט ווידער אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל. דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, אָן ערנ־סטער, און אָרגאַניזירטער, הויבט אָן צושטערן די פּאָליטישע גרענעצן. און קראָ־פּאָטקין, אין זיינע פּעריאָדישע איבערבליקן איבער די טעגלעכע געשעענישן, רופט וויטער די אַרבעטער בכלל און די אַנאַרכיסטן בפרט, צו צוריקאויפלעבן דעם אינ־טערנאַציאָנאַל. „צי האָבן זיי דען נישט פיינט מיט דער זעלבער פיינטשאַפט די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע באַנדע עקספּלאָטאַטאָרס, מעגן זיי זיך אָנרופן פּאַטריאָטן יאַפּאַנישע צי פראַנצויזישע, דייטשע, צי ענגלישע?"

„א געבוירענע אינעם שויס פונעם פאָלק און פון אים אינספּירירט אינערהאַלב דער צווישנפעלקערלעכער ברידערשאַפט פון די אַרבעטער, וואָס האָט איצט באַקו־מען פרישן כוח א דאַנק דער שטיצע פון דעם פאַרשעריישן געדאַנק, דאַרף די דאָזיקע אידעע זיך אומקערן צום פאָלק, אויסוואַקסן צווישן אים און באַהויכט ווערן פון זיין אומבאַזיגבאַרן גייסט.

„נאָר דאָרט וועט די אידעע קאָנען דערגרייכן איר פולע אַנטוויקלונג. נאָר דאָרט וועט זי באַקומען קערפּער און געשטאַלט אויף צו פאַרבייטן די אַלטע, אָפּ־שטאַרבנדיקע וועלט און איבערבויען די געזעלשאַפט אויף די יסודות פון גלייכקייט, פון דער פולער פרייהייט פאַרן יחיד און ברודערשאַפט צווישן אַלע מענטשן.*)".

קראָפּאָטקין פאַרנאָטירט כסדר און רעגולער די דערפאָלגן פון דער אידעע און פּרינציפּן פונעם אינטערנאַציאָנאַל. אָט איז, למשל, דער באַרימטער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער צוזאַמענפאָר, — לאָנדאָן 1896, — באַרימט דערמיט, וואָס אויף אים האָט מען אויסגעשלאָסן די אַנאַרכיסטן. קראָפּאָטקין שטעלט דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר פון די פּאָליטיקאַנער, אין קאָנטראַסט צו די זאַכלעכע צו־זאַמענפאָרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען:

„דעמאָלט (אין דער עפּאָכע פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל) האָט מען פאַר־שטאַנען, אַז כדי די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן, איז נויטיק, אַז דער פאָלקס־געדאַנק **זאָל געפינען נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע**, — פאָרמען, וועלכע ס'קאָנען נישט זיין נישט די רעפּרעזענטאַטיווע פאַרוואַלטונג, נישט די מלוכה... נאָר וואָס וועלן זיין גאַנץ נייע, וואָס נעמען זיך פון די באַדערפענישן פון דער מאָדערנער פּראָדוקציע און טויש... עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם קאַמף פון די אַרבעטער מיטן קאַפּיטאַל, פון זייערע נאַציאָנאַלע און אינטער־נאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען, פון די **אינטערעסן**, וואָס פאַרבינדן צווישן זיך די אַרבעטער פון דער אַלטער און נייער וועלט, אָפּגעזען פון די מאָדערנע פּאָ־

*) „די ווירקונג פון די פאַרפאָלגונגען": „טאַן נאָוואָ", נומער 1, מאַי 1895.

ליטישע פאָרמען, פון א י ד ע ע ן וואָס ווערן געבוירן אין זייער מיט.

„...און אין דער צייט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון פאַרשידענע פאַכן, אָדער די צווישנפעלקערלעכע באַראַטונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אָן רעש צווישן די אַרבעטער פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער דאָקן, און נישט לאַנג צוריק פון די בעלגישע דאָק־אַרבעטער, גרייטן צו גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונגען, וועלכע וועלן פאַרקירצן די אַרבעטס־שעהן און, חוץ דעם, וועלן זיי, מסתמא, גורם זיין די עקספּראָפּריאַציע פון די דאָקן, — אין דער זעלבער צייט פאַרבלייבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנגרעסן במשך פון 28 יאָר אַזעלכע, ווי ס'איז געווען דער נישט־לאַנג צוריק פאָרגעקומענער קאָנגרעס: אַן אַרענע פון פּערזענלעכן קאַמף און פּערזענלעכער באַרימעריי.*).

ריידנדיק ווייטער וועגן דער ראָל פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין היפּוך צו דער פּאָליטישער, פאַרענדיקט קראָפּאָטקין דאָס אַרטיקל באַטראַכטנדיק די פּאַרשידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן פון די שטעט, דערפער און דערפעלד:

„קיינער קאָן נישט ריידן אין נאָמען פון די דאָזיקע טויזנטער און טויזנטער אינטערעסן. קיינער, חוץ דער ג ע מ יי נ ש א פ ט פון אַלע פאַראינטערעסירטע מענטשן, וואָס זאָגן זיך אַרויס און, באַזונדערס, זיינען אַליין אַקטיוו אינעם טעטיקייטס־פּראָצעס, דערקאָנענדיק זייערע אינטערעסן".

נאָכדעם, ווי ער האָט אַנאַליזירט די קאָאָפּעראַטיווע, קאָמונאַליסטישע, סאָציאַלדעמאָקראַטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען, זאָגט קראָפּאָטקין, אַז „ס'איז חוץ דעם פאַראַן אַ קאָלאָסאַלע קאָרפּאָראַטיווע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט, אונטער דער באַשיידענער אָנזיכטבאַרקייט פון אַרבעטס־לוין און פאַרקירצערונג פון די אַרבעטס־שעהן, אפשר שוין אויפגעטאָן מער, ווי אַלע אַנדערע באַוועגונגען, אויף צו פּראָקלאַמירן די רעכטן פונעם מענטשן אינעם אַרבעטער, און וואָס שטרעבט, נישט מער, נישט ווייניקער, דורך דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיזאַנען־מלחמה מיטן באַלעבאָס, אַרויסצוטרייבן אים פון דער פאַבריק, פון דער קוילן־מינע, פון די פאַרקערס־מיטלען".

און אָט איז אַ באַמערקונג וועגן דער אַרבעטער באַוועגונג אין ענגלאַנד, וואָס ער האָט געשריבן אין שייכות מיטן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען:

„פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין — דאָס איז שוין אַ פיינטלעכע אַרמיי, וואָס האָט זיך פאַראייניקט קעגן דעם גזלן־קאַפּיטאַליסט. אמת, זי פּרואווט אָנקומען צו פּאַליאַטיוון, נאָר סוף־כל־סוף איבערצייגט זי זיך אין דעם, אַז מען קאָן גאָר נישט אויפטאָן ווי לאַנג די מינען, פאַבריקן, די ערד און דער קאַפּיטאַל וועלן פאַרבלייבן אין די הענט פון די פּריווילעגירטע.

„...דאָס אָפּנעמען דעם קאַפּיטאַל און די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע

*) „די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן און דער לאָנדאָנער קאָנגרעס". „טאָז נאַוואַ". אויגוסט 29 — סעפּטעמבער 4, 1896.

און קאָנסום — אויסמיידנדיק דעם שטאַט — ווערט אַזוי אַרום, אומפאַרמיידלעך אַוועקגעשטעלט אויפן סדר היום.

„אַז די פאַראייגען מוזן אָנקומען צו דער עקספּראָפּריאַציע — איז אויגנ־שיינלעך; אַז זיי וועלן זי דורכפירן, אויב ס'וועט זיין נויטיק, אויף כוח — אין דעם איז קיין ספק נישטאָ...

„נאָר, דורכפירנדיק, אָדער אפילו אָנהויבנדיק די עקספּראָפּריאירונג, וועלן זיי נישט גיין צום פּאַרלאַמענט, אָדער צום פאָלקס־שטאַט מיט דער בקשה זיי צו אָר־גאַניזירן.

„פאַרכאַפּנדיק אַ פאַבריק, אָדער אַ מינע, וועלן זיי אָנהויבן פּראָדוצירן. דער־רויף זיינען זיי שוין אָרגאַניזירט".

די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דורך פאַרכאַפּן די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, און די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון די אַרבעטער, ווערן אַלץ מער און מער די געגנשטאַנדן פון קראָפּאָטקינס אַגיטאַציע. ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, וואו ער האָט געהאַלטן אַ רייע לעקציעס (אין 1897), האָט קראָפּאָטקין אויף אַ מיטינג אין לאָנדאָן אין יאַנואַר פון 1898, איבערגעבנדיק דעם סאָלידאַריטעט־אויס־דרוק פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער מיט די אַרבעטער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, געזאָגט:

„ד עקספּראָפּריאַציע איז דער נויטווענדיקער אויספיר פון דער טרעד־יוניאָ־ניסטישער באַוועגונג... דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, וואָס נעמט איבער אין זיינע הענט די פאַבריק און די פּראָדוקציע, די קאָאָפּעראַטיווע, וואָס נעמט אויף זיך די צע־טיילונג פון די פּראָדוקטן און פאַרדינסט; די קאָמונע וואָס נעמט איבער די ערד, די הייזער און אַלעם, וואָס עס איז נויטיק אויף צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון אירע מיטגלידער — אָט דאָס זיינען די דריי באַוועגונגען, וועלכע זיינען שוין פאַ־ראַן אין עמבריאָן.

„ד י א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ אַ ר אַ יי נ י ק ו נ ג פ ו ן אַ ל ע פ אַ כ ן — אָט דאָס איז די נאָטע, וואָס האָט זיך געהערט העכער פון אַלע אין די רעדעס. ד אָ ס א י ז ד י ק ר אַ פ ט, ו ו אָ ס ו ו אָ ל ט א ו י ף אַ ז אַ א ו פ ן ג ע ש אַ פ ן ג ע ו ו אָ ר ן פ אַ ר ד ע ר ר ע־ וו אָ ל ו צ י ע; זיכער! ווען די בעלגישע און פראַנצויזישע מעכאַניקער וואָלטן דערקלערט אַ שטרייק מיט אַ האַלב יאָר צוריק, וואָלט דאָס געווען אַ זיג *). די אַרבעטער וואָלטן געווען געצוואונגען די באַלעבאַטים צו אָנערקענען זייער רעכט צו פאַרוואַלטן מיט דער פּראָדוקציע. דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט מען געווען צוגע־שטעלט אַ נייע פאָדערונג: „דו זאָגסט, אַז דו האָסט אַ רעכט צו פאַרוואַלטן מיט דער פּראָדוקציע? און מיר לייקענען אָפּ דאָס דאָזיקע רעכט. מיר וועלן מיט איר פאַרוואַלטן, מיר וועלן באַשטימען די אַרבעטס־צייט, מיר וועלן באַשליסן, וואָס

*) דאָ רעדט זיך פון דעם שטרייק פון די ענגלישע מעכאַניקער אין 1897.

אייננטלעך מען דארף פּראָדוצירן, און דערנאָך וועלן מיר זען, צי זיינען דיינע פּרעטענזיעס אויף רווחים גערעכטע.

„דער פּאכן-אינטערנאַציאָנאַל! ער וואָלט דאָך שוין לאַנג געקאָנט געשאַפן ווערן! ער וואָלט, מסתמא, געווען געשאַפן געוואָרן פּאַריקן זומער אויפן לאָנדאָנער קאָנג־רעס, ווען די פּאָליטיקאָנער, ווען די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן זאָלן נישט געווען שטרעבן צו באַפעסטיקן אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס זייער מאַכט, זייער רעכט צו רעגירן איבער דער אַרבעטער וועלט”.

ס׳וועט נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען וועגן דער דאָזיקער האָפענונג אויך אין דער איצטיקער צייט, ווען אַזעלכע פּרעטענזיעס אויף דער אָנפירערשאַפט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג שטעלן אַרויס נישט נאָר די סאָציאַלדעמאָקראַטן (אין דייטשלאַנד), נישט נאָר די באָלשעוויקעס (אין רוסלאַנד), נאָר אַפילו געוויסע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטעקט מיטן באָלשעוויסטישן מיקראָב.

:: :: ::

ס׳איז געקומען דאָס יאָר 1905. ס׳שפּילט זיך אָפּ דער ערשטער אַקט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. די אויגן אין גאַנץ מערב־אייראָפּע זיינען געווענדט צו מזרח, צו דער מיסטעריעזער סלאַווישער נשמה. אינעם בנין פון דער זעלבסט־הערשאַפט האָט זיך געעפנט דער ערשטער שפּאַלט. ס׳האָט זיך אַ וויג געטאָן די יונגע רוסלאַנד, און מיט איר די אַרבעטער און די פּויערים.

קראָפּאָטקין ווענדעט זיין אויפמערקזאַמקייט צו די רוסישע געשעענישן. אינעם ערשטן רוסישן אָרגאַן, וואָס ער מיט זיינע חברים האָבן געשאַפן אין אויסלאַנד — „ברויט און פרייהייט” — שרייבט ער וועגן אַלע „אַקטועלע” ברענענדיקע פראַגן. פאַר אים שטעלן זיך איינגיבן די זעלבע פראַגן: ווער איז דער באַשעפער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? וועלכע כוחות וועלן זי פאַרווירקלעכן? וועלכע איז די ראָל פון די אַנאַרכיסטן אין דער רעוואָלוציע?

„דער חוב פון די אַנאַרכיסטן — שרייבט ער — און פון יעדן נאָכדענקונגס־פעאיקן סאָציאַליסט, וועלכער באַטראַכט נישט זיך, נישט זיין פּאַרטיי אַלס אומ־פעלערהאַפט, איז — העלפן מיט אַלע כוחות שאַפן אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פאַראיינען, ווי דאָס האָט געטאָן דער אינטערנאַציאָנאַל, אויף צו פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, און כדי זיי זאָלן אַליין זוכן די באַדערפע־ניש און גלייכהייט און פרייהייט, וואָס שפּראָצן שוין צווישן די אַרבעטער... די אַר־בעטער־מאַסן גופא דאַרפן געפינען און אויסאַרבעטן די פאָרמען פון אַ סאָציאַליס־טישער אָרדענונג, אָן שום הנחות און פּשרות, וואָס די פּאָליטיקאַנער ווילן זיי אָנ־בינדן”. פונאַנדערוויקלענדיק די יסודות פון אַ רוסישער אַרבעטער־קאָנפע־דעראַציע און די צילן פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, האָט קראָפּאָטקין געשריבן:

„נישט מינדערשעצנדיק דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג און בכלל פאַר קליינע און טיילווייזע פאַרבעסערונגען אינעם לעבן פון די אַרבעטער, בפרט ווען דער דאָזיקער קאַמף נעמט אָן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַק־טער — זען מיר, פונדעסטוועגן, אינעם דאָזיקן קאַמף נאָר מאָס־מיטלען צום פאַר־

אייניקן די ארבעטער צו דעם מער ערנסטן, צום רעוואָלוציאָנערן קאמף — אויף צו פארגעזעלשאפטלעכן אַלע פּראָדוקציע מיטלען און איבערגעבן די גאנצע אינדוסטריע אין די הענט פון די אַרבעטער גופא".

אָבער, דאָס איז נישט גענוג. מען מוז תיכף געפינען נישט נאָר א פּראַלעטאַרישן לאָזונג, נאָר אויך די אופנים ווי אזוי אים צו פארווירקלעכן. קראָפּאָטקין באהאנדלט די דאָזיקע פּראַגע. ריידנדיק וועגן דער ראָל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין מערב אייראָפּע, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, וועגן די גוואַלטזאַמע שטרייקן און וועגן די סאָלידאַריטעט שטרייקן, דערמאָנט ער גלייכצייטיק, אַז פאר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע זיינען די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען בלויז א פּאָליטישער אינסטרומענט און אַז, אויב די דאָזיקע פאראיינען וועלן ארונטערפאלן אונטער זייער איינפלוס, וועט קיינמאָל נישט קומען צו דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע.

„אויב אָבער — זעצט ער פאָר — אונטער דעם איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע, אַנארכיסטישע עלעמענטן וועלן די ארבעטער־פאראיינען זיך שטעלן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש אַלס ציל, און דעם גענעראַל־שטרייק, אַלס מיטל; אויב זיי וועלן תיכף זיך פארטראַכטן וועגן דעם, ווי אזוי נאָכן זיג צו פארוואַנדלען זייערע אָרגאַניזאַציעס אין צוקונפטיקע פּראָדוצירנדיקע אַסאָציאַציעס; אויב זיי וועלן אויך אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף זיך געוואוינען נישט צו פארלאָזן זיך אויפן שטאַט, נאָר אויף זיך אַליין, אויף זייער אומיטלבארן קאַמף מיט די באַלעבאַטים — דעמאָלט מעגן מיר האָפן אויף א נצחון סיי פון דעם אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן פּרינציפּ וועגן פארניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און לוין־אַרבעט, סיי פון דעם אַנארכיסטישן פּרינציפּ צו אָפּשאַפן דעם שטאַט און שאַפן א פרייע פעדעראַציע פון געמיינדעס און גרופּעס".

און דאָ גייט קראָפּאָטקין צו צו דער סאַמע עצם־פּראַגע — (באַזונדערס פאַר די לענדער, וואָס געפינען זיך שוין אין א צושטאַנד פון רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס): וואָס דארפן טאָן די אַנארכיסטן? אָנהויבן אָרגאַניזירן אַזא ארבעטער־באַוועגונג, וואָס זאָל אויף איר פאַן אָנצייכענען די פּרינציפּן פון דעם שטאַטלאָזן, פעדעראַליסטישן קאָמוניזם, אָדער זיך פארנעמען מיט אָרגאַניזירן זייערע אַנארכיסטישע גרופּעס?

קראָפּאָטקין, פארשטענדלעך, באַשטייט ווייטער אויף דער נויטיקייט פון אונזערע חברים זיך צו געפינען אין דער געדיכטעניש פון דער ארבעטער־מאַסע און דאָרט מאַכן פּראָפּאַגאַנדע. אויף דער פּראַגע, צי די אַנארכיסטן דארפן אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין רוסלאַנד, האָט ער געענטפערט, אַז „די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט ווערט געטאָן פון זיך זעלבסט, אינעם פּראָצעס גופא פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף".

דער דאָזיקער ענטפער, ווי אונדז דאַכט זיך, איז דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסן אָפּטימיזם, וואָס שטיצט זיך נישט אויף די רעאַלע פאַקטן פון ארומיקע באַדינגונגען, מיט וועלכע קראָפּאָטקין פלעגט זיך אָריענטירן ביים אָפּשאַצן גע־

שעעניש(ן.*) ער איז געווען אזוי זיכער, אז די ארבעטער־מאסן פון רוסלאנד וועלן אליין, סטיכיש, ארויף אויפן ריכטיקן וועג, אז ער האָט געהאַלטן פאר איבעריק זיך אָפּצוגעבן מיט דער דאָזיקער ארבעט. „דאָס ארויסווייזן אן אַקטיוון פּראָטעסט ווערט אַ געוועגלעכע זאַך, די רעוואָלוציע געבוירט העלדן, פארוואנדלענדיק אין העלדן אפילו דורכשניטלעכע מענטשן. ביי אזעלכע אומשטענדן זיך שטעלן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט אין די ארבעטער־פאַראיינען, אלס וויכטיקסטע אויפגאבע, וואָלט פאר אונדז געמיינט אָפּגעבן אונדזערע כוחות אויף אַ זאַך, וואָס ווערט במילא געטאָן, פון דעם לעבן גופא, צום שאָדן פון דער ספּעציעל־אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע, וואָס דאָס איז אונדזער אויפגאבע, און וואָס מיר האָבן קיין רעכט ניט צו לאָזן טאָן עמיצן אַנדערש".*).

אַ שרעקלעכער טעות, אַ פאַטאַלער. בעת די אַנאַרכיסטן זענען געווען באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן גרופּעס, האָבן אַנדערע — מער פּראַקטישע און נישט אזוי זיכערע, אז דאָס לעבן גופא וועט אָרגאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, — זיך גענומען געשמאַק צו דער זאַך און ז י י האָבן באַקומען דעם איינפלוס אויף די פאַראיינען.

די שעפער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — זיינען די ארבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס. די סאָציאַלע רעוואָלוציע — דאָס איז דער שווערפּונקט פון אונדזער טעטיקייט. קראָפּאָטקין דערקלערט זיין רעקאָמענדאַציע מיט דער שוואַכקייט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס דאַרף, קודם כל, זיך אליין אָרגאַניזירן און ערשט שפּעטער זיך פאַרנעמען מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. נאָר וואו־זשע קאָן בעסער פאַרקומען אזא זעלבסט אָרגאַניזירונג אויב נישט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פרייע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען?

נאָר קראָפּאָטקין האַלט זיך נישט לאַנג ביי דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. נאָכמער, ער הערט זיך כמעט אויף אינטערעסירן מיט אים. אויפן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע אַנאַרכיסטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אין 1906, האָט קראָפּאָטקין געלייענט אַ רעפעראַט וועגן „אונדזער באַציאונג צו די ארבעטער און פּויערים פאַראיינען". זיינע שלוסן זיינען פאָלגנדע:

„דער חוב פון די אַנאַרכיסטן איז — צו זיין צווישן די ארבעטער און נישט לאָזן די פּאָליטישע פּארטייען עקספּלאָאַטירן די ארבעטער־באַוועגונג צום גונסטן פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישן שטופּנגאַנג. זיי שטייט פאָר — אריינצופירן אין דער ארבעטער־סביבה דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק כדי פון די פּויערשע און ארבעטער־

*) לאָמיר דערמאָנען, למשל, וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר 1899 אין „טאָן נואוואָ":
„מיט 20 יאָר צוריק זיינען מיר געווען זיכער, אז די רעוואָלוציע — די גרויסע, די סאָציאַלע — וועט קומען פארן סוף פונעם יאָרהונדערט, אז זי וועט צושטערן דעם דאָזיקן אונדז־דריקנדיקן בנין פון אָפּגעלעבטע זאַכן... באַזונדערס, האָבן מיר שטענדיק געלייגט האָפענונגען אויף פראַנקרייך. און אויף איר לייגן מיר זיי אויך איצט".

*) „די ארבעטער פאַראיינען" „ברויט און פרייהייט" נומער 23, אָקטאָבער 1905, לאָנדאָן.

פאראיינען שאפן א קראפט, וואס זאל אליין קאנען אנהויבן אין דער פראקטיק און אויף די ערטער, די פלאנמעסיקע מאסן־עקספראפריאציע.

אין דער פראקטיק שטעלט זיך פאר די אנארכיסטן שטענדיק די פראגע: אריינטרעטן אין די שוין פאראנענע ארבעטער־פאראיינען, אדער שטרעבן צו שאפן נייע סינדיקאטן, פון אנארכיסטישן כאראקטער?".

די פראגע איז א אינטערעסאנטע און פון ארגאניזאציאנעלן שטאנדפונקט גאר א וויכטיקע אויך איצט, ווייל פון איר ריכטיקער לייזונג איז אפהענגיק דאס לעבן און טעטיקייט פון דער אנארכיסטישער באוועגונג.

קראפאטקין איז גענויגט צו דער ריכט-ליניע, וואס מען האט אנגענומען מיט צוואנציק יאר שפעטער ביים ארגאניזירן דעם סינדיקאליסטישן אינטערנאציאנאל. איינע — זאגט קראפאטקין — גרינדן פאראיינען לויט זייער אייגענעם פארטרעט; אנדערע שליסן זיך אן אין די שוין עקזיסטירנדיקע, די דריטע, און דאס איז געווען די מערהייט, באזונדערס אין שפאניע, פארבלייבנדיק מיטגלידער אין די אנאר־כיסטישע גרופעס, האבן זיך אפגעגעבן מיטן גרינדן אומפארטייאישע ארבעטער־פאראיינען און, געווינענדיק דעם צוטרוי פון זייערע פאך־חברים, האבן זיי גע־פועלט, אז די ארבעטער־פאראיינען זיינען געגאנגען האנט אין האנט מיט די אנאר־כיסטן און אנפארטרויט די אנארכיסטן דאס אנפירן זייערע פאך־צייטונגען.

...„איינס נאר קאן מען זאגן, אז אויב די ארבעטער־פאראיינען פאדערן פון זיי־ערע מיטגלידער זיי זאלן אנערקענען די סאציאלדעמאקראטישע פראגראם, האט דארט, פארשטענדלעך, דער אנארכיסט נישט וואס צו טאן, און אים קומט אויס צו גרינדן נייע, אפילו קלענערע, פרייע ארבעטער־פאראיינען פון דעם זעלבן פאך.*).

איצט, מעגלעך, צווינגט מען נישט ארויף די סאציאלדעמאקראטישע פראגרא־מען, נאר, ס'ווערט געפירט, למשל, ווי אין פראנקרייך, אן אפענע פאליטיק פון קלאסן־כיטארבעטערשאפט, א פאליטיק פון מיטארבעטן מיט דער פעלקער-ליגע (ריכטיקער, מיט די רעגירונגען), און פון מאראלישער אונטערגעווארפנקייט דער מארקסיסטישער אידעאלאגיע און טאקטיק. ביי אזעלכע אומשטענדן איז פארשטענדלעך פארוואס דער פראגרעסיווער טייל פון דער פראנצויזישער ארבעטער באוועגונג רעוואלטירט קעגן דער אלגעמיינער ארבעטער־קאנפעדעראציע און שאפט אייגענע, „כאטש קליינע" פאראיינען. אט־פארוואס מען האט אין דייטשלאנד געמוזט גרינדן, „הגם א קלענע־רע", זעלבסטשטענדיקע פראפעסיאנעלע באוועגונג, וואס מען האט א נאמען גע־געבן „אנארכא־סינדיקאליסטישע".

דאס זעלבע איז געשען אין איטאליע ביזן זיג פונם פאשיזם.

דער רעוואלוציאנערער סינדיקאליזם האט באקומען בירגער־רעכט א דאנק דער עקשנותדיקער טעטיקייט פון די אנארכיסטן אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין פארשידענע לענדער.

אט צו דעם רעוואלוציאנערן סינדיקאליזם קערט זיך קראפאטקין אום אין

---

*) בלעטער „ברויט און פרייהייט" נומער 2, נאוועמבער 14, 1906, לאנדאן.

1907, ווען ער שרייבט די פֿאַררעדע צו אַרגעיאַניס בראָשור „ווי אַזוי און פֿון וואָס ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם", וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן מיט צוויי יאָר שפּעטער: „די ענגע פֿאַרבינדונג צווישן דעם לינקן פֿליגל פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל און דעם מאָדערנעם סינדיקאַליזם; די אידעאישע פֿאַרבינדונג צווישן דעם אַנאַרכיזם און סינדיקאַליזם, פּונקט ווי די אידעאישע סתירה צווישן דעם מאַרקסיזם און גרונטלאַגן פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און דעם סינדיקאַליזם טײלן זיך אויס בולט פֿון די פֿאַקטן, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן ווערק..." „די אַרבעטער מאַסן — שרייבט ער ווייטער, — מוזן זען, ווי דאָס לעבן גופֿא קערט אום די אַרבעטער באַוועגונג צו די פּרינציפּן, וואָס זיינען פֿאַרלייגט געוואָרן אינעם פֿונדאַמענט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער גרופּירונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט... אַזאַ צוריקקער וועט זיין רייך מיט קאָנסעקווענצן, און דערפֿאַר באַגריסן מיר מיט פֿרייד דאָס, וואָס די אַרבעטער שרייבן אויף באַניים אויף זייער רויטער פֿאָן: „די באַפֿרייאונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט דורכן דירעקטן, אָפֿענסיוון קאַמף קעגן די עקספּלאָטאַטאָרס און זייערע פּאַרטיידיקער".

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי קראָפּאָטקין, זיך אומקערנדיק, יאָר־איין, יאָר־אויס, צו די זעלבע אויפֿגאַבן, צו די זעלבע פֿראַגן, פּראָקלאַמירט כסדר די ענגע שייכות צווישן דעם אַנאַרכיזם און סינדיקאַליזם. ווען ס'האָט זיך, פֿון צייט צו צייט, געפֿילט אין דער אַנאַרכיסטישער סביבה אַ צווייפֿל אין דער טאַקטיק און אין די קאַמפּס־מעטאָדן, האָט קראָפּאָטקין נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו דערמאָנען דער באַוועגונג אַז אירע וואָרצלען זענען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, און אירע אויפֿגאַבן — אין דער צוקונפֿט:

„די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַרבעטער־מיט, און דאָרט האָט מען זי באַדאַרפֿט פֿאָרזעצן... פּונקט, ווי אין 1793 האָט דער געדאַנק וועגן אַן אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזירונג אַרויסגעשטאַמט פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דער באַדערפֿעניש פֿונעם פֿאָלק צו אָרגאַניזירן אין זיינע סעקציעס די פֿאַרשידענע זייטן פֿונעם שטאָטישן לעבן... אַזוי האָט אויך אין 1872 די האָפֿענונג צו שאַפֿן אַ לעבנספּעאיקן אַנאַרכיסטישן אָרגאַניזם אַרויסגעשטאַמט פֿון דעם דערפֿאָלג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער ברודערשאַפֿט. אין אָט־דער אַסאָסיאַציע האָבן די אַרבעטער געזען די סביבה, וואו ס'קאָן זיך אַנטוויקלען די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע".

„דערום — זאָגט ווייטער קראָפּאָטקין — האָט ביי דעם אַנאַרכיסט נישט געקאָנט זיין קיין ספֿק אין דעם, אין וועלכער סביבה ער דאַרף אַרבעטן. געוויס, זיין אָרט איז געווען דאָרט, וואו די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן, דאָרט, וואו ס'וואָלטן גיך געקאָנט זיך באַווייזן די ערשטע שפּראָצלינגען פֿון דער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפֿט — און דעם אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל".

דעם זעלבן געדאַנק וויקלט ער אויס אין צוויי אַרטיקלען: „אַנאַרכיזם און סינ־

דיקאַליזם", וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ענגלישער אַנאַרכיסטי־שער צייטונג „פרידאָם" (יולי און אויגוסט 1912).

די זעלבע אידעען וועגן דער זעלבסט-טעטיקייט פון די מאַסן הויבן אָן נעמען די אויבערהאַנט אין זיינע גרעסערע ווערק. אין זיין בוך „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1913, דערמאָנט קראָפּאָט־קין באַניים אין דעם, אַז פונעם סאַמע געבורט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל ביז איצט, האָבן אַ סך אַנאַרכיסטן כסדר גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין די אַרבעטער-אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן צום דירעקטן קאַמף פון דער אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל... דער קאַמף צווינגט די אַרבעטער זיך צו פאַרטראַכטן אויף דער פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם קאָנסום, די פּראָדוקציע און דעם דירעקטן טויש צווישן די פאַראינטערעסירטע צדדים, נישט אָנקומענדיק צו דער הילף, נישט פונעם קאַפּיטאַל, און נישט פונעם שטאַט".

אינעם ברען פון דער אַלוועלטלעכער מלחמה (פון דער ערשטער — איבערזעצער), פאַרנעמט זיך קראָפּאָטקין מיט דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם צוקונפ־טיקן אינטערנאַציאָנאַל.

„מען מוז שאַפן אַן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל — שרייבט ער — נישט שיינקענדיק קיין אויפמערקזאַמקייט דעם א י נ ט ע ר פ א ר ל א מ ע נ ט א־ר י ש ן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל פ ו ן ד ע ר ס אָ צ י אַ ל ד ע־מ אָ ק ר אַ ט י ע.

„ס'איז אויך נויטיק, אַז דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל זאָל נישט באַגרענעצן זיין טעטיקייט אויף די ענג-פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעמען פון די אַרבעטס־שכירות און אַרבעטס-טאָג, נאָר ער זאָל אוועקשטעלן מיט דער שאַרף אַרויף די פראַגע וועגן דער ס אָ צ י אַ ל ע ר, א י ב ע ר ב ו י א ו נ ג . . .

...טויזנטער סיבות האָבן געשטערט צו דעם, אַז מיט 20 אָדער 30 יאָר צו־ריק, זאָלן די אידעען פון אַ סאָציאַלער איבערבויאונג ווערן דער פונדאַמענט פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג... נאָר איצט דיקטירן די טאָג-נויטן גופא די דאָזיקע איבערבויאונג...

„כדי מאַכן אַ סוף צו די מלחמות, בלייבט נאָר איין מיטל: מאַכן אַ סוף צו דער קאַפּיטאַליסטישער און שטאַטלעכער עקספּלאָטאַציע, און, כדי בעסער דערגרייכן דעם ציל, דאַרף מען שאַפן אַ צווישנפעלקערלעכע פאַראייניקונג, נישט פון די, וועל־כע פּרעטענדירן צו הערשן, נאָר פון די, וועלכע שאַפן אַלע סאָציאַלע רייכטימער און אָרגאַניזירן זיך אַליין צוליבן קאָנסום פון די דורך זיי געשאַפענע רייכטימער...

„...וואָס איז שייך אונדזער אָנטייל אינעם אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל, וועט דאָס זיין אָפּהענגיק פון דער סטרוקטור פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע און פון די צילן, וואָס זי וועט זיך שטעלן. זיך נישט אינטערעסירן מיט איר, וואָלט געווען, אַזוי דענק איך, אַ גוואַלדיקער טעות". („דער נייער אינטערנאַציאָנאַל", 1916).

:: :: ::

אין 1917 איז קראָפּאָטקין צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד. ער האָט געזען די רעוואָלוציע אָפּערירנדיק. און ער האָט פאַרזענלעך זיך איבערצייגט אין דעם אומ־



פ. א. קראפאטקין אין 1886

געהויערן ווערט פון אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז נישט אונ־טערגעוואָרפן קיין שום פּאַרטיי, אָן וואָס די רעוואָלוציע קאָן נישט גיין אויפן גלייכן וועג.

אין דעם בריוו צו די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער וואָס ער האָט געשיקט דורך דער ענגלישער אַרבעטער-דעלעגאַציע, וועלכע איז געווען אין רוסלאַנד אין 1919, רעדט קראָפּאָטקין וועגן דער נויטיקייט פון דער איבערבויאונג, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר היום פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

„דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער איבערבויאונג וועט זיין אָפּהענגיק, אין א גרויסער מאָס, פון דער מעגלעכקייט פון אַן ענגער מיטאַרבעטערשאַפט פון פאַרשי־דענע נאַציעס. אויף דאָס צו דערגרייכן איז נויטיק, אַז דער אַרבעטער קלאַס פון אַלע לענדער זאָל זיין גוט פאַראייניקט, און אַז די אידעע פון דעם גרויסן אינטערנאַ־ציאָנאַל פון אַלע האַרעפּאַשניקעס אויף דער וועלט זאָל ווידער געבוירן ווערן, נישט אין דער פאָרעם פון אַ פאַראיין, וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין פּאַרטיי — ווי דאָס איז געווען מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און איצט מיטן דריטן. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן פאַרשטענדלעך, א פולן גרונט צו עקזיסטירן, נאָר מחוץ פון זיי, און אַרומנעמענדיק זיי אַלע, דאַרפן עקזיסטירן פאַרבאַנדן פון אַלע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניגען אויף דער וועלט; א פאַראייניקונג פון די אַלע, וועלכע שאַפן אַלע רייכטימער אויף דער וועלט און וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט צוליב דעם, כדי באַפרייען די אַלוועלטלעכע פּראָדוקציע פון דער איצטיקער פאַרשקלאַפונג דורכן קאַפּיטאַל".

דער חלום וועגן צוריק אויפשטעלן דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַל פאַרלאָזט נישט קראָפּאָטקינען. ער נעמט שטאַרק צום האַרצן אַלע צרות און שוואַכקייטן פון די רוסישע אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען. ער שטעלט זיך אין ענגער פאַרבינדונג מיט די מאָסקווער און פּעטראָגראַדער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און, עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט, שיקט ער צו זיי די זוכנדיקע יוגנט.*)

מירן זיך געבן די מי צו רעזומירן קורץ קראָפּאָטקינס קוק אויף דער אַרבע־טער באַוועגונג און אויף דער ראָל פון די אַנאַרכיסטן אין איר.

דער שעפער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — איז דער אָרגאַניזירטער אַרבע־טער קלאַס. דאָס איז דער פונדאַמענט פון קראָפּאָטקינס גאַנצן אַנאַרכיסטישן בנין, פונוואַנען עס שטאַמט לאָגישערווייזע זיין באַציאונג צו דער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג בכלל, און צו דער ראָל פון די אַנאַרכיסטן אין דער אַרבעט פון צוגרייטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע בפרט.

די ראָל פון די אַנאַרכיסטן ווערט קלאָר: מען מוז זיך באַטייליקן אין דער אָר־גאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל פון איר איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע. קיין שום פּאַרטייען, קיין שום גרופּירונגען מחוץ דער אַרבעטער־באַוועגונג וועלן נישט קאָנען דורכפירן נישט-נאָר די קאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר אפילו נישט די דעסטרוקטיווע.

*) זע „דער אַרבעטער־וועג", נומער 3־2, אַפּריל־מאַי 1923.

אין די לעצטע יאָרן פון קראָפּאָטקינס לעבן האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זיך אָנגעהויבן אויסוויקלען לויט דער ליניע, אויף וועלכער קראָפּאָטקין האָט אָנגעוויזן במשך פון זיין פערציק־יאָריקער טעטיקייט. אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך זיין טויט איז געשאַפן געוואָרן די נייע א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ אַ ל ע א ר ב ע ט ע ר - א ס אַ צ י א צ י ע, וואָס האָט פאַראייניקט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועמעס פּלאַטפאָרם זיינען דער פעדעראַליזם און די שטאַטלאָזיקייט.

די אַנאַרכיסטן, וועלכע קוקן אַביסל ווייטער פון זייערע אייגענע קליינינקע גרופּעס און קרייזן, האָבן אויסגעקליבן דעם ברייטן און איינציקן וועג וואָס פירט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע: זיי האָבן בעסער געוואָלט אָפּגעבן זייער וויסן, זייער דערפאַרונג, זייער ענערגיע דווקא אָט־דער אַרבעט, דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, דער אַרבעט פון שאַפן אָט־דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועגן וועלכן קראָפּאָטקין האָט געחלומט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

און די רוסישע אַנאַרכיסטן? זייער לאַגע איז העכסט פּאַראַדאָקסאַל.

די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן וואַרפט מען פאָר, אַז זיי האָבן אָפּגענייגט און נייגן ווייטער אָפּ פון באַקונינס און קראָפּאָטקינס דאָקטרינערער ליניע. די דאָזיקע באַשולדיקונג מאַכן סיי די „ריינע" אַנאַרכיסטן סיי די „פּאַרטיי־אַנאַרכיסטן", וועלכע דענקען, אַז נאָר זיי זיינען פאַרבליבן געטריי דער תורה פון די לערער.

אין דער אמתן אָבער קומט אויס פּונקט דאָס פאַרקערטע. די „ריינע", נישט אָפּשאַצנדיק געהעריק די באַדייטונג פון די יסודות און פּרינציפּן, די טעאָריע און פּראַקטיק פונעם אַנאַרכיזם, האָבן זיך געשאַפן אַן אַבסטראַקטע וועלט, וואָס זיי רופן „אַנאַרכיזם", און וואַרטן אויף משיחן, וואָס וועט זיי ברענגען, אַן עטאַפּן, אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

די אַנדערע, די „פּאַרטייער", וועלכע זוכן אַן אויסוועג פון דעם משיחיזם, פּראָטעסטירנדיק קעגן דער פאַרגליווערטקייט און דעם „פּרעגלען זיך אינעם אייגענעם זענפט", האָבן איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער זייט פון די זיגערישע באָלשעוויקעס, איבערנעמענדיק זייערע מעטאָדן, אופנים פון קאַמף און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און, אַליין ניט באַמערקנדיק עס, אַרויסגעוואָרפן דורכן באָרט אי באַקונינען, אי קראָפּאָטקינען.

אָבער דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, אָפּוואַרפנדיק די לייכטזיניקע באַציאונג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און זיך אָפּזאָגנדיק צו באָלשעוויזירן באַקונינען און קראָפּאָטקינען, האָט בעסער געוואָלט אַרבעטן אין תוך, שאַפן אַ באַוועגונג, וואָס זאָל אויף זיך קענען נעמען די אחריות פאַרן מאָרגן.

דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם — דאָס איז די צווישנפעלקערלעכע ברודערשאַפט פון די אַרבעטער, דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער, נישט באַגרענעצנדיק זיין טעטיקייט אויף די פּראָבלעמען פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף, שטעלט אַוועק מיט דער שאַרף אַרויף, — איבערחזרנדיק קראָפּאָטקינס ווערטער — די פראַגע וועגן דער סאָציאַלער איבערבויאונג.

פעברואַר 1931.

וואלין

# „פירער” און „מאסן”

## (לויט פ. א. קראפאטקינען)

ס'וואלט געווען א טעות צו באטראכטן די פראגע וועגן דער ראל פון די פירער און די מאסן און זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען אלס פראגע פון צווייטראנגיקער באדייטונג. גיכער פארקערט: אין א געוויסן זין קאן אזא, אדער א צווייטע באציאונג צו דער פראבלעם פון „פירער” און „מאסן” באטראכט ווערן, אלס „דער וויכטיקסטער גרענעץ־שניט” צווישן דעם אנארכיזם, פון איין זייט, און אלע אנדערע קאנצעפציעס, פון דער צווייטער זייט, (פארשטענדלעך, אויף וויפיל עס רעדט זיך פון אן אויפריכטיקן צוגאנג צו דער פראבלעם).

חוץ דעם אנארכיזם, אקצעפטירן אלע אנדערע קאנצעפציעס, אנהויבנדיק פון דער מאנארכיסטישער און ענדיקנדיק מיט דער באלשעוויסטישער, פאר נאטירלעך, אומבאשטרייטבאר און זעלבסטפארשטענדלעך די עקזיסטענץ פון פנימלאזע פאסיווע מאסן, וועלכע זיינען נישט פעאיק צו זעלבסטשטענדיקער ארגאניזירטער שעפערישער טעטיקייט און דערום די נויטיקייט אין איבער זיי שטייענדיקע און מיט זיי פארוואלטנדיקע פירער. און נאר דער אנארכיזם (און אפילו נישט אלע אנארכיסטן, ווייל אין דעם פאל דארף מען באזונדער אויסטיילן געוויסע אנארכיסטן־אינדיווידואליסטן), לעגט אין יסוד גופא פון זיין סאציאלאגיע א גאנץ אנדערן באגריף וועגן די מאסן און פירער, וועגן זייער ראל און קעגנזייטיקע באציאונגען, סיי אין דער געשיכטע בכלל, סיי אין דעם רעוואלוציאנערן פראצעס בפרט. אלע שטאטס־טעאריעס שטאמען אפ, אייגנטלעך, פון דער פארשטעלונג וועגן רעגירטע מאסן און רעגירנדיקע פירער. דער אנארכיזם איז אויסגעוואקסן אויף א גאנץ אנדערער אידעע.

וואס זשע פאר א אידעע איז עס? וואס פארא באגריף איז דאס?

פ. א. קראפאטקין אלס טעארעטיקער און — נאכמער — אלס איינער פון די פונדאמענט־לייגער פון דער אנארכיסטישער אויפפאסונג פון דער געשיכטע און סאציאלאגיע, האט געענטפערט אויף דער פראגע מיט דער גרעסטער קלארקייט און באשטימטקייט. לאמיר דא גלייך באמערקן. קיין באזונדער ארבעט וועגן דער פראגע (ווי וועגן א סך אנדערע וועזנטלעכע פאקטן) — האט קראפאטקין נישט געגעבן.

נאָר אין אַ גאַנצער רייע פון זיינע גרויסע ווערק און אין אַ סך זשורנאַל־אַרטיקלען שטעלט ער זיך נישט איין מאָל אָפּ, בדרך הליכה, אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם און באַלויכט זי.

קודם כל ווילן מיר באַמערקן, אַז די פראַגע וועגן פירער און מאַסן צעטיילט זיך, אייגנטלעך, אויף צוויי באַזונדערע פראַגן. די ערשטע: ד י פ י ר ע ר, א ל ס מ ל ו כ ה ־ ר ע ג י ר ע ר, א ו ן ד י מ א ס ן, א ל ס ר ע ־ ג י ר ט ע.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, (און ווי דאָס איז שוין גוט באַוואוסט), האַלט די גאַנצע סאָציאַל פּאָליטישע לערע און אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פאַר נאַטירלעך און נויטווענדיק דעם שטאַט, וואָס ווערט רעגירט פון אַ פירער, אָדער פון אַ גרופּע פירער (בירושה, אָדער דערוויילטע), וואו די גרויסע מאַסע איינוואוינער איז די רעגירטע מערהייט, וואָס מוז אויספאָלגן די געזעצן, אַרויסגעגעבענע פון דעם (אָדער די) רעגירער. (אויב אַפילו די סאָציאַליסטן זעען פאַראויס דאָס אָפּשטאַרבן פון דעם שטאַט, איז דאָס נאָר אין דער ווייטער, נעבלהאַפטער צוקונפט, און מען דאַרף דערויף נישט רעכענען). ס'איז אויך גוט באַוואוסט, אַז דער אַנאַרכיזם לייקנט אָפּ די נאַטירלעכקייט און נויטיקייט פון דעם שטאַט, פירער, רעגירער און רעגירטע מאַסן.

אויף וויפל ס'קאָן זיין אַ רייד וועגן דער פּראָבלעם פון פירער און מאַסן, ווי וועגן אַזאַ סאָרט פּאָליטישער פּראָבלעם, אויף אַזויפיל ליגן די עלעמענטן פון איר לייזונג איינגאַנצן אין דער פראַגע וועגן שטאַט. אָפּלייקענענדיק דעם שטאַט, אַלס נאַטירלעכע און נויטיקע פאָרם פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, לייקנט דער אַנאַרכיזם שוין ד ע ר מ י ט א ל י י ן אָפּ די נויטיקייט פון פירער און געפירטע מאַסן. אָט די פּאָליטישע פּראָבלעם האָט פּ. א. קראָפּאָטקין באַלויכטן און געלייזט אין אַ רייע ווערק, וואָס ער האָט געווידמעט דעם שטאַט און דער רעגירונג: „דער שטאַט, זיין ראָל אין דער געשיכטע"; אַ רייע קאַפּיטלען אין זיין „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער"; אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אין „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ", א. א. וו., ס'איז באַוואוסט, אַז זיינע בעסטע שורות האָט קראָפּאָטקין געווידמעט דווקא דער קריטיק פון דעם שטאַט און די מיט אים פאַרבונדענע באַגריפן וועגן פירער און געפירטע. זיינע בעסטע כוחות האָט קראָפּאָטקין אָפּגעגעבן אין קאַמף מיט אָט־דעם גאַנצן אידעען-קרייז, און ער איז דערום דער באַגרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער קאָנצעפּציע. מירן זיך דערום לענגער נישט אָפּשטעלן אויף דער ריין פּאָליטישער פּראָבלעם פון „פירער" און „מאַסן". מירן אָפּשיקן דעם לייענער צו די אור־קוואַלן: צו קראָפּאָטקינס ווערק, און צו דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור בכלל. מירן דאָ נאָר זאָגן, אַז באַרירנדיק אָפּט מאָל, אַן און פאַר זיך, דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, וואָרנט אויך דאָ קראָפּאָטקין עקשנותדיק יעדער מאָל פון דעם, אַז די רעוואָלוציע זאָל נישט פירן צו אַ נייעם שטאַט, צו אַ נייער רעגירונג, צו אַ נייעם איינטיילן דאָס פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע צוזאַמענלעבן אויף רעגירער און רעגירטע. אַ רעוואָ־לוציע, וואָס וואָלט ווידער געפירט צו אַזאַ צושטאַנד, האָט ער פאַראויס באַטראַכט

פאַר אַ פאַרשפּילטער און פּרוכטלאָזער פּאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן.

ווינציקער באַקאַנט, ווינציקער דעפּענירט און דערום מער אינטערעסאַנט איז די צווייטע איינשטעלונג פון דער פּראָבלעם: צי זיינען, אויסער דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט (אויסערן שטאַט), דאָס הייסט אויפן פעלד פון דער ריין געזעלשאַפטלעכער, סאָציאַלער און רעוואָלוציאָנערער זאַך, — נויטיק „פירער”? אויב יאָ, איז וועלכע איז זייער ראָל און וועלכע דאַרפן זיין זייערע קע־גנזייטיקע באַציאונגען מיט די מאַסן? אויב זיי זיינען נישט נויטיק, וואָר־זשע איז די גאַראַנטיע פאַר דעם, אַז די מאַסן וועלן אַליין, אָן דער פירערשאַפט פון דער־פאַרענע און אַנטשלאָסענע מענטשן קאָנען דורכפירן די גוואַלטיקע אויפגאַבע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פון דעם סאָציאַלן שאַפן און בויען? צי אַנערקענען די אַנאַרכיסטן די אַזוי גערופענע „איניציאַטיוו-מינדערהייט” און, אויב יאָ, וועלכע ראָל דאַרף זי האָבן?”.

אָט ווי־אַזוי קראָפּאָטקין ענטפערט אויף די דאָזיקע פראַגן:

1), אין די פילצאָליקע פאָלקס־מאַסן זיינען פאַראַן די רייכסטע, אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון ענערגיע און אומדערשעפּלעכע שעפערישע מעגלעכקייטן. אין אָט־די קוואַלן און מעגלעכקייטן זעט קראָפּאָטקין די פעסטע גאַראַנטיע פאַרן ענדגילטיקן דערפאָלג. אָט־דעם געדאַנק זאָגט ער אַרויס און דערווייזט אַ סך מאָל, אילוסטרירנדיק אים מיט פילצאָליקע היסטאָרישע ביי־שפּילן.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיין „גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע”, די אומ־געהויערע אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן שטודירנדיק די דאָזיקע רעוואָלוציע, וואָס האָט אים געפירט צום שלוס, אַז דאָס גאַנצע ממשותדיקע אין איר איז גע־טאָן געוואָרן דירעקט פון די פאָלקס-מאַסן גופא. איבערצייגנד און מיט אַ רייע פאַקטן און דאָקומענטן דערווייזט ער דעם דאָזיקן אויספיר אין זיין גאַנצן ווערק. און אין דעם פאָרוואָרט דריקט ער אויס זיין באַדויערן, וואָס בעת די „פּאַרלאַמענ־טאַרישע געשיכטע פון דער רעוואָלוציע”, אירע מלחמות און איר פּאָליטיק זיינען אויסגעפאָרשט און איבערגעגעבן מיט אַלע פרטים, איז די „פאָלקס־געשיכטע פון דער רעוואָלוציע נאָך נישט אָנגעשריבן”. „די ראָל פון דער דאָזיקער באַוועגונג — זאָגט ער — האָט מען נאָך קיינמאָל נישט פולשטענדיק אויסגעפאָרשט און איבער־געגעבן. פון די צוויי שטרעמונגען, וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע, איז די גייסטיקע שטרעמונג באַוואוסט; נאָר די צווייטע שטרעמונג — די האַנדלונג פון דעם פאָלק — איז נאָך זייער ווינציק באַרירט”. און אין זיין ווערק („די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע”), גיט ער זיך טאַקע אָפּ מיטן אַרויסברענגען וואָס פאַר־לער די „פאָלקס־טעטיקייט”.

אין אַ סך באַזונדערע אַרטיקלען וואָס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע אַנאַר־כיסטישע זשורנאַלן קערט קראָפּאָטקין זיך אום צו דעם זעלבן געדאַנק: „דער רוב פון די היינטיקע רעוואָלוציאָנערן קאָנען, צום אומגליק, נאָר די טעאַטראַלע און

עפעקטנע זייט פון די פריערדיקע רעוואָלוציעס — שרייבט ער אין דעם אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע אידעע אין דער רעוואָלוציע": — זיי שטעלן זיך קוים פאָר די אומגעהויערע אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין פראַנקרייך אין דעם פּעריאָד 1789 — 1793 דורך די מיליאָנען אַנאָנימע רעוואָלוציאָנערן; און נאָר אַ דאַנק דער דאָזיקער אַרבעט אין דעם פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע איז אין פראַנקרייך געשאַפן געוואָרן אַ נייע נאַציע, אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די, וועלכע איז געווען מיט פינף יאָר פריער". — „און זייער נייער אַרבעט, וואָס וועט זיין אַ שעפערישע אַרבעט, — זאָגט ער אין אַ צווייטן אַרטיקל („די אַנאַרכיסטישע אַרבעט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע"), — וועלן די פאָלקס־מאַסן זיך דאַרפן פאַרלאָזן אויף זייערע אייגענע כוחות, אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו, אויף זייער אָרגאַניזאַטאָרישן געניע און אויף זייער פעאיקייט דורכצופירן נייע וועגן"... און ווייטער, רייִדנדיק וועגן די אויפגאַבן פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, שרייבט ער: „דעמאָלט וועט זיין נויטיק, אַז דאָס פאָלק גופא זאָל זיך נעמען צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער צעקלאַפּטער מאַשין... ווייל נאָר ער איינער קאָן דערגרייכן די רעאָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט אויף דער באַזע פון גלייכקייט און פרייהייט פאַר אַלע. אַרויפלייגן אַט־די אַרבעט אויף אַנדערע, וואָלט געמיינט פאַראַטן אפילו דעם יסוד פון דער רעוואָלוציע". „אויסאַרבעטן נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען קאָן מען נאָר דורך דער צוזאַמענאַרבעט פון די פאָלקס מאַסן — זאָגט ער אין אַ צווייטן אָרט („ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער", קאַפּיטל „די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג"): — אויף צו באַפרידיקן די אומענדלעכע פאַרשידנקייט פון די אומשטענדן און באַדערפענישן, וואָס זיינען פאַראַן אין דעם טאָג, ווען ס'וועט אָפּגעשאַפט דאָס פריוואַט אייגנטום, איז נויטיק די בויגעוודיקייט פון דער קאָלעקטיווער זאַך און דאָס קאָנען דאָס גאַנצע לאַנד".

2) די יעניקע, וועלכע מען האַלט געוויינלעך אַלס אַנערקענטע און אָנגעזעענע פירער פון דער רעוואָלוציע, פירן בכלל ניט די רעוואָלוציע, נאָר זיי גייען איר נאָך. די רעוואָלוציע דאַרף נישט אַזעלכע „פירער". פאַר דער סאָציאַלער שעפערישקייט קאָנען זיי נאָר זיין שעדלעך.

און אַט דעם געדאַנק זאָגט קראָפּאָטקין אַרום און באַפעסטיקט אים מיט לעבעדיקע ביישפּילן, סיי אין זיינע גרויסע אַרבעטן („די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע"), סיי אין די קלענערע אַרטיקלען. „אין דער זעלבער צייט, ווען די מאָנאַרכיע איז זיך צעפאַלן ווען ס'האָט זיך נאָר דערנענטערט דער „צענטער אויגוסט — זאָגט ער אין זיין אָפּהאַנדלונג „די רעוואָלוציאָנערע אידעע אין דער רעוואָלוציע", — האָבן דאַנטאָן און ראָבעספּיער, און אפילו די מאָנטאַניאַרן מער מורא געהאַט פאַר דער רעפּובליק, ווי פאַרן קעניג. ס'האָט געמוזט קומען די אויסלענדישע אינוואַזיע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון דעם קעניג און איז אָנגעפירט געוואָרן

פון דעם טיוליערי-פּאַלאַץ, אַז זיי זאָלן וואַגן מודה צו זיין, אַז פראַנקרייך קאָן זיך באַגיין אָן אַ געקרוינטן פּעטיש... איינגיכן האָבן זיי אָן גיליאָטינירן די „אַנאַרכיסטן", וועלכע נאָר זיי אַליין וואַגן אָנצופאַלן אויפן קאַטוילישן קולט... אין אַלע עקאָנאָמישע פראַגן פון דער רעוואָלוציע שטייען די פירער אָפּ פון די מאַסן, און דאָס פּאָלק, אין זיין שטרעבונג צו באַפרייאונג, יאָגט זיי ווייט אַריבער". און אַיבערגייענדיק ווייטער, צו דער קריטישער כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסן רוב פון די היינטיקע „רעוואָלוציאָנערן", שרייבט קראָפּאָטקין: „יעדע רעוואָלוציאָנער חלומט וועגן דיקטאַטור, צי דאָס וועט זיין די „דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט", ד. ה. פון זיינע פירער, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, אָדער די דיקטאַטור פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַב, ווי די בלאַנקיסטן זאָגן; סוף כל סוף, איז דאָס איינס און דאָס זעלבע. אַלע חלומען פון דער רעוואָלוציע, ווי וועגן אַ לעגאַלער מעגלעכקייט צו פאַרטיליגן זייערע שונאים מיט דער הילף פון די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן, געזעלשאַפטלעכן פּראָקוראָר, גיליאָטינע און אירע דינער — דעם תליון און טורמע אויפזעער. אַלע חלומען וועגן דעראָבערן די מאַכט, וועגן שאַפן אַן אַלמעכטיקן און אַלפירנדיקן שטאַט, וואָס באַגייט זיך מיטן פאָלק, ווי מיט אַן אונטערטאַן און אונטערטעניקן, רעגירנדיק איבער אים מיט דער הילף פון טויזנטער און מיליאָנען פאַרשידענע באַאַמטע, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה... אַלע רעוואָלוציאָנערן פּרעדיקן די אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט דעם געזעץ, וואָס די דיקטאַטאָרישע מאַכט גיט אַרויס. אַלע רעוואָלוציאָנערן חלומען וועגן קאָמיטעטן פאַר „געזעלשאַפטלעכער רעטונג", וועמענס ציל איז צו באַזייטיקן יעדן איינעם, וואָס וואַגט צו דענקען ניט אַזוי, ווי עס דענקען די מענטשן וואָס האָבן די מאַכט אין די הענט. דער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געוואָגט צו טראַכטן און האַנדלען להיפוך דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, מוז אומקומען... דענקען — זאָגט אַ סך רעוואָלוציאָנערן — איז אַ קונסט און אַ וויסנשאַפט, וואָס איז ניט באַשאַפן פאַר דעם פּראָסטן פאָלק. און אויב שפּעטער, אויפן צווייטן טאָג פון דער רעוואָלוציע, וועט מען שוין געבן די פאָלקס-מאַסן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זייער ווילן, איז דאָס נאָר כדי דאָס פאָלק זאָל אויסקלייבן זיינע פירער, וועלכע וועלן שוין טראַכטן פאַרן פאָלק, און וועלן אין זיין נאָמען אַרויסגעבן געזעצן". „די סאָציאַלע רעוואָלוציע — זאָגט קראָפּאָטקין אין דעם אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג" („ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער") — קאָן ניט אָנגעפירט ווערן פון איין מענטשן, אָדער פון אַ פאַראייניקונג פון עטלעכע מענטשן... נאָר אַ פרייער אָנהויב, די איניציאַטיוו פון דעם פאָלק קאָן שאַפן אַ גוטע און דויערהאַפטע זאַך".

3) אָבער, דאָס אָנערקענען די מעגלעכקייט און נויטיקייט פון דער פרייער איניציאַטיוו פון דער פרייער שעפערישקייט פון די פאָלקס-מאַסן, די פאַרניינונג פון די „פירער" אינעם געווינלעכן זין פון דעם וואָרט, מיינט ניט פאַרלייקענען די ראָל פון דער איניציאַטיוו

פון דער מינדערהייט, פון דער רעוואָלוציאָ־נערער מינדערהייט, אָדער אפילו פון איינצלנע פערזאָנען. אָבער די דאָזיקע ראָל דאַרף זיין אַ ריין „דינסטמעסיקע": העלפן דעם פאָלק, אַר־בעטן אין זיינע רייען (און ניט איבער אים), וועקן אים צו טעטיקייט, שטויסן, באַגייסטערן אים, אויפ־קלערן אים דורכן וואָרט, מיטן ביישפּיל".

און אָט טאַקע אין דעם זין פאַרשטייט קראָפּאָטקין די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט אָדער פון איינצלנע מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן אי־ניציאַטיוו און אַנטשלאָסנקייט. טאַקע, און נאָר אין דעם זין, אויב איר ווילט, קאָן מען ריידן וועגן „פירער" אין דער רעוואָלוציע (און אויך אין אַלגעמיין גענומען). אַזעלכע פירער זיינען פאַראַן — בפרט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע — טויזנטער און מיליאָנען. נאָר זיי לייזן זיך אויף אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן, אין די רייען, וואו זיי אַרבעטן, און זייערע נעמען פאַרבלייבן, מערסטנס, אומבאַקאַנט. און טאַקע וועגן זיי, און טאַקע אין דעם אויבן־דערמאָנטן זין, זאָגט קראָפּאָטקין (אין דעם אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט", (אין דעם בוך „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער"), אַז „די מינדערהייט הויבט אָן די רעוואָלוציע, און רייסט מיט זיך מיט די איבעריקע מאַסן". אויף אַ צווייטן אָרט, (אין דעם זעלבן אַרטיקל) רעדט ער וועגן די עכטע פירער ווי וועגן מענטשן, וועלכע קאָנען אין די טעג פון רעוואָ־לוציאָנערן אויפברויז זיין נוצלעך „צווישן פאָלק, פאַרשפּרייטנדיק אומעטום זיי־ערע אידעען, ברענגען אין באַוועגונג די מאַסן, וועקנדיק זיי צו שעפערישקייט און דערלאַנגענדיק קלעפּ די אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס". אין דעם אַרטיקל „די אַנאַר־כיסטישע אַרבעט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע", רעדט ער וועגן דער נויטי־קייט פון אַ „אינטעליגענטער מינדערהייט", וואָס זאָל זוכן צו פאַרטיפן די אידעען פון דער רעוואָלוציע. אין דעם אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע אידעען און דער רע־וואָלוציע", רעדט ער פון דער נויטיקייט צו האָבן רעוואָלוציאָנערן „אין יעדער שטוב, אין יעדן דאָרף". ריידנדיק וועגן דער נויטיקייט, פאַר דעם באַשאַפן נייע לעבנספאָרמען, צו האָבן אומעטום מענטשן מיט איניציאַטיוו, שרייבט קראָפּאָט־קין: „צום אומגליק טרעפט מען אינעם וואכעדיקן לעבן זייער זעלטן מענטשן מיט איניציאַטיוו. אָבער אין די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכן באַווייזן זיי זיך"... („אַנאַר־כיסטישע טוער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע"). און אין דעם אַרטיקל „דער בונטאַרישער גייסט" („ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער"), באַלויכט ער זייער העל און גאַנץ גענוי די ראָל פון די דאָזיקע מענטשן. ריידנדיק וועגן דעם, וואָס אין די רע־וואָלוציעס ווערן די ביז דאַן אינערטע מאַסן פאַרוואַנדלט אין העלדיש קעמפנדיקע מאַסן, און שטעלנדיק די פראַגע „וואָסאַרא כישוף-כוח האָט דורכגעפירט די דאָ־זיקע מערקווירדיקע פאַרוואַנדלונג, שרייבט קראָפּאָטקין: „ס'איז ניט שווער צו געבן אַן ענטפער. די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג קומט פאַר אַ דאַנק דער טעטיקייט — דער אומאיבערגעריסענער און זיך שטענדיק באַנייענדיקער טעטיקייט פון דער מינ-

דערהייט. דרייסטקייט, איבערגעגעבנקייט און דער גייסט פון קרבנות־גרייטקייט זיינען פונקט אזוי אָנשטעקנדיק, ווי פּחדנות, געהאַרכזאַמקייט און פּאַניק. וואָסאַרא פאָרמען קאָן אָננעמען אַט די אַגיטאַציע פון דער מינדערהייט? אַלע, אַנטשיידן אַלע: די פאַרשידנסטע פאָרמען, לויט די אומשטענדן, מיטלען, וואָס מען האָט צו די הענט. און לויטן כאַראַקטער, — אַ מאָל אַ בייזן, אַ מאָל אַ שפּאַטישן. אָבער שטענדיק געוואַגטן. אַמאָל געמיינזאַמע אָנפאַלן, אַמאָל ריין־אינדיווידועלע. אַ ׳מענטש פון האַנדלונג לאָזט ניט דורך קיין שום געשעעניש אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, שטרע־בנדיק שטענדיק אויפצוהאַלטן דעם אָנגערעגטן צושטאַנד פון די מוחות, פאַרזייען אומצופרידנקייט און געבן איר אַן אויסדרוק, אויפוועקן די שנאה צו די עקספּלאָ־טאַטאָרס, אַרויסשטעלן אין אַ לעכערלעכן אויסזען די רעגירער, אָנווייזן אויף זייערע שוואַכקייטן, און באַזונדערס — שטענדיק וועקן די דרייסטקייט און דעם בונטאַ־רישן גייסט, געבנדיק אַליין אַ ביישפּיל". לסוף, אָנצייכענענדיק די אויפגאַבן פון דעם אמתן פירער־רעוואָלוציאָנער אין דעם אַרטיקל „די רעוואָלוציע האָט זיך אָנ־געהויבן", וואָס איז געווען געדרוקט אין „ליסטקי כליעב אי וואָלאַ", נומער 15, פעברואַר 1905, אין שייכות מיטן ניינטן יאַנואַר, זאָגט קראָפּאָטקין, אַז אַצינד „דאַרף מען ריכטן די אָנשטרענגונגען פון יעדן אמתן רעוואָלוציאָנער, אויף צו וועקן אומעטום ביים פאָלק זיין ענערגיע און דרייסטע קאַמפּס־איניציאַטיוו. מ׳דאַרף זאָגן דעם פאָלק, אַז אויב ער וועט נישט נעמען אין זיינע אייגענע הענט די זאַך פון זיין באַפרייאונג, וועלן קיין שום רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, קיין שום רעגי־רונג אים נישט באַפרייען".

אָט־אַזוי האָט קראָפּאָטקין פאַרשטאַנען די ראָל פון דער איניציאַטיווער מינ־דערהייט.

פונדעסטוועגן שיינט אונדז, אַז די גרעסטע באַדייטונג האָבן ניט די אַדער אַנדערע קראָפּאָטקינס ענטפערס אויף באַזונדערע פראַגן. וויכטיקער און כאַראַק־טעריסטישער פון אַלעם איז דער אַלגעמיינער פּרינציפּ, וואָס ער האָט פאָרמולירט און קעגנגעשטעלט דעם אַנדערן, ישאַבלאָנעם פּרינציפּ. אָט דער אַלטער פאַרדרייטער פּרינציפּ זאָגט:

„דאָס שאַפן נייע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען באַלאַנגט צו דער איניציאַטיווער מינ־דערהייט — צו די פירער און פירער־גרופּעס. די פאָלקס־מאַסן קאָנען און דאַרפן זיין בלויז אומ־קאָנדיציאָנעלע אויספירער פון די באַפעלן פון די פירער. דער זיג פון די נייע אידעען, דער זיג פון דער רעוואָלוציע איז געזיכערט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ס׳איז געזיכערט דער זיג פון די פירער, געשטיצט פון דער מאַסן־באַוועגונג. נאָך דעם דאָזיקן זיג, בלייבט פאַר די מאַסן

בלויז זיך צוהערן צום קול פֿון די זיגערישע פֿירער און אויספֿירן זייער ווילן".

דער נייער פּרינציפּ, וואָס קראָפּאָטקין האָט קלאָר פֿאָרמולירט, זאָגט:

„דאָס שאַפֿן די נייע געזעלשאַפֿטלעכע לעבנס־פֿאָרמען באַלאַנגט צו די פֿיל־מיליאָניקע האָ־רעפּאַשנע מאַסן, דורך זייערע אומצאָליקע אָר־גאַניזאַציעס. די איניציאַטיווע מינדערהייט, די „פֿירער" זיינען נויטיק אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל די מאַסן נויטיקן זיך אין אינטעלעק־טועלער הילף, אינעם באַוועגנדיקן שטויס, אין דעם אויפֿקלערנדיקן וואָרט, אין דעם לעבעדיקן אָנשטעקעדיקן ביישפּיל".

קעגן דעם פּרנציפּ פֿון שאַפֿן פֿון אויבן, ווערט אַרויסגעשטעלט דער פּרינציפּ פֿון שאַפֿן פֿון אונטן. קעגן דעם פּרינציפּ פֿון אַ פֿירער־דיקטאַטאָר, אַפֿירער־רעגירער, אַ פֿירער איבער די מאַסן, ווערט אַרויסגעשטעלט דער פּרינציפּ פֿון אַ פֿירער־אַרויסהעלפֿער, אַ פֿירער־חבר (אויף אַן אמת), אַ פֿירער אינאיינעם מיט די מאַסן, האַנט אין האַנט מיט זיי.

ווען מען זאָל קראָפּאָטקינען געווען שטעלן די פֿראַגע — פֿאַרוואָס־זשע האָט ביז איצט, אין אַלע רעוואָלוציעס, טראָץ דעם פֿון אים ריכטיק אָנערקענטן פּרינ־ציפּ פֿון דער פֿאָלקס־שעפֿערישקייט געזיגט דער פּרינציפּ פֿון דער שעפֿעריקייט פֿון די פֿירער? — וואָלט ער, אַלס ענטפֿער זיך געקאָנט פֿאַרופֿן אויף זיינע ווערק, וואו, קאָנסטאַטירנדיק דעם שליסלעכן דורכפֿאַל פֿון דער פֿאָלקס־רעוואָלוציע און דעם זיג פֿון דעם אַלטן פּרינציפּ, אַלס רעזולטאַט, מאַכט ער קלאָר די סיבות פֿון אָט דעם זיג גופֿא און פֿון דעם דורכפֿאַל פֿון דעם נייעם פּרינציפּ. איינע פֿון אָט די סיבות — און ווייט נישט די לעצטע — זעט ער אין דעם, וואָס אין דעם מאָמענט פֿון דער רעוואָלוציע וויסן נאָך נישט די פֿאָלקס מאַסן „ווי אַזוי צו גיין צום ציל" (זע דאָס אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג"), זיי וויסן נישט, וואָס מען דאַרף אַוועקשטעלן אויפֿן אָרט פֿון דער אַלטער אָרדענונג", (זע דאָס אַרטיקל „אַ יאָרהונדערט פֿון דערוואַרטונג"). נאָר ווען די מאַסן הויבן אָן אומ־קלאָר פֿאַרשטיין דעם ריכטיקן וועג צום ציל איז שוין צו שפּעט: די „פֿירער", וועלכע האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין דער מאַכט, ווענדן צו זיי אָן דעם נייעם גוואַלט־אַפּאַראַט, וואָס זיי האָבן זיך געאיילט צו אָרגאַניזירן. און אַלס איינע פֿון די וויכטיק־סטע אויפֿגאַבן פֿון דער נעקסטער אַנאַרכיסטישער אַרבעט שטעלט, דערום, קראָ־פּאָטקין אַרויס די אויפֿגאַבע פֿון דער מאַקסימאַלער אויסברייטערונג און פֿאַרטיפֿונג פֿון די אַנאַרכיסטישע אידעען צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן, — אַן אויפֿגאַבע, וואָס די היינטיקע אַנאַרכיסטן זיינען, צום באַדויערן, נאָך גאָר ווייט פֿון צו לייזן אויף אַ צופֿרידנשטעלנדיקן אופֿן.

:: :: ::

פ. א. קראָפּאָטקין האָט געלעבט און געשאַפן ביז דער רוסישער רעוואָלוציע. בלויז די לעצטע פיר יאָר פון זיין לעבן זיינען פאַרלאָפן אין דער אומגעבונג פון דער דאָזיקער גוואַלטיקער געשעעניש. מיט טיפע גייסטיקע ליידן האָט ער געזען, אַז אויך אַט־די רעוואָלוציע איז, „אַראָפּ פונעם וועג", אַז אויך זי האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין א „רעוואָלוציע פון די פירער", אז אויך זי וועט זיך ענדיקן, צייט־ווייליק, מיטן פאַרשקלאַפן די האַרעפּאַשנע מאַסן...

אין 1921, דאָס יאָר פון קראָפּאָטקינס טויט, זיינען שוין געווען גאַנץ קלאָר די נעגאַטיווע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. קראָפּאָטקין האָט געזען די דאָזיקע רעזולטאַטן. ליידנדיק שטאַרק דערפון האָט ער, אין דער זעלבער צייט, נישט געקאָנט זיך נישט שטעלן די פראַגע, וועלכע ס'שטעלן זיך אויך מיר, זיינע נאָכפאָלגער און פאָרזעצער: „ה אָ ט ד ע ר ג אַ נ ג א ו ן ד ע ר נ אָ ־ ע נ ט ס ט ע ר ר ע ז ו ל ט אַ ט פ ו ן ד ע ר ד אָ ז י ק ע ר ר ע ־ וואָ ל ו צ י ע ב אַ ש ט ע ט י ק ט א ו נ ד ז ע ר א י ד ע ע, אָ ד ע ר ז י אָ פּ ג ע ל ייק נ ט? און אויף אַט־דער פראַגע האָט ער, אָן ספק, געענט־פערט דאָס זעלבע, וואָס מיר ענטפערן איצט: י אָ, ב אַ ש ט ע ט י ק ט ד ו ר כ א ו י ס, ס יי א י נ ג אַ נ צ ן ג ע נ ו מ ע ן, ס יי א י ן די ק ל ע נ ס ט ע פּ ר ט י ם.

דאָס דערוויַיזן די דאָזיקע באַהויפּטונג, פונאַנדערוויקלען די דאָזיקע טעמע, גייט נישט אריין אין די גרענעצן פון דעם איצטיקן אַרטיקל. דאָס וואָלט באַדאַרפט זיין די טעמע פון א באַזונדער אַרבעט. מירן זיך באַגרענעצן מיט דעם וואונטש, אַז דער אומגעהויערער און אומגעוועגלעך־באַלערנדיקער מאַטעריאַל, וואָס די רו־סישע רעוואָלוציע שטעלט צו אונדזער רשות, זאָל אין דער נאָענטער צוקונפט אויס־גענוצט ווערן פון די אַנאַרכיסטן אויף צו דערפילן פ. א. קראָפּאָטקינס ליידנשאַפט־לעכע צוואָה: שנעלער, אקטיווער און מעכטיקער אויסברייטערן און פאַרטיפן אונד־זער אידעע צווישן די האַרעפּאַשנע מאַסן.

עריקא מאַלאַטעסטאַ

# פיאָטר קראָפּאָטקין

## (זכרונות און קריטיק פון איינעם פון זיינע אַלטע פריינט)

די דאָזיקע ארבעט האָט מאַלאַטעסטאַ אָנגעשריבן פארן רוסישן זשורנאַל „פּראָבוזשדעניע" אין דעטראָיט, פ. שטאַטן. זי איז געווען געדרוקט אין פעברואר 1931 וואָס איז געווען א ספּעציעלער קראָפּאָטקין־נומער.

פּיאָטר קראָפּאָטקין איז אָן צווייפל איינער פון די, וועלכע האָבן אממערסטן צוגעטראָגן — אפשר נאָך מער ווי באַקונין און עליזע רעקלו — צו דער אויסארבעטונג און צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע, דעריבער האָט ער זיך פאַרדינט די באַוואונדערונג און אנערקענונג, וואָס אַלע אַנאַרכיסטן פילן צו אים.

אָבער למען האמת און אין העכסטן אינטערעס פון דעם אידעאַל איז נויטיק צו זאָגן, אַז זיין ווערק איז נישט געווען אינגאַנצן און אויסשליסלעך א וואוילטועגדיקס. נישט זיין שולד איז עס, אדרבא, די גרויסקייט גופא פון זיינע פאַרדינסטן איז דאָס געווען די סיבה פון די איבלען, וועלכע איך נעם זיך דאָ אונטער אָנצואווייזן.

נאַטירלעך האָט קראָפּאָטקין נישט געקאָנט, ווי קיין שום מענטש קאָן דאָס נישט, אויסמיידן יעדן מין טעות און זיין דער באזיצער פונעם גאנצן אמת. עס וואָלט, בכן, נויטיק געווען אויסצונוצן זיין ווערטפולן צושטייער און אָנגיין ווייטער מיט הער זוכעניש פארן ווייטערן פּראָגרעס.

אָבער קראָפּאָטקינס ליטעראַרישער טאַלאַנט, דער ווערט און פאַרנעם פון זיינע שאַפונגען, דער פּרעסטיזש, וואָס עס האָט אים געגעבן זיין שם ווי א גרויסער געלערנטער, דער פאַקט, וואָס ער האָט מקריב געווען א פּאָזיציע פון הויכראַנגיקע פּריווילעגיעס, בכדי פארן פּרייז פון סכנות און ליידן צו פאַרטיידיקן די פאָלקס־אינטערעסן, און דערצו דער רייץ פון זיין פּערזאָן, וואָס האָט באַצויבערט אַלע די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק זיך צו אים צו דער־

גענטערן, האָבן אים געגעבן אַזאַ אָנזען און אַזאַ איינפלוס, אַז ער האָט אויס־געזען צו זיין, און איז עס טאַקע אין אַ גרויסן טייל געווען, דער אָנערקענטער לערער פון אַ גרויסן טייל אַנאַרכיסטן.

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז די קריטיק איז אַנטמוטיקט געוואָרן און עס איז פאַר־געקומען אַן אָפּשטעל אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידייע. במשך פון אַ היפּשן סכום יאָרן האָט דער רוב אַנאַרכיסטן, נישט געקוקט אויפן איקאָנאָקלאַסטישן און פּראָגרעסיוון גייסטיקן איינשטעל זייערן אויפן געביט פון טעאָריע און פּראָ־פּאַגאַנדע, נישט געטון עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו שטודירן און איבערצוחזרן קראָפּאָטקינען. זאָגן עפּעס אַנדערש ווי ער איז פּאַר אַ סך חברים געווען כמעט ווי אַן אפּיקורסות.

וואָלט דעריבער נישט געשאַדט אויסצושטעלן קראָפּאָטקינס לערע צו אַ שטרענגער קריטיק און אָן באַוואָרענישן אָפּצושיידן דאָס, וואָס ס'איז שטענדיק אַמתדיק און לעבעדיק, פון דעם, וואָס דער געדאַנק און די שפּעטערדיקע דער־פאַרונג קאָנען האָבן אַרויסגעשטעלט ווי טעותדיק. און דאָס וואָלט, אגב, נישט חל געווען בלויז אויף קראָפּאָטקינען אַליין, ווייל די טעותן, וועלכע מ'קען אים פאַרוואַרפן, זיינען שוין געהאַט אָנגעהאַלטן געוואָרן מצד די אַנאַרכיסטן נאָך איידער קראָפּאָטקין האָט באַקומען אַן עמינענטע פּאָזיציע אין דער באַוועגונג. ער באַשטעטיקט זיי און גיט זיי דויערהאַפטיקייט, געבנדיק זיי די שטיצע פון זיין טאַלאַנט און זיין פּרעסטיזש. אָבער מיר, די אַלע אַקטיוויסטן, האָבן אין דעם, אַלע אָדער כמעט אַלע, אונדזער חלק פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

:: :: ::

שרייבנדיק היינט וועגן קראָפּאָטקינען בין איך נישט אויסן צו עקזאַמענירן גרינטלעך זיין דאָקטרין. איך וויל בלויז אויפכאַפּן איייניקע אימפּרעסיעס און איייניקע זכרונות, וועלכע וועלן, מיין איך, זיין אומשטאַנד קלאָר מאַכן קראָ־פּאָטקינס מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט און מאַכן בעסער פאַרשטיין זיינע מעלות און זיינע חסרונות.

אָבער קודם־כל וועל איך זאָגן עטלעכע ווערטער, וועלכע קומען אַרויס פון מיין האַרץ, ווייל איך קאָן נישט טראַכטן וועגן קראָפּאָטקינען, נישט פילנדיק זיך גערירט דורכן אָנדענק פון זיין גרענעצלאָזער גוטסקייט. איך דערמאָן זיך, וואָס ער האָט געטון אין גענף אין ווינטער פון 1879־טן אָדער 1880־טן יאָר צו העלפן אַ גרופּע אין נויט זיך געפינענדיקע איטאַליענישע פּליטים, צווישן וועלכע אויך איך האָב זיך געפונען. איך דערמאָן זיך די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע איך וואָלט אָנגערופן מוטערלעכע, וועלכע ער האָט מיר אַרויסגעוויזן אין לאָנדאָן אין אַ נאַכט, ווען איך בין געווען אַ קרבן פון אַן אינצידענט און איך האָב אָנ־געקלאַפּט אין זיין טיר; איך געדענק די אַטמאָספער פון פריינטשאַפטלעכקייט, וועלכע מ'האָט אַריינגעאָטעמט אין זיין נאָענטקייט. ווייל ער איז באמת געווען אַ

גוטער, ער האָט געהאַט אין זיך יענע כמעט אומבאַוואוסטזיניקע גוטסקייט, וועלכע פילט די באַדערפעניש צו לינדערן די ליידן און צו פאַרשפּרייטן אַרום זיך דעם שמייכל און די פרייד.. מ'וואָלט אינדערזאַמתן געקענט זאָגן, אַז ער איז געווען גוט, נישט ווייסנדיק וועגן דעם; ביי קיין שום געלעגנהייט האָט ער נישט געוואָלט מ'זאָל אים אַזוי אָנרופן. ער באַליידיקט זיך, ווייל אין אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן צו דער געלעגנהייט פון זיין 70־טן אַניווערסאַר, האָב איך געזאָגט, אַז די גוטסקייט איז די ערשטע פון זיינע אייגנשאַפטן. אים איז גיכער געפעלן אַרויסצואווייזן זיין ענערגיע און זיין שטאָלץ, אפשר דערפאַר, ווייל די דאָזיקע לעצטע אייגנשאַפטן האָבן זיך אַנטוויקלט אינעם קאַמף, בעת די גוטסקייט איז געווען אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון זיין אינערלעכער נאַטור.

:: :: ::

איך האָב געהאַט דעם כבוד און דאָס גליק צו זיין פאַרבונדן מיט קראָפּאָטקינען במשך פון אַ סך יאָרן דורך דער ברידערלעכסטער פריינטשאַפט, מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווייל מיר זענען געווען באַגייסטערט מיט דער זעלבער ליידנשאַפט, מיט דער זעלבער האָפנונג און אויך מיט די זעלבע אילוזיעס.

ביידע מיט אַן אָפּטימיסטישן טעמפּעראַמענט (און איך מיין, פונדעסטוועגן, אַז קראָפּאָטקינס אָפּטימיזם איז געווען אַ שטאַרקערער ווי מיינער און אפשר אויך געהאַט אַן אַנדערן שורש), האָבן מיר געזען די געשעענישן אין אַ רויזלעכן קאָליר — יאָ, צום באַדויערן, אין אַ צו רויזלעכן קאָליר, — האָבן מיר זינט מער ווי פופציק יאָר צוריק געוואַרט אויף אַ נאָענטער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע זאָל פאַרווירקלעכן אונזער אידעאַל. במשך פון דעם דאָזיקן לאַנגן פּעריאָד זענען געווען זייער ווייניק מאָמענטן פון ספקות און פון אַנטמוטיקונג. איך דערמאָן זיך, צ. ב., אַז קראָפּאָטקין האָט מיר איינמאָל געזאָגט: „ליבער ערריקאָ, איך האָב מורא, אַז ס'איז נישטאָ מער קיינער ווי איך און דו, וואָס גלייבן אין דער נאָענטער רעוואָלוציע". אָבער דאָס זענען געווען פאַרבייגייענדיקע מאָמענטן. באַלד נאָכדעם איז ווידער אויפגעקומען דער צוטרוי און מ'האָט זיך אויפגעקלערט, נישט וויכטיק אויף וואָס פאַר אַן אופן, די קעגנווערטיקע שוועריקייטן און דעם סקעפּטיציזם פון די חברים, און מ'האָט ווייטער געאַרבעט און געהאָפט.

פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט מיינען, אַז מיר האָבן וועגן אַלץ געהאַט די זעלביקע מיינונגען. אדרבא, בנוגע אַ סך עיקרדיקע אידייען זענען מיר געווען ווייט פון צו זיין איינפאַרשטאַנען, און זעלטן ווען האָבן מיר זיך צוזאַמען געטראָפן, אַז וועלכע נישט איז חלוקי־דעות זאָל צווישן אונז נישט אַרויסרופן טומלדיקע דיסקוסיעס. אָבער אַזוי ווי קראָפּאָטקין איז געווען זיכער צו האָבן רעכט, און ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן רואיק די קעגנערשאַפט, און איך ווידער האָב געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין קענטעניש און אַ סך אייגנזען מיט

זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, פלעגן מיר שטענדיק בייטן די טעמעס, כדי זיך נישט צופיל אויפצורעגן.

אָבער דאָס האָט בשום אופן נישט געשטערט די נאָענטקייט פון אונדזערע באַציאונגען, ווייל מיר האָבן זיך ליב געהאַט און צוזאַמענגעאַרבעט צוליב סענטימענטאַלע מאָטיוון מער ווי צוליב אינטעלעקטועלע. ס׳זענען נישט וויכטיק די פאַרשידנאַרטיקע אויסטייטשונגען, וואָס מיר האָבן געגעבן די פאַקטן, און אויך נישט די דיפערענץ פון די אַרגומענטן, מיט וועלכע מיר האָבן באַרעכטיקט אונדזער שטעלונג און אויספירונג; אין דער פּראַקטיק האָבן מיר געוואָלט די זעלבע זאַכן, און מיר זיינען אָנגערעגט געוואָרן דורכן זעלבן פייערלעכן באַגער צו פרייהייט, צו גערעכטיקייט און וואוילשטאַנד פאַר אַלעמען. מיר האָבן, בכן, געקאָנט גיין צוזאַמען.

און אין דער ווירקלעכקייט איז קיינמאָל נישט געווען צווישן אונז קיין ערנסטע חלוקי־דעות ביז צום טאָג, ווען ס׳האָט זיך, אין 1914, אַוועקגעשטעלט אַ פּראָבלעם, וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע וויכטיקייט פאַר אים און פאַר מיר: די פּראָבלעם פון קריג און וואָס פאַרא שטעלונג די אַנאַרכיסטן האָבן געדאַרפט צו אים אָננעמען. ביי דער דאַזיקער אומגליקלעכער געלעגנהייט האָבן אין אים דערוואַכט און נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן זיינע אַלטע פּרעפערענצן פאַר אַלץ, וואָס איז געווען רוסיש אָדער פראַנצויזיש און ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ ליידנשאַפטלעכן אָנהענגער פון דער אַנטאַנט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ סאָציאַליסט און אַנאַרכיסט; ער האָט פאַרגעסן וואָס ער אַליין פלעגט ערשט נישט לאַנג צוריק זאָגן וועגן דעם קריג, וואָס די קאַפּיטאַליסטן גרייטן צו, און ער האָט אָנגעהויבן באַוואונדערן די ערגסטע שטאַטסלייט און גענעראַלן פון דער אַנטאַנט. ער האָט באַטראַכט ווי פּחדנים די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין הייליקן בונד, ער האָט באַדויערט, וואָס די עלטער און דאָס געזונט דערלויבן אים נישט צו נעמען געווער אין האַנט און אַרויסמאַרשירן קעגן די דייטשן. לויט מיר, איז זיין שטעלונג געווען אַן אמת פּאַטאָלאָגישע. ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, ס׳איז געווען איינע פון די ווייטיקלעכסטע, איינע פון די טראַגישסטע מאָמענטן פון מיין לעבן (און איך דערוועג זיך צו זאָגן, אַז אויך פון זיינעם), יענער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך, נאָך איינער פון די פּיינלעכסטע דיסקוסיעס, צעשיידט ווי קעגנער, כמעט ווי שונאים.

גרויס איז געווען מיין ווייטיק צוליב דעם פאַרלוסט פונעם פריינט און צוליב דעם שאָדן, וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען פאַר אונזער אידעאַל, צוליב דעם פאַרנעם, וואָס אַזאַ חלוקי־דעות האָט געקענט האָבן צווישן די אַנאַרכיסטן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, זענען געבליבן ביי מיר אומבאַרירלעך די ליבע און דער רעספּעקט פאַרן מענטשן, פּונקט אַזוי ווי די האָפנונג, אַז נאָכדעם ווי די פאַרטויבונג פון מאָמענט וועט אַריבער און נאָכדעם ווי מ׳וועט זען די קאָנ־

סעקוועגצן, וואָס מ'האָט געקענט דערוואַרטן פון קריג, וועט ער אָנערקענען זיין טעות און ער וועט ווידער זיין דער קראָפּאָטקין ווי תמיד.

:: :: ::

קראָפּאָטקין איז געווען אַ געלערנטער און אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר צו איין און דער זעלבער צייט. פון צוויי לײַדנשאַפטן איז ער געווען באַהערשט: פונעם באַגער צו וויסן און פונעם באַגער צו טון גוטס דער מענטשהייט; צוויי אידעאַלע לײַדנשאַפטן, וועלכע דאַרפן זיין נוצלעך איינע דער אַנדערער און וועלכע איינער וואָלט געוואָלט זען ביי אַלע מענטשן, כאָטש זיי זיינען פונדעסטוועגן נישט איינע און די זעלבע זאַך. אָבער קראָפּאָטקין איז געווען אַן עמינענט־סיסטעמאַטישע פערזענלעכקייט. ער האָט אַלץ געוואָלט דערקלערן לויט דעם זעלבן פּרינציפּ, ער האָט אַלץ געוואָלט רעדוצירן צו אַן איינהייטלעכקייט; און ער האָט עס גאַנץ אָפט געטאָן אפילו אויפן חשבון פון דער לאָגיק, לויט מיין מיינונג. אַזוי האָט ער אין דער וויסנשאַפט געשטיצט זיינע סאָציאַלע אַספּיראַציעס, וועלכע זענען, לויט אים, נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי נאָר שטרענג־וויסנשאַפטלעכע דעדוקציעס.

איך האָב נישט קיין שום ספּעציעלע קאָמפּעטענץ אַרויסצוזאָגן זיך וועגן קראָפּאָטקינען אַלס געלערנטן. איך ווייס, אַז ער האָט אין זיין יוגנט געלייסטעט באַדייטנדיקע דינסטן דער געאָגראַפיע און דער געאָלאָגיע; איך שאַץ אָפּ דעם גרויסן ווערט פון זיין בוך: „די קעגנזייטיקע הילף" און איך בין איבערצייגט, אַז מיט זיין ברייטער קולטור און הויכער אינטעליגענץ וואָלט ער געווען געקאָנט צוטראָגן אַ גרויסן צושטייער צום פּראָגרעס פון די וויסנשאַפטן, ווען זיין אויפמערקזאַמקייט און זיין אַקטיוויטעט וואָלטן נישט געווען פאַרשלונגען געוואָרן דורכן סאָציאַלן קאַמף. פונדעסטוועגן ווייזט זיך מיר אויס, אַז עפּעס האָט אים געפעלט, בכדי צו זיין אַן אמתער וויסנשאַפטסמאַן: די פעאיקייט צו פאַרגעסן זיינע באַגערן און באַוואָרעניש, בכדי צו אָבסערווירן די פאַקטן מיט אַ געדולדיקער אָביעקטיוויטעט. ער האָט מיר גיכער אויסגעוויזן צו זיין דאָס, וואָס איך וואָלט זייער פיין אָנגערופן אַ פּאָעט פון דער וויסנשאַפט. ער וואָלט געווען אימשטאַנד צוצוטרעפן נייע אמתע דורך געניאַלע אינטואיציעס, אָבער די דאָזיקע אמתן וואָלטן ערשט געווען געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורך אַנדערע מענטשן, וועלכע קענען האָבן וויניקער געניאַליטעט, אָדער אינגאַנצן נישט זיין קיין גאונים אויף קיין שום געביט, אָבער דערפאַר בעסער פאַרגרייט און באַגאַבט מיט דעם, וואָס מ'רופט אַן וויסנשאַפטלעכער גייסט. קראָפּאָטקין איז געווען צו לײַדנשאַפטלעך, בכדי צו זיין אַן עקזאַקטער אָבסערוואַטאָר.

ער פלעגט געוויינלעך באַנעמען אַ השערה און תיכף געהומען זוכן די פאַקטן, וועלכע זאָלן זי באַרעכטיקן; דאָס קאָן זיך זיין אַ גוטער מעטאָד פאַר דער אַנטדעקונג, אָבער נישט ווילנדיק איז ער דערגאַנגען דערצו נישט צו זען די פאַקטן, וועלכע זענען געווען אין סתירה צו דער השערה.



פ. א. קראָפּאָטקינס ביוסט פון דעם סקולפּטאָר צייטלין

ער איז נישט געווען אימשטאנד זיך צו דעצידירן אַנצונעמען אַ פאַקט, און צומאָלס אפילו נישט צו נעמען אים אין באטראכט, אויב ער האָט זיך לכתחילה נישט אריינגעפּאסט אין זיין דערקלערונג, ד"ה אויב ער האָט אים נישט געקאָנט אריינפּאסן אין זיין סיסטעם.

ווי אַ ביישפּיל וועל איך איבערגעבן אַן עפּיזאָד, צו וועלכן איך האָב געגעבן אַ געלעגנהייט:

צווישן די יאָרן 1885-1889 האָב איך זיך געפונען אין דער ארגענטינער פּאמפּאַ און ס'איז מיר אויסגעקומען עפּעס צו לייענען וועגן די היפּנאָטישע עקספּערימענטן פון דער נאַנסער שול. דער ענין האָט מיך שטאַרק פאַראינטער־עסירט, אָבער איך האָב דעמאָלט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו וויסן עפּעס מער וועגן דאָזיקן ענין. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין אייראָפּע, האָב איך זיך געזען מיט קראָפּאָטקינען אין לאָנדאָן און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן אייניקע ידיעות וועגן דעם היפּנאָטיזם. ער האָט מיר געענטפערט קאַ־טעגאָריש, אַז מ'דאַרף גאָרנישט גלויבן וועגן דעם, אַז אַלעס איז נישט מער ווי אָנשטעל און האַלוצינאַציעס. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט קראָפּאָטקינען און ס'איז אונז ווידער אויסגעקומען צו שמועסן וועגן היפּנאָטיזם. מיט איבערראַשונג האָב איך באַמערקט, אַז זיין מיינונג האָט זיך פולשטענדיק געביטן: די היפּנאָטישע דערשיינונגען זענען שוין פאַר אים איצט געווען אינטערעסאַנטע ענינים, וועלכע עס לוינט די מי צו שטודירן. וואָס האָט דאָ פּאַסירט? האָט ער זיך באַקענט מיט נייע פאַקטן? האָט ער איצט באַ־קומען איבערצייגנדיקע באַווייזן פון פאַקטן, וועלכע ער האָט לכתחילה נעגירט? לחלוטין נישט. ער האָט, פּשוט און פּראָסט, געלייענט אין אַ בוך פון כ'ווייס נישט וועלכן דייטשן פיזיאָלאָג אַ טעאָריע וועגן די שייכותן צווישן די צוויי העמיספערן פון מוח, וועלכע האָבן, גוט צי שלעכט, געקאָנט דינען צו דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונגען, וועלכע האָבן אים אינטערעסירט.

ביי אַזאַ גייסטיקן איינשטעל, וועלכעס האָט אים באַוואויגן צו דערליי־דיקן די ענינים אויף זיין שטייגער אין די פּראָבלעמען פון עקזאַקטער וויסנ־שאַפט, אין וועלכע ס'איז נישטאָ קיין לאָגיק, מחמת די לייַדנשאַפט צערודערט דעם אינטעלעקט, האָט מען געקאָנט פאָראויסזען צו וואָס ער קאָן דערגיין אין פּראָבלעמען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ נאָענטן שייכות צו זיינע שטאַרקע באַגערן און צו זיינע טייערסטע האָפענונגען.

:: :: ::

קראָפּאָטקין איז געווען אַן אָנהענגער פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָ־זאָפיע, וועלכע האָט באַהערשט די געלערנטע פון דער צווייטער העלפט פון ניינצענטן יאָרהונדערט, די פילאָזאָפיע פון די מאָלעשאָטס, ביכנערס, פאָגטס און אַנדערע, במילא איז זיין קאָנצעפּציע פון אוניווערז געווען אַ שטרענג־מעכאַנישע. לויט דער דאָזיקער סיסטעם עקזיסטירט נישט דער ווילן (אַ שעפערישע מאַכט,

ווערעם קראַפּט און נאַטור מיר קאָנען נישט פאַרשטיין, פּונקט ווי מיר פאַר־שטייען אויך נישט דעם שורש און דעם כאַראַקטער פון דער מאַטעריע און פון אַנדערע „ערשטע פּרינציפּן"), וועלכער העלפט ביסלעכווייז צו צו באַ־שטימען די אויפפירונג פון די אינדיווידן און פון די געזעלשאַפטן, ער איז בלויז אַן אילוזיע. אַלץ, וואָס איז געווען, אַלץ, וואָס איז און וואָס וועט זיין — פון דער אויסוויקלונג פון די הימלישע קערפּערס ביז צו דער געבורט און דער דעקאַדענץ פון אַ ציוויליזאַציע; פון אַן ערדציטער ביז צום געדאַנקענגאַנג פון אַ ניוטאָן; פונעם ריח פון אַ רויז ביז צום שמייכל פון אַ מוטער; פון דער גרויי־זאַמקייט פון אַ טיראַן ביז צו דער גוטסקייט פון אַ הייליקן — אַלץ האָט געמוזט, מוז און וועט מוזן קומען אין אַ פאַטאַלער אויסוויקלונג פון די אורזאַכן און סיבות פון דער מעכאַנישער נאַטור, וועלכע לאָזט נישט איבער קיין פּלאַץ פאַר קיין שום מעגלעכקייט פון וואַריאַציע. די אילוזיע פונעם ווילן דאַרף אויך אַן אין פאַר זיך זיין נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מעכאַנישער פאַקט.

אויב דער ווילן האָט נישט קיין שום פּאָטענץ, אויב ער עקזיסטירט נישט, אויב אַלץ איז אַזוי ווי עס מוז זיין און אַנדערש קען עס נישט זיין, האָבן שוין דעמאָלט די אידייען מכוח פרייהייט, גערעכטיקייט, פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט נאַטירלעכערוויז, לאָגישערוויז קיין שום באַדייטונג נישט, זיי אַנטשפּרעכן נישט קיין שום רעאַליטעט.

לויט דער לאָגיק וואָלט מען נישט געהאַט צו טון עפּעס אַנדערש, ווי נאָר בלויז באַטראַכטן וואָס עס פּאַסירט אויף דער וועלט מיט גלייכגילטיקייט, הנאה אָדער פאַרדרוס, אָבער אָן אויסזיכטן און אָן מעגלעכקייטן עפּעס צו ענדערן.

:: :: ::

קראָפּאָטקין, וועלכער איז, בכן, געווען זייער שטרענג מיטן היסטאָרישן פאַטאַליזם פון די מאַרקסיסטן, איז אַריינגעפאַלן אינעם מעכאַנישן פאַטאַליזם, וואָס איז נאָך פאַראַליזירנדיקער.

אָבער די פילאָזאָפיע האָט נישט געקאָנט אָפּטויטן דעם מעכטיקן ווילן, וואָס קראָפּאָטקין האָט פאַרמאָגט.

ער איז געווען צו שטאַרק איבערצייגט מכוח דער גוטסקייט פון זיין סיס־טעם, צו קענען זיך אָפּזאָגן פון איר אָדער בלויז רואיק פאַרטראָגן, אז מ'זאָל זי שטעלן אין ספקות. אָבער ער איז געווען צו שטאַרק ליידנשאַפטלעך פאַרגלויבט, צו שטאַרק פאַרליבט אין דער פרייהייט און אין דער גערעכטיקייט, כדי זיך אָפּ־צושטעלן פאַר די שוועריקייטן פון אַ לאָגישער סתירה און זיך אָפּזאָגן פונעם קאַמף. ער האָט געלייזט דעם ענין דורך אַריינפּאַסן די אַנאַרכיע אין זיין סיס־טעם און פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ וויסנשאַפטלעכן אמת.

ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אין זיין איבערצייגונג, באַהויפּטנדיק, אז אַלע ערשטע אַנטדעקונגען אין די וויסנשאַפטן — פון דער אַסטראָנאָמיע ביז צו דער ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע — טרעפן זיך צוזאַמען אויפן פּונקט צו באַווייזן

וואָס ווייטער אַלץ מער, אַז די אַנאַרכיע איז דער אופן פון דער סאָציאַלער אָר־גאַניזאַציע, וועלכע איז בהסכם מיט די נאַטירלעכע געזעצן. מ׳האָט אים גע־קאָנט איינווענדן, אַז וואָסערע עס זאָלן נישט זיין די אויספירן, וועלכע מ׳קאָן מאַכן פון דער היינטצייטיקער וויסנשאַפט, מעג מען אָבער זיכער זיין, אַז ווען נייע אַנטדעקונגען זאָלן צעשטערן די היינטיקע וויסנשאַפטלעכע גלויבונגען, וועט ער, קראָפּאָטקין, אַלץ זיין אַן אַנאַרכיסט, טראָץ דער וויסנשאַפט, פּונקט ווי ער איז איצט אַן אַנאַרכיסט טראָץ דער לאָגיק. אָבער קראָפּאָטקין וואָלט נישט געווען אימשטאַנד איינצוגיין אויף דער מעגלעכקייט פון אַ קאָנפליקט צווישן דער וויסנשאַפט און זיינע סאָציאַלע שטרעבונגען און ער וואָלט שטענדיק געווען צוגעטראָכט אַ מיטל, נישט וויכטיק צי אַ לאָגישעס אָדער נישט, בכדי אויסצו־גלייכן זיין מעכאַניסטישע פילאָזאָפיע מיט זיין אַנאַרכיזם.

און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט באַהויפּטעט, אַז „די אַנאַרכיע איז אַ קאָנצעפּציע פון אוניווערז, אַ באַזירטע אויף דער מעכאַ־נישער אינטערפּרעטאַציע פון די דערשיינונגען, וועלכע נעמט אַרום די גאַנצע נאַטור, אַריינגערעכנט דאָס לעבן פון די געזעלשאַפטן" (איך בין זיך מודה, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס קאָן אַזעלכעס באַדייטן), האָט קראָפּאָטקין פאַרגעסן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאָרנישט, זיין מאַכע־נישע קאָנצעפּציע און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף מיטן גאַנצן, ענטו־זיאַזם און דעם צומרוי פון איינעם, וועלכער גלויבט אין דער ווירקזאַמקייט פון זיין ווילן און ער האָפט צו קענען דורך זיין אַקטיוויטעט צו דערגרייכן אָדער העלפן דערגרייכן דאָס, וואָס ער וויל.

:: :: ::

אינדעראמתן זענען קראָפּאָטקינס אַנאַרכיזם און קאָמוניזם גיכער געווען אַן עפעקט פון זיין סענסיביליטעט ווי אַ פּראָבלעם פון שכלדיקייט און פאַרטראַכ־טונג. אין אים האָט קודם־כל גערעדט דאָס האַרץ און נאָכדעם ערשט איז געקומען דער מוח, די אַרגומענטאַציע, כדי צו באַרעכטיקן און באַקרעפטיקן די אימ־פּולסן פון זיין האַרץ.

דאָס, וואָס ס׳האָט געבילדעט דעם תוך פון זיין כאַראַקטער, איז געווען זיין ליבע צו די מענטשן, די סימפּאַטיע פאַר די אָרעמע און אונטערדריקטע. ער האָט באמת געליטן פון יענעמס צרות, און די אומגערעכטיקייט, ווען אפילו עס איז אויסגעפאַלן צו גונסטן אים, איז געווען אומדערטרעגלעך פאַר זיין געמיטס־שטימונג.

אין דער עפּאָכע, ווען איך פלעג אים באַזוכן אין לאָנדאָן, האָט ער פאַר־דינט אויף זיין אויסקומעניש פון זיינע מיטאַרבעטונגען אין זשורנאַלן און אַנ־דערע וויסנשאַפטלעכע אָרגאַנען און ער האָט זיך געלעבט אין פאַרהאַלטניסמע־סיק באַקוועמע קאָנדיציעס, אָבער ער האָט זיך געפילט ווי באַלעסטיקט, ווי דאָס

געווים וואָלט אים געפיניקט דערפאַר, וואָס אים גייט עס בעסער ווי דעם רוב פון די האַנטאַרבעטער און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך שטענדיק געוואָלט פאַרענטפערן פאַר די קליינע באַקוועמלעכקייטן. ער פלעגט אָפט זאָגן, רעדנדיק וועגן זיך אין זיין לאַגע: „אויב מיר האָבן זיך געקאָנט בילדן און אַנטוויקלען אונזערע פעאיקייטן; אויב מיר האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די אינטעלעקטועלע געניסן און תענוגים, אויב מיר לעבן אין מאַטעריעלע נישט צו שלעכטע באַדינגונגען, איז עס דערפאַר, וואָס מיר האָבן, אַדאַנק דעם צופאַל פון אונדזער געבורט, אויסגענוצט די עקספּלאָטאַציע, צו וועלכער עס זיינען אויסגעשטעלט די אַרבעטער. קעמפן פאַר זייער עמאַנציפּאַציע איז פאַר אונדז אַ פליכט, אַ הייליקער חוב, וועלכן מיר דאַרפן זען אָפּצאָלן".

**עס** איז געווען סיי צוליב זיין ליבע צו דער גערעכטיקייט ווי בכדי אָפּצו־צאָלן פאַר די פּריווילעגיעס, פון וועלכע ער האָט גענאָסן, וואָס ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט פון זיין פּאָזיציע און פאַרנאַכלעסיקט די פאָרשונגען, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, כדי צו ווידמען זיך צו דער דערציאונג פון די אַרבע־טער אין פעטערבורג און צום קאַמף קעגן דעספּאָטיזם פון די צאַרן. שטענדיק באַוועגט דורך די זעלבע געפילן האָט ער זיך תיכף אָנגעשלאָסן אינעם אינטערנאַ־ציאָנאַל און אָנגענומען די אַנאַרכיסטישע אידייען. און לסוף האָט ער פון צווישן די פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע קאָנצעפּציעס אויסגעקליבן די קאָמוניסטיש־אַנאַרכיסטישע, וועלכער גייט נאָך ווייטער ווי די סאַמע גערעכטיקייט, ווייל זי באַזירט זיך אויף דער סאָלידאַריטעט און דער ליבע.

אָבער נאַטירלעך, ווי ס'איז געווען פאָראויסצוזען, — זיין פילאָזאָפיע איז נישט געבליבן אָן אַן איינפלוס אויף זיין אופן צו באַנעמען די צוקונפט און אויפן קאַמף, וועלכן מ'האָט געדאַרפט אָנפירן, בכדי צו דערגרייכן צו איר.

ווייל היות ווי אַלעס, וואָס קומט פאָר, לויט זיין פילאָזאָפיע, מוז קומען, מוז דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, פאַטאַלערווייז טריאומפירן, אַזוי ווי דורך אַ נאַטור-געזעץ.

און דאָס האָט ביי אים צוגענומען יעדן מין ספקות און פאַר אים פאַרהוילן יעדע שוועריקייט. די בורזשואַזע וועלט מוז פאַטאַלערווייז אומקומען; זי געפינט זיך שוין אין אויפלייזונג און די רעוואָלוציאָנערע אַקציע האָט ניישט קיין אַנדערן צוועק ווי נאָר אונטערצוזאָגן איר צוזאַמענבראָך.

זיין גרויסע השפעה אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט האָט נאָך, חוץ זיין טאַלאַנט, גע־האַט דעם פאַקט, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט די זאַכן אויף אַזאַ פּשוטן אופן, אויף אַזאַ לייכטן אופן, אויף אַזאַ אומפאַרמיידלעכן אופן, אַז דער ענטוזיאַזם זיינער איז איבערגעגאַנגען צו די, וואָס האָבן אים געהערט אָדער אים געלייענט.

די מאָראַלישע שוועריקייטן זענען פאַרשוואונדן, ווייל ער האָט צוגעשריבן דעם „פאָלק" אַלע גוטע מידות און אַלע פעאיקייטן. ער האָט, מיט רעכט, זייער שטאַרק געלויבט דעם מאָראַליזירנדיקן איינפלוס פון דער אַרבעט, אָבער ער האָט נישט גענוגנדיק געזען די דערדריקנדיקע עפעקטן פון דער נויט און דער אונטער־

געוואָרפנקייט. ער האָט געמיינט, אַז ס'וואָלט געגוג געווען אָפּצושאַפן די פּרי־ווילעגיע פון די קאַפּיטאַליסטן און די מאַכט פון די הערשער, בכדי אַלע מענטשן זאָלן זיך תיכף אַנהייבן ליב האָבן ווי ברידער און נעמען אָפּהיטן יענעמס אינ־טערעסן פונקט ווי זייערע אייגענע.

אויפן זעלבן שטייגער האָט ער נישט געזען קיין מאַטעריעלע שוועריקייטן אָדער ער האָט זיך מיט זיי לייכט אַן עצה געגעבן. ער האָט אָנגענומען דעם געדאַנק, וועלכער איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט צווישן די אַנאַרכיסטן, אַז די אָנגעזאַמלטע פּראָדוקטן פון דער ערד און פון דער אינדוסטריע זענען אויף אַזוי ווייט איבערגענוג, אַז פאַר אַ משך פון אַ לאַנגער צייט וועט מען זיך נישט דאַרפן זאָרגן מכוח דער פּראָדוקציע און ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז די אוממיטלבאַרע פּראָבלעם איז די פּראָבלעם פון קאָנסום; אַז כדי די רע־וואָלוציע זאָל זיגן איז נויטיק תיכף און אויף אַ פולשטענדיקן אופן צו באַפרי־דיקן אַלעמענס באַדערפענישן; די פּראָדוקציע וואָלט, נאַטירלעכערווייז, נאָכגע־גאַנגען דעם ריטם פונעם קאָנסום. פון דאַנען האָט זיך דאָס גענומען די דאָזיקע אידייע וועגן נ ע מ ע ן פ ו נ ע ם ה ו י פ ן, וועלכע איז אַריין אין דער מאָדע. און ווען אַפילו ס'איז אמת, אַז דאָס איז דער איינפאַכסטער אופן צו באַנעמען דעם קאָמוניזם און דער צוגעפּאַסטסטער צו געפעלן דעם המון, איז ער אויך דער פּרימיטיוועסטער און דער אמת'ערסטן ווירקלעך אוטאָפּישער.

און ווען מ'האָט געלאָזט מערקן, אַז די דאָזיקע אָנזאַמלונג פון פּראָדוקטן קאָן נישט עקזיסטירן, ווייל די אייגנטימער לאָזן נאָרמאַלערווייז פּראָדוצירן נאָר דאָס, וואָס זיי קאָנען פאַרקויפן מיט ריווח און אַז מ'וועט אפשר אין די ערשטע צייטן פון דער רעוואָלוציע דאַרפן אָרגאַניזירן דעם פאַרטייל און דאַרפן איינפירן די אינטענסיווע פּראָדוקציע גיכער ווי סטימולירן דאָס נעמען פון הויפן, וועל־כער עקזיסטירט פאַקטיש נישט, ס'איז נישטאָ קיין עודף, האָט ער זיך גענומען שטודירן דירעקט דאָס פּראָבלעם און איז געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, אַז קיין איבערפלוס איז נישט פאַראַן און אַז אין געוויסע לענדער איז מען שטענדיק געשטאַנען אונטער דער סכנה פון הונגער. אָבער ער האָט זיך באַ־רויִקט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן פון דער דורך דער וויסנשאַפט געשטיצטער אַגריקולטור. ער האָט גענומען ווי אַ משל די רע־זולטאַטן, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן דורך אייניקע אַגריקולטאָרן און אייניקע געלערנטע אגראָנאָמען אויף באַשרענקטע ערטער און ער האָט פון זיי ארויס־געצויגן די דערמוטיקנדיקסטע קאָנסעקווענצן, נישט רעכנענדיק זיך מיט די שטרויכלונגען, וואָס עס האָבן ארויסגעשטעלט קעגן די אומוויסנקייט און דער רוטינערער גייסט פון די פויערן און די צייט, וואָס וואָלט אין יעדן פאַל, נויטיק געווען צו פאַראַלגעמיינערן די נייע אופנים פון קולטיוו און פון פאַרטייל.

קראָפּאָטקין האָט ווי תמיד געזען די זאַכן אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין און ווי מיר אַלע דערוואַרטן און האָפן, אַז זיי וועלן ווען עס

איז זיין. ער האָט אָנגענומען פאַר עקזיסטירנדיק און ווי תיכף פאַרווירקלעכבאַר דאָס, וואָס דאַרף דערגרייכט ווערן דורך לאַנגע און פיינלעכע אָנשטרענגונגען.

:: :: ::

קראָפּאָטקין האָט באַנומען די נאַטור אַזוי ווי אַ מין השגחה, אַדאַנק וועל־כער די האַרמאָניע האָט געדאַרפט הערשן אין אַלץ, איינשליסלעך אין די מענטש־לעכע געזעלשאַפטן.

דאָס איז עס טאַקע, וואָס האָט גורם געווען, אַז אַ סך אַנאַרכיסטן זאָלן איבערחזרן די דאָזיקע פראַזע מיט אַזאַ פּערפעקט קראָפּאָטקיניאַנישן ריח: „די אַנאַרכיע איז די נאַטירלעכע אָרדענונג".

וואָלט מען געקאָנט פרעגן: אויב ס'איז אמת, אַז דאָס געזעץ פון דער נאַטור איז די האַרמאָניע, ווי קומט עס וואָס זי האָט געוואַרט, אַז ס'זאָלן קומען אויף דער וועלט די אַנאַרכיסטן און זי וואַרט נאָך, אַז זיי זאָלן זיגן, כדי צו צעשטערן די גרויזאַמע און טויטלעכע אומהאַרמאָנישקייטן, פון וועלכע די מענטשן האָבן שטענדיק געליטן?

וואָלט מען דען נישט געווען פיל נענטער צום אמת, ווען מען זאָל זאָגן, אַז די אַנאַרכיע איז דער קאַמף אין די מענטשלעכע געזעלשאַפטן קעגן די אומהאַר־מאָנישקייטן פון דער נאַטור?

:: :: ::

איך האָב זיך צודרינגלעך אָפּגעשטעלט אויף די צוויי טעותן, אין וועלכע ס'איז, לויט מיין מיינונג, אַריינגעפאַלן קראָפּאָטקין: זיין טעאָרעטישער פאַטאַ־ליזם און זיין איבערגעטריבענער אָפּטימיזם, ווייל איך מיין צו האָבן פעסטגע־שטעלט די שלעכטע ווירקונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אין אונזער באַוועגונג.

געווען חברים, וועלכע האָבן גענומען ערנסט די פאַטאַליסטישע טעאָריע (וועלכע רופט זיך אָן מיטן שיינעם נאָמען דעטערמיניזם), און זיי האָבן צוליב דעם פאַרלוירן יעדן רעוואָלוציאָנערן גייסט. די רעוואָלוציע מאַכט מען נישט, זאָגן זיי, זי וועט שוין אין איר צייט אַליין קומען, אָבער ס'איז אומנוצלעך, אַנטיוויסנשאַפטלעך און אַפילו לעכערלעך זי צו וועלן מאַכן. און מיט די דאָזיקע גוטע אַרגומענטן האָבן זיי זיך אָפּגעזונדערט און זיך פאַרנומען מיט זייערע איי־גענע ענינים. אָבער מ'וואָלט געהאַט אַ טעות אויב מ'וואָלט געמיינט, אַז דאָס איז געווען פאַר אַלע אַ באַקוועמער תירוץ זיך צו דערווייטערן. איך האָב געקענט אַ סך חברים מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, גרייטע אויפצונעמען יעדע סכנה, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער פּאָזיציע, זייער פרייהייט און אַפילו זייער לעבן אין נאָמען פון דער אַנאַרכיע, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען איבערצייגט מכוח דער אומנוצלעכקייט פון זייער טעטיקייט. זיי האָבן עס געטאָן

צוליב עקל צו דער געזעלשאפט, צוליב נקמה, אויס פארצווייפלונג, צוליב ליבע צום שיינעם זשעסט, כאָטש זיי האָבן צוליב דעם נישט געגלויבט, אַז זיי דינען דעם אידעאל פון דער רעוואָלוציע, און במילא נישט אויסקלויבנדיק נישט דעם ציל און נישט דעם מאָמענט און נישט טראַכטנדיק צו קאָאָרדינירן זייער אַקציע מיט דער אַקציע פון די איבעריקע.

און פון דער אַנדערער זייט: די יעניקע, וועלכע האָבן געוואָלט אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע און זיך נישט אינטערעסירט מיט דער פילאָזאָפיע האָבן גענומען דעם ענין פיל לייכטער ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט; זיי האָבן נישט פאַר־אויסגעזען די שוועריקייטן, זיי האָבן זיך נישט צוגעגרייט ווי דאָס איז נויטיק געווען און זיי זענען געווען אימפּאָטענט אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען ס'איז אפשר געווען די מעגלעכקייט אויפצוטון עפּעס פּראַקטישעס.

זאָלן די טעותן פון דער פאַרגאַנגענהייט דינען ווי לעקציעס דורכצופירן די זאַכן בעסער אין דער צוקונפט.

:: :: ::

איך האָב געענדיקט.

איך מיין נישט, אַז מיין קריטיק איז ביכולת צו פאַרקלענערן קראָפּאָטקינען, וועלכער בלייבט ווי איינער פון די ריינסטע גלאָריעס פון אונזער באַוועגונג.

אויב די דאָזיקע קריטיק איז אַ גערעכטע, וועט זי דינען צו באַווייזן, אַז קיין שום מענטש איז נישט פריי פון פעלערן, נישט אפילו דעמאָלט, ווען ער באַזיצט די העכסטע אינטעליגענץ און דאָס העלדישע האַרץ פון אַ קראָפּאָטקין.

ווי אַזוי ס'זאָל נישט זיין וועלן די אַנאַרכיסטן אין זיינע שריפטן שטענדיק געפינען אַן אוצר פון פרוכפּעריקע געדאַנקען און אין זיין לעבן — אַ ביישפּיל און אַן אָנרעג אין זייער קאַמף פאַרן גוטס.

ג. מאַקסימאָוו

# קראָפּאָטקין און דער סינדיקאַליזם

קראָפּאָטקינס טיפע און פילקאנטיקע נאטור, וואָס איז געווען באשאָנקען מיט א שארפן שכל, האָט אריינגעבראַכט פיל ווערטפולעס אין דער שאצקאמער פון די מענטשלעכע דערגרייכונגען.

מען דאַרף געדענקען אז קראָפּאָטקין איז געוואָרן וועלט־באַרימט נישט נאָר ווי א רעוואָלוציאָנער־אנארכיסט, נאָר אויך אלס וויסנשאפטסמאן אלס רעוואָלוציאָנער אין דער וויסנשאַפט. נאָך אלס רעלאטיוו־יונגער מענטש, רייזנדיק איבער סי־ביר, שטודירנדיק די פינלענדישע אָזערעס, האָט ער אריינגעטראָגן א היפּשן אוצר אין דער געאָגראפיע און געאָלאָגיע; דערנאָך, זיך ווייטער אָפּגעבנדיק מיט די נאטור־וויסנשאפטן, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם דארוויניזם אויף א ריכטיק־וויסנשאפט־לעכן באָדן, צוגעבנדיק אים דאָס דורך אים אַנטדעקטע און אומבאַשטרייטבארע געזעץ פון ק ע ג נ ז יי ט י ק ע ר ה ל י ף, וואָס איז אויך, ווי דאָס געזעץ פונעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, און אפילו אין נאָך א גרעסערער מאָס, איינער פון די עיקר־פאַקטאָרן פונעם פּראָגרעס און פון דער פּראָגרעסיווער עוואָלוציע. די דאָזיקע אַנטדעקונג, וואָס ברענגט מיט זיך א טיפע רעוואָלוציע נישט נאָר אין דער נאַטורוויסנשאפט, נאָר אויך אין די אַנדערע סאָציאַלע וויסנשאפטן, איז דער גרעס־טער דענקמאָל, וואָס פּ. א. קראָפּאָטקין האָט געלאָזט נאָך זיך.

אָנווענדנדיק דעם נאַטורוויסנשאפטלעכן מעטאָד, דעם אינדוקטיוון מעטאָד, צו די ראַציאָנעלע וויסנשאפטן, האָט קראָפּאָטקין אויך אויף דעם געביט דורכגעלייגט נייע וועגן, און אָנגעצייכנט נייע לייזונגען צו די פראגן, מיט וועלכע ס'באשעפטיקן זיך די סאָציאַלע וויסנשאפטן. מיר נעמען למשל די געשיכטע („די גרויסע פראנ־צויזישע רעוואָלוציע") צו מיר נעמען די פּאָליטישע עקאָנאָמיע („פעלדער פאבריקן און ווערקשטאַטן"), אָדער די פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע („עטיק", „די מאָדערנע וויסנשאפט און דער אַנאַרכיזם"), עפענען זיך פאַר אונדז נייע וועגן, נייע און אומ־ענדלעכע ווייטקייטן; דערהאָבענע, נאָר וואָס דערשיטערן נישט אונדזער שכל מיט מיסטיציזם, וואָס שטויסט צו דער מעטאַפיזיק... אַלץ איז קלאָר און דורכזיכטיק, ווי

דער בלויער פרילינגס־הימל; אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט דער וואַרימקייט פון דער זון...

אָן ספק, קראָפּאָטקינס באַדייטונג אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט איז גרויס, אָבער איצט האָבן מיר נישט בדעה זיך צו פאַרנעמען מיט דער אָפּשאַצונג פון אָט־דער באַדייטונג, מיר ווילן דאָ באַטראַכטן קראָפּאָטקינס באַציאונג צו דער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל זיך גערופן „פעדעראַליסטישע". צום סוף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט און אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט — „רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם". און איצט הייסט זי „אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם".

:: :: ::

אין זיין ערשטער רייזע קיין אויסלאַנד (1872) האָט קראָפּאָטקין זיך אָנגעשלאָסן אין דעם באַקוניניסטישן פליגל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. צוריקקומענדיק קיין רוסלאַנד איז ער פעסט צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און נאָך אַ קורצער איבערלעגונג פאַרלאָזט די וויסנשאַפטלעכע קאַריערע און זיך אינגאַנצן געווידמעט דער רעוואָלוציע („זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער"). די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען און דער רוסישערווירקלעכקייט זיינען געווען אַזעלכע, אַז וועגן אַ לעגאַלער טעטיקייט האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. און די אומשטענדן פון דעם שרעקלעכן צאַרישן דעספּאָטיזם האָט די אַרבעט פון די דעמאָלסטיקע רעוואָלוציאָנערן געמוזט אָננעמען אַן אונטערערדישן גרופּן־כאַראַקטער, און אָרגאַניזאַציאָנעל האָט זי געמוזט זיין אַ צושטויבטע אין גרופּעס און אין קרייזלעך, וועלכע זיינען ווייט נישט שטענדיק געווען גענוג גוט פאַרבונדן צווישן זיך. חוץ דעם דעספּאָטיזם, האָט צו אַזאַ כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אויך מיטגעהאָלפן די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון רוסלאַנד און, אַלס רעזולטאַט פון אָט דער אָפּגעשטאַנענקייט איז נישט געווען קיין פאַבריק און ערד־אַרבעטער פּראָלעטאַריאַט. אַ דאַנק אָט די סיבות איז דער עיקר־באָדן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע הויפּטזעכלעך געווען דאָס פּויערטום. נאָר דאָס פּויערטום, אַ דאַנק די זעלבע סיבות, האָט נישט געקענט פאַראייניקט ווערן ווי אַ קלאַס, ס'האָט דעמאָלט אפילו קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן שאַפן אַן אָרגאַניזירטע קלאַסן־באַוואוסטזיניקע באַוועגונג פון די פּויערים. די רוסישע ווירקלעכקייט האָט דיקטירט באַזונדערע מעטאָדן פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף; קראָפּאָטקין האָט נישט געקאָנט נישט ווערן דורכגעדרונגען פון דער קרייזן־פּסיכאָלאָגיע פון דער דעמאָלטיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע האָט אים באַווירקט גענוג שטאַרק. און ווען ער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, האָט זי אים אינגאַנצן באַהערשט.

די קאָנספּיראַטיווע און קרייזן־פּסיכאָלאָגיע, דער פּראָדוקט פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, איז בא קראָפּאָטקינען אין אויסלאַנד נישט צורינען געוואָרן. פאַרקערט, זי איז גאָר געוואָרן פעסטער. דערצו האָבן מיטגעווירקט די פּאָליטישע אומשטענדן אויף מערב, באַזונדערס אין פראַנקרייך. די סיבה איז די, וואָס נאָכן דורכפאַל פון דער קאָמונע, האָט אין פראַנקרייך געהערשט אַ שטאַרקע רעאַקציע: די

נאָר־וואָס צעבליטע, אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען דערשלאָגן, דער אינטערנאַ־ציאָנאַל איז אין פראַנקרייך דערקלערט געוואָרן אַלס אומגעזעצלעכע אָרגאַניזאַציע און איז גרויזאַם פאַרפאָלגט געוואָרן. צו דעם אַלעמען איז דער אינטערנאַציאָנאַל צוליב סיבות, וואָס זיינען, טיילווייז, געלעגן אין אים גופא, שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ווען קראָפּאָטקין איז געקומען קיין פראַנקרייך (1876), איז ער שוין געווען אין א טרויעריקן צושטאַנד און אין דריי יאָר אַרום איז ער אויסגעגאַנגען. אויפן אונטערגרונט פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער רעאַקציע און צופאַלונג פון דער מאַסן־אַרבעטער־באַוועגונג וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַנאַרכיסטישע טענדענצן, איז אויפגעגאַנגען מיט א העלער שיין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער שטערן. ווי א מעסיקע צווייג פונעם סאָציאַליזם, אַלס פּאַרטיי פון פּאָליטישער רעפאָרם און אָפּאָרטוניזם — איז דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע געלונגען זיך צוצופּאַסן צו די אומשטענדן, וואָס זיינען געוואָרן אומגינסטיק פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָ־ציאַליזם און, באַהערשנדיק ביסלעכווייז דעם פּראָלעטאַריאַט, האָט זי אַרויסגע־שטופּט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, פאַרקלענערנדיק זייער איינפלוס אויף די אַרבעטער־מאַסן ביז מינימום. שטויסנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט אויפן וועג פונעם לעגאַלן פּאָליטישן קאַמף, אויפן וועג פון פּאַרלאַמענטאַרישע רעפאָרמען, האָט זי דערמיט אליין אַרויסגערופן מצד די פון איר אַרויסגעשטויסענע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אַן אומגעזונטע רעאַקציע, וואָס האָט זיי אָפּגעשטופּט פון די באַקו־ניניסטישע פּרינציפּן, — פון די פּרינציפּן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויס־געאַרבעט, — די פּרינציפּן פון רעוואָלוצאָנערער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג. לויט וועלכע די איצטיקע אַרבעטער־פאַראיינען וואָס פּילן איצט אויס קאַמפּס־אויפגאַ־בעס, זיינען די קעמערלעך פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, אָדער, ווי באַקונין האָט געזאָגט: „זיי זיינען די ווערטפולע עמבריאָנען פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט".

די אַלע אומשטענדן האָבן געפּירט דערצו, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָפּ־געשלאָסן אין אידעאָלאָגישע גרופּעס, זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעטער מאַסן־באַוועגונג; א סך האָבן אָנגעהויבן אָפּלייקענען דעם קלאַסנקאַמף, און, אויפן אָרט פון דעם קאַמף צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט און אינעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי אָנגעהויבן פירן דעם קאַמף זעלבסטשטענדיק, מיט די כוחות פון זייערע קליינע שוואַך־אָרגאַניזירטע גרופּעס, וואָס זיינען געוואָרן די איינציקע ספערע פון זייער טעטיקייט.

:: :: ::

ס'איז קלאָר, אַז אַזא צושטאַנד האָט געמוזט פירן צו דעם אָפּנויג אויפן געביט פון טעאָריע. א דאַנק דער אָפּגעריסנקייט פון די מאַסן, א דאַנק דער פּריווויליקער איזאָ־לאַציע פונעם רעאַלן לעבן, האָט זיך באַוויזן א טעאָריע וועגן דער ראָל פונעם יחיד אין דער געשיכטע, וואָס אונטערשיידט זיך שאַרף פון מ. א. באַקונינס טעאָריע. אין דער צייט וואָס באַקונין האָט געגעבן די גרעסטע באַדייטונג דער נאָמענלאָזער מאַסע און דעם קאָלעקטיוו, און דעם יחיד צוגעטיילט א באַשיידן אָרט, — האָט מען

אין די גרופּעס איבערגעקערט די דאָזיקע טעאָריע מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף. די העלדן, די העלדישקייטן און די אינדיווידועלע אַקטן האָט מען אַרויס־געשטעלט אויפן ערשטן פּלאַן*). פון דאַנען איז געווען נישט ווייט צום לאָגישן שלוס, צו וועלכן זיי זיינען געקומען, אַז די העלדישע אָנשטרענגונג פון אַ יחיד, וואָס איז מקריב זיין פרייהייט און לעבן, קאָן אויפוועקן די דרימלענדיקע געזעל־שאַפט און מיטשלעפּן דעם פּראָלעטאַריאַט אויפן וועג פון דעם אַנטשלאָסענעם קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער באַפרייאונג, אָדער, אין לעצטן פאַל, אָנשרעקן די הערשנדיקע קלאַסן, און דערמיט צוימען זייער עקספּלאָטאַטאָרישן און אונטערדריקע־רישן חשק. דער יחיד, אַ שטויבעלע פון דער מענטשהייט, איז אַרויס אין קאַמף מיטן שטאַט און קאַפּיטאַליזם. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגלייכער קאַמף, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין הוילן טעראָריזם, וואָס האָט אָפט פאַרנעפּלט דעם עיקר־ציל פונעם אַנאַרכיזם. אין די ניינציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער קאַמף אָנגענומען אַ ברייטן פאַרנעם אין פראַנקרייך. ס'איז אַנטשטאַ־נען די עפּאָכע פון דינאַמיט, וואָס האָט נאָך מער דערווייטערט די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פון די אַנאַרכיסטן און פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. די פּראָנ־צויזישע דינאַמיט־טעטיקייט האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג; באַזונדערס האָט די דאָזיקע טע־טיקייט געפירט צום „מאָטיוולאָזן־טעראָר" אין 1905־7, וואָס באַלאַנגט שוין, צום גליק, צום עבר.

וועלכע איז געווען קראָפּאָטקינס באַציאונג צום פּראָצעס פון אַריבערדוקן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג פון די פּאָזיציעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל אויף דער זייט פון דער גרופּן־טעטיקייט? האָט ער געהאָלפן צו אָט־דעם אָפּנויג מיט אַלע זיינע לאָגישע קאָנסעקווענצן, אָדער ער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אָפּנויג? איז ער געשוואומען מיטן שטראָם, וואָס האָט צוגעטראָגן די אַנאַרכיסטן צום ברעג פון דער העלדישקייט אין דער געשיכטע, אָדער ער איז געשוואומען קעגן דעם שטראָם, בלייבנדיק געטריי דער תורה פון דעם אינטערנאַציאָנאַל?

:: :: ::

דער איבערגאַנג פון דער מערב־אייראָפּעאישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג צו דער גרופּן־טעטיקייט האָט אַנטשפּראָכן דער שטימונג פון דעם רוסישן אונטערער־דישן רעוואָלוציאָנער, און קראָפּאָטקין האָט אין דעם נישט געזען קיין שום שלעכטס, פאַרקערט, ער האָט, ווי עס שיינט, געהאַלטן פאַר נויטיק דורכצומאַכן אַזאַ גרופּן־פּעריאָד, ווייל ער האָט געדענקט, אַז איידער זיי גייען באַניים איבער צו דער מאַסן־אַרבעט, דאַרפן די אַנאַרכיסטן „אויסאַרבעטן זייערע אידעאַלן און צילן": אַז די אַנאַרכיסטן דאַרפן זיך „אויספאָרמען, אַלס מענטשן, וואָס זיינען באַגייסטערט דורך דעם געמיינשאַפטלעכן ציל און זיינען אייניק אין אַלגעמיינע שטריכן בנוגע די טע־

*) „אצינד דארף אין דער רעוואלוציאנערער טעטיקייט, ווי אין דער ארבעט, דער קאלעק־טיוו פארבייטן דעם יחיד". מיכאאיל באקונין, „אויסדערוויילטע ווערק". 5טער באנד, ארויסגעגעבן „גאלאס טרודא", אין 1922.

טיקייטס־אופנים". און דערויף זיינען די גרופּעס געווען א צוגעפּאסטע לאבאראַטאַריע. קראָפּאָטקין האָט נישט פאַראויסגעזען, אז אין די דאָזיקע אידעאישע לאַבאָראַטאָריעס, וועט די כעמיע פאַרנעמען אן אַנגעזעען אָרט.

קראָפּאָטקין איז געווען אַ מיטגליד פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און נאָך זיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד האָט ער געאַרבעט אין דער יוראַ'ר פעדעראַציע, מיטגעאַרבעט אין זיין „ביולעטין" וואָס זשעמס גיליאָם האָט רעדאַגירט, און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג ביז זיין אַרעסט אין פראַנקרייך, ביז דעצעמבער פון 1882. אין די דאָזיקע יאָרן האָט קראָפּאָטקין זיך געווידמעט דער וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג פון די אידעען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע און פון מ. באַקונינס אידעען. אין די דאָזיקע אַרטיקלען, האָט קראָפּאָטקין געמאַכט דעם שאַרפסטן קריטישן אַנאַליז פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה־אָרדענונג און דערוויזן די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז קראָפּאָטקין פעסט געשטאַנען אויף דער זייט פונעם קלאַסנקאַמף און איז פאַרבליבן געטריי די אידעען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט געגלויבט אז „נאָר אין דעם טאָג, ווען דער אַרבעטער און דער פּויער וועלן גיין האַנט אין האַנט אויף צו אויסקעמפן גלייכהייט פאַר אַלע, וועט די רעוואָלוציע זיגן און ברענגען גליק דער גאַנצער מענטשהייט, סיי אין דעם אָרימען פּויערישן שטיבל, סיי אין די שטאָטישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן"*).

:: :: ::

אין 1886 האָט מען קראָפּאָטקינען באַפרייט פאַר דער צייט, פון דער טורמע אין קלערוואָ און פאַרטריבן פון פראַנקרייך. קראָפּאָטקין האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד און דאָרט געוואוינט ביז 1917. אין דער געצוואונגענער צוריקגעצויגנקייט אין ענגלאַנד האָט קראָפּאָטקין אָנגעשריבן אַ רייע אַרטיקלען פאַר „לע רעוואָלט", וואָס זשאַן גראַוו האָט אַרויסגעגעבן. די דאָזיקע אַרטיקלען האָט מען דערנאָך אַרויסגעגעבן אין אַ בוך מיטן נאָמען „ברויט און פרייהייט". אין דעם בוך האָט קראָפּאָטקין געפּרוּווט אָנוואַרפן דאָס בילד פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט אויף אַנאַרכיסטישע יסודות. דער בוך איז דערשינען אין 1892. און מיט זיין דערשיינען און אינהאַלט איז ער געווען אַ לעבעדיקער פּראַטעסט קעגן דער טעאָריע פון העלדן אין דער געשיכטע. אין אָט דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט האָט קראָפּאָטקין נישט־נאָר נישט פאַרקלענערט די ראָל פון די אַרבעטער־פאַראיינען, נאָר אויף אַלערליי אופנים אונטערגעשטראָכן זייער באַדייטונג ביים איבערבויען די געזעלשאַפט. אָבער ביי קראָפּאָטקינען איז דער אויסזען פון דער נייער געזעלשאַפט אַרויסגעקומען אַביסל אַנדערש, ווי ס'האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט באַקונין און די טוער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. באַקונין האָט זיך פאָרגעשטעלט די נייע געזעל־

*) „די רוסישע רעוואָלוציע און דער אַנאַרכיזם", פאַרטראַג, וואָס קראָפּאָטקין האָט געלייענט אויפן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין 1906.

שאַפט נישט אַנדערש, ווי אַ אינטערנאַציאָנאַל פון פּראָדוצירנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס שליסן איין די אַסאָציאַציעס פון ערד־אַרבעטער און קאָפּ־אַרבעטער, ד. ה. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט טראָגט אַ סינדיקאַלן כאַראַקטער[1]), בעת אין „ברויט און פרייהייט" האַלט קראָפּאָטקין פון דעם קאָמונאַליסטישן טיפּ פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע[2]). נאָר שפּעטער, ווי מיר זעען, איז קראָפּאָטקין נישט באַשטאַנען דווקא אויף אָט דער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע און געווען געניגט צו אַן אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט פון סינדיקאַלן טיפּ. אָבער נישט צום ענגן סינדיקאַלן טיפּ, וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטעלט אייניקע רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעטיילט פון דער מאַרקסיסטישער מעטאַפיזיק, נאָר צו דעם טיפּ אָרגאַניזאַציע, וואָס עס האָבן געפּרעדיקט באַקונין און דער אַנאַרכיסטישער צווייג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, און וועלכן ס'שטעלן איצט אַרויס די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן.

שפּעטער האָט קראָפּאָטקין זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט און נישט גענומען אַזאַ שטאַרקן אָנטייל אין דער באַוועגונג, ווי פריער; די האַרץ־אַטאַקע וואָס ער האָט באַקומען אין 1901 האָט אים נאָך מער דערווייטערט פון דער אַקטיווער אַרבעט אין דער באַוועגונג. איידער ער איז קראַנק געוואָרן האָט קראָפּאָטקין נאָך געקאָנט צענויפפּאָרן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מיט דער אַרבעט אין דער באַוועגונג און ביז 1901 האָט ער אָנגעשריבן נישט ווייניק אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט גערופן און געשטויסן די באַוועגונג אויפן וועג פון אַ ברייטער מאַסן־אַרבעט און אַנטוויקלט די אידעען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אינעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכן ער איז פאַרבליבן געטריי ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן[3]). און ס'איז ניט זיין שולד, וואָס אַ סך אַנאַרכיסטן האָבן אויפגענומען זיין אַרבעט וועגן „קעגנזייטיקער הילף" ווי אַ מאַניפעסט קעגן דעם קלאַסנקאַמף. דאָ איז מיט קראָפּאָטקינען געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט דאַרווינען, וועמענס אָנהענגער האָבן געמאַכט דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פאַר אַ טעטיקייטס־פּראָגראַם.

1) „א ערנסטע צווישנפעלקערלעכע ארגאניזאציע פון די ארבעטער־פאראיינען פון אלע לענדער איז בכוח צו פארבייטן אט־די אוועקגייענדיקע פאליטישע וועלט פון שטאט און בורזשואזיע". מיכאיל באקונין, „אויסדערוויילטע ווערק", ארויסגעגעבן פון דער צייטונג „גאלאס טרודא", אין פעטראגראד 1920. בכלל זיינען אלע באקונינס ווערק דורכגעדרונגען מיט סינדיקאליסטישע אידעען.

2) אין זיין פאררעדע צו ע. פאטא און ע. פושעס בוך „ווי אזוי מירן מאכן די רעוואלוציע" (ארויסגעגעבן פון „גאלאס טרודא" אין 1920 אין פעטראגראד, רופט קראפאטקין גופא אן די סטרוקטור פון דער נייער געזעלשאפט קאמונאליסטישע: „איך האב געפרואווט — שרייבט קראפאטקין — אויסמאלן אינעם בוך „ברויט און פרייהייט" א קאמונאלע אוטאפיע".

3) ביז איצט זיינען דער רוב לייענער באקאנט הויפטזעכלעך, נאר מיט קראפאטקינס ווערק וואו ער וויקלט אויס און באגרינדעט וויסנשאפטלעך די פילאזאפיע פון דעם אנארכיזם און קאמוניזם, אדער אין וועלכע, ווי ער שרייבט אין „מעמוארן פון א רעוואלוציאנער". ער בויט דעם אנארכיזם „מיט די זעלבע מעטאדן, וואס ווערן אנגעווענדט אין די נאטורוויסנשאפטן". און זייער ווייניק זיינען באקאנט מיט זיינע ארטיקלען, וואס זיינען געווידמעט דער ארבעטער באוועגונג און איר פילאזאפיע, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין א סך פראנצויזישע, ענגלישע און רוסישע אנארכיסטישע זשורנאלן און צייטונגען.

„אויב אין דער נאַטור, און אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט עקזיסטירט דאָס געזעץ פון קעגנזייטיקע הילף, הייסט דאָס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. ס׳איז נישטאָ קיין קלאַסנקאַמף, און דערום איז דער אַנאַרכיזם — אַ נישט־קלאַסן לערע, ער אַנערקענט נישט דעם קלאַסנקאַמף און האָט מיט אים נישט קיין געמיינשאַפטלעכעס: דער קלאַסנקאַמף איז — מאַרקסיזם״.

פאַרשטייט זיך, אַז קראָפּאָטקין האָט מיט די דאָזיקע זיינע „נאָכפאָלגער״ קיין שום געמיינשאַפטלעכעס נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן. פונדעסטוועגן האָט זיך ביי אַ סך געשאַפן דער איינדרוק, אַז קראָפּאָטקין לייקנט אָפּ דעם קלאַסנקאַמף. אָבער אין דער אמתן האָט קראָפּאָטקין די גאַנצע טאַקטיק פונעם אַנאַרכיזם געבויט אויסשליסלעך אויפן באָדן פון דעם קלאַסנקאַמף, אליין גענומען אַן אים אַן אַקטיוון אָנטייל, ווי אַ מיטגליד פונעם אינטערנאַציאָנאַל, און גערופן צו אים יעדן, ווער ס׳האָט אויפריכטיק געגלויבט אין דער נויטיקייט צו איבערבויען די געזעלשאַפט דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. און דאָס האָט ער געטאָן שטענדיק וואו און ווען ער האָט נאָר געהאַט אפילו די מינדעסטע געלעגנהייט. דערפאַר האָט קראָפּאָטקין נישט באַדאַרפט ענדערן זיין מיינונג און אָט די פראַגן, ווייל ער האָט זי נישט געענדערט במשך פון זיין גאַנצן לעבן, פון באַראַדינען (קראָפּאָטקינס פּסעוודאָנים), וואָס האָט געטאָן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער, ביזן דימיטראָווער פּרוש.

:: :: ::

ראוואשאָלס עפּאָכע, די „ערא פון דעם דינאַמיט״ האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַ גע׳יונטע רעאַקציע אין דער פראַנצויזישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אַזעלכע טוער ווי פּעלוטיע האָבן איינגעזען די גאַנצע באַדנלאָזיקייט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין יענער צייט, און געווענדט זייער אויפמערקזאַמקייט צו דער סינדיקאַלער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די אַרבעטער. פּעלוטיע האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און דעם פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, און אַרויסגערופן אַ גאַנץ רייע נאָכטוער, וועלכע זיינען נאָכגעגאַנגען אין זיינע טריט. אַ דאַנק זייער אַרבעט האָט די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן דורכגעדרונגען מיט די אידעען, וואָס האָבן בשעתו באַגייסטערט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. סוף 1900 איז די באַוועגונג געווען כמעט אינגאַנצן אויסגעפורמט און אויפן קאָנגרעס אין אַמיען (1906), איז אָנגענומען געוואָרן די פּלאַטפאָרם פון דער נייער באַוועגונג. די אַמיענער כאַרטיע און די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ באַשטימטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פיזיאָנאָמיע. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גערופן רעוואָלוציאָנער־סינדיקאַליסטישע, אָדער, ווי די שטאַטס־סאָציאַליסן האָבן איר אַ נאָמען געגעבן מיט חוזק, אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע, האָט געהאַט אַ שנעלן און רוישיקן דערפאָלג נישט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אויסער אירע גרענעצן. נאַטירלעך, אַז די וויכטיקע געשעעניש אין דער אַרבעטער־וועלט האָט נישט געקאָנט נישט רופן אויף זיך פּ. קראָפּאָטקינס אויפמערקזאַמקייט. און קראָפּאָטקין האָט

מיט אויסערגעוועהנליכן אינטערעס נאכגעפאלגט איר אנטוויקלונג, מיטגעפילט און מיטגעהאלפן.

ווען נאך דער דורכגעפאלענער מלחמה מיט יאפאן האט אין רוסלאנד אויסגעבראכן די רעוואלוציע, אין וועלכער דער אויף־גייך זיך ארגאניזירטער פראלעטאריאט האט געוויזן זיין מאכט און די קראפט פון זיין רעוואלוציאנערן געווער — דער גענעראל־שטרייק — האט פ. קראפאטקין אויפן ענערגישסטן אופן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אזעלכע מענטשן ווי פערדינאנד פעלוטיע, און מיט דער גאנצער קלארקייט ארויסגעזאגט זיין קוק אויף דער פראפעסיאנעלער באוועגונג, אויף איר ראל און באדייטונג אינעם מאמענט פון דעם צוגרייטונגס־קאמף פון דער רעוואלוציע, און „אויף מארגן נאך דער רעוואלוציע". אויף דער רוסישער שפראך האט קראפאטקין צום ערשטן מאל ארויסגעזאגט זיין קוק אויף די פראפעסיאנעלע פאראיינען אין דעם ארטיקל: „דער רוסישער ארבעטער פאראיין"*). אינעם דאזיקן ארטיקל האט ער אנגעצייכנט די יסודות און אויפגאבן פון דער רוסישער ארבעטער־באוועגונג און פעסטגעשטעלט דעם שטאנדפונקט, לויט וועלכן די אנארכיסטן דארפן זיך אריענטירן, ארבעטנדיק אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

„די סאציאל־דעמאקראטן — שרייבט קראפאטקין — ווילן דערהאבערן די מאכט, און זיי האפן אויפן פראלעטאריאט; מיר ווילן פארכאפן די פראדוקציע־מיטלען און די פאראנענע רייכטימער פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, און האפן, אויף וועמען? אויף די איינציקע מענטשן, וועלכע קאנען דאס טאן — אויף די ארבעטער גופא. אין דער סאציאל־דעמאקראטישער סכעמע פארנעמט זיך די מלוכה מיט דער ארגאניזירונג פון דער פראדוקציע „אויף מארגן נאך דער רעוואלוציע", און ווער טוט דאס ביי אונדז? די גרופעס ארבעטער פראדוצירער, וואס זיינען באשעפטיקט, צוליב פראקטישע טעמים אין איין און דער זעלבער אינדוסטריע, מיט אנדערע ווערטער — די פראפעסיאנעלע פאראיינען. די דאזיקע גרופעס, וואס זיינען בארופן צו ווערן אין דער צוקונפט פראדוצירנדיקע האבן פאר אונדז די זעלבע לעבנס-באדייטונג, ווי דער פארלאמענט פאר די סאציאלדעמאקראטן. זייער גייסט, אידעען און שטימונג איז פאר אונדז דאס, וואס דער גייסט און צוזאמענשטעל פון דער צוקונפטיקער סאציאליסטישער רעגירונג איז פאר די סאציאל-דעמאקראטן.

אבער די פראפעסיאנעלע פאראיינען פארדינען אונדזער אויפמערקזאמקייט נישט נאר אלס צוקונפטיקע ארגאניזאטארס: — זיי האבן פאר אונדז א צווייטן, נישט קלענערן אינטערעס אין דעם היינט, אלס ארבעטער־סביבה.

:: :: ::

אויף דער בעראטונג פון די רוסישע אנארכיסטן־קאמוניסטן אין לאנדאן אין אקטאבער פון 1906, האט קראפאטקין געהאלטן צוויי פארטראגן: „די פאליטישע און עקאנאמישע רעוואלוציע" און „אונדזער באציאונג צו די פויערישע און ארבעטער פאראיינען", אין וועלכע ער האט ווייטער אנטוויקלט די מיינונגען וואס ער

*) אינעם זאמלבוך „ברויט און פרייהייט", ארויסגעגעבן אין פעטערבורג.

האט ארויסגעזאָגט אין דעם ארטיקל „דער רוסישער ארבעטער פאראיין”.

די „דינאמיט־ערא”, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט געהאַט אַ פּאַרדאַרבנ־דיקע ווירקונג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, און באַזונדערס אויף דער רוסישער, אויף וועלכער די ווירקונג פון דער דאָזיקער „ערא” האָט זיך ארויסגעוויזן אין 1905־7 אין דער פאָרם פון דעם „מאָטיוולאָזן טעראָר” און פּריוואַטע עקספּראָפּריאַציעס.

קראָפּאָטקין האָט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, געקעמפט קעגן אַט־דער ווירקונג אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, און ער איז אַרויס אין קאַמף אויך מיט די רוסישע ראַוואַשאָלס און, נאָך מער, ער האָט אויך פאַראורטיילט דעם „גרופּיזם” וואָס האָט געשטויסן די אנארכיסטן „זיך צו קאָכן אין זייער איי־גענעם זאַפט”.

זיך צוקוקנדיק צו דעם, וואָס די אנארכיסטן האָבן ביז איצט געטאָן אין רוס־לאַנד — זאָגט קראָפּאָטקין — מוזן מיר אַנערקענען, אַז אונדזערע חברים האָבן כמעט נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע באַדייטונג פון דער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן פאַר זיך.

„אַ סך פּערזענלעכע העלדישקייט איז ארויסגעוויזן געוואָרן אין די צוויי יאָר, נאָר געטאָן האָט מען עס אַזוי ווי־גלייך מיר וואָלטן געדענקט„ אַז ס'איז גענוג פאַר איינצלנע פּערזאָנען צו דערקלערן דרייסט אַ מלחמה דער אַלטער אָרדענונג, באַ־גייען עטלעכע טעראָריסטישע אקטן און צונעמען געלט ביי די רייכע, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אויפהויבן, תיכף אומוואַרפן דעם אַלטן רעזשים און צוטרעטן צו דער קאָ־מוניסטישער עקספּראָפּריאַציע פון די רייכטימער. אָבער די זאַך פון דער רעוואָ־לוציע איז נישט אַזוי איינפאַך. אָן דעם פאָלק, אָן די מאַסן קאָן נישט זיין קיין רע־וואָלוציע. נאָר די מאַסן — אפילע ווען די העלדישע מעשים צווינגען זיי זיך צו פאַרטראַכטן — הויבן זיך פאָרט נישט אויף אויב מען האָט צווישן זיי נישט דורכ־געפירט קיין ערנסטע פאַרלויפיקע אַגיטאַציע־אַרבעט*). און קראָפּאָטקין האָט גע־רופן צו גיין אין די מאַסן, אין דער גערדיכטער פּויערים־מאַסע. ער האָט גערופן פון דערשטיקנדיקער גרופּן־אַטמאָספערע צום ברייטן רוים פון דער אַרבעטער־פּויערישער וועלט, און די טעטיקייט צווישן די מאַסן געמאַכט פאַר אַ חוב פון די אַנאַרכיסטן.

„די צייט פון טעאָרעטישע חקירות אין קליינינקע גרופּעס איז שוין אַוועק. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אונדזערע אידעאַלן און צילן; מיר האָב זיך אויסגעפורעמט, אַלס מענטשן באַגייסטערטע פון אַ געמיינזאַמען ציל און אייניק, אין אַלגעמיינע שטריכן, בנוגע די טעטיקייטס אופנים. אָבער דאָס לעבן גייט פאָראויס און פאָדערט פון אונדז מער, אַ סך מער אפילו ווי איינציקע אקטן פון העלדישקייט אינעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם און זיינע פאַרטיידיקער אין דער רעגירונג. עס פאָדערט פון אונדז אַן אַקטיווע ארייננמישונג אינעם לעבן פון די אַרבעטער און פּויערים־מאַסן.

*) „די רוסישע רעוואָלוציע און דער אנארכיזם”. פּאַרטראַגן, וואָס זיינען געליינט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר פון די אנארכיסטן־קאָמוניסטן אין אָקטאָבער 1906. ארויסגעגעבן אַלס בראָשור אונטער קראָפּאָטקינס רעדאַקציע אין לאָנדאָן 1907.

„דער חוב פון די אנארכיסטן איז — צו זיין צווישן די ארבעטער און נישט לאָזן די פּאָליטישע פּארטייען עקספּלאַטירן די ארבעטער־באַוועגונג לטובת א פּאַרלאַמענ־טאַרישע בההדרגהדיקייט. זיי שטייט פאַר דורכצופירן אין דער ארבעטער־סביבה דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, כדי פון די פויערשע און ארבעטער פאַראייניגן שאַפן א קראַפט, וואָס זאָל אַליין קאָנען אָנהויבן, אין דער פּראַקטיק און אויפן אָרט, די פּלאַנ־מעסיקע מאַסן־עקספּראָפּריאַציע".

ווען מען זאָל געווען אויפכאַפּן אַט דעם רוח, ווען די אַנארכיסטן פון דער ערשטער רעוואָלוציע זאָלן געווען זיך צוהערן צו קראָפּאָטקינס קול, וואָלט אפשר — ווער ווייסט? — דער אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע פון 1917 געווען א גאַנץ אַנדערער. יעדנפאַלס, וואָלט די סאָציאַליסטישע פאַר־פינסטערניש היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און אפשר וואָלט זי גאָר אין גאַנצן נישט דערלאָזט געוואָרן. נאָר ווען מען נעמט אראָפּ דעם קאָפּ, וויינט מען נישט נאָך די האָר. אין דער צוקונפט דאַרף מען זיך באַמיען, נישט איבערחזרן די אַלטע חטאים און געדענקען, אַז ביים ערשטן פּרואוו צו אָרגאַניזירן די קומענדיקע אָרדענונג — זאָל דאָס זיין אין די דערפער, צווישן די פויערים, וואָס האָבן איינגעפירט די קאָ־מונע — ווען די אַרבעט פון אָרגאַניזירן דאָס קאָמוניסטיש לעבן און די פּראָדוקציע אויף געמיינשאַפטלעכע יסודות אומבאַדינגט אויספאַלן אויפן חלק פון די ארבע־טער-פאַראייניגן, וועלכע נאָר זיי אַליין קאָנען אויף זיך נעמען די גוואַלדיקע אויפ־גאַבע צו איבערבויען די פּראָדוקציע אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעל־שאַפט"*).

:: :: ::

אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז די פאַראייניקונג פון די ארבעטער לויט די פאַכן (איצט לויט דער אינדוסטריע) איז דער עמבריאָן פון די נייע פאָרמען פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, אַז פאַר־אייניקטע אינעם אינטערנאַציאָנאַל, דאַרפן זיי פאַרבייטן די אוועקגייענדיקע מלו־כהשע און קאַפּיטאַליסטישע וועלט. מיט באַקונינס טויט, און מיט דער צעפאַלונג פון דער אנארכיסטישער צווייג פונעם אינטערנאַציאָנאַל, איז די דאָזיקע אידעע פאַרשטומט געוואָרן. זי איז באַנייעט דערשינען מיט דער אַנטוויקלונג פונעם רע־וואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, און איז געוואָרן איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. א סך אנארכיסטן, פאַרסמטע פון דעם גרופּיזם און אינדיווידועלער קעמ־פערישקייט, און נישט זייענדיק באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער עפּאָכע פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן געשאַפן א טעאָריע פון א באַציאונג צו די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך נישט געפּאָרט מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, מיטן אנארכיסטישן גרונט־געדאַנק. זיי האָבן אים פאַרוואָרפן אלס נישט־אנארכיסטישע און זיך פאַרוויילט מיט היימיש-געבאַקענע אידעען פון א מוסטער־קאָמונע, אָרגאַניזירט ערגעץ אין א פאַרבאָרגענער שטאָט מיינענדיק, אַז דער

*) קראָפּאָטקין: „אונדזער באַציאונג צו די ארבעטער און פויערים פאַראיינען".

ביישפּיל ווען ארויסרופן נאָכמאכונג, און אומעטום וועלן אנטשטיין קאָמונעס, אָן דער אָרגאַניזירטער הילף פונעם פּראָלעטאַריאַט; פאַר דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף, אָבער, איז דורכויס גענוג דער אוממאָטיווירטער און עקאָנאָמישער טעראָר און פּאַ־דערט נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף ארויסרופן אַ שטרייק, און ווען מען האָט אים שוין ארויסגערופן דאַרפמען דראָען דעם קאַפּיטאַ־ליסט מיט אַ באָמבע, מיט אַ רעוואָלווער, אויב ער גיט נישט נאָך, און די דאָזיקע דראָאונג דאַרפן די אַנאַרכיסטן, אַלס פּאַרטיידיקער פונעם אַרבעטער־קלאַס, דערפילן.

אַזוי למשל, האָבן זיי אין ביאַליסטאָק (פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע) זיך אַזוי גוט פּאַרעקאָמענדירט אין דער אינזיכט, אַז די אַרבעטער פלעגן זוכן די אַנאַר־כיסטן, וועלכע זאָלן מיט איין קלאַפּ געווינען פאַר זיי דעם שטרייק, און די אַנאַר־כיסטן פלעגן דאָס טאָן. וואָס־זשע איז ארויסגעקומען? ארויסגעקומען איז אָט־וואָס: די אַרבעטער האָבן אין די באָמבעס געזען, אויסשליסלעך, די אריינמישונג פון אַ דריטער פּערזאָן — די אַנאַרכיסטישע גרופּע — וואָס אַרבעט אין זייערע אינטע־רעסן, און רואיק געוואַרט אויף די רעזולטאַטן. אַליין נישט אַ קלאַפּ־טוענדיק אַ פינ־גער אין אַ פינגער. „אויפן אָרט פון צו זיין דער אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג, זיינען די אַנאַרכיסטן אַ דאַנק די אומשטענדן, געוואָרן די איינציקע ווירקנדיקע פּערזאָן*). נאַטירלעך האָט אַזאַ רעוואָלוציאָנערע „וואָוילטעטיקייט" נישט געקענט געבן קיין רעזולטאַטן. מענטשן זיינען אומגעקומען און זייערע אידעען זיינען אפילו נישט דערגאַנגען צו די מאַסן, און די מאַסן גופא זיינען פאַרבליבן אַ נישט־אָרגאַ־ניזירטע טשערעדע שאָף, וועמען די קאַפּיטאַליסטן האָבן ווייטער געשוירן אומגע־שטערט.

זעענדיק דאָס אַלץ, האָט קראָפּאָטקין הויך אויפגעהויבן די פאָן פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַל און גערופן די אַנאַרכיסטן זיך צו פאַראייניקן אונטער אָט־דער פאָן. ער האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן ביי די אַנאַרכיסטן אַ ריכטיקן קוק אויף די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען — אַ קוק וואָס איז געווען דער יסוד פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרברידערונג; אַ קוק, — וואָס עס האָט דעמאָלט אָנגענומען דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער און האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

„די אַנאַרכיסטן — האָט קראָפּאָטקין געזאָגט צו די דעלעגאַטן אויף דער לאָנ־דאָנער באַראַטונג — קוקן אויף די אַרבעטער־פאַראיינען, ווי אויף דער צעל פון דער קונפטיקער סאָציאַלער אָרדע־נונג, און ווי אויף אַ מעכטיקן מיטל אויף צוגרייטן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע איבערקערע־ניש, וואָס זאָל זיך נישט באַגנוגן בלויז מיט טוישן די פאַרוואַלטונג, נאָר זאָל אויך ענדערן

---

*) די רוסישע רעוואָלוציע און דער אַנאַרכיזם. קראָפּאָטקינס רעפעראַטן אויפן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן אין אָקטאָבער פון 1906. דערשינען אונטער קראָפּאָטקינס רעדאַקציע, לאָנדאָן 1907. זע קראָפּאָטקינס רעפעראַט „די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעוואָלוציע".

די היינטיקע פארמען פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן, ד. ה. די פארטיילונג פון די געשאפענע רייכטימער און די פראָדוציר־מיטלען". ער האט פארגעלייגט די אנארכיסטן א פראַקטישע טעטיקייטס־פראגראם, וואס איז איצט דער יסוד פון דער אנארכא־סינדיקאליסטישער פראגראם, און וועלכע א סך, זייער א סך אנארכיסטן, שווערנדיק ביי קראפאטקינס און באקונינס נעמען, באטראכטן אפילו איצט אלס נישט־אנארכיסטישע און אנטי־קראפאטקי־נישע.

„די ערד — די גאנצע ערד — דעם פאלק, דעם וועלכער באארבעט זי אליין. נישט אין פערזענלעכן באזיץ, ווי דאס האבן געטאן די בורזשואזע פארלאמענטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, — נאר אין באזיץ פון דער געמיינדע. און די ארבעט פון צעטיילן די ערד איבערגעבן נישט אין די הענט פון דעם מיניסטעריום פאר מלוכה־אייגנטום, נאר אין די הענט פון די געמיינדעס גופא. און די געמיינדע פאראייניגן.

„די פאבריקן, קוילן־מינעס, אייזנבאנען — נישט דעם ארבעטס־מיניסטעריום, נאר גופא די ארבעטער, וועלכע ארבעטן דארט, ארגאניזירטע אין פרייע פאראיינען.

„די פאסט און פאסט־פארבינדונגען — נישט דעם פאסט־דירעקטאר, נאר די וועלכע פירן דורך רעאל, אינדערעמתן, די גאנצע פאסט־ארבעט אויף די ערטער.

„די פאלקס־בילדונג — נישט דעם בילדונגס־מיניסטעריום, נאר גופא דעם פאלק, די פויערים און ארבעטער, די איינוואוינער גופא, ארגאניזירטע צו דעם צוועק אין בילדונגס־פאראיינען".

„און אזוי אין אלע פראגן, און יעדער איינער פון זיי, דארפן מיר גיין מיטן פאלק און צוזאמען מיט אים קעמפן קעגן די צענטראליזירנדיקע יאקאבינישע שטרע־בונגען פון דער בורזשואזיע און די סאציאל־טעארעטיקער"*).

פון די דאזיקע קראפאטקינס מיינונגען איז קלאר צו זען דעם צוזאמענהאנג אין וועלכן קראפאטקין האט אוועקגעשטעלט דעם אנארכיזם און דעם סינדיקאליזם. און די דאזיקע מיינונגען זיינען נישט קיין צופעליקע, נישט קיין נעבן־געדאנקען פון זיין לערע, זיי זיינען איינע פון די גרונטשטיינער, אויף וועלכע קראפאטקין האט געבויט זיין לערע וועגן אנארכיזם און קאמוניזם. די דאזיקע אידעען פארנעמען דעם אויבנאן אין אלע קראפאטקינס פאליטיש־עקאנאמישע און סאציאלאגישע ווערק. אין ווען אפילו זיי וואלטן נישט פארנומען אזא ארט, ווען זיי זאלן אפילו נאר געווען ארויסגעזאגט געווארן אין די דריי נישט גרויסע ארטיקלען: „דער רוסישער ארבע־טער פאראיין", „די פאליטישע און עקאנאמישע רעוואלוציע" און „אונדזער באַ־ציאונג צו די פויערישע און ארבעטער פאראיינען", וואלט מען אויך דאן באדארפט באטראכטן די דאזיקע אידעען, אלס איינע פון די וויכטיקסטע און פונדאמענטאלע אין פ. א. קראפאטקינס לערע, ווייל זיי זיינען ארויסגעזאגט געווארן אין איינעם פון די מאמע פאראנטווארטלעכסטע מאמענטן, און זיי האבן געצילט צו אנציי־בענען די ריכטליניעס פון די אנארכיסטן אין דער רעוואלוציע; דאס זיינען נישט

*) פ. קראפאטקין: „אונדזער באציאונג צו די ארבעטער און פויערים־פאראיינען".

בלויז געדאנקען פון איין מענטשן, נאר די פראגראם פון א באשטימטן צווייג פונעם סאציאליזם, וואס מען האט רעקאמענדירט צו דורכפירן אין לעבן, און איז געווען אן ענטפער אויף דער ברענענדיקער פראגע: וואס דארף מען טאן? און ווי אזוי גרייט מען צו די סאציאלע רעוואלוציע?*).

נאר קראפאטקין האט זיך נישט באגנוגנט בלויז מיט די דאזיקע ארטיקלען. פון דער צייט אן האט ער אומדערמידלעך נאכגעפאלגט די אנטוויקלונג פון דעם אזוי גערופענעם רעוואלוציאנערן סינדיקאליזם און אינדוסטריאליזם, און א סך געשריבן וועגן אט-דער באוועגונג און וועגן די באציאונגען צו איר פון די אנארכיסטן אין „ליסטקי כליעב אי וואליא". אין 'Les Temps Nouveaux'' (אין א פאלע־מיק מיט לאגווארדעלן), און אין א רייע אנדערע אנארכיסטישע און סינדיקאליס־טישע פעריאדישע אויסגאבעס. אין 1909 שרייבט ער א פאררעדע צו ק. ארגיעניס קליינעם, נאר אויסגעצייכנטן בוך: „ווי אזוי און פון וואס ס'האט זיך אנטוויקלט דער רעוואלוציאנערער סינדיקאליזם". אין אנהויב 1911 — א פאררעדע צום בוך פון די פראנצויזישע סינדיקאליסטן־אנארכיסטן פאטא און פושע: „ווי אזוי מירן מאכן די רעוואלוציע". צו דער דאזיקער סינדיקאליסטישער „אוטאפיע" האט קרא־פאטקין זיך באצויגן זייער סימפאטיש און נישט־קוקנדיק דערויף, וואס צווישן זיין אייגענער „קאמונאלער אוטאפיע" (דער בוך „ברויט און פרייהייט") און פאטא־פושעס „סינדיקאלער אויטאפיע", איז פאראן א גרויסער חילוק, נישט־קוקנדיק דערויף, וואס די מחברים, לויט קראפאטקינס ווערטער, „מאלן נאך ניט די אנארכיע" האט ער גאנץ אנטשלאסן רעקאמענדירט דעם דאזיקן בוך. אין 9 יאר ארום האט קראפאטקין אנגעשריבן א נייע פאררעדע צו דער רוסישער אויסגאבע פון אט־דעם בוך, אין וועלכער ער האט נאכאמאל, און מיט מער אנטשלאסנקייט, אונטערגע־שטראכן זיין סימפאטיע צום סינדיקאליזם. אין 1912 שרייבט קראפאטקין דאס ארטיקל־בראשור: „סינדיקאליזם און אנארכיזם", וואו ער גיט אן ענטפער אויף דער פראגע „וואס איז אזוינס דער סינדיקאליזם" און וועלכע איז זיין באציאונג צום אנארכיזם"? אין דעם ארטיקל דערקלערט קראפאטקין קאטעגאריש, געבנדיק א קורצע אפהאנדלונג וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון די רעוואלוציאנערע סינדיאליסטישע אידעען, אז „דאס איז די איינציקע באוועגונג, וואס וועט אנווייזן די דענקענדיקע מענטשן דעם אויסוועג פון דעם טעמפן ווינקל, אין וועלכן אונדזער

---

*) אין „ווערטער פון א רעוואלוציאנער" האט קראפאטקין אין 1919 צוגעשריבן א באמערקונג. באווירקט פון דער דערפארונג פון דער רוסישער רעוואלוציע. די דאזיקע באמערקונג איז כדאי דא איבערצוגעבן, ווייל זי באפעסטיקט שטארק מיין מיינונג.

„אויף וויפל ס'איז נויטיק, כדי אויפבויען די אקארשט געשאפענע ארגאניזאציע, דווקא די ארטיקע קרעפטן, דווקא זער קאלעקטיווער שכל פון די לאקאלע פראפעסיאנעלע טוער אויף אלע געביטן, און אויף וויפל די צענטראלע רעגירונג קאן זיי ניט פארבאטן, איבערצייגן מיר זיך איצט אויגנשיינלעך אין אלע געביטן פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער פראקטיק פון דער רוסישער רעוואלוציע".

דור איז אַרײַנגעפֿירט געוואָרן דורך דער מאָדערנער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַ־ליזם".

ריידנדיק וועגן די גרונט-אידעען, וואָס אינספּירירן דעם רעוואָלוציאָנערן סינ־דיקאַליזם, פֿאַרענדיקט קראָפּאָטקין זײַן אַרטיקל מיט גרויס באַגייסטערונג: „אָט די אידעען זײַנען נישט פֿון אונדז אויסגעטראַכט; זיי זײַנען פֿון קיינעם נישט אויס־געטראַכט. דאָס לעבן גופא האָט זיי דיקטירט דער ציוויליזאַציע פֿונעם 19טן יאָר־הונדערט, און איצט איז אונדזער חוב זיי צו פֿאַרווירקלעכן. מיר שטאָלצירן דער־מיט וואָס מיר האָבן פֿאַרשטאַנען די דאָזיקע אידעען, — מיר האָבן זיי פּאַרטיי־דיקט אין יענע פֿינצטערע יאָרן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיקער און פֿאַלשע פֿילאָזאָפֿן האָבן זיי געטראָטן מיט די פֿיס, — מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס מיר זײַנען זיי פֿאַרבליבן געטריי איצט, פּונקט ווי דעמאָלט".

:: :: ::

די יאָרן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע (1917-21) האָבן דעפֿיניטיוו איבער־צייגט קראָפּאָטקינען אין דער ריכטיקייט פֿון די אויבן־דערמאָנטע אידעען. און ער האָט זיך גענייגט צו דער פּראַקטיע פֿונעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, וועלכע איז אין רוסלאַנד געגאַנגען אונטער דער פֿאָן פֿון דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם ד. ה. צו דער ריכטונג, וואָס האָט, אין היפּוך צו דעם מערב־אייראָפּעאישן סינדיקאַליזם און אַנאַרכיזם אַנערקענט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם איז אַ פּראַקטישע אידעע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אינעם אינטערנאַציאָנאַל און באַקונין האָט זי אַנט־וויקלט, ד. ה. דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם איז דער פּראַקטישער טייל פֿון באַקונינס טעאָריע פֿונעם אַנאַרכיזם, וואָס קאָן נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן אָן די פּראָדוצירנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דאָס שלוס-וואָרט צו „ווערטער פֿון אַ רעוואָלוציאָנער", וואָס קראָפּאָטקין האָט אָנגעשריבן אין 1919, קאָן דינען, אַלס באַשטעטיקונג צו מײַן באַהויפּטונג. דאָס דאָזיקע שלוס-וואָרט איז, בכלל גערעדט, אַ זייער וויכטיקער דאָקומענט צום ריכטיקן פֿאַרשטיין קראָפּאָטקינס סאָציאַל־פּאָלי־טישע מיינונגען, דאָס איז דער סך הכל און ענדגילטיקע פֿאָרמולירונג פֿון די אי־דעען, וואָס זײַנען דער רעזולטאַט פֿון באַאָבאַכטן און שטודירן דאָס געזעלשאַפֿט־לעך לעבן אין דעם פּעריאָד פֿון זינט ער האָט אָנגעשריבן „ווערטער פֿון אַ רעוואָ־לוציאָנער", ביז 1919. דאָס דאַרף זײַן די פּריזמע, דורך וועלכע מיר דאַרפֿן באַ־טראַכטן אַלע קראָפּאָטקינס שריפֿטן; דאָס איז דער שליסל צום פֿאַרשטיין קראָפּאָט־קינס לערע וועגן דעם אַנאַרכיזם און קאָמוניזם.

אין אָט־דעם שלוסוואָרט קערט קראָפּאָטקין זיך באַנײַעס אום צו פּאַטאָ און פּוזשעס בוך און דערקלערט, אַז ער איז נישט מסכים מיט זיי נאָר „אין אייניקע פּרטים". נאָכמער, ער רעדט שוין דאָ נישט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון קליינע קאָ־מונעס אויפֿן גרונט פֿון אַ פֿרייוויליקן אָפּמאַך, ווי ער פֿלעגט דאָס טאָן פֿריער. פֿאַרקערט, איצט בויט ער אויפֿן ריין-סינדיקאַליסטישן געדאַנק: „מיר דאַרפֿן אַלע פֿאַרשטיין — שרײַבט קראָפּאָטקין — אַז ווי־נאָר ס'וועט זיך אָנהייבן די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג אין לאַנד באַשטייט דער איינציקער שׂכלדיקער אויסגאַנג אין

דעם, אז די פאבריק־ארבעטער, די פויערים און אלע בירגער ז אָ ל ן א ל יי ן, פון אָנהויב אָן נעמען אין זייערע הענט די גאנצע פאָלקס־ווירטשאפט, אליין זי אָרגאניזירן און ריכטן זייערע אָנשטרענגונגען צום ש נ ע ל ן פארגרעסערן די גאנצע פּראָדוקציע*).

ווייטער שרייבט ער, ביי וועלכע תנאים קאָנען די אַרבעטער באַגרייפן דעם מוז צו פארגרעסערן די פּראָדוקציע. די דאָזיקע תנאים זיינען, לויט קראָפּאָטקינען, די פאָרמען פון אָרגאַניזירן און פארוואלטן די פּראָדוקציע. וועגן דעם שרייבט ער אזוי, ווי עס דארף שרייבן יעדער אַנאַרכיסט־סינדיקאַליסט.

„זיך איבערצייגן אין אָט־דער נויטווענדיקייט — זאָגט קראָפּאָטקין — קאָנען זיי (די ארבעטער. — ג. מ.) נאָר דאַן, ווען אַלע אַלגעמיינע זאָרגן וועגן דער פאָלקס־ווירטשאפט, וואָס ליגן איצט אין די הענט, לויט דער אלטער געוואוינהייט, פון אַ גאַנצער כאָפּטע פון אַלערליי מיניסטאָרן און קאָמיטעטן, וועלן פארגעשטעלט ווערן, אין א פשוטער פאָרם, פאר יעדער פאבריק און זאוואָד, אלס אייגענע זאך און וועלן איבערגעגעבן ווערן צו זייער אייגענער פארוואַלטונג".

אינעם זעלבן יאָר (1919), נאָר מיט עטלעכע חדשים פריער, אין דער פאָררעדע צום בוך „ברויט און פרייהייט", קערט זיך קראָפּאָטקין ווידער אום צו פאטאָ און פּוזשעס אויבנדערמאָנטן בוך און זאָגט גאנץ קלאָר, אַז אַ צוויטע מעגלעכע לייזונג צו דער פראגע, א ביסל אַן אַנדערע ווי די, וואָס ער האָט געגעבן אין זיין בוך, נאָר „א ו י ך א ן א נ א ר כ י ס ט י ש ע, האָט אָנגעוויזן אונדזער חבר, דער סינדי־קאַליסט פּוזשע, אינעם בוך „ווי אזוי מירן מאַכן די רעוואָלוציע".

באקונין, נאָכן דורכפאַל פון דער פאַריזער קאָמונע, זיך דערווייטערנדיק פון דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און זיך געזעגענענדיק מיט זיינע חברים, די יורא'ר אַרבעטער, האָט באַדויערט, וואָס די עלטער און קראַנקהייטן דערלויבן אים נישט זיך צושטעלן באגלייך מיט זיי צום ווארשטאט, און צוזאמען מיט זיי, אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, פאַרזעצן די זאך, וואָס דער אינטערנאציאָנאַל האָט אָנ־געהויבן. א האלב יאָר פאַר זיין טויט, האָט קראָפּאָטקין ארויסגעזאָגט דעם זעלבן פארלאַנג אין א בריוו צו אטאבעקיאנען, אין וועלכן ער האָט אונטערגעשטראָכן זיין טיפן הארצנס־גלויבן אין דער סינדיקאַלער באוועגונג פון דעם ארבעטער־קלאס. אָט־די מערקווירדיקע ווערטער זיינען אַ צוואה און אַ נבואה.

„איך גלויב שטאַרק אין דער צוקונפט, איך גלויב אין דעם, אַז די סינדיקאַלע באוועגונג, ד. ה. די באוועגונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, וואָס האָט נישט לאנג צוריק אויף איר קאָנגרעס פאַרזאַמלט די פארטרעטער פון 20 מיליאָן ארבע־טער, וועט אין משך פון די נעקסטע 50 יאָר אַרויסטרעטן אלס א גרויסע קראַפט, כדי זיך נעמען צום בויען די קאָמוניסטישע, שטאַטלאָזע געזעלשאפט. און ווען איך זאָל זיין אין פראַנקרייך, וואו ס'געפינט זיך איצט דער צענטער פון דער פּראָפעסיאָ־נעלער באוועגונג, און כ'זאָל האָבן מער כוח, וואָלט איך זיך אריינגעוואָרפן מיט

*) „ווערטער פון א רעוואָלוציאָנער", ארויסגעגעבן פון „גלאַס טרנדא" 1921.

לייב און לעבן אין דער דאָזיקער באַוועגונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל (ניט פון דעם צווייטן און נישט פונעם דריטן, וואָס זיינען די אוזורפּאַציע פון דער אידעע פונעם ארבעטער אינטערנאַציאָנאַל לטובת איין פּאַרטיי: דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, וועלכע באַשטייט אויף דער העלפט בכלל נישט פון ארבעטער).

„איך גלויב טיף אין דעם. נאָר איך פיל, אַז כדי ארייננבלאָזן לעבעדיקע קראַפט אין די ביידע באַוועגונגען (סינדיקאַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווויסטישע — ג. מ.), אויספורמען, אויסארבעטן און באַגרינדן זיי, העלפן זיי זיך פאַרוואַנדלען פון אַן אינסטרומענט פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונג אין א מעכטיקן אינסטרומענט צו איבערבויען די געזעלשאַפט אויף קאָמוניסטישע יסודות, דערויף מוז מען האָבן איינגערע כוחות ווי מיינע, און באַזונדערס — די מיטארבעטשאַפט פון די ארבעטער און פּויערים. אַזעלכע קרעפטן וועלן זיך געפינען, זיי זיינען שוין דאָ, סיי אין דער, סיי אין דער צווייטער באַוועגונג, כאָטש זיי באַגרייפן נאָך נישט די צוקונפט, וואָס עס שטייט זיי פאָר. זיי האָבן זיך נאָך נישט פונאַנדערגעקליבן אין איר, זיך נישט דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל".

א סך פון די אַזוי גערופענע ריינע אנארכיסטן וואָלטן זיך געמעגט פאַרטראַכטן וועגן די דאָזיקע ווערטער, בפרט די ארבעטער אנארכיסטן... דער ארבעטער דאַרף זיך אינטערעסירן מיט דער באַפרייאונג פון זיין גאַנצן קלאַס, און דער ארכימעדישער שטיצפונקט פון דער דאָזיקער באַפרייאונג ליגט אין דער ארבעטער־פאַראייניקונג. און דער ארבעטער, צוליב זיין לאַגע, דאַרף אָפּשאַצן און פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער אינדוסטריעלער, סינדיקאַלער באַוועגונג פאַרן היינט, און פאַרן מאָרגן בעסער ווי באַקונין און קראָפּאָטקין. נאָר אויב ער באַגרייפט דאָס נאָך נישט „איז ער, אָדער אומבאַוואוסטזיניק, אָדער אראָפּגעפירט פון וועג דורך א וועלכער ס'נישט איז, מעגלעך שיינער, נאָר שעדלעכער פאַר די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן בורזשואַזער טעאָריע".

איינגאַנצן א חודש פאַר זיין טויט, האָט קראָפּאָטקין אין א בריוו צו אלעקסאַנדער שאַפּיראָ, באַפעסטיקט דעם אויבן־געבראַכטן געדאַנק. איבערשיקנדיק אים צוויי בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון אומבאַקאַנטע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געפרעגט „וואָס דאַרפן מיר טאָן? — האָט קראָפּאָטקין געשריבן:

„ווערסטו אפשר קאָנען, אָדער עמיצער אַנדערש פון די חברים, ריכטן די דאָזיקע יוגנט? דער אנארכאָ־סינדיקאַליסטישער וועג וואָלט אוודאי געוויזן דער סאַמע פאַסיקסטער, אויב דאָס זיינען ערנסטע מענטשן".

די דאָזיקע קראָפּאָטקינס בריוו קאָן נישט איגנאָרירט ווערן פון די אנאַרכיסטישע פּראַקציעס אין זייער אינערלעכן ויכוח. די לאַנגיאָריקע רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג און די וויסנשאַפלעכע פאָרשונגען אויפן סאָציאָלאָגישן געביט האָבן אוועקגעשטעלט קראָפּאָטקינען אויף די פּאָזיציעס פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געהאָלפן באַפעסטיקן, און וועלכע מען קאָן אַנדערש נישט אָנרופן ווי נאָר אנארכאָ־סינדיקאַליסטישע.

:: :: ::

אין דער רעוואָלוציע פון 1917-21, האָב איך ארויסגעשטעלט דעם איבערגאַנגס פעריאָד פונעם קאַפּיטאַליזם אין שטאַט צום קאָמוניזם און אַנאַרכיזם, און אים אָנגערופן קאָמונאַל־סינדיקאַליסטישע סטאַדיע, אָן אָרדענונג, וואָס איך פאַרטיידיק אויך איצט. און זאָל מען נישט מיינען און זיך פאַרשטעלן, אַז דאָס איז דער פּראָדוקט פון מיין סינדיקאַליסטישער פאַנטאַזיע, מיין נייעס אינעם אַנאַרכיזם. איך האָב געזאָגט, איך האָב אָנגעוויזן, אַז דאָס פאַרווירקלעכן דעם קאָמוניזם זעט קראָפּאָטקין אין דער פאָרם, אַז די פּראָדוקציע זאָל איבערגיין אין דער פאַרוואַלטונג פון די פרייע פּראָדוציר־פאַראיינען, ד. ה., אין דער פאָרם פון סינדיקאַליזאַציע; פאַר קראָפּאָטקינען, הייסט עס, איז דער סינדיקאַליזם דאָס פּראַקטישע מיטל און גלייכצייטיק די קאָנקרעטע פאָרם פון דעם פרייען קאָמוניזם. נאָר, להיפּוך צו די באַגרעַנעצטע סינדיקאַליסטן, וואָס שטיקן זיך אינעם ריינעם עקאָנאָמיזם און לייקענען אָפּ די פּאָליטישע פאָרמען, באַהויפּטעט קראָפּאָטקין, אַז יעדער פאָרם פון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט דאַרף אומפאַרמיידלעך אַנטשפּרעכן אויך די נייע פּאָליטישע פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ פאָרם, לויט זיין מיינונג, איז די פרייע געמיינדע, די קאָמונע — (ס'קען זיין אַ קאָמוניסטישע גלייך פון אָנהויב, און אפשר נישט) — און אַ פעדעראַציע פון די דאָזיקע קאָמונען, ד. ה. קאָמונאַליזם. אַלזאָ, די פאַרווירקלעכונג פון דעם קאָמוניזם זעט קראָפּאָטקין אין דעם גוואַלטזאַמען פאַרבייטן דעם שטאַט און זיין צענטראַליזם אויף דער פרייער קאָמונע אין דער פעדעראַציע פון די דאָזיקע קאָמונעס: אויפן אָרט פון שטאַטלעכקייט( עטאַטיזם), ווערט ארויסגעשטעלט דער קאָמוניזם. אַזוי־אַרום מיינט קראָפּאָטקינס לערע וועגן קאָמוניזם און אַנאַרכיזם די סינדיקאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע, וואָס באַזירט אויפן קאָמוניסטישן פּרינציפּ, און די קאָמונאַליזאַציע פון דער מלוכה, וואָס באַזירט אויפן פעדעראַליסטישן פּרינציפּ.

דאָס איז, נעמלעך, די קאָמונאַל־סינדיקאַליסטישע אָרדענונג. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די אויסערלעכע פאָרם פון דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם; דאָס זיינען — רייידנדיק מיט קראָפּאָטקינס שפּראַך — די ערשטע שריט צו אים; דאָס איז — די פאָרם פון דעם נישט פונאַנדערגעוויקלטן אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם; די איבערגאַנגס־פאָרם, וואָס ענדערט איר אויסזען אינעם בוויאונגס־ פּראָצעס פון דעם אַנאַרכיסטישן ־קאָמוניזם אין איינקלאַנג מיט די רעאַלע באַדערפעניש פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער דאָזיקער פאַרענדערונג קאָנען מיר איצט נישט פעסטשטעלן, נאָר אירע ריכט־ליניעס זיינען פאַר אונדז קלאָר אויך איצט: — דאָס איז דער שטענדיקער וואוקס פון דער פרייהייט און די באַדינגונגען פון גלייכקייט און מאַטעריעלן וואוילשטאַנד.

דעם געדאַנק, וואָס איך פיר דאָ דורך, האָט קראָפּאָטקין אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע שורות:

„זיך פאַרשטעלנדיק אין געדאַנק די פרייע געמיינדעס (קאָמונעס — ג. מ.), דאָרפישע און שטאָטישע (ד. ה. ערדאַרבעטער־פאַראיינען פון מענטשן, וועלכע זיינען פאַרבונדן צווישן זיך דורכן וואוינאָרט), און די ברייט־פאַרצווייגטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (סינדיקאַטן — ג. מ.), און דערביי פלעכטן זיך ענג דורך צווי־

שן זיך די געמיינדעס און די פאך־פאראייניגן; — זיך פֿאַרשטעלנדיק אזא איינאָר־דענונג פון קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן די מענטשן, וואָלטן די אנארכיסטן זיך שוין געקאָנט שאפן א באשטימטע, קאָנקרעטע פאַרשטעלונג וועגן דעם, ווי אזוי ס׳קאָן אָרגאניזירט ווערן די געזעלשאפט, וואָס האָט זיך באפרייט פון דעם יאָך פון קאפיטאל און שטאט.

צו דעם וואָלט זיי נאָר געבליבן צוצוגעבן, אז באגלייך מיט די געמיינדעס און פראָפעסיאָנעלע פאראייניגן, וועלן דערשיינען אין די טויזנטער אומענדלעך־פאַר־שידנאַרטיקע געזעלשאפטן און פאראייניגן: דאָ פעסטע, דאָ קורצדויערנדיקע, וואָס אנטשטייען צווישן מענטשן צוליב דער ענלעכקייט פון זייערע פערזענלעכע נייגונגען... אָט־די דריי מינים פאראייניגן, וואָס באדעקן מיט א נעץ איינער דעם צווייטן, וואָלטן געגעבן א מעג־לעכקייט צו באפרידיקן אלע געזעלשאפטלעכע באדערפענישן" 1).

דאָס שטימט קראָפּאָטקינס לערע אינגאנצן מיט באקונינס לערע 2). ביידע גיבן זיי דאָ א מוסטער פון א מערקווירדיקער געדאַנקן־אייניקייט. באקונין האָט מיט א געניאלן פענדזל אנגעצייכנט די קאנטורן פון דעם מעטאָד און אופן צו פאַר־ווירקלעכן דעם אנארכיסטישן קאָמוניזם; קראָפּאָטקין האָט דאָס אנטוויקלט און אים געגעבן א וויסנשאפלעכע באגרינדונג, נאָר ער האָט נישט אוספייעט צו פאַר־אייניקן אין איין גאנצן דעם סינדיקאליזם מיטן קאָמוניזם; ער האָט נישט אוס־פייעט צו סינטעטיזירן די דאָזיקע עלעמענטן און וויסנשאפטלעך באגרינדן אָט־דעם סינטעז, וואָס גיט א קאָמונאל־סינדיקאלע טעאָריע דער אָרגאניזאציע פון דער אנארכאָ־קאָמוניסטישער געזעלשאפט. ער האָט אָנגעוואָרפן דעם פּלאן פון דעם בנין, צוגעגרייט דעם מאטעריאל פאַר אים, נאָר אים אויפשטעלן האָט ער נישט באוויזן. פאר אונדז בלייבט צו פאַרענדיקן די ארבעט.

דאָס איז פונק די ארבעט, וואָס דאַרף העלפן די אינדוסטריעלע, פּראָדוצירנ־דיקע פאראייניגן זיך צו פאַרוואנדלען פון א זעלבסט־שוץ־אינסטרומענט אין א מעכטיקן אינסטרומענט פאר א קאָמוניסטישער איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט, וואָס קראָפּאָטקין האָט, צוליב אלטקייט און פיזישער שוואכקייט, ארויפגעלייגט אויף דעם יונגן דור; די אויפגאבע פון דעם דאָזיקן דור איז, — צו פאַרענדיקן די אַר־בעט, די אַרבעט צו קאָנקרעטיזירן, אויספורמען און באגרינדן די קאָמונאל־סינדי־קאלע טעאָריע, וועלכע ווערנדיק דער יסוד פון דער סינדיקאלער באוועגונג, וועט זי איר געבן דעם כוח, וואָס עס פעלט איר איצט, כדי אויפן אָרט פון דעם אָפּגע־לעבטן קאפיטאליזם און שטאט, איינפירן דעם קאָמוניזם און אנארכיזם.

---

1) פּ. קראָפּאָטקין: „די מאָדערנע וויסנשאפט און דער אנארכיזם".

2) „די אָרגאניזאציע פון דער געזעלשאפט דורך פרייע פעדעראציעס. פון אונטן ארויף, פון די ארבעטער־פאראייניגן, סיי אינדוסטריעלע, סיי פון די עחדארבעטער, סיי וויסנשאפטלעכע, סיי פון די, וואָס ארבעטן אויפן געביט פון קונסט און ליטעראטור, צוערשט אין א קאָמונע, דערנאָך פון די ראיאָנען אין א נאציע, און די נאציעס אין א צווישנפעלקערלעכן ברידערלעכן פאַרבאַנד". מי־כאיל באקונין, „געקליבענע ווערק", הטער באנד „א בריוו צו מיינע איטאליענישע פריינט", זייטן 198־1977. ארויסגעגעבן פון „גאָלאָס טרודא", 1922.

מ. קאָרן

# פּיאָטר קראָפּאָטקין און די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג

„זאָגט מיר נישט: ער איז טויט — ער לעבט"...

שוין צען יאָר! *) צען יאָר, זינט ס'האָט אונדז געטראָפן דער דאָזיקער קלאַפּ, געטראָפן ווי א דונער: מיר האָבן דאָך געמיינט, אַז דאָס דאָזיקע לעבן קאָן נישט און טאָר זיך נישט ענדיקן. צופיל אוצרות פון שכל און נשמה זיינען אין דעם גע־ווען צוזאַמענגעשמאָלצן און וואָס מער ס'זיינען געפלאָסן די יאָרן, אַלץ פולער, ברייטער און פילזייטיקער איז עס געוואָרן. דאָס דאָזיקע לעבן האָט באַדאַרפט זיין אומענדלעך, ווי דער קאַמף גופא פון דער מענטשהייט פאַר א בעסערער צוקונפט...

ווייניק־וועך ס'האָט אָפּגעלעבט אַזאַ פול, רייך און האַרמאָניש לעבן. זיין א טועך אינעם רוסישן סאָציאַליזם און באַגינען פון דער באַוועגונג, אין איר בעסטער, אידעאַליסטישער צייט; אַריינטראָגן אין מערב־אייראָפּע די ליכטיקסטע שטריכן פון אָט־דער באַוועגונג, און דאָרט צענויפגיסנדיק זי מיט דעם אַלעמען, וואָס עס האָט געגעבן די אייראָפּעאישע אַרבעטער־באַוועגונג, אויך אין דער העראָאישער עפּאָ־כע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל; פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון א נייער ריכטונג אינעם סאָציאַליזם, — אַ ריכטונג, וועלכער ס'באַלאַנגט די גאַנצע צוקונפט פונעם סאָציאַליזם, וואָס דאָס זיינען איצט מודה אפילו אירע קעגנער; ווערן איינער פון די פאַקעלן פון דעם מענטשלעכן געדאַנק און פון דעם סאָציאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, דערלעבן די רעוואָלוציע, — און וואו? אין דער היים־געליבטער רוסלאַנד! זיך אומקערן און זען די דערוואַכונג פונעם פאָלק... אָבער אויך זען דאָס, ווי עס באַשטעטיקט זיך די מורא פאַר א פאַלשן וועג פון דער רעוואָלוציע און פונדעסט־וועגן פאַרענדיקן דאָס לעבן קוקנדיק פאָראויס, מיטן פולן גלויבן אין דער צוקונפט...

וואָס ווייטער, אַלץ מער וועלן מיר פילן אַז מיט אונדז איז מער נישטאָ קראָ־פּאָטקינס ליכטיקער שכל און ליכטיק געוויסן. באַזונדערס וועט מען דאָס דערפילן אין רוסלאַנד דעמאָלט, ווען ס'וועט זיין אַ וועלכע ס'נישט איז מעגלעכקייט פריי צו בויען דאָס נייע לעבן.

*) דאָס אַרטיקל איז געווען געשריבן צום צענטן יאָרצייט נאָך קראָפּאָטקינען.

קראָפּאָטקין — איז אַ גרויסע פיגור פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנעדער באוועגונג, נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען אַ רוס און זיין טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין רוסלאַנד — איז ווייט נישט אָן באַדייטונג. ער האָט באַלאַנגט צו דעם אויסדערוויילטן דור פון די זיבעציקער יאָרן, צו דער צאָל פון די מענטשן, „מיט הערצער פון גאָלד און שטאָל", וועלכע וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן די בעסטע, ריינסטע פּאָרטרעטער פון דעם סאָציאַליזם אויף דער וועלט. אַזעלכע עפּאָכן חזרן זיך נישט איבער, ווי עס חזרט זיך נישט איבער די יוגנט אינעם לעבן פון אַ מענטשן. מיטן גלויבן, מיט דער איבערגעגעבנקייט צום פאָלק מיט דעם זעלבסטמקריב זיין זיך פון די דאָזיקע פיאָנערן, די דאָזיקע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פּריווילעגיעס, כדי אוועקגעבן דעם פאָלק זייער גאַנץ לעבן, זייער גאַנצע נשמה—קאָן זיך קיין זאַך ניט פאַרגלייכן. קראָפּאָטקין איז געווען דער אָנגעזעענסטער פון זיי מיט זיין אוצר פון שכל, האַרץ און טאַלאַנט.*) און די אַלע העלע שטריכן האָט ער געבראַכט מיט זיך אין דער מערב-אייראָפּעאישער באוועגונג: די אומבאַגרענעצטע איבערגעבנקייט דער אַרבעטער־זאַך — נישט די, וואָס קומט פונעם קאָפּ, נאָר די איינגעזאַפּטע אינעם פלייש און בלוט, וואָס איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פונעם מענטשן, און דעם באַזונדערן דורשט פון פּערזענלעכער אויסגעהאַלטנקייט, די „סאָציאַליסטישע מאָראַל", מיט וועלכער ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די רוסישע טוער פון יענער צייט, און וואָס איז ביי קראָפּאָטקינען געוואָרן דער יסוד פון זיין גאַנצן לעבן. אינעם דאָזיקן לעבן איז נישט געווען קיין פלאַץ, נישט פאַר קיין פשרות, נישט פאַר קיין סתירות צווישן וואָרט און טאַט; און דערצו האָט קראָפּאָטקין זיך נישט באַדאַרפט אָנשטרענגען און נישט זיך ברעכן: דאָס איז אַרויסגעקומען נאַטירלעך פון זיין גאַנצן וועזן. אָט דערפאַר טאַקע האָט יעדער איינער פון אונדז, געפילט אויף זיך זיין באַזונדערע, דערהויבנדיקע ווירקונג. און די טוער פון אונדזער באוועגונג וועלן זיך דאַרפן שטאַרק אָנשטרענגען, אויף צו שאַפן אין זייער קרייז די מאָראַלע אַטמאָספערע, די אידעאישע אומ־ פראָמיסלעכקייט און פּערזענלעכע אויסגעהאַלטנקייט, וועלכע האָט זיך אַזוי לייכט און נאַטירלעך געשאַפן אַרום קראָפּאָטקינען. די באוועגונג שטעלט אויך אַ סך פראַגן, און ס'קומט איר אויס צו לייזן אַ סך מאָראַלישע קאָנפליקטן; קראָפּאָטקין פלעגט זיי לייזן שנעל, אינטואיטיוו — און דאָס לעבן האָט שטענדיק דערוויזן אַז ער איז געווען גערעכט.

:: :: ::

אין די ערשטע יאָרן, אפילו אינעם ערשטן יאָרצענדליק פון זיין פאַרברענגען אין מערב-אייראָפּע, איז קראָפּאָטקין געשטאַנען אין אַ זייט פון דער רוסישער

---

*) ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם „טשייקאָווסקי־קרייז און דער מחבר פון דער פּראָגראַם פון דעם קרייז מיטן נאָמען: „צי דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיט אָנצייכענען דעם אידעאַל פון דער קומענדיקער אָרדענונג". די דאָזיקע פּראָגראַם איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל „בילאָיע" אין 1921 און אין דעם זאַמל־בוך „לזכרון פון פּ. א. קראָפּאָטקין", וואָס דער קראָפּאָטקין־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אין 1921.

באוועגונג. די ווענדונג וואָס זי האָט אָנגענומען, איז אים נישט געווען סימפּאַטיש. אין דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", כאָטש ער האָט הויך געשעצט אירע קעמפער, און מיט אייניקע פון זיי האָט אים פאַרבונדן אַן ענגע, פּערזענלעכע פריינטשאַפט, זיינען אים געווען פרעמד איינקע שטריכן. ער האָט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו מאַכן די רעוואָלוציע *פאַר ן* *פאָלק*, *נאָר אָן* *דעם פאָלק*, וואָס איז געווען דער טרוים פון איין נאַראָדאָוואָליעץ־ענטוזיאַסט: „מירן אויסקעמפן פאַרן פאָלק די פרייהייט, איינע אַליין מיט *אונדזער* בלוט, און זאָל דאָס פאָלק פאַרבלייבן גאַנץ, זאָל עס ניט אומקומען אין קאַמף, כ'וועלן זיין גענוג אונדזערע קרבנות", — אָט דער טרוים האָט קראָפּאָטקינען אויסגעזען ווי אַ נאָבלע, נאָר אומרעאַליזבאַרע אוטאָפּיע. ער איז געווען איבערצייגט אַז מען קאָן נישט באַגליקן דאָס פאָלק אָן זיין אָנטייל, אַז קיין שום זאַך קאָן נישט *פאַרבייטן* דעם פאָלקס זעלבסט-טעטיקייט. און וואָס מער ער האָט געפאָרשט די געשיכטע, בפרט די געשיכטע פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אַלץ טיפער איז געוואָרן זיין איבערצייגונג, אַז קיין שום הייפעלע פון די געטרייסטע רעוואָלוציאָנערן, קיין שום סאָציאַליסטישע מאַכט קאָן נישט אויפבויען דאָס נייע לעבן אָן דער פאָלקס־איניציאַטיווע.

חוץ דעם, האָט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זיך געשטעלט אַלס ציל, קודם כל, דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשאַפט, לאָזנדיק אויף שפּעטער דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. קראָפּאָטקין אָבער האָט אין גרונט אָפּגעוואָרפן דאָס צעטיילן דעם ציל אויף צוויי מאָמענטן: קודם — דער פּאָליטישער, און דערנאָך — דער עקאָנאָמישער. ס'איז באַוואוסט וואָסאַרא אָנגעווייטיקסטע פראַגע ס'איז געווען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג די באַציאונג צווישן דער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. פאַר קראָפּאָטקינען, מיט זיין ברייטן היסטאָרישן וויסן, מיט זיין פעאיקייט שטענדיק ארומצוכאַפּן דעם אינערלעכן זין פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (וואָס ווערט ביי אַנדערע צו אָפט פאַרשטעלט פון פּאַרטיי־פּראָגראַמען) איז דער ענטפער תמיד געווען אַ קלאָרער. „גיין צום סאָציאַליזם, אָדער אפילו צו דער אַגראַר־רעוואָלוציע *דורך אַ פּאָליטישער איבערקערעניש*, האָט ער געשריבן — איז אַ ריינע אוטאָפּיע, ווייל דורך דער גאַנצער געשיכטע זען מיר, אַז די פּאָליטישע ענדערונגען זיינען דער פועל יוצא פון גרויסע עקאָנאָמישע איבערקערענישן און נישט פאַרקערט. אָט־פאַרוואָס דאָס באַפרייען די רוסישע פויערים פון דעם לייב־אייגנטום־רעכט, וואָס דריקט זיי ביז היינט צו טאָג, איז די ערשטע אויפגאַבע פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער. אַרבעטנדיק אויף דעם וועג, אַרבעט ער, ערשטנס, אי דירעקט לטובת דעם פאָלק, אי ער זעט אין די דירעקטע נוצן פאַרן פאָלק דעם העכסטן ציל פון זיינע באַמיאונגען, און צווייטנס, גרייט ער צו די אָפּשוואַכונג פון דער צענטראַליזירטער מלוכה־מאַכט און איר באַגרענעצונג".*) שטירצן די זעלבסטהערשאַפט, פלעג קראָפּאָטקין

*) קראָפּאָטקינס בריוו צו די אַרויסגעבער פון דער „אַנאַרכיסטישער ביבליאָטעק". וואָס האָט געדינט אַלס פאָררעדע צו באַקונינס בראָשור „די פּאַריזער קאָמונע און דער באַגריף וועגן שטאַטלעכקייט". (גענף 1892).

זאַגן, איז נישט קיין פאַרשווערונג פון אַ הייפעלע העלדישע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אַ פאָלקס־אויפשטאַנד און זיין וועט זי נישט נאָר מיט אַ פּאָליטישן, נאָר אויך מיט אַ סאָציאַליסטישן אונטערשלאַק; אַזוי איז כסדר געווען אין דער געשיכטע. און די געשיכטע, וואָס אים גופא איז אויסגעקומען איבערצולעבן, האָט דערוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט.

נאָך ווינציקער סימפּאַטיש איז קראָפּאָטקינען געווען די ריכטונג פון דעם רוסישן מאַרקסיזם — די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָנגעהויבן אויפקומען צום סוף פון די 80ער יאָרן. אַלץ אין איר האָט אים אָפּגעשטויסן: אי דער פילאָזאָפישער אונטערשלאַק — דער מעטאַפיזישער העגעליאַניזם, וואָס איז פרעמד דעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן מעטאָד פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, אי דער ענגער דאָגמאַטיזם, ווי דער אידעאַל פון אַ צענטראַליזירטער מלוכה, אי — באַזונדערס אין באַצוג צו רוסלאַנד — דאָס פולשטענדיקע איגנאָרירן דאָס לעבן און די אינטערעסן פונעם פויערטום, ד. ה. פון דער אומגעהויערער מאַסע פונעם רוסישן פאָלק.

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ווען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער סביבה איז אריינגעדרונגען דער אנאַרכיזם. די רייכע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, דאָס ערשטע אָרט אין וועלכער ס'האָט באַלאַנגט קראָפּאָטקינס בראָשורן און ביכער, האָט נישט געקאָנט נישט ווירקן אויפן רוסישן סטודענטנטום און אויף דער עמיגראַנטישער יוגנט אין אויסלאַנד. די ערשטע שוואַלבן פון דעם רוסישן אַנאַרכיזם זיינען געווען עטלעכע רוסישע סטודענטן אין גענף, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין רוסיש אַנאַרכיסטישע בראָשורן. די ערשטע פון זיי איז דערשינען אין 1892; דאָס איז געווען באַקונינס „די פּאַריזער קאָמונע און דער באַגריף וועגן שטאַטלעכקייט"; **דערנאָך** — דער ערשטער טייל פון קראָפּאָטקינס „ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער" וואָס איז דערשינען אונטערן נאָמען „די צעפאַלונג פון דער היינטיקער אָרדענונג".*) ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן מיט וואָסאַרא סימפּאַטיע קראָפּאָטקין האָט זיך באַצויגן צו אָט דער איניציאַטיווע. ער האָט תיכף געשיקט די אַרויסגעבער פון דער „אַנאַרכיסטישער ביבליאָטעק" אַן „אָפענע בריוו", אין וועלכער ער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אויך אין רוסלאַנד די אַנאַרכיסטישע פאָרם פון סאָציאַליזם און אָנגעמערקט די פּונקטן, אין וועלכע ער איז נישט מסכים מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מיר וועלן דערמאָנען דעם ענטפער, וואָס ווערט געגעבן אין דער דאָזיקער בריוו אויף דער גאַנגבאַרער באַהויפּטונג פון די קעגנער, אַז דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז אַ ווייטער און אומרעאַליזירבאַרער.

„די זאַך איז די — שרייבט קראָפּאָטקין — וואָס די מענטשהייט איז נישט

*) דער פארלאג „אנאדכיסטישע ביבליאטעק" איז געגרינדעט געווארן איז גענף פון א גרופע רוסישע אנארכיסטן, הויפטזאכלעך פון וול. אטאבעיקאן. שפעטער האט מיט דער דרוקעריי פארוואלטעט מאיעווסקי: דערנאך איז די דרוקעריי אריבער איז די הענט פון א קרייז פון וועלכן די נשמה זיינען געווען געגעליא (ארגעיאני) און זיין פרוי לידיא וולא. איקאניקאווא. אין דער דאזיקער דרוקעריי פון דער „אנארכיסטישער ביבליאטעק" האט, חוץ בראשורן, זיך אויך געדרוקט די צייטונג „כ'ליעב אי וואליא" („ברויט און פרייהייט").

קיין איינצלנע פּערזאָן, און אין יעדער מאָמענט פון איר אַנטוויקלונג טראָגט זי
אין זיך עטלעכע פאַרשיידענע אידעאַלן — דעם פעאָדאַלן, קאָנסטיטוציאָנעלן, סאָ-
ציאַליסטישן, אַנאַרכיסטישן א.א.וו. אָבער קיין איינער פון די דאָזיקע אידעאַלן
ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין זיין גאַנצער גרויס, ווייל אַ סך פריער, איידער וועל-
כער ס'נישט איז פון זיי האָט דערגרייכט זיין פולע פאַרווירקלעכונג אַנטשטייען
שוין, ריכטיקער — ס'פאַרשטאַרקן זיך די נייע אידעאַלן, וואָס זיינען אַרויסגע-
רופן געוואָרן דורך די נייע לעבנס-באַדינגונגען. און אָט די אידעאַלן ענדערן דעם
אויסזען פון די אַלטע.
יעדער פראָגרעס פון דער מענטשהייט איז דער פועל-יוצא פון די פאַרשיידענע
ריכטונגען פונעם געדאַנק, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער געזעלשאַפט און אין גע-
געבענעם מאָמענט; אַזוי, אַז באַהויפּטן, אַז צוערשט וועט פאַרווירקלעכט ווערן
אַזא אידעאַל און דערנאָך דער צווייטער — מיינט פּשוט פאַלש אויסטייטשן די גע-
שיכטלעכע פאַקטן בכלל".

די איניציאַטיוו פון די אַרויסגעבער פון דער „אַנאַרכיסטישער ביבליאָטעק"
האָט געהאַט דערפאָלג. די רוסישע אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט גענומען זיך
שנעל אויסברייטערן און קראָפּאָטקינס אַנטייל אין איר ווערט אַלץ אַקטיווער.
אינגיכן איז דערשינען אין רוסיש אַלע זיינע וויכטיקסטע ווערק. פאַר דער רוסישער
פּראָפּאַגאַנדע שרייבט ער אין די בראָשור „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַר-
כיזם" (1901), וואָס האָט שפּעטער געדינט אַלס קאַנווע צו דעם בוך, וואָס איז
אַרויס אונטערן זעלבן נאָמען, תּחילת אין פראַנצויזיש און דערנאָך אויף רוסיש,
שוין אין רוסלאַנד, נאָך דער רעוואָלוציע (אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג „גאָלאָס
טרודא"). ס'גרינדעט זיך אַן ענגע, פעסטע פאַרלאַג-גרופּע אין וועלכער ס'גייען
אַריין קראָפּאָטקין, טשערקעזאָוו און עטלעכע יונגע חברים.
אין 1902 גייט אַרויס אין גענף די ערשטע רוסישע אַנאַרכיסטישע צייטונג:
„כליעב אי וואָליאַ" („ברויט און פרייהייט"); קראָפּאָטקין איז אַ טעטיקער מיט-
אַרבעטער. אין אַ רייע אַרטיקלען באַהאַנדלט ער אי די פראַגן וועגן אַנאַרכיזם
בכלל, ווי די פראַגן, וואָס זיינען אין יענער צייט אַרויפגעשוואומען אין שייכות
מיטן אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.*) „כליעב אי
וואָליאַ" האָט כּסדר געפּרעדיקט דעם באַקונין-קראָפּאָטקינישן אַנאַרכיזם, להיפּוך
צו אייניקע נייע ריכטונגען פון אינדיווידואַליסטישן טיפּ. דער אַנאַרכיזם רופט
אַרויס ביי דער רוסישער יוגנט אין אויסלאַנד אַ לעבעדיקן אינטערעס, ווי אַ גאַנץ
נייע, נישט ענלעכע אויף די אַנדערע, ריכטונג אינעם סאָציאַליזם. די סימפּאַטיע
צו אים וואַקסט און פון אויסלאַנד טראָגט ער זיך גיך אַריבער קיין רוסלאַנד. אין

*) די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען נישט אונטערגעשריבן, ווייל אין „כ'ליעב אי וואָליאַ" פלעגט
מען בכלל נישט אונטערשרייבן די אַרטיקלען. נאָר אָט זיינען די קעפּלעך: „אַ פרידלעכער אויס-
גאַנג אָדער אַ רעוואָלוציע", „די רוסישע רעוואָלוציע", „דער פּויערים-אויפשטאַנד", „צי דאַרף
מען דעם אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד?", „די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן", „אָרגאַניזאַציע אָדער
אַ פרייער אָפּמאַך", „באַקונין", „דער רוסישער אַרבעטער פאַריין".

1903-1904, זיינען שוין דאָרט פאַראַן אַ גרויסע צאָל גרופּעס, בפרט אין דרום און מערב רוסלאַנד, און אין דער רעוואָלוציע פון 1905 שפּילן שוין די אנאַרכיסטן אַ זעלבסטשטענדיקע ראָל. די אָנווענדונג פון די אַנאַרכיסטישע פּראָגראַמען אין לעבן שטעלט תּיכף אַרויס אַ רייע קאָמפּליצירטע און שטרייטבאַרע פראַגן, וואָס זיינען נאָך שווערער און שטרייטבאַרער צוליב דעם, וואָס פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, פאַר דעם אַקטיוון קאַמף האָבן די רוסישע אַנאַרכיסטן נישט געהאַט קיין פּעריאָד פאַר רואיקער טעאָרעטישער אַרבעט. אין דער צייט, וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן האָבן לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905 געהאַט אַ גרויסע, כמעט לעגאַלע ליטעראַטור, — די פאָלקסטימלעכע און מאַרקסיסטישע, — איז דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד אַ סך שפּעטער, אין דעם מאָמענט, ווען ס'איז שוין אָנגעגאַנגען די קאַמפּס־באַוועגונג און ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן פון אויסאַרבעטן די טעאָריע. מען האָט שוין געמוזט טאָן. די פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן, דערום, געטראָפן די אַנאַרכיסטן נישט גענוג צוגעגרייטע אידעאיש, און אָן דערפאַרונג אין דער פאַרגאַנגענהייט; אין דעם ליגט די סיבה פון אַ סך פּרינציפּיעלע און טאַקטישע טעותן און שרעקלעכע פאַרלוסטן פון ווערטפולע כוחות אין דער עפּאָכע פון 1904-1907. אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן זיך תּיכף אויסגעשיילט עטלעכע ריכטונגען: „כליעב אי וואָליא" („ברויט און פרייהייט"); „טשיערנאָזנאַמיענצי" (די שוואַרצע פאָן), „ביעזנאַטשאַלצי" (הערשאַפטסלאָזע). קראָפּאָטקיניאַנער זיינען, באַזונדערס, געווען נאָר די „כליעב אי וואָליצים". די אַנדערע, כאָטש זיי האָבן געשעפּט זייער טעאָרעטישן וויסן פון דעם זעלבן קוואַל, זיינען זיי אָבער אין זייער פּראָגראַם־אָנשויאונגען און אין זייערע טאַקטישע מעטאָדן ניכער געווען דורכגעדרינגען מיטן אינדיווידואַליסטישן גייסט פונעם אַנאַרכיזם. אָבער זיי זיינען אַלע געווען איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע, און אַלע האָבן העלדיש מקריב געווען זייער לעבן. דערפאַר טאַקע, נישט קוקנדיק אויף די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, אָפט מאָל זייער שאַרפע, האָט קראָפּאָטקין זיך באַצויגן צו אַלע יונגע אַנאַרכיסטן העכסט ברודערלעך, מיט אומאויסשעפּלעכן געדולד. אַלע, וואָס האָבן אין יענער צייט בייגעוואוינט קראָפּאָטקינס שמועסן מיט דער יוגנט, געדענקען, ווי אַזוי ער פלעגט אויסהערן מיט אַ צערטלעכן שמייכל, מיט אַ צאַרטן בליק פון זיינע גרויע אויגן אַ וועלכן ס'נישט איז בחורל, וואָס פלעגט אין זיינע עקסטרעמע מיינונגען דערגיין צום אַבסורד. נאָר אויף וויפל ער איז געווען ליטזעליק צו יעדער אָפנהאַרציקער מיטגעריסנקייט, אַזוי איז ער געווען שטרענג צום אויסוואָל פון די קאַמפּס-וועגן. ס'זיינען געווען שטריכן, ס'זיינען געווען פּראָפּאַגאַנדע־מעטאָדן, וועלכע פּיאָטער אַלעקסעיעוויטש האָט נישט געקאָנט פאַרליידן. זיינע אויגן פלעגן דעמאָלט ווערן שטאָלענע און שטרענגע און זיין פאַרדאַמונג איז געווען אַ קאַטעגאָרישע. קודם כל האָט ער געפילט אַ גרויסן עקל צום פּרינציפּ „דער ציל באַרעכטיקט דאָס מיטל" און צו אַליץ, וואָס האָט געהאַט וועלכע ס'נישט איז שייכות צום דאָזיקן פּרינציפּ,

סיי אין די פראַגן פון אָרגאַניזאַציע, סיי בנוגע די אופנים צו קריגן געלט, סיי אין די באַציאונגען צום פיינטלעכן לאַגער, אָדער צו אַנדערע פּאַרטייען א.א.וו. דאָס וואָרט „ניעטשאַיעווטשינאַ" איז אויף זיינע ליפּן תמיד געווען א שאַרפע פאַרהאַמונג. ער איז שטענדיק געווען העכסט פּילבאַר צו אַלץ, וואָס איז געווען ענלעך צו אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן רוף צו אַ געפערלעכער אַרבעט: דאָס רעכט צו רופן צו רעוואָלוציאָנערע אַקטן האָט ער אַנערקענט נאָר פאַר יענעם, ווער עס באַגייט זיי אַליין אויך; דעריבער איז אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור נישט פאַראַן קיין איין אַרטיקל זיינס וועגן טעראָר, און די חברים, וועלכע האָבן זיך דערוועגט צו שרייבן אויף דער טעמע, פלעג ער שטענדיק עצהן זיך אויסצודריקן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. צום אָרגאַניזירטן טעראָר פלעג ער זיך שטענדיק באַציען פיינטלעך; אים איז געווען אומסימפּאַטיש — אפילו אין איר גלענצנדער עפּאָכע — די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן טאַקע דערפאַר, ווייל אירע פירער פלעגן באַשליסן געוויסע אַקטן און באַשטימען די אויספירער.

די פראַגן וועגן דער טאַקטיק האָבן אין יענער צייט אַרויסגערופן אין אונדזער סביבה א סך וויכוחים. כ׳געדענק, אין דעצעמבער פון 1904 איז אין לאָנדאָן פאַרגעקומען אַ קליינער צוזאַמענפאָר פון רוסישע אַנאַרכיסטן; אייגנטלעך איז דאָס אפילו נישט געווען קיין צוזאַמענפאָר, ווייל קיינער איז פון קיינעם נישט געווען דעלעגירט, נאָר פּשוט עטלעכע יונגע חברים (אייניקע פון וועלכע זיינען נאָר וואָס געהאַט געקומען פון רוסלאַנד) זיינען זיך צענויפגעפאָרן כדי זיך דורכצורעדן און זיך האַלטן אן עצה מיט קראָפּאָטקינען וועגן די רוסישע ענינים און פראַגן. און פראַגן זיינען געווען נישט ווייניק: אי וועגן דער באַציאונג צו די דעמאָנסטראַציעס פון קאָנסטיטוציאָנעל־ליבעראַלן כאַראַקטער, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, אי פּראַקטישע פראַגן וועגן קריגן מיטלען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט א.א.וו. אייניקע חברים (די „טשיערנאָזנאַמענצי") האָבן אין זייער אַפּלייקענען די בורזשואַזע פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדענונג געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַציען זיך פיינטלעך צו יעדער ריין־פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס איז נישט געגאַנגען ווייטער פון שטירצן די זעלבסטהערשאַפט. קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן אַזאַ שטאַנדפּונקט פאַר פאַלש און אַרטיפיציעל: „זאָלן די ליבעראַלן טאָן זייער אַרבעט. מיר קאָנען נישט זיין קעגן איר, אונדזער זאַך איז — נישט באַקעמפן זיי, נאָר אַריינברענגען אין דער עקזיסטירנדיקער רעוואָלוציאָנערער יוירונג אונדזערע אייגענע אידעע, אויסברייטערן די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, פירן די באַוועגונג ווייטער פון דעם ציל, וואָס עס שטעלן זיך אַנדערע פּאַרטייען. נאָר באַזונדערס שאַרף, אפילו טראַגיש, איז דעמאָלט געשטאַנען די פראַגע וועגן די אַזוי גערופענע „עקספּראָפּריאַציעס". זיי זיינען אַנערקענט געוואָרן, — מיט א תנאי, אָדער אָן תנאים — פון דעם רוב רוסישע גרופּעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד. קראָפּאָטקין האָט זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן זיי. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ דעמאָראַליזאַציע, וואָס אַזאַ אופן צו קריגן געלט האָט אַריינגעבראַכט אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, און אויף

דעם אומזיסטן פארשוועגדן יונגע לעבנס צוליב געלט; באזונדערס האט ער אָנגע־וויזן דערויף, אַז דורך די עקספּראָפּריאַציעס ווערט אָנגערירט דער אַרבעטס־פּרינ־ציפּ. „נאָר די אַרבעט דאַרף זיין דער קוואַל סיי פונעם פּריוואַטן לעבן סיי פון דעם לעבן פון דער פּאַרטיי — פּלעגט ער זאָגן. אונדזער פּראָפּאַגאַנדע דאַרף גע־שטיצט ווערן פון די סימפּאַטיזירער, אַרבעטער און לייענער פון אונדזערע צייטונ־גען; מיר דאַרפן נישט דאָס געלט פון די בורזשויען — נישט דאָס געשאָנקענע און נישט דאָס געגנבעטע". קראָפּאָטקין האָט אויפגעפאָדערט די יונגט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם דאָזיקן געפערלעכן וועג, אָנווייזנדיק אויף אַ רייע ביישפּילן, ווי שעדלעך די טאַקטיק פון עקספּראָפּריאַציעס איז געווען פאַר דער באַוועגונג אין אַנדערע לענ־דער, ווי אָפט זי האָט פאַרדאָרבן אויסגעצייכנטע מענטשן, וואָס זיינען מיטגע־ריסן געוואָרן פון איר. און זיינע הייסע ווערטער זיינען געווען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז איינער פון די חברים, וועלכע זיינען געקומען צו פאָרן פון רוסלאַנד, האָט גע־וויינט. דער דאָזיקער חבר איז געווען אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון עקספּראָ־פּריאַציעס. „אויב מירן אריינפאַלן — פּלעגט ער זאָגן — וועלן מיר נישט אויסזאָגן, אַז מיר זיינען אַנאַרכיסטן; זאָל מען אונדז בעסער באַטראַכטן ווי פּשוטע גנבים, איידער אונדזער אידעע זאָל קאָמפּראָמעטירט ווערן. מיר זיינען אַזוי פּאָרזיכטיק, אַזוי געוויסנהאַפט, אַז קיין שום דעמאָראַליזאַציע וועט אונדז נישט באַרירן". און זיי זיינען טאַקע געווען ערלעך און פּאָרזיכטיק, אָבער דאָס זיינען געווען זיי, נאָר ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט זיך אָפּגרענעצן פון ווייניקער פעסטע און נישט־אויסגע־האַלטענע מענטשן? וויפל צרות די עקספּראָפּריאַציעס האָבן אָנגעטאָן אין יענע יאָרן ווייסן די אַלע, וועלכע זיינען געקומען אין באַרירונג מיטן לעבן פון די אַנאַר־כיסטישע גרופּעס, און אַ סך פון די יעניקע, וועלכע האָבן דעמאָלט זיי פּאַרטיי־דיקט, האָבן שפּעטער געמוזט מודה זיין, אַז קראָפּאָטקין איז געווען גערעכט.

די באַראַטונג אין לאָנדאָן, נאָך אַ מיינונגס־טויש וועגן אַ רייע פראַגן, איז געקומען צו אייניקע אַלגעמיינע אויספירן, וואָס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „כליעב אי וואָליא".*) דאָ זיינען אייניקע אויסצוגן פון זיי, וואָס האָבן געגעבן אַן ענטפער אויך די ברענענדיקע פראַגן פון יענער צייט:

„אין אָנבליק פון דער זיך אָנרוקנדיקער רוסישער רעוואָלוציע קאָנען מיר נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער באַוועגונג קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד. באַטראַכטנדיק די זעלבסטהערשאַפט אַלס איינע פון די שעד־לעכסטע שטאַטס־פאָרמען, האַלטן מיר אויך גלייכצייטיק, אַז אונדזער אויפגאַבע איז — נישט נאָר העלפן זי שטירצן, נאָר אויך אויסברייטערן דעם קאַמף, ריכטנ־דיק אים אין דער זעלבער צייט קעגן קאַפּיטאַל און שטאַט אין אַלע זייערע מאַני־פעסטירונגען. מיר אָנערקענען נישט די מעגלעכקייט צו צעטיילן אונדזער קאַמף אויף צוויי פּעריאָדן: איינער — אויף דורכצופירן די פּאָליטישע איבערקערעניש, און דער צווייטער — פאַר דער עקאָנאָמישער איבערבויאונג מיט דער הילף פון נייע מלוכהשע אינסטיטוציעס".

---

*) „כליעב אי וואָליא", נומער 14, יאַנואַר 1905.

א צווייטער פונקט פון דער רעזאָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון די מאַסן און יחידים צו באַגיין רעוואָלוציאָנערע אַקטן און מאַכן אויפשטאַנדן, האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„וואָס איז שייך אינדיווידועלע אַקטן, וועלן מיר צוגעבן, אַז זיי קאָנען נישט זיין דער רעזולטאַט פון אַ באַשטימונג פון דער אָרגאַניזאַציע, און דערום קאָן די פראַגע וועגן דעם, צי מען דאַרף אין יעדן פאַל, וואָס עס מאַכט זיך, אָנקומען צו אַזעלכע, אָדער אַנדערע טעראָריסטישע אַקטן, געלייזט ווערן נאָר דורך די אָרטיקע מענטשן אין איינקלאַנג מיט די אָרטיקע אומשטענדן אינעם געגעבענעם מאָמענט". צווישן די דאָזיקע רעזאָלוציעס איז נישטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלן באַרירן די פראַגע וועגן עקספּראָפּריאַציעס; דאָס איז דערפאַר, ווייל מען האָט זיך אין דער דאָזיקער פראַגע נישט געאייניקט. די חברים פון רוסלאַנד זיינען באַשטאַנען אויף זייערן. אויף אונדזערע באַראַטונגען פלעגן מיר נישט לייזן די פראַגן ד ו ר ך א מ ע ר ה יי ט, און ווען מען האָט פאַרעפנטלעכט אַ רעזאָלוציע, האָט דאָס גע־הייסן, אַז א ל ע האָבן צו איר מסכים געווען, וואָס איז שייך עקספּראָפּריאַ־ציעס, איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס מען פלעגט אַזוי ווינציק און מיט אַ האַלבן מויל ריידן פון זיי אין אונדזער פּרעסע. מיר האָבן אין באַצוג צו דעם זיך גענומען אַביישפּיל פון קראָפּאָטקינען, וועלכער איז קיינמאָל נישט אָנגעפאַלן אויף די עקס־פּראָפּריאַטאָרס אין דער עפנטלעכקייט. ק יי נ מ אָ ל נ י ש ט אָ נ פּ אַ ל ן א ו י ף ד י פ אַ ר פ אָ ל ג ט ע — איז געווען זיין נאָרמע, און די עקספּראָפּריאַ־טאָרס פלעגט מען פאַרפאָלגן אָן רחמנות: מען האָט הינגעריכטעט אַזויפיל פון זיי דורך די אורטיילן פון די פעלד־געריכטן אין סטאָליפּינס צייטן! און טראָץ זיין פאַרלאַנג צו אָפּווענדן די יוגנט פון דעם דאָזיקן וועג, פלעגט ער זיך אָפּהאַלטן פון יעדער פּאָלעמיק אויך אויף דער טעמע אין דער פּרעסע: ער האָט זיך באַצויגן זייער פּאָרזיכטיק צו די געבראַכטע קרבנות...

ס'איז געקומען דאָס יאָר 1905. דער 9טער יאַנואַר — דער ערשטער גרויסער אַרויסטריט פון דער נישט-פּאַרטייאישער אַרבעטער־מאַסע, און די גרויסע כוואַליע פון אַלגעמיינע שטרייקן, וואָס האָט זיך דעמאָלט דורכגעטראָגן דורך גאַנץ רוסלאַנד, זיינען פאַר קראָפּאָטקינען געווען אַן אומצווייפלהאַפטער סימן, אַז די רעוואָלוציע איז נאָענט. סוף 1905 האָט קראָפּאָטקין זיך געקליבן פאָרן קיין רוסלאַנד און שוין געחלומט פון אַרויסגעבן דאָרט אַ גרויסע פאָלקס-צייטונג (די פּריינט פון רוסלאַנד האָבן אים אָנגעוויזן, אַז אַזעלכע איז נויטיק). נאָר די רעגירונג, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרלוירן, איז גיך געקומען צו זיך, און זיך צורעכנט מיט דער באַוועגונג; אויף די מאַסקווער באַריקאַדן איז די באַוועגונג צוטראָטן געוואָרן און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן גרויזאַמע רעפּרעסיעס. דער אַריינקום קיין רוסלאַנד איז באַנייעס פאַר־מאַכט געוואָרן און קיין אויסלאַנד האָט זיך גיך אַ לאָז געטאָן אַ נייע יונגע אימיג־ראַציע, וועלכע האָט איבערגעלעבט די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.

נייע און נייע פראַגן... אויפן ערשטן פּלאַן טרעטן איצט אַרויס די אויפגאַבן און וועגן פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. כ'געדענק, אין סעפּטעמבער פון 1905,

קראָפּאָטקינס ערשטער באַזוך אין פּאַריז נאָך אַ סך יאָרן. געקומען איז ער האַלב־
לעגאַל (איבער אים איז נאָך דעמאָלט געהאַנגען דער דעקרעט וועגן ארויסשיקן אים
פון פראַנקרייך), און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער קוואַרטיר פון אַ באַקאַנטן
מאָלער, אַ פראַנצויז. אָפענע פאַרזאַמלונגען האָט מען נישט געקאָנט דורכפירן, נאָר
די אַטעליע פון דעם מאָלער האָט זיך אָנגעפילט מיט אַנאַרכיסטישער יוגנט, דער
גרעסטער טייל פון וועלכע ס'האָבן זיך געקליבן פאָרן קיין רוסלאַנד. דער צענטער
פון די שמועסן איז געווען — דער אָנטייל פון די אַנאַרכיסטן אין די פּראָפעסיאָ־
נעלע אַרבעטער פאַראיינען. דאָס איז געווען די בליאונגס־צייט פון דעם פראַנ־
צויזישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם און די חברים, באַקאַנטע מיט דער אויס־
לענדישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָבן גערעדט הייס וועגן די דערפאָלגן פון די
אַנאַרכיסטישע אידעען צווישן די אַרבעטער, וועגן דעם, ווי אַזוי די אַרבעטער־
אָרגאַניזאַציעס נעמען גערן אויף אי דעם פרייען אַנאַרכיסטישן אידעאַל, אי די
אַנאַרכיסטישע טאַקטיק פון דירעקטער אַקציע, להיפוך צו דעם פּאַרלאַמענטאַרישן
וועג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. זיי האָבן געחלומט וועגן דעם, ווי אַן ענלעכע
אַרבעטער־באַוועגונג ווערט געשאַפן דורך די באַמיאונגען פון די אַנאַרכיסטן אין
רוסלאַנד. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן זיך באַצויגן צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיי־
נען פון אויבן אַראָפּ, ווי צו בורזשואַזע פאַראיינען, און דעם רעוואָלוציאָנערן
גייסט האָבן זיי געזען נאָר אין די באָסיאַקישע עלעמענטן פון דער פּאָלקס-מאַסע;
דער אָנטייל אין די פאַראיינען, אָרגאַניזירן זיי, האָט די דאָזיקע אַנאַרכיסטן אויס־
געזען אַן הנחה, אַן אָפּווייכן פון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל. דער חילוק איז, איי־
גנטלעך, געלעגן אינעם אויסגאַנגס-שטאַנדפּונקט: די „סינדיקאַליסטן" האָבן איינ־
זינען געהאַט, הויפּטזעכלעך, די צוקונפט־אויפגאַבן, דעם בויאונגס־מאָמענט; די
„אַנטי־סינדיקאַליסטן" האָבן מער געזאָרגט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון
היינט און מורא געהאַט, אַז די אַנאַרכיסטן וועלן זיך אויפלייזן אין דער אַלגעמיי־
נער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר ווייניק רעוואָלוציאָנער.
קראָפּאָטקין האָט, איבערהויפּט, געשטעלט די פראַגע וועגן די באַדינגונגען, וואָס
זיינען נויטיק סיי פאַרן זיג פון דער רעוואָלוציע, סיי פאַרן דערפאָלג אינעם אויפ־
שטעלן די נייע געזעלשאַפט. אין אָט־די לאַנגע, הייסע וויכוחים, האָט ער ווייט נישט
אַרויסגעשטעלט אויפן ערשטן פּלאַן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט גע-
הערשט אין דער פאָרגעשריטענער אַרבעטער־סביבה: זיינע באַאָבאַכטונגען אין
דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ער האָט געקאָנט פון נאָענט, האָבן
נישט געמונטערט דערצו; אָבער ער פלעגט אָנווייזן דערויף, אַז ווי מיר זאָלן נישט
אורטיילן וועגן די היינטיקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, צי זיי זיינען גוט, צי
שלעכט — אַלצאיינס; אָן זיי איז יעדער רעוואָלוציע פאַרמשפּט צו אַ דורכפאַל,
ווייל דאָס זיינען זיי באַרופן צו שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָל אינעם איבערבויען
די געזעלשאַפט אויף נייע עקאָנאָמישע יסודות. די אַרבעט צווישן זיי איז דערום
באַזונדערס וויכטיק. אָבער דער טעטיקייט צווישן די באָסיאַקעס האָט ער, טאַקע
צוליב אָט־די מאָטיוון, קיין גרויסע באַדייטונג נישט צוגעגעבן.

שפעטער איז אין אונדזערע פּאַרטיי-וויכוחים אַרויפגעשוואומען אַ צווייטע פראַגע, וואָס איז טיילווייז געווען פאַרבונדן מיט דעם: וועגן דער באַציאונג צו די סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט אין 1905. צי מעגן, צי דאַרפן די אַנאַרכיסטן זיך באַטייליקן אין זיי? יאָ, האָבן געענטפערט די סינדיקאַליסטן. ניין, האָבן געענטפערט זייערע קעגנער. די דאָזיקע פראַגע איז געווען די הויפּט־טעמע פון איינעם פון די שמועסן פון דער יוגנט מיט קראָפּאָטקינען. „גיין אין די סאָוועטן מעג מען", האָט ער געזאָגט, נאָר פאַרשטייט זיך, אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די דאָזיקע סאָוועטן זיינען אָרגאַנען פאַרן קאַמף מיט דער בורזשואַזיע און מיטן שטאַט און נישט קיין מ אַ כ ט ־ אָ ר ג אַ נ ע ן. פונדעסטוועגן, וואָלט איך פּערזענלעך בעסער געוואָלט בלייבן אין דער אַרבעטער־מאַסע".

אין יאָר 1906-7 האָט אָנגעהויבן דערשיינען די וועכנטלעכע צייטונג „ליסטקי כליעב אי וואָליא", אין וועלכער קראָפּאָטקין האָט גענומען אַ הייסן אָנטייל. ער איז געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד פון דער רעדאַקציע און געשריבן פאַר יעדן נומער אַ לייט־אַרטיקל אויף די טאָג־טעמען פונעם רוסישן לעבן. דער באַשלוס אַרויסצוגעבן די צייטונג איז אָנגענומען געוואָרן אויפן קליינעם צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן אין האַרבסט פון 1906. אַלס פונדאַמענט פון איר פּראָגראַם האָבן געדינט די קורצע רעזאָלוציעס וועגן די גרונטפראַגן, וואָס מען האָט אָנגענומען אויפן צוזאַמענפאָר. פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש האָט צוגעגעבן די דאָזיקע רעזאָלוציעס אַ גרויסע באַדיי־טונג, אַלס דער פּראָגראַם, אַרום וועלכער מען קאָן פאַראייניקן די אַנאַרכיסטישע כוחות; דאָס האָט ער טאַקע מערסטנס צוזאַמענגעשטעלט דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט זייערן, נאָר ער האָט זיך באַצויגן מיט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט צו יעדער אויסבעסערונג, צו יעדן געדאַנק, וואָס אַנדערע האָבן אַרויסגעזאָגט, אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַ באמת קאָלעקטיווע אַרבעט.

אויף „ליסטקי כליעב אי וואָליא" האָט קראָפּאָטקין אוועקגעגעבן אַ סך צייט און אַרבעט; כאָטש אַלע אַנדערע מיטגלידער האָבן זיך געפונען אין פּאַריז — האָט די צייטונג זיך געדרוקט אין לאָנדאָן און קראָפּאָטקין האָט געמוזט טאָן די אומ־פאַרמיידלעכע רעדאַקטער־אַרבעט, וואָס עס קומט שטענדיק אויס צו טאָן אין דער לעצטער מינוט פאַרן אַרויסלאָזן דעם נומער. ער פלעגט אויספּילן די צייטונג, אויב ס'האָט געפעלט מאַטעריאַל, געדרוקט אינטערעסאַנטע אויסצוגן פון בריוו פון רוס־לאַנד, געגעבן ביבליאָגראַפישע באַריכטן א.א.וו. די צייטונג איז, אַזוי אַרום, גע-ווען רייך מיט ווערטפולן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, נאָר זי האָט צום באַדויערן, נישט פאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע טעכנישע אָרגאַניזאַציע, אויף איבערצוברענגען זי קיין רוסלאַנד און זי דאַרט פאַרשפּרייטן; זי האָט דערום נישט עקזיסטירט אפילו קיין גאַנץ יאָר. ווען די צייטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אונדזער פאַרלעגערישע גרופּע אָנגעהויבן, אונטער קראָפּאָטקינס אָנפירונג, אַרויסגעבן אַ רייע בראָשורן, צווישן דער דאָזיקער סעריע געפינט זיך אויך זיין בראָשור „די מאָראַלישע יסו-דות פונעם אַנאַרכיזם". דערנאָך האָט מען אַרויסגעגעבן אין דער רוסישער איבער־

זעצונג קראָפּאָטקינס „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע", אַ העלפט איבער־ זעצט פון אים גופא, און דורכאויס אונטער זיין רעדאַקציע.

אין די לעצטע חדשים פאַר דער מלחמה *) האָט קראָפּאָטקין נאָך מיטגעאַר־ בעט אין דער צייטונג „ראַבאָטשי מיר" (די אַרבעטער וועלט), וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דערשיינען אין פּאַריז, און וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון דער נישט־ לאַנג פאַר דעם געגרינדעטער פעדעראַציע פון די רוסישע אַנאַרכיסטן. נאָר אין דער רעדאַקציע פון דער דאָזיקער צייטונג האָט ער זיך נישט אָנגעשלאָסן, טיילווייז דערפאַר, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין זיין אַרבעט איבער דער „עטיק" און טיילווייז צוליבן כאַראַקטער גופא פון דעם אָרגאַן: ער האָט נישט ליב געהאַט די אַזוי גערופענע „אָפיציעלע אָרגאַנען" פון אַ פּאַרטיי, אָדער פעדעראַציע, וואָס האָבן שטענדיק געמוזט אָפּשפּיגלען די מיינונגען פון אַלע מיטגלידער, אָדער אַ מין „דורכשניטלעכע" מיינונג פון דער אָרגאַניזאַציע. אים זיינען געווען ליבער די אָרגאַנען פון קליינע גרופּעס, וואו די מיטגלידער האָבן זיך גוט איינפאַרשטאַנען; אַלע אויסגאַבעס, אין וועלכע ער האָט גענומען אַ נאָענטן אַנטייל, זיינען טאַקע געווען פון אַזאַ סאָרט.

די מלחמה האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלץ. די רוסישע פּראָפּאַגאַנדע אין אויס־ לאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן; ס'זיינען געקומען נייע זאָרגן. קראָפּאָטקינס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז פאַרשלונגען געוואָרן פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער דראַמע. און אין דער זעלבער צייט האָט ער אַלץ שאַרפער גענומען זיך צוקוקן צו רוסלאַנד, וואו ער האָט גלייך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה דערפילט די נאָענטקייט פון דער רעוואָלוציע. אין די בריוו צו איינעם פון זיינע קאָרעספּאָנ־ דענטן (סטעפּען) האָט ער אויסגעדריקט די זיכערקייט אין דעם, אַז די זעלבסט־ הערשאַפט וועט אין גיכן פאַלן, און אַז אין רוסלאַנד וועט אַנטשטיין אַ נייע פּאָ־ ליטישע אָרדענונג, פון פעדעראַליסטישן טיפּ; די רוסישע רעגירונג האָט פאַר די אויגן פון אַלעמען, אפילו פון די קורצזיכטיקסטע, אַרויסגעוויזן איר פולשטענדיקע אומפעאיקייט אַפילו אויפן קריגס־געביט; פון דער צווייטער זייט, האָבן אירע פאַלשע הבטחות וועגן אַלערליי רעפאָרמען נאָך דער מלחמה געמוזט, אָן ספק, ווען דער שווינדל וועט זיך אויפדעקן, אַרויסרופן אַן אויפברויז פון אַנטריסטונג. „פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער, אַז אין רוסלאַנד וועט זיין אַ רעוואָלוציע?" פלעג מען פרעגן קראָפּאָטקינען. „נו, שוין דערפון אַליין, וואָס אַלע וואַרטן אויף איר", פלעגט ער ענטפערן.

און זי איז געקומען, שנעלער ווי מען האָט געמיינט, (אַלע האָבן זי דערוואַרט נאָך דער מלחמה). צו פיאָטר אַלעקסעיעוויטשעס שמחה איז קיין גרענעץ נישט געווען. ער האָט גלייך אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן באַקומען טעלעגראַמעס פון רוסלאַנד, וואָס האָבן אים גערופן אַהינצו. נאָר ער איז שוין געפאָרן אויך אָן אַ רוף. „די רעוואָלוציע וועט זיך נישט באַגרענעצן מיטן אַראָפּוואַרפן די מאָנאַרכיע — האָט ער געזאָגט די פּילצאָליקע באַזוכער וואָס האָבן אים באַלאַגערט (רוסישע, אויסלענדישע, פּאַרטיי־מענטשן און זשורנאַליסטן), זי וועט זיך אויסשפּרייטן און

*) פאַר דער ערשטער אַלוועלטלעכער מלחמה. איבערזעצער.

אָננעמען אַ סאָציאַלן כאַראַקטער". און גלייך ביי דער ערשטער מעגלעכקייט (און די מעגלעכקייט זיינען געווען באַגרענעצט צוליב דער מלחמה), איז ער איר געפאָרן אַנטקעגן — אין 40 יאָר אַרום נאָכדעם, ווי ער איז אַפּגעשטיגן אויפן ענגלישן ברעג. וועקפּאָרנדיק האָט ער נישט פאַרגעסן אין די, צווישן וועמען ס'איז פאַרלאָפן זיין לאַנג לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער - אינטערנאַציאָנאַליסט; ער האָט זיך געזעגנט מיט די מערבדיקע אַרבעטער אין אַן אָפענער בריוו, וואָס האָט אַרומגענומען מיט אַ ברייטן קוק די אויפגאַבן פון דער נאָענטער צוקונפט...

פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער איז אָפּגעפאָרן, איז קראָפּאָטקין געוואָרן אָפּגעשניטן פון אונדז, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין אויסלאַנד; צווישן רוסלאַנד און מערב אייראָפּע איז אינגיכן אויפגעשטעלט געוואָרן אַ כינעזישער מויער. צי האָט ער געשריבן צו זיינע מערב-פריינט? מסתמא יאָ. אָבער וואו זיינען די בריוו? צו אונדז פערזענלעך, איז איין בריוו זיינער אָנגעקומען א י ן  אַ  י אָ ר  אַ ר ו ם נאָכדעם, ווי מען האָט זי אַרויסגעשיקט. מיר קאָנען דערפאַר נישט ריידן וועגן דעם, ווי אַזוי קראָפּאָטקין האָט געלעבט און געטראַכט אין אָט די לעצטע יאָרן; זאָלן דאָס טאָן די, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו קומען אין באַרירונג מיט אים אין רוסלאַנד. מירן נאָר זאָגן איין זאַך: מיט זיין שטענדיקער פעאיקייט זיך אָפּצושטעלן אויפן גאָר וויכטיקסטן, נישט שענקענדיק קיין אויפמערקזאַמקייט דעם פאַרגענגלעכן, דעם צווייטראַנגיקן, האָט ער ביי זיין גאַנץ באַשטימטער פיינטלעכקייט צום דיקטאַטור־רעזשים, געזען אין דעם, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, אַ סך מער ווי די הערשאַפט פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים; ער האָט, איבערהויפּט, געזען די פאַר זיינע אויגן פאָרקומענדיקע רעוואָלוציע, דאָס געבווירנווערנדיקע ניי לעבן. אָט־דאָס נייע לעבן באַשאַפן נישט די באָלשעוויקעס און נישט קיין שום אַנדער פּאַרטיי. די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, דאָס פאַרטיידיקן זי פון אירע שונאים — האָט קראָפּאָטקין שטענדיק געשטעלט העכער פון אַלע פּאַרטיי־מאָטיוון. דאָס איז צו זען גאַנץ בולט אין זיינע צוויי בריוו: איינע צו זיין אַלטן פריינט ג. בראַנדעס, די צווייטע — צו די ענגלישע אַרבעטער, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַ יאָר שפּעטער.*) קראָפּאָטקין האָט געוואוסט, אַז די דיקטאַטור וועט פאַרבייגיין, אָבער די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, די טיפע איבערקערעניש אין די מוחות וועלן פאַרבלייבן. ער האָט געוואוסט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט דאַרפן איבערלעבן נאָך אַ סך פאַרשידענע פאַזן, נאָר איר אַלגעמיינע באַוועגונג פאָראויס קאָן נישט אָפּגעשטעלט ווערן.

אין גרונט גענומען, הויבט זיך ערשט איצט אָן די עפּאָכע, אין וועלכער ער וואָלט באַדאַרפט לעבן. זיין שעפערישער שכל, זיין גרויסע קענטעניש, זיין לעבנס־אינסטינקט, זיין קאָנען שטענדיק טרעפן דאָס, וואָס ס'איז אַמוויכטיקסטן אינעם געגעבענעם מאָמענט, וואָלט געווען אומאָפּשאַצבאַר אין דער עפּאָכע ווען עס בויט זיך דאָס נייע לעבן. אין די רעוואָלוציע וועט נאָך אַ סך, אַ סך מאָל פילן, אַז עס פעלט איר קראָפּאָטקינס האַרץ און שכל...

---

*) זע אין דעם דאזיקן זאמלבוך: „קראפּאטקין און די רוסישע רעוואלוציע".

נ. א. קריטסקאַיאַ

# קראָפּאָטקינס פּעדאַגאָגישע אידייען

דערציאונגס־פּראַגן זענען איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס עס שטייען פאַר דער מענטשהייט.

באַזונדערס האָבן די דאָזיקע פּראַגן באַקומען אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע באַדייטונג אין אונדזער צייט, בעת אונטער דער ווירקונג פונעם פאָרשריט פון דער טעכניק, דער וויסנשאַפט און דער אינדוסטריע, ווערן די אַלטע לעבנס־פאָרמען צעשטערט און אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַלטער וועלט־אָרדענונג פאַלן און וואַקלען זיך. אונזער צייט כאַראַקטעריזירט זיך מיטן זוכן נייע וועגן אויף אַלע געביטן פונעם מענטשלעכן לעבן. דאָס דאָזיקע זוכן מערקן מיר אויך אויפן פּעדאַגאָגישן געביט, ד״ה אין בילדונג אָדער דערציאונג פונעם מענטשן.

במשך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן אַ גאַנצע רייע דענקער און פּעדאַגאָגן זיך געמיט ווי־מעגלעך אַלזייטיק צו באַלייכטן די דערציאונגס־פּראַגן און אוועקשטעלן די פּעדאַגאָגיק אויף וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטאַלע יסודות און אויף די יסודות פון דער פּסיכאָלאָגיע.

די היינטצייטיקע פּעדאַגאָגן האָבן באַוויזן אַריינצוקוקן אין קינדס נשמה, צוגיין נענטער צו דער קינדערשער נאַטור און פאַרשטיין דעם קינדס פּסיכאָלאָגיע; נאָר פונדעסטוועגן בלייבן כמעט פולשטענדיק אין דער טעאָריע אָן אַן ערך שלוסן, צו וועלכע די דערציאונגס־וויסנשאַפט איז געקומען, און די היינטיקע שול פאַרענטפערט נישט די פאָדערונגען פונעם לעבן, פונקט אַזוי ווי די שול פון פאַריקן יאָרהונדערט. די טעכניק און וויסנשאַפט האָבן פאַרביטן דאָס לעבן, אָבער די שול בלייבט ווי מחוץ דעם לעבן און אין איר הערשט ווי פריער דער טויטער גייסט פון דער אַבסטראַקטער סכאָלאַסטיק.

אין דער עפּאָכע פון סאָציאַלע באַוועגונגען דערשיינט די דאָזיקע נישט־צונויפגעבונדנקייט צווישן שול און לעבן מיט אַן איבעראַשנדיקער קלאָרקייט, און די דערציאונגס־פּראַגן באַקומען אַ ספּעציעלע שאַרפקייט.

דערנענטערן די שול צום לעבן, פולשטענדיק דערווייטערן די נישט־צונויפגעבונדנקייט צווישן דער שול־דערציאונג און דער ווירקלעכקייט, מאַכן די דער־

ציאונג פראַקטישער, רעאַלער און זי זאָל פאַרענטפערן די תנאים פון איצטיקן לעבן — דאָס זענען די פּראָבלעמען, וואָס עס שטעלן זיך די היינטצייטיקע פּעד־דאַגאָגן. אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען האָט זיך אויך פאַרטראַכט פּ. א. קראָ־פּאָטקין. כאָטש ער איז נישט געווען קיין פּעדאַגאָג פון פּראָפעסיע, פונדעסטוועגן האָבן אים די דערציאונגס־פראַגן טיף אינטערעסירט און ער האָט כמעט דער ערשטער פון די היינטצייטיקע סאָציאַליסטן (נישט רעכנענדיק פוריען און פּרודאָנען) צוגעגעבן א גוואַלדיקע וויכטיקייט דער דערציאונג: זי וועט פאַר־שנעלערן דאָס אָנקומען פון א נייער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, א מער יושרדיקן לעבן.

פּיאָטער אַלעקסעיעוויטש האָט נישט אָנגעשריבן קיין ספּעציעל ווערק וועגן דערציאונג, אָבער ער איז געווען אַן אמתער „לערער פונעם לעבן", און געדאַנקען וועגן דערציאונג, וועגן דער ראָל פון בילדונג און ענלעכס געפינען מיר אויף אַן א שיעור זייטן פון זיינע שאַפונגען. באַזונדערס האָט זיין בליק אויף דערציאונג און בילדונג קראָפּאָטקין עקספּאָנירט אין זיין בוך „פעלדער, פאַבריקן און וואַר־שטאַטן", וואו ער האָט געווידמעט א גאַנץ קאַפּיטל דער אינטעלעקטועלער און האַנט־אַרבעט". שפּעטער צו האָט פּ. א. עקספּאָנירט זיינע פּעדאַגאָגישע מיי־נונגען אינעם בריוו צו פראַנסיסקאָ פערער (יאָר 1908) און אין זיין רעדע „האַנט־אַרבעט אין שול", וואָס ער האָט געהאַלטן אין יאָר 1917 אויף דער יובי־ליי־זיצונג פון דעם בוך־פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", און אויך אין דער רעדע אויף דעם לערער־צוזאַמענפאָר פון דמיטראָווער קרייז אין יאָר 1918.

נאָר נאָך א סך פריער, אין זיין באַוואוסטער אַרבעט „ברויט און פרייהייט", רירט קראָפּאָטקין אָן אין עטלעכע קאַפּיטלעך דערציאונגס־פראַגן און רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן די אינטעלעקטועלע אַרבעט מיט דער האַנט־אַרבעט; די דאָזיקע פאַראייניקונג דאַרף זיך אָנהייבן שוין אין שול. אין „ברויט און פרייהייט" באַהאַנדלט ער אויך די אָנגעווייטיקטע פראַגע פון שול־לעבן — די פראַגע וועגן פ ו י ל ק י י ט און ער פאַרזיכערט, אַז עס זענען נישטאָ קיין איינגעבוירענע פוילענצער, נאָר עס זענען בלויז פאַראַן מענטשן, וואָס אָדער זיי זענען נישט פעאיק צו דער אַרבעט צוליב פיזישע סיבות, אָדער מענטשן, ביי וועמען די דערציער האָבן אין דער קינדהייט נישט געקענט אויפוועקן ליבשאַפט צו דער אַרבעט.

„צי דען זעט איר נישט", ווענדעט זיך פּיאָטר אַלעקסייעוויטש צו די פּעד־דאַגאָגן פון זיין צייט, „אַז מיט אייערע אונטעררריכטס־מעטאָדן, וואָס דאָס מי־ניסטעריום אַרבעט אויס פאַראַמאָל פאַר מיליאָנען שילער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר פונקט אַזויפיל מיליאָנען פאַרשידענערליי פעאיקייטן, בינדט איר זיי בלויז אָן א סיסטעם, וואָס טויג פאַר מיטלמעסיקייטן און איז געשאַפן דורך מיטלמעסיקייטן. א י י ע ר ש ו ל ו ו ע ר ט א ש ו ל פ ו ן פ ו י ל ע נ־צ ע ר יי, פונקט אַזוי ווי אייערע תפיסות זיינען שולן פון פאַרברעכן".

אין דעם זעלביקן קאַפּיטל פון „ברויט און פרייהייט" שרייבט קראָפּאָטקין:

„איידער אָנשטאָפּן דעם קינדס קאָפּ מיט וויסן, גיט אים פריער געזונט... און דערנאָך הייבט אים אָן צו לערנען נעאָמעטריע אויף דער פרייער לופט — נישט לויטן בוך, נאָר דורך אויסמעסטן מיט אים צוזאַמען דעם שטח ביז צו דעם נאָענטסטן פעלדז, לערנט אים נאַטור־געשיכטע דורך קלייבן בלומען און כאַפּן פיש, פיזיק — דורך העלפן בויען דאָס שיפל, אויף וועלכן ער וועט פאָרן אויף פישפאַנג. נאָר קודם־כל — האַקט נישט אָן זיין מוח מיט פוסטע פראַזעס און אוראַלטע לשונות: מאַכט נישט פון אים קיין פוילענצער".

אין וויסן האָט פּיאָטר אַלעקסייעוויטש געזען אַ מעכטיקן כוח און ער האָט גערופן „צוציען די מאַסן צו די ברכות פון דער קולטור און דער וויסנשאַפט". ער האָט געהאַלטן, אַז אין דעם טאָג, ווען די וויסנשאַפט וועט ווערן דאָס אייגנ־טום פון די מאַסן, וועט די מענטשהייט זיך אַ רוק טאָן ווייט פאָראויס און וועט שאַפן אינערלעכע כוחות אין דער פרייער קאָלעקטיווער אַרבעט. פאַר דעם אָבער דאַרף מען איבערבויען די פּאָלקס־בילדונג אויף נייע יסודות, מ׳דאַרף ס׳זאָל געשאַפן ווערן אַ נייע דערציאונג, מ׳דאַרף ס׳זאָל איבערגעבוירן ווערן יעדנס באַוואוסטזיין וואָס אָנבאַלאַנגט זיין באַציאונג צום צווייטן."

אַ פלאַמיקער קעמפער פאַר דעם מענטשנס פולער באַפרייאונג פון יעטוועדער אונטערדריקונג און גוואַלט איז פּ. אַ געווען פאַר אַ פרייער אַרבעטס-דער־ציאונג. היות ער האָט צוגעגעבן אַ גוואַלטיקע באַדייטונג דעם שעפערישן גייסט פון דער פערזענלעכקייט און דער בויענדיקער אַרבעט פון דער נייער געזעלשאַפט, האָט קראָפּאָטקין זיך באַצויגן זייער אויפמערקזאַם צום וואוקס פון קינדס אַליינדערקענטעניש, צו זיין זעלבסטשטענדיקייט, און אָנערקענט פאַר דעם קינד דאָס רעכט אויף פרייער אַנטוויקלונג און מאַניפעסטאַציע פון זיינע פעאיקייטן.

„מ׳דאַרף געבן די מעגלעכקייט יעדן איינעם פריי אַרויסצואווייזן זיינע כו־חות, זאָגט קראָפּאָטקין, מ׳דאַרף דערציען פון יעדן מענטשן אַ האַרמאָניש אַנט־וויקלטע, קריטיש־דענקענדיקע און אַקטיוו־האַנדלענדיקע פערזענלעכקייט. דער־פאַר דאַרף מען אומבאַדינגט געבן דעם קינד פרייהייט און קענען אויפוועקן אין די שילער צוטרוי צו די אייגענע כוחות, צו דער איניציאַטיוו און טעטיקייט, בכדי ער זאָל ווערן נישט אַ פּאַסיווער באַטראַכטער פונעם לעבן, נאָר זיין אַן אַקטיווער בויער".

אין זיין בוך „פעלדער, פאַבריקן און וואַרשטאַטן", בעתן ריידן וועגן דער היינטיקער דערציאונג, שרייבט ער: „מיר לערנען נישט אויס די קינדער דאָס סאַמע וויכטיקסטע — ווי מע דאַרף זיך לערנען". אויסלערנען דאָס קינד ווי מ׳דאַרף אויפן בעסטן אופן זיך איינשאַפן וויסן — דאָס איז, לויט קראָפּאָט־קינס מיינונג, די ראָל פונעם לערער. דער לערער דאַרף גוט געדענקען סאָקראַטס ווערטער: אויב ס׳וועט ווער זאָגן, אַז סאָקראַט האָט געגעבן עמעצן בילדונג,

וועט דאָס זיין אַ ליגן, מחמת סאָקראַט קען אין דער ווירקלעכקייט קיין שום בילדונג נישט געבן, נאָר ער קען זיין בלויז אַן אַקושאָר פונעם געדאַנק. פונקט ווי דער אַקושאָר געבערט נישט דאָס עופהלע, נאָר העלפט עס זאָל אַרויסקומען אויף דער וועלט, אַזוי קען אויך דער לערער נישט געבן דעם געדאַנק, נאָר קען בלויז אַ ר ו י ס פ י ר ן  אויף אים, אָדער פאַרלייכטערן זיין געבורט און דערשיינונג.

„מיט דערפאָלג קען זיך פאַרנעמען מיט דער וויסנשאַפט בלויז דער — זאָגט קראָפּאָטקין — וועמ ס'האָט פאַראייניקט די גוטע מעטאָדן פון דער וויסנשאַפטלעכער נאָכפאָרשונג. וויבאַלד דער געלערנטער האָט נישט אויסגעאַרבעט אין זיך די געשיקטקייט צו  אָ ב ס ע ר ו י ר ן,  פּינקטלעך צו  ב אַ ש ר י י ב ן  דאָס, וואָס ער האָט אָבסערווירט און די פעאיקייט צו  אַ נ ט ד ע ק ן  די קעגנזייטיקע שייכותן צווישן, לויט עס ווייזט זיך אויס, פולשטענדיק אומגלייכע פאַקטן, און ער האָט אויך נישט די פעאיקייט צו מאַכן, אויפן גרונט פון די דורכגעפאָרשטע פאַקטן, אינדוקטיווע היפּאָטעזעס און דערווייזן זיי, — קאָן ער נישט זיין קיין גוטער געלערנטער. פונקט אַזוי קען מען אויך נישט זיין קיין גוטער בעל־מלאכה, אויב מען געוואוינט זיך נישט צו צו בעסערע מעטאָדן פון האַנט־אַרבעט... דעריבער, גיט קראָפּאָטקין צו, באַשטייט, ביים דערלערנען די וויסנשאַפטן, מלאכות און קונסטן דער הויפּט־ציל פון דער שול אַבסאָלוט נישט אין מאַכן אַ ספּעציאַליסט פונעם אָנפאַנגענדיקן שילער, נאָר אין באַקאַנען אים מיט די יסודות פון דער וויסנשאַפט און די גוטע אַרבעטס־מעטאָדן, און, איבערהויפּט, געבן אים אַזאַ אַלגעמיינע ריכטונג, וועלכע זאָל ביי זיינע ווייטערדיקע באַשעפטיקונגען אים נויגן צום אמת, צו דער ליבע צו שיינקייט פון פאָרם און אינהאַלט, צו דער דערקענטעניש אומבאַדינגט צו ווערן אַ נוצלעכער איינס באַגלייך מיט אַנדערע מענטשן און צונויפגיסן זיין האַרץ מיט דעם אַל־געמיין־מענטשלעכן לעבן."

„נישט קיין פּאַסיוו פאַראייגענען די וויסנשאַפטלעכע אמתן, נאָר, באַוואָפנט מיט עקספּעריענץ און קענטשאַפט, וויסנשאַפטלעך אַריינדרינגען אין די יסודות פון דער נאַטור און אַנטוויקלען די אַקטיווימעט און זעלבסט־טעטיקייט, בלויז דערמאָלט וועט אויסוואַקסן די גאַנצע פּערזענלעכקייט, וואָס וועט שאַפן אַ ניי האַרמאָניש לעבן..."

לויט קראָפּאָטקינס מיינונג דאַרף יעדער מענטש אין שול זיך אויסלערנען נישט בלויז  ו ו י ס נ ש אַ פ ט,  נאָר אויך אַ וועלכן ס'איז  פ אַ ך. „מיר פאָדערן, זאָגט ער, אַן  אַ י נ ט ע ג ר אַ ל ע  אַנטוויקלונג פאַר אַלעמען, אַ פולע און אַלזייטיקע, וועלכע וואָלט צו־נישט געמאַכט, סוף־כל־סוף, די פאַר־דאַרבנדיקע איינטיילונג פון מענטשן אויף פאַרשטייער פון אינטעלעקטועלער אַרבעט און אויף פאַרשטייער פון פיזישער אַרבעט".

„אין די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט און דער אינדוסטריע און גלייכ־צייטיק פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאַרף יעדער מענטש, אָן חילוק פון רעכט

אויף געבורט און שטאַנד, באַקומען א וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג צוגלייך מיט אַן ערנסט דערלערנען אַ פאַך."

פּראַקטישע אַרבעטן, שרייבט ער ווייטער, געוואוינען צו דעם מענטשן צו טראַכטן קאָנקרעט, צוגיין צום תמצית פון דער זאַך, נישט פּלאָנטערן זיך אין אַבסטראַקציעס, אין ווערטער און דיאַלעקטיק, וואָס פאַרטונקלען דעם געדאַנק. די פּראַקטיק העלפט דעם מענטשן צונויפשטעלן אַ זאַכלעכע פאָרשטע־לונג וועגן אַלץ, מיט וואָס אים וואָלט אויסגעקומען צו האָבן אַ שייכות, זאָל עס זיין אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער באַלעבאַטישקייט, געשיכטע, די פאַר־פּלאָנטערטע פראַגן פון ביאָלאָגיע, פילאָזאָפיע.

איינע פון די אויפגאַבעס פון דער דערציאונג דאַרף זיין דאָס צוגעוואוינען דאָס קינד צו האָבן דרך־ארץ פאַר זיין און פאַר יע־נעמס אַרבעט. אַרבעט, ווי באַשיידן זי זאָל נישט זיין, האָט דאָס רעכט אויף רעספּעקט.

מ'דאַרף אויך, אַז שוין אין שול זאָלן זיך די קינדער לערנען אָרגאַני־זאַציע פון דער אַרבעט. „די קינדער דאַרפן זיך לערנען אַליין, זאָגט קראָפּאָטקין, צו אָרגאַניזירן זיך פאַר דער אַרבעט אין די שול־וואַרשטאַטן, אין די שול־גערטנער, אין די שפּילן, עקסקורסיעס און באַלעבאַטישקייט".

דאָס גאַנצע לעבן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט אַנטוויקלט אין די יונגע מענטשן דעם סאַמע אייגנטלעכן אינדיווידואַליזם. נישט די אינדי־ווידואַליזאַציע, נישט די פולע אַנטוויקלונג פון די פעאיקייטן פון דער פערזענלעכקייט, וואָס איז אומבאַדינגט גוטיק און וויכטיק, נאָר טאַקע דעם אינדיווידואַליזם, דאָס הייסט די שטרעבונג פון יעדן איינעם צו באַפרידיקן בלויז זיינע אינטערעסן.

„די שול דאַרף אַנטוויקלען, באַזונדערס איצט, ווי אַ קעגנווירקונג צום אינ־דיווידואַליזם, וואָס פאַרכאַפּט סיי די בורזשואַזיע, סיי די מאַסע, — דעם באַ־וואוסטזיין פון מענטשן־סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקייט, אומצעטיילבאַרקייט פון אַלע זייערע אָנשטרענגונגען אין דער געמיינזאַמער אַר־בעט פאַרן לעבן פון דער געזעלשאַפט.

די שול דאַרף אויך אַנטוויקלען אין די קינדער די געפילן פון קעגנזייטיקער הילף און סאָלידאַריטעט, פאַרשטאַרקן אין זיי דעם באַוואוסטזיין וועגן אַלעמענס און יעדן איינעמס קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון זייערע נאָענטע. „די איצטיקע שול, זאָגט קראָפּאָטקין, איז נאָך אַלץ מריי די טראַדיציעס פון די אַמאָליקע ציטן, העלפט צופיל אַנטוויקלען אין די קינדער דעם אייגנטום־פּריני־ציפּ; מ'לערנט די קינדער פּיטאַגאָרס טעאָריע, ניוטאָנס געזעצן א. א. וו. בעת ס'איז נישטאָ אין דער וויסנשאַפט אָדער טעכניק קיין שום אַנטדעקונג, וואָס זאָל נישט געווען זיין די פּרוכט פון אַ גאַנצער ריי פריערדיקע אַנטדעקונגען." דער־פאַר איז נויטיק, אַז פון דער סאַמע יונגנטלעכער עלטער אָן זאָל זיך דער מענטש

צוגעוואוינען צום געדאַנק וועגן קאָלעקטיוון לעבן, וועגן קאָלעקטיווער שאַפונג און סאָלידאַריטעט.

ס'איז נויטיק, אַז דער געדאַנק „אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע", וואָס עס פּראַקטיצירן אין דער פרייער נאַטור טאָג־טעגלעך אין זייערע געזעל־שאַפטן מיליאָנען געזעלשאַפטלעכע בעלי־חיים, אפילו רויב־חיות, זאָל ווערן אויך די מענטשנס לאָזונג. ס'איז נויטיק, אַז מ'זאָל דעם דאָזיקן געדאַנק אויפהערן באַטראַכטן ווי אַ פּוסטע אילוזיע, מ'זאָל אים איינפירן אין לעבן, יעדער איינער לויט דער מאָס פון זיינע כוחות".

ס'איז נויטווענדיק צו אַנטוויקלען אין די קינדער דעם גייסט פון געזעלשאַפטלעכקייט דורך אויסבויען אַלע מעגלעכע שילערישע געזעלשאַפטן (ווי למשל, אַ געזעלשאַפט צו זאַמלען קאָלעקציעס, צו אָבסערווירן די נאַטור א. א. וו.). אַזעלכע געזעלשאַפטן געוואוינען צו זייערע מיטגלידער צו אַכטן און דערפילן פּריוויליק די אויף זיך גענומענע פליכטן, געוואוינען צו צוזאַמענדיקער אַרבעט. „ווי זעלטן, באַמערקט קראָפּאָטקין, מ'זאָגט דער יוגנט און די קינדער, אַז דאָס אינדיווידועלע לעבן, דאָס אינדיווידועלע גליק וועט זיין נישט פולשטענדיק און האַפטלאָז אָן אַן ענגער באַציאונג פון איין מענטשן מיט די אַנדערע".

בזה אופן, דאַרף דאָס דערציען דעם פאַרשטאַנד (באַקומען ריין וויסנשאַפטלעכע קענטעניש) גיין באַגלייך מיט דער דערציאונג פונעם האַרץ, מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם ווילן, פונעם מאָראַלן געפיל אינעם קינד. נאָר די מאָראַלע דערציאונג דאַרף זיך נישט אויסגיסן אין דער פאָרם פון לערנען די קינדער אַ וועלכן ס'איז דאָגמאַטישן מאָראַל־קאָדעקס. די מאָראַלע דערציאונג דאַרף זיין אַ פּראַקטישע און פרייע. אונטער מאָראַל האָט קראָפּאָטקין פאַרשטאַנען נישט דאָס, וואָס מען פאַרשטייט געוויינלעך אונטער איר, ד"ה די זאַמלונג פון איינגעשטעלטע מאָראַלע פאָדערונגען, נאָר דאָס מאַניפעסטירן זיך פון די געפילן פון קעגנזייטיקער הילף, גערעכטיקייט און ברייטהאַרציקייט אָדער קרבנות־גרייטקייט אינעם מענטשן. דער דערציער דאַרף מיטהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע געפילן ביי די קינדער, בכדי דער שילער זאָל אַליין שפּעטער קענען שעפערי ש אויסאַרבעטן אויף זייער יסוד אַ מאָראַלן אידעאַל און אויפן וועג פון פרייער שעפערישער אַרבעט פאַרווירקלעכן אים אין ווי ווייט מעגלעך ברייטע פּראָפּאָרצן אין זיין לעבן.

צו רעזומירן דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכטע אויבן, קאָנען מיר זאָגן, אַז דריי גרויסע אויפגאַבן האָט קראָפּאָטקין אוועקגעשטעלט אין דער דערציאונגס־וועלט: 1) צו באַפרייען דאָס קינד פונעם יאָך פון הערשאַפט און אויטאָריטעט; 2) פאַר־אייניקן אין שול און לעבן די גייסטיקע אַרבעט מיט דער פיזישער אַרבעט, און 3) אַנטוויקלען אין די קינדער די אינסטינקטן פון געזעלשאַפטלעכקייט און געפילן פון קעגנזייטיקער הילף, סאָלידאַריטעט און גערעכטיקייט.

די דאָזיקע אַלע דריי אויפגאַבעס זענען שטאַרק ענג צונויפגעבונדן איינע

מיט דער אַנדערער, און אַלע דאַרפֿן זיי ווערן געלייזט איינציייטיק, ווייל נאָר זייער לייזונג וועט העלפֿן צו דער דערגרענטערונג פֿון אַ נייעם, ליכטיקן, פֿרייען און גערעכטן לעבנס־בוי. דאָס זאָל ווערן אַ ווירקלעכקייט — פֿאַר דעם האָט עס קראַפֿאַטקין געקעמפֿט זיין גאַנץ לעבן לאַנג. בלויז מיטן לייזן די דאָזיקע אויפֿגאַבעס וועט זיין מעגלעך, אַז אויף דער וועלט זאָל אויפֿקומען אַ פֿרייער מענטש, אַ שעפֿער, און ס'זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פֿרייע הערשאַפֿטסלאָזע געזעלשאַפֿט, וואו ס'וועט נישט זיין קיין צוואַנג, נישט קיין אונטערדריקונג, און וואו ס'וועט פֿאַרשווינדן די עקספּלאָטאַציע פֿון איין מענטש איבער דעם צווייטן.

מ. איזידין

# פון פ. א. קראָפּאָטקינס וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע אַנשויאונגען*)

גענוען אַ מאָמענט אין קראָפּאָטקינס לעבן, ווען ער האָט מקריב געווען מער, ווי די גלענצנדע קאַריערע, מער ווי רייכטום, מער, ווי אַלע ערדישע וואוילטאָגן: ער האָט מקריב געווען זיין צוקונפט פון אַ געלערנטן, ער האָט געבראַכט דעם קרבן באַוואוסטזיניק, ווען ער האָט שוין געהאַט געגעבן דער וויסנשאַפט מערקווירדיקע ווערק, פאַרזוכנדיק שוין דעם געשמאַק פון דעם וויסנשאַפטלעכן שאַפן. דער געדאַנק, אַז ער וועט געניסן פון אָט־דעם גליק פאַר די אויסדערווײלטע אינעם פאָלק, וואָס האָט נישט די פרייד פון וויסן און גייסטיקער אַנטוויקלונג, איז פאַר אים געווען אומדערטרעגלעך. און אָט האָט ער, שוין זייענדיק באַקאַנט אלס געלערנטער, מיט־אַמאָל זיך פאַרקירעוועט און אַרויף אויפן וועג פון דער רעוואָלוציע.

אָבער, דער גוטער גייסט, וואָס האָט אים דורכגעפירט דורך טויזנטער סכנות און וואָס האָט געגעבן, נישט קוקנדיק אויף גאָרנישט, די מעגלעכקייט זיך צו אַנט־וויקלען זיין היפשער פערזענלעכקייט, האָט נישט דערלאָזט, אַז זיין שכל זאָל פאַר־לאָרן גיין פאַר דער וויסנשאַפט. שפּעטער איז ער געווען אומשטאַנד אפילו אינעם ברען פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט נאָכפאָלגן די דערפאָלגן פון דעם מענטש־לעכן געדאַנק. און ער האָט זיי נישט־נאָר נאָכגעפאָלגט: זיין שכל איז געווען צו אָריגינעל דערויף, צו שעפעריש. אין די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון זיין צייט, האָט ער תיכף אויפגעכאַפּט נישט נאָר דאָס, וואָס איז אין זיי, אָן און פאַר זיך, גע־ווען מער ווענטלעך, נאָר אויך די אַלע אויספירן, וואָס דער מענטשלעכער שכל האָט געקאָנט מאַכן פון זיי פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט.

קראָפּאָטקין האָט זיך באַשעפטיקט מיט זייער פאַרשידנאַרטיקע פראַגן, אַריינ־ברענגענדיק אומעטום זיין לעבעדיקן און דורכדרינגלעכן שכל, זיין שעפערישן גע־

---

*) פון דעם ספּעציעלן נומער פון דער צייטונג „טאָן נאָוואָ (מערץ 1921), געווידמעט פ. א. קראָפּאָטקינען נאָך זיין טויט.

דאַנק. „די קאָגניטיווע הילף“ רוקט אַרויס אַ נייעם עוואָלוציע-פאַקטאָר, מיט וועלכן די נאַטורוויסנשאַפט מוז זיך פון איצט אָן רעכענען. „די גרויסע פראַנצויזישע רע־וואָלוציע“ ווייזט צום ערשטן מאָל די ראָל פון דעם פאָלק, און נישט נאָר פון די פירער, אינעם לעבן פון אָט־דער גרויסער עפּאָכע, וואָס דערשיינט פאַר אונדז, אַזוי אַרום, אין אַ גאַנץ נייער ליכט. די „עטיק“ ענטפערט אויף איינער פון די אָנגע־ווייטיקסטע פראַגן פון דער מענטשלעכער נשמה: וואָס איז אַזוינס מאָראַל, און אין נאָמען פון וואָס שטעלט זי די אָדער יענע פאָדערונגען? און וואָס־נאָך וואָלט אונדז נישט געווען געגעבן דער דאָזיקער אומדערמידלעכער שכל! אָבער דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן... און וואו זיינען די דאָזיקע מוח־אַרבעטער, וואָס זאָלן קאָנען, אַפילו טיילווייז, פאָרזעצן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן?

אַ פולשטענדיקע אויסטייטשונג פון קראָפּאָטקינס וויסנשאַפטלעכער ירושה — איז אַ גאָר גרויסע אויפגאַבע; דאָס וועט אַמאָל געטאָן ווערן. דאָ ווילן מיר אָנווייזן בלויז אויף די סאַמע אַלגעמיינע שטריכן און מיר האַלטן פאַר נויטיק אַזאַ אַרבעט, אַפילו אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם דערפאַר, ווייל ריידנדיק פון קראָפּאָטקינען דאַרף מען שטענדיק אינזינען האָבן, אַז באַגלייך מיט זיין גרויסער ליבשאַפט צו מענטשן, ליגט אין דעם פונדאַמענט פון זיין וועלט-אָנשויאונג אַן האַרמאָנישער וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישער געדאַנק.

אַ גייסטיקער זון פון אַן עפּאָכע פון אָנגעשטרענגטן גייסטיקן קאַמף, אין פאַר־בינדונג מיט דעם גאָר-וואָס־דערשינענעם דאַרוויניזם, ווייזט קראָפּאָטקין אָן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ פולשטענדיקער רעוויזיע, אין איינקלאַנג מיט די מעטאָדן פון דער נאַטורוויסנשאַפט, פון אַלע פאָרשונגס־מעטאָדן, וואָס זיינען אָנגענומען אין די אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. און נישט נאָר ער לייגט דאָס פאָר, נאָר — ווי תמיד — ער אַליין גיט תיכף דעם ביישפּיל, בויענדיק זיינע אייגענע מיינונגען אויפן ביאָלאָגישן יסוד.

דער דאָזיקער יסוד איז, ערשטנס — די גרויסע באַדייטונג וואָס ער גיט צו די אַזוי גערופענע קאָנקרעטע וויסנשאַפטן וועגן דער געזעלשאַפט: די געשיכטע, עטנאָגראַפיע, דאָס שטודירן דעם פאַרהיסטאָרישן מענטשן, די געשיכטע פון די רעליגיעס א.א.וו. להיפּוך צו דער אַבסטראַקטער סאָציאָלאָגיע, וואָס פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט אַלגעמיינע טעאָריעס. דערנאָך — דאָס אָנ־ווענדן דעם אינדוקטיוון מעטאָד ביים שטודירן די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. לסוף — די סיסטעם פון מאָראַל, געבויט אויף די באַווייזן פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט.

ווען דער באַגריף וועגן עוואָלוציע איז אַריינגעדרונגען אין דעם מוח און פאַר־שיט דעם אָפּגרונט צווישן דעם מענטשן און דער איבעריקער אָרגאַנישער וועלט, זיינען אַנטשטאַנען אַ ריי נייע וויסנשאַפטן (די עטנאָגראַפיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, דאָס שטודירן דעם פאָרהיסטאָרישן לעבנס־אַרט א.א.וו.), וואָס שטעלן מיט זיך פאָר צוזאַמענגענומען, די אמתע נאַטור־געשיכטע פון דעם מענטשן. פון זיי טאַקע האָט קראָפּאָטקין געשעפּט דעם מאַטעריאַל פאַר זיין

„קעגנזייטיקע הילף‟. זיין שאַרפער שכל האָט תיכף אויפגעכאַפּט די באַדייטונג, וואָס עס האָבן פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט די אָן א צאָל נייע פאַקטן, וואָס ער האָט אַנטדעקט אויפן דאָזיקן געביט, ווי אויך אַנדערע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן פון די חיות. און צווישן די אַלע פאַקטן האָט אים איבעראַשט איינער, דער גרעסטער, דער בולטסטער: דאָס איז — די גרויסע, אַלעם-אומפּאַסנדיקע ראָל פון דער קעגנזייטיקער הילף. אַ געווירשנטע פון דעם לעבן פון די חיות, וואו זי איז אַ מעכטיק מיטל אויף צו פאַרזיכערן די דערהאַלטונג פון דעם מין אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, האָט זי אין דער התחלה פון דעם לעבן פונעם מענטשן געשפּילט די ראָל פון אַן אַנטשיידנדיקן פאַקטאָר: ווען אונדזער האַלב-מאַלפּעשער עלטער-זיידע וואָלט נישט געווען געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע חיה, וואָלט ער נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם היינטיקן מענטשן. שפּעטער, ווען דער מענטשהייט איז אויסגעקומען אויסצואַרבעטן נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, האָט זי געשעפּט פון דעם זעלבן קוואַל; דער פּראָגרעס איז באַשטאַנען טאַקע אין דעם, וואָס די פּרינציפּן פון קעגנזייטיקער הילף האָבן אַרומגענומען אַלץ ברייטערע און ברייטערע מענטשלעכע גרופּירונגען; אין דער צוקונפט וועלן זיי אַרומנעמען די גאַנצע מענטשהייט.

אין אַלע היסטאָרישע עפּאָכעס — זאָגט קראָפּאָטקין — האָבן צוויי כוחות געקעמפט אין די מענטשלעכע געזעלשאַפטן: פון איין זייט די פאָלקס-באַוועגונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו מער פרייהייט, צו אַ ברייטערער געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט; פון דער צווייטער זייט — די קעגנזעצלעכע כוחות פונעם שטאַט, וועמען, פאַרקערט, ס'האָט געלוינט צו איבעררייסן צווישן די אונטערטאַנען אַלע דירעקטע פאַרבינדונגען, זיי דערווייטערן איינעם פון צווייטן, פאַרוואַנדלען זיי אין מענטשן-שטויב, איבער וועלכן דער שטאַט זאָל זיין דער אַליינהערשער. קראָפּאָטקין ווייזט אונדז, ווי אַזוי אין דער ווירקלעכקייט זיינען, אין דער געשיכטע, סתירותדיק די צוויי דערשיינונגען, וואָס מען מישט, געוויינטלעך צוזאַמען: געזעלשאַפט און שטאַט; נישט נאָר זיי זיינען נישט איינס און דאָס זעלבע, נאָר זיי מוזן אומפאַרמיידלעך פאַרפירן אַ קאַמף צווישן זיך. דער אַנאַרכיסט וועלכער קעמפט קעגן דעם שטאַט, איז צוליב דעם. בכלל נישט קיין אַנטיסאָציאַלע פּערזאָן, ווי מען מאָלט אים געוויינלעך: פאַרקערט, ער אַרבעט אויף צו באַפעסטיקן די ריכטיקע געזעלשאַפט, די ריכטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. דער כאַראַקטער פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענבונד — אָט די שטרייטבאַרע פראַגע, — אַרום וועלכער עס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן די סאָציאַליסטישע שולן — באַקומט, אַזוי אַרום, אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערקלערונג: דאָס — איז די ירושה וואָס דער עבר האָט איבערגעלאָזט דער מענטשהייט, דאָס — *איז די נאַטירלעכע, ביאָלאָגישע באַדערפעניש אין קעגנזייטיקער הילף*. דער דאָזיקער צוזאַמענבונד, וואָס דער שטאַט האָט שטענדיק נאָר אָפּגעשוואַכט, דער דאָזיקער סאָציאַלער אינסטינקט וועט זיך קאָנען פולשטענדיק אַנטוויקלען און זיך מאַניפעסטירן נאָר אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו ס'וועט נישט עקזיסטירן קיין שום צוואַנג. אויף דער פראַגע, וואָס מען שטעלט אונדז: — „אָפּשאַפנדיק דעם שטאַט

און די יורידישע פֿאָרמען, מיט וואָס פֿאַרבייט איר זיי און ווי אַזוי וועט איר פֿאַרזיכערן דאָס לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט?" האָבן מיר, אַזוי אַרום, איצט אַ פּאַרטיקן ענטפֿער: דורך דער געמיינשאַפֿטלעכקייט, דורך דער באַדערפֿעניש אין קעגנזייטיקער הילף, ד. ה. דורך דעם וויסנשאַפֿטלעך־פֿעסטגעשטעלטן ביאָלאָגישן פֿאַקטאָר פֿון יעדן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, — דער איינציקער רעאַלער פֿאַקטאָר, להיפּוך צו אַלע מעטאַפֿיזישע אמתן, וועלכע מען וויל אונדז אָנבינדן, אַלס נויטווענדיקע".

אויסשפּרייטנדיק אויף די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אַ צווייטן גרונטשטריך פֿון דעם מאָדערנעם דענקען: אָנהויבנדיק שטודירן אַ קעגנשטאַנד פֿון זײַנע קלענסטע, אוממיטלבאַרע טיילעכלעך, קומט קראָפּאָטקין צום געדאַנק, אַז שטודירנדיק דאָס לעבן פֿון דער מענטשהייט, מוז מען אָנהויבן פֿונעם פֿונדאַמענט, *פֿון דער פּערזאָן*. נאָר זי אַליין האָט אַ רעאַלע עקזיסטענץ דאָ, ווען די געזעלשאַפֿט, דער שטאַט, דאָס רעכט, דאָס געזעץ — זײַנען נישט מער, ווי אַבסטראַקטע באַגריפֿן, וואָס אונדזער שכל האָט געשאַפֿן אויף צו באַצייכענען די, אָדער אַנדערע באַציאונגען צווישן די פּערזאָנען. אַלס אַזעלכע, קאָנען זיי נישט האָבן קיין זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, נישט קיין אינטערעסן, נישט קיין גורלות אויסערהאַלב די אינטערעסן און גורלות פֿון די מענטשן; באַזונדערס קאָנען זיי נישט האָבן קיין שום רעכטן, וואָס זאָלן זײַן גרעסער פֿון די רעכטן פֿון דער פּערזאָן, ווייל קיין שום רעכט קאָן נישט באַלאַנגען צו אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט נישט. די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמען עקזיסטירן *אַדאַנק* דער עקזיסטענץ פֿון די פּערזאָנען *און צוליב זיי*; די געשיכטע גייט נישט אַריבער איבער די קעפּ פֿון די מענטשן, מיטשלעפּנדיק זיי מיט איר שטראָם: זי ווערט פֿאַרווירקלעכט נאָר דורך זיי און דורך געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמען וואָס זיי שאַפֿן.

אינעם פֿונדאַמענט פֿונעם שטודירן די געזעלשאַפֿט ליגט, אַזוי אַרום, דאָס שטודירן די פּערזאָן, און דאָס לעצטע באַלאַנגט צום געביט פֿון דער פּסיכאָלאָגיע. דער געדאַנק, אַז די פּסיכאָלאָגיע איז דער נויטיקער יסוד פֿון דער גאַנצער סאָציאָלאָגישער פֿאָרשונג איז, רעלאַטיוו, אַ נייער. דער גרינדער פֿון דער סאָציאָלאָגיע, אויגוסט קאָנט, האָט זיך אינגאַנצן נישט גערעכנט מיט איר; אין זײַן קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די וויסנשאַפֿטן איז דער איבערגאַנג פֿון דער ביאָלאָגיע צו דער סאָציאָלאָגיע, פֿון דעם אַנאַטאָמישן און פֿיזיאָלאָגישן שטודיום פֿון דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם צו דעם שטודיום פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ דירעקטער. און אַנדערש האָט אין קאָנטס עפּאָכע נישט געקאָנט זיך אויספֿורמען דער וויסנשאַפֿטלעכער געדאַנק: די פּסיכאָלאָגיע איז נאָך געווען צו שטאַרק באַהערשט פֿון ספּעקולאַטיווער מעטאַפֿיזיק. נאָר פֿון זינט די וויסנשאַפֿט איז אוועק פֿאָראויס, איז געבוירן געוואָרן די פֿיזיאָלאָגישע פּסיכאָלאָגיע, דערנאָך די קאָמפּאַראַטיווע פּסיכאָלאָגיע. ס'איז געפֿונען געוואָרן די רינג, וואָס האָט געפֿעלט צווישן דער ביאָלאָגיע און דער פּסיכאָלאָגיע. קראָפּאָטקינס מוח האָט תיכף באַגריפֿן די גאַנצע באַדײַטונג פֿון אָט־דעם פֿאַקט, און ער האָט תיכף אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון די העכערע שטרעבונגען ביים מענטשן — די סאָציאַלע געפֿילן, די געפֿילן פֿון סאָלידאַריטעט.

דאָס אויפֿשטעלן אַ נייע עטיק האָט שוין פֿון לאַנג באַשעפֿטיקט קראָפּאָטקינען,

אַנהויבנדיק פון זיין ערשטער בראַשור וועגן „די מאָראַלע פּרינציפּן פון דעם אַנאַר־כיזם" ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. דאָס איז געווען זיין וויכטיקסטע אַרבעט, וואָס ער האָט געהאַפּט צו פאַרענדיקן, נאָר וואָס איז זיך אַלץ־מער צעוואַקסן און געוואָרן קאָמפּליצירטער דורך דעם, וואָס די נייע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָבן מיט זיך געבראַכט נייע באַווייזן. חוץ דעם, האָט די פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט, די פאָדערונגען פונעם מאָמענט, די מיטאַרבעטערשאַפט אין דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע פון אַלע לענדער אָפּט אָפּגעריסן קראָפּאָטקינען פון דער דאָזיקער אַרבעט. דעם ערשטן באַנד פון דער „עטיק" האָט מען אַרויסגעגעבן אין רוסלאַנד שוין נאָך זיין טויט (דער קריטישער איבערבליק איבער די סיסטעמען פון מאָראַל ביי פאַר־שידענע פילאָזאָפן); דער צווייטער באַנד, אין וועלכן ס'האָט געזאָלט אַריינגיין דער אָריגינעלער טייל פון דער אַרבעט, דאָס אויסטייטשן די נייע עטיק — איז, צום גרעסטן באַדויערן, געבליבן נישט פאַרענדיקט. נאָר אַפילו דאָס, וואָס מיר וויסן פונעם ערשטן באַנד און פון די טיילווייזע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט פריער, איז גענוג אויף זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם פילאָזאָפישן און סאָ־ציאָלאָגישן כאַראַקטער פון אָט דעם ווערק.

די ערשטע פראַגע אויף דעם געביט איז: וואָס זיינען מיר באַרעכטיקט צו דער־וואַרטן פון אַ וויסנשאַפטלעך־אויפגעשטעלטער עטיק, וועלכע זי זאָל נישט זיין? קאָנען מיר פון איר פאָדערן נאָרמען פון אויפפירונג, וואָס מיר וואָלטן געווען מחויב אויסצופאָלגן אין נאָמען פון אַ פּרינציפּ, וואָס שטייט העכער פון אונדזערע אייגענע שטרעבונגען? קאָנען מיר, מיט אַנדערע ווערטער, דערוואַרטן פון דער וויסנשאַפט אַ קאָדעקס פון מאָראַל? הפנים, אַז ניין. אַלץ וואָס זי קאָן אונדז געבן איז, דאָס וויסן דעם אורשפּרונג פון דעם מאָראַלן געפיל, זיין ראָל אין דער מענטש־לעכער עוואָלוציע, די מער גינסטיקע באַדינגונגען אויף צו באַפרידיקן די מענטש־לעכע באַדערפעענישן. דערנאָך איז שוין אונדזער זאַך — זיך צו רעכענען, אָדער זיך נישט רעכענען מיט די דאָזיקע אָנווייזונגען; פון דעם וועט זיין אָפּהענגיק בלויז אונדזער אייגן גליק. קיין שום אַנדערע התחייבות קאָן נישט אַרויסשטאַמען פון דעם וויסנשאַפטלעכן שטודיום פון דעם מאָראַלן געפיל. מיר האָבן נישט די מעג־לעכקייט איבערצוגעבן דאָ גענוי קראָפּאָטקינס טעאָריע פון מאָראַל, דאָך וועלן מיר דאָ ברענגען אַ קליינעם אויסצוג פון זיין בראָשור „די מאָראַלע פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיזם", וואָס דערווייזט קלאָר ווי אַזוי די דאָזיקע טעאָריע האָט איר אור־שפּרונג אין די ביאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע פאַר־הנחות. „אַזוי אַרום, וואָס דער מענטש זאָל נישט טאָן, ווי אַזוי ער זאָל נישט האַנדלען, **טוט ער כסדר אַזוי און נישט אַנדערש, אויספאָלגנדיק די באַ־דערפעענישן פון זיין נאַטור.** דער ערגסטער טאַט, ווי אויך דער שענסטער, אָדער דער גלייכגילטיקסטער טאַט, זיינען אַלצאַיינס דער רע־זולטאַט פון אַ באַדערפעניש פונעם געגעבענעם מאָמענט... אָבער מיינט דאָס דען, אַז ס'איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דעם מענטשנס האַנדלונגען? בשום אופן נישט. פונקט, ווי ס'איז פאַר אונדז פאַראַן אַ גוטער און שלעכטער ריח, אַ גוטער און שלעכטער טעם, זיינען פאַר אונדז פאַראַנען טאַטן, וואָס רעגן אויף, און טאַטן,

וואָס רופן אַרויס באַגייסטערונג. די באַגריפן פון גוטס און שלעכטס עקזיסטירן, אַזוי אַרום, אין דער מענטשהייט. ווי נידעריק עס זאָל נישט זיין די מדרגה פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אַ מענטשן, ווי פאַרנעפּלט עס זאָל נישט זיין מוח מיט אַלערליי פאַראורטיילן אָדער פון מאָטיוון פון פּערזענלעכע נוצן, באַטראַכט ער, פונדעסטוועגן פאַר גוט דאָס, וואָס ס'איז נוצלעך דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט, און פאַר שלעכט דאָס, וואָס ס'איז שעדלעך פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט". 1).

אָבער דאָס איז נאָך נישט די גאַנצע מאָראַל: דאָס איז בלויז איר מינימום, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן באַגריף וועגן גערעכטיקייט, וואָס ליגט אינעם יסוד פון די מאָראַל־באַגריפן פון אַלע צייטן. נאָר די מענטשן זענען פעאיק אויף עפּעס מער, ווי די שטרענגע גערעכטיקייט: זיי זענען פעאיק צו געבן אַנדערע מער, ווי זיי באַקומען פון זיי, דערויף זאָגן עדות אַלע אַקטן פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דעם, וואָס הייסט די אמתע מאָראַל פון דער צוקונפט. וועלכע איז איר פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער, איר נאַטירלעכער קוואַל? איר יסוד איז די רייכקייט פון דעם מענטשנס פּסיכישן לעבן, זיין גרענעצלאָזע ענערגיע, דאָס באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער קראַפט. די דאָזיקע קראַפט מוז האָבן אַן אויסגאַנג: „זיין בכוח צו האַנדלען — זיין מחויב צו האַנ'דלען. און אָט־די גאַנצע מאָראַלע „התחייבות", וועגן וועלכער מען האָט אַזויפיל גערעדט און געשריבן, באַפרייט פון יעדן מיסטיציזם, דריקט זיך אויס אין דעם פּשוטן און אמתדיקן באַגריף: דאָס לעבן קאָן זיך אויפהאַלטן נאָר פאַרשווענדיק זיך"... און וואָס מער דער מענטש פאַרשווענדט זיינע כוחות, וואָס ענערגישער ער „פאַרזייט לעבן אַרום זיך", אַלץ העכער און ברייטער איז זיין גליק. זיי שטאַרק, זיי גרויס, זיי ענערגיש אין אַלעמען, וואָס דו זאָלסט נישט טאָן... קעמף, כדי צו געבן יעדן די מעגלעכקייט צו לעבן מיט דעם דאָזיקן רייכן לעבן, וואָס זעצט אַרויס איבער די ברעגן; און זיי זיכער, אַז אין אָט דעם קאַמף וועסטו געפינען אַזאַ גרויסע פרייד, וואָס דו וועסט נישט געפינען קיין גלייכן צו איר אין קיין שום אַנדער טעטיקייט". 2).

די דאָזיקע מאָראַל פון דער צוקונפט האָט אַמבעסטן געפּאַסט קראָפּאָטקינען, זי האָט האַרמאָניזירט מיט זיין פּערזאָן. ער איז געווען דער פאַרטרעטער — וואָס איז צו פרי געקומען אויף דער וועלט — פון אָט־דער צוקונפט, אין וועלכער ס'וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען די בעסערע, נאָבלסטע זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. און מיט זיין לעבן האָט ער געוויזן, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן פאַרשווענדן, אָן אַ חשבון, פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט, די מתנות פון זיין האַרץ און שכל און זיין ענערגיע, גאָר נישט פאַרלאַנגענדיק דערפאַר פאַר זיך...

1) „די מאָראַלע פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיזם", אַרויסגעגעבן פון „בלעטלעך פון ברויט און פרייהייט", לאָנדאָן 1907.

2) די מאָראַלע פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיזם.

לואי בערטאַני.

# פּיאָטר קראָפּאָטקין

קראָפּאָטקין איז געווען די גוטסקייט און איינפאַכקייט אַליין. ער האָט אייך אויפגענומען מיט אַזאַ באַצויבערנדיקער ליבלעכקייט, דורך וועלכער ס'איז תיכף איינגעשטעלט געוואָרן צווישן אונדז און אים די אָפנהאַרציקסטע פאַמיליאַריטעט. ער איז פאַר אייך דערשינען ווי אַן עלטערער ברודער, וועמען איר האָט, אָן ספק, געהאַלטן אַ סך העכער פון זיך. אָבער דאָס דאָזיקע האָט געדינט ווי נאָך אַ סטימול, כדי איר זאָלט עפענען אייער גאַנץ האַרץ פאַר אים. יעדע שפּור פון שעמעוודיקייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין זיין אָנוועזנהייט. קיין שפּור פונעם לערער, פונעם אַפּאָסטאָל, פונעם דירעקטאָר און וויסנשאַפטלער; ניין. אַן איינפאַכער מענטש, דורך וועמענס זשעסטן, ווערטער און שמייכל ס'האָט דורכגעלויכטן זיין דערהויבענער גוטסקייט. איין זאַך האָט מיך אַריינגעטריבן אין אַ פאַרלעגנהייט: איז ער דאָך געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך גוט, אַז איך האָב זיך אָפט געפרעגט צו ליב איך אים אַף אַזוי פיל, וויפל ער איז ווערט; אויב קעגן מיין ווילן, בין איך אפשר אומדאַנקבאַר צו אים, ווייל ווי ערלעך און געטריי מיין פריינטשאַפט זאָל נישט זיין, קאָן זי זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן מיט זיין אומשאַצבאַרן אוצר פון ליבלעכקייט. ער האָט בון אייגענע און פרעמדע געוואונטשן בלויז איין פאָרמע פון רעספּעקט — די פון האַרציקער איבערגעגעבנקייט.

איך זע אים בולט פאַר זיך: די אויגן שמייכלענדיקע, דער זשעסט אַ לעבעדיקער, דאָס וואָרט איינפאַך און פליסנדיק. באַוואוסט וועגן אַלע איבלען פון אונדזער אָרעמער מענטשהייט, אָבער אַנערקענענדיק אין איר אויך די מעלות, פעאיקייטן און רעסורסן, מיט וועלכע זי האָט זיך שוין באַנוצט און מיט וועלכע זי וועט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער באַנוצן אין דער צוקונפט, כדי זיך צו עמאַנציפּירן. דער דאָזיקער געדאַנק איז ביי אים אַזוי אָנזיכטיק געווען, אַז אומבאַוואוסט פאַר אייך, האָט אייך זיין ענטוזיאַזם גובר געווען און ווען איר האָט זיך געזעגנט, זייַנען זיינע אומאַרמונגען געווען אַזעלכע וואַרעמע און שטאַרקע, גלייך ווי איר זאָלט זיך שיידן פון אייערן אַן אייגענעם. און דער באַשיידענער אַרבעטער, געצוואונגענערווייזע פון אַ רודימענטאַרער בילדונג, האָט זיך דאָך צוליב דעם נישט געפילט ווינציקער נאָענט צו דעם דאָזיקן גרויסן געלערנטן, דעם „אייגענעם", וועלכער איז שטענדיק געווען גרייט צו געבן „עצות", העלפן און קלאָר מאַכן די אומקלאָרע אַספּיראַציעס.

קראָפּאָטקין האָט אין אַ הויכן גראַד באַזעסן די וויסנשאַפט ליב צו האָבן,

וועלכע איז די באזע פון אַלע אנדערע וויסנשאפטן, ווייל ליבן הייסט פארשטיין, און פאַרשטיין איז גלייך ווי דערקענען אין פולסטן זין פון וואָרט.

זיין געדעכעניש קאָן נישט אָפּשטאַרבן אין די הערצער פון אַלע יענע וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק מיט אים צו לעבן. און דאָס וועט זיי אויפהאַלטן אין די שעהן פון אומזיכערקייט און פחדנות, אויך אין מיטן פון די שווערסטע נסיונות.

## קריסטיאַן קאָרנעליסען

# פּ. א. קראָפּאָטקין דער געלערנטער

אין אונדזער ארבעטער און אנארכיסטישער סביבה איז פּיאָטר קראָפּאָטקין באַרימט מיט זיין לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאכט אין די תפיסות און אויף פארשיקונג, מיטן לעבן, וואָס איז פול מיט פרייוויליק דחקות און וואָס ער האָט געווידמעט צו דינען די בעוולטע. זייער ווייניק ווייסן וועגן דעם, אז קראָפּאָטקין, נאָך איידער ער האָט אויסגעקליבן פאר זיך די רעוואָלוציאָנערע קאריערע, האָט ער שוין געוואונען וועלט־באַרימטקייט, ווי א געלערנטער.

אלס יונגער קאָזאקישער אָפיציר האָט ער אין דער צייט, ווען ער איז איינגעשטאַנען אויפן אמור, וואו ער האָט געהאט ווייניק וואָס צו טאָן, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אויסצופאָרשן די געאָגראפישע לאגע פון מאנדזשוריע. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מיליטערישער קאריערע, ווייל ער האָט צו איר דערפילט א ווידערווילן צוליבן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די פּוילישע פארשיקטע אין סיביר, איז קראָפּאָטקין אריינגעטראָטן אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט זיך פארנומען, אין יאָר 1867, מיט צונויפשטעלן א פּינקטלעכע געאָגראפישע קארטע פון די סיבירער בערג. און אויב ער האָט אין יאָר 1871 זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אין דער רוסישער געאָגראפישער געזעלשאַפט דעם פּאָסטן פון סעקרעטאר, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט, איז דאָס דערפאר, ווייל ער האָט דעפיניטיוו אָנגענומען א באשלוס אויף להבא צו ווידמען זיין לעבן דער ארבעטער־זאך.

אין יאָר 1873, בעת ער איז געווען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, האָט ער געאָרבעט אייפעריק אויף זיין בוך וועגן אייז־פּעריאָד.

און דערנאָך, במשך פון זיין גאנץ פאָרפאגאנדיסטיש לעבן, האָט קראָפּאָטקין גישט אָפּגעשטעלט זיינע וויסנשאפטלעכע נאָכפאָרשונגען, און דער תמצית פון די דאָזיקע פאָרשונגען איז קענטיק אין אלע זיינע רעוואָלוציאָנערע ווערק.

איינגעזעצט אין דער ליאָנער תפיסה, אין 1883, שרייבט ער דאָרט ארטיקלען פאר דער ב ר י ט י ש ע ר ע נ צ י ק ל אָ פּ ע ד י ע און דעם ענגלישן זשורנאל „ניינצנטער יאָרהונדערט”; און מיר ווייסן, אז אין יענער צייט איז קראָ־

פּאַטקינס באַרימטקייט, ווי א געלערנטער, געווען אזוי גרויס, אז עטלעכע מיט־אַרבעטער פון דער „בריטישער ענציקלאָפּעדיע", און אויך הערבערט ספּענסער און סואיביאַרן האָבן געשיקט דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק א פּעטיציע, אין וועלכער זיי האָבן געפּאָדערט די באפרייאונג פונעם רוסישן געלערנטן. די דאָזיקע פּעטיציע האָט אויך אונטערגעשריבן וויקטאָר הוגאָ.

אָבער מיר ווילן דאָ ווענדן די אויפמערקזאַמקייט איבערהויפּט נישט אויף קראָפּאָטקינס באַרימטקייט, ווי א געלערנטער, נאָר אויף דער באַדייטונג, וואָס זיין וויסנשאַפטלעכע קאַריערע האָט געהאַט פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדיסטישער טע־טיקייט.

דאָס איז נאָך נוציקער אונטערצושטרייכן, ווייל אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, ווען קראָפּאָטקין האָט זיך גענומען אַקטיוו צו פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט, זענען די עקאָנאָמישע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס אין גאַנץ אייראָפּע כמעט פולשטענדיק געווען אונטער דער השפּעה פון דער אַלטער דיאַלעקטישער שול, וועלכע ווערט געוויינלעך אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם מער זיך אויסטיילנ־דיקן פאַרשטייער אירן, די „מאַרקסיסטישע" שול.

די אַלטע העגעליאַנישע פילאָזאָפן, די באַוואוסטע „סאָציאַליסטן" מאַרקס און ענגעלס, האָבן געלייזט די עקאָנאָמישע און אַרבעטער־פּראָבלעמען אין זייער מוח — אויף דעם אזוי־גערופענעם ד ע ד ו ק ט י ו ו ן וועג. — זיי האָבן גע־זוכט אין דעם, וואָס זיי האָבן נאַאיוו אָנגערופן „מענטשלעכער געדאַנק" (הגם יעדעס מאָל האָט זיך עס געהאַנדלט בלויז וועגן זייער אייגענעם „געדאַנק"), אויף וואָסער וועג עס דאַרף גיין די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט; אָבער זיי האָבן צופיל פאַרזען דעם וויסנשאַפטלעכן שטודיום אויפן א י נ ד ו ק ט י ו ו ן וועג — די דאָזיקע אַנטוויקלונג אין ווירקלעכן לעבן.

אַדאַנק דעם דאָזיקן אָפּגעלעבטן מעטאָד האָבן די תלמידים פון דער מאַרק־סיסטישער שול געשאַפן א גאַנצע ריי טעותדיקע טעאָריעס. די דאָזיקע טעאָריעס זענען געווען, פון איין זייט, פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער, ווי: קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלן אין די הענט פון אַן אַלץ מער און מער זיך פאַרקלענערנדיקער צאָל מעכטיקע קאַפּיטאַל „מאַגנאַטן", די כסדר וואַקסנדיקע פאַראָרעמונג פון די מאַסן, די נויטווענדיקייט ס'זאָל עקזיסטירן אַן אַלץ וואַקסנדיקע „רעזערוו-אַרמיי" פון אַרבעטסלאָזע א.א.וו. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן פּאָליטישע דאָגמאַטן פון דעם באַגריף פון אַלע בורזשואזע פּאַרטייען, ווי וועגן איין רעאַקציאָנערער מאַסע, די באַרימטע „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" און אזוי ווייטער.

קראָפּאָטקין האָט זיך תיכף צוזאַמענגעשטויסן מיט די פאַלשע דאָקטרינעס פונעם צווישנפעלקערלעכן סאָציאַליזם. און מיט דעם דאָזיקן „הויכמוט", וואָס עס כאַראַקטעריזירט די מאַרקסיסטן, האָבן זיי אים אָנגערופן, פאַרשטייט זיך „צע־חושטער" (דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אויסגעטראַכט זשול געד).

קראָפּאָטקין האָט מיר אַמאָל געזאָגט, און איך געדענק, אז איך האָב גע־

ליינט די זעלבע באמערקונג ערגעצוואו אין זיינע ווערק, אז מארקס גופא וואָלט זיך נישט געוועזן פארטיפט אינעם דאָזיקן פאלשן וועג פון דער דיאַלעקטיק, ווען ער וואָלט זיך פארנומען ווייניקער מיט אויסשליסלעך מאטעמאטישע וויסנ־שאפטן און אביסל מער מיט נאטור־וויסנשאפטן. איך האָב אָפט געטראכט וועגן דער דאָזיקער באמערקונג, מחמת זי אונטערשריידט בולט קראָפּאָטקינען פון זיינע קעגנער.

אפילו די פונדאמענטאַלע קאָנצעפּציע פונעם מארקסיזם, דאָס „מאטעריאַ־ליסטישע פארשטיין די געשיכטע", אזוי ווי ס'האָבן עס געטייטשט די מארקס־סיסטן, און לויט וועלכן „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט איז דער פאקטישער יסוד, אייף וועלכן עס הויבט זיך דערנאָך אויף דער יורידישער און פּאָליטישער בנין", זינדיקט מיט נישט קאָנען די נאטור פון דער מענטש־לעכער געזעלשאפט.

אין דער אמתן איז די געזעלשאפט נישט קיין „בנין", מיט א פונדאמענט, געביידע און דאך. זי האָט אירע געזעצן פון אנטוויקלונג, ווי ביי יעדן פּראָדוקט פון דער נאטור. קראָפּאָטקין האָט געקאָנט פארשטיין די דאָזיקע אנטוויקלונג פון דער נאטור אין איר פולער טיף און, הגם ער איז פארבליבן א „מאטעריאַליסט", האָט ער נישט פארלאָרן פון אויג, די דאָזיקע ווירקונגען, וואָס די יורידישע, פּאָליטישע, אינטעלעקטועלע און עטמעטישע פאקטאָרן האָבן אויסגעאיבט און וועלן אויסאיבן אויף דער „עקאָנאָמישער סטרוקטור" פון דער געזעלשאפט. קראָפּאָטקינס קעגנער, די סאָציאַל-דעמאָקראטן, האָבן דאָס נישט פארשטאַנען. און די אָפּאָזיציע, אין וועלכער דער דמיטראָווער פּרוש האָט זיך געפונען ביזן סוף פון זיינע טעג אין באצוג צו דער מאָסקווער באָלשעוויסטישער רעגירונג, האָט באוויזן, אז פון דער און יענער זייט זיינען געוועזן צוויי גרונט־פארשידענע אופנים פון פארשטיין נישט בלויז די געשיכטע, נאָר אויך די גאנצע נאטור פון דער געזעלשאפט.

מיר וועלן ברענגען א פּערזענלעכע דערינערונג, וואָס כאראקטעריזירט קראָ־פּאָטקינס וויסנשאפטלעכן און קריטישן צוגאַנג. נישט לאַנג צוריק האָב איך גע־פונען אין דער לאָנדאָנער צייטונג „פרידאָם" קראָפּאָטקינס א קריטישע נאָטיץ אין שייכות מיט מיין ארטיקל וועגן דער מארקסיסטישער טעאָריע פון ערד־צינזן, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1901 אין „רעווי סאָסיאַליסט".

געשטיצט אויף ביישפּילן פון דער דאָזיקער טעאָריע, האָב איך אויף פאָלגנדן אופן כאראקטעריזירט דעם שלעכטן דיאַלעקטישן מעטאָד אין דער סאָציאַלער לערע:

„די עקאָנאָמישע טעאָריע בויט זיך אויף ווירקלעך עקזיסטירנדיקע יסודות און ערנסט אנאַליזירטע סאָציאַלע פאקטן; נאָר פון אָנהויב אָן בויט מען זיי מיט אייניקע באגרענעצונגען: „לאָמיר זיך משער זיין דאָס און דאָס". דערנאָך אנט־וויקלען זיי אין זייער איינענעם דיאַלעקטישן קאָפּ די טעאָריע און פארגעסן די באגרענעצונגען, וואָס זיי האָבן געמאכט אין אָנהויב, און ביים פארענדיקן ווערן

די שלום פון דער טעאָריע פּראָקלאַמירט ווי א סאָציאַלע טעאָריע, וואָס שטעלט פאַר אן אַלגעמיינע ווירקלעכע טענדענץ".

קראָפּאָטקין האָט איינגעשטימט מיט מיר און באַלד טאַקע פאַרברייטערט דאָס פּראָבלעם. „אז איר וועט אויפמערקזאם לערנען מאַרקסן, זאָגט ער, און זיך אָנמערקן אין איינער און דערזעלביקער צייט זיינע פאַרקאָנצעפּטן און שלוסן, וועט איר איינזען, אז דאָס האָט ער בפירוש, ווען, למשל, כדי פאַראיינפאַכן, האָט ער אויסגעשלאָסן דעם עלעמענט פון „אָנבאָט און נאָכפראַגע" אויפן מאַרק אין זיין עקספּאָזע פון אדאָם סמיטס טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט, און בעת דערנאָך האָט ער די השערה גענומען פאַר א ווירקלעכקייט; אָדער ווען ער האָט אין זיין עקספּאָזע פון טאָמסאָנס מערווערט פריער געזאָגט, אז די אַרבעטס־קראַפט פאַרקויפט זיך לויט וויפל עס קאָסט זיך אליין (דאָס גע-שעט קיינמאָל נישט; מיר האָבן א גאַנצן אַרסענאַל געזעצן און טאַקסעס, וואָס צווינגען די אַרבעטער צו פאַרקויפן זייער כוח ביליקער), און ווייטער האָט ער באַטראַכט די דאָזיקע השערה ווי א ווירקלעכן אויסדרוק פון פאַקטן פון ווירקלעכן לעבן".

הקיצור, צווישן קראָפּאָטקינען און זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קעגנער איז פאַראַן א חילוק פון א גאַנצן דור אין דער דאָמיניע פון דער וויסנשאַפטלע-כער קאָנצעפּציע; אָדער, פאַרגלייכנדיק זיין פּערזענלעכקייט מיט די פּערזענלעכ-קייטן פון די היינטצייטיקע לידערס פון מאַרקסיזם אין רוס־לאַנד, איז פאַראַן דער אונטערשיד, וואָס קראָפּאָטקין האָט באַזעסן די היינט־צייטיקע מערבדיקע וויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציע, בעת די לידערס פונעם רוסי־שן סאָציאַליזם (ווי די מענשעוויקעס, אזוי אויך די באָלשעוויקעס), שטעלן זיך צופרידן מיט די אַלטע וויסנשאַפטלעכע באַגריפן, וואָס האָבן עקזיסטירט מיט אכציק יאָר צוריק.

ווי ווייט קראָפּאָטקין זאָל נישט האָבן אריינגעקוקט אין דער צוקונפט, אין דער דאָמיניע פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע מעגלעכקייטן — דערביי האָט אונטער זיין פעדער דאָס קומענדיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן זיך פאַרגעשטעלט אין א בילד פון ריינער אידיליע, — איז אונדזער גרויסער און גוטער חבר געבליבן תמיד א פאָרשער, אן אויפמערקזאַמער שטודירער פון די ווירקלעכע דערשיינונגען פון מענטשלעכן לעבן.

ווי א פאָרשער פון נאַטירלעכע פאַקטן איז ער געקומען צום שלום וועגן דער נויטיקייט פון דעצענטראַליזאַציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און ער זעט אין דער קאָמונע דאָס קעמערל פון דער קומענ־דיקער געזעלשאַפט; ער שטעלט זיך איין פאַר וואָס מעגלעך מער איבערטראָגן די־פאַבריקן אין דאָרף און שאַפן גערטנער־שטעט; ער פּראָקלאַמירט די געזונטע פאַר־אייניקונג פון גייסטיקע און פיזישע אַרבעט, ער פאַרטיידיקט דאָס, וואָס ער רופט אן „אַנאַרכיסטישע מאָראַל" און אזוי ווייטער.

מען קאָן נישט איינשטימען מיט קראָפּאָטקינען וועגן דער באַדייטונג פון די

נוצן און אומנוצן פאַר יעדן פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס ער באהאנדלט, אָבער מ׳קען נישט אָפּלייקענען, אַז פאַר אייך בלייבט תמיד א געוויסנהאפטער דענקער, אַן אויפמערקזאם שטודירנדיקער דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און די מענטשלעכע נשמה. און דערפאַר קען מען אויך נישט אָפּלייקענען, אַז דאָס לייענען זיינע ווערק עפנט תמיד נייע האָריזאָנטן פאַר דעם, וואָס וויל פאַרשטיין.

ס׳איז נישט וויכטיק, וואָס מ׳האָט דעם דאָזיקן איידעלן דענקער אָנגערופן א ו־ט אָ פּ י ס ט. צי דען האָט מען אויך נישט אָנגערופן אוטאָפּיסט סען-סימאָנען, ראָבערט אָווענען, פוריען און פּרודאָנען? און צי האָט דאָס געשטערט די נאָכקומענדיקע דורות צו פאַרווירקלעכן א סך דערפון, וואָס איז געווען וויטאַל אין די הומאַניטאַרע טעאָריעס פון די דאָזיקע גרויסע מענטשן?

דאָס, וואָס נעכטן איז געווען אַן אוטאָפּיע, דערשיינט אָפט ווי א מעגלעכקייט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג!

וואָס שייך מיר, א באַקאַנטער מיט די פאַרשיידענע לאַגערן פון סאָציאַלאָגן, באַטראַכט איך מיין טיף-געאַכטן פריינט, פּיאָטר קראָפּאָטקין, פאַר ווייניקער „אוטאָפּיסט", ווי א סך פון די — מעגן זיי זיך אָנרופן „קאָמוניסטן" — וואָס זוכן אין פּאַרלאַמענט דאָס קאַמפּס-פעלד פאַר רעוואָלוציאָנערן, דאָס ווירקלעכע מיטל פאַר דער טיפער טראַנספאָרמאַציע פון ווירקלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן.



פיאָטר קראָפּאָטקינס כתב יד אין רוסיש

# קראָפּאָטקין און די קאָאָפּעראַציע*)

כאָטש פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש האָט נישט געשריבן קיין ספּעציעלע ווערק וועגן די פראַגן פון קאָאָפּעראַציע, באַשטייט אָבער, אָן ספק, זיין פאַרדינסט פאַר דער וויסנשאַפט אין דעם, וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט די אַנטשטייאונג פון דער קאָאָפּעראַציע אַ סך פריער פאַר אונדזער עפּאָכע, אין די מיטלאַלטערלעכע שטעט, און ער האָט אויך איינגעזען זייערע *אומפאַרמעלע* מינים אין די פאָלקס־פאַראייניקונגען (אַרטעלן). די קאָאָפּעראַציע איז, לויט קראָפּאָטקינען, איינע פון די דערשיינונגען פון דער קעגנזייטיקער הילף, פון דעם דאָזיקן עוואָלוציע־פאַקטאָר, וואָס איז מעכטיקער פון דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וואָס איז שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן פון דעם דאַרוויניזם. דערפון נעמט זיך די באַהויפּטונג פון עליזע רעקליו, פּיאָטר אַלעקסעיעוויטשעס פריינט, אַז די מאָדערנע קאָאָפּעראַציע איז *די וויסנשאַפטלעכע פּראַקטיק פון קעגנזייטיקער הילף*.

דאָס, וואָס פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש האָט נישט געווידמעט קיין באַזונדערע ווערק דער קאָאָפּעראַציע וויל נישט זאָגן, אַז ער האָט איר נישט געגעבן קיין גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג; פאַרקערט, ער האָט אויסגעפונען, אַז „דער קאָאָפּעראַציע אין דער סאָציאַליזאַציע פון דעם טויש און פאַרטיילונג שטייט פאַר אַ וויכטיקע ראָל... פּונקט אַזאַ גרויסע ראָל וועלן דאַרפן שפּילן די קאָאָפּעראַטיוועס אין דער *געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע* (פון דער רעדע אויפן מיטינג פון דער געזעלשאַפט „קאָאָפּעראַציע” אין מאָסקווע, דעם 14 יאַנואַר פון 1918). די סיבה פאַרוואָס ער האָט נישט געשריבן ספּעציעל אויף דער טעמע דאַרפמען זוכן אין דעם, וואָס אַזאַ לאַנגיאָריק פרוכטבאַר ארבעטס־לעבן איז נישט געווען גענוג אויף אַרומצוכאַפּן גענוי פון אַלע זייטן די גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן. ווי גערעכט איז ער געווען, זעענדיק אין דעם פּראָגרעס די גלייכווירקנדיקע אומצאָליקע פערזענלעכע אומאונטערבראָכענע אָנשטרענגונגען פון איינצלנע, אַנאָנימע מוחות, — און ער האָט אין אָט־דעם שטראָם

*) דאָס אַרטיקל האָט געשריבן איינער פון קראָפּאָטקינס פריינט, און איז געווען געדרוקט אין דעם ערשטן נומער „אוניווערסאַל”. אָרגאַן פון דער אַלרוסישער סעקציע פון די אַנאַרכיסטן אוניווערסאַליסטן, פעברואַר־מאַרץ, מאָסקווע 1921.

פון פראָגרעס אריינגעטראָגן זיין קליינע מטבע, אמת, א מטבע, וואָס איז גלייך צו א רייכער שאַצקאַמער!

זעענדיק אין דער קאָאָפּעראַציע דעם וועג צו דער סאָציאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע, טויש און פאַרטיילונג, האָט קראָפּאָטקין דערמיט גופא אונטערגעשטראָכן איר פּראַקטישע באַדייטונג ביים פאַרווירקלעכן דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל. אין דער קאָאָפּעראַציע האָט קראָפּאָטקין געזען דאָס אריינדרינגען פון דעם פעדעראַליסטישן גייסט (פון פרייע פאַראייניקונג) אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם פאָלקס-לעבן, ווי זיין ווירטשאַפטלעכן שטייגער. באַזונדערס הויך האָט פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש געשעצט די רוסישע קאָאָפּעראַטאָס, „וואָס זיינען געוואָרן די צענטערס פון דעם גייסטיקן לעבן אין די דערפער". נאָר פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויף דער מיטפילנדיקער באַציאונג צו די היינטיקע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע (מיט אייניקע קריטישע אָנמערקונגען). זיין מוח, וואָס האָט כסדר געזוכט צו דערנענטערן דעם אידעאַל מיט דער לעבנס-דערפאַרונג, איז געבליבן אָפן צו נייע פאָרשונגען אויפן פעלד פון קאָאָפּעראַציע, נעמלעך, אין די אויפגאַבן צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע באַדינונג אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

באַקאָנענדיק זיך מיטן פּאָרטראַג (ווייט-נישט קיין פּאָלקאָמענער לויט דער פאָרם) וואָס דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אין 1918 געהאַלטן פאַר דעם גלינסקער ראַיאָנעם צוזאַמענפאָר פון די אַגראַר-סעקציעס פון די דאָרפישע סאָוועטן, וועלכע האָבן אים איינשטימיק גוטגעהייסן, וועגן דער מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע באַדינונג — די פאָלקס-בילדונג, די געזעלשאַפטלעכע מעדיצין א.א.וו. — דורך דער פרייער פאַראייניקונג פו די מאַטעריעלע מיטלען און די דאָרפישע געמיינדעס (אויפן אָרט פון געצוואונגענע שטייערן) ארום די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די טוער און באַזונדערע צווייגן פון דער געזעלשאַפטלעכער באַדינונג, וועלכע אַרבעטן אליין אויס זייערע ביודזשעטן און צעוואַרפן זיי אויף די אין זיי אָנגעשלאָסענע דאָרפס-געמיינדעס, — האָט פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש אויסגעדריקט גרויס סימפּאַטיע צום גרונט-געדאַנק פון דעם פּאָרטראַג. נישט-קוקנדיק אויף די פעלערן, האָט ער אין אים דערזען דאָס סאַמע ווערטפולסטע: אַזוי ארום וואָלט די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע באַדינונג אויפגעהערט צו זיין דער שטאַטלעכער מאָנאָפּאָל; יעדער דאָרף וואָלט געהאַט דאָס רעכט צו ארויסטרעטן פון דעם געגעבענעם פאַראיין און זיך אָנשליסן אין א צווייטן, א דערבייאיקן, וואָס איז מער אין איינקלאַנג מיט זיינע באַדערפענישן, אָדער נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן א נייעם פאַראיין.

ווען איך האָב אויף זיינע ליב-ווערטער באַמערקט, אַז, אייגנטלעך, איז דער דאָזיקער געדאַנק א אויסטייטשונג פון זיינע אידייען, האָט פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש געענטפערט: „ניין, איר גייט ווייטער".

שפּעטער, זיך באַקאָנענדיק פון דעם אַרטיקל וועגן „דער קאָאָפּעראַטיווער גע-

זעלשאפטלעכער אָרדענונג", וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם נומער צוויי (פעברואר 1920), פון דעם אנארכאָ־קאָאָפּעראַטיוון אָרגאַן „פּאָטשין" („דער אָנפאנג"), אז אין ענלעכע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער באדינונג איז פארווירקלעכט געוואָרן אין דעם נאַפּט־ראַיאָן פון דעם ראַט פון די צוזאַמענפאָרן פון נאַפּט־אונטערנעמער, האָט פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש געשאַנקען א באזונדער אויפמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן פאַקט, ווי א פּראַקטישן ביישפּיל, אז עס קאָן אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע באדינונג אויף פ ר יי־ וו י ל י ק ע, פעדעראַטיווע, ס'הייסט, אנארכיסטישע יסודות אויך די ארבעטער באַפעלקערונג, אָן דער מאַכט פון דעם שטאַט.

אזוי ארום האָט פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש געזען אין דער קאָאָפּעראַציע נישט נאָר דאָס מיטל צו סאָציאַליזירן די פּראָדוקציע, צום טויש און פאַרטיילונג פון דעם רייכטום, נאָר אויך די סיסטעם, וואָס וועט דאַרפן אָפּשאַפן דעם רעגירונגס־מאַנאָפּאָל אויף דער געזעלשאַפטלעכער באדינונג און זי אָרגאַניזירן אויפן יסוד פון א פרייער קאָאָפּעראַטיווער פאַראייניקונג.

**א. א — ן.**

## א בריוו צו די דמיטראָווער קאָאָפּעראַטאָרס

פריינט און חברים!

...איך ווייס אין וואָסארא שווערע באדינגונגען ס'איז איצט אוועקגעשטעלט די קאָאָפּעראַציע. אָבער איך ווייס אויך, וואָס ס'איז איר געלונגען צו שאַפן אין די לעצטע פינף יאָר: וויפל פאַרזענלעכע מי, ליבע צו דער זאַך און פאַרשטענדעניש פאַר די אויפגאַבן פון דער געזעלשאַפטלעכער בויאונג מען האָט אָנגעווענדעט, כדי דערוועקן ביי די פויערים, רואינירטע פון דער צארישער רעגירונג, דעם נייעם גייסט — דעם גייסט פון א פרייער געזעלשאַפטלעכקייט.

ווייסנדיק דאָס, בין איך טיף איבערצייגט, אז די רוסישע קאָאָפּעראַציע האָט נאָך ווייט נישט פאַרלוירן אירע כוחות. און איך גלויב, אז פון די איצטיקע נסיונות וועט די קאָאָפּעראַציע ארויסקומען נאָך א מ ע ר ־ ג ע ז ע ל ש א פ ט־ ל ע כ ע, א מ ע ר נ וי ט י ק ע ר ט יי ל פ ו ן ד ע ר נ יי ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ק יי ט, וואָס האַלט איצט אין געבוירן ווערן אומעטום אין אייראָפּע.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט אייער ארבעט, קאָן איר גרונט־געדאַנק נישט אָפּשטאַרבן.

איר האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַזעלכע פאַראיינען, וועלכע האָבן געמוזט

פירן די מענטשן צום פארשטיין, אז ס'איז געקומען די צייט, ווען מען מוז פאר־געזעלשאפטלעכן דאָס עקאָנאָמישע לעבן: — אָבער נישט אונטער א שטעקן, ווייל א געזעלשאפטלעכקייט, וועלכע איז געשאפן געוואָרן דורך גוואלט, און נישט דורך א פרייען הסכם, וועט זיך נישט קאָנען האלטן.

און דאָס, וואָס איר האָט אויפגעטאָן אין דער ריכטונג וועט נישט פארלוירן גיין — ס'קאָן נישט פארלוירן גיין שפורלאָז. גרופירנדיק 30.000 קאָנסום־קאָ־אָפעראטאָרס, האָט איר פאראייניקט נישט נאָר 30.000 איינפאכע קונים, נאָר הונדערטער מענטשן, וועלכע פארשטייען, אז אין לעבן איז פאראן עפעס העכערס, ווי דער פשוטער פערזענלעכער וואויל־שטאנד. דערום בין איך איבערצייגט, אז די קאָאָפעראציע וועט ארויסקו־מען פון די איצטיקע אומשטענדן נאָך א גרעסערער געזעלשאפטלעכער כוח, ווי איצט.

ווען איך האָב געשמועסט מיט אייך אין פאַריקן מאָל, האָב איך געזאָגט, אז דאָס לעבן גופא פאָדערט פון אייך די אָרגאַניזאציע פון א פראָדוציר־קאָאָפעראציע — און איר האָט ווירקלעך געפרואווט אָרגאַניזירן עפעס אין אָט־דער ריכטונג. אָבער איצט פאָרגיט אייך שוין דאָס לעבן א גרעסערע אויפגאבע.

דער ענגלענדער ראָבערט אווען, ווען ער האָט אין די דרייסיקער יאָרן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט געגרינדעט די ערשטע קאָאָפעראטיווע, האָט ער גע־האט אין געדאנק, אז ער גרינדעט די צעלן צום אויפבויען א געזעלשאפטלעך לעבן אויף נייע יסודות. און איצט פאָדערט פון אייך דאָס לעבן גופא, איר זאָלט ווערן אן אקטיווער כוח אין דעם גרויסן איבערבויען די פראָדוקציע און דעם קאָנסום, וואָס קלאַפט שוין הויך אין דער טיר פון אייראָפע און אמעריקע.

די שרעקלעכע, לויטן פארנעם און רעזולטאטן, מלחמה האָט געמאכט אומ־פארמיידלעך און, נעמט אין אכט, אוממאָפלייגבאר די דאָזיקע איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט אויף נייע, גערעכטערע, סאָציאליסטישע יסודות.

און באמת, שטעלט זיך אליין די פראגע, וואו איז געלעגן די עיקורדיקע, די הויפט־סיבה פון דער לעצטער מלחמה? 1). און איר וועט זען: זי ליגט אין דעם, וואָס אלע פעלקער פון אייראָפע, ווי־נאָר ס'האָט זיך ביי זיי אנטוויקלט די האנדלס־אינדוסטריע, האָט יעדער איינער געשטרעבט צו פארכאפן אונטער זיין ממשלה וואָס־מער אינדוסטריעל־צוריקגעשטאנענע פעלקער. זיי האָט מען פארקויפט פאר א דרייפאכן פרייז די ערגסטע פאבריצירטע סחורה, און ביי זיי אָפגעקויפט פאר גראָשנס דעם רוישטאָף. און אזעלכע פעלקער האָט מען געפרואווט צו מאכן אונטערטעניק נישט נאָר אין אפריקע און אזיע, נאָר אויך אין אייראָפע. אין איטאַליע, אין טערקיי און אויך אין רוסלאנד. אויף אזא וועג האָט ענג־לאנד אָנגעזאמלט אויסער אייראָפע גוואלטיקע אוצרות: און אויף דעם זעלבן

1) דער מחבר באציט זיך דאָ אויף דער ערשטער אלוועלטלעכער מלחמה. י. ס.

וועג האָבן איצט געוואָלט רייך ווערן אנדערע פעלקער, אויפן אָרט פון אנטוויקלען ביי זיך אין דער היים דעם אלגעמיינעם וואוילשטאנד 1).

ענדלעך, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, — א שרעקלעכע לויט איר פאַרנעם, און גרויזאמע מיט אירע מעטאָדן און רעזולטאטן. און אָט־די מלחמה האָט געמאכט אומאָפּלייגבאר די איבערבויאונג פון די ציוויליזירטע געזעלשאפטן אויף נייע סאָציאַליסטישע יסודות. אנדערש וועט מען נישט אויסמיידן נאָך שרעקלעכערע מלחמות, סיידן מען וועט מאכן א סוף צו דער עקספּלאטאציע פון איין קלאס, פון איין פאָלק דורכן צווייטן.

די לעצטע מלחמה האָט נאָר באשטעטיקט דאָס, וואָס ס'האָבן פאָראויסגעזען די סאָציאַליסטן פון די 40-ער יאָרן פון (1819), און וואָס הערצן האָט אזוי ריכטיק אויסגעדריקט נאָכדעם, ווי מען האָט צעשמעטערט די רעוואָלוציע פון 1848: „איר האָט נישט געוואָלט דעם סאָציאַליזם"? — האָט ער געשריבן — „וועט איר האָבן א זיבּניעריקע, א דרייסיקיעריקע מלחמה!" און ווירקלעך, אזוי לאנג ווי דאָס רייכקייט פון איין פאָלק וועט זיין געבויט אויף דער עקספּלאטאציע פון א צווייטן, — זיינען די מלחמות אומפארמיידלעך.

דאָס מ אָ ר א ל ע פּרעדיקן קעגן מלחמה קאָן נישט שטערן אז נייע מלחמות זאָלן חרוב מאכן די מענטשהייט, אזוי לאנג ווי אלס פונדאמענט פון אונדזער געזעלשאפט וועט פארבלייבן אזא אומאָראלישער פּרינציפּ, ווי דאָס רייך ווערן דורך פרעמדער ארבעט. נאָכמער, וואָס־מער ס'וועט זיך אנטוויקלען די טעכניק, אלץ־צושטערערישער, אלץ־גרויזאמער וועלן ווערן די מלחמות.

אלס רעזולטאט פון דעם, וואָס אייראָפּע האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע זעקס יאָר, שטייען איצט די פעלקער פון אייראָפּע אויפן שיידוועג. זיי זיינען געצוואונגען אָדער אָנהויבן איבערבויען דאָס געזעלשאפטלעך לעבן אזוי, אז איין קלאס זאָל מער נישט באַרייכערט ווערן פון דער נישט־גענוג באצאָלטער ארבעט פון א צווייטן קלאס, אָדער פון אנדערע פעלקער; אָדער זיך גרייטן צו נייע מלחמות און אויסהאָדעווען זייערע קינדער צו א נייער שחיטה. אָט פאַרוואָס די ארבעטנדיקע קלאסן פאָדערן שטארק, אומעטום אין אייראָפּע, אז מען זאָל תיכף אָנהויבן צוגרייטן דעם איבערגאנג פון דער איצטיקער אָרדענונג צו א נייער, סאָציאַליסטישער אָרדענונג, פונקט ווי מען האָט בשעתו געפילט די נויטיקייט צו א מער פרייער ארבעט און אָפּשאפן די זעלבסטהערשאפט. ס'פילט זיך אומעטום, אז ס'איז געקומען די צייט, ווען דאָס פּראָדוצירן דאָס נויטיקע פאר א דערטרעגלעך לעבן פאר אלע, און דער קאָנסום פון דעם, וואָס דאָס לאנד פּראָדוצירט, מוז ווערן א געזעלשאפטלעכע זאך און נישט פארבלייבן א פּריוואַטע זאך, ווי דאָס איז געווען ביז איצט.

---

1) אט דער אומבאשטרייטבארער אמת, וואס קראפאטקין האט ארויסגעזאגט באלד נאך׳ער ערשטער אלוועלטלעכער מלחמה, באשטעטיקט איצט די טראגיקאמישע שלום־קאנפערענץ נאך דער צווייטער וועלט־שחיטה. י. ס.

צי קאָנען די קאָאָפּעראַטאָרס פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אזא טיפער אי־בערבויאונג? אוודאי נישט! און אָט האָט איר אביישפּיל פון דעם ווירקלעכן לעבן.

די טעג איז צו מיר דערגאַנגען פון פראַנקרייך א זייער באַלערנדיקע אַרבעט. דער אַלגעמיינער פאַרבאַנד פון די פראַנצויזישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „אַלגעמיינע אַרבעטער קאָנפעדעראַציע", האָט אויף זיך גענומען צו באַאַרבעטן די פראַגע, וויאַזוי און אויף וועלכע יסודות ס'דאַרף געשען דער איבערגאַנג פון דער גאַנצער פּראָדוקציע און קאָנסום פון די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע הענט, אין די הענט פון דעם פאָלק גופא? נאָר נישט אין דער פאָרם פון א מין אוטאָפּיע, וועלכע ס'האָבן געשריבן איינצלנע מענטשן, אָנהויבנדיק פון די צייטן פון די חכמים פון דער אַמאָליקער גריכנלאַנד ביז אונדזערע טעג, — מיט וואָס אויך איך האָב געזינדיקט, — נאָר אין דער פאָרם פון אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, אויסגעאַרבעט פון די זעלבע, וואָס נעמען א דירעקטן אַנטייל אין דער פּראָדוקציע, ס'הייסט, פון די אַרבעטער, קאָאָפּעראַטאָרס, אָנגעשטעלטע און טעכניקער. צוליב דעם האָט דער פראַנצויזישער פאַרבאַנד פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען באַשלאָסן צו גרינדן א „עקאָנאָמישן ראַט". נאָר, אָנגעלערנט פון דער דערפאַרונג פון די פריערדיקע רעוואָלוציעס און נישט־גלויבנדיק נישט אין די פּערזענלעכע, נישט אין די פּאַרטיי־„רעטער", האָבן די פראַנצויזישע אַרבעטער איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן מיט זיי אין דעם עקאָנאָמישן אַרבעטס־ראַט.

די נאַציאָנאַלע קאָנפעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטאָרס, די נאַציאָנאַלע קאָנפעדעראַציע פון אָנגעשטעלטע און דעם סינדיקאַלן פאַראיין פון טעכניקער אין דער פּראָדוקציע, האַנדל און לאַנדווירטשאַפט.

דער ראַט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די פיר עלעמענטן, איז זיך צענויפגעקומען צום ערשטן מאָל אין יאַנואַר פון היינטיקן יאָר (1920. אי־בערזעצער) און זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט, איינלאַדנדיק זיך צו באַטייליקן אין איר אויך פּריוואַטע, עקספּערטן אויף די דאָזיקע געביטן, און, אַלס רעזולטאַט, האָט דער אַרבעטס־ראַט שוין אַרויסגעלאָזט א פּראָיעקט צו נאַציאָנאַליזירן אַלע מינען, אַלס דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע.וועןדיפּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די קאָאָפּעראַטאָרס, די אָנגעשטעלטע און טעכניקער וועלן האָבן באַטראַכט און באַאַרבעט דעם דאָזיקן פּראָיעקט, וועט די בורזשואַזע רעגירונג מער נישט קאָנען אַרויסשטעלן קעגן זיי איר פאַרבאָט, אָדער זיי אָנבינדן איר לייזונג צו דער דאָזיקער וויכטיקסטער פראַגע.

מיר ווייסן נאָך נישט, פאַרשטענדלעך, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון אָט דעם נייעם שריט פון די פראַנצויזישע אַרבעטער, און איך האָב נאָך נישט אויסגעפּרובט איבערצוליינען און באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פון דעם עקאָנאָמישן אַר־

בעטס־ראט. נאָר איצט איז פאר אונדז באזונדערס וויכטיק צו אָנצייכענען דאָס ארויסטרעטן פון דער קאָאָפּעראַציע אין דער פאר איר נייער ראָל, — כאָטש ראָבערט אווען האָט עס פאָראויסגעזען נאָך מיט ניינציק יאָר צוריק.

די איצטיקע רוסישע רעגירונג האלט זיך, צום באדויערן, ביים צענטראַליזירטן מלוכהשן קאָמוניזם און אירע פּלענער צו איבערבויען די געזעלשאַפט; זי פארוואנדלט די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אין אָרגאַנען פון מלוכהשער צענטראַליזאַציע אין דער פּראָדוקציע און קאָנסום. אָבער אין מערב-אייראָפּע, באזונדערס אין די לאַטייניש לענדער, וואו ס׳איז שטאַרק אנטוויקלט, צוליב היסטאָרישע סיבות, דער גייסט פון ארטיקער, געמיינדע־אומאָפּהענגיקייט, — זעט מען אין דער קאָאָפּעראַציע איינע פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס דארפן העלפן אין דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט. און כ׳וועל אוודאי נישט מאכן קיין טעות פאָראויסזעענדיק, אז אויך די רוסישע קאָאָפּעראַטאָרס וועלן, אין דער הינזיכט, נישט אָפּשטיין פון זייערע מערב־ברידער.

נאָך זייענדיק אין אויסלאנד, און נאָכמער, ווען איך בין געקומען אהערצו, האָט מיך איבעראַשט די מאָס פון קולטורעלער ארבעט, וואָס די רוסישע קאָאָפּעראַטאָרס האָבן אָפּגעטאָן, נישט־קוקנדיק אויף אלע שטערונגען פון דער צארישער רעגירונג, וואָס האָט מורא געהאט — ווי אלע דעספּאָטישע רעגירונגען — פאר „א מלוכה אין דער מלוכה". שוין דאמאָלט האָט זיך געפילט, אז די קאָאָפּעראַציע איז א קראַפט, וועלכע מען קען צייטווייליק אָפּשוואכן, נאָר נישט טויטן.

נאָך ווינציקער וועט מען דאָס קאָנען טאָן אצינד, אויב אונדזערע קאָאָפּעראַטאָרס, זיך איבערצייגנדיק, אז מען מוז שוין נעמען איבערבויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות און איינזעענדיק, וואָסארא ראָל די קאָאָפּעראַציע הויבט שוין אָן שפּילן דערביי אויף מערב, וועלן זיך אליין שטעלן ברייטערע אויפגאבן אין דער ריכטונג.

דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט וועט אומפארמיידלעך זיין דאָס יאָר־הונדערט פון א טיפער געזעלשאַפטלעכער איבערבויאונג; און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פארשטיין די אויפגאבע פון דעם יאָרהונדערט און וועלן זיך רעכענען מיט איר זייער טעטיקייט, — נישט־קוקנדיק אויף קיין שום מניעות אויף זייער וועג — וועלן ווערן א ווירקלעכער, מעכטיקער כוח.

**פּ. קראָפּאָטקין**

אָקטובער 14, 1920.

# קראָפּאָטקינס שטעלונג צום אינדיווידואַליזם

## (אויסצוגן פון קראָפּאָטקינס א בריוו צו מאַקס נעטלאַו)

איך דענק, אז די דאָזיקע בריוו, וואָס פארמאָגט א גרויסע צאָל אַלגעמיינע באטראַכטונגען, האָט א אינטערעס פאר די אנארכיסטישע לייענער. נישט אָפּט האָב איך באַלעסטיקט קראָפּאָטקינען מיט מיינע פּערזענלעכע געדאנקען, ווייל איך האָב געוואוסט, אז זיין צייט איז טייער, זיינע אידעען אומפאַרענדערלעך, און אז זיין טעמפּעראמענט איז ווינציק־וואָס גענייגט צו דיסקוסיעס, בפרט פון דעם מין, וואָס איך וואָלט אים געוואָלט פאָרלייגן, און וואָס האָבן זיך באַרופן אויף איינציקע פונקטן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר פעסטגעשטעלטע. נאָר איינמאָל, דאָס איז געווען ווינטער פון 1901־20, האָב איך פאַר אים פאָרגעבראַכט געוויסע באטראַכטונגען: — דעם רעזומען פון א גרויסן מאַנוסקריפּט, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין 1901, און, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, האָט ער מיר געענטפערט מיט אָט־דער לאַנגער בריוו. איך האָב נישט קיין קאָפּיע פון מיין רעזומען, נאָר איך געדענק די טיילן, וואָס קראָפּאָטקין באַרירט אין זיין ענטפער, וואָס האָט נישט דעם ציל צו זיין א פולשטענדיקער, דאָס הייסט צו אַנאַליזירן אַלע מיינע באטראַכטונגען און לויט זייער סדר. נאָר דאָס איז פון קנאַפּער באַדייטונג, ווייל דער עיקר אינטערעסירט דאָס וואָס עס זאָגט קראָפּאָטקין. איך האָב דאָ צוגעגעבן איינציקע אויפקלערונגען, וואָס שטרייכן אונטער ערטערווייז אונזערע חלוקי דעות, ווען זיינע ארגומענטן האָבן מיך נישט איבערצייגט.

אינעם זין פון מיינע אָבסערוואַציעס האָב איך געשריבן קראָפּאָטקינען אין „פרידאָם", (סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1900, לאָנדאָן); שפּעטער האָב איך ווידער געשריבן אין "Moter Earth" ניו־יאָרק; דאָס זעלבע ארטיקל איז מיט א צייט שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "Temps Nouveaux" (פּאַריז), און איך פרעדיק נאָך איצט אויך די דאָזיקע אפּיקורסות. מיין אבזיכט איז שטענדיק פאָלגנדע: די אנארכיסטישע אידעען זאָלן דערגרייכן א העכערן ניוואָ פון געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט ווי דער, אויף וועלכער זיי געפינען זיך זינט א לאַנגער צייט. נעמט, למשל, הונדערט מענטשן פון וועלכן ס'נישט איז לאַנד, ווייסן זיי מסתמא א סך מער, ווער ס'איז דער פוטבאָל־קעניג, דער באָקס־פרינץ; די קינאָ־קעניגן אין איצטיקן מאָמענט און, איך האָף, אז זיי ווייסן

אויך א סך אנדערע, נוצלעכע זאכן ווי עפעס, וואס ס'איז כדאי צו וויסן וועגן אנארכיזם, וועגן דעם גרויסן פראטעסט קעגן דער אויטאריטעט אין אלע פאר־מען. ווען דער פראגרעס פון דעם אנארכיזם זאל, יאר איין יאר אויס, באשטיין בלויז אין דעם, וואס א צייטונג גיט ארויס נאך טויזנט עקזעמפליארן; וואס עס איז דא נאך עטלעכע צענדליק נייע גרופעס; וואס עס דערשיינען אייניקע נייע ביכער או בראשורן, או ס'זיינען פאראן אביסל מער קאנפערענצן ווי אין פאריקן יאר — איז פאר מיר דער דאזיקער פארעלטנישמעסיקער פראגרעס נישט גענוג; מיר וואלטן אזוי ארום שטענדיק זיך געפונען אויסער די געשעענישן. אזא גראנ־דיעזע און שיינע אידעע פאדערט מען זאל זי פרעזענטירן אויף אביסל אן אנדער אופן, כדי זי זאל ווירקלעך צוציען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט. בלויז איר מאסקע ציט די דאזיקע אויפמערקזאמקייט: ניין און ניינציק מענטשן פון יעדער הונדערט אויף דער גאס וועלן אייך זאגן, אז דער אנארכיסט איז א מער־דער, א משוגענער, א טרוימער פון דעם אומעגלעכן. מען מוז געפונען די מיטלען אויף צו קעמפן קעגן אזא צושטאנד, וואס מען זעט אפשר נישט אין בארצע־לאנע, בוענאס איירעס, פאריז, און אין אייניקע איטאליענישע שטעט, נאר איז גענוג אלגעמיין אין אנדערע ערטער. איך זאג נישט, אז איך האב געפונען די דאזיקע מיטלען, נאר איך וואלט געוואלט, אז מען זאל שטענדיק זיך באמיען זיי געפינען, און אין דעם זין האב איך שוין דאמאלט געשריבן קראפאטקינען.

פאר מיר בלייבט די פראגע נישט געלייזט, נישט קוקנדיק אויף זיין לאנגן ענטפער.

**מאקס נעטלאו**

דעצעמבער 8, 1925.

---

וויאלא, בראמלעי, קענט, דער 5־טער מערץ פון 1902.

מיין ליבער פריינט:

כ'האב געלייענט אייער בריוו מיט גרויס אינטערעס — פערזענלעכן און אל־געמיינעם — און כ'וואלט געוואלט אייך ענטפערן לענגער, ווי אויך דיסקוטירן איינעם פון די עיקר־פונקטן — דעם אינדיווידואליזם 1).

איך וועל דאס אפשר אמאל טאן אין באצוג צום אינדיווידואליזם, אין דער

---

1) איך האב געהאט געזאגט, אז אפילו אנערקענענדיק דעם ווערט פון דעם אנארכיס־טישן קאמוניזם, וואס איך גופא אקצעפטיר, שטערט דאס מיר נישט צו זען דעם פאקט, אז ס'זיינען פאראן און ס'לאזן זיך הערן אינדיווידואליסטישע שטרעבונגען, און אז מיר דארפן זיך נישט באגנוגן בלויז מיט פארשפרייטן אוניווערסאל די אנארכא־קאמוניסטישע אידעען. אז מען וואלט בעסער באדארפט געפונען א „מאדוס־וויווענדי" מיטן בעסערן אינדיווידואליזם. כדי האבן אין אים א שותף, אדער א פריינט אינעם קאמף מיט דער אויטאריטעט, אויפן ארט פון באטראכטן אים ווי א שונא אדער א גלייכגילטיקן און נויטווענדיקערווייזע באטראכט ווערן פון אים אויפן זעלבן שטייגער.

פֿאָרם פֿון אַרטיקלען, יעדנפֿאַלס, וועל איך פּרוּוון אייך איצט ענטפֿערן, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין צו לאַנגע פּרטים.

איך גיי צו צום צענטראַלן פּונקט פֿון אייער בריוו — צו דעם, וואו איר פֿרעגט פֿאַרוואָס די יוגנט קומט שוין נישט צו אונז, ווי זי פֿלעגט קומען אין 1890-94. „ס'איז דערפֿאַר — זאָגט איר, — ווייל דאַמאָלט האָבן מיר געהאַט די דאָזיקע גאַנצע באַוועגונג פֿון קונסט און פּריוואַטלעכער ליטעראַטור"... אאַ"וו.

גוט, מיר האָבן זי נאָך איצט אויך. אָבער, דאָס זיינען זיי, וואָס ווילן מער נישט וויסן פֿון אונז, און נאָכדעם ווי זיי האָבן אונז געגעבן עטלעכע חברים, זיינען זיי איצט דאָס, וואָס זיי זיינען שטענדיק געווען: עפּיקורייער 1), היפּש־בורזשואזע אינדיווידואַליסטן, וועמען ס'געפֿעלן בעסער זייערע געשעפֿטן, אָדער זיך אָנשפּאַרן אין ניטשען (ווי זייערע פֿאָרגייער אין „דאַרווינען"), איידער אין דעם אַנאַרכיזם.

לויט מיין מיינונג, דערקלערט זיך די באַוועגונג פֿון 1890-94 אויף אַזאַ אופֿן: די אַרבעטער־יוגנט האָט דאַמאָלט געגלויבט (די בולאַנזשיסטישע אַגיטאַציע האָט געשאַפֿן אַ באַאומרואיקנדיקע אַטמאָספֿערע), אַז ס'וואָלט געווען גענוג אייניקע העלדישע אַקטן פֿון אָפּפֿערווילִיקייט אויף אַרויסצורופֿן די רעוואָלוציע. אויך ערנסטע און געבילדעטע מענטשן פֿון דער בורזשואזיע האָבן אַזוי געגלויבט. שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען אַ אילוזיע, און מען האָט געמוזט זיך איינשפּאַנען, אין פֿראַנקרייך, ווי אומעטום, אין דער לאַנגזאַמער אָרגאַניזאַציאָנעלער, פּראָפּאַגאַנדיסטישער און צוגרייטונגס־אַרבעט אינערהאַלב די אַרבעטער־מאַסן. דאָס איז די פֿאַזע אין וועלכער מיר געפֿונען זיך איצט.

וואָס ס'איז שייך דער בורזשואזער יוגנט, האָט זי אין פֿראַנקרייך שטענדיק ליב געהאַט — אין דער עלטער צווישן 19 און 30 יאָר — די געוואַגטע, אַי־בעראַשנדיקע באַהויפּטונגען. ס'האָט זי געלאַקט די נעגאַציע, דער „ניהיליזם" פֿון דעם אַרבעטער־אַנאַרכיזם. חוץ דעם האָט אויף איר געמאַכט אַ ווירקונג די זעלבסטפֿאַרניינונג פֿון דער אַרבעטער־יוגנט, איר זעלבסט אויפֿאָפּפֿערונג. און לסוף איז אין פֿראַנקרייך רייף אַ באַוועגונג, ענלעך אויף באַזאַראָווס 2) ניהיליזם — אַ קולטור־באַוועגונג — אויף זיך צו באַפֿרייען פֿון געוויסע קאָנווענציאָנעלע ליגנס. זי איז שוין פֿאַראַן, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס אין רוסלאַנד איז נאָכנאָך דער ניהיליסטישער באַוועגונג (1856-69) געקומען די פֿאָלקיסטישע, דאָס גיין אין פֿאָלק, בעת אין פֿראַנקרייך איז אַזעלכעס נישט געשען. און אָט דערפֿאַר האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דירעקט גאָר נישט געוואונען. וואו זיינען די מירבאָס? וואו זיינען ראַוואַשאָלס שבחים־זינגער? ווער איז געקומען זיך איינשפּאַנען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט? האָט די יוגנט געגעבן כאָטש איין מענטשן, וואָס זאָל פֿאַרבייטן די אַלטע? — ניין!

1) אַ כעקטע פֿון גריכישע פֿילאָזאָפֿן, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז דער ציל פֿונעם לעבן באַשטייט נאָר אין גייסטיקע און פֿיזישע פֿאַרגעניגן.

2) באַזאַראָוו — דער העלד פֿון טורגעניעווס ראָמאַן „פֿאָטערס און קינדער".

די דאָזיקע יונגנט איז היינט ניטשעאַניש, ווייל — ווי זאָגט טרעפלעך — דער ניטשעאיזם איז איינע פון די קאַריקאטורן פון דעם אינדיווידואַליזם. ס'איז דער בורזשואזער אינדיווידואליזם, וואָס קאָן אנדערש נישט עקזיסטירן ווי נאָר דורך אונטערדריקן די מאסן, און — מערקט עס אייך גוט אָן — דורך לאַ־קייאישקייט, סערוויליזם אין באצוג צו דער טראַדיציע; דורך פארטעמפּן די אינ־דיווידואליטעט אין דעם אונטערדריקער גופא, פונקט ווי ביי די אונטערדריקטע מאסן. „די שיינע בלאָנדע בעסטיע" איז, אין גרונט גענומען, א שקלאַף — א שקלאַף פון דעם קעניג, פון דעם גלח, פון דעם געזעץ, פון דער טראַדיציע — א נומער אן אינדיווידואליטעט פון דער טשערעדע עקספּלאָטאטאָרס.

און דערפאר יאָס מיר זיינען געוואָרן סינדיקאליסטן, האָט די דאָזיקע יוגנט אונז פארלאָזט. 1) צוגעצויגן פון דער מאלערישקייט (פון אונזער באַווע־גונג), האָט זי זיך אנטוישט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס מאלערישע, דאָס דראַ־מאטישע איז געוואָרן זעלטן און מען האָט זיך געמוזט איינשפּאנען אין דער לאנגזאמער טאָג־טעגלעכער ארבעט. — „כ'בין געקומען צו אייך, ווייל כ'האָב געמיינט, אז די רעוואָלוציע איז נאָענט, נאָר איצט זע איך אז ס'איז נויטיק א לאנגע דערציאונגס־ארבעט". וויפל מאָל איך האָב דאָס געהערט שוין זינט 25 יאָר! זיי האָבן זיך פארוויילט. מיט דער מאלערישקייט פון ראוואשאָלן, וואיאן און פּאולסן 2), און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אלטעגלעכקייט ווען זיי האָבן גע־זען, אז מען פאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלן מיט קרבנות־גרייטקייט דערווייזן זייער דורשט נאָך פרייהייט. איך פאָדער ניט פון זיי קיין אקטן פון אינדיווידועלן רע־וואָלט; די עפיקורייער טוען עס ניט. אָבער, אפילו אויף צו פארטיידיקן די זאך פון די אונטערדריקטע, פאר דער פרייהייטלעכער שולע, פאר די קליינע אויפגאבן פון דער טאָג־טעגלעכער פּראָפּאגאנדע — וואו זיינען זיי? מען וועט שטענדיק מוזן זוכן ארבעטער דערצו! צי קאָנט איר א באוועגונג, וואָס זאָל זיין נאָך אזוי אָרים אין מענטשן צום ווייטערדיקן קאמף?

פארוואָס איז דאָס אזוי? ווייל דער ענג־עגאָאיסטישער אינדיווידואליזם — ווי ער זעט אוים פון זינט מאנדווילן ביז ניטשען און די יונגע פראנצויזישע אנארכיסטן — קאָן קיינעם נישט באגייסטערן. ער פארמאָגט נישט אין זיך קיין שום דערהאבענעס און לאָקנדיקס.

---

1) קראָפּאָטקין האָט געשריבן די בריוו אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיקער בלינדער. אומבאגרענעצטער באוואונדערונג פון דעם סינדיקאליזם וואָס האָט זיך אנטוויקלט פאר זיינע אויגן פון זינט 1895, ווען א סך חברים האָבן געגלייבט, אז אונזער זאך איז אויפן וועג זיך צו פארשפרייטן, צו טריאומפירן שנעל אדאנק דעם סינדיקאליזם. און ווען אייניקע חברים האָבן באטראכט יעדער אנדער אקציע און פּראָפּאגאנדע־מיטל אלס ארויסגעווארפענע ארבעט. איך האָב אנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו צוריקשטעלן די גלייכגעוויכט, די אלזייטיקייט פון דער פּראָפּאגאנדע. נעטלאו.

2) וואָס איז אומגעקומען אין דעם קלויסטער „לאַ מאַדעלען" אין פאריז, ווען די באָמבע, וואָס ער האָט געהאט ביי זיך, האָט אויפגעריסן.

כ'וועל זאָגן נאָכמער, און דאָס זעט מיר אויס פון גרויס באַדייטונג: דאָס, וואָס מען האָט ביז איצט גערופן אינדיווידואַליזם איז געווען נישט מער, ווי א נאַרישער עגאָאיזם, וואָס דערנידעריקט דעם אינדיווידום. נאַריש, ווייל ס'איז גאָר קיין אינדיווידואַליזם נישט געווען; ער האָט נישט געפירט צו דעם, וואָס מען האָט זיך געשטעלט אלס ציל: — די פולשטענדיקע אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט. ווי מיר שיינט, האָט קיינער, חוץ איבסענען, נישט באַנומען דעם זין פון דעם אמתן אינדיווידואַליזם, און ער גופא, אַנטאַפנדיק אים מיט דער וויזיע פון א גאוני, האָט אים נישט אויסגעדריקט אויף אזא אופן, אז מען זאָל אים פאַרשטיין. פונדעסטוועגן פאַרמאָגט איבסען א געוויסע וויזיע פון דעם אינדיווידואַליזם פון דער צוקונפט, וואָס איך זע פאַראויס, און וואָס וועט זיין די העכערע מאַניפעסטירונג פון דער אינדיווידואַליטעט — וואָס איז אזוי אַנדערש פון דעם בורזשואזן, מיזאַנטראָפישן אינדיווידואַליזם, ווי פון דעם קריסטלעכן קאָמוניזם, און פונקט אזוי פיינטלעך צו איינעם, ווי צום צווייטן, ווייל אי דער אי יענער זיינען מניעות צו דער פולער אויסוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט.

דער אינדיווידואַליזם, וואָס וועט, ווי איך גלויב, ווערן דער אידעאַל פון דער נעקסטער פילאָזאָפיע, וועט נישט זוכן זיין אויסדרוק אינעם פאַרכאַפּן פון דעם אַלגעמיינעם פּראָדוקציע־אייגנטום מער ווי דעם גלייכן חלק, וואָס עס קומט יעדן איינעם (דאָס איינציקע, וואָס די בורזשואזיע האָט פאַרשטאַנען); ער וועט נישט באַשטיין אין שאַפן א וועלט פון שקלאַפן־המונים, וואָס זאָלן דינען דער אויסדערוויילטער נאַציע; ער וועט אויך נישט באַשטיין אין דעם סענסועלן אינדיווידואַליזם און אין דעם באַפרייען זיך פון דעם „יצר טוב און יצר הרע", וואָס ס'האָבן אונז געפּרעדיקט אייניקע פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן — א אָרימע אָפּשפּיגלונג פון די „עסטעטן", די „באַוואונדערער פון דעם שיינעם", די בייראָניסטישע און דאָן־זשואַניסטישע פּאָעטן, וואָס האָבן אויך געפּרעדיקט אזא אינדיווידואַליזם, — נישט אינעם אונטערדריקן דעם שכן (דער ניטשעאַנער אינדיווידואַליזם), וואָס דערנידעריקט די „שיינע בלאָנדע בעסטיע" צו דער מדרגה פון א אָקס און א טשערעדע פון אָקסן, — נאָר אין א מין אינדיווידואַליזם, אָדער פּערסאָנאַליזם, אָדער אין א אייגנאַרטיקן קאָמוניזם, וואָס איך זע אָנקומען, און וועלכן איך וועל פּרוּוון דעפינירן, אויב איך וועל אים קאָנען אָפּגעבן די נויטיקע צייט.

דאָס, וואָס מען האָט ביז איצט פאָרגעשטעלט אלס אינדיווידואַליזם, איז געווען נישטיק און קליינלעך און, — וואָס ס'איז נאָך ערגער, ער טראָגט אין זיך די נעגאַציע, די אויפלייזונג פון דער אינדיווידואַליטעט, אָדער, יעדנפאַלס, די נעגאַציע פון דעם, וואָס ס'איז נויטיק פאַר דער פולשטענדיקסטער עקספּאַנסיע פון דעם אינדיווידום. ס'זיינען געווען קעניגן, וואָס זיינען געווען רייך און האָבן געפּרעסן ביזן צוזעצט ווערן, און געוואָלט מיט זיך פאַרשטעלן דעם אינדיווידואַליזם, אלס די טענדענץ צו זיין רייך ווי א קעניג, אַרומגערינגלט מיט שקלאַפן; ווי א קעניג, געחנפעט פון פרויען; ווי א קעניג, עסנדיק צינגלעך פון נאַכטיגאַלן

(קאַלטע און שטענדיק מיטן זעלבן סאָוס!) אין גאָלדענע אָדער זילבערנע טע־לער. און דאָך — וואָס איז דאָ אויף דער וועלט נאָך מער באַנאַל־בורזשואַז ווי א קעניג, און א גרעסער שקלאַף ווי א קעניג!

ניטשעס „בלאָנדע בעסטיע" רופט ביי מיר ארויס געלעכטער. און פונ־דעסטוועגן — א דאנק א פערווערזער פילאָזאָפיע, וואָס מען האָט פארשפרייט אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט (אין די יאָרן 1820-1839) אין וועלכער די דאָזיקע הערן, די עסטעטן, האָבן אונז געוואָלט איינרעדן, אז זיי שטעלן מיט זיך פאָרא העכערן טיפּ מענטש — גלויבט מען נאָך אַלץ נאַאיוו, אז די דאָזיקע לייט, וועלכע האָבן בלויז געוואָלט מען זאָל זיי לאָזן זינקען אין תענוגים, („פאַר מיר די תענוגים", — אריע אין גונאָ'ס פאוסט), האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די העכערע אויסוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט, א פאָרשריט, א „דעסידעראַטום", — די פּערל פון דער מענטשלעכער ראַסע.

ביז איצט האָבן די סימולירער פון דעם אינדיווידואַליזם געהאַט אַלס קעגנער בלויז די קריסטנטום־פּרעדיקער, וועלכע האָבן זיי געפּרעדיקט די פארניכ־טונג פון דער אינדיווידואַליטעט. דאָס איז פאַר זיי געווען א פּרעכטיקע שפּיל. ווען ער רייסט אַרונטער דאָס קריסטנטום איז ניטשע, נאָך פוריען, גרויסאַרטיק. ס'איז דאָס זעלבע, ווי ווען מען האָט קעגן דעם „עגאָאיסט" ארויסגעשטעלט דעם „אַלטרואיסט", און דער ערשטער האָט אויף א פיינעם אופן דערוויזן, אז אויך דער אַלטרואיזם איז א פּועל יוצא פון דעם עגאָאיזם, בעת דעם נארישן עגאָ־איסט — וואָס איז נישט פעאיק צו פארשטיין זיין אייגענעם אינטערעס, און איז ענלעך צו דעם זולון־קעניג, וועלכער, כדי זיך צו געבן מער פּרעסטיזש, האָט ער אויפגעפרעסן א פערטל אָקס יעדן טאָג — האָט מען געמוזט ארויס־שטעלן (ווי דאָס האָט געטאָן טשערנישעווסקי) דעם פּערפעקטן עגאָאיסט, פּי־סאַרעווס „דענקנדיקן רעאַליסט", וועלכער איז געווען אָן א שיעור פעאיקער אויף גוטע סאָציאַלע מעשים, ווי דער גרעסטער קריסטלעכער אַלטרואיסט אָדער קאַנטס אָנהענגער, כאָטש ער האָט געוואוסט און געזאָגט, אז ער האנדלט בלויז אויס עגאָאיזם.

פון די דאָזיקע קורצע אָנווייזונגען וועט איר מסתמא פארשטיין וואָס איך האַלט פאַר פּערסאָנאַליזם, אָדער אייגנארטיקן קאָמוניזם: — דער יחיד, וואָס דערגרייכט זיין מעגלעך־העכסטע אנטוויקלונג דורך דער פּראַקטיק, וואָס איז נוגע אייניקע עיקר־באַדערפענישן, און זיינע באַציאונגען מיט די אנדערע מענ־טשן בכלל, ד. ה. — די העכסטע קאָמוניסטישע סאָציאַביליטעט. דער בורזשוי זאָגט, אז צוליב דער עקספּאַנסיע פון זיין פּערזענלעכקייט מוז ער האָבן שקלאַפן, אז ער מוז מקריב זיין אנדערע — אָבער נישט זיך זעלבסט — אאַ"וו... און, אַלס רעזולטאַט, איז פּאַרמינערט געוואָרן די אינדיווידואַליטעט אין דער מאָדער־נער בורזשואַזער געזעלשאַפט. — דאָ האָט איר דעם אינדיווידואַליזם!.. אָ, ווי גערטע וואָלט אויסגעלאַכט די דאָזיקע „אינדיווידואַליטעט". נאָר נעמט דעם זעלבן גערטען, די דאָזיקע אזוי שטאַרק־דעפינירטע אינדיווידואַליטעט: ווען ס'וואָלט

אויסגעקומען צו טון געמיינשאפטלעכע ארבעט, וואָלט ער זיך געוועזן געוואָרפן מיט איר? ניין, ער וואָלט געווען געאַרבעט פאַרן גליק פון זיינע חברים אין דער קאָמונע! ער וואָלט אזוי ארום געווען אריינגעבראכט לעבנס־פרייד, חדווה־גייסט אין קאָמוניסטישן און סאָציאַלן אימפּולס. און ער וואָלט דערביי גאָרנישט פאַרלוירן פון זיין גרויסער פּערזענלעכער פּאָעטישקייט און נישט פון זיין פילאָזאָפיע: פאַרקערט, ער וואָלט געווען געוואונען באַקענענדיק זיך מיט נאָך אַ זייט פון דעם מענטשלעכן שכל: די פרייד פון הנאה האָבן פון דער נאַטור און דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט. אַזוי ווי קיין שום מענטשלעכעס איז אים נישט געווען פרעמד, וואָלט זיין פּערזאָן, זיין אינדיווידואַליטעט, זיך אַנטוויקלענדיס אין אָט־דער נייער ריכטונג, געווען צוגעגעבן נאָך אַ סטרונע צום אַקאָרד פון זיין שירה. און איך האָב געקענט אינעם רוסישן קאָמונאלן לעבן פּערזענלעכקייטן פון דעם מין , וואָס הגם, זייענדיק דאָס, וואָס די רוסן רופן אָן „מירסקאָי טשיעלאָוויעק” (אַ קאָמונאַלער מענטש)*) אינעם העכסטן זין פונעם וואָרט, זיינען זיי אויך געווען פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט אַלע פאַראורטיילן פון זייער דאָרף און זיינען אַוועק אַליין, אויף זייער אייגענעם וועג, סיי דורך אינדיווידועלן פּאָליטישן רעוואָלט, סיי דורכן פּערזענלעכן רעוואָלט קעגן די מנהגים, סיי דורכן אַנטי־רעליגיעזן אָדער ליבעס־רעוואָלט א. א. וו...

אָט פאַרוואָס דער אינדיווידואַליזם וועגן וועלכן די יונגע פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן האָבן גערעדט אין אַ געוויסן מאָמענט, זעט מיר אויס קליינלעך און פאַלש, ווייל ער פאַרפעלט דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. און נאָך פאַלשער קלינגט אין מיין אויער די דאָזיקע נאָמע וועט אין דער זעלבער צייט זיינען געווען מענטשן, וועלכע זיינען באַוואוסטזיניק נעגאַנגען אויפן עשאַפאָט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך נאָכדעם, ווי זיי האָבן בקול רם דערוויזן זייער פּערזענלעכקייט. ס'איז נאָר אַדאַנק דער אומקלאָרקייט, וואָס הערשט אין דער קאָנצעפּציע וועגן אינדיווידואַליזם האָבן זיך אַנדערע, וועלכע רופן זיך אינדיווידואַליסטן, איינגערעדט, אַז זיי באַלאַנגען צום זעלבן אינטעלעקטועלן און פּאָליטישן לאַגער פון די דאָזיקע קרבנות־גרייטע מענטשן. די יעניקע, וועלכע האָבן זיך גערופן „אינדיווידואַליסטן” (אינעם בורזשואַזן זין) האָבן געהאַט אַזוי ווינציק רעכט זיי צו באַטראַכטן ווי „אייגענע”, פּונקט ווי די קריסטן. יענע מענטשן האָבן באַלאַנגט צו דעם מין, וועלכע איך זע קומען און וועלכע איבסען האָט געפּרואווט באַשאַפן אין זיינע דראַמען.

**פּ. קראָפּאָטקין.**

---

*) דאָס וואָרט „מיר” אויף רוסיש מיינט גלייכצייטיק די וועלט און די געמיינדע. י. ט.

מ. פּיעראָ

# פּ. א. קראָפּאָטקין און די מלחמה

ווי ס'איז באַוואוסט, האָט קראָפּאָטקין אין אַלע זיינע ווערק אָנגעוויזן אויפֿן שטענדיקן טעות, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס ביים אַנאַליזירן געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען גייט מען ארויס פֿון נישט־קאָנטראָלירבאַרע הנחות און מען באַנוצט זיך מיטן דיאַלעקטישן מעטאָד, וואָס פֿירט צום אויפֿשטעלן אַ סיסטעם, וועלכע איז, סוף כּל סוף, נישט אין איינקלאַנג מיט דער ווירקלעכקייט. קראָפּאָטקין האָט כּסדר אָנגעוויזן דערויף, אַז דער איינציקער נוצבאַרער מעטאָד, איז דער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער מעטאָד, ד.ה. דער, וואָס איז געבויט אויף דער באַאָבאַכטונג און דערפֿאַרונג. נאָר יעדער מאָל, וואָס ער האָט געגעבן אָט די העכסט־וויכטיקע עצה, אַ נויטיקע און עלעמענטאַר־אויגנשיינלעכע פֿאַר יעדן וויסנשאַפֿטלעך־דענקענדיקן מוח, איז דאָס שטענדיק געווען אַ קול קורא במדבר. דאָס איז אַ אויגנשיינלעכער באַווייז, אַז ס'זיינען פֿאַראַן ווינציק וויסנשאַפֿטלעך־דענקענדיקע מוחות, און אַז פֿאַר אַ אומאַנטוויקלטן מוח איז כּמעט נישט מעגלעך צו באַגרייפֿן די נויטיקייט פֿון אַזאַ מעטאָד, וואָס פֿאָדערט אַ סך וויסן און די אָפּוועזנהייט פֿון אַ פֿאָראויס אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט. ס'איז דאָך אַ סך באַקוועמער צו אַנאַליזירן דעם מענטשן, ווי אַן אַבסטראַקטן וועזן און זיך חקרענען וועגן אים ביז דער אומענדלעכקייט. לאָגיק — איז אַ געפֿערלעך געווער אויף אַ געביט, וואו די קאָמפּליצירטקייט פֿון די פֿאַקטן און די פֿאַרפּלאָנטערטקייט פֿון זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווינגען צו גיין פֿאָראויס מיט פֿאָרזיכט. אָבער די ריזיקע ארייַנצופֿאַלן אין אַ טעות שרעקט קיינמאָל ניט אָפּ די יעניקע, וועלכע איגנאָרירנדיק די רעלאַטיוויטעט פֿון אונזערע קענטעניש, נעמען זיך לייזן די פּראָבלעמען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט; זיי באַנוגן זיך דערמיט, וואָס זיי פֿאַרלייקענען זייערע טעותן, אַפֿילו די אויגנשיינלעכע און זייער זעלבסטפֿאַרגלויבטקייט אימפּאָנירט דער מאַסע שוואַכזיניקע מענטשן.

דער טאָלסטויאיזם איז אַזאַ איינפֿאַכע תּורה, אַז יעדער עלעמענטאַרער שכל

פאַרשטייט זי ; זי רעכנט זיך בלויז מיט איין זאַך: מיט די אויגנשיינלעכע מל-חמה-גרוילן — דער אויסגאַנגס־פּונקט, אויף וועלכן אַלע אייניקן זיך, אַפילו וויל־העלם דער צווייטער; דערביי פירט זי צו אַ גאַנץ אומגעלומפּערטן שלום, ווייל איר גרונטפּרינציפּ — ניט געבן קיין ווידערשטאַנד — קאָן נאָר העלפן צום זיג פון דעם מיליטאַריזם, אויב למשל, ס'רעדט זיך וועגן אים. דער עקל צו מלחמה — איז אַ עלעמענטאַרער געפיל, וואָס יעדערער פילט, בפרט ווען ער גופא ליידט פון אירע שרעקן. אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה*) איז מיר אַ סך מאָל אויסגעקומען צו באַגעגענען מענטשן, וועלכע זיינען געווען אין כעס, וואָס זיי זיינען מאָבי-ליזירט און זיי ריזיקירן געשיקט צו ווערן אויפן פראָנט, נאָר די סבה דערפון איז געווען די מורא פאַר די ליידן און טויט, דאָס ביטערע געפיל פון זיך דאַרפן שיידן מיט די אייגענע און פון מוזן מקריב זיין די מאַטעריעלע אינטערעסן. און מען קאָן זאָגן, אַז אַזעלכע עלעמענטאַרע דעפּיטיסטן, וועלכע האָבן זיך גערעכנט ניט מיט וועלכע ס'ניט איז פילאָזאָפישע שטאַנדפּונקטן, נאָר מיטן פשוטן עגאָ־איזם, זיינען כמעט געווען מער צווישן די רעאַקציאָנערן, ווי צווישן די פּראָגרעסי־ווע מענטשן. און פונדעסטוועגן, אויב מיר ווילן געפונען אַן אויסוועג צו דער איצ־טיקער לאַגע, אויב מיר ווילן זיך באַפרייען פון דער טיראַניע פון דעם קאַפּיטאַ־ליזם און מיליטאַריזם, וועלן מיר, אין אַ געוויסן מאָמענט, מוזן אָנקומען צו די רעוואָלוציאָנערע מיטלען און זיך באַטייליקן אין דעם בירגער־קריג. וואו וועלן דעמאָלט זיין די טאָלסטויאַנער? די פּראָפּאַגאַנדע קאָן צוגרייטן די געשעענישן און פאַרלייכטערן דעם זיג, אָבער זי אַליין איז נישט גענוג; דאָס פאַרניכטן דעם מיליטאַריזם איז נישט קיין אויפגאַבע בלויז פון מאָראַלן כאַראַקטער: דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ רייע מאַטעריעלע אינטערעסן, פאַר וועלכע די טעאָריע פון נישט ענטפערן מיט גוואַלד אויף גוואַלד קאָן גאָר זיין גינסטיק.

פאַרשטענדלעך, די אַנטימיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז נויטיק, און קראָפּאָטקין האָט נישט ווינציק געאַרבעט פאַר איר ביז דער מלחמה. ער האָט אויך קריטיקירט דעם פּאַטריאָטיזם, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס מען באַ־טראַכט דאָס אייגענע לאַנד דאָס ערשטע אין דער וועלט, דאָס בעסטע, דאָס גע־רעכטסטע, דאָס שענסטע, און וואָס האָט, לגבי די אַנדערע נאַציעס, אַלע רעכטן. אין די ביז־מלחמה יאָרן האָט מען געקאָנט אָפן, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון די דעמאָקראַטישע אידעען אין דייטשלאַנד, וועט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע באַקומען אַ גענוגנדיקע השפּעה, אויף צו פאַראַליזירן די באַשלוסן פון דעם אימפּולסיוון אַבסאָלוטן מאָנאַרך. קראָפּאָטקין האָט באַטראַכט דעם גערמאַנישן מיליטאַריזם אַלס די שרעקלעכסטע סכנה: ער האָט אין זיך פאַרמאָגט פונקט אַזוי פיל פעאָדאַ־לע, דעספּאָטישע, רעאַקציאָנערע איבערבלייבעכטס, ווי דער רוסישער רעזשים; נאָר ער איז געווען אַ כך סטאַבילער און אַ סך בעסער אָרגאַניזירט; אַלע מיליטאַ-ריסטישע רעזשימען אויף דער וועלט זיינען געווען אַנטציקט פון אים און גע־

---

*) דער מחבר רעדט דא פון דער מלחמה פון 1914—1918.

שטרעבט אים נאָכצוטאָן. ס'איז געווען אַ אומגעהויערע סכנה, און ווייל זי איז גע־ווען אומגעהויער, האָט זי זיך אויסגעוויזן אומרעאַליזירבאַר; פאַרמיידן זי האָט באַדאַרפט די וואַקסנדיקע קראַפט פון דער דעמאָקראַטיע. אָבער דער וואוקס פון דער דעמאָקראַטיע איז געפּערלעך פאַר די דיקטאַטאָרס און, אפשר איז טאַקע דאָס געווען די סיבה, וואָס האָט באַוואויגן איינעם פון די זעלבסטהערשער ארויס־צורופן די מלחמה.

און די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. די געשעענישן טראָגן אונז, ווי אַ שטרוי־עלע פון דעם שטורעם. די מענטשן קאָנען שוין נישט אַרבעטן פאַרן פּראָגרעס יע־דער אין זיין לאַנד, זיי קאָנען אויך אינערגעץ ניט אַנטלויפן פון דעם אַלגעמיינעם געשלעג. און צי וואָלט דען געווען בעסער פאַר די אינטערעסן פון דער מענטשהייט און אין די אינטערעסן פון זייער אייגן לאַנד, ווען זיי זאָלן געווען קאָנען אַנט־לויפן? דער מענטש איז אָפּהענגיק פון זיין סביבה; ער קאָן נישט זיין פריי, ער קאָן נישט שטרעבן צו בעסערע עקזיסטענץ באַדינגונגען, ווען די סביבה איז אומ־גינסטיק. אין דער אַלוועלטלעכער, און אַפילו נאָר אין דער אייראָפּעאישער עוואָ־לוציע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, שטייען די פאַרשידענע פעלקער אויף פאַר־שידענע גראַדן פון ציוויליזאַציע. קראָפּאָטקין האַלט, אַז אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט מוז מען העלפן די פעלקער, וועלכע האָבן דערהאָבערט פאַר זיך דעמאָקראַטישע פרייהייטן און קודם כל פראַנקרייך, וועלכע האָט געמאַכט די גרויסע רעוואָלוציע און איז פאַרבליבן די היים פון די באַפרייאונגס אידעען. מען מוז געבן אַ ווידערשטאַנד דעם פּרייסישן מיליטאַריזם וועמעס זיג וואָלט באַדייטעט דער נצחון פון דעם פעאָדאַליזם, די פאַרניכטונג פון דער פרייהייט און פון דעם דעמאָקראַטישן גייסט, אַן אַלגעמיינער ריקצוג פון דער מענטשהייט. פאַר דעם צענטער פון דער רעאַקציע האַלט קראָפּאָטקין — גערמאַניע; אויב דער דייטשער מיליטאַריזם וועט באַזיגט ווערן, וועט די מענטשהייט, זיכער, נאָך נישט ווערן פריי, אָבער זי וועט זיך אויסדרייען פון דער נאָנטסטער סכנה. אָט־דעם שטאַנד־פּונקט זיינעם האָט מען נישט פאַרשטאַנען, און אַ סך האָבן זיך באַצויגן גלייכ־גילטיק צום אויסגאַנג פון דער מלחמה. אָבער קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן זיין מיי־נונג פאַר אַזאַ אויגנשיינלעכער און אומבאַשטרייטבאַרער, אַז ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט פון יעדער פּאָלעמיק און פון אַלע ראַיות. אַזוי, למשל, שרייבט ער אין אַ בריוו צו מ. גאָלדסמיט (מאַריאַ קאָרן, דעם 21-טן דעצעמבער 1915):

„צי קאָן מען דען דערוויזן, אַז דעם פראַנצויזישן אַרבעטער איז נישט אַלצ־איינס צו זיין אונטער די דייטשע אָפיצירן, אָדער אין דער פראַנצויזישער רעפּוב־ליק? אַז די רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן פון 1789, 1830, 1848 און 1870 האָבן באַשאַפן די נאַציע און די באַגריפן, וואָס פּאַסן זיך נישט צו צו די דייטשע פאָלק־טעלס (שווערדן־קלינג)? אַז ס'איז נישט אַלצייגס, צי אין פראַנקרייך וועט זיין אַ מאָנאַרכיע, אָדער אַ רעפּובליק?... אַז אין דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע איז דאָ אַזוינס, וואָס מען דאַרף היטן? ענדלעך, אַז דאָס גרויל־האַפטע אין דייטשלאַנד באַ־שטייט אין דעם, וואָס מיליאָנען אַרבעטער זיינען פאַר אונטערזאָכן די לענדער,

וועלכע זיינען צוריקגעשטאַנען אינדוסטריעל א.א.וו."

קראָפּאָטקינען האָבן זיינע קעגנער באַטראַכט אָדער פאַר אַ רוסישן פּאַטריאָט, אָדער פאַר אַ פראַנצויזישן פּאַטריאָט, אָדער אַפילו פאַר אַ סלאַוויאַנאָפיל (!); זיין אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט האָט מען נישט פאַרשטאַנען. אָבער ער האָט געשריבן וועגן זיי (אין אַ בריוו צו מ. גאָלדסמיט, דעם 17טן פעברואַר 1915):

„זיי אַלע זיינען, קודם כל, נאַציאָנאַליסטן. די איטאַליענער טראַכטן פון איטאַליע, זיי לאַכן זיך אויס פון פראַנקרייך, ס'איז אַ נאַרישקייט זי צו רעכענען בראָש פון דער באַוועגונג; די פּאָליאַקן — זעען פּוילן; די אידן — די אידן־פראַגע, די רוסן ווילן דעם „בראָך" פון רוסלאַנד צוליב דער „באַפרייאונגס רעוואָלוציע", — און קיינער פון זיי האָט ניט קיין שום פאָרשטעלונג וועגן עפּעס אַ אייראָפּעאישן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָגרעס".

כדי צו פאַרשטיין קראָפּאָטקינס קוק אויף דער מלחמה, מוז מען האָבן אינזינען נאָך אַ זייט פון דער פראַגע, אויך זייער אַ נאָנטע קראָפּאָטקינען — די אומאָפּהענגיקייט פון די נאַציאָנאַליטעטן. אין אַ בריוו פון דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ (די בריוו פון דעם 23טן פעברואַר 1916), זאָגט ער: די פעלקער — זיינען ברידער, און די טיראַנען — שונאים, פלעגן זאָגן די טעאָרעטיקער פון דעם סאָציאַליזם אין 1848, און דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקע טעאָריע. נאָר זיי האָבן פאַרגעסן דעם פאַל, ווען טיראַנען און פאָלק ווערן איינס און מען וואָלט באַדאַרפט זאָגן: „די פעלקער וואָלטן געווען ברידער, ווען זיי זאָלן נישט נאָכגיין זייערע טיראַנען, וועלכע מאַכן פון זיי שונאים". דער אינטערנאַציאָנאַל — דער ערשטער, דער ריכטיקער — האָט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן פאַרזען, און פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון יעדער נאַציע און דעם אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע נאַציעס, קעגן די פעלקער, וועלכע אונטערדריקן זיי אויפן באַפעל פון זייערע טיראַנען. מיטן פּראָקלאַמירן דעם חוב פון אַלע פרייע נאַציעס צו העלפן דער אויפגעשטאַנענער פּוילן אין 1863 זיך צו באַפרייען פון דעם יאָך פון דעם רוסישן זעלבסטהערשער, וועלכער איז אין דעם דאָזיקן פאַרברעכן געשטיצט געוואָרן פון גאַנצן פאָלק, איז פאַרבונדן די גרינדונג גופא פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך נישט דערקלערט אַלס קאָסמאָפּאָליטיש. ער האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון יעדער נאַציע זיך צו אַנטוויקלען פריי, ווי איר געפעלט, איר רעכט פון אויפשטאַנד קעגן די יעניקע, וואָס זאָגט איר אָפּ דאָס דאָזיקע רעכט, און דעם חוב פון אַלע האָרעפּאַשניקעס זיך צו פאַראייניקן און געבן אַ ווידערשטאַנד יעדן פּרוּאוו פון איין נאַציאָנאַליטעט צו אונטערדריקן אַ צווייטע. אַזוי האָט באַקונין אין 1871 געזאָגט די דייטשע אַרבעטער, אַז זייער חוב איז — צו רעוואָלטירן קעגן זייער רעגירונג, וואָס האָט געזוכט דערהאָבערונגען אין פראַנקרייך *). נאָר אַזויווי באַקונין און זיינע

---

*) וועגן באַקונינס שטעלונג אין דער צייט פון דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה אין 1870—1871 זע זיינע ווערק „בריוו צו אַ פראַנצויז" און „די קנוטאַ־גערמאַנישע אימפּעריע און די סאָציאַלע רעוואָלוציע".

פריינט האָבן גוט געוואוסט, אז דאָס דייטשע פאָלק וועט זיי נישט פאָלגן, האָבן זיי גערופן די רעוואָלוציאָנערן פון אלע פעלקער צו פארטיידיקן פראנקרייך קעגן די דעראָבערער. און ווען אין פאריז האָבן אלע מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאל, געבנדיק די האנט די בלאנקיסטן, זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון דער קאָמונע, האָבן זיי געהאָפט ארויסצוטרייבן די דייטשן פון פראנקרייך דורך דער אָנשטרענגונג פון די אויפגעשטאנענע קאָמונעס. זיי האָבן פארשטאנען, אז אין פאל פון א דערפאָלג, וואָלט דאָס געווען דאָס ריכטיקע, דאָס איינציקע מיטל אָנצוהויבן די סאָציאלע רעוואָלוציע, אָדער, אלנפאלס, מאכן די ערשטע שריט צו דעם. אָט דעריבער האָבן די „באקונינצעס" און באקונינס צוויי נאָנטע פריינט אין 1877 זיך געוואָרפן אויף דעם באלקאנישן האלב-אינזל פארטיידיקן דעם אויפשטאנד פון הערצעגאָווינע, קעגן דעם טערקישן יאָך, און אנדערע האָבן געשטיצט די זעלבע זאך אין דעם „בולעטין פון דער יוראַ'ר פעדעראציע"*). דאָס זעלבע אין 1881, איז איינער פון זיי אוועק קיין אלעקסאנדריע, צו שטיצן אראבי־פאשאס אויפשטאנד פאר דער אומאָפהענגיקייט פון עגיפטן. פונקט אזוי האָבן אונזערע צייטונגען שטענדיק ענערגיש פארטיידיקט די אומאָפהענגיקייט פון אירלאנד, די בויערן, קאווקאז, פוילן און פינלאנד, נישט הערנדיק די עצות פון די, וועלכע האָבן געזאָגט, אז אלע באמיאונגען פון די ארבעטער דארפן געריכטעט ווערן דערויף אז זייער קלאס זאָל „דערהאָבערן די מאכט".

די דייטשן, בתוכם די סאָציאלדעמאָקראטן, פלעגן זיך אויפהויבן מאסנוויין אַ,יף צו פארטיידיקן זייער ציוויליזאציע קעגן דער רוסישער בארבאריטעט. אָבער רוסלאנד איז געווען א ריז אויף ליימענע פיס. ווען זי זאָל געווען שליסן א בונד מיט דער גערמאנישער און עסטרייכישער מאָנארכיעס, ווען איר גאנצע אומגעהויערע מאסע זאָל זיך געווען אָנשפארן אויף דער מעכטיקער דייטשער אָרגאַניזאַציע, וואָלט די סכנה פון אזא אימפעראטאָרשן דרייפאכן בונד געווען א געוואַלדיקע, זייער רעאקציאָנערער בלאָק, וואָלט געווען א אומבאזיגבארער. נאָר די פאָליטישע קאָנקורענץ און די פאָליטישע צופעליקייטן האָבן געשאפן אזא לאגע, אז דער דאָזיקער בלאָק איז זיך צעפאלן. רוסלאנד האָט געמוזט צושטימען צו דער פירערשאפט און קאָנטראָל פון די מערב־דעמאָקראטישע מלוכות: אליין האָט זי קיין כוח נישט געהאט. א דאנק דעם פעלן פון מיטלען און דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע. אויב זי וועט באזיגט ווערן, וועט די צארישע זעלבסטהערשאפט, אונטער דער השגחה פון די צענטראלע מלוכות, ווערן שטארקער; אויב אָבער זי וועט זיגן וועט אין איר זיגן די פריהייטס־באוועגונג, נישט־קוקנדיק אויף קיין שום ווידערשטאנד פון דער רעגירונג.

אָט־די אלע קראָפּאָטקינס שטאנדפונקטן האָבן בשעתו ארויסגערופן ביי א

*) די „באקונינצעס", וועגן וועלכע קראָפּאָטקין רעדט דא, זיינען ס. סטיעפניאק (קראווטשינסקי) און יו. קלעמענץ. זיי זיינען געגאנגען אלס וואָלונטירן מיט די באסניאקעס און הערצאגאווינער קעגן די טערקן. זע „מעמוארן פון א רעוואלוציאנער".

סך אנאַרכיסטן פאַרדרוס און אומצופרידנקייט. איך האָב דאָ נישט בדעה צו פאַר־טיידיקן קראָפּאָטקינען; צוזאַמען מיט אים האָב איך אונטערגעשריבן דעם „מאַני־פעסט פון די 16". אָט־וואָס קראָפּאָטקין האָט געענטפערט אויף איינעם אויסזע־צונגען. אין א בריוו צו הערענען, וועלכער איז דעמאָלט געווען אויפן פראָנט, האָט ער געזאָגט: „די טעג האָב איך באַקומען א בריוו פון דאַמעלא ניואַוועניהויז, אין וועלכן ער פרעגט, אין נאָמען פון די האָלענדישע חברים, פאַרוואָס מיינע שריפטן שטימען נישט מיט מיינע איצטיקע מיינונגען? איך האָב אים געענטפערט: דער־פאַר, ווייל די מענטשן לייענען בכל, נישט כדי קאָנטראָלירן זייערע מיינונגען וועגן דער אָדער א צווייטער פראַגע, נאָר כדי ג ע פ י נ ע ן א ב א ש ט ע ט י־ק ו נ ג צ ו ז י י. אוודאי, אין גרונט פון יעדער מלחמה איז געווען, און ס'איז פאַראַן דער ווילן זיך צו באַרייכערן; איך האָב דאָס שטענדיק דערוויזן מיט א מאַסע פאַקטן און ציטאַטן. מיינט דאָס דען, אז מען דאַרף טאָלערירן די דערהאָבע־רונג, וואָס ברענגט כסדר א נייעם ע ק אָ נ אָ מ י ש ן יאָך (דאָס פאַרכאַפּן די בעסטע ערד, די בעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דעם מסחר, נייע שטייערן א.א.וו.) און א נייעם פּ אָ ל י ט י ש ן יאָך, און שטערן דעם דערהאָבערטן פאָלק צו רעוואָלטירן און זיך באַפרייען?"

צום שלום עטלעכע ווערטער. קען מען דען זאָגן, אז מיר זיינען גלייכגילטיק צום אויסגאַנג פון י ע ד ע ר מלחמה, חוץ דעם בירגער־קריג? ס'איז פאַראַן מל־חמות, וואָס באַשטימען דעם פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן גורל פון פעלקער; פאַראַן מלחמות, אין וועלכע דער זיג פון איין צד ברענגט מיט זיך א גרויסע, אלגעמיינע רעאַקציע. אָט, למשל, האָבן מיר פאַר זיך א קלאָרן, גאַנץ ביישפּיל: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז א געוויסע מלוכה, אָדער א קאָאַליציע פון מלוכות דערקלערט מל־חמה רוסלאַנד. וויאַזוי מיר זאָלן זיך נישט באַציען צום איצטיקן רוסישן רעזשים, איז פאַר אונז די רוסישע רעוואָלוציע, אַן און פאַר זיך, אַזוי ווערטפול, אז מיר קאָ־נען נישט זיין גלייכגילטיק צו א סכנה, וואָס דראָט איר מיט דעראָבערונג. אַזאַ מלחמה וואָלט געווען א קאַמף פון דער אַלטער וועלט מיט דעם נייעם לעבן, וואָס האָט אין געבוירן ווערן. צוויי פּרינציפּן האָבן פאַרפירט א קאַמף צווישן זיך אין דער צייט פון דער מלחמה פון 1914-18: דער סאָציאַליסטישער, אנטימילי־טאַריסטישער פּרינציפּ, און דער פּרינציפּ פון געבן א ווידערשטאַנד דעם אונ־טערדריקער. וועלכע פון זיי איז ברייטער, טיפער, ווערטפולער? אָן ספק, אז דער צווייטער.

# קראָפּאָטקין וועגן ציוניזם*)

אונטן געבן מי איבער דעם אינהאַלט פון א בריוו וועגן ציוניזם, וואו ס'ווערט אויפגעהויבן די פראגע וועגן די נאציאָנאליטעטן און נאציאָנאלע שטרעבונגען. אונז פרעגט מען אין דער בריוו, וויאזוי מיר באציען זיך צום ציוניזם און צו די נאציאָנאלע שטרעבונגען בכלל. אייגנטלעך, וואָלטן מיר זיך געקאָנט פארופן אויף די גרונט־פּרינציפּן פון דעם אנארכיזם, וועלכע פאָדערן די פולע פרייהייט פאר יעדן, אָן אונטערשייד פון ראסע, גלויבן און נאציאָנאליטעט; זיי אנערקענען נישט פאר קיין שום נאציאָנאליטעט דאָס רעכט צו אונטערדריקן א צווייטע נאציאָנאליטעט און שטרעבן דערביי צו אָפּשאפן דעם שטאט און, פאָלגליך, יעדער סאָרט שטאַטלעכע אונטערדריקונג.

נאָר, אזוי ווי די נאציאָנאלע פראגן ווערן כסדר ארויסגערוקט פונעם לעבן און וועלן כסדר ארויסגעשטעלט ווערן אזוי לאנג ווי ס'עקזיסטירט דער שטאַט, וועל איך זיך געבן די מי צו ענטפערן אויף די מיר געשטעלטע פראגן. איך וועל דאָ נאָר באמערקן, אז קיין פולע אייניקייט צווישן די אנארכיסטן אין דער פראַגע איז נישטאָ, דערום, ארויסזאָגנדיק מיין מיינונג, מוז איך דערביי באמערקן אז א סך חברים, באזונדערס אין פראנקרייך, קוקן אויף די נאציאָנאלע פראגן ווי אויף פארעלטערטע מיט וועלכע אנארכיסטן דארפן זיך נישט פארנעמען, ווען אויף זיי ענטפערט שוין אונזער אלגעמיינע פראָגראם.

דער שטאַנדפּונקט פון די סאָציאלדעמאָקראטן, ווי ס'איז באוואוסט, איז דער, אז אין דער הייניטיקער געזעלשאפט זיינען נאָר פאראן צוויי קלאסן מענטשן — עקספּלאָטאטאָרס און עקספּלאָטירטע, און אז דורך אָט־דער קלאסן־צעטיילונג ווערן אָפּגעמעקט אלע נאציאָנאלע אונטערשידן. און אזוי ווי די סאָציאל־דעמאָקראטישע טעאָריע איז איבערהויפּט אויסגעארבעט געוואָרן אין דייטש־לאנד, וואו די פאראייניקונג פון דעם לאנד און דאָס אָפּשאפן די קליינע מלו־כות, פון וועלכע גערמאניע איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן, איז געווען דער אי־דעאל פון די ראדיקאל־דעמאָקראטן, און שפּעטער אויך פון פון די סאָציאלדע־מאָקראטן, האָט זיך דערפון פשוט געשאפן א פיינטלעכע באציאונג צו די נאַ־ציאָנאלע פראגן בכלל.

---

*) געווען געדרוקט אין „ליסטקי כליעב אי וואליא” נומער 16. דעם 7טן יוני פון 1907. לאנדאָן.

פון דער צווייטער זייט, האָט זיך ביי די אַנאַרכיסטן, איבערהויפּט די פראַנ־צויזישע, אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער אַנטימיליטאַריסטישער אַגי־טאַציע, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו פירן (1) — זיך אויך געשאַפן די פאָר־שטעלונג, אַז דער אַרבעטער, „וועלכער האָט נישט קיין פאָטערלאַנד", דאַרף נישט זאָרגן פאַר אויפהאַלטן זיין נאַציאָנאַליטעט. אַפילו ווען דייטשלאַנד זאָל אַרויס אין מלחמה אויף צו דערהאַבערן פראַנקרייך — זאָגן אַ סך, — דאַרפן די אַרבע־טער נישט פאַרטיידיקן זייער טעריטאָריע. זיי דאַרפן אַבסאָלוט זיך אָפּזאָגן פון יעדן אַנטייל אין דער מלחמה. ווען די דייטשן זאָלן אַפילו איינעמען פראַנקרייך, וועט די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליטעט נישט אונטערגיין. און אויב זי וועט אונ־טערגיין, הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ וואָס זי צו באַדויערן.

דער דאָזיקער עקסטרעמער שטאַנדפּונקט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פראַנקרייך האָט איבערגעלעבט פון זינט 1871. ווען מען דערמאָנט זיך, וואָסאַרא מיליטאַריזם און וואָס פאַר אַ פאַרערונג צו דער אַרמיי ס'האָט זיך אַנטוויקלט אין פראַנקרייך פון זינט דעם דייטשן איבערפאַל (אין 1870); וואָסאַרא אויס־וואורפן ס'האָבן זיך געפונען אין דער רעגירונג אונטערן מאַנטל פון פּאַטריאָטיזם; ווי נאָענט פראַנקרייך איז געווען — שוין אַ צוויי-דריי מאָל — דערצו, אַז די „פּאַטריאָטן" זאָלן, אָן שום איבערלייגונג, אָנהויבן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, אין וועלכער פראַנקרייך וואָלט אפשר געליטן אַ נייע מפּלה — ווען מען האָט דאָס אַלעם איבערגעלעבט, ווערט פאַרשטענדלעך פונוואַנען ס'האָט זיך גענומען אַזאַ שטאַנדפּונקט בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

לסוף איז פאַראַן נאָך אַ דריטע ריכטונג, וועלכע איז אויך קעגן דעם פרי־עריקן נאַציאָנאַליזם. דאָס איז די ריכטונג פון דעם צווישנפעלקערלעכן אַרבע־טער פאַרבאַנד — פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אויסער דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג איז, ווי עס שיינט, פאַר די אַרבעטער קיין רעטונג נישטאָ. דער קאַפּיטאַל איז געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל; און זיינע פאַרטיידיקער — די קע־ניגן און די פּאַרלאַמענטן — כאָטש זיי רייסן זיך צווישן זיך — גייען זיי קעגן די אַרבעטער האַנט און האַנט. אויב צווישן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט ווערן איינגעשטעלט פאַרבינדונגען און קעגנזייטיקע סימפּאַטיעס, איז אויך גע־שאַפן געוואָרן אַ פאַרבינדונג צווישן דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע צום קאַמף מיט די אַרבעטער. און דער דאָזיקער בונד, הגם נישט קיין אויסגעפאָרמטער, איז אַ סך טיפער און ווירקזאַמער, ווי די אַרבעטער זייגען דאָס חושד.

אַדאַם סמיט זאָגט, אַז וואו ס'זאָלן זיך נישט צונויפקומען צוויי אָדער דריי ענגלישע פאַבריקאַנטן — אַפילו ביי אַ גלאָז ביר, — רעדן זיי זיך שטענדיק צונויף קעגן די אַרבעטער. דאָס זעלבע דאַרפמען איצט אויך זאָגן וועגן דער בורזשואַזיע פון דער גאַנצער וועלט. אומעטום, וואו ס'קומען זיך צונויף די בור־זשויען פון פאַרשידענע לענדער, ריידן זיי וועגן די מיטלען צום קאַמף מיט די

(1) פאַר דער ערשטער אַלוועלטלעכער מלחמה. י. ס.

ארבעטער. דאָס זעלבע טוען אויך די שטאָטסמענער; דאָס זעלבע טוט אויך די פּאָליציי פון דער גאנצער וועלט.

ס'איז דערום נאַטירלעך, אַז פאַר די ארבעטער ווערט די נאַציאָנאַלע פראַגע אָפּגערוקט אין א זייט. אַז דאָס, וואָס זיי דאַרפן איצט איז — זיך פאַראייניקן צווישן זיך, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, קעגן דעם אַלגעמיינען אינטערנאַציאָנאַלן שונא — די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואזיע.

אָבער דאָס אַלעס איז ריכטיק, נאָר פאַר די אַרבעטער פון פרייע, נישט אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן. אָבער פאַר די ארבעטער פון אונטערדריקטע פעלקער ווי ס'זאָגט זיך ריכטיק אין דער בריוו, שטעלט זיך די פראַגע, וויאַזוי זאָל מען שאַפן די סביבה, וואו מען זאָל קאָנען פּראָפּאַגאַנדירן די צווישנפעלקערלעכע סימפּאַטיע און פארשפּרייטן דעם געדאַנק פון פרייע קאָמונעס?

די גאַנצע געשיכטע פון דעם 19־טן יאָרהונדערט ווייזט אונז טאַקע, אַז אַזוי לאַנג ווי א פאָלק קעמפט קעגן די פרעמדע אונטערדריקער, טרעט עס נישט ארויס אויפן וועג פון דער ס אָ צ י אַ ל ע ר ר ע וו אָ ל ו צ י ע. סאָציאַלע באַוועגונגען קעגן די אייגענע עקספּלאָאַטאַטאָרס הויבן זיך אָן צווישן פאָלק נאָר דאַמאָלט, ווען ס'וואַרפט אראָפּ דעם פרעמדן יאָך. איטאַליע דינט אַלס מערקווירדיקער ביישפּיל, אָבער דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין די באַלקאַנישע לענדער, אין די טיילן, וואָס שטעלן צוזאַמען עסטרייך, אין פּוילן און אין פינלאַנד...(1). דער סאָציאַלער קאַמף, דער קאַמף מיט די אייגענע עקספּלאָאַטאַטאָרס הויבט זיך אָן נאָר דאַמאָלט ווען די אויפמערקזאַמקייט פונעם פאָלק איז נישט איינגאַנצן פאַרנומען אינעם קאַמף מיטן פרעמדן; ווען דער ארבעטער און דער פּויער הערן אויף זען אינעם פאַבריקאַנט און פריץ שותפים צום קאַמף קעגן דעם אויסלענדישן יאָך.

צוליב דעם אויבנגעזאָגטן, הויבט דער פּרוכטבאַרער קאַמף קעגן דער סאָציאַלער עקספּלאָאַטאַציע אָן ערשט דאַמאָלט, ווען דאָס אַנגעווייזענע פאָלק פילט, אַז ער קאָן פריי אַנטוויקלען אין דער אָנגעגעבענער טעריטאָריע די אַלע גייסטיקע, מאָראַלע און שעפערישע אייגנשאַפטן, פון וועלכע ס'שאַפט זיך יעדער נאַציאָנאַליטעט. דאָס אָפט-איבערגעחזרטע פראַנצויזישע שפּריכוואָרט, — „דער אָרימאַן האָט נישט קיין פאָטערלאַנד”, מיינט נישט בשום אופן, אַז דעם אָרימען איז אַלצאיינס וואו און צווישן וועלכע מענטשן ער לעבט. אבסאָלוט נישט. דאָס מיינט נאָר, אַז די רייכע האָבן ביי אים צוגענומען דאָס פאָטערלאַנד, וואָס ער וויל, פונדעסטוועגן, האָבן — אפשר נאָך מער ווי דער גביר. ער וויל דאָס אַזוי שטאַרק, ווייל בעת דער רייכער, וואוהין ער זאָל נישט פאָרן, געפונט ער אומעטום זיין צווישנפעלקערלעכע סביבה: די אָפּערע פון די רייכע, זייערע קאַרטן־טישן און זייער „געזעלשאַפט”, — טראָגט דער קבצן מיט זיך זיין ליד, זיין קולטור, זיינע מנהגים און פּרוואַט איינאָרדענען זיין געליבט פאָטערלאַנד אין קאַנאַדע, אין אמעריקע, אין סיביר, — וואוהין ער זאָל נישט אויסוואַנדערן.

(1) מען מוז בסדר איינזינען האָבן, אַז דאָס איז געשריבן פאַר ביידע וועלט־מלחמות. י. ס.

דער מחבר פון דער בריוו, וואָס מיר ברענגען ווייטער, איז גאַנץ גערעכט ווען ער זאָגט, אַז דער פּראָלעטאַריער שטעבט צו דעראָבערן דאָס דאָזיקע פאָטערלאַנד, און איך וועל אפילו צוגעבן, אַז וואָס נאָענטער ער איז צו דער דאָזיקער דעראָבערונג, אַלץ מוטיקער קעמפט ער פאַר זיין עקאָנאָמישער באפרייאונג. די פּאַריזער ארבעטער לויפן זיך אָן אין דער הויפּטשטאָט פון גאַנץ פראַנקרייך; אָבער פּאַריז איז א שטאָט, אַז דער פראַנצויז, וואָס וואוינט דאָרט (חוץ, אפשר, דער דרומדיקער) ווערט אים גיך איינגעבאקן אין הארצן, און ער באקומט זי ליב ווי זיין פּאָטערלאַנד. און ווען דער קלוגער פּאַריזער ארבעטער קעמפט אויף זיינע באַריקאַדן פאַר פרייהייט, באוועגט אים דערצו נישט נאָר די אַלוועלטלעכע אידעע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. ער וויל אויך ווערן א פרייער באַלעבאָס פון זיין א יי ג ע נ ע ר שטאָט. „נאָך אביסל אָנשטרענגען זיך, און פּאַריז וועט זיין אונזערע" — טראַכט ער פאַרטיידיקנדיק די קאָמונע.

דאָס אַלעס, זאָגן מיר איז בשום אופן נישט אין סתירה צו דער הויכער אנטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט. פאַרקערט, די אמתע צווישנפעלקערלעכע פאַראייניקונג וועט זיין מעגלעך נאָר בא א מער פולקאָמער אנטוויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַליטעט באַזונדער. די פרייהייט פון אַלע און די האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט איז מעגלעך, נאָר ביי דער פולשטענדיקער פרייער אנטוויקלונג פון יעדן יחיד. א פאַראייניקטע פעדעראַציע איז מעגלעך גאָר ווען יעדער רעפּובליק, יעדער קאָמונע האָט די פולשטענדיקע פרייהייט זיך צו אנטוויקלען (אַזוי, למשל, האָט זיך געשאַפן די שווייצארישע פעדעראַציע). פּונקט אַזוי קאָן נאָר די פולשטענדיקע פרייע אנטוויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַליטעט דערמעגלעכן א פעסטע צווישנפעלקערלעכע פאַראייניקונג, — דאַן, ווען די אונטערדריקונג פון איין נאַציאָנאַליטעט דורך דער צווייטער קאָן נאָר פירן צו מלחמה.

מיט איין וואָרט, די פולשטענדיקע אנטוויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַליטעט — איז דער נויטיקער תנאי, לויט אונזער מיינונג, סיי פאַרן רחבותדיקן לעבן פון דער מענטשהייט און אויפבליאונג פון דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג אין אַלגעמיין, סיי פאַרן זיג פון דעם אנאַרכיסטישן קאָמוניזם.

נאָר פון דעם איז בכלל נישט געדרונגען, אַז די ציוניסטן, וועלכע רופן די אידן זיך צו באַזעצן אין פּאַלעסטינע און דאָרט גרינדן א אידישע מלוכה, זיינען גערעכט. פאַרקערט, קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן זיינען פאַראַן א סך וויכטיקע אויסזעצונגען.

מירן אָנהויבן פון די געאָגראַפישע סיבות. אויב די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט דעם טאָל פון דעם ירדן, איז דאָס געשען, קודם כל, צוליב פיזישע אורזאַכן. דער דאָזיקער גאַנצער טייל פון אזיע געפינט זיך אין א פּעריאָד פון אויסגעטריקנט ווערן. און נאָכמער — די אינעווייניקסטע באַסיינען, וואָס האָבן נישט קיין אויס-

נאנג צום ים, ווי די באסיינע פון די טייכן סיר און אמו, און די טייכן טארים און ירדן (1).

אוודאי, קלוגע מענטשן וועלן אומעטום געפונען מיטלען צו לעבן. נאָר זיך באזעצן אין פאלעסטינע, מיינט פון אָנהויב אָן שאפן פאר זיך שווערע באדינגונגען אינעם קאמף מיט דער נאטור. פון אָנהויב אָן שווערער מאכן די אויך אָן דעם שווערע קאָלאָניזאציע־אויפגאבע.

נאָכמער, אויב א גרופע מענטשן וויל אויף א נייער אָרט שאפן זייער טעריטאָריע, איז דאָס איינציקע מיטל דערצו — באארבעטן דעם באָדן, וואָס זי האָט פארנומען, מיט אייגענע הענט. ערדארבעט — איז דער יסוד פון יעדער זי־בערער באפעסטיקונג פאר זיך פון א באשטימטן אָרט. צום באדויערן, האָבן הונ־דערטער יאָרן פון שטאָטישן לעבן און וואנדערן פון אָרט צו אָרט, נישט זייענדיק צוגעפעסטיקט צו דער ערד, געמאכט פון די אידן שטאָטישע איינוואוינער, און נישט קיין ערדארבעטער. פון דעם איז נאָך, געוויס, נישט געדרונגען, אז אידן זיי־נען נישט פעאיק צו ערדאַרבעט; אָבער זיי לוינט בעסער די גרינגערע אופנים פון ערדארבעט (די אזוי גערופענע אינטענסיווע ווירטשאפט און גאָרטן־פלאנצונג).

און אין אזא פאל האָט נישט קיין זין צו גיין אין לאנד, וואָס מען קאָן גאָר נישט באַארבעטן אן קינסטלעכער באוואסערונג. נאָכמער, פאר א פאָלק וואָס האָט נישט אנטוויקלט ביי זיך, ווי די מאכמעדאנער, די נאציאָנאלע באוואסערונגס־קונסט (אין טורקעסטאן, ביי די מאכמעדאנער, איז די באליבטסטע שפיל פון די קינדער, די שפיל פון „באוואסערונג", ווי ביי די אייראָפעאישע קריסטלעכע קינ־דער, די שפיל „אין סאָלדאטן").

מען דארף גיין אהינצו, וואו די ערדארבעט איז לייכטער און ס'איז קיין שום ספק נישט, אז אויב דאָס אידישע פאָלק וואָלט פארמאָגט א גרויסן עלעמענט פאר לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאציע, (קליינע גרופעס זיינען דערצו נישט גענוג), וואָלט דאָס שוין לאנג געטאָן געוואָרן. די פראנצויזן האָבן באשאפן קאנאדע, די ענגלענדער — די פאראייניקטע שטאט, די שפאניער — ארגענטינע, די האָלענ־דער — דרום־אפריקע, די דייטשן באזעצן זיך אין דרום־בראזיל א.א.וו.; אפילו די מענאניטן און די דוכאָבאָרן האָבן געגרינדעט מענאניטישע און דוכאָבאָרישע גע־מיינדעס, און אלץ דורך לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאציע.

ס'איז, אלזאָ, קיין שום ספק נישט, אז די אידן שטרעבן איבערהויפט נישט צו ווערן פעסטע ערדארבעטער. זיי איז ליבער זיך צו פארנעמען מיט מלוכות און מסחר אין די שטעט: צו דעם האָט זיי געפירט זייער געשיכטע.

נאָר אויב די ליבשאפט צו דער ערד און דער חשק צו ערדארבעט לאָקן נישט

---

(1) עטלעכע צענדליק טויזנטער יארן האבן מיר געלעבט אויפן חשבון פון דער פייכט־קייט, וואָס איז געווען אין די ריזיקע אזיערעס, וואס זיינען פארבליבן נאך דעם אייז־פעריאד. איצט טריקענען זיי אויס מיט א מערקווירדיקער שנעלקייט און דורך דעם זיינען אונטערגע־גאנגען גאנצע ציוויליזאציעס אין מיטל־אזיע.

די אידן, — וואָס־זשע קאָן זיי דינען אלס צוציאונגס־קראפט צו וועלכער ס'נישט איז טעריטאָריע, און באזונדערס קיין פאלעסטינע?

— בלייבט נאָר איינס: די רעליגיע. פונקט, ווי די דוכאבארן האָבן עמיג־רירט קיין קאנאדע מיט דער האָפענונג דאָרט צו גרינדן א דוכאבאריש קעניג־רייך, מיט זייער רעליגיע און מיט זייער טעאָקראטיע (גייסטלעכע הערשער), — אזוי קאָן אויך זיין דער הויפט־מאָטיוו צום אויסוואנדערן קיין פאלעסטינע נאָר די רעליגיע.

אויף דעם דאָזיקן יסוד וועסטו אין דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט גאָר־נישט אויסבויען. אין יעדער רעליגיע איז פאראן דער עלעמענט פון גלויבן, אָבער אונזער יאָרהונדערט פון לערנען און וויסן, גראָבט אונטער יעדן גלויבן אין דעם נישט־דערוויזענער און אוודאי דעם גלויבן אין לעגענדעס, וועמעס אנטשטיי־אונג מיר הויבן אָן וויסן און באגרייפן. חוץ דעם, פירט יעדער רעליגיע אויף א פאטאלן אופן צו דער טעאָקראטיע, ד. ה. צו דער הערשאפט פון די, וועלכע מען האלט פאר די בעסטע אויסטייטשער פון גאָטס ווילן. די בורזשואזע מלוכה־אָנ־הענגער וואָלטן נאָך אפשר געקאָנט שלום מאכן מיט דעם, נאָר די סאָציאליסטן, בפרט די אנארכיסטן, זיינען אבסאָלוט קעגן דעם. זיי וועלן דערום קיין מאָל נישט שלום מאכן מיט דער טעאָקראטיע און מיטן אויספאָלגן די רעליגיעזע לעגענדעס.

שוין צוליב דעם אליין קאָן די עמיגראציע קיין פאלעסטינע, וועלכע מען האָט אויסגעקליבן צוליב דעם, ווייל זי איז דאָס וויגעלע פון מלכות ישראל, נישט זיין קיין געלונגענע. דאָס אלטע, דאָס איבערגעלעבטע און דאָס אָפגעלעבטע קאָן מען אין דער געשיכטע נישט צוריק לעבעדיק מאכן. נייע צייטן שטעלן נייע אויפגאבן.

קיין שום פאָלק דארף, נאטירלעך, נישט גרינגשעצן זיין פאָלקסטימלעכעס. אנטוויקלענדיק זיין שפראך, זיין קולטור, אירע אייגנשאפטן פון שאפן און דענ־קען, טראָגט יעדער נאציאָנאליטעט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, אריין איר ווערט־פולן עלעמענט אין דער אלגעמיינער סומע פון דער מענטשלעכער אנטוויקלונג. מיר זיינען באקאנט אייניקע אייגנשאפטן פון דעם אידישן דענקען, שאפן, הו־מאָר און טרויער, מוזיק און קאָמעדיע, איך בין באקאנט מיט זיי און שעץ זיי; איך פריי זיך, ווען איך זע זייער פאָלקסטימלעכעס אין דער קונסט, און איך בא־טראכט אידיש, אלס א שפראך, וואָס ס'איז כדאי צו אנטוויקלען, פונקט ווי ס'איז כדאי צו באארבעטן אייניקע דיאלעקטן פון די מערב־שפראכן.

נאָר שאפן א קינסטלעכע נאציאָנאליטעט דורך איבערוואנדערן און אוועק־פירן אין דער מדבר — איז נישט מעגלעך. אזוי ווערן געשאפן רעליגיעס, נאָר נישט קיין פעלקער. די איבערוואנדערונג קיין פאלעסטינע, וואוהין ס'קאָן לאָקן נאָר די רעליגיע, קאָן דינען — נישט לטובת דעם מענטשלעכן פראָגרעס, נאָר צו א קינסטלעכן אויפלעבן דאָס, וואָס ס'האָט שוין אָפגעלעבט זיין צייט און קאָן שוין צוריק נישט אויפלעבן.

פ. קראָפּאָטקין.

דאָ גיבן מיר דעם פולן טעקסט פו דער בריוו, אויף וועלכער קראָפּאָטקין האָט געגעבן דעם אויבנגעבראכטן ענטפער:

אזוי ווי מיר האלטן ערב דעם קאָנגרעס פון די אנארכיסטן־קאָמוניסטן, וועגד איך מיר צו אייך מיט דער בקשה, איר זאָלט מיר ענטפערן אויף אייניקע טעאָרעטיש־פּראקטישע פראגן, וואָס האָב א שייכות צו א געוויסער ריכטונג אינעם אנארכיזם — צו דער נאציאָנאלער ריכטונג. איך ווענד מיך צו אייך, אלס א ציוניסט־אנארכיסט־קאָמוניסט.

לויט מיין מיינונג דארף יעדער אידעאל, וואָס נעמט ארום א געוויסע גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען פארבונדן דורך אלגעמיינע אינטערעסן, יעדער געזעלשאפטלעכער אידעאל, וואָס איז דער רעזולטאט פון געוויסע רעאל באדינגונגען, אנטהאלטן אין זיך די נעגאציע פון דער איצטיקער אָרדענונג און אויך דאָס פּאָזיטיווע, ד. ה., די נייע באדינגונגען. דעריבער, פארשטענדלעך, אויב דער דאָזיקער אידעאל איז א רעוואָלוציאָנערער אין באצוג צום היינט, און נישט קיין רעפּאָרמאטאָרישער, דארף ער געבן א וועלכן ס'נישט איז רעאלן, אומפאסנדיקן ענטפער אויף אלע זייטן פון דעם געזעלשאפטלעכן און אינדיווידועלן לעבן, און נישט נאָר אויף איינער פון זיי. כ'וועל צוגיין קאָנקרעט צו דער זאך. דער אידעאל פון דעם אנארכאָ־קאָמוניזם, צושטערנדיק און פארניכטנדיק די איצטיקע אָרדענונג אין אלע אירע מאניפעסטירונגען, גיט אונז, אזוי צו זאָגן, דעם אנטיטעזיס צו יעדער דערשיינונג — אויפן אָרט פון דער עקאָנאָמישער פארשקלאפונג פון איין קלאס דורכן צווייטן — דאָס איבערגעבן די פּראָדוקטן און די פּראָדוקציע־אינטערעסן אין די הענט פון פרייע קאָמונעס; אויפן אָרט פון דער מלוכה — א פרייע פעדעראטיווע פאראייניקונג א.א.וו. לויט מיין מיינונג, האָט שוין געזעלשאפטלעכע דערשיינונג, א געגעג גראנדיעזע, און גאנץ אָפט א רעוואָלוציאָנערע, נישט געפונען קיין ענטפער אין דער אנארכיסטישער ליטעראטור און אויך נישט אין דעם אידעאל גופא. דאָס איז די נאציאָנאלע פראגע. און אויב מען האָט יאָ אמאָל באריררט די דאָזיקע פראגע, איז דאָס געווען זייער שוואך און אויבערפלעכלעך. מען האָט אומעטום דיסקוטירט די נאציאָנאלע פראגע בכלל: דער נאציאָנאלער מאָמענט ביי דער בורזשואזיע פון דער אונטערדריקנדיקער נאציע, ביי דער בורזשואזיע פון דער אונטערדריקטער נאציע, ביים פּראָלעטאריאט פון דער אונטערדריקנדיקער און אונטערדריקטער נאציע, — מ'האָט אלעס צענויפגעמישט אין איין קופּע ניט באמערקנדיק, אז צווישן די נאציאָנאלע מאניפעסטירונגען פון די אלע קלאסן ליגט א טיפער אָפּגרונט. ס'איז אמת, אז די נאציאָנאלע פראגע פאר דער בורזשואזיע פון דער אונטערדריקנדיקער נאציע באשטייט אין פ א ר כ א פּ ן דעם פרעמדן מארק און אז זי באנוצט זיך דערצו מיט פארשידענע מיטלען, סיי „קולטורעלע", סיי מאטעריעלע; ס'איז אויך אמת, אז די נאציאָנאלע פראגע פאר דער אונטערדריקטער בורזשואזיע באשטייט אין פארטיידיקן איר מארק. אָבער נישט נאָר אין דעם אליין. אָבער וואָס איז מכוח דעם פּראָלעטאריאט פון דער אונטערדריקטער נאציע? צי איז דען פאר דעם פאָרגעשריטענעם ארבעטער פון

דער דאָזיקער אונטערדריקטער נאַציע אַלצאייִנס צי זיין נאַציע איז אונטערדריקט צו נישט נאָר דערפאַר, ווייל „מיין אייגענער עקספּלאָטאַטאָר איז נישט בעסער פון דעם פרעמדן?” ווי איר דריקט זיך אויס אין אייער אַרטיקל וועגן די היסטאָרישע אויפגאַבן פון דעם איצטיקן מאָמענט.

די דערפאַרונג אין דעם אידישן לעבן האָט מיר געוויזן דאָס פאַרקערטע. דער פּראָלעטאַריאַט פון אַ אונטערדריקטן פאָלק קאָן זיך נישט אַנטוויקלען פריי (אַפילו אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג׳: זיין מוטער־שפּראַך (קיין אַנדערע קאָן ער נישט), זיין קולטור און אַלע אירע מאַניפעסטירונגען (די ליטעראַטור, פּאָעזיע, טעאַטער א. א. וו.) איז באַשרענקט דורך דער בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקנדיקער נאַציע; די פּראָדוצירנדע כוחות פון דעם געגעבענעם אונטערדריקטן פאָלק, אין דער קלאַסן-קאַמף פון דעם אונטערדריקטן פאָלק איז באַגרענעצט. פאָלגלעך, איז דער וועג פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער אונטערדריקטער נאַציע צום אַנאַרכאָ־קאָמוניזם נישט נאָרמאַל, באַשרענקט.

אַלזאָ, פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע כוחות, וואָס דאָס איז מעגלעך נאָר דורך דער רעוואָלוציאָנערער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט אין אַ נייַע פון פרייע קאָמונעס, פאַר דעם אָפּשאַפן די מאַכט און אַלע אירע מאַניפעסטירונגען, איז דער פּראָלעטאַריאַט פון דער אונטערדריקטער נאַציע לעבעדיק פאַראינטערעסירט אין דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק, ווייל דערפון איז אָפּהענגיק זיין נאָרמאַלער קאַמף, זיין נאָרמאַלע אַנטוויקלונג.

אין אייער אויבנדערמאָנטן אַרטיקל האָט איר דאָס דערמאָנט, אָבער צי איז דען דאָס גענוג? צי איז דען גענוג בלויז צו פאַרניכטן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג? דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער אַרבעט פונעם פּראָלעטאַריאַט — דער נעגאַטיווער טייל.

פאַר דער זיך נאָרמאַל אַנטוויקלענדיקער נאַציע עקזיסטירט נישט אַזאַ פראַגע, און דאַרף נישט עקזיסטירן. אָבער, צי איז דאָס אַזוי ביי אַ אונטערדריקטן פאָלק? פאַרשטענדלעך, אַז נישט. די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַ אונטערדריקטן פאָלק קעמפן, ערשטנס, אויף צו פאַרניכטן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, און צווייטנס, אויף צו שאַפן — נאָך אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג — די באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַלער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און פאַר אַ נאָרמאַלן קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער אונטערדריקטער נאַציע פאַר זיין פּראָלעטאַרישן אידעאַל — דעם אַנאַרכיזם־קאָמוניזם. אַנאַרכיזם מיינט: די נאָרמאַלע, פרייע אַנטוויקלונג פון דעם יחיד אינעם שוים פון אַ געוויסער געזעלשאַפט. — „דער אַנאַרכיזם שטרעבט צו אויפהאַלטן און אויסברייטערן דעם קערן פון געזעלשאַפטלעכקייט־געוואוינהייטן, אָן וועלכע ס׳קאָן נישט עקזיסטירן קיין שום מענטשלעכע געזעלשאַפט”. הייסט עס, אַז עס פאָדערט זיך די פרייע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, פון די געזעלשאַפטלעכע געוואוינהייטן, לויט מיין

מיינונג, קאָנען די לעצטע, און דארפן זיין נאָר נאציאָנאלע, ווען מען נעמט זיי נישט אבסטראקט, נאָר רעאל, ד. ה., צוגעפאסטע צו די אויסערלעכע און אינער־לעכע באדינגונגען, אין וועלכע דעם געגעבענעם געזעלשאפטלעכן אָרגאניזם עס קומט אוים צו קעמפן. די אויסערלעכע באדינגונגען זיינען — קלימאטישע, גע־אָגראפישע א.א.וו. און די אויסערלעכע זיינען — די היסטאָרישע, קולטורעלע ווערטן א.א.וו. וועלכע האָבן זיך אויסגעארבעט דורך דער געגעבענער נאציע במשך פון הונדערטער יאָרן. די אויסערלעכע און די אינערלעכע באדינגונגען שאפן די געזעלשאפטלעכע געוואוינהייטן, די אלגעמיין־מענטשלעכע אידעאלן, די נאציאָ־נאלע באפארבונג. דערום גיסט זיך אוים יעדער באוועגונג — למשל, דער סאָ־ציאליזם — אין נאציאָנאלע פאָרמען, וואָס זיינען צוגעפאסט צו די אָנגעגעבענע נאציאָנאלע באדינגונגען — אויסערלעכע און אינערלעכע. ארויסגייענדיק פון אָט-דעם שטאנדפונקט, דענק איך אז: כדי דער פראָלעטאריאַט, רעוואָלוציאָני־זירנדיק די געזעלשאפטלעכע סביבה אין וועלכער ער לעבט און פירט דעם קלאסנ־קאמף, זאָל קאָנען נאָרמאל דערפירן די געזעלשאפט צו א פרייער קאָמוניסטישער אָרדענונג, מוז ער האָבן די באדינגונגען פון א נאָרמאלן נאציאָנאלן לעבן. די נאַ־ציאָנאלע, מאטעריעלע עשירות מוז זיך אנטוויקלען נאָרמאל, כדי דער פראָלע־טאריאט זאָל, סוף כל סוף, עס קאָנען פארוואנדלען — די דאָזיקע נאציאָנאלע עשי־רות — פון פריוואט־אייגנטום אין געזעלשאפטלעכן, איבערגעבנדיק עס אין די הענט פון די קאָמונעס. דאָס גאנצע נאציאָנאלע עשירות — די ערד, די וואסערן, די וועלדער, די ארבעטס און קאָנסום־אינסטרומענטן, די קולטור-אוצרות, דאָס אנטוויקלען די שפראך, די נאציאָנאלע פילאָזאָפיע, די ליטעראטור, פּאָעזיע, קונסט, א. א. וו. — דאָס אלעס צוזאמענגענומען רוף איך אָן היימלאנד.

אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז דער באלעבאָס פון דעם דאָזיקן היימלאנד — פון די דאָזיקע נאציאָנאלע רייכטימער — די בורזשואזיע. דער פראָלעטאריאט פארמאָגט עס נישט. נאָר דורך זיין מאסן־קאמף שטרעבט ער צו דערהאָבערן פאר זיך דאָס דאָזיקע פאָטערלאנד — צעטיילן עס נאָרמאל צווישן אלע מיטגלידער אין די קאָמונעס.

דאָס אידישע פאָלק ווערט אָפּגעזונדערט פון די אָרטיקע באדינגונגען. א דאנק דער נאציאָנאלער קאָנקורענץ און געזעלשאפטלעכן באָיקאָט; א דאנק דעם אנטיסעמיטיזם קאָן דער אידישער ארבעטער־קלאס זיך נישט אנטוויקלען נאָר־מאל; ער איז באגרענעצט, באשרענקט א״ז אלע זיינע מאטעריעלע און גייסטיקע מאניפעסטירונגען אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן; ער איז אומעטום פארדרענגט צו די אָפּגעשטאָנענע פּראָדוקציע־צווייגן. זיין קלאסנקאמף איז באגרענעצט. א דאנק דעם קאָן דאָס אידישע פאָלק נישט מארשירן נאָרמאל אויפן וועג צום אנארכיזם. כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך קאָנען פריי אנטוויקלען אויפן וועג צום אנארכיזם, מוז עס האָבן די באדינגונגען — אויסערלעכע און אינערלעכע — פון א נאציאָנאלן לעבן. דאָס איז אין די איצטיקע מלוכות נישט מעגלעך. די

אידן זיינען אומעטום א מינדערהייט, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאַנ־צער וועלט. און אין דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן מוזן זיי זיך צופּאַסן צו די אָרטיקע אומשטענדן. די אידישע גרויס-בורזשואזיע האָט דאָס גוטאָן דורך אסימילירן זיך, אָבער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די גאַנצע אידישע מאַסע קאָן נשט און וויל דאָס נישט טאָן.

באַ איר מערקט זיך די טענדענץ צו שאַפן באַדינגונגען פאַר דער נאָרמאַ־לער אנטוויקלונג פון די אידישע שעפערישע כוחות — מאַטעריעלע און קול־טורעלע.

זי האַלט דאָס פאַר מעגלעך נאָר ווען די אידישע מאַסן וועלן זיך קאָנצענ־טרירן אין זייער היימלאַנד, אין פּאַלעסטינע. דאָס פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל קומט פאַר סיי דורך אָביעקטיווע באַדינגונגען — די גראַנדיעזע אידי־שע עמיגראַציע — וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער קאָצענטרירטקייט פון די אידישע אַרבעטער אין די אינדוסטריעס — און דורך סוביעקטיווע, — דורך דער באַוואוסטזיניקער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלע לעבנס-באַדינגונגען. די אי־דישע אימיגראַציע באַגעגנט אָרגאַניזירטע און נישט־אָרגאַניזירטע שטערונגען אין די גרויס-קאַפּיטאַליסטישע־לענדער — ענגלאַנד און אַמעריקע, — און זי לאָזט זיך דערום אין אַנדערע, נישט־אַנטוויקלטע לענדער — פּאַלעסטינע.

דער קאָנצענטרירונגס־ פּראָצעס פון די אידישע עלעמענטן אין פּאַלעסטינע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אין פּאַלעסטינע אנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַל און אַר־בעט. ס'הויבט זיך אָן דער קלאַסנקאַמף. אין פּאַלעסטינע איז שוין פאַראַן א סאָ־ציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. איך — בין אַן אַנאַרכיסט־קאָמוניסט־ציוניסט. אַזעלכע גרופּעס זיינען שוין פאַראַן אין רוסלאַנד און אַמעריקע. מיר שטרעבן צו אַנטוויקלען דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל אין פּאַלעסטינע און באַ־קעמפן אַלע פּאָליטישע טענדענצן, וואָס מערקן זיך אין דער אידישער אַרבעטער פּאַרטיי.

אונזער אויפגאַבע איז — צו שאַפן א פרייע קאָמונע, פאַר א פרייער אַל־זייטיקער, נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דעם יחיד אין דעם אידישן פאָלק אין פּאַ־לעסטינע.

פאַרשטייט זיך, מיר אַנערקענען דעם אַנאַרכיזם אַלס אינטערנאַציאָנאַלן אי־דעאַל, מירן אים אומעטום אַגיטירן און פאַרשפּרייטן, נאָר ווי מיטגלידער פון דעם אונטערדריקטן אידישן פאָלק, וואָס זיינען בעסער צוגעפּאַסט צו דער אי־דישער סביבה.

איצט ווענד איך מיך צו אייך, צו קאָנט איר נישט דורך א בריוו מיר זאָגן אייער מיינונג וועגן דער דאָזיקער ריכטונג אין דעם אַנאַרכיזם? לויט מיין מיי־נונג איז ער דורכאויס לויט די פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיזם. צו וועלן מיר אפשר מעגן — פּריוואַט — אַנטיילנעמען אין דעם קאָנגרעס. אַלס אַנאַרכיסטן קאָמו־

ניסטן? איך בין איבערצייגט, אז די חברים וועלן אונז העלפן אין דעם שווערן קאמף, און מירן קעמפן האנט אין האנט פאר אָפּשאפן יעדער סאָרט אונטער־דריקונג.

יארבלום.

## נאך וועגן אנארכיזם און ציוניזם (1)

אלס ענטפער אויף אונזער ארטיקל „אנארכיזם און ציוניזם", האָבן מיר דערהאלטן פון דעם זעלבן קאָרעספאָנדענט אן ענטפער־ארטיקל. צום באדויערן איז עס צו לאנג אויף צו געבן עס׳אינגאנצן, און כ׳וועל דאָ דערום געבן בלויז דעם תמצית דערפון מיט מיין ענטפער.

נאָך עטלעכע שטארק דורכגעפילטע טעאָרעטישע באמערקונגען, ענטפערט יארבלום אויף מיינע אויסזעצונגען: „דער חבר קראָפּאָטקין — שרייבט ער — טרעט ארויס קעגן דעם ציוניזם צוליב צוויי אורזאכן: די ערשטע, א פראקטישע— דאָס אומטויגבארקייט פון פאלעסטינע פאר קאָלאָניזאציע, און די צווייטע, א פרינציפיעלע, אז דער ציוניזם איז א רעליגיעזער אידעאל און איז דערום אין סתירה צו דער אנארכיסטישער אידעע. מירן פונאנדערנעמען די צוויי פונקטן".

אויף דער ערשטער ענטפערט יארבלום, זיך באציענדיק אויפן פּראָפעסאָר ווארבורג און אנדערע. לויט זייער מיינונג קאָן א פערטחלק פונעם לאנד, ס׳הייסט אזעלכע 7.500 קילאָמעטער קוואדראט אויסגענוצט ווערן אויף צו פּאר־פלאנצן פרוכט־ביימער; און אויב אין פאלעסטינע פאלן זומער אינגאנצן נישט אוים קיין רעגנס אין די טאָלן, און זייער ווינציק אין די בערג, פאלן אָבער אוים א סך ווינטער־רעגנס, אזוי אז די יערלעכע מאָס רעגנס איז גרעסער ווי אין מיטל־דייטשלאנד.

דאָס זאָגנדק, חזרט ווארבורג איבער דאָס, וואָס אלע געאָגראפן וויסן. יאָ, אויפן ברעג־פאָס פאלן ווינטער אוים א סך רעגנס, און אין פאלעסטינע זיינען פאראן קליינע שטרעקעס, וואָס מען קאָן קולטיווירן, — באזונדערס ארום יפו (וואו מען האָט געגרינדעט אן אגראר־שולע און א קאָלאָניע). די שטרעקעס זיי־נען, אגב, נישט קיין גרויסע, ווייל 7.500 קילאָמעטער קוואדראט, ד. ה. 750.000 דעסאטין, איז ווינציקער ווי א העלפט פון דער ווארשעווער גובערניע, קלענער פון א צענט־חלק פון אירלאנד. דאָס גאנצע לאנד טריקנט אוים און ס׳קאָן נישט באארבעט ווערן אָן א גרויסער כוחות־פארשווענדונג. איך חזר איבער: אין דרום־אמעריקע זיינען פאראן א סך בעסערע ערטער, וואו די אידן, אויב זיי זאָלן נאָר חשק האָבן צו ערדארבעט, וואָלטן שוין לאנג געקאָנט גרינדן א גרויסע צאָל

---

(1) נומער 18, „ליבטקי כליעב אי וואליא", יולי 5 1907, לאנדאָן.

קאָלאָניעס, נישט פאַרשווענדנדיק די מאַסע אַרבעט, וואָס ס'פאָדערט זיך פאַר דער אַגריקולטור אין פּאַלעסטינע.

די צווייטע יאַרבלומס איינווענדונג געב איך איבער אינגאַנצן:

„ציוניזם — און רעליגיע", שרייבט יאַרבלום. ווען חבר קראָפּאָטקין וואָלט זיך נעענטער באַקענט מיטן ציוניזם אין דער פאָרם, ווי אים פאַרשטייט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די פאָרגעשריטענע עלעמענטן פון דעם אידנטום, וואָלט ער איינגעזען, אַז ס'איז אַ פּאַראַדאָקס צו צענויפמישן ביידע באַגריפן. אויב אין דעם אידנטום איז פאַראַן אַ ריכטונג, וואָס איז אין ת ו ך, לויטן אי נ ה א ל ט פיינטלעך צו דער רעליגיע — איז דאָס דער ציוניזם. און דאָס האָבן טאַקע באַמערקט די רעליגיעז־געשטימטע עלעמענטן פונעם אידנטום און אין דעם רוב פאַלן געקעמפט קעגן אים. נישט אין איין חסידיש און רבניש־הויז האָט מען זיך געפרייט אינעם טאָג פון דאָקטער הערצלס טויט! חבר קראָפּאָטקין מישט צענויף צוויי באַגריפן, צוויי ריכטונגען אינעם אידנטום, פון וועלכע איינע איז סותר די צווייטע: דער משיחיזם און דער ציוניזם. די ערשטע ריכטונג איז אַ ריין רעליגיעזע. זי שטיצט זיך אויפן גלויבן אין דעם, אַז משיח וועט קומען און באַפרייען דאָס פון גאָט־דערווײלטע פאָלק און עס אַריבערפירן קיין פּאַלעסטינע דורך אַ פּאַפּירענער בריק. דער ציוניזם, אָבער — איז אַ רעוואָלוציאָנערע ריכטונג, ער זאָגט די אידישע מאַסן: דיין באַפרייאונג ליגט אין דיינע אייגענע הענט, און נישט פון גאָט און משיח. דער ציוניזם גראָבט אונטער יעדן שורש פון רעליגיע, דער ציוניזם איז די ריכטונג, וואָס וועט פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון פאַרניכטן דעם גלויבן אין דער השגחה עליונה פון אַלע רעליגיעס. אַ סך פון אונזערע קעגנער האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען, אָבער דערפאַר האָבן די אידישע רעליגיעזע עלעמענטן תיכף אינסטינקטיוו דערשפּירט אינעם ציוניזם זייער אומקאָמפּראָמיסלעכן שונא".

מיט אַזאַ באַגרייפן דעם ציוניזם קאָן מען נישט מסכים זיין. אויב דער ציוניזם האָט אַרויסגערופן אַזעלכע הייסע וויכוחים, איז דאָס טאַקע דערפאַר, וואָס אין אים, אויף וויפל איך ווייס, האָבן זיך באַגעגנט עטלעכע ריכטונגען; בעמלעך: 1) דער רעליגיעזער ציוניזם — דער סאַמע וויכטיקסטער — וואָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער רעליגיע, תפילות און טראַדיציעס פון דעם אידישן פאָלק; 2) דער קולטורעלער ציוניזם, אָדער דער „גייסטיקער פּאַלעסטינאָפיליזם", וואָס שטרייבט טאַקע שוין נישט־וואָרטנדיק אויף דער איבערוואַנדערונג, אויפצוהויבן די קולטור פון דעם אידישן פאָלק; און, ענדלעך 3) הערצלס „פּאָליטישער ציוניזם". ווענן אים רעדט עס טאַקע יאַרבלום, נאָר אין דער ווירקלעכקייט איז ער בכלל נישט דער איינציקער.

פאַר אָט־דעם „ציוניזם", לויט מיין טיפער איבערצייגונג, איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, ווי זיך אָפּזאָגן פון דעם חלום, — וואָס קאָן, לויט מיין מיינונג, ניט מקוים ווערן — ווענן אַריבערפירן דאָס אידישע פאָלק אין אַ לאַנד, וואָס וואָלט אפילו פאַר אַ דורכאויס אַגראַר־באַפעלקערונג מיט זיך פאָרגעשטעלט גוואַלטי־

קע שוועריקייטן, אלס צוגאָב צו די שוועריקייטן פון יעדער סאָרט איבערוואנדע־
רונג; או צו דעם, זיך ערנסט פארנעמען מיט א צווייפאכער ארבעט: מיט דער
ארבעט צו באפרייען די אידן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש און מיט דער ארבעט צו
אנטוויקלען קולטורעלע נאציע אויף פאָלקס יסודות — (ווי
דאָס טוט בעמען, אוקראינע, גרוזיע א.א.וו.). די דאָזיקע אומגעהויערע ארבעט,
רעוואָלוציאָנערע און קולטורעלע, מוז מען דורכפירן אויף די ערטער גופא, וואו
דאָס אידישע פאָלק וואוינט איצט, און וואָס האָט פונקט אזוי רעכט צו באַ־
טראכטן פאר זיינע, ווי די אנדערע איינוואוינער פון די זעלבע ערטער.

אויב דער „פּאָליטישער ציוניזם" וועט פאר זיך שטעלן די דאָזיקע גוואל־
טיקע אויפגאבע, וועט ער אויפהער זיין ציוניזם און פאָלקסטי־
ניזם. ער וועט ווערן א פאָלקסטימלעכע אידעע. און דא־
מאָלט וועט זיין פאָלקסטימלעכער געדאנק ווערן א מעכטיקע
טרייבקראפט פאר דער אנטוויקלונג פון דעם גאנצן אידישן פאָלק און זיין נאַ־
ציאָנאליטעט.

אויף צו דורכפירן די דאָזיקע ארבעט דארפמען זיך נישט דערווייטערן אין
דער מדבר. אין דער מדבר גייען נאָר אוועק די יעניקע, וואָס ווילן באשאפן א
נייע רעליגיע, ד. ה. טאקע דער עלעמענט, וואָס האָט שטענדיק צעשיידט די
מענטשן: — אלע רעליגיעס צעשיידן די מענטשן, אָבער די, וואָס פילן די נויּ־
טיקייט צו פאראייניקן קולטורעל דאָס אידישע פאָלק מיט דער גאנ־
צער ציוויליזירטער וועלט, וועלן אין אים אנטוויקלען די אוצרות פון זיין פאָלקס־
טימלעכקייט אינעם קאמף פאר פרייהייט און זעלבסשטענ־
דיקייט דאָרט, וואו די מאָדערנע געשיכטע האָט זיי פארכאפט.

**פּ. קראפאטקין**

## מ. נעטלוי

# פּיאָטר קראָפּאָטקין ביי דער אַרבעט

קראָפּאָטקינס פּערזענלעכקייט און אידעען זיינען אויף אַזאַ גראַד אין אַלעמענס זכרון, סיי פון חברים, סיי פונעם ברייטערן עולם, — לפּחות ביז 1914, אַז אַצינד, נאָך זיין טויט, בלייבט ווינציק־וואָס צו זאָגן, סיידן איבערקלייבן די מאַסע פאַקטן און פערזאָנען, באַטראַכטן די פּרטים פון די אידעען, אָדער צונויפזאַמלען די קלייניקייטן און אַנעקדאָטן. חוץ דעם האָט די עוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון 1914 און איז שפּעטער פאָרגעזעצט געוואָרן — צושטעלנדיק דאָס אות „פּ" אין אַן אַלץ־גרעסערן מאַסשטאַב, ביז איצט זיך אויף אַזוי ווייט ניט אָפּגעשטעלט, אַז אַנגדז איז שווער אָפּצומעסטן די פאַרשידענע כוחות, וואָס ווירקן אין איר, און פאָראויסזען איר ענדגילטיקן רעזולטאַט; דעריבער, ווען אַזויפיל פאַקטאָרן זיינען נאָך פאַרבאָרגן — לפּחות פאַר אונדזער באַאָבאַכטונג, — קאָנען מיר נישט ריכטיק אורטיילן וועגן דעם, וואָסאַראַ ווירקונג ס'האָבן געהאַט — און האָבן נאָך — קראָפּאָטקינס לעבן, טעטיקייט און אידעען אויף דעם אַלעמען, וואָס דאַרף ערשט קומען. דער גייסט פון מאַכט, מיט וועלכן ער האָט געקעמפט זיין גאַנץ לעבן, זיגט הפּנים איבעראַל, פון דעם אימפּעריאַליזם ביזן באָלשעוויזם, און פונדעסטוועגן איז דאָס אין די אויגן פון אַ סך דענקנדיקע מענטשן בלויז שיינבאַרע זיגן, דאָס זיינען — די לעצטע און העסלעכסטע מאַניפעסטירונגען פון דער מאַכט, וואָס גראָבט זיך אַליין אַ גרוב דערמיט, וואָס זי רופט אַרויס די גרעסטע שטרעבונגען צו דער אמתער פרייהייט, און אמתער ברודערשאַפט, און דערנענטערט, אַזוי אַרום, אומפאַרמיידלעך, די צייט, ווען די זריעה וואָס עס האָבן פאַרזייט קראָפּאָטקין און אַזויפיל אַנדערע אַנאַרכיסטן, וועט אויפגיין און געבן פרוכט. ווען די איצטיקע אָרדענונג, וואָס האָט פאַרלוירן איר פּרעסטיזש, איז געפאַלן אין אייניקע לענדער איז דער פאַקט, וואָס די גרויסע פּאַרטייען און די ברייטע מאַסן, די ערשטע — דייסנדיק זיך צו דער מאַכט און די צווייטע — ליידנדיק נויט און הונגער, האָבן קודם כל פאַרכאַפּט די מאַכט און גענומען אָנווענדן שטרענגע מיטלען,—אָט דער פאַקט איז מסתמא געווען אַן אומפאַרמיידלעכער. די רייע פון דער פרייהייט קומט שפּעטער און די פראַגע וועגן דעם, אויף וויפל די צוקונפטיקע געשעענישן וועלן דירעקטער

אינספּירירט ווערן פון איר גייסט, ווי די, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך 1917 — איז פאַר אונדז די סאַמע עיקר־פראַגע. מיר געפינען זיך אינעם סאַמע האַרץ פון דער דאָזיקער עוואָלוציע, און ס'קומט אויס אָפּצולייגן די ענדגילטיקע אָפּשאַצונג פון קראָפּאָטקינס טעטיקייט און פעסטער ווירקונג.

ס'וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז במשך פון זיין גאַנצן טעטיקן לעבן, אָנהויבנדיק פון די 60־קער יאָרן ביזן יאָר 1914, האָט ער אויפגעטאָן מער ווי אַ מענטש קאָן אויפטאָן, און אַז דאָס לעבן פון ווינציק מענטשן איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט שטענדיקער אַרבעט: מיט דער אַרבעט פאַר דער וויסנשאַפט און מיטן אויסאַרבעטן די אידעען, מיט דער אַרבעט פון פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרשפּרייטן די אידעען, און דערביי מיט דער שווערער אַרבעט צו פאַרזיכערן אַ באַשיידענע עקזיסטענץ פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. און טאָקע וועגן אַזאַ אומגעוויינלעך פיל־אַרבעטנדיקן מענטשן, וועגן דעם מענטשן פון זעלטענער און גרויסער טעטיקייט, וויל איך איצט ריידן — פון קראָפּאָטקינען.

ער וואָלט זיך נישט געווען אָפּגעזאָגט פון אביסל אַ לייכטער לעבן, נאָר די אומשטענדן האָבן אים צוגעשמידט צו זיין אַרבעט אויף אַזעלכע 50 אָדער 60 יאָר לעבן, און האָט ער זיך איינמאָל גענומען צו דער אַרבעט, האָט ער זיך איר געווידמעט מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגטקייט. איך מיין, אַז די אידעען זיינען ביי אים געבוירן געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון אַ לאַנגזאַמען וויסנשאַפטלעכן דראַנג. צו דער מאַטעריאַלן־זאַמלונג און באַאָבאַכטונגען, אויף וועלכע ער האָט דערנאָך געבויט זיינע אויספירן. און האָט ער נאָר געמאַכט די אויספירן — זאָל דאָס זיין אין די 60־ער יאָרן אָדער מיט 30 יאָר שפּעטער — האָבן זיי אים באַהערשט מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפט און זיינען, ווי עס זעט אויס, געבליבן אומפאַרענדערט במשך פון זיין גאַנצן לעבן. ער האָט דאָך שטענדיק געזוכט אומדערמידלעך באַשטעטיקונגען צו זיינע מיינונגען, נאָר ער איז, הפּנים, געווען אַ סך ווינציקער גענייגט צו געפינען צייט אויף זיי באַנייעס צו באַטראַכטן, און זיי רעווידירן אין זייער באַזע גופא. מיר, לפּחות, האָט די דאָזיקע אומדערשיטערטע צוגעבונדנקייט צו אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל באַאָבאַכט, אפילו ווען דאָס איז געווען אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, און ער האָט דאָס מערקווירדיק גוט געדענקט, אויסגעזען אַ ביסל מאָדנע, און וואָס פירט צו אַ געוויסער איזאָלירטקייט, נעמענדיק אין אַכט די שטענדיק פּראָגרעסירנדיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. איך וואָלט בעסער געווען געוואָלט, אַז זיינע אידעען זאָלן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס אריינגעוואָרפן ווערן אינעם פייער פון די וויסנשאַפטלעכע וויכוחים, אַז זיי זאָלן ענדערן זייער אויסזען אונטער דער ווירקונג פון קריטיק, זיי זאָלן וואַקסן אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אַ סך אַנדערע; זיי וואָלטן דעמאָלט פאַר אונדז געקראָגן אַ מער אַלגעמיינעם און דויערהאַפטן, און ווייניקער פּערזענלעכן כאַראַקטער. נאָר איך אַנערקען אַז צו דעם האָבן געשטערט אַ סך סיבות, וואָס האָבן אָוועקגעשטעלט קראָפּאָטקינען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אויף דער גרענעץ צווישן דעם וויסנשאַפטסמאַן און דעם נביא. געלערנטע

— זיינען דאָ אַ סך און נביאים — אויך, נאָר מענטשן וועלכע האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דערווירקלעכער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן זי באַאַרבעט דורך אייגענער אָנשטרענגונג און האָבן זי פאַרשפּרייט, פּונקט ווי די נביאים — אַזעלכע מענטשן זיינען דאָ זייער ווייניק, און די פּאָזיציע, וואָס קראָפּאָטקין האָט פאַרנומען, איז אין אַ געוויסן זין דער איינציקער ביישפּיל.

די גלענצנדיקע דערפאָלגן פון דער נאַטורוויסנשאַפט נאָכדעם, ווי ס'איז דערשינען דאַרווינס באַרימטער בוך, ארום סוף פון די 50ער יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, און די ריזיקע, נאָך נישט אויסגעפאָרשטע אוצרות פון רוסלאַנד און סיביר, וואָס קראָפּאָטקין האָט דערזען און אָפּגעשאַצט אין זיינע רייזעס, האָבן ביי אים דערוועקט דעם אינטערעס צו די נאַטור־וויסנשאַפטן און ער איז געוואָרן אַ טעטיקער ארבעטער אויף אָט־דעם ברייטן פעלד, וואָס איז פאַרבליבן, רעלאַטיוו, פריי אפילו אין דער צאַרישער רוסלאַנד. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט זיין נאַטירלעכער אַלטרואיזם און, ווען ער האָט דערזען דעם דערדריקטן צושטאַנד פונעם פאָלק, וועמען ס'זיינען פאַרבליבן פרעמד אַלע נאַטור־אוצרות פון רוסלאַנד, ווי אויך אַלע פאָרשונגען פון דאַרווינען, העקסליין און ספּענסערן, האָט ער אויך אַוועקגעוואָרפן די וויסנשאַפטלעכע קאַריערע און פאַרבונדן זיין גורל מיט די יעניקע, וועלכע האָבן געגרייט די רוסישע רעוואָלוציע.

און אָט נאָך די רייזעס און פאָרשונגען פון די 60ער יאָרן, נאָך דער גרויסער, אַזוי צו זאָגן, באַלמעלאָכישער אַרבעט אויף דעם געביט צוליב פאַרדינסט (איבערזעצונגען א.א.וו.), האָט קראָפּאָטקין אָנגעהויבן מיט דער זעלבער אָנגעשטרענגטקייט אַרבעטן פאַר די רעוואָלוציאָנערע צילן — פאַר אָרגאַניזירן געהיימע פּראָפּאַגאַנדע נסיעות, פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, טיפּאָגראַפיעס און אויך זיינע אייגענע געהיימע פאָרלעזונגען אין די קרייזן, וואוהין ער פלעגט קומען פאַרשטעלט אַלס אַן אַרבעטער. מיט אַ זאַך פלעגט ער זיך שטענדיק פאַראינטערעסירן דורכויס; ער פלעגט אַריינדרינגען אין דער סאַמע טיפעניש פון דער זאַך און געטאָן אויף דעם זעלבן אופן די גרויסע, ווי די קליינע אַרבעט, לויט דער נויטווענדיקייט, אָנהויבנדיק פון אַ רעוואָלוציאָנערן רעפעראַט און ענדיקנדיק מיט אַ פּלאַן פון איבערבויען די באַוועגונג אין גאַנץ רוסלאַנד.

ווען דאָס לעבן און אידעען פון אַ סך אַנאַרכיסטישע דענקער און טוער וועלן ווערן מער באַקאַנט און בעסער שטודירט, וועט פאַר דעם שאַרפן אַנאַליטיקער און פּסיכאָלאָג זיין די איינציקסטע אויפגאַבע: צו אָנמערקן אַלע שאַטירונגען און שאָטנס פון די פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע וועלט־אָנשויאונגען — ווייל דער אַנאַרכיזם, צום גליק, איז אַזוינס, וואָס איז אינגאַנצן להיפּוך צו דער שמעלצאייזן־טעאָריע, און דאַן וועלן פאַר די אויגן פונעם לייענער אויפשטיין באַקונין, קראָפּאָטקין, דזשעמס גיליאַם, קאַפּיעראָ און אַנדערע. באַזונדערס וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן קראָפּאָטקינס אַנאַרכיזם מיט עליזע רעקלוס; זיי האָבן ענג צוזאַמענגעאַרבעט און זיינען געוועזן נאָענט באַפריינדעט, און דאָך — לפּחות, דאַכט זיך מיר אַזוי, — גלייכצייטיק מיט זייער מערקווירדיקער אידעאישער פאַרוואַנד־

שאפט, זיינען צווישן זיי געווען גאָר גרויסע אונטערשידן. קראָפּאָטקינס אנאַר־ביזם ווייזט מיר אויס הארטער, ווייניקער טאָלעראַנט, מער צוגעפּאַסט צו דער פּראַקטיק; רעקלוס אַנאַרכיזם איז ברייטער, מערקווירדיק טאָלעראַנט, נישט דער־לויבנדיק גלייכצייטיק קיין שום קאָמפּראָמיסן, און איז געבויט אויף אַ מער הומאַ־ניטאַרן יסוד. פאַר דעם און פאַרן צווייטן — ווי נאָך פאַר אַ סך — איז פאַראַן פּלאַץ, און אויב קראָפּאָטקינס אנארכיזם איז מער דער פּראָדוקט פון זיין צייט און אַ טייל פון אים קאָן פאַרשווינדן ווערן צוזאַמען מיט אים, ווייזט מיר אויס רעקלוס אַנאַרכיזם פעסטער; די צייט פאַר אַזאַ פולער אָפּשאַצונג איז נאָך נישט געקומען, נאָר זי וועט, אָן ספק, קומען.

מיין ערשטע דערינערונג וועגן קראָפּאָטקינען איז פאַרבונדן מיטן מיטינג לכבוד דער קאָמונע, וואָס מען האָט דורכגעפירט אין לאָנדאָן אין מערץ פון 1888, און מיט אַ רייע רעפעראַטן, וואָס קראָפּאָטקין און אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע „פרידאָם" האָבן געלייענט אין דעם זעלבן יאָר; אייניקע פון די דאָזיקע פאַר־זאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען אין דעם הויז פון דער „סאָציאַליסטישער ליגע" אויף פאַרינגדאָן־ראָד, נאָר אַ מער ענגע מיטאַרבעטערשאַפט צווישן דער ליגע, וואָס ס'האָט געהאַט די אויבערהאַנט דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם, און דער שטרענג אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער גרופּע, איז אין יענער צייט נישט געווען. נאָר ווען די גרופּע „קאָמאָנוועל" אין וועלכער ס'האָט זיך, סוף כל סוף, פאַרוואַנדלט די „סאָציאַליסטישע ליגע", איז צעשלאָגן געוואָרן דורך די פאַרפאָלגונגען פון 1894, און די צייטונג „פרידאָם" האָט אויך פריוויליק איבערגעריסן איר עקזיסטענץ אויף עטלעכע חדשים אין 1894-95, האָבן די רעשטלעך פון ביידע גרופּעס זיך צענויפ־געגאָסן און אין מערץ פון 1895 איז די „פרידאָם" לעבעדיק געוואָרן און דערשיינט פון דעמאָלט אָן ביז איצט.

צוליב עפּעס האָבן די דאָזיקע געשעענישן פון דעם שטורמישן פּעריאָד אין אָנהויב פון די 90ער יאָרן נישט געצוואונגען קראָפּאָטקינען זיך אַזוי ענג צונויפ־גיסן מיט דער ענגלישער באַוועגונג, ווי ער האָט זיך אַמאָל צענויפגעגאָסן (ווי עס דערציילן זיינע אַלטע חברים) מיט דער באַוועגונג אין די יוראַ'ר בערג און אין גענף. די ליטעראַרישע אַרבעט צוליב חיונה (די זייטיקע געאָגראַפישע אַרבעטן א.א. וו.) און דאָס רואינירטע געזונט דורך דער רוסישער און פראַנצויזישער טורמע, ווי אויך די ביטעס פון אַלע זייטן וועגן מיטאַרבעטערשאַפט, די פילצאָליקע קאָרעספּאָנ־דענץ א.א.וו., דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַ רעלאַטיוו אָפּגעזונדערט לעבן, חוץ די פּעריאָדן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין די ביבליאָטעקן. ער האָט געוואוינט ווייט פונעם צענטער אין האַראָי, אין אַקטאָן, אין בראָמליע (אינעם גראַפּטום קענט), אין מאַסוויל היל, און, ענדלעך, ווען זיין געזונט האָט עס געפאָדערט, — אין בריי־טאָן. אין לאָנדאָן פלעגט ער נאָר אַמאָל פאַרברענגען אַ וואָך צוליב ביבליאָטעק־פאָרשונגען. ער פלעגט אוועקגעבן די גאַנצע צייט דער אַרבעט, דעם שטודיום, דער קאָרעספּאָנדענץ און די באַזוכער, און האָט, מן הסתם, נישט געקאָנט טאָן מער; ווען ער זאָל אין יענער צייט געווען אָפטער קומען אין באַרירונג מיט דער לאָנ־



פּ. א. קראָפּאָטקין מיט זיין פרוי אויף דער עלטער

דאנער באוועגונג, וואלט אים געווען אויסגעקומען צו פארקירצן אנדערע זייטן פון זיין ארבעט, וואס האט געהאט אינזינען דעם ברייטערן עולם.

ער האט געהאט אזויפיל מאטעריעס צום שטודירן, און די דאזיקע ארבעט, ווי יעדער ערנסטע ארבעט פון אזא סארט, האט זיך קיינמאל נישט געענדיקט. אזוי, אז אויף צוגעפינען באווייזן צום גונסטן פון דער קעגנזייטיקער הילף, האט ער ארומגענומען דעם גאנצן געביט פון דעם ארגאנישן לעבן, און איך האב אים זעלטן־ווען געזען אזא צופרידענעם, ווי אין דעם טאג, ווען ער האט נארוואס געהאט געפונען אין דעם בריטישן מוזיי אנווייזונגען דערויף, אז אמאל איז צווישן די טיגערן געווען א געזעלשאפטלעך לעבן, וואס איינער א געלערנטער האט אפגעלייקנט, כדי דערמיט דערלאנגען א שטארקן קלאפ דער טעאריע פון קעגנזייטיקער הילף. קראפאטקין האט צופעליק זיך דערוואוסט וועגן דעם, אז די טיגערס האבן אמאל געלעבט אין סטאדעס, ביז די פארפאלגונגען מצד דעם מענטשן האבן פארמינערט זייער צאל און זיי זיינען געצוואונגען געווען צו לעבן אפגעזונדערט אין די ווייטע טיילן פון די אורוועלדער. צו די דאזיקע גענויע באאבאכטונגען איבערן חיהשן און געזעלשאפטלעכן לעבן, זיינען ביי אים ביסלעכווייז צוגעקומען די פארשונגען אויפן געביט פון דער עטיק, וואו ער האט אליין געמוזט איבערקוקן די אומגעהויערע ליטעראטור, וואס האט נישט געשטימט מיט זיינע אייגענע מיינונגען.

דערנאך, בעת זיין רייזע קיין אמעריקע, האט דער זשורנאל „אטלאנטיק מאנטלי" אים פארגעלייגט צו שרייבן זיינע זכרונות. די ערשטע טייל פון וועלכע ס'האבן ביי אים אויפגעוועקט אלע אלטע רוסישע דערינערונגען, א סך פון וועלכע זיינען נישט אריין אינעם געדרוקטן טעקסט. וויסנדיק מיין אינטערעס צו היסטארישע און ביבליאגראפישע פראגן (אין וועלכע ער האט מיר זייער גערן געהאלפן), האט ער מיר אין יענע יארן איבערגעגעבן א סך ידיעות וואס זיינען געווען א דערגענצונג צו „מעמוארן פון א רעוואלוציאנער". מיט אייניקע האב איך זיך באנוצט אין מיינע דערגענצונגס־באמערקונגען וועגן באקונינען און מאלאטעסטאן, די אנדערע, וואס האבן א שייכות צו די לעצטע יארן פון דעם אינטערנאציאנאל און צום אנארכיזם פון די 80ער יארן, ליגן נאך אלץ צווישן מיינע פאפירן. דער דאזיקער אינטערעס צו די פערזענלעכע דערינערונגען איז איבערגעריסן געווארן דורך א שטארקערן אינטערעס צו רוסלאנד, ווען אין די יארן פאר 1905 האט די באוועגונג אנגעהויבן וועקן גרעסערע האפענונגען און ווען א סך האבן געזאגט: „איצט אדער קיינמאל נישט!" און באמת דאס יאר 1905 האט געבראכט א רייע ענדערונגען. אין די דאזיקע יארן איז קראפאטקין נאכאמאל געווען אין אמעריקע און דארט געהאלטן א רייע לעקציעס, פון וועלכע ס'איז צוזאמענגעשטעלט געווארן זיין בוך „אידעאלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראטור" (1905).

---

אין די לעצטע יארן, פאר 1914, האט ער שטארק געפילט דעם שטענדיקן מוז צו ארבעטן אויף חיונה און וואלט מיט פארגעניגן זיך געווען אפגערוט ווי עס געהער צו זיין, וואס פאר אים האט דאס געמיינט לייענען און אפילו זאמלען ביכער

(מחמת ער איז געווען א ליבהאָבער פון ביכער און זיך געפרייט, אויב ער האָט געקראָגן א וועלכע ס'נישט איז זעלטענע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבע), הנאה האָבן פון דער קונסט, הערן אינטערעסאַנטע נייעס, בדרך הליכה כאַפּן א קוק הינטער די קוליסן פון דער פּאָליטיק — וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט געניסן פון אזא פרייער צייט; פאַרשידענע אַרבעטן, די אַפּגעשוואַכטע אַרבעטס־פעאיקייט און דער שלעכטער געזונט־צושטאַנד האָבן אים קיינמאָל נישט געגעבן קיין לענגערע רו. און דאָך איז ער פאַרבליבן א לעבעדיקער און א פריילעכער, ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן און לאַכן. כאָטש צייטנווייז פלעגט ער טיילמאָל, אין איין רגע, ווערן שרעקלעך ערנסט און שטרענג; די הויפּטזאַך, אָבער — ער איז אומפאַרענדערלעך געווען געטריי זיין גאַנץ לעבן צו זיינע אַרויס־געזאָגטע מיינונגען. און פאַרוואָס זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע שוואַכקייטן, וועלכע האָבן, אָן ספק, געהאַט אויך זייער פּאָזיטיווע זייט און זיינען געווען אן אומאָפּ־שיידבאַרער טייל — א גאָר באַזונדערער — פון קראָפּאָטקינס איינציקער פערזענ־לעכקייט?

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אים געזען צום לעצן מאָל פאַר זיין אָפּפאָרן קיין באָרדיגער, סוף 1913. זיין באַציאונג צו דער מלחמה האָט מיך נישט איבעראַשט, ווייל זיין מיי־נונג אין דער הינזיכט איז שוין געווען אַן אַלטע און טיף־איינגעוואָרצלטע. איך פיל דערום און פאַרשטיי זיין לעבן צווישן 1914 און 1917, און אויך זיין גרענעצ־לאָזע פרייד מיט דער ידיעה וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע אין מערץ פון 1917, און די האָפענונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אין קע־רענסקיס צייט. נאָר מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיין לעבן געמוזט פאַר־וואַנדלט ווערן אין א טראַגעדיע און אזוי פאַרבלייבן ביזן סוף. אין 1908 האָט טאָלסטאָי געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום צאַר: „איך קאָן נישט שווייגן!" מיר האָבן נישט געהערט קראָפּאָטקינס קול אין זיין ווענדונג צו לענינען; זיין קול האָט צו אונדז דערגרייכט נאָר אין עטלעכע בריוו, וואָס מען האָט פאַרעפנטלעכט אין אויס־לאַנד. אָבער ער האָט מסתמא געדענקט, אַז זיינע פריינט וועלן פאַרשטיין זיין שווייגן פונקט ווי דאָס שווייגן פון שפּיז, ווען ער איז געגאַנגען צום טויט אין טשיקאַגאָ אין 1887: „ס'וועט קומען א צייט ווען אונדזער שווייגן וועט נעמען ריידן שטאַרקער פון די שטימען, וועלכע איר גרייט זיך היינט צו דערשטיקן".

הינטער קראָפּאָטקינס שווייגן איז באַהאַלטן א טראַגעדיע, פאַר וועלכער ס'ווערן אָפּגעמעקט זיינע שוואַכערע זייטן און עס פאַרבלייבט נאָר זיין פריידיקע אומדער־מידלעכע אַרבעט פאַר דער פרייהייט, וויסנשאַפט און פאַר דער מענטשהייט.*)

---

*) דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווען געדרוקט פריער אין דעם זאַמל־בוך „פּיאָטר קראָפּאָטקין דער רעוואָלוציאָנער, דענקער און מענטש" אין ענגליש אין 1923. און אין דעם רוסישן זאַמל־בוך „קראָפּאָטקין און זיין לערע", אונטער ג. מאַקסימאָווס רעדאַקציע אין 1931.

## פּיאָטר קראָפּאָטקין

# דער רעוואָלוציאָנערער גייסט

### (געדרוקט אין „אַרבעטער פריינט" דעם 31טן דעצעמבער פון 1915)

א איטאַליענישער חבר האָט געפרעגט קראָפּאָטקינען, אויב ער איז נישט קיין אָנהענגער פון קאָמונאַלע און פּראָווינציעלע וואַלן. אונדזער פריינט האָט אים געענטפערט מיט א בריוו, פון וועלכער מיר נעמען ארויס די וויכטיקסטע טייל:

ניין חבר, איך פאַרוואַרף פולשטענדיק די דאָזיקע קאַמפּן; און מער ווי שטענדיק באטראַכט איך זיי אלס שעדלעך פאַר דער ארבעטער־זאַך...

איך בין, היינט, נאָך מער ווי פריער איבערציינגט. אין דער ריכטיקייט פון די אנארכיסטישע פּרינציפּן, פון דעם אנארכיסטישן קאָמוניזם, אלס דער איינציקער צושטאַנד, אין וועלכן ס'וועט קאָנען פאַרזיכערט ווערן די פולקאָמע און פרייע אנטוויקלונג פונעם יחיד אין זיין שענסטן אויפבלי. איך געפין אין דער אנארכיע א קראַפט, וועלכע וועט ווערן די באוועגנדיקע שטויס־קראַפט פון דער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג פונעם יאָרהונדערט אין וועלכן מיר טרעטן אריין. זי וועט זיין דער ציל צו וועלכן ס'וועלן זיך געצוואונגענערהייט ריכטן די פּראַקטישע אָנשטרענגונגען — ׳ אויף וויפל זיי וועלן זיין באגייסטערט פון די אידעען פון פּראָגרעס — פאַר גלייכהייט — עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, אינטעלעקטועלער און גייסטיקער פרייהייט. דער שטאַטס-סאָציאַליזם האָט אָפּגעלעבט זיין חיה־שעה, פונקט ווי דער ביסמאַרקישער אידעאַל האָט אָפּגעלעבט זיינע. איצט איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א פיל קלאָרער ציל און מער אין איינקלאַנג מיט די אידעען פון גלייכהייט און פרייהייט — דער ציל איז א סך מער דערהויבן און גלייכצייטיק פיל פּראַקטישער. און עס איז דער דאָזיקער ציל, און נישט קיין אנדערער, וואָס וועט פון היינט אָן באגייסטערן די מענטשן פונעם יאָרהונדערט: יענע מענטשן וואָס וועלן שטופּן פאָראויס די ראָד פון דער געשיכטע*).

ראָס איז דער אידעאַל, וואָס אמבאַלאַנגט דער טעאָריע.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער פּראַקטשער זייט, די מיטלען: — האָט מען שוין פון לאַנג צוריק אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל" פאָרויסגעזען, אז די וואַל־טאַקטיק, מיט וועלכע די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן זיך באנוצט פון 1870, וועט זיין

---

*) זאל מארגן דער שטאט איבערנעמען די אייזנבאנען, מינען, די שענקען און דאס באנק־וועזן — ווער וועט אין דעם זען א סאציאלע רעוואלוציע? דער ארבעטער. דער רעפארמאטאר. קוקן א סך ווייטער פון דעם און נאך ווייטער קוקט דער רעוואלוציאנער.

דער טויט פונעם רעוואָלוציאָנערן גייסט און א פ י ל ו פ ו ן ד ע ם ס אָ צ י א ל י ז ם. די פּראַקטישע דערפאַרונג, וועלכע מען האָט פון דאָן אָן דורכגעלעבט אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, האָבן באַוויזן די פולשטענדיקע ריכטיקייט פון דער דאָזיקער פאָראויסזאָגונג.

דאָס באַטייליקן זיך אין וואַלן מעגן זיי זיין פּאַרלאַמענטאַרישע אָדער שטאָטישע — אַלץ איינס — דאָס פירט אומפאַרמיידלעך צו די זעלבע רעזולטאַטן. פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר האָט דאָס דערהרגעט אין די אַרבעטער-מאַסן יעדע רעוואָלוציאָנערע נויגונג. אין דעם זין איז זי געווען דערפאָלגרייך; אָבער צום גונסטן פון וועמען? צום גונסטן פונעם קאַפּיטאַליסט, דער קירכע, די רעגירונגען, די אויסבייטער פון יעדן סאָרט, די רעאַקציאָנערן פון יעדער מין און פון יעדער פאַרב. יאָ, ס'איז אמת, אַז כדי איבערצוגעבן די וועלט צו דער קאַפּיטאַליסטישער קלעריקאַלער און מעטאַפיזישער רעאַקציע, האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע באַקעמפט מיט אַלע מיטלען די רעוואָלוציאָנערן, אָנהויבנדיק מיט באַקונינען און דער יורא־פעדעראַציע אין 1872 ביז צום היינטיקן טאָג. אַ שיינער רעזולטאַט, נישט אמת?

כדי צו דערגרייכן אַזאַ צושטאַנד, האָבן אייניקע באַוואוסטזיניק, אַנדערע אומבאַוואוסטזיניק געאַרבעט צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע געפילן פון פעלקער און פון יחידים, פאַרשפּאָט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט און רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין דער קעגנוואַרט, ווי אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט. פאַרשלעפּערט די מאַסן מיט האָפענונגען, וואָס זיינען געווען אומזיניק, ענלעכע צו די, וואָס די גלחים פלעגן זיי איינריידן, און זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי פלעגן זאָגן צו די אונטערדריקטע, אַז די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען פון זיך אַליין, אָן אַ גוואַלטזאַמער רעוואָלוציע, אָן פאַרבאַרייטונגס-אויפשטאַנדן, אָן באַוואָפנטע קאַמפן, אָן דעם העלדנטום פון רעוואָלטירער, נאָר בלויז אַ דאַנק די „אייזערנע געזעצן” וואָס זיי האָבן דערפינדן!!!*)

און טראָץ דעם רופן זיי זיך נאָך אַלץ סאָציאַליסטן! וואָס האָבן זיי געמאַכט פונעם סאָציאַליזם? זיי האָבן אים קאַסטרירט, זיי האָבן אים פאַרבורזשואַזירט. וואָס געפינען מיר היינט צו טאָג אין די פּראַקטישע פּראָגראַמען פון דער אַזוי גערופענער סאָציאַלדעמאָקראַטיע?

אָנשטאָט די גראַנדיעזע שטרעבונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל” אָפּצושאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף אַלץ וואָס ס'איז נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע, אָנשטאָט אַ באַוועגונג פון ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר ג ל ייכ ה יי ט פ אַ ר א ל ע מ ע ן, געמיינזאַמען פאַרברויך און די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, וואָס דער לוין־סיסטעם

---

*) אויב מיר זעען אצינד אַ שיינע באַוועגונג וואָס, מאַניפעסטירן זיך דורך גרויסע שטרייקן פון נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן אַז די דאָזיקע סאָלידאַרישע באַוועגונג איז באַשאַפן געוואָרן אויסער דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און כמעט אומעטום ק ע ג ן א י ר. די סינדיקאַלע טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונג האָט זיך נישט גענלאָזט פירן פון די פּאָליטיקער, און אויף זייער לעצטן קאָנגרעס האָבן זיך די ענגלישע טרייד־יוניאָנס פולשטענדיק אָפּגעטיילט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, און מיט רעכט.

האָט באַשאַפֿן, — פֿאַרלאַנגט מען היינט אַ באַשיידענע באַגרעניצונג פֿון די אַר־בעטס־שטונדן (פֿון וועלכע, מערקט עס גוט, די בורזשואַזיע פּראָפּעטירט), און איי־ניקע פֿאַרזוכן פֿון רעגירונג קאַפּיטאַליזם — אַלץ אין די אינטערעסן פֿונעם קאַ־פּיטאַליזם; דאָס איז אַלץ וואָס זיי האָבן צוגעגעבן צו דער ראַדיקאַלער פּראָגראַם, וואָס די רעפּובליקאַנער ראַדיקאַלע בורזשואַזיע האָט אָוועקגעשטעלט מיט פֿופֿציק יאָר צוריק! עס איז די פֿולשטענדיקע דעגענעראַציע פֿונעם סאָציאַליזם.

אַלעס, וואָס איז געווען גרויס, שיין און באַגייסטערנדיק אין דער סאָציאַליס־טישער וועלט־אַנשויאונג אין דער צייט פֿונעם „דריטן דערוואַכן פֿונעם פּראַנצויזי־שן פּראָלעטאַריאַט", צווישן 1867 — 1878, איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן, פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער בורזשואַזער אַטמאָספֿערע פֿון וואַל־באַוועגונגען. ס'איז פֿאַר זיי נויטיק געווען דאָס צו טאָן, כדי אָנערקענט צו ווערן פֿון דער בורזשואַזיע. נישט די „דעראָבערונג פֿון דער מאַכט" האָט מען דורכגעפֿירט: ס'איז די „דעראָבערונג פֿונעם סאָציאַליזם דורך די מעכטיקע", צו וועלכער מען האָט פֿריינטלעך צוגעלייגט אַ האַנט.

בלייבן היינט בלויז די סינדיקאַלע קרייזן, וועלכע פֿאָלגן נישט די סאָ־ציאַלדעמאָקראַטיע, און די אַנאַרכיסטן, ביי וועמען איר מוזט היינט זוכן דעם סאָ־ציאַליזם: דעם רעוואָלט קעגן קאַפּיטאַל און קעגן זיין הויפּטשטיצער — דעם שטאַט, און דעם אמתן קאַמף קעגן די דאָזיקע צוויי שותּפֿים, אָדער אַמווייניקסטנס, קעגן איינעם פֿון זיי — דאָס געפֿינט איר בלויז ביי די דאָזיקע צוויי שאַטירונגען.

בקיצור, אַלץ וואָס איך קאָן זאָגן, נאָך די לעצטע דרייסיק יאָר דערפֿאַרונגען און באַטראַכטונגען, קאָן רעזומירט ווערן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

לאָזט זיך נישט איינרעדן פֿון שיינע פֿאַרשפּרעכנס, און פֿאַרפֿירן פֿון כלומרש־דיקער וויסנשאַפֿט, מיט וועלכער מען וויל אייך פֿאַרבלענדן די אויגן. דיסקוטירט מיט זיך אַליין, דרינגט אַליין אַריין אינעם גרונט פֿון אַלעס.

און איר וועט זען, אַז יעדער טריט צו דער באַפֿרייאונג פֿונעם אַרבעטער, פֿונעם פּויער און פֿון דער מענטשהייט אין אַלגעמיין, איז געמאַכט געוואָרן און ווערט נאָך אַצינד געמאַכט אויף דעם רעוואָלוציאָנערן וועג. יעדער דעראָבערונג, ווי קליין זי איז געווען, יעדע פֿאַרקלענערונג פֿון דער אויסבייטונג ווי אויך פֿון דער פּאָלי־טישער טיראַניע, זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן ביי די אויסבייטער און ביי די רעגירער, נישט דורך רעדעס אין פּאַרלאַמענט, נאָר דורך דעם אויפֿוואַכן פֿונעם רעוואָלוציאָ־נערן גייסט: דורך דעם דירעקטן קאַמף, אָדער צום ווייניקסטנס, דורך דער דראָאונג פֿון אויפֿשטאַנד.

דער פּראָגרעס אין אַלגעמיין און די הנחות צו די עקספּלואַטירטע זיינען תּמיד געווען, און וועלן זיין אין דירעקטער פּראָפּאָרץ צום גייסט פֿון אַקטיוון רעוואָלט, וועלכן איר וועט אומשטאַנד זיין צו דערוועקן צווישן דער מאַסע שטאָט און פֿעלד־אַרבעטער: די אונטערדריקטע, די שקלאַפֿן פֿון קאַפּיטאַל און שטאַט.

אָט דאָס האָב איך געלערנט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע פֿופֿציק יאָר. אַך! ווי האָלט איך געוואָלט אַז יעדער אַרבעטער זאָל דאָס אויך האָבן געלערנט.

## דר. הערמאן פראנק

# קראפאטקין, טורגעניעוו און מרדכי אנטאקאלסקי

### (א ווייניק באקאנטער עפיזאד פון פיאטר קראפאטקינס לעבנס־געשיכטע)

דאס וועלט־בארימטע מייסטער־ווערק, פ. קראפאטקינס „מעמוארן פון א רעוואלוציאנער” איז, ווי באקאנט, דערשינען אין א סך אויסגאבעס און אין אלערליי שפראכן אין פארשיידענע לענדער. דאך ווייסן נישט אלע, אז ביזן יאר 1933 פלעגן אלע אויסגאבעס ניט זיין קיין פולשטענדיקע, און א גרויסע צאל וויכטיקע און אייגנהענטיקע נאטיצן, פארצייכענונגען און פאסאזשן פון קראפאטקינס אריגינעלן מאנוסקריפט, אדער פון אנדערע ליטעראַרישע ארכיוו־מאטעריאלן זיינע, האט מען אין דעם געדרוקטן ווערק (וואס איז, כידוע, צום ערשטן דערשינען דא אין נארד־אמעריקע אין ענגליש) נישט אריינגענומען. און אלע איבערזעצונגען, וואס זיינען געמאכט געווארן פון אט דער ענגליש־אמעריקאנישער אויסגאבע, האבן נאטירלעך אויך געמוזט האבן אזוינע בלויזן, מחמת די נישט־אריינגענומענע אדער אויסגעשניטענע טיילן פון פיאטר קראפאטקינס מאנוסקריפט, וואס איבער אים האבן געהאט דעם פולן רשות פארלעגער און רעדאקטארן, וועלכע האבן קיין שטארקן שייכות צו קראפאטקינס אידייען־וועלט און געמיט, פארשטייט זיך, נישט געקענט האבן. מיט איין ווארט, ביז מיט א יאר 12־15 צוריק האט לחלוטין נישט עקזיסטירט קיין ווי געהעריקע, באמת פאסיקע, פאר אזא גייסטיקן ריז ווי קראפאטקין, אויסגאבע פון זיינע וועלט־בארימטע מעמוארן.

ערשט אין יאר 1933 האט אין דעם מאסקווער פארלאג „אקאדעמיא”, אין דער סעריע פון רעוואלוציאנערע מעמוארישע ווערק, דער איידעם קראפאטקינס, וו. לעבעדעוו, ארויסגעלאזן א מער אדער ווייניקער פולע אויסגאבע, אויפן סמך פון קראפאטקינס אריגינעלע מאנוסקריפטן פון דעם טעקסט און פון געוויסע נאטיצן און דערצו איז דאס נאך א פרעכטיקע, רייך־אילוסטרירטע און מיט א ים דערקלערנדיקע באמערקונגען און וויסנשאפטלעכע הערות, פאר דער פולשטענדיקער אויסגאבע פון קראפאטקינס „מעמוארן”. דערביי זאגט דער ארויסגעבער בפירוש אין איין פלאץ, אז א היפש גרויסער טייל פון קראפאטקינס כתב־יד (מסתם געשריבן אין רוסיש) איז אין קיינע פון די פריערדיקע אויסגאבעס נישט דערשינען און

ווערט דאָרט, אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פון יאָר 1933, צום ערשטן מאָל טייל-ווייז אַריינגענומען. לײדער האָט ער אָבער נאָך נישט באַוויזן אַריינצונעמען אַלץ וואָס איז פאַרבליבן אין קראָפּאָטקינס אַרכיוו. בלויז איין גרעסערע הוספה גיט ער דאָרט. דאָס פאַרנעמט אַ זײַטן 2 אין בוך (פון אַ היפּש גרויסן בוך-פאָרמאַט) און האָט אַ שייכות צו קראָפּאָטקינס באַגעגעניש מיט מרדכי אַנטאָקאָלסקין, דעם גאוניאַלן רוסיש־אידישן סקולפּטאָר, אין פּאַריז, סוף 1870טן יאָר.

אין זעקסטן טייל פון זײַנע „מעמואַרן", וואו ער רעדט וועגן זיין לעבן אין מערב־אייראָפּע, באַשרייבט פּ. קראָפּאָטקין דעם באַזוך זײַנעם אין פּאַריז אין יאָר 1877, ווען ער איז געווען אויפן צוריקוועג קיין שווייצאַריע פון די צוויי אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן אין בעלגיע (אַ קאָנגרעס פון דער „אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע" אין ווערוויע, און אַן „אינטערנאַציאָנאַ־לער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס" אין גענט). און דורכפאָרנדיק פּאַריז, האָט פּ. ק. זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און דורך זיין אַלטן פריינד און תּלמיד, פּיאָטר לאַווראָוו, זיך באַקאַנט פערזענלעך מיטן באַרימטן רוסישן שריפטשטעלער א י וו א ן ט ו ר ג ע נ י ע וו. ער, טורגעניעוו, אַלס אַ גרויסער חסיד, ממש ענטוזיאַסטישער באַ־וואונדערער פון מ. אַנטאָקאָלסקים טאַלאַנט, האָט קראָפּאָטקינען צוזאַמענגעפירט מיטן גרעסטן רוסישן סקולפּטאָר פון 19טן יאָרהונדערט, און פּ. ק. האָט אַליין געזען און באַוואונדערט אַ פּאָר מייסטער־ווערק אַנטאָקאָלסקים אין יענעמס אַטעליע אין פּאַריז.

אָט די באַגעגעניש מיט אַנטאָקאָלסקין, ווי אויך געוויסע שמועסן קראָפּאָט־קינס מיט טורגעניעוון זײַנען אינגאַנצן נישט אַריינגענומען געוואָרן אין די פרי־ערדיקע אויסגאַבעס פון די „מעמואַרן", און אין 1933 האָט מען זיי צום ערשטן מאָל באַקאַנט געמאַכט פאַר דער רוסיש־לייענענדיקער וועלט (און דאָס בלויז אין סאָוועט־רוסלאַנד, מחמת זייער ווייניק קאָפּיעס פון דער וואונדערלעך־רייכער מאָסקווער אויסגאַבע פון די „מעמואַרן", פון בוך־פאַרלאַג „אַקאַדעמיא", זײַנען דערגאַנגען קיין אויסלאַנד). און אָט דעם אינטערעסאַנטן פּרק פון קראָפּאָטקינס אויטאָביאָגראַפיע ווילן מיר איצט איבערגעבן פאַרן אידישן לייענער.

נאָך אַ דעראינערונג. טורגעניעוו האָט ביי אַ געלעגנהייט פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן די רעוואָלוציאָנערע ביכלעך פאַרן פאָלק, וואָס אונדזער קרייזל פלעגט אַרויסגעבן. „יאָ... נאָר דאָס איז נאָך אַלץ נישט דאָס, וואָס מ'דאַרף האָבן", האָט טורגעניעוו אַ זאָג געטאָן, פאַרטראַכטנדיק זיך אויף אַ ווײַלע, און צו מיין פאַרוואונדערונג האָט ער גלייך אויפן אָרט זיך שטאַרק צערעדט גאָר וועגן אַן אַנדער ענין לגמרי — ווי אַזוי אונדזער רוסיש פאָלק רעכנט זיך אָפּ מיט פערד־גנבים... געוויסע זײַנע ווערטער געדענק איך נישט, נאָר דער זין פון זײַנע באַמערקונגען האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. צום באַדויערן איז גראָד אין יענער רגע עמעצער אַריינגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט און דאָס האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. שפּעטער פלעג איך נישט איין

מאָל זיך אליין שטעלן אַט אזא פראַגע: וואָס זשע האָט פּאָרט טורגעניעוו גע-וואָלט דעמאָלט מיר זאָגן!?

א געוויסע צייט נאָך טורגעניעווס טויט (אין 1883), איז אָבער דערשי־נען זיינע א דערציילונג, וועלכע ער האָט קורץ פאַר זיין טויט אָפּגעדיקטירט מאדאם וויאַרדאָ אויף פראנצויזיש, און וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש פון גריגאָראָוויטשן; און אין יענער דערציילונג ווערט געשילדערט, ווי אזוי פויערים האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט א פּאַמיעשטשיק, א פערד־גנב...

גוט באקאַנט איז, ווי שטאַרק טורגעניעוו האָט ליב געהאַט קונסט, און נאָך דעם ווי ער האָט דערזען אין אַנטאָקאָלסקין א ווירקלעך גרויסן קינסטלער, פלעגט ער שטענדיק מיט התפּעלות ריידן וועגן אים. אָט, למשל, וואָס ער האָט מיר געזאָגט:

„איך ווייס נישט, צי כ'האָב ווען עס איז אין לעבן באַגעגנט א געניאַלן מענטש אָדער נישט, אָבער אויב כ'האָב אזא יאָ באַגעגנט, איז עס געווען, נאָר איינער — אַנטאָקאָלסקי". אזוי פלעגט מיר זאָגן, נישט איין מאָל, טורגעניעוו, און לאַכנדיק פלעגט ער נאָך צוגעבן:

„און הערט א מעשה: אויף קיין שום שפּראַך רעדט ער נישט גראַמאַטי-קאַליש, רוסיש און פראנצויזיש רעדט ער שרעקלעך שלעכט... אָבער דערפאַר איז ער א גרויסאַרטיקער סקולפּטאָר".

און ווען כ'האָב געזאָגט טורגעניעוון, אז נאָך אַלס א יונגער בחור פלעג איך זיך אַנטציקן פון אַנטאָקאָלסקיס „איוואַן דער גרויזאַמער", און אז מיר פלעגן גאָר באַזונדערס געפעלן ווערן אַזוינע אַרבעטן אַנטאָקאָלסקיס ווי די גרו-פּע, אויסגעקנאָטן פון וואַקס, וואָס שטעלט פאָר עטלעכע אידן־לערנערס, און אויך א בילד פון די אינקוויזיטאָרן, וואָס לאָזן א גרופּע אידן אַרונטער אין א קעלער, — אז טורגעניעוו האָט עס פון מיר געהערט, איז ער גאָר שטאַרק צו־געשטאַנען צו מיר, אז מיר זאָלן אומבאַדינגט גיין זען א גרויסע סקולפּטור-אַרבעט וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט — „קריסטוס פאַרן פאָלק". איך האָב מיך געקווענקלט יאָ צו גיין אַהין, אין דער סטודיאָ אַנטאָ-קאָלסקיס, אָדער נישט — מחמת כ'האָב נישט געוואָלט שטערן אפשר אַנטאָ־קאָלסקין. האָט טורגעניעוו געזאָגט, אז ער וועט זיך שוין צוזאַמענריידן מיט אַנטאָקאָלסקין, און אין א געוויסן טאָג וועט ער, טורגעניעוו, אונדז ביידן — פּ. א. לאַווראָוון און מיך, אוועקפירן אין מ. אַנטאָקאָלסקיס אַטעליע.

אזוי איז עס טאַקע געווען. אַלע ווייסן ווי איבערראַשנדיק שיין איז אַנטאָ־קאָלסקיס מייסטער-ווערק — די סטאַטוע „קריסטוס פאַרן פאָלק". באַזונדערס דערשיטערנדיק איז דער אומגעהויערער טרויער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף קריסטוסעס פּנים בשעת ער זעט פאַר זיך דעם גרויסן המון, וואָס שרייט „קריי-ציקט אים!" און צו דער זעלביקער צייט איז די גאַנצע פיגור יעזוסעס ממש דערשיטערנדיק דורך איר שטאַרקער מאַכט, באַזונדערס ווען מ'באַטראַכט זי פון הינטן. דאַכט זיך דיר טאַקע אין יענעם מאָמענט, אז דו זעסט פאַר זיך א

געזונטן, קרעפּטיקן פּו״ער, וועלכן מ׳האָט געבונדן אין דיקע שטריק.

„און איצט גיט א קוק אויף אים פון אויבן", האָט צו מיר געזאָגט טורגע־ניעוו — „איר וועט דערזען וועלכע מאכט, וועלכע פאראכטונג דריקט אויס אָט דער קאָפּ"...

און טורגעניעוו האָט געבעטן ביי אנטאָקאָלסקין א לייטערל, כדי איך זאָל קענען זען דעם דאָזיקן קאָפּ פון אויבן. נאָר אַנטאָקאָלסקי האָט זיך עפּעס גע־קווענקלט.

— אָך, ס׳איז נישט נויטיק. איוואַן סערגעיעוויטש, צו וואָס דאַרף מען עס?

„ניין, ניין — האָט געפאָדערט טורגעניעוו, ער דארף עס זען: ער איז דאָך א רעוואָלוציאָנער.

און טאַקע — מ׳האָט געבראַכט א לייטער און כ׳האָב א בליק געטאָן אויפן דאָזיקן קאָפּ פון אויבן, און דאַן ערשט האָב איך פאַרשטאַנען די גאַנצע אינ־טעלעקטועלע מאכט פון אָט דעם קריסטוס, זיין טיפע פאראכטונג צו דער טפּ־שות פון דעם טומלדיקן, רעוועדיקן המון, זיין שנאה צו די תלינים. און שטיי־ענדיק אזוי פאר אָט דער סטאַטוע, האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט, אז אָט דער קריסטוס זאָל צעררייסן די שטריק וואָס בינדן אים און זאָל ארויסגיין אין קאמף און צעטרייבן די תלינים...

# סאָפיאַ גר. ראַבינאָוויטש-קראָפּאָטקין

קראָפּאָטקינס פרוי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קיעוו אין יאָר 1856

פון נ. ק. ל.

סאָפיאַ גריגאָריעוונאַ קראָפּאָטקין, פּיאָטר קראָפּאָטקינס פרוי און געדאַנקען-חברטע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856, און בכן וואָלט זי איצט געדאַרפט ווערן 91 יאָר. ליידער פעלן ידיעות פון אָדער וועגן איר, שוין שיינע עטלעכע יאָר צייט, און מען ווייסט בלויז אַז וויניקסטנס אַ יאָר 10 נאָך פּיאָטר קראָפּאָטקינס טויט איז זי געווען אַקטיוו אין דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אַלס די אויפזעערן פון דעם קראָפּאָטקין-מוזיי אין מאָסקווע. אָבער איר גורל אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז, ווי געזאָגט, פאַרהילט אין אַ געדיכטן שלייער פון פולער אינפאָרמאַציע-לאָזיקייט און פינצטערניש. בלויז עטלעכע נייערע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן די קראָפּאָטקינס, אין זייער יוגנט-צייט, זיינען לעצטנס צוגעקומען דורך די אויספירלעכע הערות און דערקלערונגען, וואָס זייער געדאַנקען-נאָכפאָלגער, נ. ק. לעבעדיעוו, האָט אריינגעבראַכט אין דער גרויסער און פּרעכטיקער מאָסקווער אויסגאַבע פון די „מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער" (מאָסקווע, פאַרלאַג „אַקאַדעמיאַ" 1933, ערשטע אויסגאַבע אין דער סעריע פון „רעוואָלוציאָנערע מעמואַרן"), פון וואַנען מיר נעמען אַרויס די אונטן געבראַכטע ידיעות מכּוח ס. ג. קראָפּאָטקין און איר הייראַט מיט פּ. ק. — אַרום 70 יאָר צוריק. (זעט יענע רוסישע אויסגאַבע, ז' 264, הערה 233).

נאָכן אָפּזיין אַ קורצע צייט אין פּאַריז (אויפן צוריקוועגס פון די סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בעלגיע), וואו פּ. ק. האָט זיך געטראָפן מיט טורגעניעוון, ווי ס'ווערט באַשריבן אין זיינע באַוואוסטע מעמואַרן, און אויך מיט מרדכי אנטאָקאָלסקי, ווי ס'ווערט דערציילט אין אָט דער פולערער, נייעסטער אויסגאַבע פון די „מעמואַרן" אין רוסיש, האָט פּ. ק. זיך צוריקגעקערט אין זיין וואוינאָרט, אין זשענעווע, אין סוף מאַי אָדער אָנהויב יוני 1878. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער יונגער סטודענטן פון זשענעווער אוניווערזיטעט — סאָפיאַ גריגאָריעוונאַ אַנאַניעוואַ-ראַבינאָוויטש, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אין הערבסט 1878, ווען ער איז אַלט געווען 36 יאָר. וועגן אָט דעם פאַקט דערמאָנט פּ. ק. קיין זאַך נישט אין



סאָפיאַ ראַבינאָוויטש קראָפּאָטקין אין דער יוגנט.

זיינע מעמואַרן, און „דערום, שרייבט נ. ק. לעבעדיעוו, וועלן מיר זיך דערלויבן צו ציטירן פון פּ. א. קראָפּאָטקינס אַ בריוו צו זיינעם אַ גוטן פריינט, פּאָול ראָבען אין לאָנדאָן פון 1טן יאַנואַר, 1879. דאָרט שרייבט פּ. ק.:

„...חוץ די אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס מיר האָט געבראַכט דאָס פאַרמאַכן דעם זשורנאַל „אַוואַנגאַרד", איז נאָך געווען אַ ריין פּערזענלעכע סיבה, מחמת וועלכער איך האָב דיר אַזוי לאַנג שוין נישט געשריבן. איך האָב זיך באַגעגנט, אין זשענעווע, מיט איינער אַ רוסישער פרוי, אַ יונגער, אַ שטי־לער, אַ גוטער, מיט איינעם פון יענע וואונדערלעכע כאַראַקטערן, וואָס נאָך אַ האַרבער יוגנט ווערן זיי נאָך אדרבא מילדער, בעסער. זי האָט מיך זייער ליב געקראָגן, און איך זי אויך. זי לערנט זיך איצט אין בערן, און איז אהער גע־קומען צו פאַרברענגען מיט מיר די וואַקאַציעס..."

ק. לעבעדעוו שרייבט, אַז פרוי ס. ג. קראָפּאָטקין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856 אין קיעוו, אָבער איר יוגנט, ביז 17 יאָר, האָט זי פאַרבראַכט אין טאָמסק, וואוהין איר פאָטער, אַנאַניעוו-ראַבינאָוויטש איז פאַרשיקט געוואָרן. דערפון איז צו זען, אַז זי, קראָפּאָטקינס פרוי, האָט געשטאַמט פון אידן און איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער, מסתם איז ר א ב י נ אָ ו י ט ש געווען זיין אמתער נאָמען, אָבער אין דער באַוועגונג איז זיין נאָמען מסתם געווען „אַנאַניעוו".

אגב, גיט דאָרט איבער נ. לעבעדיעוו נאָך אַ פּאָר אינטערעסאַנטע נייע פּרטים פון פּ. קראָפּאָטקינס לעבנס-געשיכטע. אין שאָ־דע־פאָ, יורא, ד. ה. פראַנצויזישע שווייצאַריע (אָט די שטאָט איז שטענדיק געווען אַ גרויסער צענטער פון דער שווייצאַרישער זייגער־מאַכעריי), האָט פּ. ק. זיך באַזעצט אין אָנהויב פעברואַר 1877. ער האָט פון דאָרט, צווישן אַנד. געשריבן (אין זיינעם אַ בריוו צו פּ. ראָבען):

„...אָט האָב איך, ענדלעך, זיך באַזעצט אין שאָ־דע־פאָ, אויף אַ חודש אָדער צוויי".

אויך ווייזט אונדז דאָ נ. ק. לעבעדעוו, אַז פּ. קראָפּאָטקין, זיך נויטיקנדיק אין געלט, ווי שטענדיק, האָט באַשלאָסן זיך אויסצולערנען אַ מלאכה — זייגערמאַ־כעריי. אין אַ בריוו צו פּאָול ראָבען, פון 10טן מערץ, 1877, שרייבט פּ. קראָפּאָטקין:

„...איך געפין זיך נאָך אַלץ אין שאָ־דע־פאָ... איך בין נישט קיין לערן־אינגל און נישט קיין מייסטער... פון מיין פּלאַן לאַכט מען זיך דאָ אויס (זיי־גערמאַכעריי קען מען זיך נישט אויסלערנען אין 2-3 חדשים צייט... איך אַרבעט אַ סך, און חוץ דעם דאַרף מען נאָך געפינען צייט צו שרייבן אַרטיק־לען פאַר אונדזערע אויסגאַבעס."

ווי שוין אויבן באַמערקט, איז אין זעלביקן יאָר, 1877, פּ. ק. געווען אין בעל־גיע און אין פּאַריז, און קורץ נאָך דעם, זיך אומקערנדיק אין זשענעווע, שווייצאַ־ריע, האָט ער זיך באַקענט און צענויפגעגאַנגען מיט זיין לעבנס-באַגלייטערן אין לויף פון 43 יאָר צייט — סאָפיע גריגאָריעוונאַ, וואָס לעבט נאָך אין זכרון פון די אַלע וועלכע געדענקען איר, דערהויפּט, פון דעם לעבן פון די קראָפּאָטקינס אין ענגלאַנד.

## אבא גאָרדין

# פּיאָטר קראָפּאָטקין

### א.

דער נאָמען קראָפּאָטקין איז אַ צויבער־וואָרט. עס אַנטהאַלט אין זיך אַ פּראָגראַם פון עקסטרעמען ראַדיקאַליזם. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר פון דעם כּישוף, וואָס דער שם אַנטהאַלט, נייערט די פּערזענלעכקייט וואָס שטייט פאַרן און הינטערן שם. פאַראַן גרויסע טעאָרעטיקער, ווי גרויסע מוזיקער, גרויסע קינסטלער, וואָס זיינען צום גרויסן באַדויערן, קליינע מענטשן, אַמאָל גאָר קיין מענטשן נישט. פּיאָטר קראָפּאָטקין דער מענטש איז גרעסער פון פּיאָטר קראָפּאָטקין דעם געלערנטן. דאָס איז די הויפּט־זאַך. מיר האָבן פאַר זיך אַ ריזיקע עטישע פּערזענלעכקייט. און עטיק האָט אין זיך אַ באַזונדער כּוח וואָס איז „ניט פון דער וועלט". עטיק, עטישער אויפפיר, צידקות אַפּעלירט מער צו מענטשן, צו אַלע מענטשן, צו די פּשוטסטע מענטשן — און ס'רוב מענטשן זיינען דאָך פּשוטע מענטשן — ווי געלערנזאַמקייט. אויף לומדות, אויף געלערנזאַמקייט דאַרף מען זיין אַ מבין, אַ קענער אום צו זיין אימשטאַנד עס אָפּצושאַצן. עטישן אויפפיר, לערע דורך טאַט, דורך מעשה, — דורך פּערזענלעכן ביישפּיל, פאַרשטייען אַלע נאָרמאַלע מענטשן, באַנעמען אַלע, באַוואונדערן אַלע. און אין קראָפּאָטקינס עטישער פּערזענלעכקייט ליגט זיין גבורה. מיט דעם האָט ער באַצוואונגען מוחות און הערצער פון אָנהענגערס און קעגנערס צוגלייך.

ער איז געווען אין זיין אויסגעהאַלטענעם רעוואָלוציאָנערן אויפפיר אַ ריטער אָן פעלער און אָן פּחד.

ווען מע וויל געפינען עפּעס ענלעכס צו אים דאַרף מען אוועק צו אַמאָליקע צייטן, אין אינדיע, טאַקע צו בודהאַן. צו דעם גרויסן סאַקיאַ מוני, צו דעם פּרינץ וואָס איז געוואָרן אַ בעטלער און האָט אָפּגעריכט גלות.

פּ. קראָפּאָטקין איז אַ פּרינץ אַ מורד במלכות, און מער ווי דאָס. ער האָט געלערנט אַז מע דאַרף בכלל קיין מלכות נישט. און וואָס פאַר אַ פּרינץ! נישט אַ

ניי-אויפגעקומענער, פון די „פּאַרוועניום", די ראָמאַנאָווס, נאָר טאַקע פון די רור־ריקס, די ערשטע דינאַסטיע פון הערשערס אין רוסלאַנד.

און וואו האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט? אין קייזערלעכן הויף. און פון דאָרטן איז ער אַרויס אַ קעגנער פון מאַכט, פון רעגירונג. פון די מ"ט שערי טומאה איז אַרויס אָט דער צדיק, אָט דער אַנאַרכיסט, דער קעמפער פאַר פריי־הייט.

## ב.

זיין לערע איז אָנגענומען צו רופן אַנאַרכיזם-קאָמוניזם. און אַזוי האָט ער זי אַליין גערופן. אָבער באמת וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו באַצייכענען זיין שיטה אין עקאָנאָמיק אַלס „אַבונדאַנטיזם". ווייל ער האָט געלערנט, איך האָב שיער נישט געזאָגט, ער האָט נביאות געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע מאַטעריעלע גיטער וועלן זיך געפינען אין אַזאַ שפע, אַז מע וועט מער נישט ציילן, מעסטן און וועגן וויפל איינעם קומט פאַר זיינע באַמיאונגען אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט, נאָר מע וועט לאָזן יעדן נעמען וויפל זיין הארץ גלוסט, וויפל ער וויל אַליין.

קראָפּאָטקין אַרגומענטירט בערך אַזוי: ערשטנס קען מען גאָרנישט גענוי אויסרעכענען יושרדיק וויפל איינעם קומט באמת אום אויף זיין חלק לויט דער מאָס פון די רעזולטאַטן וואָס ער באַקומט פון זיין אַרבעט. ווייל מיר אַלע זיינען שולדיק אַ גרויסן חוב צו דעם מענטשלעכן זשעני פון דערפינדונג. צווייטנס, וועט מען נישט דאַרפן זיין אַזוי קליינלעך. מען וועט אין דער צוקונפט מעגן זיין ברייטהאַרציק, ווייל עס וועט זיין גענוג, איבערגענוג פאַר אַלעמען. ער ברענגט ביישפּילן פון די גרויסע ביבליאָטעקן, די גייסטיקע רעסטאָראַנען, און די איינ־פאַכע רעסטאָראַנען. יעדער איינער וואָס קומט אַריין אין ביבליאָטעק און בעט ביכער צום לייענען קריגט זיי, און מען איז נישט בודק זיינע ציצית, צי ער איז אַ געלערנטער, צי בלויז אַן איינפאַכער לייענער. אַלע זיינען גלייך. דאָס אייגענע בנוגע ברויט אין די רעסטאָראַנען: עס ליגט אויפן טיש, יעדערער נעמט וויפל ער וויל, לויט זיין אַפּעטיט, דאָס אייגענע וועט זיין, קען זיין, וואָס אַנבאַלאַנגט אַלע מאַטעריעלע גיטער.

דער אמת איז, אַז די טעכנאָקראַטן האָבן באַשטעטיקט מיט סטאַטיסטיק, מיט ציפערן און טאַבעלן, וואָס נאָרן נישט, אָט דעם פּראָפעטישן טעזיס פון פּיאָטר קראָפּאָטקין.

אין קראָפּאָטקינען האָט גערעדט די „רוסישע נאַטור", די רוסישע רחבות. אָט דער פּאַרציייטיקער שפּרוך, מיט וועלכן די רוסן האָבן זיך געווענדט טאַקע צו די רוריקס ווען זיי האָבן זיי איינגעלאַדן צו זיך אין לאַנד:

„אונדזער לאַנד איז גרויס און האָט שפע, וואָס עס פעלט איז אָרדענונג".

קראָפּאָטקין האָט אויך אַזוי געהאַלטן: די ווירטשאַפט אַדאַנק דעם מענטשלעכן דערפינדערישן זשעני קען געבן וואוילזיין פאַר אַלעמען, וואָס עס פעלט איז אָר־דענונג, אַן איינשטעל, געבויט אויף יושר און פרייהייט.

## ג.

פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט געשיינט אין הימל פון ראַדיקאַליזם ווי אַ ליכטיקע זון, נאָר עפּעס ווי אַ שוואַרצער בלייענער וואָלקן האָט אים פאַרטונקלט אין די יאָרן פון 1914־1919 בשעת דעם ערשטן וועלט-קריג. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דייטשלאַנד. ער האָט גערופן זיינע תלמידים, יונג און מיטליעריק, זיך אַנצו־שליסן אַן דער אַרמיי און גיין אין קריג. אין מלחמת-מצווה, קעגן דעם דייטשישן באַרבאַר, קעגן די הונען, וואָס ווילן פאַרשקלאַפן אייראָפּע.

מיר, די יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געווען דעפיטיסטן, ד"ה דער־וואַרט אַ מפּלה פאַרן צאַרישן רוסלאַנד, זיינען געווען שאָקירט פון קראָפּאָטקינס אויפפיר. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קען אַט דער הויכער גייסט פאַלן אַזוי נידעריק. און מיט ווייטיק און גרויס עגמת נפש האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון אים, פון צו פאָלגן אים. און פאַר אַ קורצער צייט איז ער אַריין אין אַ „ליקוי־חמה".

אָבער אַט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ערשט באַוויזן אַז קראָפּאָטקין איז געווען גערעכט. ער האָט בעסער געוואוסט און באַנומען דעם סאַטאַניסטישן כוח וואָס איז געלעגן אין דייטשישן מיליטאַריזם, אין דייטשישן יונקעריזם. ער האָט געפילט פּראָפעטיש־אינטיאַטיוו, וואָס אַט די „בלאָנדע חיות" גייען טאָן צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, צו דער אייראָפּעאישער קולטור.

עס איז מערקווירדיק, אַז דער רוסישער אַנאַרכיסטישער „טריאָ", די שלושה אבות פון רוסישן אַנאַרכיזם, האָבן פיינט געהאַט שנאת-מות דעם פּרייסישן יונקערטום.

באַקונין האָט אָנגעשריבן אַ ווערק מיטן נאָמען „דער קנוטאָ־גערמאַנישער שטאַט". טאָלסטאָי אין זיינע עסייען וועגן דערציאונג באַקעמפט די דייטשישע סיסטעם פון „רואיקייט און אָרדענונג" און שטימט איין מיט באַקונינען, אַז דער רוסישער מיליטאַריזם איז בלויז אַ פּועל־יוצא פון דייטשישן מיליטאַריזם, אַז דער יונקער פאַרסמט די רוסישע נשמה און וויל פאַרסאַמען גאַנץ אייראָפּע. קראָפּאָטקין האָט געטיילט די אייגענע מיינונג — און די צווייטע וועלט-מלחמה האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט.

און ווען אַט דער „חטא" פאַלט אַראָפּ, בלייבט קראָפּאָטקינס פּערזענלעכ־קייט אין דעם קלענסטן שפּרינקל.

פּיאָטר קראָפּאָטקין — אַן עטישע זון אָן פלעקן.

3טן פעברואַר 1946. ניו־יאָרק.

נ. קריטסקאיא

# דערינערונגען וועגן פּיאָטר קראָפּאָטקינען

מיר איז דעם ערשטן מאָל אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט פּיאָטר קראָפּאָטקין אין פּאַריז, אין פראַנקרייך, — אין דעם לאַנד, וואָס איז געווען אזוי נאָענט צו זיין הארצן ווי רוסלאַנד.

דאָס איז געווען אין 1906, באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. פאַר א קורצער ווײַלע האָבן ביי אונדז א שיין געטאָן די שטראַלן פון פרייהייט און — זיינען פאַרלאָשן געוואָרן. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען פון אַלע פּראָגרעסיטענע עלעמענטן. צענדליקער טויזנטער רוסישע רעוואָלוציאָנערן זיינען געצוואונגען געווען אוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט פירן א געמאַטערט, עמיגראַנטיש לעבן.

אין פּאַריז, אין 1906, איז דער לאַטיינישער קוואַרטאַל געווען איבערגעפולט מיט רוסישע עמיגראַנטן און שטודירנדער יוגנט. צווישן דער רוסישער לינקזייטיקער קאָלאָניע האָבן זיך געפירט לאַנגע, אומענדלעכע דיסקוסיעס וועגן די סיבות פון דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, וועגן קלאַסן־קאַמף, וועגן דער ראָל פון פּראָלעטאַריאַט א.א.וו. די פירער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן געזוכט צו באַווייזן די אמתדיקייט פון זייערע טעאָריעס און די ריכטיקייט פון זייערע פּראָגראַמען. די רוסישע עמיגראַציע האָט געלעבט אין אן אָפּגעזונדערט וועלטל מיט אירע אייגענע אינטערעסן.

און דערווייל, איז אין יענער צייט אין פראַנקרייך, און דערהויפּט אין פּאַריז, געוואַקסן און האָט זיך פאַרשטאַרקט די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג. צווישן די פראַנצויזישע ארבעטער האָבן זיך אויסגעארבעט נייע מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג און עס האָבן זיך געשאַפן נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע א סך האָבן געזען די קערנער פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

קומענדיק איינמאָל אין „דער אַלגעמיינער ארבעטער קאָנפעדעראַציע”, האָב



פּ. א. קראָפּאָטקין ביי זיין ארבעטס־טיש.

איך זיך דערוואוסט, אז קיין פּאַריז, נאָך אַ 20 יאָריקער אויסוויייזונג פון פראַנק־רייך, קומט צופאָרן פּיאָטר קראָפּאָטקין.

די דאָזיקע נאַכריכט האָט מיך פאַראינטערעסירט: עס איז פאָרגעשטאַנען די מעגלעכקייט מיט די אייגענע אויגן צו זען די כמעט לעגענדאַרע פיגור פון דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנער און אַנאַרכיסט, דעם מיטגליד פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, דעם מענטשן, וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט באַטראַכט פאַר איינעם פון אירע געפערלעכסטע שונאים און וועמענס אַנוועזנהייט איז אַנערקענט געוואָרן פאַר אַ געפאַר אפילו אין דער רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך.

צוערשט האָט מיך איבעראַשט וואָס קראָפּאָטקין, קומענדיק אין פאַריז, טרעט אַרויס פאַר די פראַנצויזישע אַרבעטער. נאָר שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קראָפּאָטקין איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער נישט נאָר אַ רוסישער, נאָר אויך אַ אינטערנאַציאָנאַלער, און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס אין די לאַטייניש לענדער, האָט ער געהאַט מער פריינד און אידעען־חברים, ווי צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

אין טאָג פון דער פאַרזאַמלונג, אין גאַס, פאַר דער געביידע, וואו די פאַרזאַמלונג האָט באַדאַרפט געהאַלטן ווערן, האָט כמעט פון סאַמע באַגינען געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע אויפלעבונג; עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל פּאָליציסטן און צום אָוונט האָבן זיך באַוויזן גאַנצע מחנות רייטנדיקע און געהיים אַגענטן... אויף די טראָטואַרן האָבן זיך געצויגן ליניעס מיט פראַנצויזישע אַרבעטער, שפּאַניער, איטאַליענער, רוסן... אינגיכן איז דער זאַל געווען איבערפילט. עס איז געוואָרן ענג, שטיקנדיק און טונקל פון טאַבאַק רויך.

אין דער מאַסע און אויף דער בינע האָבן זיך געזען די פיגורן פון פיל אָנגעזעענע טוער פון דער פראַנצויזישער אַרבעטער באַוועגונג. אָט שטייט דער הויכער און דאַרער דזשעמס גיליאַם, אַ מיטגליד פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, קראָפּאָטקינס נאָענטער פריינט און הויפּט טוער פון דער יורא פעדעראַציע; אָט שטייט עמיל פּוזשע, דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער שטימע", דער הויפּט־אָרגאַן פון די סינדיקאַליסטן; גריפועל, דער סעקרעטאַר פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע; אָט איז קראָפּאָטקינס איבערגעגעבענער תלמיד, זשאַן גראַוו, א.א.וו. א.א.וו.

די צייט ציט זיך אומענדלעך לאַנג. נאָר אָט האָט זיך דער גאַנצער זאַל אויפגעטרייסלט און עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן און געשרייען „וויווע, קראָפּאָטקין!" נאָכדעם ווי די אויפרעגונג איז שטילער געוואָרן און קראָפּאָטקין האָט זיך דערקליבן צו דער בינע, האָט דער פאָרזיצנדער, נאָך עטלעכע קורצע, היימ־דורכגעפילטע באַגריסונגס־ווערטער, איבערגעגעבן דאָס וואָרט קראָפּאָטקינען.

„טייערע חברים און פריינט, — האָט זיך דערהערט פון דער בינע אַ מילדע, שטילע, אָבער אין דער זעלבער צייט קלאָרע שטימע. — איך בין גליקלעך וואָס איך בין ווידער מיט אייך... עס איז אַוועק כמעט אַ האַלבער יאָר־הונדערט,

זינט איך מיט מיינע עטלעכע קאמעראדן זיינען ארויסגעטראָטן אין אייער לאַנד אין קאמף פאר א בעסערער אָרדענונג, ווען עס וועט אויף שטענדיק פארשווינדן די עקספלואטאציע פון איין מענטשן דורך א צווייטן און פון דער הערשאַפט פון איין מענטשן איבערן אנדערן... מיר זיינען דאן געווען זייער ווייניק, דער קאמף איז געווען זייער נישט קיין גלייכער, אָבער מיר זיינען פעסט געגאנגען צו אונדזער ציל"...

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען פיאָטר קראָפּאָטקינען. זיך אָנהאַלטנדיק אין ווענטל פון שטול, האָט ער זיך איינגאנצן אָנגעבויגן פאָראויס; זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט דורך די גלעזער; די באַזילבערטע באָרד האָט זיך צובלאָזן ווי א ברייטער ווייער... די רעדע האָט זיך שטיל און פליסיק געגאָסן, פארכאַפנדיק מיט איר ערנסטקייט און אויפגעלעבטקייט. עס זיינען נישטאָ קיין אָראַטאָרישע מאַנירן, קיין שיינע זשעסטן, אָנגעבלאָזענע ווערטער, עס פילט זיך נאָר אן אומבאַגרענעצטע ליבע צו דער מענטשהייט, אן אויפריכטיקער גלויבן אין די פאָלקסמאסן און אין זייער אויפבויענדער שאפונגס-קראַפט.

פון דער גאנצער רעדע האָבן זיך מיר באַזונדערס איינגעשניטן אין געדאנק די פאָלגנדיקע זאצן:

„שוין אין דעם ערשטן אינטערנאציאָנאַל האָט זיך געמערקט און אויסגעארבעט א נייע וועלט פון סאָציאַלע פארהעלטענישן און נייע מעטאָדן פון דענקען... מיר האָבן אויך דאן פארשטאַנען די גאנצע טיפקייט און מאָראַלע קראַפט פון דער באוועגונג... דער דורכפאַל פון דער פאריזער קאָמונע האָט אָפּגעשטעלט די אנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער באוועגונג, אָבער נישט דערהרגעט זי אין וואָרצל, און איצט ווערט די דאָזיקע באוועגונג א געפערלעכע קראַפט... אָבער אין דער וועלט הערשט נאָך אַלץ די עקספּלאָטאציע און די אומגלייכהייט, און די אויפגאבע פון אלע באוואוסטזיניקע מענטשן באשטייט אין דעם, צו פארענדיקן מיט דער וועלט פון גוואלד און אונטערדריקונג".

„צי מיר ווילן יאָ, צי נישט — האָט קראָפּאָטקין פאָרגעזעצט — נאָר איירָאָפּע גייט מיט פארשנעלערטע טריט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז נאָענט. זי פארכאַפּט אַלץ נייע און נייע לענדער און פארשפרייט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער צום מזרח. עס איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאר דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, זי וועט אומפארמיידלעך אויפשפרינגען צוריק אין עטלעכע יאָר ארום און וועט מאכן א סוף צו דער רעכטלאָזיקייט פון דעם רוסישן פאָלק... פון די ארבעטער אין אלע לענדער און פון אייך הענגט אָפּ — צי די קומענדע רעוואָלוציע וועט זיין א ווייטערער עטאַפּ אויפן וועג צו פרייהייט, אָדער די מענטשהייט וועט ווידערהאָלן דעם אייביקן טעות, אוועקשטעלנדיק איבער זיך נייע הערשער, און דאָס לעבן וועט זיך ווידער פארסירען אין דער אַלטער ריכטונג".

„דורכצופירן א סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף דעם וועג פון דיקטאטור און מאכט איז אוממעגלעך, עס איז נויטיק די ברייטע מיטארבעטערשאַפט פון די

ארבעטער און פויערים, כדי אויסצוארבעטן פרייע פארמען פון א נייעם ווירט־שאפטלעכן לעבן".

קראָפּאָטקין האָט היים גערופן „אָפּצוגעבן אלע כוחות, די גאנצע ענערגיע דעם אומאייגננוציקן דינען די פאָלקס־מאסן און דער זאך פון סאָציאלער גע־רעכטיקייט"... ער האָט אין קלאָרע פארבן געמאָלן בילדער פון דער צוקונפטיקער אָרדענונג, ווען סאָלידאריטעט און קעגנזייטיקע הילף — די גרויסע טרייב-קראפט פון פּראָגרעס — וועלן פארבייטן די געצוואונגענע גרונדלאגן, וועלכע הערשן אין דער איצטיקער געזעלשאפט, און נאָר דאן וועלן מענטשן און פעלקער פון גאנצן ערד־קוגל זיך קאָנען פאראייניקן אין איין גרויסער פאמיליע פון גלייכע און פרייע...

א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן האָט עטלעכע מאָל אונטערגעבראָכן די רע־דע. נאָר אָט האָט ער געענדיקט. הונדערטער הענט האָבן זיך אויסגעצויגן כדי צו דריקן אים די האנט... זיך פריינטלעך געזעגנדיק, עטוואָס פארשעמט און אויפ־גערעגט האָט ער זיך דורכגעשטופּט צום ארויסגאנג, פריינטלעך דריקנדיק די צו אים אויסגעצויגענע הענט.

ענדלעך איז ער לעבן מיר, איך זע אים עטלעכע טריט פון זיך... קלאָרע, קלאָרע אויגן לויפן ליבלעך איבער פון איין מענטשן צום אנדערן.

אין עטלעכע טעג ארום איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען זיך מיט קראָ־פּאָטקינען ביי איינער פון די רוסישע עמיגראנטקעס און באקענען זיך מיט אים פערזענלעך. די נענטערע באקאנטשאפט מיט אים האָט נאָך שטארקער פארפעס־טיקט מיין ערשטן איינדרוק, און איך האָב נישט ווילנדיק באוואונדערט זיין אלעם ארומנעמנדיקן קלאָרן שכל, זיין ערודיציע, זיין גרויסע געדולטזאמקייט, זיין אומבאגרענעצטן גלויבן אין דעם מענטשן און זיין טיפע ליבע צו אלע אונ־טערדריקטע און עקספּלאָאטירטע.

הערדי קעללי

# בלעטלעך זכרונות

אין פרילינג 1895 איז יודזשין וו. דעבס געזעסן אין טורמע פאר זיין אנטיילנעמען אין דעם גרויסן אייזנבאַן שטרייק, וואָס איז געווען מיט א יאָר פריער. איך בין דאַן געווען אין ענגלאנד און געהאלטן ביים צוריקקערן זיך קיין אמעריקע, ווען מיין פריינד דזשאָן טוירנער, וואָס איז שפּעטער ארויסגעשיקט געוואָרן פון די פאראייניקטע שטאַטן ווייל ער „גלויבט נישט אין אָרגאַניזירטן שטאַט". האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אז מיר זאָלן קריגן א סעריע פון קראָפּאָטקינס בראָשורן, איינבינדן זיי אין א בוך, באַקומען צום בוך קראָפּאָטקינס אויטאָגראַף און דאָס צושיקן דעבסען. איך האָב דאַן נישט געקאָנט קראָפּאָטקינען און נישט זיין פרוי, טוירנער האָט מיר אָבער פארזיכערט, אז דאָס מאַכט נישט אויס. איך דאַרף בלויז, זאָגן וואָס איך וויל, און דערמאָנען זיין נאָמען און אלץ וועט זיין גוט. עס ווייזט אויס, אז מיין אויסזען איז געווען שולדיק אין דעם, וואָס די פרוי קראָפּאָטקין האָט מיר אָנגענומען פאר אן אמעריקאנער רעפּאָרטער און גלייך געוואָלט פארמאכן פאר מיר די טיר. קראָפּאָטקין, וועלכער איז געווען אין דערבייאיקן צימער, האָט דערהערט דעם טומל, און איז ער גלייך אַרויסגעקומען, און דערהערנדיק וועגן וואָס עס האנדלט זיך, האָט ער דערקלערט זיין פרוי אז ס'מאַכט נישט, זי מעג מיך אריינלאָזן. ער האָט מיך אָנגענומען פארן האנט און אריינגעפירט צו זיך אין צימער. מיין וויזיט איז געווען א גאַנץ אנגענעמער, און אין דער צייט וואָס ער האָט אונטערגעשריבן דעם בוך, און אָנגעשריבן באַגריסונגסווערטער צו דעבסען, האָט ער מיר דערקלערט, אז אייגנטלעך דאַרף א י ך דעם בוך אונטערשרייבן, ווייל דאָס איז דאָך מיין מתנה. איך האָב אים דערקלערט, אז די אונטערשריפט פון א מענטש פון וועלכן קיינער וויים נישט האָט קיין ווערט נישט אין דער צייט וואָס זיין אונטערשריפט איז פון גרויס באַדייטונג.

ווען איך בין געקומען קיין ענגלאנד א צווייטן מאָל אין 1898, און אָפּגעוואוינט דאָרטן זיבן יאָר, בין איך מיט קראָפּאָטקינען געוואָרן שטאַרק באַפריינ-

דעט. דער איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם ערשטן מאָל איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. איך האָב געפילט, אַז אויב דער מענטש איז דער סימבאָל פון דער צוקונפט, וועט די צוקונפט זיין אַ וואונדערבאַרע. דער דאָזיקער נביא איז געווען דער וואָרימסטער פריינט, ווי נביאים דאַרפן זיין. דער לערער, וועלכער האָט אינסטינקטיוו זיך געשטעלט אויפן זעלבן שטאַפּל מיט זיינע תלמידים, און אָפט פלעגט ער זיך ווענדן צו זיינע יונגע תלמידים נאָך אינפאָרמאַציע און עצות, וועגן אַרבעטער פראַגן, אָבער דאָס פלעגט ער טאָן נישט ווי אַ רבי צו אַ תלמיד, נאָר ווי חבר צו חבר.

צוליב זיין פריינטלעכקייט און צוליב דער לייכטקייט, מיט וועלכער מען האָט געקאָנט צו אים צוקומען, האָט זיך קראָפּאָטקין געקאָנט מיט הונדערטער און אפשר טויזנטער מענטשן פעראייניקן. דאָס קליינע הייזל אין בראָמלי, קענט, גלייך נעבן לאָנדאָן, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און טאָכטער פיל יאָרן, אויף דעם זעלבן אופן ווי עס וואוינט דער דורכשניטלעכער אַרבעטער, (פאַר דעם הויז האָט ער געצאָלט דאַכט זיך, דרייצן אָדער פערצן דאָלאַר אַ חדש) איז געווען דער זאַמל־פּלאַץ פאַר מענטשן פון אַלע פעלקער און ראַסן, פון אַלע קלאַסן און באַשעפטיקונגען. דאָרט האָט מען געקאָנט באַגעגענען באַרימטע וויסנשאַפטס-מענטשן, ווי די רעקליו-ברידער, מענטשן וואָס זיינען געווען באַרימט אין דער ליטעראַרישער וועלט, אַזוינע מענטשן ווי גוסטאַוו לאַנדויער, טשערקעזאָוו און אַנדערע. אפילו קאַרנעגי האָט געשיקט צו אים זיין רוסישן פאָרטרעטער צו דערקלערן, אַז ער איז נישט שולדיק אין דעם האָמסטער־שטרייק — נאָר פריק.

צוליב זיין ליבלעכקייט און גוטסקייט האָט מען אים אַלע מאָל געהאַלטן פאַר אַן אומפּראַקטישן מענטשן, פאַרגעסנדיק אַז ער האָט אָנגעשריבן דריי מאָנומענטאַלע ווערק וואָס זיינען דער באַזיס פאַר זיין גלויבן אין דער מענטשהייט. דאָס ערשטע — אַ קליינע בראָשור „אַנאַרכיזם, זיין פילאָזאָפיע און אידעאַל", ווייזט אָן אויף דער טענדענץ פון דער וויסנשאַפט צו שטודירן אַלץ פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם יחיד, און מיט ביישפּילן פון דער אַסטראָנאָמיע, פּסיכאָלאָגיע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, שאַפט ער אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פאַר די אַנאַרכיסטישע פּרינציפּן.

די „קעגנזייטיקע הילף אַלס אַ פאַקטאָר פון עוואָלוציע" איז דאָס ווערק פון אַ וויסנשאַפטס מאַן און נישט בלויז פון אַ לאָגיקער און קאָמוניסט. אויב דער מענטש וועט באמת ווען עס איז לעבן אין פרייע גרופּן, מוזן דאָך זיין ערגעץ סמנים, אַז עס איז דאָ אַן אַנדער גענעץ אויסער דעם געזעץ פון קאַמף, אויב נישט וואָלטן אַלע באַמיאונגען פון די רעפאָרמאַטאָרס און רעוואָלוציאָנערן געווען אַרויסגעוואָרפן.

דאָס דריטע ווערק איז: „פעלדער, פאַבריקן און ווערקשטאַטן". די קעגנער פון אַנאַרכיזם זיינען באַרעכטיקט צו פרעגן אונדז: „אָנגענומען אַז אינדיווידועלע פרייהייט און ברידערלעכקייט זיינען אַ גוטע זאַך, איז אָבער די פראַגע, צו איז

דער איבערפלוס פון פראָדוקטן, איבער די וואָס ווערן פארברויכט, גרויס גענוג צו אויפהאַלטן די גאנצע מענטשלעכע געזעלשאפט נישט אַנטרייבנדיק קיינעם מיט א בייטש, און אַן דער פאַרוואַלטונג פון א הערשנדיקן קלאס?" אלס ענטפער דאַרויף, און גלייכצייטיק אויך אויף דער מורא פון די מאַלטוזיאַנער פאר דעם וואוקס פון דער באפעלקערונג, ברענגט קראָפּאָטקין פאַקטן, וואו ער באווייזט, אז די פּראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט איז אין דעם 19טן יאָרהונדערט פאַר־גרעסערט געוואָרן אויף פיר מאָל אזויפיל ווי די באפעלקערונג. אלס היסטאָרי־קער נעמט ער אָן, אז די דערפינדונגען און דעם מענטשנס קאָנטראָל איבער דער נאטור הויבט זיך ערשט אָן אנטוויקלען.

די צייט איז שוין אויף אייביק פאַראיבער ווען איך וואָלט אים געקאָנט פרעגן איין פראגע וועלכע פאַרבלייבט פאר מיר אָן אַן ענטפער. ווי אזוי האָט ער געקאָנט אין 1913־14 ראטן די פראנצויזישע חברים נישט קעגנשטעלן זיך קעגן דער ווידער איינפירונג פון דער דריי יאָריקן מיליטער־דינסט? איך ווייס אז ער האָט זיך געשראָקן פאר דער „דייטשער געפאר" און האָט ליב געהאט פראנקרייך, אָבער דאָס איז דאָך פאָרט געווען להיפוך צו זיין לעבנסלאנגער קעגנערשאפט צו יעדן שטאט. פון דער צווייטער זייט באַווייזט דאָס די „אלמענטשלעכע" זייט פון מענטשן, און ווי אזוי אין דער צייט פון א גרויסן עמאָציאָנעלן קריזיס קאָנען פאקטן באזיגן טעאָריעס.

און איצט, ווען ער איז פון אונדז אויף אייביק אוועקגעגאנגען, כמעט אכציק יאָר אלט, און דאָך פול מיט לעבן, טעטיקייט און ליבע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם באזיס פאר א נייער וועלט, האָב איך געהאט דעם גליק צו באגעגענען זיך מיט א יונגן כינעזישן סטודענט. דער דאָזיקער יונגער מאן האָט שוין פיל אויפגעטאָן צו באקאנט מאכן קראָפּאָטקינס לערע אין כינע. ווען ער האָט דער־הערט אז דער מאן, וואָס האָט געלעבט אין א צווייטער עק־וועלט, און וואָס האָט אים מיט זיינע אידייען באגייסטערט, איז טויט, האָט ער צוזאמענגעבראָכן און זיך צעוויינט.

ווען איך בין מיט 17 יאָר צוריק זיך געקומען געזעגענען מיט פּיאָטר קראָ־פּאָטקין און זיין פרוי איז דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט געווען: „הערי, גיי צוריק אריין אין דער ארבעטער־באוועגונג, ווען דו וועסט צוריקקומען אין אמעריקע, און פּראָפּאגאנדיר דאָרט דעם גענעראל שטרייק". די דאָזיקע עצה האָבן זיי מיר געגעבן אלס טייל פון זייער פילאָזאָפיע, נישט קוקנדיק אויף זייער ליבלעכקייט און גוטסקייט, האָבן זיי אָבער גוט פארשטאַנען אז דורך פּרעדיקן ליבע אליין קאָן מען די סיסטעם פון פּריווילעגיעס נישט אָפּשאפן.

וואָס מער צייט עס וועט אוועקגיין וועט קראָפּאָטקינס בארימטקייט אלס דענקער און הומאניסט אלץ מער וואקסן, און ער וועט אימער דערמאָנט ווערן מיט אכטונג און ליבע פאר זיין חלק אין דער ארבעט, פון שאפן א ניי לעבן. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אז נאָך זעכציק יאָר ארבעט פאר דער מענטשהייט

איז אונדזער פריינד און חבר אוועק פון אונדז אהין פון וואנען קיינער קומט נישט צוריק.

א גרוס דיר אין דער אייביקייט, אלטער פריינט און חבר. עס איז א גרויסע פריווילעגיע צו קענען רופן דיך פריינט און א כבוד צו רופן דיך חבר. דריי מאל גריסן מיר דיר, ווייל אין דיר איז געווען פארקערפערט דאס וואס מיר רופן א מענטש.

## פּראָפעסאָר ס. א. גרוזנבערג

# „די הייליקע חברותא"

## (געשריבן צו קראָפּאָטקינס 6-טן יאָרצייט)

דער יאָרצייט נאָך דעם באַגרינדער פון דעם אַנאַרכיסטישן, אָדער הער־שאַפטסלאָזן קאָמוניזם, פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקין, מאַכט צוריק לעבע־דיק אינעם זכרון דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון דעם אָנגעזעענעם רעוואָלוציאָנער, קעמפּער און דענקער.

שטאַמענדיק פון די ריוריקס, זאָגט דער יונגער פירשט קראָפּאָטקין זיך אָפּ פון דער גלענצנדער הויף־קאַריערע צוליבן רעוואָלוציאָנערן טאַט, און פאַר־בייט מיט א גרינג הארץ דעם באַגילדעטן מונדיר פון א קאַמער־פּאַזש אויפן אַרעסטאַנטן־כאַלאַט פון א פּאָליטישן געפאַנגענעם אין דער פּעטראָפּאַוולער פעס־טונג. „צוויי לאַקנדיקע וועגן האָבן זיך געעפנט פאַר אים" — זאָגט וויערא ניקאָ־לאַיעוונא פיגנער אין דעם אַרטיקל „דער וועג פון א רעוואָלוציאָנער": — ער האָט געקאָנט מאַכן א קאַריערע ביים קייזערלעכן הויף אָדער, זיך ווידמענדיק דער וויסנשאַפט, ווערן באַרימט אין דער רייע פון די בעסטע רוסישע און אויס־לענדישע געלערנטע. זיין רייזע איבער סיבער נאָכן באַקומען דעם אָפיצירן־ראַנג, האָט אין דעם יונגנמאַן אַנטפּלעקט אַלע מעלות פון אַן אמתן געלערנטן: א שאַר־פע אָבסערוואַציע, די פעאיקייט צו גליקלעכע אינטואיציעס און ברייטער פאַר־אַלגעמיינערונג; זיינע געאָגראַפישע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון דער סיבי־רער אָראָגראַפיע און זיין אַרבעט וועגן דער באַוועגונג פון די אייזבערג (גלע־טשערם) אין פינלאַנד, האָבן אים מיטאַמאָל אַרויסגערוקט אין דער רייע פון די ערשט־קלאַסיקע וויסנשאַפטס־מענער; אָבער פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש איז נישט נעגאַנגען אויף קיין איינעם פון די וועגן, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר אים, און אויסגעקליבן די טעטיקייט פון א רעוואָלוציאָנער".

אויסבייטנדיק די פירשטלעכע חדרים אויף די פינצטערע קאַזעמאַטן פון דער פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, פּרעדיקט דער קונפטיקער מחבר פון „ווערטער

פון א רעוואָלוציאָנער״ אין „מעמואַרן פון א רעוואָלוציאָנער״ אין די פּעטער-בורגער אַרבעטער־קוואַרטאַלן די אידעען און לאָזונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און פון דער פּאַריזער קאָמונע. דאָס וואַכזאַמע אויג פון די זשאַנדאַרמען שפּירט אויס דעם געפערלעכן פּאָליטישן פאַרברעכער, און לאָזט אים פוילן אין טורמע אויפן באַפעל פון דעם צאַר, וועלכער האָט אים געהאַט געטראָגן אויף די הענט. די געוואַגטע פּליטה פון דער טורמע און דאָס געלונגענע אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, עפנט א נייעם פּעריאָד אין דער טעטיקייט, וואָס איז פול מיט קאַמף און דחקות, פון דעם אָנגעזעענעם רעוואָלוציאָנער און טעאָרעטיקער פון דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם. געפונענדיק א מקום מקלט אין פראַנקרייך נעמט דער מחבר פון „ברויט און פרייהייט״, מיט זיין אייגנטימלעכער ענערגיע, אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער שטרייק־באַוועגונג אין אויסלאַנד: דאָ גיט ער אַרויס די רעוואָלוציאָנערע צייטונג „לאַ רעוואָלטע״, ער שרייבט ביכער און פייערדיקע אַרטיקלען און אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיט זשול געדן, רעוואָלוציאָנערע גרופּעס.

די היגריכטונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם ערשטן מערץ פון 1881 און דער פּראָצעס נאָך דעם, רייסן אויף א צייט איבער די קאָכיקע טעטיקייט פון דעם אומדערמידלעכן רעוואָלוציאָנערן קעמפער און זיינען אים גורם נייע רדיפות פון דער צארישער קאַמאַריליע, וועלכע האָט באַשלאָסן צו טויטן דעם פון איר פאַרהאַסטן רעוואָלוציאָנער־בונטאַר.

אָרגאַניזירט אויף דער איניציאַטיווע פון דעם גראַף ס. א. וויטע און אַנדערע צארישע אונטערלעקער האָט די „הייליקע חברותא״, וועלכע האָט געציילט אין אירע רייען גרויס פירשטן און אָנגעזעענע פאַרטרעטער פון דער מיליטערישער און פינאַנציעלער אַריסטאָקראַטיע, פאַרטראַכט צו דערמאָרדן פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקינען און געשיקט אירן אַן אַגענט קיין פראַנקרייך. וואו ס'האָט דאַמאָלט געוואוינט דער מחבר פון „קעגנזייטיקן הילף״. דער באַרימטער רוסישער סאַטיריקער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין און דער אַקאַדעמיקער וו. מ. בעכטיערעוו, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען א יונגער דאָקטאָר, האָבן געגעבן צו וויסן פּיאָטר אַלעקסעיעוויטשן וועגן דעם אַטענטאַט וואָס מען גרייט אויף זיין לעבן. אינטערעסאַנטע דאַטן ברענגט וועגן דעם ענין אין זיינע זכרונות דער אַקאַדעמיקער וו. מ. בעכטיערעוו. אַזיוווי די דאָזיקע דאַטן וואַרפן א שייַן אויף איינעם פון די העלע עפּיזאָדן פון דעם לעבן און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון דעם טעאָרעטיקער פון דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, וועל איך מיר דערלויבן אים צו ברענגען טעקסטועל פון דעם בוך, וואָס איך גרייט צו צום דרוק.

„אין איינעם פון זיינע בריוו צו מיר טיילט זיך מיט מיר דער פּראָפעסאָר בעכטיעריעוו מיט זיינע דעראינערונגען וועגן דער ראָל, וואָס אים איז אויסגעקומען צו שפּילן אינעם גורל פון פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקין. אַזיוווי דאָס, וואָס ער האָט מיר געמאָלדן, האָט אויך א געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, גיב איך עס איבער אינגאַנצן: „דער נאָמען פון פּ. א. קראָפּאָטקינען — זאָגט וולאַדי־

מיר מיכאַילאָוויטש אין זיין בריוו צו מיר — האָט מיך שטענדיק באַצויבערט, ווייל שוין דער פאַקט, וואָס אַ מענטש פון אַ הויכער אַריסטאָקראַטישער משפחה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פּערספּעקטיוון פון אַ גלענצנדער קאַריערע אין דעם אַדעליקן קרייז און איז אַוועק אויף דערנער-וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער און דערצו — פון אַ רעוואָלוציאָנער־אַנאַרכיסט — האָט דערוויזן, לויט מיין שטאַנדפּונקט, אַז ער איז אַ אידעאַישער מענטש אין פולן זין פונעם וואָרט. שפּעטער האָב איך זיך באַקאַנט מ׳ט זיינע ווערק און דערונטער מיט זיין „קעגנזייטיקע הילף”, וואו ער זאָגט אַרויס אַ סך געדאַנקען, וואָס זיינען ענלעך צו די, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט אין מיינע אַרבעטן „וועגן דעם סאָציאַלן אָפּקלייב”, און איך האָב באַקומען נאָך מער אַכטונג צו אים. אַ גליקלעכער צופאַל האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען מיט אים אין דעם פּעריאָד פו אונדזער פעברואַר־רעוואָלוציע. בעת מיין רייזע קיין מאָסקווע האָבן מיר זיך געטראָפן אין דעם זעלבן באַן, וואו ער איז געפאָרן אין אַ צווייטן קופּע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון מיינעם דורך אַ דין וואַגאָן-טירל. איך האָב זיך אינגיכן דערוואוסט, אַז אויף יענער זייט זיצט קראָפּאָטקין מיט עטלעכע באַגלייטער, און ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט. דערוויסנדיק זיך מיין פאַמיליען-נאָמען, האָט קראָפּאָטקין תיכף דערקלערט: „אייך האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין רעטונג, און ערשט איצט קאָן איך אייך אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט”. תחילת בין איך געווען איבעראַשט פון זיין דערקלערונג, נאָר שפּעטער, ווען ער האָט מיר גענוי דערציילט די אַלטע געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי די רוסישע מאַכט האָט זיך געיאָגט נאָך אים אינדערפרעמד — אין פולן זין פונעם וואָרט — ווי נאָך אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, האָב איך מיך אָנגעהויבן דערמאָנען אין מיין צופעליקן אַנטייל אין דער רעטונג פון פּ. אַ. קראָפּאָטקינען. דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע, נאָך דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער II. ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער דאָקטער האָט אַלעקסאַנדער III שאַרף פאַרקירעוועט דעם רעגירונגס-רודער אין דער זייט פון דער רעאַקציע. גלייכצייטיק, ווי ס׳איז באַוואוסט, האָט זיך דאַמאָלסט געשאַפן די „הייליקע חברותא” בראש מיטן גרויספירשט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש („די כאַפּטע פון אַריסטאָקראַטישע גאָרגלשניידער”, ווי דער אומפאַרגעסלעכער שטשעדרין האָט זיך אויסגעדריקט). וועלכע האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: — אום יעדן פּרייז צו דערמאָרדן קראָפּאָטקינען, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דעם ניקאָלייסקן מיליטערישן שפּיטאָל, און האָט דאַמאָלסט געוואוינט אין פראַנקרייך. פאַרשטענדלעך, אַז מ׳האָט דאָס געהאַלטן שטאַרק בסוד, נאָר יעדער סוד ווערט סוף כל סוף באַוואוסט דעם עולם. איך דערמאָן זיך, אַז עמיצער, וואָס איז געקומען צו מיר נאָך אַ מעדיצינישער עצה, האָט מיר איבערגעגעבן די דאָזיקע נייעס. נישט-ווילנדיק, ווי דורך אַ רעפלעקס, איז מיר דורך אַ געדאַנק, אַז מען וואָלט באַדאַרפט פאַרמיידן דעם אַטענטאַט אויף קראָפּאָטקינען אין פראַנקרייך, וואו אונדזער

אַכראַנקע (פּאָליטישע געהיים-פּאָליציי), א דאַנק דער שוין דאמאָלט אָנגעצייכנ־טער מיליטערישער אליאַנס, האָט געאַרבעט פריי, — אפשר נישט ערגער, ווי אין רוסלאַנד. צוזאַמען מיט מיין מיטשמועסער האָבן מיר גענומען זוכן א וועג אויף צו וואָרנען קראָפּאָטקינען וועגן דער סכנה, וואָס לויערט אויף אים. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון אונדזערע באַקאַנטע פאָרט קיין פּאַריז, און מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל אומבאַדינגט מעלדן קראָפּאָטקינען, אַז ער מוז זיך באַהאַלטן, נעמענדיק אין אַכט דעם באַשלוס פון דער „הייליקער חברותאָ".
דאָס ווייטערדיקע גיב איך איבער לויט קראָפּאָטקינס ווערטער גופא: „געוואוינט האָב איך דעמאָלט אין פּאַריז אין א קליינעם דאַך־צימער. פּלוצים קומט צו אונדז א אינגאַנצן אומבאַקאַנטער מענטש און פרעגט זיך אויף מיר. איך בין אַרויס־געגאַנגען צו אים. ער האָט מיר געזאָגט וועד ער איז און דערקלערט, אַז ער איז געקומען צו מיר מיט דער שליחות, מיך צו וואָרענען וועגן דעם באַשלוס פון דער „הייליקער חברותא", און אַז איך מוז אָנגעמען די געהעריקע מיטלען. איך האָב אים געפרעגט, ווער ס'האָט אים געשיקט מיט אזא שליחות? דער אומבאַ־קאַנטער האָט מיר אָנגערופן בעכטיערעוון". דאמאָלט האָט פּ. א. קראָפּאָטקין, לויט זיינע ווערטער, געזאָגט, אַז דער מקור, לויט זיין מיינונג, פאַרדינט צו־טרויען, און זיך געזעגנט מיטן אומבאַקאַנטן נאָך א קורצן שמועס וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד. נאָך דעם דאָזיקן וויזיט האָט פּ. א. קראָפּאָטקין אויף־גיך איינגע־פּאַקט זיינע זאַכן און אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע אין דער שווייץ, דאַכט זיך וואו די אכראַנקע האָט שוין איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט.
לויט נ. לעבעדיעוו זאָגט, האָט פּ. א. קראָפּאָטקין אָפּגעדרוקט אין דער צייַ־טונג „בונטאַר", וואָס ער האָט רעדאַגירט, א מעלדונג וועגן דעם, אַז ער ווייסט וועגן דעם באַשלוס פון דער „הייליקער חברותא", וועלכע גרייט אַן אַטענטאַט אויף זיין לעבן. אין דער דאָזיקער נאָטיץ האָט פּ. א. קראָפּאָטקין געוואָרנט דער צאַרישער רעגירונג, אַז אויב די אַגענטן פון דער „הייליקער חברותא" וועט גע־לונגען צו פאַרווירקלעכן איר פאַרברעכערישן באַשלוס — וועלן די נעמען פון די אָרגאַניזאַטאָרס געמאָלדן ווערן אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע.
מען גלעך, אַז קראָפּאָטקינס וואָרענונג האָט געמאַכט דעם געוואונטשן עפעקט און געשטערט די פירער פון דער „הייליקער חברותא" צו פאַרווירקלעכן זייער פאַרברעכערישן געדאַנק.

(פון „וויעסטניק זנאַניא" פאַרן יאָר 1926).

## וו. טשערטקאָוו

# מיין באַקאַנטשאַפט מיט קראָפּאָטקינען

ווען פּיאָטר קראָפּאָטקינען האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אין די 70ער יאָרן, זייענדיק א גווארדיע־אָפיציר, ווען ער איז אנטלאָפן פון דעם פּעטערבורגער ניקאָלייעווער מיליטערישן שפּיטאָל, וואו מיר איז אויסגעקומען צו דעזשורירן. פּערזענלעך האָב איך זיך מיט אים באקאנט אין 1897 אין ענגלאנד, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט מיך ארויסגעשיקט פון רוסלאנד. באגעגנט האָט ער מיך מיט זיין אייגנארטיקער פריינטלעכקייט און אויפמערקזאמקייט, וואָס איז אזוי גוט באקאנט אלע, ווער ס'האָט אים געקאָנט. און אינגיכן האָב איך דערפילט פון זיין זייט יענע אויפריכטיקע פריינטשאפט, אויף וועלכער דו ווייסט, אז דו קאָנסט, אין א נויטפאל, זיך שטענדיק פארלאָזן. אין דער דאָזיקער באציאונג צו מיר האָט, פארשטענדלעך, געשפּילט א גרויסע ראָל מיין נאָנטקייט צו ל. נ. טאָלסטאָיען, וועמען קראָפּאָטקין האָט טיף געשעצט און מיטגעפילט.

אויך טאָלסטאָי, פון זיין זייט, האָט זיך באצויגן צו קראָפּאָטקינען מיט דער זעלבער אכטונג און לעבעדיקן אינטערעס. אין יוני פון 1897, אין שייכות מיט דעם, וואָס איך האָב אים, טאָלסטאָיען, צוגעשיקט צו לייענען קראָפּאָטקינס א בריוו, האָט ער מיר געשריבן:

„קראָפּאָטקינס בריוו איז מיר שטארק געפעלן. זיינע ארגומענטן פאר באַנוצן געוואלד, זעען מיר אוים צו זיין ניט דער אויסדרוק פון איבערצייגונג, נאָר אלס געטריישאפט צו דער פאָן, אונטער וועלכער ער האָט ערלעך געדינט זיין גאנץ לעבן. ער קאָן ניט ניט זען דאָס, אז דער פראָטעסט קעגן געוואלד, כדי צו זיין שטארק, דארף זיין פעסט־באגרינדעט, אָבער דער פּראָטעסט, וואָס אנערקענט פאר זיך דאָס רעכט פון גוואלד, האָט ניט קיין שום פונדאמענט און פארמשפט דערמיט זיך אליין אויף רעזולטאטלאָזיקייט".

ווען איך האָב געגעבן איבערלייענען פּיאָטר אלעקסייעוויטשן די דאָזיקע ווערטער, האָט ער, הפנים שטארק גערירט פון טאָלסטאָיס מיטפילנדיקער באציאונג, פאר מיר ארויסגעזאָגט, ווי באשטעטיקנדיק די איבערגעלייענטע שורות,

אייניקע געדאנקען, וואָס האָבן זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון מיט זייער אינהאַלט, אויב ניט מיט בוכשטעבלעכער פינקטלעכקייט: „אויף וויפל ס'זיינען מיר אייגן ליעוו ניקאָלייעוויטשעס מיינונגען, קאָן מען אורטיילן פון דעם, וואָס איך האָב אָנגעשריבן גאַנצע ביכער, וואָס דערווייזן, אז דאָס לעבן איז געבויט ניט אויפן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, נאָר אויף קעגנזייטיקער הילף".

אין יאַנואַר פון 1903 האָט ליעוו ניקאָלייעוויטש מיר געשריבן: „אין דער צייט פון קראַנקייט טראַכט זיך גוט.. באַזונדערס האָבן מיך אינטערעסירט אין דער דאָזיקער קראַנקייט (דערצו האָט מיטגעווירקט דאָס לייענען קראָפּאָטקינס אויסגעצייכנטע מעמוארן...) — זיינע זכרונות"... און שפּעטער, אין פעברואַר: „גיט איבער קראָפּאָטקינען מער ווי מיין גרוס. איך האָב ניט לאַנג צוריק גע־לייענט זיינע מעמוארן און זיך שטאַרק דערנענטערט צו אים".

אויפן געביט פון דער מיינונגס־פאַרשידנקייט אין דער פראַגע פון דעם קאַמף קעגן שלעכטס און געוואַלד, זיינען צייטנווייז פאָרגעקומען צווישן מיר און פּיאָטר אלעקסייעוויטשן, און אנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין, הייסע וויכוחים, און דערביי פלעג ער ניט איינמאָל, מיט זיין געוויינלעכער היציקייט פון זיין טעמפּעראַמענט, ווערן שטאַרק אויפגערעגט אויף מיר פאַר מיין עקשנות, נאָר די דאָזיקע מאָמענטאַנע רוגזן האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט א רירנדיקער אי־בערבעטונג, וואָס האָט בולט אויפגעדעקט די גרינטלעכע האַרציקע גוטסקייט פון פּיאָטר אלעקסייעוויטשעס כאַראַקטער.

מיך האָט שטענדיק איבעראַשט זיין עמפּינדלעך מיטגעפיל, זיין פאַראינ־טערעסירטקייט אין אלעמען און זיין גרויסע ערודיציע אויפן געביט פון עקאָ־נאָמישע פּראָבלעמען און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

מיט דער דאָזיקער מערקווירדיקער אלזייטיקייט פון זיינע אינטערעסן און אפילו מיט זיין באַזונדער צויבער אין זיין באַנעמונג, וואָס איז שווער צו באַ־צייכענען, האָט פּיאָטר אלעקסייעוויטש מיר דערמאָנט ליעוו ניקאָלייעוויטשן. און אויב קראָפּאָטקין האָט מיט מיר קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם „גייסטיקן" געביט, אויף וועלכן טאָלסטאָי האָט געבויט זיין לעבנס־אָנשויאונג, האָט זיך דערפאַר, אָן ספק, געפילט, אז טיף אין האַרצן איז פּיאָטר אלעקסייעוויטש בכלל ניט געווען קיין מאַטעריאַליסט, נאָר א אידעאַליסט פון דער ריינסטער מאַרקע.

# קראָפּאָטקינס בריוו צו יאַנאָווסקין

Viola, Bromley, Kent.

פערטער פעברואר 1905.

1.

מיינע טייערע, זאלאטאראוו און יאנאָווסקי!

איר קענט זיך פאָרשטעלן וויפיל פארגעניגן ס'האָט פארשאפט אייער טע־לעגראמע אונדזערע פריינט און מיר. נעכטן אינדערפרי האָבן מיר באקומען דעם טשעק אויף 100 ענגלישע פונט.

יאָ, טייערע פריינט, טוט אלעס, וואָס איר קענט אויף צו אונטערהאלטן די באוועגונג אין רוסלאנד. זי האָט גאנץ געלונגען דורכגעריסן די ענגע גרענעצן פון די פּאָליטישע פארטייען און געוואָרן א פאָלקס־באוועגונג, וועלכע, ווי איך גלויב אויפריכטיק, וועט זיך פארשפרייטן פון די שטעט אויף די דערפער.

די רעוואָלוציע, אָננעמענדיק א פאָלקס־כאראקטער, וועט זיין פעאיק אויפ־צוטאָן א סך מער, ווי בלויז אָפּשוואכן די דעספּאָטישע מלוכה. זי וועט לייגן דעם יסוד פון אַ נייער ערא צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באפרייאונג פון דעם פאָלק. אָבער געדענקט, פריינט, אז אצינד זיינען אַ ל ע פ ע ל ק ע ר שטארק אָפּהענגיק איינער פון דעם צווייטן און אז די סאָציאַלע באוועגונג אין ר ו ס ל א נ ד א ל יי ן וועט ניט געבן די רעזולטאטן, וואָס זי וואָלט געקאָנט געבן, ווען אזעלכע באוועגונגען זאָלן אויך אויפקומען אין אלע ציוויליזירטע לענ־דער. דער בעסטער אופן צו העלפן דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד איז — אָנהויבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אלע ציוויליזירטע לענדער. מיט ברודערלעכן גרוס

פּ. קראָפּאָטקין.

פון זינט דעם 23סטן דעצעמבער ליג איך נאָך אלץ אין בעט מיט בראָנכי־ניומאָניע. ערשט היינט האָט מען מיר צום ערשטן מאָל דערלויבט צו זיצן, נאָר ניט פארלאָזן דאָס צימער. מיין הערצלעכסטן גרוס אלע פריינט.

Viola, Bromley, Kent.
דריטער מערץ 1905.

2.

טייערער יאנאָווסקי:

איך האָב טאקע ניט אוספּייעט צו שיקן א בריוו מיט דער ערשטער פּאָסט. איך אייל זיך צו שרייבן כאָטש אצינד.

**קודם-כל, א הייסן דאנק פאר אייער צוטרויען און פארן צושיקן דאָס דאָזיקע** געלט (100 פונט). מיר, אנארכיסטן, האָבן שוין לאנג זיך באדארפט נעמען צו אונדזער א יי ג ע נ ע ר זאך; נאָר, ווי שטענדיק, ניט-ווילנדיס שטערן דער קאמפּס-אָרגאַניזאציע פון די סאָצ. רעוואָלוציאָנערן, האָבן מיר אויך דאָ, ווי איר דאָרטן, געטראכט: **פארוואָס ניט אויך זיי שטיצן?** ד. ה. איך האָב אזוי נ י ט געטראכט, נאָר מיר האָבן, אזוי צו אנדערס, דורכגעלעבט אזא פּאזע. איצט הויבן מיר אָן א נייע, און מיר איז געוואָרן ליכטיק אויף דער נשמה.

וועגן דעם אָנווענדן דאָס געלט, וואָס איר האָט צוגעשיקט, האָב איך אין דער בריוו צו זאלאטאראוון געהאט אינזינען, אז די בריוו וועט מען איבערלייענען פאר א ל ע און איך בין דערום געווען שטארק איינגעהאלטן אין מיינע אויסדרוקן, און האָב גערעדט אויסשליסלעך וועגן דער אָרגאַניזירונג פון גרופּן אין רוסלאנד.

די זאך איז די, אז די יונגטלעכע מאסע רייסט זיך קיין רוסלאנד, און דאָס גאנצע געלט, וואָס איר האָט צוגעשיקט וועט אוועק אויף הילף די אָפּפאָרנדיקע, — מיט א שטרענגן אָפּקלייב, ווען מען מען דאַרף העלפן... — אויף וויפיל אזא אָפּקלייב איז מעגלעך צווישן די נאָך אומפּראקטישע חברים.

פארשטענדלעך, אז די געוועהר-פּאַרגרייטונג איז אויפן ערשטן פּלאַן. נאָר, ערשטנס, קאָן דאָס בעסער געטאָן ווערן א ו י ף ן אָ ר ט; צווייטנס, וואָס מען זאָל ניט אונטערנעמען אין דער ריכטונג, וועט דאָס צו גאָר ניט פירן (עס זיינען שוין געווען דורכפאלן, און גאנץ ערנסטע) ביז ס'וועלן זיך ניט אָרגאַ-ניזירן אויפן אָרט, אין רוסלאנד גופא, ערנסטע גרופּעס פון מענטשן, וואָס זאָלן פארדינען דעם פולסטן צוטרויען און האָבן דעם צוטרויען פון די אָרטיקע מענטש.

מיט אָט-דער אָרגאַניזאציע פון דער ארבעט דאָרט, אין רוסלאנד, אין די הויפּט-צענטערס, און אויך אין די נעבן-גרענעץ געגנטן, וואָלט איך מער פון אלעם געוואָלט זיך פארנעמען. צוויי אזעלכע מענטשן האָט מען שוין ארויסגע-שיקט, נאָר איינער, ארויספאָרנדיק פון ערטער, וואו מען מאכט נאָך ניט גענוג ערנסט דעם אויסוואַל פון באקאנטע, איז דורכגעפאלן. חוץ דעם, זיינען אויך ארויסגעפאָרן יונגווארג, באזונדערס אין די מערבדיקע פּראָווינצן. אויב אייך, מיין ליבער יאנאָווסקי, זיינען באקאנט אביסל סאָלידערע מענטשן, וועלכע טויגן צו אזא אָרגאַניזאציאָנעלער ארבעט, צווישן די ארבעטער, ווי צווישן דער יוגנט, ווייזט זיי תיכף אָן אויף דער אבסאָלוטער נויטווענדיקייט אין אזא ארבעט. מען

מוז דאַרט האָבן פּ ע ס ט ע  ג ר ו פּ ע ס, אַלאַ ניט וועלן מיר גאַרנישט אויפטאָן. אויף אַ דערהויבענעם טאַט, אויף צו מקריב זיין דאָס יונגע לעבן זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג. ס'זיינען אויך נויטיק די יעניקע, וואָס זאָלן זיין פּעאיק אויף אַן ערנסטער אַרבעט. ביידע כוחות דאַרפן גיין האַנט אין האַנט.

ניט אַלעס האָב איך אַרויסגעשריבן אין מיין לאַנגן בריוו צו זאָלאָטאַראָוון. נאָר איר, זייט אַזוי גוט, קלערט אויף די חברים, ווי די זאַך האַלט. אַ טייל סאָצ. רעוואָלוציאָנערן — זיינען אויסגעצייכנטע מענטשן, נאָר אַזעלכע ווי טשייקאָווסקי פּ אַ ר ל י ר ן  ז י ך  צ ו י ש ן  ד י  ס אָ צ י אַ ל - ד ע מ אָ-ק ר אַ ט ן. אונדזער ליטעראַטור ווילן  ז יי  ב ש ו ם  א ו פ ן  נ י ט  אַ ר י ב ע ר פ י ר ן,  און ס'איז מסתמא ניט ווייט די צייט, ווען טשייקאָווסקי, (וואָס קאָן מיט יעדן דורכקומען) וועט זיך מוזן שיידן מיט זיי. מיר דאַרפן אַליין דורכפירן אונדזער זאַך. אויב זיי האָבן טיילווייז אָנגענומען אונדזערע מעטאָדן און שטאַנדפּונקטן, — איז נאָר  ט יי ל וו יי ז.

Viola, Bromley, Kent.

דער צענטער יוני 1905.

.3

ליבער יאַנאָווסקי:

שוין לאַנג, אַז איך קליב זיך אייך שרייבן, וועגן אַ סך זאַכן, און איצט מוז איך אייך שרייבן געשעפטלעך.

ב'ליייג צו די קאָפּיעס פון צוויי בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון איינעם ל. נאַדעל (פונעם אויסלענדישן בונד), און אַ קאָפּיע פון מיין ענטפער אויף דער צווייטער בריוו. (אויף דער ערשטער בריוו האָב איך געענטפערט פון ברייטאָן, אַז ווי נאָך איך וועל קומען אהיים וועל איך זיך אָנפרעגן, און געבעטן גענויע אָנווייזונגען וועגן וואָסאַרע געלט עס רעדט זיך דאָ).

ווי איר זעט איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש מיט דעם געלט, וואָס איר האָט אונדז געשיקט, און מען דאַרף דערצו מאַכן אַ סוף גלייך אין אָנהויב.

אויב שיקנדיק אונדז דאָס געלט האָבן די חברים־זאַמלער אינזינען געהאַט צו אָפּטיילן אַ חלק דעם בונד, אָדער די סאָצ. רעוואָלוציאָנערן, — שרייבט־זשע אונדז, תיכף, און די סומע, וואָס איר וועט אָנווייזן, וועל איך תיכף אַרויס־שיקן דעם בונד פון דעם געלט, וואָס איך האָב נאָך ניט אויסגעגעבן, אָדער אפילו פון מיין אייגענער קעשענע.

איין זאַך בעט איך אייך, — ס'זאָל ניט בלייבן קיין פּלאַץ פאַר קיין שום ספקות. איך וויל דורכאויס ניט, אַז מען זאָל עפּעס פאַרוואַרפן די אַנאַרכיסטן, און מיר בפרט.

יעדנפאלס, ליבער יאַנאָווסקי, שרייבט מיר תיכּף א בריוו, וואָס איך זאָל קאָנען אריבערשיקן דעם בונד, און אויב איר וועט זאָגן, אז אזויפיל און אזויפיל דאַרף מען איבערשיקן דעם בונד, וועל איך דאָס תיכף טאָן. און — א סוף צו דעם גאנצן ע נ י ן. הײַנט וועל איך שוין מער וועגן ג אָ ר נ י ט קאָנען שרייבן. איך קאָן נאָר זאָגן, אז ס'זיינען פאַראַן גוטע ידיעות פון די חברים אין רוסלאנד. אַלע בעטן ליטעראַטור, און וואָס מער פון אונדזערע אַנאַר־כיסטישע אויסגאבעס. די גענפער*) דרוקן פלייסיק, נאָר זיי בעטן אַלץ מער געלט אויף דער עקספּעדיציע. די וועגן זיינען באַזאָרגט.

כ'נעם אייך פעסט ארום. מיין פרוי שיקט אייך א הערצלעכן גרוס.

פּ. קראָפּאָטקין.

אזויווי דאָס געלט שיקט איר און זאָלאָטאַראָוו, שיק איך אים אויך פּונקט אַזאַ בריוו (די געשעפטלעכע טייל). כ'בעט אייך, לייזט ת י כ ף דעם דאָ־זיקן ענין.

## 4.

Viola, Bromley, Kent.

22טער דעצעמבער 1906.

טייערער חבר:

איך ווייס, אז איר זענט ניט בייז אויף מיר פאר מיין לאנגן שווייגן, נאָר פונדעסטוועגן פיל איך מיר שולדיק פאַרוואָס איך האָב איך אזוי לאנג ניט גע־שריבן און נאָך ניט באַדאנקט פערזענלעך די חברים פון דער „פרייער ארבעטער שטימע" פאר די 110 דאָלאר, וואָס זיי האָבן צוגעשיקט פאר אונדזער „ליסטקי כּליעב אי וואָליא" (וואָס איז דערשינען אין יענע יאָרן אין לאָנדאָן אונטער קראָ־פּאָטקינס רעדאקציע. — י. ס.) א גרויסן דאנק.

פון דעם געלט, וואָס מען האָט מיר געשיקט אין די דאָזיקע צוויי יאָר פון אַמעריקע, איטאַליע א.א.וו., האָב איך זיך ניט דערלויבט צו באַנוצן גאָרנישט פאר אונדזער פּרעסע, חוץ דאָס, וואָס די ניו־יאָרקער חברים האָבן אסיגנירט פאר דעם גענפער „ברויט און פרייהייט", — און דערום האָבן מיר געמוזט אָנהויבן ארויסגעבן די „ליסטקי" ריזיקירנדיק, און אייערע 110 דאָלער, זיינען געקומען פּונקט אין דער ריכטיקער צייט.

נאָכאמאָל א דאנק.

---

*) די גענפער — רוסישע אנארכאָ־קאָמוניסטישע פארלעגער גרופּע אין גענף, וואָס האָט ארויסגעגעבן דעם זשורנאַל „ברויט און פרייהייט" (1903 — 1905) און בראָשורן וועגן אנאר־כיזם. די גרופּע האָט ארויסגעגעבן: קראָפּאָטקינס „די מלוכה, און איר ראָל אין דער געשיכ־טע"; „דער בונטאַרישער גייסט"; זשאַן גראַווס „די צוקונפטיקע געזעלשאַפט"; זש. הערציגס „די פּאַריזער קאָמונע", און ארגעאַניס „לזכרון די שיקאַגער מאַרטירער" און „וועגן דער רעוואָלוציע און דער רעוו. רעגירונג".

מען האָט מיר איבערגעגעבן אייערע באמערקונגען אין שייכות מיט די ערשטע צוויי נומערן פון אונדזער צייטונג. אויך אנדערע זאָגן, אז זי איז געשריבן מיט א ניט־געגנוגנדיקן קעמפערישן טאָן. מיר שיינט, אז דאָס איז אומפארמיידלעך אין א צייטונג, וואָס ווערט ארויסגעגעבן ניט אויפן אָרט גופא, באזונדערס אין דעם פעריאָד, וואָס מיר לעבן איבער.

ווען אלעס ארום איז אין שטילשטאנד, דעמאָלט מוז דאָס וואָרט בריען און וועקן די מענטשן.

אָבער בא אונדז אין רוסלאנד, אין דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער צייט, איז דאָס שוין ניט נויטיק. דאָס וואָרט ווערט במילא תיכף פארוואנדלט אין טאַט. די גרייטקייט זיך צו מקריב זיין איז אומעטום, אין יעדן ווינקעלע, אזא אומגלויבלעכע, אז ניט קוקנדיק אויף די מאסן־שחיטות און דערויף וואָס ס'זיינען פאראן פון צוויי ביז דריי הונדערט טויזנט ארעסטירטע און פארשיקטע, דערגרייכט די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין יעדער מינוט, אפילו פאר דער מינדסטער קליינקייט, אזוי ווייט, וואָס קיינער האָט זיך אפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן. יוער פון אונדז וואָלט געקאָנט זאָגן מיט א יאָר צוריק, אז אפילו די טייכן בלוט וועלן ניט אָפשטעלן די גרייטקייט צו גיין צום טויט!!! און אָט ווען דאָס וואָרט ווערט מאָמענטאל פארוואנדלט אין טאַט, און דער טאַט מיינט כסדר טויט, — קומט די איינגעהאלטנקייט: מען שעמט זיך צו באנוצן הויכקלינגענדיקע פראַזן, זיך צו ווענדן — בפרט פון אויסלאנד, מיט הייסע אויפרופן צו די העלדן, צו די מענטשן, וואָס זיינען שוין דורכגעדרונגען מיט דער העלדישער גרייטקייט צו גיין צום טויט.

ס'קומט, פארקערט, די איינגעהאלטנקייט, דאָס אינערלעכע פייער, וואָס גיסט זיך ניט אויס אין פראַזן, מיט וועלכע דער אלטער אָפיציר, וואָס קאָן אלע סאָלדאטן פון זיין ראָטע, רעדט ניט צו זיינע חברים ערב דער שלאכט, נאָר ער גיט איבער אין צוויי ווערטער דעם תוכן פון דער שלאכט.

איך פארשטיי, אז פאר מענטשן, וואָס זיינען געוואוינט צו די פלאמיקע ווערטער פון מיטינגען — אין דערמיט פון דעם אלגעמיינעם דרימל — ווילט זיך אויך אין דער פרעסע באגעגענען די זעלבע ווערטער. נאָר פאר רוסלאנד שעם איך מיך פשוט זיי צו שרייבן.

און ווייסט איר? — איך האָב באקומען ניט־ווייניק פראָקלאמאציעס פון רוסלאנד, און אצינד, ווען אלע האָבן וואָס צו טאָן און בא יעדנס טיר לויערט דער טויט, — צייכענען זיי זיך אויס מיט א מערקווירדיק־איינגעהאלטענעם טאָן.

און ס'איז גאנץ פארשטענדלעך. דער מאָמענט — איז א פיינלעכער, ס'איז נישט די צייט פון ווערטער, ווי ס'איז נישט די צייט פון ווערטער פאר א שטורעם.

אייניקע זאָגן אויך: „נאָכוואָס אזויפיל וועגן דעם פאָליטישן קאמף?" דערפאר וויל צושטערן דאָס לייב־איינגנטום־רעכט, אין וועלכן די ראָמאנאָווס האלטן

זייער שטאַמגוט, רוסלאַנד — איז אומבאַדינגט נויטיק. ס'האָט זיך אָנגעליטן דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק און אַלע פעלקער פון דער דאָזיקער געמיינער אימפּעריע אונטער דער אייזערנער האַנט פון די דאָזיקע פּריצים. צ ו ש ט ע ר ן דאַרף מען די דאָזיקע מאַכט, די דאָזיקע אימפּעריע, די דאָזיקע טיראַניע. ס'איז נאַריש צו פאָדערן די פאַרניכטונג פון דער „מלוכה" און זי נישט צושטערן, ווען זי מאַניפעסטירט זיך אין איר געמיינסטער פאָרם און אין אירע גסיסה-קרעמפּן: וואַרגט זי, שטיקט, פייניקט און דערמאָרדעט הונדערטער טויזנטער בונטאַרן און מיליאָנען הונגעריקע, און גרייט נאָך נייע רציחות... ס'וואָלטן געמעגט הערן אונדזערע אַרבעטער, וואָס עס זאָגן אין ניצא, אין די רייכע רעסטאָראַנען, די פאַרשידענע גענעראַלן, וואָס זיינען אוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד. די האָר שטעלן זיך קאַפּויר: „צושפּאַרן צום וועגטל 15, 30 טויזנט אַרבעטער און סטודענטן און זיי צעשטויבן מיט קוילנוואַרפערס — אָט ווי טיער האָט געטאָן מיט דער קאָמונע"*) דאָס ריידן צווישן זיך ביים מיטאָג די דאָזיקע אויסוואָרפן. אָט־וואָס ע ס וו ע ט ז יי ן, און דערנאָך 30 יאָר טויט-שטילקייט, אויב מיר וועלן איצט ניט אַרויסטרייבן די ראָמאַנאָווס.

נאָר פּראָפּאָרציאָנעל צו אונדזער אַנטייל אין דער דאָזיקער צ ו ש ט ע־ ר ו נ ג, וועלן מיר קאָנען זיך באַטייליקן אויך אין דער אַנטוויקלונג פון די נ יי ע לעבנס-פאָרמען.

נו, גענוג. איך אייל מיך אָפּצושיקן די בריוו.

נאָכאַמאָל אַ דאַנק די ניו־יאָרקער חברים. כ'דריק פעסט אייער האַנט.

ביטע, זאָגט זאַלאַטאַראַוון, ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיין שווייגן. איך אַרבעט איצט אַ סך, זייער אַ סך, און ס'געלינגט מיר נאָך אַלץ ניט אָנהאַלטן אַפילו אַ העלפט פון דער נויטיקער קאָרעספּאָנדענץ.

נאָכאַמאָל, אַ הערצלעכן גרוס.

פּ. קראָפּאָטקין.

נישט צום דרוקן:

פּ. ס. איצט צוויי ווערטער א יי ך א ל יי ן. אויב ס'איז מעגלעך, שיקט געלט אויף דער רעוואָלוציאָנערער זאַך. איך האָב זייער געהיט, אַפילו קאַרג. אַרויסגעבן דאָס, וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט, נאָר אַלעס שעפּט זיך אויס. ס'איז מיר פאַרבליבן זייער ווינציק, און אין צוויי-דריי וואָכן אַרום וועט גאָר ניט בלייבן.

*) טיער, דער פראַנצויזישער היסטאָריקער, אַ מיטגליד פון דער ווערסאַלער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אַן איינפלוסרייכע פיגור אין דער רעגירונג, דער אינספּיראַטאָר פון דעם שוידערלעכן אונטערדריקן די פאַריזער קאָמונע אין 1871. ער איז געווען דער פירער פון די אָרלעאַניסטן. נאָכן אונטערדריקן די קאָמונע האָט די דאַנקבאַרע בורזשואַזיע אים אויסגעקליבן אַלס פּרעזידענט פון דער דריטער רעפּובליק. זע אַרטור אַרני „די פאָלקס־געשיכטע פון דער קאָמונע"; עלי רעקליו (אַ ברודער פון עליזע רעקליו), „די פאַריזער קאָמונע טאָג נאָך טאָג".

מען זאָגט אז די סאַץ. רעוואָלוציאָנערן זאַמלען ביי אייך א סך געלט. אוודאי, אויך זיי דארפן האָבן! נאָר געדענקט, אז זיי פאלט אריין ביז 200.000 רובל א יאָר און ביי אונדז, אין רוסלאנד, איז די נויט אזוי גרוים, אז ס'קומט טאַקע אוים ווי איינער האָט געזאָגט בעת דער הינריכטונג אין ריגע „אפילו די הויזן האָט ער אָנטליען ביים ברודער".

אויב אין די צוויי יאָר איז געשאפן געוואָרן און זיך צעוואקסן די באוועגונג, דארפט איר ניט פארגעסן, אז די ערשטע שריט זיינען געמאכט געוואָרן א דאנק דעם געלט, וואָס איר האָט געשיקט — די טויזנט דאָלאר, וואָס זיינען אָנגעקומען ווען איך בין געלעגן מיט א לונגען-אנטצינדונג, און איר האָט זיך דערמאָנט, אז מען דארף העלפן אונדזערע אנארכיסטן.

איך נעם אייך פעסט ארום, מיין טייערער.

פּ. קראָפּאָטקין.

איר ווייסט, אז מ. קאָרן — איז אייער תלמידה, מ. אי. ג. זי האָט זיך שטארק אנטוויקלט.

.5

Viola, Bromley, Kent.

3טער נאָוועמבער, 1908.

מיין טייערער יאנאָווסקי:

שוין א גאנצע אייביקייט, אז איך האָב אייך נישט געשריבן. כ'בין געווען פארזונקען אין מיין פ ר א נ צ ו י ז י ש ע ר ר ע וו א ל ו צ י ע, וועלכע איז זיך צעוואקסן אין א בוך פון 750 זייטן, — און אויך ניט ווינציקער געקריינקט. איצטער איז מיר בעסער.

כ'האָב זיך נאָרוואָס געזען מיט אונדזערע אלטע חברים*) און מיר האָבן באשלאָסן, מיט געמיינזאמע קרעפטן, באנייען „ברויט און פרייהייט", אונטער גאָגעליאס רעדאקציע**) (ווי דאָס איז געווען אין גענף), נאָר אין דער פאָרם פון א וועכנטלעכן זשורנאל.

---

*) אין פאריז: איך בין געפאָרן אהינצו. (קראָפּאָטקינס באמערקונג).

**)גאָגעליא, ג., (זיינע ליטעראַרישע פסעוודאָנימען זיינען: ק. אָרגעאָני, ק. איליאַש-ווילי, ק. א—ין) — רעדאקטאָר פון דעם זשורנאל אין רוסיש „ברויט און פרייהייט", וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן מיט גאָגעליאס אָפּפאָרן קיין רוסלאנד. שפּעטער, ווען ער איז צוריק-געקומען קיין גענף, זיינען געמאכט געוואָרן פרואוון צו באנייען דעם זשורנאל, נאָר גאָגעליא איז קראנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און דער פרואוו האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג. דעמאָלט איז באשלאָסן געוואָרן צו ארויסגעבן דעם זשורנאל אין לאָנדאָן אונטער קראָפּאָטקינס רע-דאקציע. ווען די אויסגאבע איז אריבער קיין לאָנדאָן, און אין אנדערע הענט, האָט מען אויך

געלט, פארשטייט זיך, האבן מיר ניט, און די חברים האבן מיר געהייסן אנשרייבן צו אייך, קיין אמעריקע, אן אויפרוף אין נאמען פון אונדז דריי, מיט דער בקשה צו צענויפנעמען וויפל איר קאנט, כדי מיר זאלן תיכף קאנען ארויסלאזן דאס ערשטע ביכל, — פון א 64 אדער 80 זייטן, און באלד נאכדעם אין א משך פון א חודש, דעם צווייטן און דריטן נומער*).

איך בין טיף איבערצייגט, אז אויב ס'וועט אונדז געלונגען צו מאכן דעם

---

האשלאסן צו ענדערן דעם נאמען פון דעם זשורנאל: צום פריערדיקן נאמען האט מען צוגעשטעלט דאס ווארט „ליסטקי". גאגעליא, א גרוזין, איז דער פיאנער פון דער גרוזינער אנארכיסטישער באוועגונג אין גרוזיע. און אין זיין לאנד איז ער געווען ברייט באקאנט. (וועגן דער אנארכיסטישער באוועגונג אין גרוזיע זע זיין ארטיקל — ק. ארגיענא „צו דער געשיכטע פון דער אנארכיסטישער באוועגונג אין גרוזיע", וואס איז געווען אפגעדרוקט אין דעם „אלמאנאך"־זאמל־בוך וועגן דער אנארכיסטישער באוועגונג אין רוסלאנד, ערשטער באנד, 1909). אויף דער גרוזינישער שפראך האט ער אנגעשריבן פאלגנדע ארבעטן: 1) „די פראפעסיאנעלע באוועגונג און איר באדייטונג, דער סינדיקאליזם". 2) „די פרינציפן פון דעם אנארכיזם", 3) „פון דער געשיכטע פון דער ארבעטער באוועגונג. דער אינטערנאציאנאליזם". 4) „די קריטיק איבער דער סאציאל־דעמאקראטיע". 5) „די פרינציפן פון דעם סאציאליזם". 6) „די ארבעטער באוועגונג און די סאציאל־דעמאקראטיע". 7) „די געשיכטע פון דעם אינטערנאציאנאל".

חוץ דעם האט ער אנגעשריבן א רייע ארטיקלען אין די גרוזינישע צייטונגען. גאגעליאס גאנצע אנארכיסטישע טעטיקייט, חוץ דעם „שטורעם און דראנג" פעריאד, איז פארלאפן אין אויסלאנד, וואו ער האט באקומען א העכערע אגראנאמישע בילדונג. גאגעליא האט מיטגעארבעט אין כמעט אלע רוסישע אנארכיסטישע אויסגאבן אין אויסלאנד: „ליסטקי כליעב אי וואליא", „ביורעוויעסטניק", ראבאטשע זנאמיא", „ראבאטשי מיר". צו זיין פען באלאנגען אויך א רייע אויסגעצייכנטע בראשורן: 1) „וועגן ארבעטער פאריינען", 2) „לזכרון די טשיקאגער מארטירער", 3) „וועגן דער רעוואלוציע און דער רעוואלוציאנערער רעגירונג". 4) ווי אזוי און פון וואס האט זיך אנטוויקלט דער רעוואלוציאנערער סינדיקאליזם", 5) „דער אלגעמיינער שטרייק".

גאגעליא האט זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד אין 1917. פיזיש אינגאנצן אן אויסגעשעפטער, און ער האט ניט געקאנט נעמען קיין אקטיוון אנטייל אין דער רעוואלוציע, וועלכע ער האט געהאלפן צוגרייטן אלע זיינע יארן און ער האט דערפון שטארק געליטן מאראליש. אין רוסלאנד האט ער אנגעשריבן עטלעכע ארטיקלען אין „גאלאס טרודא" און אין „טעלעגראף". אין 1918 האט ער, אויפן פארשלאג פון דער אנארכיסטישער ארגאניזאציע „נאבאט" צוגעגרייט צום דרוק א גרויסן באנד פון זיינע ארבעטן, און אים איבערגעגעבן וואלינען. נאר אלע זיינע ווערק, צווישן זיי א סך נאך נישט פארעפנטלעכטע מאנוסקריפטן, זיינען פארלוירן געגאנגען אין אוקראינע. זיינע פריינט האבן פון אים פארהוילן העם אומגליק. וואס ער וואלט ניט געווען איבערגעטראגן. גאגעליא האט געלעבט אין רוסלאנד אין גרויס ארימקייט, הונגער און קעלט, פארגעסן פון פריינט און חברים. ער האט דאס געפילט און פארשטאנען... זיינע לעצטע יארן זיינען געווען טראגיש. ער איז געשטארבן נאך גאר א יונגער מענטש, צו 41 יאר; געשטארבן איינזאם, הגם אין זיין אייגענעם לאנד קאווקאז, דעם 21סטן דעצעמבער פון 1921.

ג. מאקסימאוו

*) דא איז דער פולער טעקסט פון דעם אויפרוף, וואס קראפאטקין האט אונטערגעשריבן: טייערע חברים! פון אלע זייטן קומען צו אונדז אן בימעס און פאדערונגען פון רוס־

זשורנאל אינטערעסאנט, וועלן די חברים פון אמעריקע און פון אומעטום אונדז שטיצן.

און ענטוזיאזם פארמאָגן מיר. מיר נעמען זיך אלע שמיידיק צו דער זאך, איבערגעבנדיק אינגאנצן די רעדאקציע אין גאָגעליאס הענט, און זיינען גרייט צו ארבעטן יעדער לויט זיינע כוחות.

און דער זשורנאל איז נויטיק. די חברים אין פעטערבורג און מאָסקווע האָבן זיך געקליבן מיר שיקן א דרינגלעכע בקשה צו באנייען דעם זשורנאל. און זייער בקשה — פון רוסלאנד! — איז פאר מיר א באפעל.

נו, ווי לעבט זיך אייך? ווי ארבעט זיך? די כוחות? דאָס געזונט?

איך דריק אייך שטאַרק די האנט און אלע אונדזערע גוטע חברים אין ניו־יאָרק.

פּ. קראָפּאָטקין.

6.

Lago Maggiore

23טער מערץ 1909.

מיין טייערער יאנאָווסקי:

ענדלעך שיק איך אייך דעם ערשטן נומער פון אונדזער זשורנאל. די ערשטע נומערן זיינען קיינמאָל ניט באזונדערס אינטערעסאנט, און אונדזערער איז ניט קיין אויסנאם. אָבער איך האָף אז די וויטערדיקע וועלן זיין בעסער; כאָטש איך

---

לאנד, אז מיר זאלן אין אויסלאנד אנהויב ארויסצוגעבן א זשורנאל, וואָס זאל העלפן די חברים זיך פונאנדערנעמען אין די פארשידענע ריכטונגען, וואָס מערקן זיך אין דעם מאָדערנעם אנארכיזם. און אָט, נאָך עטלעכע באראטונגען, האָבן מיר באשלאָסן צו באנייען „כליעב אי וואָליא", — נאָר ניט אין א צייטונגס־פאָרם, וואָס ביי די איצטיקע שוועריקייטן זי אריינצושמוגלען קיין רוסלאנד פארלירט זי דעם אינטערעס, נאָר אין דער פאָרם פון א חודשלעכן זשורנאל, וואָס גיט, — גלייכצייטיק מיט דער כראָניק פון דער באוועגונג אין רוסלאנד און אין אויסלאנד, — א רייע ארטיקלען, וועגן טעאָרעטישע פראגן אין דעם מאָדערנעם אנאר־כיזם.

די חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין "כליעב אי וואָליא" ווען מען האָט זי געגרינדעט, זיינען אלע מסכים מיטצואַרבעטן און העלפן מיט אלע כוחות דעם זשורנאל, און די רעדאקציע נעמט אויף זיך גאָגעליא. און אָט שרייבן מיר אייך, ליבע חברים, און בעטן אייך אונדז צו העלפן מיט מיטאַרבעטערשאַפט און אבאָנענטן.

מיר ווילן ארויסלאָזן א חודשלעך ביכל פון 64־80 זייטן, און דערויף, מיט אונדזער אלעמענס גוטן ווילן, וועלן קלעקן אונדזערע ליטעראַרישע קרעפטן. אָבער קיין געלט האָבן מיר ניט, און מיר האָפן נאָר אויף דער הילף פון אונדזערע חברים, באזונדערס פון אַמעריקע.

מיר דענקען, אז כאָטש דאָס דרוקן און צעשיקן וועט קאָסטן חודשלעך ביז 100 דאָלער, איז אויב דער זשורנאל וועט צופרידנשטעלן אונזערע רוסישע חברים, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט, וועט ער קאָנען עקזיסטירן.

דערום בעט איך אייך, טייערע חברים, צו טאָן אלעס מעגלעכעס און אונדז העלפן ת י כ ף ארויסגעבן כאָטש די ערשטע דריי נומערן.

מיט ברידערלעכן גרוס:

פּ. א. קראָפּאָטקין, ג. גאָגעליא, מ. ק. קאָרן.

מוז זאָגן, אז דער געזונט צושטאַנד פון אונדזער ליבן אָרגיאַני איז ניט גאָר פויגלדיק (הפּנים — טובערקולאָז), און קיין סך ארבעט פארן זשורנאל קאָן ער ניט אוועקגעבן.

דעם אמת געזאָגט, איז די לאַגע אין רוסלאַנד אזא, אז מען קאָן פון די וואָס שרייבן קיין באזונדער ענערגיע ניט פאָדערן.

נאָר, מיר'ן זען.

איך גופא בין די גאנצע צייט געווען אזוי פארנומען מיט מיין „געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע" און מיטן איבערזעצן זי גלייכצייטיק אויף רוסיש, דייטש און ענגליש, אז איך האָב עפּעס אנדערש ניט געקענט טאָן.

אויך פאראיאָרן מאַי בין איך געווען אויף די ברעגן פון לאַגאָ מאַדזשיאָרע און שוין דעמאָלט איז א העלפט פון מיין בוך געווען אָפּגעדרוקט. נאָר פון דעמאָלט אָן האָב איך איבערגעארבעט דאָס 27סטע קאפּיטל, און דער בוך איז ערשט איצט פארענדיקט. ער איז ארויס אין 750 בלעטלעך. ער וועט ארויס אין א צוויי וואָכן ארום. אין „גראַן רעוויו"*) איז שוין געווען אָפּגעדרוקט דאָס לעצטע קאפּיטל, — דער שלום. ס'האָבן דעם בוך איבערגעדרוקט פארשידענע צייטונגען און זשורנאַלן (צווישן זיי א שלעכטער פראנצויזיש־רוסישער זשורנאל, נאָר אזוי ווי איך האָב נישט צו דער האַנט קיין אנדער עקזעמפּליאַר, שיק איך דעם דאָזיקן). ער וועט אויך דערשיינען אין „רעוואָלוסיאָן", די נייע סינדיקאַלע צייטונג, וואָס פּוזשע**) האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן.

זייער א סך איז מיר אויסגעקומען צו ארבעטן דאָס יאָר איבער דעם דאָזיקן בוך. נאָר איך מיין, אז פּאַר די אנארכיסטן וועט ער זיין אי נוצלעך, אי אינטערעסאַנט. מען קאָן א סך לערנען, ווען מען טראַכט זיך אריין אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

און איצט, מיין טייערער יאַנאָווסקי, שרייב איך אייך אין אייַלעניש. ביטע, דאַנקט הערצלעך די חברים פאַר די הונדערט דאָלאַר, וואָס זיי האָבן געזאַמלט און איר האָט מיר ארויסגעשיקט דעם ערשטן יאַנואַר פון 1909. איר וועט זען פון „כליעב אי וואָליא", אז אָן דער דאָזיקער הילף, וואָלטן מיר גאָר ניט געוועזן געקאָנט אָנהויבן.

*) גרויסער פראנצויזישער זשורנאל.

**)עמיל פּוזשע, א פראנצויזישער אנארכיסט, וואָס איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער פראנצויזישער ארבעטער־באוועגונג. ער איז איינער פון די טעאָרעטיקער פונעם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, און איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־קאָנגרעס אין 1900. ער האָט ארויסגעגעבן די אין פראנקרייך פּאָפּולערע צייטונג "Perl Peinard", ער האָט רעדאַגירט דעם זשורנאל „די פאָלקס שטימע", — אָרגאַן פון די פראנצויזישע ארבעטער פאַריינען, ווי אויך א רייע אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן. צוזאַמען מיט ע. פּאַטאָ, האָט ער אָנגעשריבן די סינדיקאַליסטישע אוטאָפּיע: „ווי אזוי מיר האָבן געמאַכט די סאָציאַלע רעוואָלוציע". ג. מאַקסימאָוו.

כ'נעם אייך פעסט ארום.

גיט איבער דעם הערצלעכסטן גרוס אלע אלטע און יונגע חברים.

אויב איר ווילט לאָזן דרוקן אויסצוגן פון דער בריוו, לאָזט דורך דאָס, וואָס ס'איז איבעריק. און דערמאָנט ניט ווערן ארגעאַנים קראַנקהייט. דער זשורנאַל האָט פארשפעטיקט, הויפטזעכלעך, איבער דער טיפּאָגראַפיע.

אין צוויי־דריי וואָכן ארום וועל איך זיין אין לאָנדאָן. שרייבט אהינצו.

פּ. קראָפּאָטקין.

.7

Viola Muswell Hill, Kent.

15טער סעפּטעמבער 1909.

מיין ליבער יאנאָווסקי:

ענדלעך, ליבער יאנאָווסקי ,שיק איך אייך מיינע א קליינע ארבעט וועגן דעם אידישן נאציאָנאליזם*).

מיך האָט ארויפגעפירט אויף דער טעמע די שמועסן מיט דעם זייער ליבן מיידל, וואָס איר האָט געשיקט צו מיר. איך פארשטיי, זייער גוט איר שטימונג, נאָר, איך האָב, פארשטענדלעך, זיך ארויסגעזאָגט קעגן איר „ציוניזם". מיר און סאָניאַן (קראָפּאָטקינס פרוי), איז זי שטאַרק געפעלן. זי איז א קלוגע. אלע אירע ארגומענטן און באמערקונגען דערוויַזן א ניט־געוויינלעכן שכל.

א גרויסן דאנק אייך פאר די 50 דאָלאר, וואָס איר האָט צוגעשיקט פאר די חברים אנארכיסטן אין דער ווילנער טורמע. סאָניא און איך האָבן ניט געוואוסט וועמען זיי איבערצוגעבן, ביז ס'איז אהערצו געקומען צו פאָרן זייער אן ערלעכער מענטש, אויף וועמען מען האָט זיך געקאָנט פארלאָזן, אן אדוואָקאט, וועלכער האָט אונדז געגעבן דאָס ערנוואָרט, אז ווי נאָר ער וועט קומען קיין רוסלאנד, וועט ער איבערגעבן דאָס געלט נאָר די חברים-אנארכיסטן.

איך האָף, אז ס'וועט ניט ארויסקומען קיין טעות.

נאָר איצט איז ביי אונדז צו גאסט א חבר, וואָס איז געקומען פון רוסלאנד (סיביר) — איר טרעפט מסתמא ווער — (כ'וועל ניט שרייבן איר נאָמען), און זי זאָגט, אז מען קאָן איינפאך שיקן אויף די אָנגעגעבענע אדרעסן, פערזענלעך, דעם און דעם, יעדן צוביסלעך (קאָלעקטיוו טאָר מען ניט), אין דער אָנגעגעבענער טורמע. זי האָט געגעבן סאָניאַן און שאפּיראָן*) עטלעכע אדרעסן.

---

*)קראָפּאָטקינס ארטיקל וועגן דעם אידישן נאציאָנאליזם איז געווען געדרוקט אין „דער פרייער ארבעטער שטימע" — צום 10טן יובילײ פון דער צייטונג — דעם 5טן אקטאבער 1909. צום באדויערן האָבן מיר דאָס ארטיקל ניט געקאָנט קריגן. — י. ס.

*)אלעקסאנדער שאפּירא — אנארכיסט, ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין לאָנדאָן און געווען א מיטגליד אין דער אידישער אנארכיסטישער גרופּע און א מיטגליד פון דעם הילפס־

איר האט מסתמא באקומען דעם צווייטן נומער „כליעב אי וואליא". אויפן דריטן איז שוין, דאכט זיך, נישטא קיין געלט.

— האב איך אייך שוין געשיקט אונדזער פאמפלעט „טעראר אין רוסלאנד"! איך האב פיל געארבעט די גאנצע צייט און בין אזוי מיד, אז איך וואלט באדארפט פארן אויף א צוויי וואכן צום ים. איך שרייב פון ברייטאן.

איך באגריס אייך פון גאנצן הארצן מיטן דערפאלגרייכן אנפירן אונדזער וועטעראן — די „פרייע ארבעטער שטימע". איך ווינטש אייך נאך לאנג פארצוזעצן די ארבעט.

כ'דריק פעסט די האנט, אייך און אלע אונדזערע גוטע חברים.

פ. קראפאטקין.

8.

Viola Muswell Hill Road.

צענטער אויגוסט 1910.

ליבער יאנאווסקי:

איך שרייב אייך אין שייכות מיטן היגן הילפס-קאמיטעט פאר די ארעסטירטע אין רוסלאנד.

מיך האט שטארק געערגערט די מיספארשטענדעניש, וואס איז פארגעקומען צווישן אייך און זיי, נאכמער דערפאר, וואס שולדיק אין דער מיספארשטענדעניש בין איך!

---

קאמיטעט פאר די רוסישע ארעסטירטע און פארשיקטע אנארכיסטן אין רוסלאנד. געהאלפן קראפאטקינען ארויסגעבן ליטעראטור אויף רוסיש. אין 1907 איז ער אויפן אמסטערדאמער אנארכיסטישן קאנגרעס דערוויילט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער אינטערנאציאנאלער אנארכיסטישער ביורא, וואס איז זיך צעפאלן אין שייכות מיט דער אלוועלטלעכער מלחמה. אין 1917 איז ער געקומען קיין רוסלאנד און צוגעשטאנען צו דער אנארכא־סינדיקאליסטישער ריכטונג. ער איז געווען א מיטגליד פון דער גרופע און פארלאג „גאלאס טרודא". גענומען אן אנטייל, ווי א מיטארבעטער און מיטרעדאקטאר פון דער צייטונג און דעם זשורנאל „גאלאס טרודא". געווען איינער פון די גרינדער־מיטגלידער און סעקרעטארן פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאסיאציע. אין הארבסט פון 1921 האט אים די באלשעוויסטישע מאכט ארויסגעשיקט פון רוסלאנד. קומענדיק קיין אויסלאנד האט ער ווייטער מיטגעארבעט אין די אנארכיסטישע אויסגאבן.

פארן אויסברוך פון דער צווייטער אלוועלטלעכער מלחמה איז א. שאפירא אפגעפארן פון פראנקרייך קיין נארד אמעריקע, וואו ער איז דעם 5טן דעצעמבער פון 1946, אין עלטער פון 64 יאר, געשטארבן פון א הארץ־פעלער. (זע דאס ארטיקל „אלעקסאנדער שאפירא: קעמפער פאר ארבעטער באפרייאונג" פון א. זוכי, וואס איז געווען געדרוקט דעם 28סטן פעברואר פון 1947 אין דער ניו־יארקער „פרייע ארבעטער שטימע").

מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען צו מיר געקומען ראָקער און שאַפּיראָ, און מיר געבעטן צו קאָנטראָלירן די חשבונות. זיי האָבן מיר געבראַכט א באַרג מיט פּאָסט־קבלות און הונדערטער בריוו, און מיך געבעטן דאָס אַלעס דורכקוקן און אייך שרייבן וועגן די רעזולטאַטן.

איך האָב דאָס געטאָן ערנסט און אויפמערקזאַם און איך בין אַן עדות, אַז זיי האָבן די זאַך געפירט זייער גוט; אַלעס, וואָס זיי האָבן געזאַמלט (אַרום 126 פונט שטערלינג) איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, און איז אָנגעקומען ריכטיק.

קודם כל, האָב איך דורכגעקוקט די קבלות פון דער ענגלישער פּאָסט אויף די קיין רוסלאַנד אַרויסגעשיקטע געלטער פון יוני 1909 ביז יוני 1910. דערנאָך — איז מער קיין געלט ניט געווען, און די זענדונגען האָבן אויפגעהערט.

דערנאָך האָב איך גענומען לייענען די בריוו און פּאָסט־קאַרטלעך, נעמענדיק פון דער קופּע די, וואָס זיינען געווען געשריבן אויף רוסיש (א מאַסע — אויף אידיש). כ'האָב אַזוי אַרום איבערגעלייענט א מאַסע בריוו. דער רוב פון זיי — מיט שטעמפּלען פון דער טורמע אָדער פונעם פּראָקוראָר (די, וואָס זיינען נאָך געווען אונטער דער אויספאָרשונג).

איך האָב פאַרשריבן פאָלגנדע שטעמפּלען:
אַלעקסאַנדראָווער קאַטאָרזשענע טורמע,
מינסקער טורמע,
לאָמזשער קרייז־געריכט,
אַלעקסאַנדערר צענטראַלע טורמע,
לובלינער טורמע
יעקאַטערינאָסלאַווער טורמער,
קישעניעווער,
וואַרשעווער הויפּט־טורמע,
מאָסקווער קרייז־געריכט,
גראָדנער קרייז־געריכט,
פּסקאָווער אויסבעסערונגס־טורמע, א.א.וו.
פון טאַרע (מערב־סיביר, פון די פאַרשיקטע).

אַזוי אַרום שטייען זיי אין פאַרבינדונג מיט 35 אָדער 37 טורמעס און עטלעכע ערטער אין סיביר.

דאָ איז דער אינהאַלט פון א גרויסן טייל פון די בריוו:

„זייט געגריסט ליבער פעטער, אָדער ברודער, אָדער שוועסטער, א דאַנק פאַרן געלט. א גרויסן דאַנק. כ'בין געזונט, אָדער איך בין קראַנק. גריסט דעם און דעם... באַקומען ניין רובל מיט 40 קאָפּיקעס. אָדער איך דאַנק זייער די און די קרובים;

דערהאלטן פיר רובל מיט 72 קאָפּ." די בריוו פון 1909, דאנקען אלע מערסטנס פאר 9 רובל מיט 40 קאָפּ. שפּעטער מערסטנס פאר 4 רובל מיט 72 קאָפּיקעס.

פאראן בריוו מיט קלאגעס, אז מען האָט קיין געלט ניט באקומען. דערנאָך ווייזט זיך ארויס, אז מען האָט די ארעסטירטע אריבערגעפירט אויף א צווייטן אָרט.

דורכקוקנדיק דעם גרויסן בארג קבלות און בריוו קאָן איך באשטעטיקן געוויסנהאפט, אז דער היגער קאָמיטעט האָט געפירט די ארבעט קלוג, געוויסנהאפט און זאכלעך, און פארשוועגדט אויף דער גוטער זאך א מאסע ארבעט.

— איצט, ליבער יאנאָווסקי, וועל איך אייך דערציילן, ווי אזוי און פארוואָס איך האָב אייך אריינגעבראכט אין ספקות. מיך ערגערט שטארק הלמאי איך בין געווען דער גורם פון אייערע ספקות. ווען איך האָב דערהאלטן אייערע 50 דאָלער האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אז די קרובים קאָנען שיקן געלט די ארעסטירטע, נאָר קליינע סומעס (דאכט זיך 4 רובל מיט 40 קאָפּ. א חודש) דירעקט דורך דער טורמע אדמיניסטראציע.

ניט האָבנדיק קיין אנדערע וועגן, האָב איך זיך געווענדט צו איינעם, וואָס איז געקומען צופאָרן פון רוסלאנד, וועמען איך קאָן גוט — וועלכער איז צום גליק געווען אין לאָנדאָן און ער האָט זיך אונטערגענומען איבערגעבן דאָס געלט אין ווילנע, אויך א זיכערער פּערזאָן, מיט דעם תנאי, אז דאָס געלט זאָל ארויסגעגעבן ווערן די ארעסטירטע אנארכיסטן, ניט דורכן רויטן קרייז.

מיין באקאנטער האָט זיך אונטערגענומען אזוי צו טאָן; נאָר איר זענט גאנץ גערעכט. פון די בריוו, וואָס דער לאָנדאָנער קאָמיטעט האָט באקומען איז צו זען, אז די ווילנער חברים האָבן דאָס געלט ניט באקומען.

פארוואָס דאָס איז אזוי געשען — ווייס איך נאָך נישט.

צופעליק איז געשען אזוי, אז מיין באקאנטער האָט אין אָנהויב אויגוסט געמוזט קומען קיין לאָנדאָן. מיט דריי טעג צוריק, האָב איך אים געזען און אים געפרעגט, וואָס עס איז געשען. דער דאָזיקער באקאנטער — איז א דורכאויס זיכערער און פארשטענדיקער מענטש.

דאָס געלט — זאָגט ער — איז ביי אים אָפּגעלעגן א שטיקל צייט, ניט־האָבנדיק קיין געלעגנהייט, איידער ער האָט עס איבערגעגעבן, דורך א דאמע, א גוטן באקאנטן אין ווילנע. פארוואָס עס איז ניט אָנגעקומען אויפן באשטימטן אדרעס — ווייסט ער ניט. זיך אומקערנדיק קיין רוסלאנד סוף אויגוסט, וועט ער נאָכפאָרשן אין ווילנע און שרייבן.

אָט־אזוי האָט זיך געשאפן די פארדריסלעכע מיספארשטענדעניש, וואָס מירן אויפקלערן.

איצט ווייזט זיך ארויס, אז דאָס בעסטע איז — שיקן געלט גלייך אין

טורמע, פערזענלעך דעם ארעסטירטן. די טורמע־אדמיניסטראציע (הפּנים, אז פון זינט כרוליעוון*) גיט דאָס איבער תּיכף, ווי נאָר זי באקומט עס פון די קרובים פון דעם ארעסטירטן.

...דאָס צעפּויקן דארף מען ניט — זיי קאָנען דאָס נאָך פארווערן. טאקע דערפאר שרייב איך די בריוו אייך פערזענלעך. און צום דרוקן לייג איך צו א באזונדער אויפרוף צו די חברים, וואָס איך בעט אייך איבערצוזעצן און אָפּדרוקן אין אייער צייטונג. אָבער די דאָזיקע בריוו איז באשטימט פאר אייך פערזענלעך, און, כ'בעט אייך, גיט זי נישט קיין צווייטן. די אדמיניסטראציע אין רוסלאנד קאָן נאָך פארווערן צו נעמען דאָס געלט, וואָס מען שיקט איצט ארויס.

מען דארף בכלל זיין פאָרזיכטיק און איך טראכט ווי אזוי אָנצושרייבן דעם אויפרוף און ניט געבן דער רוסישער רעגירונג קיין געלעגנהייט זיך אריינצומישן.

איך האָף, אז איר וועט, פון אייער זייט, צוגעבן בלויז א צוויי־דריי ווערטער, זאָגנדיק אז איר האָט פון מיר דערהאַלטן א בריוו פון וועלכער איר האָט זיך דערוואוסט, אז דאָס גאנצע געלט, וואָס מען האָט געזאמלט אין באָסטאָן און לאָנדאָן איז אָנגעקומען, און איר וועט מיט צופרידנקייט אָנעמען און איבערגעבן די ווייטערדיקע שטיצע די געליטענע אין די דאָזיקע יאָרן. (מען דארף זיך אויסדריקן פאָרזיכטיק, וועגן די דאָזיקע צילן). די דאָזיקע שורות וועלן זיין גאנץ גענוג.

כ'וואָלט אייך געוואָלט שרייבן (וועגן דער אויפלעבונג צווישן די ארבעטער אין אלע לענדער) נאָר איך דארף נאָך אָנשרייבן א בארג מיט בריוו.

כ'דריק אייך דערום די האנט.

פּ. קראָפּאָטקין.

סאָניא שיקט אייך א העכסט חברלעכן גרוס.

ווי אזוי איז אייער געזונט. ווי אזוי איר ארבעט — פרעג איך ניט, ווייל איר ארבעט, ווי עס שיינט, מיט דער גאנצער ענערגיע. מיין געזונט איז א סך בעסער. איך ארבעט שטאַרק די גאנצע צייט.

אינעם אויפרוף האָב איך בכיוון ניט דערמאָנט דאָס וואָרט קאָמיטעט. אזוי האָב איך מורא, אז זיי זאָלן דאָרטן, אין די טורמעס, ניט אָנמאכן קיין צרות.

## 9.

Brighton.

7טער נאָוועמבער 1911.

באָטש צוויי ווערטער וויל איך אייך אָנשרייבן, מיין ליבער יאנאָווסקי, כדי אייך זאָגן, אז איך פריי זיך פון גאנצן הארצן, אז איר זעצט פאָר אייער ארבעט

---

*) געוועזענער הויפּט־טורמע־אינספּעקטאָר.

מיט דער פריערדיקער ענערגיע. ס'האַרץ פרייט זיך צוזעענדיק עס. איך — קרענק אונטער, נאָר אין די הפסקות אַרבעט איך מיט גרויס חשק. צום באַדויערן האָב איך זיך פאַרגראָבן אַ גאַנץ יאָר אין דעם וואַלד פון דעם וויסמאַניזם*) פאַר דעם ענגלישן זשורנאַל „דער 19טער יאָרהונדערט"**). איך קאָן קוים אָפּאָטעמען. דער דאָקטאָר האָט מיר דערלויבט איבערווינטערן אין ענגלאַנד, נאָר נישט אין לאָנדאָן, און מיר האָבן זיך באַזעצט אין קענט טאַון, אין מזרח-בריטאַן.

מיטן גאַנצן האַרצן — אַלדאָס גוטס און אַ האַרציקער גרוס פון אונדז ביידע.

אונדזער טעכטערל האָט חתונה געהאַט מיט אַ אויסגעצייכנטן מענטשן, באָריס לעבעדיעוו***).

.10

9, Cheshan Street, Brighton.

5טער יולי, 1912

טייערער יאַנאָווסקי:

איך שיק אייך אַן עקזעמפּליאַר פון דער נאָר־וואָס דערשינענער בראָשור „אַנאַרכיע". די צווייטע בראָשור פון אונדזער ליבער מאַרי איסידאָראָווגאַ (קאָרן) — „דער קאַמף קעגן קאַפּיטאַל און שטאַט" — (געפעלט מיר שטאַרק) — איז שוין אָפּגעדרוקט; זי וועט דערשיינען די טעג; און מיט דעם האָט זיך אונדזער „קאַפּיטאַל", מיט וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן, באַרגנדיק ביי אַ חבר 20 פונט — אינגאַנצן אויסגעשעפּט.

מען מוז זיך ווענדן צו אייך, צו די אַמעריקאַנער חברים נאָך שטיצע, — נאָך באַשטעלונגען, און, אויב ס'וועט זיין מעגלעך, וואָלט געוועזן גוט, ווען איר זאָלט קאָנען צענויפנעמען אַ קליינע סומע און אונטערהאַלטן אונדזער אויסגאַבע.

מיין געדאַנק איז דער: אויף אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע האָבן מיר נישט גענוג כוחות, ס'פעלן מענטשן, וואָס זאָלן זיין פעאיק אָפּגעבן איר די גאַנצע צייט.

---

*) די ביאָלאָגישע טעאָריע פון דעם פּראָפעסאָר וויסמאַן, וואָס ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען, און וואָס באַהאַנדלט די פראַגע פון ירושהדיקייט.

**)א ליטעראַרישער און פּאָליטישער זשורנאַל אין וועלכן קראָפּאָטקין האָט אָפט מיטגעאַרבעט, און נאָך העקסלים טויט האָט ער אויף זיך גענומען די אָנפירונג מיט דער וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג. אין דעם זשורנאַל האָט קראָפּאָטקין געדרוקט די פאָרשונגען וועגן קעגנזייטיקער הילף, וועגן דער עטיק, וועגן דער אַגראַר־פראַגע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע געביטן..

***) באָריס לעבעדיעוו — קראָפּאָטקינס איידעם, אַ מוזיקער, אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, איצט איז ער אַ מיטגליד אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אין לאָנדאָן האָט ער באַלאַנגט צו דער טורגעניעוו־געזעלשאַפט. זיך צעגאַנגען מיט קראָפּאָטקינס טאָכטער באַלד נאָכן פאָטערס טויט.

איך ווער שוין אלט. דעם קומענדיקן נײַנטן דעצעמבער פון 1912, אויב איך וועל דערלעבן, וועל איך אלט ווערן 70 יאָר. איך בין מונטער, אַרבעט גוט, אָבער די פריִערדיקע אַרבעטספעאיקייט איז שוין נישטאָ. מער פון פינף־זעקס שעה אין טאָג קאָן איך ניט אַרבעטן. און דאָס, מײַן טײַערער, ווײס איך אַליין — איז ווײניק!

און אָט האָב איך מיט סאַני שאַפּיראָ אָנגעהויבן אַרויסגעבן בראָשורן*). מיר האָבן צוגעזאָגט בראָשורן אָרגאַני, זאַבריעזשניעוו**), מען האָט מיר איבערגעגעבן אַ דערציילונג (פון דעם טורמע-לעבן פון די אַנאַרכיסטן), מען האָט מיר צוגעזאָגט נאָך אַן אַגראַר-בראָשור (אַ. קאָטשעגאַראַוו -- אַ.אַ. קאַרעלין), און אַנדערע.

הכלל, מיר וואָלטן געקענט אַרויסגעבן אַ 8-6 בראָשורן דורכן יאָר רעגולער. ווען ס'זאָל זײַן מעגלעך צו פאַרקויפן אונדזערע אויסגאַבן אויף בערך 50 פונט שטערלינג אַ יאָר — אַזעלכע 200 דאָלאַר, — וואָלטן מיר געקאָנט לעבן.

בפרט, ווען איך הויב אָן אין אונדזער טיפּאָגראַפיע אַרויסגעבן באַקונינס ווערק. אויפן פערטן באַנד האָט מען מיר צוגעזאָגט וויפל מען וועט באַדאַרפן, און אויפן ערשטן באַנד האָט מען שוין אַרײַנגעטראָגן. פון דעם פאַרקויף וועט מען האָבן אויף אַרויסצוגעבן דעם פינפטן באַנד, אַזוי, אַז מיר (מיט געטלוין***) און אַנדערע) האָבן אַ פּלאַן צו אַרויסגעבן פינף בענדער.

---

*) קראָפּאָטקין האָט צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער שאַפּיראָן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרלעגערישער אַרבעט און אַרויסגעגעבן בראָשורן וועגן אַנאַרכיזם, אונטער דער פירמע: פאַרלאַג „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ", לאָנדאָן. ס"ה האָבן זיי אַרויסגעגעבן ניין בראָשורן:

1) פּ. קראָפּאָטקין „די פּאַריזער קאָמונע"; 2) „די רוסישע רעוואָלוציע און דער אַנאַרכיזם"; 3) ק. אָרגעאַני „וועגן די אַרבעטער פאַראיינען"; 4) מ. קאָרן „דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם און דער אַנאַרכיזם"; 5) מ. קאָרן „דער קאַמף מיטן קאַפּיטאַל און שטאַט"; 6) אָרגעאַני „וועגן דער אינטעליגענץ"; 7) ק. קאָטשעגאַראַוו „די אַגראַר־פּראָגראַם פון די אַנאַרכיסטן ־ קאָמוניסטן"; 8) וו. זאַברעזשניעוו „וועגן אינדיווידואַליזם"; 9) פּ. קראָפּאָטקין „די מאָראַלע פּרינציפּן פון דעם אַנאַרכיזם".

**) אַנאַרכאָ־קאָמוניסט, אין 1920 אַרײַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

***) קראָפּאָטקין האָט מיט מ. געטלויס הילף אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו אַרויסגעבן אין רוסיש אַלע באַקונינס ווערק. נאָר פון דער אונטערנעמונג איז גאָר ניט געוואָרן צוליבן פעלן פון מאַטעריאַלן. קראָפּאָטקינען איז געלונגען אַרויסצוגעבן נאָר דעם ערשטן באַנד און דאָס געלט דערויף האָט געגעבן אַ. מ. סאַזשין (אַ. ראָס), וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צו באַקונינען.

דר. מאַקס געטלוי, אַן אַנאַרכיסט, קראָפּאָטקינס גוטער פרײַנט. געטלוי איז דער איינציקער ביאָגראַף אין דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור און אומפאַרגלייכבאַרער קענער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און פון באַקונינען. ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך געלט און יאָרן אויף צו זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ דירעקטן און אומדירעקטן שייכות צו באַקונינען און אָנגעשריבן באַקונינס מאָנומענטאַלע ביאָגראַפיע, וועלכע איז בלויז פאַראַן אין אייניקע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקן אין אַ ליטאָגראַפישער פאָרם, ווײַל ס'איז נישט געווען קיין געלט־מיטלען זי אַרויסצוגעבן. דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק וואַרט שוין אַ סך יאָרן אויף זײַן פאַר־

אזוי ארום וועט די טיפּאָגראַפיע זיין באוואָרנט מיט ארבעט אויף צוויי יאָר, און מען וועט ניט צאָלן אומזיסט פאר דער קוואַרטיר און ארבעט.

איך דענק, אויב די זאך וועט גיין, אמאָל צוליינן צו די בראָשורן א בלעטל וועגן א וועלכער ס'ניט איז טאָג־פראַגע.

מער קאָן איך ניט טאָן, בפרט, ווען איך לייען איצט די קאָרעקטור פון „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אנארכיזם", — א נייע, אינגאנצן איבערגעאַרבעטע און אויסגעברייטערטע אויסגאבע, וואָס סטאָק*) גיט ארויס (400 זייטן) און איך קוק איבער צו דער נייער אויסגאבע אלע ציפערן אין „פעלדער, פאבריקן און ווערקשאפטן", וואָס עס גיט ארויס דער גרויסער פארלעגער נעלסאָן אין זיין שילינג־סעריע. — זיי ווילן אויך ארויסלאָזן א נייע דייטשע אויסגאבע.

מיין אייגענע אויסגאבע פון „פעלדער, פאבריקן און ווערקשטאטן" איז שוין אויספארקויפט, און דרוקן א נייע, אויסגעבעסערטע אויסגאבע, וואָלט געפאָדערט מיטלען, וואָס איך, פארשטענדלעך, האָב ניט. אָבער נעלסאָן רעכנט צו פארקויפן אזעלכע 30.000—50.000 (עקזעמפּלארן).

איר האָט מסתמא געלייענט וועגן אונדזער ליבן מאלאטעסטאַן. די דעפּאָר־טאַציע איז געלונגען צו פארמיידן און מאַק־קענא וואָלט געוועזן פארקלענערט דעם טורמע־טערמין ווען ניט דער דאָזיקער צופאַל. ער איז געזונט. מיר האָבן מורא געהאט פאר טובערקולאָז**). מען האָט אים באטראַכט און אויסגעפונען, אז ער האָט ניט קיין טובערקולאָז. ער פארשטענדלעך, איז צופרידן מיט זיין גורל.

---

לעגער. געטלוי האָט פארמאָגט א גוואַלטיקע ערודיציע אויפן געביט פון דער היסטאָרישער אַנט־וויקלונג פון די אנאַרכיסטישע אידייען און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אנאַרכיסטישער באַוועגונג. צווישן געטלויס ווערק דאַרף מען אויך דערמאָנען די דייטשע אויסגאבע פון באַקונינס שריפטן אונטער זיין רעדאַקציע, די ביבליאָגראַפיע פון דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור „דער פרילינג פון דער אַנאַרכיע", „ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ" „דאָס לעבן פון אַן אַנאַרכיסט", און די ארבעט וועגן עליזע רעקליו. די דאָזיקע ווערק האָבן פארדינט צו ווערן איבערגעזעצט אויף אלע שפּראַכן, און וואָס גיכער דאָס וועט געטאָן ווערן, אלץ בעסער וועט זיין פאר אונדזער באוועגונג.
ג. מאַקסימאָוו.

*) סטאָק — א גרויסער פראַנצויזישער פארלאַג, וואָס האָט ארויסגעגעבן א רייע קראָפּאָטקינס און גראַווס ביכער און באַקונינס געזאַמלטע ווערק אונטער געטלויס רעדאַקציע. (הוץ דעם ערשטן באַנד, וואָס איז אַרויס אונטער גילאָמס רעדאַקציע) באַרדעריים וועק. א. א.

**) קראָפּאָטקין דערמאָנט דאָ מאַלאַטעסטאַן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס מען האָט מאַלאַטעסטאַן ארעסטירט און געזאָלט ארויסשיקן צוליבן באַרימטן דורכגעפאַלענעם „עקס" אינעם מזרח־טייל פון לאָנדאָן, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אנאַרכיסטן־עקספּראָפּיאַטאָרס. איינער פון זיי איז דערהרגעט געוואָרן אין דער איבערראַשונג, צוויי זיינען פארברענט געוואָרן אין דעם הויז וואו זיי האָבן זיך פארבאַריקאַדירט און זיך פאַרטיידיקט. צווישן די אנטיילנעמער אין דעם „עקס" איז געווען דער באַרימט־געוואָרענער אין 1918־19 טשעקיסט פעטערס. דער דערהרגעטער אנאַרכיסט האָט געאַרבעט אין מאַלאַטעסטאַס עלעקטראָטעכנישן ווערקשטאַט, און אין שייכות מיט דעם האָט מען ארעסטירט מאַלאַטעסטאַן. דאָס איז געשען ווען אסקוויט איז געווען פרעמיער און מאַק קענא — אינערן מיניסטער.

איך בין צוויי מאָל געפאָרן קיין לאָנדאָן און בין נאָר-וואָס געקומען צוריק, וואוי־נענדיק ביי סאשאן (קראָפּאָטקינס טאָכטער) דריטהאלבן וואָכן. כ'האָב געאר־בעט אין דעם „סטאטיסטיקאל קורט" פאר „פעלדער, פאבריקן און ווערקשאפּטן".

ווי אזוי איז אייער געזונט? ווי לעבט זיך אייך בכלל? איך נעם פעסט, הערצלעך ארום אייך און אלע נאָענטע חברים.

פּ. קראָפּאָטקין.

די ידיעות פון רוסלאנד — זייער טרויעריקע. בלויז איין האָפענונג: די אר־בעטער־מאסן זיינען מוטיק און פ א ר ל א ז ן ז י ך נ י ט א ו י ף די פ י ר ע ר־ א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ן.

אָט וואוינען מיר שוין דעם זיבעטן חודש אין ברייטאָן. און ס'איז ניט שלעכט. דער ווינטער איז זיך באגאנגען אָן בראָנכיט.

## .11

26טער סעפּטעמבער 1912.

ליבער יאנאָווסקי:

א גרויסן דאנק אייך פאר די 20 דאָלער אויף אונדזער בראָשור. דאָס, וואָס מען האָט אייך ניט ארויסגעשיקט די בראָשור איז פּשוט אומדערלאָזבאר, און איך טייטש עס אויס נאָר דערמיט, וואָס שאפּירא איז אויף א חודש אוועק־געפאָרן פון לאָנדאָן.

אין מיין נאָטיץ־ביכל אונטערן 12טן יולי, צווישן די, וועמען איך האָב ארויסגעשיקט די ערשטע 10-12 עקזעמפּלארן, וואָס איך האָב געקראָגן, שטייט אייער נאָמען. נאָר ס'קאָן אויך זיין, אַז פארשרייבן האָב איך פארשריבן, נאָר ארויסגעשיקט אין דעם זעלבן טאָג האָב איך ניט, כאָטש דאָס גלויבט זיך קוים. גיכער פון אלעס, וועל איך דעם עקזעמפּלאר געפינען צווישן דעם בארג פון מיינע פּאפּירן.

די יאָרן לאָזן זיך פילן! און די ארבעט פארגרעסערט זיך מיט יעדן טאָג! און קיינער איז דאָ, אין ברייטאן, ניטאָ אויף צו העלפן. די לעצטע דריי חדשים האָב איך געארבעט איבערן כוח: פון האלב צען אינדערפרי ביז 12 באנאכט, מיט צוויי הפסקות אויף מיטאָג און וועטשערע און א שעה שפּאצירן. קיין איין טאָג ניט איבערגעריסן. צוגעגרייט די נייע, אינגאנצן רעווידירטע אויסגאבע פון „פעלדער, פאבריקן און ווערקשטאָטן" פאר דעם נעלסאָן־פארלאג — א מאסע ציפערן. „די מאָדערנע וויסנשאפט און דער אנארכיזם" ביי סטאָקן, און „ברויט און פרייהייט" אויך פאר דער „שילינג־סעריע"; די נייע, רוסישע אויסגאבע פון באקונינען אין פינף בענדער, — מיר גרייטן אויך צו אונדזער טיפּאָגראפיע צוליב

דעם — און אונדזערע בראָשורן: צוויי האָב איך נאָכאמאָל דורכגעקוקט. און דערצו א מאסע קאָרעספּאָנדענץ. יעדן טאָג 4-5 בריוו מיט דער פאָדערונג פון די חברים צו העלפן מיט דער פען דער, אָדער א צווייטער אויסגאבע.

צייטנווייז פארדרייט זיך פּשוט פ י ז י ש דער קאָפּ פון די דאָזיקע פאָדערונגען פון אלע זייטן. און דאָ נאָך די רוסישע גרוילן — מען דאַרף ווידער שרייבן, א.א.וו. א.א.וו.

איבער די כוחות.

מיין ליבער פריינט, איר בעט מיך, איך זאָל באזאָרגן ארטיקלען וו ע ג ן מ י ר ז ע ל ב ס ט צו מיין געבורטסטאָג! פריינט מיינער, באפרייט מיך דער־פון! איר ווייסט ווי אזוי איך בין גערירט פון דער ליבשאפט צו מיר פון די חברים. צוויי ווערטער פון דער פריינטשאפט, וואָס איך זע אזוי אָפט פון די חברים, זיינען מיר א מיליאָן מאָל ליבער פון אלע אויסערלעכע באווייזן. איז דען גוט אזוי, ווען א מענטש לעבט נאָך? געדענקט ליבער פריינט, אז דאָס בעס־טע, וואָס א שרייבער קאָן טאָן ביים לעבן, איז — אויסדריקן די געדאנקען, וואָס ווערן געבוירן צווישן די ארבעטער־מאסן.

אַן ארטיקל וועגן דער ראָל פון די אידן אין דער ארבעטער־באוועגונג וואָלט איך גערן אָנגעשריבן, נאָר, מיין ליבער יאנאָווסקי, איך ארבעט איצט איבער גרויסע ווערק — דער אונטערצי פונעם לעבן און פיליאָריקער ארבעט פונעם גע־דאנק. דערויף מוז איך קאָנצענטרירן א ל ע כ ו ח ו ת. אויף דאָס אָנצו־שרייבן, דאַרף מען דורכלעבן און דורכטראכטן א גאנץ לעבן, — און דאָס דאַרף מען טאָן. איך נעם אייך פעסט ארום.

פּ. קראָפּאָטקין.

אייער בריוו האָב איך איבערגעשיקט סאני שאפּיראָן.

## 12.

21טער דעצעמבער 1912.

מיין ליבער יאנאָווסקי:

כ'האָב די גאנצע צייט זיך געקליבן אייך שרייבן, נאָר איצט איז מיר דאָס געלונגען.

קודם כל וויל איך היים אָפּדאנקען אייך פערזענלעך און אלע חברים, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן איינאָרדענען אזא גרויסן מיטינג*). איך ווייס וויפל ארבעט דאָס פאָדערט. איך דאנק אייך, אלע פריינט און חברים פאר אייער גוטער, לי־בעספולער טעלעגראמע.

*) דער מיטינג, וואָס די ניו־יאָרקער „פרייע ארבעטער שטימע" האָט דורכגעפירט לכבוד קראָפּאָטקינס 70סטן געבורטסטאָג.

איז צו אייך אָנגעקומען אין צייט מיין טעלעגראַמע צום מיטינג? דאָ, אין פּאָסט, האָט דער באַאַמטער צוגערעדט מיין פרוי, צו שיקן די טעלעגראַמע אויפן ביליגערן טאַריף.

איך לייג דאָ צו די ענגלישע בריוו, וואָס איך בעט אייך, זייט אַזוי גוט צו איבערזעצן און אָפּדרוקן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע"*). איך וואָלט זי שוין לאַנג באַדאַרפט אָנשרייבן, נאָר ערב מיין געבורטסטאָג איז אַהערצו געקומען צופאָרן אַ רוסישער מאַלער, וועלכער האָט זייער געלונגען (אַזוי זאָגט מען) אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון וויערא פיגנער**), וואָלכאָווסקין***) און אַנדערע, און וויערא ניקאָלייעוונא האָט מיך געבעטן אומבאַדינגט לאָזן דעם מאַלער אויסמאָלן מיין בילד****). איך האָב איר צוליב געטאָן און ביזן 7טן האָב איך געמוזט פּאָזירן, און דערנאָך האָב איך זיך אוועקגעלייגט, זיך פאַרקילט, — און בין ערשט היינט אויפגעשטאַנען.

כ'וועל אייך זאָגן אַ בשורה, וואָס וועט אייך און אַ סך אַנדערע חברים דערפרייען. פון רוסלאַנד, — איר האָט עס שוין מסתמא אַליין באַמערקט — האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פריש ווינטל, באַזונדערס פון זינט דעם אַרויסטריט פון די אַרבעטער נאָך דער לענאַר-שחיטה*****). די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן ריידן מיט אַן אַנדער טאָן. מען זעט — דאָס געדולד ביים עולם ענדיקט זיך. און די אַרבעטער — בראַווע חברה. באַטראַכט נאָר: 200.000 האָבן געשטרייקט נאָר אין מאָסקווע אַליין אין שייכות מיט דער לענאַר-שחיטה; אַזעלכע

---

*) די בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איינעם פון די דעצעמבער נומערן פון „פרייער אַרבעטער שטימע" אין 1912.

**) וויערא ניקאָלייעוונא פיגנער (געבוירן אין 1852) אַ באַוואוסטע רוסישע רעוואָלוציאָנערקע, אַקטיווע אָנטיילנעמערין אין דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אין 1884 איז זי פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, וואָס מען האָט איר פאַרביטן אויף פעסטונג. די שטראָף איז זי אָפּגעזעסן אין דער באַרימטער שליסלבורג פעסטונג, פונוואַנען מען האָט זי אין 20 יאָר אַרום אין 1904 פאַרשיקט קיין אַרכאַנגעלסק.

***) פעליקס וואָלכאָווסקי — אַ רעוואָלוציאָנער-נאַראָדניק, רעוואָלוציאָנערער שרייבער. געווען פאַרמישט אין ניעטשייעווס פּראָצעס, און אין דעם פּראָצעס פון די 193. אין דער צייט, ווען וועלכער קראָפּאָטקין שרייבט, האָט ער געוואוינט אין לאָנדאָן און געווען רעדאַקטאָר פון דעם פאָנד פון דער פרייער רוסישער פּרעסע.

****) אַ מאַלער, וועמענס נאָמען קראָפּאָטקין דערמאָנט ניט, נאָר דאָס איז מסתמא געווען פּאַסטערנאַק.

*****) די באַוואוסטע אין דער געשיכטע לענאַר שחיטה איז פאָרגעקומען דעם 4טן אַפּריל 1912, איי באָדאַיבאָ, סיביר, וואו די אַרבעטער אויף די גאָלד מינען פון דער לענאַר-קאָמפּאַניע האָבן דערקלערט אַ שטרייק. מען האָט קעגן זיי אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דערשאָסן 270 אַרבעטער און 250 פאַרוואונדעט.

שטרייקן זיינען געווען אומעטום, און דערנאָך — ווידער שטרייקן צוליב די טויט־אורטיילן פאַר די סעוואַסטראָפּאָלער מאַטראָסן*).

די געהויבענע שטימונג האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער באַציאונג צו מיר. מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אין איין וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט פאַרבאָטן די מיטגלידער צו האָבן באַציאונגען מיט מיר, און איצט קומען אָן טעלעגראַמעס פון אַלע עקן רוסלאַנד; און די צייטונגען (לפּחות פון דער הויפּטשטאָט) האָבן וועגן מיר געשריבן און פריי געדרוקט מיינע בריוו. — און זעט, ס'איז נמאס געוואָרן צו לײַדן די זעלבסטהערשאַפט פון אַלערליי פּאַשאַס.

הפּנים, אַז די אַרבעטער־באַוועגונגען וועלן ווידער ברעכן דאָס אײַז פון דער רעאַקציע. האָט איר דערהאַלטן אַלע אונדזערע בראָשורן? איך האָב נאָרוואָס איבערגעלייענט די קאָרעקטור פון דער פינפטער — וואָל. זאַברעזשניעווס — „וועגן דעם אינדיווידואַליסטישן אַנאַרכיזם". אַלע פיר בראָשורן, מאַריאַ איסידראָוונאַס (קאָרן), אָרגעאַנים, קאַטשעגאַראָווס**) און זאַברעזשניעווס — זיינען, דאַכט מיר, זייער גוטע, ערנסטע און זיי וועלן צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן.

נו, כ'נעם אײַך פעסט אַרום און בעט אײַך, גיט איבער זאַלאַטאַראָוון, אַז איך דאַנק אים האַרציק — און אַלע אַנדערע חברים, וואָס שרייבן מיר, — פאַר זייערע ליבע בריוו. כ'וואָלט יעדן געוואָלט ענטפערן, נאָר ס'זיינען אָנגעקומען איבער 400 בריוו און טעלעגראַמעס!

האַרציק אײַערער

פּיאָטר קראָפּאָטקין.

.13

סעפּטעמבער 14, .1914

מיין טײַערער יאַנאָווסקי.

איך באַגריס אײַך מיטן גאַנצן האַרצן צו אײַער 50סטן געבורטסטאָג, און אײַך מיט אײַערע חברים מיטן 25טן יובילײַ פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע"***). איך ווייס, וואָס עס הייסט אַרויסגעבן אַ צייטונג, און וויפל עס פאָדערט זיך מי, קענטעניש, שלאָפלאָזע נעכט און, נאָכמער, אויפמערקזאַמקייט צו די

---

*) די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרמשפּט די מאַטראָסן, אַנטיילנעמער אינעם. אויפשטאַנד פון דעם פלאָט אויפן שוואַרצן ים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד פון רומעניע וואוהין זיי זיינען אַנטלאָפן נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן.

**) קאַטשעגאַראָוו — אַפּאָלאָן אַנדרייעוויטש קאַרעלין. אַ באַוואוסטער רוסישער אַנאַרכיסט־געמיינדעניק, געבוירן אין 1864, געשטאָרבן דעם 20טן מערץ 1926 איז מאָסקווע.

***) דאָס איז קראָפּאָטקינס טעות, — ס'איז געווען דער 15טער יובילײַ.

אָנפראגן פון די חברים וועגן די טאָג-פראגן. און, וויסנדיק דאָס, דריק איך פון גאנצן הארץ די האנט אייך און אלע, ווער ס'האָט געארבעט מיט אייך, און ווינטש אייך נאָך א לאנג לעבן און גוטן, ערלעכן און אומאָפּגעשוואכטן קאמף פאר דער באפרייאונג פון אלע פון דער איצטיקער שקלאפעריי, פאר גלייכהייט און פארן פארטיליקן די מאכט פון קאפיטאל און שטאָט.

שווערע צייטן לעבן מיר איבער. יעדער שפאן, וואָס עס דערהאָבערט די דאָזיקע אָרדע הונען, וואָס איז אָנגעפאלן אויף פראנקרייך און בעלגיע, יעדער שטאָט, יעדער דערפל, וואָס זיי האָבן פארברענט און באראבעוועט, יעדער משפחה, וואָס זיי האָבן פארטריבן פון איר היים, רופט זיך אָפּ מיט א שארפן ווייטיק אין הארצן. יעדער דערפל, וואָס זיי האָבן פארוויסט, און יעדע פרוי וואָס זיי האָבן געשענדעט, רופט צו נקמה!

ווען ניט די יאָרן, און ווען ניט די צעפוילטע לונגען — וואָלטן מיר דאָ ניט געזעסן! זאָגט דאָס די חברים. פונקט ווי אין 1870-71 האָבן באקונין, גאריבאלדי, ליבקנעכט דער פאָטער, בעבעל און אלע דענקנדיקע מענטשן פארשטאנען, אז דאָס צעשלאָגן פראנקרייך וועט ברענגען פאר אייראָפּע א האלבן יאָרהונדערט פון שטילשטאנד, מיליטאריזם, דעם זיג פון דער פראָפיט-זשעדנער בורזשואזיע אין א רעגרעס און דעם גאנצן גייסטיקן לעבן פון אייראָפּע, — אזוי אויך איצט דארפן מיר ווערן די מבשרים פון די זעלבע אמתן און רופן אלעמען צו פארטיידיקן פראנקרייך און בעלגיע. די איטאליענער און גאריבאלדיס דריי אייניקלעך, ניט האלטנדיק קיין הויכקלינגענדיקע רעדעס, האָבן גענומען די ביקסן אין די הענט, און אין דעם איטאליענישן לעגיאָן שלאָגן זיך שוין 3000 פון זיי פארן רעכט פון די פעלקער ניט צו ווערן געטראָטן פון די בארבארן-דערהאָבערער.

איך נעם אייך פעסט ארום. סאָניא שיקט אייך א הערצלעכן גרוס.

פיאָטר קראָפּאָטקין.

# צו פראַנסואַ דיומאַרטע

בריטאַן, מאי 21, 1917.

מיין טייערער פריינט!

איך קען גאָרנישט אַרויסזאָגן, ווי גליקלעך איך בין געווען צו זען אייערע שורות און לייענען אייערע בריוו! יאָ, טייערער, אַלטער פריינט, עטוואָס גרויסעס האָט פּאַסירט אין רוסלאַנד, און — דאָס איז, ווי איך מיין — אַן אָנהויב פון נאָך גרעסערע פּאַסירונגען.

אָט די רעוואָלוציע האָט אָן ספק געהאַלטן אין קומען די לעצטע אַכצן חדשים. אָבער וואָס עס האָט מיך אַמשטאַרקסטן עמאָציאָנירט — איז דער טיף-קלאָרער פאַרשטאַנד פון די מאַסן פּויערים און אַרבעטער, וואָס באַגרייפן די פולע וויכטיקייט פון דער באַוועגונג, און איר פאַרשפּרעכן.

דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען צוגעגרייט געוואָרן זינט 1861, ווען — אונטער דעם איינפלוס און ווירקונג פון די רוסישע אַנטלאָפענע קיין לאָנדאָן און די רעשטלעך פון די פוריע־קרייזן אין רוסלאַנד (ווי למשל טשערנישעווסקי און אַנדערע) — איז אָנגעפירט געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין די פאָלקס־מאַסן גופא. פון יענער צייט אָן האָבן פּראָפּאַגאַנדע־גרופּעס זיך צעשפּרייט איבער די דער־פער און אין די פאַבריקן, נאָכפאָלגנדיק איינע די אַנדערע פון יאָר צו יאָר. דאַן איז געקומען דאָס אויפברויזנדיקע יאָר 1881 און שפּעטער דער פאַרזוך אין 1905, און ענדלעך די איצטיקע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן צוגרייטן זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה. און איר דאַרפט פאַרשטיין, חברים פון דער יורא, אַז מיר קלייבן זיך פאָרן אין רוסלאַנד, נישט צו פאַרנעמען וועלכע נישט איז רעגירונגס־שטעלע, ניין! סאָפיא, טשערקעזאָוו און איך דענקען, אַז מיר קענען זיין נוצלעך. איך זע, אַז אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן גרויסע מעג־לעכקייטן צו טאָן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין דער ריכטונג פון קאָמונאַלן קאָמו־ניזם. דער מלחמה־אומגליק, שטופּט די געזעלשאַפט אין דער ריכטונג, און זי אַליין — די געזעלשאַפט, — וועלכע וואָלט מיט דריי יאָר צוריק געקעמפט קעגן יעדן קאָמוניסטישן פאָרשלאָג, פאָדערט היינט: טו! קעמף, סאָציאַליזיר דעם אויסטויש און די פּראָדוקציע! ווי עס זעט אויס, איז אין רוסלאַנד אַ סך אויפ־געטאָן געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן אין דער ריכטונג, נישט דורך דער רעגירונג, ווי אין ענגלאַנד, נאָר דורך פרייער פאַרשטענדיקונג פון אַלערליי ספּאָנטאַנע אָר־גאַניזאַציעס. דאָס, וואָס מען האָט אונז פאָרגעוואָרפן אַלס אַן אוטאָפּיע, איז

אויף א גרויסן מאסשטאב פארווירקלעכט געוואָרן אין רוסלאַנד. (און דאָס, וואָס דירט אָן, אמווייניקסטנס, דעם פרייעם גייסט פון אָרגאַניזאַציע, אויסערהאלב דעם שטאַט און דער שטאָט-פארוואלטונג, מוז מען צושרייבן דעם פאקט, וואָס אין מאָסקווע האָט די רעוואָלוציע געקענט דורכגעפירט ווערן אָן בלוט-פארגיסונג, אָן פארלוסט פון מענטשלעכע לעבנס). די פרייע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אנט־שטאַנען אין דער צייט פון מלחמה אויפצופאַסן אויף די פארוואונדעטע, צו פאר־טיילן עסנווארג, צו באַזאָרגן מיט אלע מיטלען, ווי אויסלאַדן און אָנלאָדן פאר־שידענע סחורות פארן אלגעמיינעם געברויך האָבן אויך דעם צווייטן מאָרץ פאר־נומען די ערטער פון די אלטע טשינאָווניקעס, פּאָליציי, א. ז. וו. זיי האָבן גע־עפנט די טורמעס, פּראָקלאַמירט אז די אלטע רעגירונג עקזיסטירט נישט מער און האָבן פארטריבן די פּאָליציי, די נידעריקע ווי די העכערע.

ווי אזוי אין די פּראָווינצן ווען די פּויערים פארכאַפּן די ערד און אין די שטעט די פאַבריקן — איז מיר נישט באַקאַנט... דאָס וועלן מיר נאָך זען... אָבער צו דעם איז נויטיק אז אלע כוחות זאָלן זיך נעמען צו דער ארבעט, כדי צו פארהיטן אז די פארדאמטע דייטשע מערדער זאָלן נישט פּראָפיטירן דערפון און נאָכאמאָל וועלן ארויפזעצן די מאָנאַרכיע און דעם דרייבונד פון די דריי אימפּעראַטאָרס.

דאָס וועט זיין א אומגעהויערע אויפגאַבע. עס איז נויטיק צוצולייגן דעם אַקסל צום וואָגן, מיר פאָרן אהין מיט דער גאַנצער באַגייסטערונג פון דער יוגנט.

מיר זיינען געזונט. סאָפיא — טראָגט אירע 60 יאָר — האַלט אויס אלע אָנ־שטרענגונגען אויסערגעווענלעך. די לעצטע דריי וואָכן האַלטן מיר אין איבערקלייבן אלערליי פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט, און אלטע אנטיקן, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין די דרייסיק יאָר, וואָס מיר וואוינען אין ענג־לאַנד. איר קאָנט זיך פּאָרשטעלן, וואָס פאר אן ארבעט דאָס איז געווען. ענדלעך האַלטן מיר שוין ביים סוף. איר ווייסט דאָך, אז נאָך דער אָפּעראַציע — אייגנט־לעך צוויי אָפּעראַציעס — האָב איך זיך געמאַטערט א גאַנץ יאָר, נישט קענענ־דיק גיין, כ׳האָב געמוזט באַנוצן א רייט-שטול, אָבער איצט איז מיר שוין בע־סער; אויסער דעם וואָס די לונגען זיינען ביי מיר אָנגעגריפן און איך בין אין געפאַר צו באַקומען ניומאָניע, און די דאָקטוירים האָבן מיר פארבאָטן צו אונ־טערנעמען אזא שווערע רייזע, ווייל איך קומען קיין רוסלאַנד איידער דער ווינטער הויבט זיך אָן. איצט וואַרט איך אף דער שיף, וואָס וועט ערשט ארויספאָרן סוף יוני.

מיט א געפיל פון טרויער פארלאָז איך אייך, מיינע טייערע פריינט! ווען איך דערמאָן זיך יענע צייט, ווען מיר האָבן צוזאַמען פארבראַכט, וויל איך אייך אלעמען ארומנעמען ליבלעך, און דאָס מוז — זעט איר דאָך — געטאָן ווערן דורך א בריוו.

אייער פּיאָטר.

# קראָפּאָטקין און די רוסישע רעוואָלוציע

## פּיאָטר קראָפּאָטקין

# דער אידעאַליזם און די רעוואָלוציע

(דאָס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן בעת דער רוסישער רעוואָלוציע.)

אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע טרעט אַרויס איין קלאָר באַשטימטע פֿאַקט. פֿאַר די לעצטע דריי יאָרהונדערטן, יעדע 130-140 יאָר, קומט אין איינע פֿון די אייראָפּעאישע לענדער פֿאַר א גרויסע איבערקערעניש, וועלכע גיט נאָכדעם, אין די נאָכפֿאָלגנדיקע איבער הונדערט יאָר (פֿיר דורות, ווי עס זאָגט דער איטאַליענישער היסטאָריקער פֿעראַרי), די ריכטונג פֿאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פֿון געדאַנק.

איבערלאָזנדיק די גאָר פֿריערדיקע פּעריאָדן פֿון אָנהויבנדיק פֿון דער ענגלישער רעוואָלוציע פֿון 1648 זעען מיר, אַז ענגלאַנד האָט ביז דער סאַמע פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע געגעבן די מער פֿאָרגעשריטענע לענדער איר לאָזונג: פֿולשטענדיקע רעליגיעזע פֿרייהייט, דאָס רעכט פֿון יעדן אויסצוטייטשן די ביבל, ווי ער פֿאַרשטייט; די אַנטוויקלונג פֿון פֿרייע, אָרטיקע, שטאָטישע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס — מאַכנדיק די געמיינדע אַלס די פֿונדאַמענטאַלע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע איינהייט — און א קאָנסטיטוציאָנעלע אָרט־פֿאַרוואַלטונג. מיט די דאָזיקע לאָזונגען האָבן זיך באַגייסטערט אויף יענער זייט ים די יונגע ענגלישע אויסוואַנדערער אין צפֿון־אַמעריקע, און אין אייראָפּע די פֿילאָזאָפֿיע פֿון די שאָטלענדישע ענציקלאָפּעדיסטן, און נאָכהער אויך א גאַנץ לאַנד — פֿראַנקרייך.

אין 1789 האָט זיך אָנגעהויבן אין פֿראַנקרייך איר גרויסע רעוואָלוציע און זי האָט נישט נאָר אָנגענומען די לאָזונגען, וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פֿון ענגלאַנד, נאָר מיט דער איינגעאייגנטער פֿאַר דעם פֿראַנצויזישן שכל לאָגישקייט, ד"ה אויסגעהאַלטנקייט און סיסטעמאַטישקייט, האָט זי געזוכט דורכצופֿירן אין לעבן „די רעכטן פֿונעם מענטשן" — ד"ה די פּאָליטישע גלייכהייט פֿון אַלעמען פֿאַרן געזעץ, די פֿאַרניכטונג פֿון אַלע אָפּגעלעבטע רעשטלעך פֿון פֿעאָדאַלן און לייבאייגנשאַפֿט רעכט, א פֿאָרשטייער־סיסטעם פֿון רעגירונג מיט אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, און, ענדלעך, די אויטאָנאָמיע פֿון דאָרפֿישע און שטאָטישע געמיינדעס. די דאָזיקע אויטאָנאָמיע האָט זיך ,נאָך אַלעמען, פֿראַנק-

רייך נישט איינגעגעבן דורכצופירן אין לעבן, אזוי ווי איר איז פון די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע אויסגעקומען ארויסצוטרעטן אין א פארצווייפלטן קאמף, אויף לעבן און טויט, מיט אלע הערשער פון אייראָפּע, און אויף אזא אופן איבערגיין פאר א צייט פון א דעמאָקראטישער רעפובליק צו א אימפעריע; דאָס גלייכן איז איר אויך אויסגעקומען אויסצוהאלטן א שווערן קאמף מיט דער קא־טוילישער קירכע, וועלכע האָט מיט דער הילף פון עסטרייך, די דייטשע מלוכה־לעך און ענגלאנד אויפגעהויבן גאנץ גרויסע געגנטן קעגן דער רעפובליק און קעגן דער פילאָזאָפישער רעליגיע, וועלכע זי האָט געזוכט דורכצופירן אין לעבן, אין וועלכער די גרעסטע מאָראלע באגרינדונג פאר גלייכהייט, ברידערלעכקייט און ליבע צום פאָטערלאנד זענען געווען די שלום־פאָלגן פון באָאבאכטונגען פון דער נאטור, און דעם מענטשלעכן שכל.

פאר דעם אויבערפלעכלעכן באָאבאכטער האָט די פראנצויזישע רעוואָלו־ציע, וואו נאפּאָלעאָנס אימפעריע האָט גיך פארביטן דעם רעפובליקאנישן רע־זשים, באוויזן נאָר די נוצלאָזיקייט פון דער רעוואָלוציע; אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דער גאנצער 19־טער יאָרהונדערט געווען א פארווירקלעכונג אין איי־ראָפּע פון די גרונדלאגן, וואָס זענען פּראָקלאמירט געוואָרן אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציע: די גלייכהייט פון אלע בירגער פארן געזעץ, די פארניכטונג פון די רעשטלעך פון דער פעאָדאלער אָרדענונג און א פאָרשטייערשאפט־רעגי־רונג אומעטום. די לאָזונגען האָבן די פראנצויזישע סאנקיולאָטן, און שפּעטער צו אויך נאפּאָלעאָן, פונאנדערגעטראָגן אויף זייער דריי־קאָלירטער פאָן, פאר־ניכטנדיק דאָס לייב־אייגנשאפט־רעכט אין איטאליע, שפּאניע, אין די דייטשע מלוכהלעך און עסטרייך, איינפירנדיק אונטער נאפּאָלעאָנס נאָמען דעם געזעץ־קאָ־דעקס, וועלכער איז אויסגעארבעט געוואָרן פון קאָנווענט, פארניכטעט די קלאסן־פּריווילעגיעס, און געמאכט א סוף צו די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע אין די קאטוילישע לענדער.

צום אומגליק האָט די דאָזיקע כוואליע זיך דערקייקלט צו רוסלאנד ערשט ד'עמאָלט, ווען אין פראנקרייך האָט שוין געהערשט דער אימפּעראטאָר און די רעפובליקאנישע ארמיי האָט זיך פארוואנדלט אין א געמיש פון פארמאציעס פון גאנץ פארשידענע פעלקער.

און אָט איצט האָט די אלוועלטלעכע געשיכטע ארויפגעלייגט אויף רוסלאנד די שווערע אויפגאבע צו דורכפירן א נייע רעוואָלוציע, פארשפּרייטנדיק ווייטער אויף מזרח די זעלבע „מענטשן־רעכט" און צוגעבנדיק צו זיי די ירושה פון דעם 19טן יאָרהונדערט — דאָס לייזן די סאָציאלע פראגע, סיי פאר די פּויערשע מאסן, סיי פאר דער שטארק צעוואקסענער שטאָטישער באפעלקערונג און איר נאטיר־לעכן רעזולטאט — פון דעם פּראָלעטאריאט. פונקט ווי פראנקרייך האָט אין איר רעוואָלוציע געמוזט גיין א סך ווייטער פון ענגלאנד און אוועקשטעלן שארף די

פראגע פון פארניכטן דעם ערד־פעאָדאַליזם — און דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין פראנקרייך בעת אין ענגלאַנד עקזיסטירט ער נאָך ביז איצט, — פונקט אזוי וועט רוסלאנד דארפן דורכפירן אין לעבן צווישן איר פארשידן־פעלקערלעכער באפעלקערונג ניט נאָר דאָס באפעסטיקן די „מענטשן־רעכט" און די פארניכ־טונג פון דעם ערד־פעאָדאַליזם, נאָר זי וועט אויך דארפן לייזן די עקאָנאָמישע פראגן, וואָס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן פאר דער מענטשהייט אין דעם 19טן יאָרהונדערט. די אויפגאבע איז אן אומגעהייערע, ווארשיינלעך איבער די כוחות פאר דעם רוסישן פאָלק, אויב ס'וועלן אים אין דעם ניט שטיצן די פעלקער פון מערב, וואָס האָבן שוין ביי זיך געמאכט צוויי רעוואָלוציעס, ד. ה. ענגלאנד און פראנקרייך, נאָר א גאנץ אומפארמיידלעכע אין די איצטיקע באדינגונגען פון דעם עקאָנאָמישן לעבן.

די אויפגאבע, וואָס רוסלאנד האָט פאר זיך ווערט נאָך קאָמפליצירטער דער־מיט, וואָס אונדז קומט אויס צו מאכן אונדזער רעוואָלוציע אין דער צייט פון א גרויזאמער מלחמה אין וועלכער מיר דארפן זיך שלאָגן ניט מיט נישטיקע ארמייען פון די באזונדערע דייטשע פירשטנטומס, ווי דאָס האָט געטאָן פראנקרייך, נאָר מיט גרויסע קרעפטן פון צוויי אימפעריעס, וועלכע פארמאָגן צוזאמען א באַ־פעלקערונג פון 120 מיליאָן מענטשן, א שטארק אנטוויקלטע אינדוסטריע און זיינען דערצויגן געוואָרן אין די לעצטע 30 יאָר צום דראנג אויף מזרח.

נאָר ס'איז דאָ נאָך א זאך, וואָס שטעלט אוועק רוסלאנד אין אסך אן ערגע־רער לאגע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען ענגלאנד און פראנקרייך אין דער צייט פון זייערע רעוואָלוציעס — און דאָ פאָדערט זיך פון די בעסערע מענטשן אין רוסלאנד די העכסט־עקשנותדיקע כוחות־אָנשטרענגונג אויף זיך קעגנצושטעלן דער דעמאָראַליזירנדיקער ווירקונג פון דעם דאָזיקן פאקטאָר, וועלכן ס'האָבן ניט געקאָנט ניט ענגלאנד, ניט פראנקרייך.

ביידע רעוואָלוציעס, זיך שטעלנדיק באשטימטע עקאָנאָמישע צילן, זיינען גלייכצייטיק געווען באלעבט פון א הויכן מאָראַלן אידעאל.

די ענגלישע רעוואָלוציע איז אין א גרויסער מאָס געווען א רעוואָלוציע פון דעם פאָלקס־געוויסן. אלס פראָטעסט קעגן דער דעמאָראַליזאציע פון דעם קאטוילישן קלער, האָט זי ארויסגעשטעלט שטרענג מאָראַלע אידעאַלן — דעם פוריטאניזם. איר שנאה איז געווען געריכטעט סיי צו דער אויסגעלאסנקייט פון דעם קעניגלעכן הויף און די העכערע קלאסן, סיי צו זייער פאָליטישער העגע־מאָניע. זי איז געווען באלעבט אזוי פון מאָראַלן אידעאל, ווי פון דעם אידעאל פון פאָליטישער און עקאָנאָמישער גלייכקייט.

פונקט אזוי האָט די פראנצויזישע רעוואָלוציע זיך געשטעלט אלס ציל ניט

נאָר די פאַרניכטונג פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קלאַסן־פּריווילעגיעס, נאָר אויך דאָס פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם אידעאַל פון דער מענטשלעכער מיט־אַרבעטערשאַפט.

די פילאָזאָפיע פון דעם 18טן יאָרהונדערט איז געווען דורכגעדרונגען פון דעם אידעאַל פון מענטשלעכער קעגנזייטיקייט. כאָטש זי האָט ארויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון עגאָאיזם, האָט זי אָבער פאַרשטאַנען דעם עגאָאיזם אלס באַוואוסטזיין פון דער שכלדיקער סאָלידאַריטעט פון אַלע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט. און אויב צווישן די מער־פאַרמעגלעכע קלאַסן האָט האַלבאַרס פּריידיקן דעם ענגאָאיזם אין זיין באַגרענעצטן זין געהאַט דערפאָלג, איז צווישן די אַרבעטער־מאַסן דער באַליבטער פילאָזאָף געווען רוסאָ מיט זיין פּריידיקן הומאַניזם און סאָלידאַריטעט און די הויך־מאָראַלישע געזעלשאַפטלעכע לערע. אין דעם זעלבן גייסט האָבן דעמאָלט געפּריידיקט די פראַנק־מאַסאָנען (פריימויערער), צו וועלכע ס'האָבן באַלאַנגט אַלע מער־וויניקער אָנגעזעענע טוער פון דער רעוואָלוציע און וואָס האָט געגעבן דער רעוואָלוציע איר לאָזונג: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

צום באַדויערן, ניט־קוקנדיק אויף די מערקווירדיקע אַקטן פון זעלבסט־אויפּאָפּפערונג, וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זיינען באַגאַנגען אין דעם צוגרייטונגס־פּעריאָד, ניט קוקנדיק אויפן הויכן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, וואָס האָט זיי באַלעבט, זעען מיר ווי איצט נעמט די אויבערהאַנט די לערע, וואָס טריפט לאַנגזאַם אריין אין אונדזער לעבן אין דעם לעצטן צענדלינג יאָר — די לערע וועגן דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. דערביי ווערט די דאָזיקע לערע פאַרשטאַנען ניט אין דעם זין, ווי ס'האָבן זי פאַרשטאַנען די בלאַנקיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך, ווען זיי האָבן זיך אָנגערופן קאָמוניסטן־מאַטעריאַליסטן, פאַרשטייענדיק אונטער דעם קאָמוניזם ניט די מאַנאַכן־געמיינדעס און די פּאַראַגוויייער יעזואיטן מיט קאָלאָניעס פון קנעכט, נאָר קאָמונעס „דע פאַקטאָ”, אינדעראַמתן, וואָס גיבן אַלעמען ניט נאָר אַ מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, נאָר אויך אידייאישע אומאָפּהענגיקייט. אין דער לערע פון דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, איז דער דאָזיקער באַגריף וועגן דעם מאַטעריאַליזם פאַרלוירן געגאַנגען.

דער זין, וואָס זי האָט באַקומען אין דער לערע פון פוריעס נאָכפאָלגער, איז אויסגעלאָכט געוואָרן אלס אוטאָפּיסטישע לערער און אויף זיין אָרט האָט גענומען די אויבערהאַנט דער באַגריף וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אלס די אומגעצוימטקייט פון די פערזענלעכע באַגערן פון אַ מין שטירנעריאַנער און ני־טשעאַנישע אויבערמענטשן פון דעם נידעריקסטן סאָרט. אין אָט דעם פעלן פון אַ הויך־באַגייסטערנדיקן אידעאַל אין דער רוסישער רעוואָלוציע ליגט דער גאַנצער

חילוק צווישן איר און די פריערדיקע רעוואָלוציעס. ס׳בלייבט נאָר איין זאַך — לעבן מיט דער האָפענונג, אז אזא כאראקטער האָט די רעוואָלוציע אָנגענומען נאָר אונטער דער פאַרדארבנדיקער ווירקונג פון די לעצטע יאָרן פון דער וואַקסבאַנאַליע פון דער זעלבסטהערשאַפט, און אז דער געזונטער פאַרשטאַנד פון דעם רוסישן פאָלק וועט נעמען די אויבערהאַנט און זיך באַפרייען פון דער דאָזיקער מכה, וואָס דראָעט צו לאָזן אָן כוחות די רוסישע רעוואָלוציע און זי מאַכן פרוכטלאָז.

## אַ בריוו צו געאָרג בראַנדעסן*)

ענדלעך האָב איך די געלעגנהייט אייך צו שרייבן און איך אייל מיך זי אויסצונוצן, נישט זייענדיק, אייגנטלעך, זיכער, אז די בריוו וועט דערגיין צו אייך.

מיר דאַנקען אייך ביידע הארציק פאַר דעם ברידערלעכן אינטערעס, וואָס איר האָט ארויסגעוויזן אין באַצוג צו אַן אַלטן פריינט ווען ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן מיין ארעסט. דאָס איז געווען אַן אַבסאָלוט פאַלשער קלאַנג, פונקט ווי די מעשיות וועגן מיין געזונט.

די פּערזאָן וואָס וועט אייך איבערגעבן די דאָזיקע בריוו, וועט אייך באַשרייבן דאָס אַבסאָלוט אָפּגעזונדערט לעבן, וואָס מיר פירן אין אונזער פּראָווינציעלן שטעטל; אין מיינע יאָרן איז פיזיש נישט מעגלעך צו נעמען אַן אַנטייל אין די געזעלשאַפטלעכע ענינים אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע, און זיך פאַרנעמען מיט זיי דילעטאַנטיש ליגט נישט אין מיין נאַטור. פאַריקן ווינטער, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין מאָסקווע, בין איך געווען פאַרנומען צוזאַמען מיט אַנדערע מיטאַרבעטער אין אויסאַרבעטן די עלעמענטן פון אַ פעדעראַליסטישער רעפּובליק. נאָר די דאָזיקע גרופּע האָט געמוזט זיך צעשיידן און איך האָב זיך באַנייעס גענומען צו דער ארבעט איבער דער עטיק, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן מיט אַ פּופצן יאָר צוריק אין ענגלאַנד.

דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן פאַר אייך איצט טאָן — איז אייך געבן אַן אַלגעמיין בילד וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד, וועגן וואָס מען האָט אויף מערב נישט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג. מעגלעך אז אַן אַנאַלאָגיע וועט דאָס מאַכן קלאָר. מיר לעבן איצט איבער אַ פּעריאָד, ענלעך צו דעם, וואָס פראַנקרייך האָט

---

*) די בריוו דרוקן מיר איבער פון דעם זאַמלבוך „קראָפּאָטקין און זיין לערע”, וואָס איז שינעז איז רוסיש, אין 1931 אין טשיקאַגאָ צו קראָפּאָטקינס 10טן יארצייט, אונטער ג. מאַקסימאָוום רעדאַקציע

איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער יאַקאָבינישער רעוואָלוציע פון סעפּטעמבער 1792 ביז יולי 1794, מיט דעם חילוק, וואָס איצט לייגט די רעוואָלוציע זיך דורך א וועג.

דער דיקטאַטאָרישער מעטאָד פון די יאַקאָבינער טויג צו גאָרנישט. ער האָט נישט געקאָנט באַשאַפן קיין סטאַבילע אָרגאַניזאַציע און האָט לויט זיין מהות דערפירט צו א רעאַקציע. פונדעסטוועגן האָבן די יאַקאָבינער אין יולי 1793 געמאַכט א סוף צו די פעאָדאַלע רעכטן, וואָס מען האָט שוין געהאַט דערלאַנגט א קלאַפּ אין 1789, נאָר וועלכן נישט די גרינדונגס- און נישט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגען האָבן געוואָלט פאַרענדיקן. די יאַקאָבינער האָבן בקול רם פּראָקלאַמירט די פּאָליטישע גלייכקייט פון אַלע בירגער. במשך פון דעם 19טן יאָרהונדערט זיינען אין אייראָפּע פאָרגעקומען אַזעלכע טיפע ענדערונגען, וואָס מען קאָן גאָרנישט אָפּמעסטן.

ענלעכעס צו דעם קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד. די באָלשעוויקעס באַמיען זיך איצט דורכצופירן, מיט דער הילף פון דער דיקטאַטור פון איין פּראַקציע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, די סאָציאַליזאַציע פון דער ערד, פון דער פּראָדוקציע און פון דעם האַנדל. די ענדערונג, וואָס זיי באַמיען זיך דורכצופירן, איז דער גרונט-פּרינציפּ פון דעם סאָציאַליזם. צום אומגליק מאַכט דער מעטאָד, דורך וועלכן זיי ווילן איינפירן דעם קאָמוניזם אין א שטאַרק צענטראַליזירטער מלוכה, וואָס דערמאָנט אין באַבעפס קאָמוניזם, פּאַראַליזירנדיק די שעפערישע אַרבעט פון דעם פאָלק, — אַבסאָלוט אוממעגלעך דעם דערפאָלג. דאָס פירט אונז צו א ווילדער, ביטערער רעאַקציע. זי האַלט זיך שוין אין אָרגאַניזירן, כדי צוריקשטעלן דעם אַלטן רעזשים אויסנוצנדיק דערצו די אַלגעמיינע דערשעפּטקייט, וואָס ס'האָט גורם געווען, קודם כל, די מלחמה, דערנאָך דער הונגער, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין צענטראַל-רוסלאַנד, און די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און האַנדל, וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין אַן אַלץ-אַרומנעמענדיקער רעוואָלוציע, וואָס מען מאַכט דורך דעקרעטן.

אין מערב-אייראָפּע רעדט מען וועגן צוריקשטעלן די „אָרדענונג" אין רוסלאַנד דורך א באַוואָפנטער אינטערווענץ פון די פאַרבינדעטע. און איך, טייערער פריינט, איז באַוואוסט, ווי פאַרברעכעריש ס'איז געווען, לויט מיין מיינונג, אין באַצוג צום סאָציאַלן פּראָגרעס פון אייראָפּע, די ראָל פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט צו דעזאָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד-כוח פון רוסלאַנד, — וואָס דאָס האָט פאַרלענגערט די מלחמה אויף נאָך א יאָר, אונז געגעבן, אונטערן מאַנטל פון אַן אָפּמאַך, די דייטשע אָקופּאַציע, און געקאָסט טייכן בלוט אויף צו שטערן דער זיגערישער דייטשלאַנד צו צוטרעטן אייראָפּע אונטער איר אימפּעריאַליסטישן שטיוול. איך זיינען גוט באַוואוסט מיינע געפילן אין דער הינזיכט.

און דאָך פּראָטעסטיר איך מיט אַלע מיינע כוחות קעגן וועלכער ס'נישט

איז אריינמישונג אין די רוסישע עגינים. די דאָזיקע אינטערווענץ וואָלט נאָר פארשטאַרקט דעם רוסישן שאָוויניזם. זי וואָלט אונז דערפירט צו א אולטראַ-נאַצאָנאַליסטישער מאָנארכיע — סמנים פון וועלכער מען באַמערקט שוין — און וואָלט ארויסגערופן, נעמט דאָס אין אכט, ביי די ברייטע רוסישע פאָלקס-מאַסן א פיינטלעכע שטימונג צו מערב-אייראָפּע, וואָס וואָלט געבראַכט די טרויעריקסטע רעזולטאַטן. די אמעריקאַנער האָבן דאָס שוין אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען.

אפשר מיינען זיי, אז העלפנדיק דעם אדמיראל קאָלטשאַק און דעם גענעראל דעניקין*) העלפן זיי דער ליבעראלער, רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. איז דאָס א טעות. וועלכע ס'זאָלן נישט זיין די פּערזענלעכע צילן פון די צוויי קריגס-קאָמאַנדירן, האָט די מערהייט פון די, וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום זיי, אנדערע צילן. דאָס, צו וואָס זיי וועלן אונז דערפירן, וועט זיין דער אומפאַרמיידלעכער צוריקקער צו דער מאָנארכיע, צו דער רעאַקציע, צו טייכן בלוט.

די יעניקע פאַרבינדעטע, וועלכע באַגרייפן קלאָר די געשעענישן, וואָלטן זיך באַדאַרפט אָפּזאָגן פון וועלכער ס'נישט איז באוואָפנטער אינטערווענץ. בפרט אויב זיי ווילן באמת העלפן רוסלאַנד, וועלן זיי געפינען אָן א שיעור ארבעט אין אן אנדער ריכטונג.

אין אלע גרויסע צענטראַלע און צפונדיקע פּראָווינצן פעלט אויס ברויט. אויף צו קריגן א פונט שוואַרץ, קאָרן-ברויט אין מאָסקווע, אָדער דאָ אין דמיט-ראָוו — חוץ דעם פונט, אָדער א פערטל פונט אויף א מענטשן, וואָס די מלוכה גיט אַרויס אויף א הויכן, נאָר רעלאַטיוו באַשיידענעם פּרייז פון א רובל מיט 60 קאָפּיקעס פאַר א פונט (וואָס האָט דעמאָלט באַטראָפן אזעלכע פיר פראַנק) — מוז מען באַצאָלן פון 25 ביז 30 רובל, (אָדער פון 62 ביז 75 פראַנק) פאַר א פונט פון 420 גראַם. און אפילו פאַר דער פּרייז איז נישט גרינג צו באַקומען ברויט! דאָס — איז הונגער מיט אלע זיינע קאָנסעקווענצן. א גאַנצער דור קרענקט... און מען זאָגט אונדז אָפּ דאָס רעכט צו קויפן ברויט אין מערב-אייראָפּע! פאַרוואָס? אפשר צוליב דעם, כדי אונדז אומקערן עפּעס א ראָמאַנאָוו?

אויך פעלן ביי אונדז אין רוסלאַנד פאַבריק-סחורות. דער פּויער צאָלט משונהדיקע פּרייזן פאַר א קאָסע, פאַר א האַק, פאַר עטלעכע צוועקעס, פאַר א מעטער ציץ — טויזנט רובל (דעמאָלט איז דאָס געווען גלייך צו 2500 פראַנק), פאַר פיר מיט אייזן-באַצויגענע רעדער פון א שלעכטן רוסישן וואָגן. אין אוקריינע איז די לאַגע נאָך ערגער: דאָרט קריגט מען נישט קיין סחורה פאַר קיין שום פּרייז.

אויפן אָרט פון שפּילן די ראָל, וואָס עסטרייך און פּרייסן האָבן געשפּילט אין 1793 אין באַצוג צו פראַנקרייך, וואָלטן די פאַרבינדעטע באַדאַרפט אָנעמען

*) די באַוואוסטע אנפירער פון די רוסישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע ארמייען. — י. ס.

אלע מיטלען אויף צו העלפן דעם רוסישן פאָלק ארויסצוקריכן פון דער דאָזיקער שרעקלעכער לאגע. אייגנטלעך, ווען מען זאָל אפילו פארגיסן טייכן בלוט אויף אומצוקערן דאָס רוסישע פאָלק צו דער פארגאנגענהייט — וואָלט דאָס נישט געלונגען.

די פארבינדעטע וואָלטן אונדז באדארפט העלפן אויסארבעטן דאָס נייע צוקונפטיקע, קאָנסטרוקטיוו לעבן, די קאנטורן פון וועלכן מען זעט שוין אָן טראָץ אלעמען. קומט אומפארזאמט צו הילף אונזערע קינדער! קומט אונז העלפן אין דער נויטיקער שעפערישער ארבעט! זאָל מען אונז, צוליב דעם ציל, שיקן נישט קיין דיפּלאָמאטן און גענעראלן, נאָר ברויט, אינסטרומענטן אויף דאָס צו אויס־ארבעטן, און אָרגאניזאטאָרס, וועלכע האָבן במשך פון די דאָזיקע פינף שרעק־לעכע יאָרן אזוי גוט געהאָלפן די פארבינדעטע גובר צו זיי דעם עקאָנאָמישן חורבן און צוריקשטויסן די בארבארישע אינוואזיע פון די דייטשן...

מען דערמאָנט מיר, אז איך מוז ענדיקן די בריוו, וואָס איז שוין אזוי אויך צו לאנג. איך טו עס. איך נעם אייך ארום ברידערלעך.

פיאָטר קראָפּאָטקין.

# אַ בריוו צו אַלעקסאַנדר שאַפּיראָ

די דאָזיקע בריוו האָט קראָפּאָטקין געשריבן ניין חדשים פאַר זיין טויט, און דער קאָמיטעט פון די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט אין מאָסקווע אָפּגעדרוקט אַ איינמאָליקע צייטונג לכבוד קראָפּאָטקינס אָנדענק (דעם 13טן פעברואר פון 1921) מיט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן קראָפּאָטקינס לעבן און שאַפן, איז דאָרט אויך געווען אָפּגעדרוקט צום ערשטן מאָל די דאָזיקע בריוו.

אין 1931 איז די בריוו איבערגעדרוקט געוואָרן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַלמאַנאַך „פּ. א. קראָפּאָטקין און זיין לערע", וואָס איז דערשינען אין שיקאַגאָ אונטער גריגאָרי מאַקסימאָווס רעדאַקציע, צו קראָפּאָטקינס צענטן יאָרצייט

מאָסקווע, דעם 11טן פעברואר 1921.

מיין טייערער אַלעקסאַנדער! כ'בין אַזוי פאַרטאָן אין מיין אַרבעט, אַז איך האָב ביז איצט ניט געענטפערט אויף אייער בריוו פון דעם 22סטן אַפּריל.

איך האָב זיך דערפאַר גענומען אַזוי פלייסיק צו דער „עטיק", ווייל איך האַלט די דאָזיקע אַרבעט פאַר אומבאַדינגט נויטיק. איך ווייס, אַז באַוועגונגען ווערן ניט געשאַפן דורך ביכער נאָר פאַרקערט. אָבער איך ווייס אויך, אַז אויף אויסצואַרבעטן אַ באַשטימטע אידייען־ריכטונג זיינען אומבאַדינגט נויטיק ביכער, וואָס זאָלן אויף אַן אומפּאַסנדיקן און אַריינדרינגענדיקן אופן אויסדריקן די גרונטשטריכן פון דער דאָזיקער ריכטונג. און כדי פעסטשטעלן דעם אורשפּרונג פון דער מאָראַל — פון אַ מאָראַל, וואָס איז פריי פון יעדע רעליגיע און שטייט אַ סך העכער פון יעדער רעליגיעזער מאָראַל, וועלכע דערוואַרט דעם „שכר אויף יענער וועלט", — פאָדערן זיך גוטע ביכער, וואָס זאָלן אַריינדרינגען אינעם תוך פון דער זאַך.

היינט צו טאָג, ווען מען אַמפּערט זיך איבער קאַנטן און ניטשען, ד"ה, איבער ניטשען און דעם קריסטנטום (וואָרום אינדערראַמתן איז קאַנטס מאָראַל אַ רעליגיעזע מאָראַל אַזוי לאַנג ווי זי פּרעטענדירט ניט אויף „פילאָזאָפיע") איז אַזאַ ווערק (וועגן עטיק) אַ ווירקלעכע באַדערפעניש. ס'איז כאַראַקטעריסטיש (כ'האָב זיך דאָס ערשט נישט לאַנג דערוואוסט), וואָס נאָכן דורכפאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט אויך באַקונין, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין לאָקאַרנאָ, דערפילט די נויטווענדיקייט צו אויסאַרבעטן אַזאַ עטיק. עמיצער וועט דאָס מוזן טאָן; אָבער דערויף מוז מען צוגרייטן דעם באָדן, און מיין גייסט שטויסט מיך צו

זוכן נייע וועגן אויף דעם געביט. די דאָזיקע ארבעט מוז געטאָן ווערן, לפּחות מוזן אָנגעוואָרפן ווערן די ריכטליניעס.

ס'איז מיר געבליבן וויניק צייט צו לעבן. דאָס הארץ קלאַפּט לאַנגזאַם די צאָל קלעפּ, וואָס עס איז נאָך פעאיק צו קלאַפּן. גראָד היינט בין איך שיעור ניט געפאַלן חלשות — אַ „הארץ־דערשיטערונג".

אין דער עטיק וועל איך אריינלייגן אלע מיינע כוחות, באזונדערס ווייל איך פיל, אז ס'איז ניט מעגלעך אין דער ביטערער צייט אין וועלכער מיר לעבן, צו אויפטאָן עפּעס וויכטיקעס פאַר רוסלאַנד מיט שוואַכע פאַראייניצלטע כוחות, דורך אגיטאַטאָרישער טעטיקייט. דער גרעסטער טייל פון די כוחות געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון פאַרווירונג; יעדנפאַלס איז ניטאָ קיין איינהייטלעכקייט.

דאָס, וואָס ווערט איצט פאַרווירקלעכט אין רוסלאַנד, איז צוגעגרייט געוואָרן במשך פון דרייסיק יאָר, און קעגן דער דאָזיקער ריכטונג האָבן געארבעט בלויז אונזערע באַשיידענע אַנאַרכיסטישע קרעפטן. זיי האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען זיך צו פאַראייניקן; אויך האָבן זיי ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די מאַכט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע צענטראַליזאַציע־שטרעבונגען, און האָבן ניט געגלויבט אין דער נאָענטקייט פון אַ גרויסן סאָציאַלן אויפברויז.

איך גלויב פון טיפן הארצן אין דער צוקונפט. איך גלויב, אז די געווערקשאַפטס־באַוועגונג, ד"ה, די באַוועגונג פון די ארבעטער־סינדיקאַטן, אויף וועמעס קאָנגרעס ניט לאַנג צוריק ס'זיינען געווען פאַרטראָטן צוואַנציק מיליאָן ארבעטער, וועט אין פאַרלויף פון די נעקסטע פופציק יאָר אַנטוויקלען אַ גרויסע קראַפט אויף צו דערמעגלעכן די פאַרווירקלעכונג פון אַ קאָמוניסטישער און הערשאַפטסלאָזער געזעלשאַפט. וואָלט איך איצט געווען אין פראַנקרייך, וואָס איז איצט דער מיטלפונקט פון דער סינדיקאַלער באַוועגונג, און וואָלט איך מיך געפילט שטאַרקער ווי איצט, וואָלט איך זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער באַוועגונג, — אין אַ באַוועגונג, ווי ס'איז געווען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, — ניט דער צווייטער, אָדער דער דריטער, וואָס האָבן אוזורפּירט דעם געדאַנק פון אַן ארבעטער־אינטערנאַציאָנאַל און שטעלן זיך אים פאָר נאָר אונטער דער פּראָטעקציע פון אַ פּאַרטיי — פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — פון וועלכער די העלפט מיטגלידער זיינען איבערהויפּט ניט קיין ארבעטער.

איך גלויב אויך, אז אויף צו אָרגאַניזירן צווישן די פּויערים אַ סאָציאַליסטישע און באמת־קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, וועט די קאָאָפּעראַטיוו־באַוועגונג, און בפרט די קאָאָפּעראַטיוון פון די רוסישע פּויערים, אין פאַרלויף פון די נעקסטע פופציק יאָר רעפּרעזענטירן אַן אַנטוויקלונגס־פעאיקן און שעפערישן קערן פון קאָמוניסטישן לעבן. די דאָזיקע באַוועגונג וועט אין זיך ניט האָבן קיין שמץ פון רעליגיעזן עלעמענט. און דאָס איז אויך ניט נויטיק, ווייל דער פּשוטער מענטשלעכער שכל איז גענוג אויף צו אַנטוויקלען די שעפערישע כוחות פון דער ערד

אויף א קאָמוניסטישן יסוד. דער שטוים צו דער דאָזיקער באַוועגונג וועט מעג־לעך קומען פון רוסלאַנד, און, טיילווייז, אויך פון נאָרד־אַמעריקע.

איך גלויב אין דעם זייער שטאַרק, אָבער איך פיל, אַז כדי אַריינגעבן רוח חיים אין די ביידע באַוועגונגען, כדי לייגן פאַר זיי א גוטן פונדאַמענט, כדי זיי אַרויסצופירן פון דעם באַשרענקטן קרייז פון א מאָמענטאַנער זעלבסט־פאַרטיידי־קונג, און ריכטן זייערע כוחות צו א קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, — מוז מען האָבן א סך אינגערע כוחות, ווי מיינע. איבערהויפט מוז מען האָבן די קאָאָפּע־ראַציע פון די פויערים און אַרבעטער. די דאָזיקע ביידע קרעפטן וועלן זיך אָפּ־זוכן. זיי זיינען שוין פאַראַן אין ביידע דערמאָנטע באַוועגונגען, נאָר זיי האָבן נאָך ניט גענוג אַנאַליזירט זייערע שטרעבונגען און זיי נאָך ניט פאַראייניקט מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען תיכף נעמען בויען די צוקונפט, וואָס דערוואַרט זיי.

איך גלויב אויך, אַז אייניקע קליינע פעלקער, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון די גרויסע מלוכות, וועלן שטרעבן צו א רעגירונגסלאָזער פאָרם פונעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן; ערשטנס, כדי זיך באַפרייען פון דער סכנה פון מיליטערישע דערהאָבערונגען, צווייטנס, ווייל ס׳וועט זיין לייכטער פאַר די מענטשן, וואָס וועלן זיך באַפרייען פון דעם אָפּגאָט פון אונזער צייט — דעם רעגירונגס צענט־ראַליזם און דעם „שטאַרקן שטאַט” — איבערצוגיין צו א הערשאַפטסלאָזן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן אין אומאָפּהענגיקע פעדערירטע געמיינדעס.

כ׳נעם אייך היים אַרום, מיין טייערער אַלעקסאַנדער...

כ׳האָב נאָכאַמאָל דורכגעלייענט אָט־די בריוו; פאַרשטענדלעך, אַז זי איז ניט פאַרן דרוק. די געדאַנקען זיינען קוים, קוים אָנגעוואָרפן. אָבער אינטים־פריינטלעכע בריוו זיינען טאַקע גוט דערמיט, וואָס דער לייענער וועט פאַרשטיין זיין פריינט אויפן וואָונק.

פּיאָטר קראָפּאָטקין.

דימיטראָוו, דעם 2טן מאַי 1920.

# אַ בריוו צו די מערב-אייראָפּעאישע אַרבעטער*)

חברים, פריינד!

די לעצטע מלחמה (1914-1918) האָט קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז ס'איז אַ חלום צו האָפן, אַז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען מלחמות וועלן זיין אַן אוממעגלעכקייט, ווייל אַזוי לאַנג ווי די איצטיקע אויסבייטונג פון אַרבעט דורך קאַפּיטאַל, און פון די צוריקגעשטאַנענע לענדער דורך די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע; אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע עקספּלאָטאַציע וועט בכלל אָנהאַלטן, וועלן מלחמות קומען אויף דער מענטשהייט און וועלן זי אָפּהאַלטן אין איר אַנטוויקלונג.

דער פיר־יאָריקער קריג, (וועלכער בושעוועט נאָך איצט) האָט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט די באַהויפּטונג, וואָס ווערט אָן אָן אויפהער איבערגעחזרט פון די סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען: אַזוי לאַנג ווי קאַפּיטאַל וועט קאָנען קויפן די אַרבעטס־קראַפט, און איין טייל פון דער מענטשהייט וועט רייך ווערן דורך דעם פּליים פון אַ צווייטן — אַזוי לאַנג וועלן מלחמות אָנהאַלטן. דאָס וואָס ס'איז שייך צו איין פאָלק איז אויך גילטיק פאַר דער געזעלשאַפט פון פעלקער. די נאַציע וואָס שטייגט אַריבער, אָדער וואָס גלויבט איבערצושטייגן, אַנדערע נאַציעס אין זייער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג וועט שטענדיק פּרואוון צו ווערן די הערשערין איבער די ווייניקער אַנטוויקלטע נאַציעס.

---

*) די פאָררעדע וואָס די רעדאַקציע פון „אַרבעטער פריינט" האָט געגעבן צום בריוו, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט דעם 27סטן אויגוסט 1921).

„) אונזער בערלינער ברודערבלאַט „דער פרייער אַרבעטער" פאַרעפנטלעכט אַ בריוו וואָס אונזער גרויסער אומפאַרגעסלעכער לערער, האָט גענוי מיט אַ יאָר צוריק געשריבן. די בריוו איז, אַזוי צו זאָגן, אַפּיציעל אַ מין „פּאַסטאַראַלע" פון קראָפּאָטקינען צום מערב־אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט, און האָט אַ שטיקל „געשיכטע" וועלכע „דער פרייער אַרבעטער" דערציילט ווי אַן איינלייטונג צו איר.

זייענדיק אין מאָסקווע פלעגט קראָפּאָטקין קריגן אָפטע באַזוכן פון אויסלענדישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אים אָפט אַנטוישט, ווייל דער רוב פון די באַזוכער האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס אַנאַרכיסטן, נאָר אינדערעמתן זיינען זיי געווען באָלשעוויקעס. איינער פון די דאָזיקע באַזוכער, דער טשעכאָסלאָוואַק הוגאָ זאַנעשיין, האָט עס פאַרשטאַנען קראָפּאָטקינען אַזוי ווייט אָפּצונאַרן, אַז ער האָט געוואונען זיין צוטרוי, און האָט פון אים באַקומען אַ בריוו צום פּראָלעטאַריאַט פון זיין לאַנד. זייענדיק אָבער אַ באָלשעוויק, האָט זאַנעשיין די בריוו באַהאַלטן צוליב דעם, וואָס זי איז אַ קריטיק אויפן באָלשעוויזם. „דער פרייער אַרבעטער" האָט די בריוו דורך אַ צופאַל באַקומען און האָט זי פאַרעפנטלעכט.

אין דער איצטיקער לאגע וועלן מלחמות ווידער קומען און זייער כאראקטער וועט זיין נאך גרויזאמער, ווילדער און אוממענטשלעכער, ווי אין דעם לעצטן קריג, און וועלן ווערן א שטענדיק וואקסנדיקע סכנה פאר דעם צוקונפטיקן דור. אין דער דאזיקער סיטואציע ווערט א נויטווענדיקייט די פולשטענדיקע רעקאנס-טרוקציע פון דער געזעלשאפט אויף א סאציאלן יסוד — ד"ה: א סאציאלע רעוואלוציע איז אומפארמיידלעך. אפילו די בורזשואזיע הויבט דאס שוין אן איינצוזעען. און דערפאר איז אבסאלוט נויטיק, אז די, וואס זיינען אמייסטן פאראינטערעסירט אינעם איבערבוי פון דער געזעלשאפט, זאלן באצייטנס דורכ-געגומען ווערן מיט די אידייען וועגן דער וועזנטלעכער ענדערונג אין דער סטרוק-טור פונעם געזעלשאפטלעכן איבערבוי.

ביז איצט האבן די ארבעטער ארויסגעוויזן ווינציק אינטערעס פאר אזעלכע דיסקוסיעס. זיי האבן ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון א נאענטער רע-וואלוציע. אבער זיי מוזן איצט איינזען זייער טעות. דאס לעבן אליין, און גאנץ באזונדערס די מלחמה, האבן די רעקאנסטרוקציע געמאכט פאר א נויטווענדיקייט.

די סאציאלע רעוואלוציע קלאפט אין אונזערע טירן. פון דער אנדערער זייט, וועט איר, גאנץ זיכער, געוואויר ווערן פון די דעלעגאטן, וואס זיינען צוריקגע-קומען פון רוסלאנד, אז דער פרואוו פון א סאציאלער יאקאבינישער רעוואלו-ציע, וואס ווערט זינט דריי יאר דורכגעפירט אויף אברייטן יסוד, האט ניט געגעבן די רעזולטאטן, וואס מען האט דערווארט. מען וועט פרווון צושרייבן דעם דאזיקן צוזאמענברוך דער מלחמה, אבער די סיבות דערפון זיינען פיל טיפערע.

די רעוואלוציע פון נאוועמבער פון 1917 האט אין רוסלאנד פראקטיצירט א געמישטן רעזשים פונעם שטארק צענטראליסטיש-אויטאריטערן קאמוניזם (באבעף) און דעם אזוי-שטארק צענטראליסטישן קאלעקטיוויזם פון פאקער, וואס איז זינט 40 יאר אלגעמיין באקאנט אונטערן נאמען מארקסיזם. דער דאזיקער פארזוך — מוז מען מודה זיין — האט דורכאויס ניט אנטשפראכן די האפענונג, וואס מען האט אויף אים געלייגט.

דער פארזוך אויפצובויען א שטארקע צענטראליסטישע מאכט און, ווי די רוסישע רעוואלוציע האט דערוויזן — דאס דורכזעצן מיט דעקרעטן און גאנצע ארמייען פון באאמטע, האט זיך נישט איינגעגעבן. די געוועגלעכע פעלערן פון יעדן צענטראליסטישן שטאט לייזן אויף די קאנסטרוקטיווע ארגאניזמען, שטופן אפ די מאסן פונעם קאנסטרוקטיוון געדאנק. און די קאמוניסטישע באאמטע, וואס באזיצן דיקטאטארישע מאכט, פארשארפן נאך די דאזיקע פעלערן, אנשטאט זיי צו באזייטיקן.

עס פארשטייט זיך, אז די ארבעטער פון צענטראל-און מערב-אייראפע וועלן זוכן זיכערע מיטלע צו דערגרייכן זייער ציל, ווען די רעזולטאטן פון דער רוסי-שער רעוואלוציע וועלן ווערן באקאנט פאר זיי. שוין אין דעם „ערשטן אינטער-נאציאנאל" ווען זיי האבן שטודירט, די עפנטלעכע באדינונג אין דער צוקונפטי-

קער געזעלשאפט, האָבן זיי געזוכט צו לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעם דורך דער סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע און אויסטויש; אָבער זיי האָבן דאָס געוואָלט דערגרייכן נישט דורך דעם צענטראַליסטישן שטאַט, נאָר דורך דער פעדעראַציע פון פרייע קאָמונעס, דורך דער דעצענטראַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע און אויס-טויש; דורך דעם אויפוואַכן פון דער לאָקאַלער איניציאַטיווע פון פּראָדוציר און קאָנסומיר-גרופּעס. קורץ, — זיי האָבן שטודירט די פראַגע ווי אַזוי אויפצובויען די נייע געזעלשאַפט נישט דורך דעקרעטן פון אַ צענטראַלע, נאָר דורך דער איינ-פאַכער פאַרבינדונג פון לאָקאַלער און אינדיווידועלער איניציאַטיווע, אַנשטאָט די דאָזיקע איניציאַטיווע אָפּצוטויטן דורך אַרמייען פון טשינאָווניקעס, וועלכע דערפילן, גוט אָדער שלעכט, דעם ווילן פון דער צענטראַלע.

די דערפאַרונג, וואָס מען האָט געמאַכט אין רוסלאַנד, האָט באַשטעטיקט די נויטיקייט צו אַנטוויקלען די דאָזיקע אויטאָנאָמע און פעדעראַטיווע טענדענ-צן. און, אָן ספק, אַז די אַרבעטער וועלן דורכלייגן דעם דאָזיקן וועג נאָכדעם, ווי זיי וועלן גרינטלעך האָבן אונטערגעזוכט די גרויסע און שווערע פראַגן וואָס טויכן אויף ביי יעדער רעוואָלוציע, אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין דעם פע-דעראַטיוון אינטערנאַציאָנאַל.

ברידער און פריינט פון מערב-אייראָפּע! די געשיכטע האָט אייער דור אָנ-פאַרטרויט אַ גרויסע אויפגאַבע, זי האָט אייך געגעבן די מאַכט אָנצוצייכענען אַ נייע ריכטונג און סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, כדי אויסצוגעפינען אַ פּראַקטי-שע פאָרם. אויף אייך פאַלט אויס די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ נייע פאָרם פון אַ געזעלשאַפט אין וועלכער די אויסבייטונג פון איין מענטש דורך דעם צווייטן און פון איין קלאַס דורך דעם צווייטן, זאָל ווערן אַן אוממעגלעכקייט. און אויפן אָרט פון צענטראַליזם, וואָס ברענגט אונז נאָר מלחמות און אונטערדריקונג, וועלן זיך אַנטוויקלען טויזנטער לעבנס-צענטערן פון קאָנסטרוקטיווע קרעפטן, ווי די פרייע סינדיקאַטן, אין די אומאָפּהענגיקע קאָמונעס.

די געשיכטע טרייבט אין דער דאָזיקער ריכטונג. לאָמיר זיך מוטיק נעמען צו דער אַרבעט! לאָמיר ברעכן מיט די פאַראורטיילן פון וואָוילטעטער און קאַ-פּיטאַל און מיט דער שטאַטס-השגחה. אין אונזערע גרופּן, אויף אונזערע קאָנג-רעסן, אין אונזערע סינדיקאַטן און קאָמונעס וועלן מיר געפינען די נויטיקע עלעמענטן אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט, — אַ **געזעלשאַפט פון אַרבעט און פרייהייט**, פריי פון קאַפּיטאַל, פון שטאַט און פון אויטאָריטעטן-קולט.

פּיאָטר קראָפּאָטקין.

מאָסקווע, אויגוסט 1920.

## צו דע רעיגערן*)

מאָסקווע, דמיטראָוו, 23טן דעצעמבער 1920.

טייערער חבר דע־רעיגער!

א הארציקן דאנק אייך פאר אייער פריינטלעכער בריוו אין אָקטאָבער, וואָס איך האָב, פארשטענדלעך, דערהאלטן. אלע דריי: מיין פרוי, מיין טאָכטער און איך גופא, זיינען טיף גערירט פון אייער בריוו און פון אייער איינלאדונג. נאָר ווי אייך איז שוין, מסתמא, באוואוסט פון דער בריוו, וואָס איך האָב געשיקט די חברים פון דעם „סינדיקאליסט", איז אונזער לאגע איצט ניט אזוי שלעכט, ווי זי איז געווען אין פאָריקן יאָר. מיר האָבן דאָס נויטיקע צום לעבן. אויף וויפל דאָס איז ניט קיין געוויינלעכע זאך אין גאנץ אייראָפּע, מיינט דאָס שוין א סך. איך דאנק אייך זייער פאר אייער איינלאדונג. ווען איך זאָל נאָכאמאָל פאָרן קיין מערב אייראָפּע, וואָלט איך געטאָן אלעס מעגלעכעס, אייך צו באזוכן אין הארלעם.

די סאָציאלע רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט, צום אומגליק, אָנגענומען א צענטראליסטישן, אויטאָריטערן כאראקטער. ניט־קוקנדיק דערויף דערווייזט זי די מעגלעכקייט פון אריבערגיין פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט צו דער סאָציאליסטישער. דער דאָזיקער געדאנק וועט, אָן ספק, באגייסטערן די סאָציא־ליסטן פון מערב־אייראָפּע אין זייערע אָנשטרענגונגען צו אויפבויען א געזעל־שאפט אויפן יסוד פו דער אנטיקאפּיטאליסטישער גלייכהייט. גלייכצייטיק וועלן די צענטראליסטישע פעלערן, וואָס זיינען באגאנגען געוואָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, העלפן די האָרעפּאשניקעס פון די אנדערע לענדער אויסצומיידן אַזעלכע פעלערן.

מיט ברודערלעכן גרוס

פּיאָטר קראָפּאָטקין.

פּ. ס. — מיר וואוינען אין א שטעטל, 60 קילאָמעטער אין צפון פון מאָס־קווע, וואו מיר האָבן א גאָרטנדל, וואָס מיין פרוי באארבעט. צום אומגליק בין איך זעלבסט שוין ניט אימשטאנד זיך צו פארנעמען מיט פיזישער ארבעט, דע־ריבער שטעלט אונז מיין פרוי אליין צו כמעט דאָס גאנצע אויבסט, וואָס מיר דארפן האָבן אויפן ווינטער. איך אַרבעט איבער א גרויסן ווערק וועגן דער „עטיק אויפן נאטוראליסטישן יסוד". איר קאָנט מיר שרייבן אויף האָלענדיש, וואָס איך פארשטיי גוט, נאָר שרייבן אויף דער שפּראך קאָן איך ניט.

*) א האלענדישער אנארכיסט.

## פיאָטר קראָפּאָטקין

# וואָס זשע טוט מען?*)

דעם 23סטן נאָוועמבער פון 1920. א שטורמישער שמועס מיט סאָפיאַן און מיט אלעקסאנדראַן (קראָפּאָטקינס פרוי און זיין טאָכטער). אלץ די זעלבע איי-ביקע פאָרוואורפן — פאַרוואָס טרעט איך נישט ארויס מיט קיין באַשטימטער פראָגראם? — וועגן וואָס? א טעטיקייט־פּראָגראם? — ניין, א „מיינונג”, אַן אלגעמיינע מיינונג וועגן די איצטיקע געשעענישן!

אָט איז מיין מיינונג.

די רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז א סך־הכל נישט פון די אָנשטרענגונגען פון איינצלנע פערזענלעכקייטן, נאָר ס׳איז א סטי-כישע דערשיינונג, וואָס איז נישט אָפּהענגיק

*) דער דאָזיקער דאָקומענט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „ראַבאָטשי פּוט” (דער אַרבעטער־וועג) אָרגאַן פון די רוסישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, נומ. 5, יולי 1923, אַרויס-געגעבן פון דעם קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם ביי דער אינטערנאַציאָ-נאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, (בערלין), און איז איבערגעדרוקט געוואָרן אינעם אינטערנאַצ. זאַמלבוך, וואָס איז דערשינען אין שיקאַגאָ אין 1931, צו קראָפּאָטקינס 10־טן יאָרצייט אונטער ג. מאַקסימאָוום רעדאַקציע.

פאַרעפנטלעכנדיק דעם דאָזיקן דאָקומענט, האָט די רעדאַקציע פון „ראַבאָטשי פּוט” צוגע-געבן פאָלגנדע באַמערקונג:

„צושיקנדיק אייך צום פאַרעפנטלעכן אין „ראַבאָטשי פּוט” פּ. א. קראָפּאָטקינס ווערטער, וואָס זיינען נאָך ביז איצט ניט דערשינען אין רוסיש, וועגן דער באַדייטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, שרייבט אונז זיין טאָכטער אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָווּנאַ, פאָלגנדעס:

„מיט אַ געוויסער צעגערונג אַנטשליס איך מיך צו פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן פראַגמענט. איך האָב מורא, אַז ער קאָן אויסזען פּעסימיסטיש. די רעוואָלוציעס זיינען ניט דער רעזולטאַט פון אַ וועלכער ס׳ניט איז שטרעבונג צום צעשטערן, אָדער אַפילו צו אַ שנעלער ענדערונג מצד די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערן, נאָר זיי זייען דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער אָפּאָזיציע פון די, וועלכע גלויבן אין דער עוואָלוציע. די יעניקע, וועלכע פאַרשטייען עס ניט, וועלן געפונען אינעם פראַגמענט פון מיין פאָטער אַ באַווייז צו די „גרוילן” פון דער רעוואָלו-ציע. אָבער אויך אַזויפיל, אויך וויפל דער פּראָגרעס איז אומדערבאַרעמדיק אין באַצוג צו די,

פון מענטשלעכן ווילן, און ס'איז אויך א נאטור־דערשיינונג, ווי ס'איז דער טייפון, וואָס לויפט אָן אויף די ראנדן פון מזרח־אזיע.

טויזנטער אורזאכן, לגבי וועלכע די ארבעט פון א איינצלנעם מענטשן, אָדער אפילו פון א פּארטיי, איז נישט מער ווי איינע פון די זעמדעלעך, איינע פון די קליינע אָרטיקע ווינטן, — האָבן מיטגעווירקט, אז ס'זאָל זיך שאפן די גרויסע סטיכישע דערשיינונג. א גרויסע, מחמת זי איז אָדער א באנייענדיקע, אָדער א צעשטערנדיקע און באנייענדיקע קאטאסטראָפע.

מיר אלע — און איך אויך אריינגערעכנט — האָבן צוגעגרייט אָט די סטיכישע איבערקערעניש, אָבער ס'האָבן זי אויך צוגעגרייט אלע פריערדיקע רעוואָלוציעס פון 1793, 1848, 1871, אלע שריפטן פון די יאקאָבינער, פון די סאָציאליסטן, פון די פּאָליטיקאנער... אלע דערפאָלגן פון דער וויסנשאפט, פון דער אינדוסטריע, פון דער קונסט, אא"וו. מיט איין וואָרט, מיליאָנען סטיכישע סיבות, ווי מיליאָנען באוועגונגען פון די טיילכעלעך לופט צי וואסער שאפן דעם אָנפליענדיקן שטורעם, וואָס טרינקט שיפן, אָדער צעשטערט 1000 הייזער, — אָט ווי די באָדן-טרייסלונגען און ערד־ציטערנישן ווערן ארויס־

---

וועלכע „געפינען אַ באַפרידיקונג אינעם פעסימיזם", איז ניט כדאי זיך צו באַאומרואיקן וועגן דעם, וואָס די דאָזיקע מענטשן וועלן יאָ געפינען, אָדער ניט געפינען אין דעם דאָזיקן פראַגמענט.

„דאָס איז געווען אין דימיטראָוו דעם 23־טן נאָוועמבער פון 1920 אין אָוונט. מיין פאָטער האָט אונז אַריינגערופן, מיך און מיין מוטער, כדי מיר זאָלן אויסהערן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און זיין קול האָט געציטערט. זיין האַנטשריפט, וואָס איז שטענדיק געווען אַ ריינע און קאָרעקטע, איז דאָס מאָל געווען אומלייענבאַר אויפן ערשטן בלעטל; דער גאַנצער אָריגינאַל איז געווען אָנגעשריבן אין אַ ליידנשאַפטלעכן אויפברויז. פון אַלע טראַגעדיעס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט במשך פון די דריי יאָר, — יאָרן פול מיט מענטשלעכע ליידן, גייסטיקע ווי פיזישע, איז איינע פון די טיפסטע טראַגעדיעס — דעם קאַמף צו קענען איבערטראָגן די ליידן. די דאָזיקע טראַגעדיע, ווי איך האָב זיך אָנגעשטויסן, האָט במחשבה איבערגעלעבט מיין פאָטער נאָכפאָלגנדיק דעם גאַנג פון דער גרויסער ראָד פון דער געשיכטע. זיין טיפע און אַקטיווע ליבשאַפט צו דער גאַנצער מענטשהייט האָט געמאַכט פאַר אים זייער פיינלעך דאָס איבערלעבן פרעמדע ליידן, וועלכע ער איז ניט געווען בכוח צו מילדערן, אָדער פאַרמיידן. די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז געגאַנגען גלייך פון די ערשטע שריט אויף אַ פאַלשן וועג, וואָס פירט נאָר צום דורכפאַל און צו רעאַקציע, איז פאַר זיין ניכטערן מוח געווען אַ טראַגישער נסיון. אין דעם דאָזיקן פראַגמענט, אייגנטלעך, איז פאַראַן אַ סך באַלערנדיקס — ניט נאָר פאַר די, ווער ס'איז שוין פאַראינטערעסירט אינעם שטודירן דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, נאָר אויך פאַר די, אין וועמעס מוחות דער אינטערעס צו דער רוסישער רעוואָלוציע וועט אַרויסרופן אַ אומענדלעכע רייע פראַגן און פראָבלעמען.

„ס'איז קלאָר, אַז דער דאָזיעקר פראַגמענט איז געווען אָנגעשריבן ניט כדי אים צו פאַרעפנטלעכן. ער איז אַן ענטפער אויף איניקע געשטעלטע פראַגן, און מיין פאָטער האָט אים אָנגעשריבן נאָר כדי פאַרלייענען פאַר מיר און מיין מוטער."

א. פּ. קראָפּאָטקין.

גערופן פון טויזנטער קליינע טרייסלונגען און צוגרייטנדיקע באַוועגונגען פון די טייל־בעלעך.

מענטשן, וואָס בכלל שטעלן זיי זיך נישט פאָר די דערשיינונגען  ק אָ נ־ק ר ע ט, מ מ ש ו ת ד י ק, וואָס דענקען מער מיט ווערטער ווי מיט דורכ־געטראַכטע בילדער, האָבן נישט קיין פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציע, וועלכע מיליאָנען סיבות ס'האָבן צוזאַמען געווירקט, אויף צו געבן דער רעוואָלוציע איר איצטיקן כאַראַקטער, און דעריבער זיינען זיי גע־נויגט צוצוגעבן אַ איבערגעטריבענע באַדייטונג, אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע, זייער פערזענלעכקייט און דער פּאָזיציע, וואָס  ז י י  אָדער זייערע פריינט וועלן פאַרנעמען אין אָט דעם ריזיקן איבערקער. און פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען פול־שטענדיק אומפעאיק צו פאַרשטיין, ווי מאַכטלאָז עס איז דער איינצלנער מענטש, וואָס פאַר אַ שכל און עקספּעריענץ ער זאָל נישט פאַרמאָגן, אין אָט דעם גע־ווירבל פון הונדערטער טויזנטער כוחות, וואָס דער איבערקער האָט געלאָזט אין גאַנג.

זיי פאַרשטייען נישט, אַז אויב ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ גרויסע נאַטור־דערשיינונג, ווי אַן ערדציטערניש, אָדער ריכטיקער — ווי אַ טייפון, דעמאָלט זיינען  א י נ צ י ק ע  מ ע נ ט ש ן  מ א כ ט ל אָ ז  צו האָבן וועלכע נישט איז ווירקונג אויפן גאַנג פון די געשעענישן. אַ  פ אַ ר ט י י  קען נאָך עפּעס אויפטאָן, אַ סך ווייניקער ווי מ'מיינט עס, אָבער דאָך, אויפן אויבערפלאַך פון די אָנלויפנדיקע כוואַליעס, קען מען איר ווירקונג אפשר קוים־קוים באַמערקן. אָבער איינציקע מענטשן, וואָס שטעלן נישט צוזאַמען קיין גענוג צאָלרייכע פאַרטייען, זיינען אומבאַדינגט מאַכטלאָז; זייערע כוחות זיינען אומבאַדינגט גלייך צו נול. שטעלט אייך פאָר אַ כוואַליע, אַ קלאַפּטער די הויך, וואָס לויפט אָן אויפן ברעג, און שטעלט אייך פאָר אַ מענטשן, וואָס שטעלט איר אַנטקעגן זיין שטעקן אָדער אפילו זיין שיפל!

אויב דאָס זיינען די גאַנצע כוחות, בלייבט דיר בלויז איבער איין זאַך: — איבערוואַרטן דעם טייפון.

אין אָט דער לאַגע שטיי איך, דער אַנאַרכיסט. אָבער אין אַ זייער ענלעכער לאַגע געפינען זיך אין רוסלאַנד אויך גרעסערע פאַרטייען.

איך וועל זאָגן נאָך מער — אין אַזאַ לאַגע געפינט זיך אויך די איצט אָנפירנדיקע פאַרטיי. זי פירט שוין מער נישט אָן, נאָר עס טראָגט זי דער שטראָם, וואָס זי האָט געהאָלפן שאַפן, אָבער וואָס איז איצט שוין טויזנט מאָל שטאַרקער פון איר.

אָט איז געוועז אַ דאַמבע, וואָס האָט איינגעהאַלטן אַ מאַסע וואַסער. מיר האָבן אַלע אָט די דאַמבע אונטערגעהאַקט. אויך איך האָב דערצו בייגעטראָגן מיין חלק.

אייניקע האָבן געחלומט אַוועקצופירן דאָס וואַסער דורך אַן ענגן קאַנאַל צו

זייער מיל. אנדערע האָבן געחלומט דורכצוליייגן מיט דער הילף פון דעם וואסער־דורכרייס נ י י ע  וו ע ג ן פאר דעם געצוימטן טייך. איצט טראָגט זי זיך נישט צו דער מיל — זי האָט שוין די מיל אראָפּגעטראָגן — נישט אויף דעם וועג, וואָס מיר האָבן געהאט באשטימט. דערביי איז פאָרגעקומען א דורכרייס נישט א דאנק אונדזערע אָנשטרענגונגען, נאָר א דאנק א גרויסער צאָל אומ־געהויער גרעסערע סיבות, וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם דורכרייס פון דער דאמבע. און אָט פרעגט זיך: — וואָס זשע טוט מען?

פארשטעלן די דאמבע — איז אן אומזין. ס'איז שוין צו שפּעט!

דורכלייגן פארן זיך דורכגעריסענעם וואסער נייע וועגן — איז נישט מעג־לעך! מיר האָבן פאר דעם געגרייט א וועג, וואָס מיר האָבן געהאלטן פארן בעסטן. אָבער דער וועג האָט זיך ארויסגעוויזן נישט גענוג טיף, נישט גענוג צוגעגרייט, ווען דער דורכרייס איז פאָרגעקומען, און דאָס וואסער איז נישט אוועק אויף אים. דאָס וואסער רייסט זיך און ברעכט אויף אן אנדער וועג.

וואָס זשע טוט מען?

מיר לעבן דורך א רעוואָלוציע, וואָס איז אוועק אינגאנצן נישט אויף דעם וועג, וואָס מיר האָבן פאר איר געגרייט, אָבער וואָס מיר האָבן נישט באוויזן גענוג צוצוגרייטן... וואָס זשע טוט מען איצט?

שטערן דער רעוואָלוציע? — נישט גוט! שפּעט. די רעוואָלוציע וועט גיין איר וועג, אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, און וועט זיך נישט אומ־קוקן אויף אונדזערע אָנשטרענגונגען.

איצט געפינט זיך די רוסישע רעוואָלוציע אָט אין אזא לאגע.

זי טוט אויף שרעקלעכע זאכן. זי מאכט חרוב דאָס גאנצע לאנד. זי הרגעט אוים מענטשן אין איר משוגענעם אימפּעט: דערפאר איז זי דאָך טאקע א רע־וואָלוציע, און נישט קיין פרידלעכער פּראָגרעס, ווייל זי ברעכט און קוקט זיך נישט אום, וואָס זי ברענגט אום און וואוהין זי גייט.

און מיר זיינען אוממעכטיק דערווייל צו אוועקפירן זי אויף אן אנדער וועג, ביז וואנען זי וועט זיך נישט אויסלעבן. ס'איז נויטיק, אז די רעוואָלוציע זאָל אויסלעבן אירע כוחות.

און דעמאָלט?

דעמאָלט וועט  פ אַ ט אַ ל ע ר ה י י ט  ק ו מ ע ן  ד י  ר ע א ק צ י ע.

אזוי איז דאָס געזעץ פון דער געשיכטע, און ס'איז גרינג צו פארשטיין, פ א ר וו אָ ס  ס ' ק ע ן  אַ נ ד ע ר ש  נ י ש ט  ז י י ן.

מיינען, אז מיר קענען ענדערן דעם גאנג פון דער רעוואָלוציע — איז א קינדערשע אילוזיע. די רעוואָלוציע איז אזא כוח, וואָס דו וועסט איר גאנג נישט ענדערן.

און דער אָנקום פון דער  ר ע א ק צ י ע  א י ז  א ב ס אָ ל ו ט  א ו מ־פ א ר מ י י ד ל ע ך,  פונקט ווי ס'איז אומפארמיידלעך די פארטיפונג פונעם

וואַסער־פלאַך הינטער יעדער כוואַליע; ווי ס'איז אומפּאַרמײַדלעך ביים מענטשן דאָס פאַרלירן די כוחות נאָך אַ פיבערדיקן אויפשטייג.

און דעריבער איז אַלעס, וואָס מיר קענען טאָן, איז צו ריכטן אונדזערע אָנשטרענגונגען אויף צו פאַרקלענערן דעם וואוקס און כוח פון דער אָנקומענדיקער רעאַקציע.

אָבער אין וואָס קענען באַשטיין אונדזערע אָנשטרענגונגען?

צוימען דעם כוח פון די ליידנשאַפטן, פון איינעם אָדער פון צווייטן צד? ווער וועט אונדז הערן? — אַלנפאַלס, אַפילו אויב ס'זיינען פאַראַן דיפּלאָמאַטן, וואָס זיינען פעאיק עפּעס אויפצוטאָן אין אָט דער ראָל — איז די צייט פאַר זייער אויפטריט נאָך נישט געקומען: נישט דער צד, נישט יענער זיינען נאָך נישט אויפגעלייגט זיי צו הערן.

איך זע איין זאַך: מ'דאַרף אויפקלייבן מענטשן, וואָס זיינען פעאיק צו פאַרנעמען זיך מיט קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, אין דער מיט פון איטלעכער פון זייערע פּאַרטייען, נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע וועט אויסלעבן אירע כוחות. מיר אַנאַרכיסטן דאַרפן צוקלייבן אַ קערן פון ערלעכע, איבערגעגעבענע, נישט קיין אויפגעפּרעסענע פון אייגנליבע, אַנאַרכיסטישע טוער. אַך, ווען איך וואָלט געווען אינגער און וואָלט געקענט זיך זען מיט הונדערטער מענטשן — פאַרשטייט זיך אַזוי, ווי מ'דאַרף עס טאָן, אויב מ'וויל אָפּקלייבן מענטשן פאַר אַן אַלגעמיינער זאַך!...

אויב אַזעלכע „צוזאַמענקלייבער" פון אַנאַרכיסטן וועלן זיך געפינען צווישן די חברים, בין איך, פאַרשטייט זיך, גרייט זיי צו העלפן. דעמאָלט וועט מען אויך דאַרפן איבערשרייבן זיך — אָבער מ'וועט דאַרפן באַנוצן פיל מער די קאָרעספּאָנדענץ און די פערזענלעכע פאַרבינדונגען, ווי די דרוקעריי.

# אויפרוף צו די אַרבעטער פון דער מערב־וועלט

## (קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אינטערווענץ אין רוסלאַנד)

דמיטראָוו, רוסלאַנד, 28טן אַפּריל 1919.

מען האָט מיך געפרעגט צי האָב איך נישט צו שיקן אַן אויפרוף צו די אַר־בעטער פון דער מערב־וועלט. אין דער אמתן איז דאָ פיל צו זאָגן און לערנען פון די איצטיקע געשעענישן אין רוסלאַנד. אָבער כדי די דאָזיקע ווענדונג מיינע זאָל נישט זיין צו לאַנג, וועל איך זיך באַנוגענען מיט באַהאַנדלען די וויכטיקסטע פּונקטן.

די אַרבעטער פון דער ציוויליזירטער וועלט און זייערע פריינד פון די אַנ־דערע קלאַסן מוזן פריער פון אַלץ צווינגען זייערע רעגירונגען, אַז זיי זאָלן איינ־מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרלאָזן דעם געדאַנק פון אַ באַוואָפנטער אריינדרינגונג אין די געשעענישן פון רוסלאַנד, סיי אין אַ אָפענער, סיי אין אַ פאַרשטעלטער פאָר־מע, מיליטעריש אָדער דורך דער שטיצע פון אַנדערע פעלקער.

רוסלאַנד לעבט איצט איבער אַ רעוואָלוציע פון דער זעלבער טיפקייט און וויכטיקייט, ווי ענגלאַנד אין 1648 — 1639 און פראַנקרייך אין 1794 — 1789. יעדער נאַציע מוז זיך אָנטזאָגן צו שפּילן די שענדלעכע ראָל, צו וועלכער עס האָבן זיך דערנידעריקט ענגלאַנד, פּרייסן, עסטרייך און רוסלאַנד אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויסער דעם, באַדאַרף מען אין זינען האָבן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס שטרעבט אויפצובויען אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די גאַנצע פּראָדוקציע פון די אַרבעטער־כוחות, פון דער טעכנישער פעאיקייט און די וויסנשאַפטלעכע קענטעניש זאָל גיין לטובת ה כ ל ל — איז נישט קיין בלויזער צופאַל אין דעם פּאַרטייען־שטרייט. זי איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אַ כמעט הונדערט יעריקער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, פון דער צייט פון אָווען, סען־סימאָן און פוריע. און הגם עס זעט אויס, אַז דער פאַרזוך אויף איינ־

צופלאנצן די נייע געזעלשאפט דורך דער דיקטאטור פון א פארטיי איז פאר־משפט צו א דורכפאל, מוז מען דאך אנערקענען, אז די רעוואלוציע האט שוין איינגעפירט אין אונדזער אלטעגלעכן לעבן נייע באגריפן וועגן די רעכטן פון דער ארבעט, וועגן איר אמתער פונקציע אין דער געזעלשאפט, און וועגן די פליכטן פון יעדן בירגער.

---

נישט נאר די ארבעטער, נאר אלע פראגרעסיווע עלעמענטן פון די ציווילי־זירטע פעלקער האבן די פליכט צו מאכן א סוף צו דער שטיצע, וואס איז ביז איצט געגעבן געווארן צו די שונאים פון דער רעוואלוציע. נישט דערפאר, ווייל עס איז נישטא וואס צו באקעמפן אין די מעטאדן פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג. פונקט פארקערט! נאר ווייל יעדע באוואפנטע אריינמישונג פון אן אויסלענדישע מאכט פאראורזאכט נויטווענדיקערווייז א שארפערע דיקטאטא־רישע שטרעבונג ביי די רעגירער און פאראליזירט די באמיאונגען פון יענע רוסן, וואס זיינען גרייט צו העלפן רוסלאנד ווידער אויפצובויען איר לעבן, נישט רע־כענענדיק זיך מיט איר רעגירונג.

די חסרונות, וואס זיינען פארבונדן מיט דער דיקטאטור פון א פארטיי זיי־נען פארגרעסערט געווארן דורך די מלחמה־באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די דאזיקע פארטיי. דער קריגס־צושטאנד איז געווען אן אויסרייד אויף צו בא־פעסטיקן די דיקטאטור־מעטאדן פון דער פארטיי, ווי אויך איר טענדענץ צו צענ־טראליזירן אלע לעבנס־דעטאלן אין די הענט פון דער רעגירונג, א זאך וואס האט געפירט דערצו, אז עס זאלן פארהאלטן ווערן אומגעהויער גרויסע צווייגן פון דער געוויינלעכער טעטיקייט פון דעם פאלק. די חסרונות וואס זיינען פארבונ־דן מיטן שטאטס־קאמוניזם זיינען אומענדלעך פארכפלט געווארן אונטערן אויס־רייד, אז אלע צרות פון אונדזער לעבן נעמען זיך פון דער אריינמישונג פון די אויסלענדער.

פון דער אנדער זייט מוז איך באמערקן, אז אויב עס וועט פארגעזעצט ווערן די מיליטערישע אריינמישונג פון די פארבינדעטע, וועט זי זיכער אנטוויקלען אין רוסלאנד א געפיל פון פארביסנקייט צו די מערב־פעלקער, א געפיל, וואס וועט אויסגענוצט ווערן אין צוקונפטיקע קאמפן. די דאזיקע פארביסנקייט האלט זיך שוין אין אנטוויקלען.

בקיצור, עס פאדערט זיך ווי־אמשנעלסטן, אז די פעלקער פון מערב־איי־ראפע זאלן אריינגיין אין דירעקטע באציאונגען מיט דער רוסישער נאציע. און אין דעם דארפט איר — דער ארבעטער קלאס און די פארגעשריטענע עלעמענטן פון אלע פעלקער — זאגן אייער ווארט.

---

נאָך איין וואָרט וועגן דער פראַגע אין אַלגעמיין. די באַנייאונג פון די באַציאונגען צווישן די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער פעלקער מיט רוסלאַנד מיינט נישט בשום אופן אַז דאָס רוסישע פאָלק וועט האָבן די אויבערהאַנט איבער די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס קעניגרייך פון די צאַרן. דאָס אימפּעריאַליסטישע רוסלאַנד איז געשטאָרבן און וועט שוין קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. די צוקונפט פון אירע פאַרשידענע פּראָווינצן צייכנט זיך אָן אין דער ריכטונג פון אַ גרויסער פעדעראַציע. די נאַטירלעכע טעריטאָריעס פון די פאַרשידענע טיילן פון דער פעדעראַציע אונטערשיידן זיך פון די יעניקע, וואָס די געשיכטע פון רוסלאַנד לערנט אונדז. אַלע באַמיאונגען צו פאַראייניקן אונטער איין צענטראַלן געזעץ די צוזאַמענשטעלנדיקע טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע — פינלאַנד, די באַלטישע פּראָווינצן, ליטע, אוקראַינע, גרוזיע, אַרמעניע, סיביר, א.א.וו. — זיינען באַשטימט צו אַ זיכערן דורכפאַל. בכן איז נויטיק, אַז די מערב־פעלקער זאָלן דערקלערן, אַז זיי אָנערקענען דאָס רעכט פון „זעלבסט־באַשטימונג" פאַר יעדן טייל פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע.

מיין מיינונג איז, אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג וועט זיך ווייטער גיין איר וועג. איך זע די דערנענטערונג פון דער צייט, ווען יעדע פעדעראַציע וועט אַליין זיין אַ פעדעראַציע פון דערפעדער און פרייע שטעט. איך גלויב אויך, אַז געוויסע טיילן פון מערב־אייראָפּע וועלן גאָר אין גיכן אָננעמען די ווענדונג אין דער דאָזיקער ריכטונג.

---

בנוגע אונדזער היינטיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, באַמיט זיך די רוסישע רעוואָלוציע, אַלס פאָרזעצונג פון די צוויי גרויסע רעוואָלוציעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, צו פּראָגרעסירן דאָרטן, וואו פראַנקרייך האָט זיך אָפּגעשטעלט ווען זי איז צוגעקומען צום באַגריף פון דער „פאַקטישער גלייכהייט", וועלכע איז די עקאָנאָמישע גלייכהייט.

אין רוסלאַנד, צום באַדויערן, איז דער פאַרזוך געמאַכט געוואָרן אונטער דער שטאַרקער צענטראַליזירטער מאַכט פון אַ פּאַרטיי — די פּאַרטיי פון די באָלשעוויקעס. באַבעפס קאָנספּיראַציע, אַ שטרענג צענטראַליסטישע און יאַקאָבינישע, האָט געוואָלט מאַכן די פּראָבע אויף דעם זעלביקן שטייגער. איך מוז אייך אָפן מודה זיין, אַז לויט מיין מיינונג, איז דער דאָזיקער פאַרזוך אויפצובויען אַ קאָמוניסטישע רעפּובליק אויפן גרונט פון אַ פעסט צענטראַליזירטן שטאַטס־קאָמוניזם, — אַ שרייענדער דורכפאַל. פון רוסלאַנד לערנען מיר, ווי אַזוי דער קאָמוניזם **טאָר נישט אָנגעהאַנגען ווערן מיט געוואַלד**, נישט אַפילו אַ מידער באַפעלקערונג פון אַלטן רעזשים, וואָס גיט נישט קיין שום אַקטיוון ווידערשטאַנד דעם פאַרזוך פון די נייע הערשער.

---

דער גערדאנק פון די סאָוועטן, דאָס הייסט, פון ארבעטער־און פויערן־ראטן, וואָס איז צום ערשטן מאָל געפּרעדיקט געוואָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאנד פון 1905 און איז תּיכף איינגעפירט געוואָרן אין דער פּראקטיק אין פעברואר 1917; דער גערדאנק פון די סאָוועטן, וואָס האלטן דעם קאָנטראָל אויף דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פונעם לאנד, איז זייער א גרויסער גערדאנק; און נאָך מער איז ער גרויס דערמיט, וואָס ער פירט נויטיקערווייז צו דער אידעע, אז די דאָזיקע ראטן דארפן צוזאמענגעשטעלט ווערן פון אלע יעניקע, וואָס א דאנק זייער פּערזענלעכער באמיאונג, נעמען זיי א רעאלן אנטייל אין דער אויסארבעטונג פון דעם נאַציאָנאלן רייכטום.

אָבער בעת א לאנד ווערט באהערשט פון א פּארטיי־דיקטאטור, איז גאנץ פארשטענדלעך, אז די ארבעטער און פויערן־ראטן פארלירן זייער באדייטונג. זיי ווערן אראָפּגענידערט צו דער פּאסיווער ראָל, וואָס עס פלעגן אמאָל שפּילן די „גענעראל שטאַטן” און די פּארלאמענטן, ווען זיי פלעגן צונויפגערופן ווערן פון דעם קעניג און האָבן געדארפט קעמפן קעגן אן אלמעכטיקן קייזערלעכן ראט.

אן ארבעטס־ראט הערט אויף צו זיין א פרייע, ווירקזאמע, באראטנדיקע קערפּערשאפט, ווען אין לאנד איז נישט פאראנען קיין פרייהייט פארן געדרוקטן וואָרט, און דאָס איז די לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך זינט צוויי יאָר, אונטערן אויסרייד אז מיר לעבן אין א מלחמה־צושטאנד. נאָך מער, די ארבעטער און פויערן־ראטן פארלירן זייער באדייטונג, ווען די וואלן ווערן נישט צוגעגרייט דורך א פרייער וואל־טעטיקייט און ווערן דורכגעפירט אונטערן דרוק פון א פּארטיי־דיקטאטור. נאטירלעך איז דער געוויינלעכער תּירוץ פאר דעם דיקטאטאָרישן געזעץ, אז ער ווערט באנוצט אלס מיטל צו באקעמפן דעם אלטן רעזשים.

---

אין דער אלטער און נייער געשיכטע איז גוט באקאנט דער אופן, ווי אזוי עס ווערט אראָפּגעוואָרפן א שוואכע רעגירונג. אָבער ווען עס פאָדערט זיך צו שאפן נייע לעבנס־פאָרמען, איבערהויפּט נייע פאָרמען פון פּראָדוקציע, נישט האָבנדיק פארן אויג קיין מאָדעל אויף נאָכצואמען, ווען אלץ מוז געמאכט ווערן אויפן פלאץ, ווען א רעגירונג, וואָס נעמט זיך אונטער צוצושטעלן פאר יעדן איינוואוינער יעדעס לאָמפּן־גלעזל וואָס ער דארף, ווייזט זיך ארויס אלס אומפעאיק צו טאָן דאָס, פארוואנדלט זיך די רעגירונג אין א שטערונג. זי אנטוויקלט אזא גרויסע ביוראָקראַטיע, אז די פראנצויזישע ביוראָקראַטישע סיסטעם, וואָס פאָדערט אז 40 באאמטע זאָלן זיך באטייליקן אין דעם פארקויף פון א בוים וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן דורך א שטורעם־ווינט, איז אין פארגלייך מיט איר, אן אומבאדייטנדע. דאָס איז וואָס מיר לערנען איצט אין רוסלאנד. און דאָס איז וואָס איר, ארבעטער פון מערב, דארפט און מוזט אויסמיידן דורך אלע מיטלען,

מחמת איר אינטערעסירט זיך דאָך אין דעם דערפאָלג פון א סאָציאַלער ווידער־אויפבויאונג. שיקט אהערצו דעלעגאטן צו זען ווי אזוי א סאָציאלע רעוואָלוציע ווערט דורכגעפירט אין לעבן.

---

די אומגעהויער גרויסע קאָנסטרוקטיווע ארבעט וואָס עס פאָדערט א סאָציאלע רעוואָלוציע קען נישט דורכגעפירט ווערן פון א צענטראלער רעגירונג, ווען אפילו זי זאָל האָבן אלס וועג-ווייזער עטוואָס מער זאפטיקעס ווי עטלעכע סאָציאליסטישע און אנארכיסטישע לערביכער. זי פאָדערט די קענטעניש, דעם מוח און די פרייוויליקע מיטארבעטערשאפט פון א גרויסער צאָל לאָקאלע און ספּעציאַליזירטע קרעפטן, וועלכע זיינען די איינציקע, וואָס קענען באהאנדלען מיט דערפאָלג די פארשיידנארטיקע עקאָנאָמישע פראגן. אָפּווארפן די דאָזיקע מיטארבעטערשאפט און אָנפארטרויען אלץ צו דעם טאלאנט פון די פארטיי־דיקטאטאָרס, מיינט צו צעשטערן די אומאָפּהענגיקע גרופּעס, ווי למשל די פאך־סינדיקאטן — וואָס אין רוסלאנד הייסן זיי „פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען" — און די לאָקאלע קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס, פארוואנדלענדיק זיי אין ביוראָקראטישע פארטיי-אָרגאנען, ווי עס פאסירט איצטער. נאָר דאָס איז דער זיכערסטער אופן ווי אזוי אָפּצושטעלן די רעוואָלוציע, צו מאכן אוממעגלעך איר דורכפירונג, און דאָס איז דער מאָטיוו צוליב וועלכן איך פיל זיך פארפליכטעט צו וואָרענען אייך קעגן דער נאָכאמונג פון זייערע האנדלונגען.

---

די אימפּעריאליסטישע דעראָבערער פון אלע נאציאָנאליטעטן מעגן ווינטשן, אז די באפעלקערונג פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע זאָלן פארבלייבן וואָס לענגער אונטער די ערגסטע עקאָנאָמישע אומשטענדן, זייענדיק אזוי געצוואונגען צו קויפן דעם רויוואַרג אין מערב און צענטראל־אייראָפּע, בעת די פאבריקאנטן פון מערב וועלן אָפּשפּאָרן די פארדינסטן, וואָס די זעלבע רוסן וואָלטן געקענט ארויסנעמען פון זייער ארבעט. אָבער דער ארבעטער קלאָס פארשטייט זיכער, אז נאָר דורך גוואלד וועט מען קענען האלטן רוסלאנד אין דעם צוואנג-צושטאנד. חוץ דעם, די סימפּאטיע מיט וועלכער אונזער רוסישע רעוואָלוציע איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן, באווייזט, אז איר האָט זיך געפרייט באגריסנדיק רוסלאנד, אלס א נייעם מיטגליד אין דער אינטערנאציאָנאלער פארברידערונג פון די פעלקער. און זיכער וועט איר גאָר אינגיכן פארשטיין, אז ס'איז אין אינטערעס פון די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט, אז רוסלאנד זאָל וואָס אמשנעלסטן זיך באפרייען פון די באדינגונגען וואָס פאראליזירן איצט איר אנטוויקלונג.

---

נאָך א פּאָר ווערטער. די לעצטע מלחמה האָט איינגעפירט נייע לעבנס־באַדינגונגען פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. עס איז זיכער, אַז דער סאָציאַליזם וועט מאַכן אַ באַדייטנדיקן פּראָגרעס און עס וועלן באַשאַפן ווערן נייע, מער אומאָפּהענגיקע לעבנס־פאָרמען, אויף אַ פרידלעכן אופן, אָדער אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, אויפן יסוד פון דער אָרטיקער אויטאָנאָמיע און פרייער איניציאַטיווע.

אָבער דער דערפאָלג פון דער ווידעראויפבויאונג וועט אין אַ גרויסער טייל אָפּהענגען פון דער מעגלעכקייט פון אַ נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט מצד די פאַרשידענע פעלקער.

אויף צו דערגרייכן די דאָזיקע שטופּע איז נויטיק, אַז די אַרבעטער פון אַלע פעלקער זאָלן זיין ענג פאַרבונדן און אַז דער געדאַנק פון דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַל פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט זאָל באַנייט ווערן, אָבער נים אין דער פאָרם פון אַ פאַריין וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין פּאַרטיי, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און א י צ ט מ י ט ן ד ר י ט ן. די דאָזיקע פאַראייניקונגען האָבן, נאַטירלעך, אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אָבער אויסער זיי און פאַראייניקנדיק זיי אַלע דאַרף באַשאַפן ווערן אַ פאַרבאַנד פון אַלע סינדיקאַטן פון דער וועלט, בכדי צו באַפרייען די וועלט־פּראָדוקציע פון איר היינטיקער אונטערוואָרפנקייט צום קאַפּיטאַל.

דמיטראָוו. 10טן יוני, 1920.

פּיאָטר קראָפּאָטקין.

אַווגוסטין זוכי

# מיין באַזוך ביי קראָפּאָטקינען

איך האָב געהאַט דעם גליקלעכן צופאַל צו זיין צו גאַסט ביי קראָפּאָטקינען אין דמיטראָוו א יאָר פאַר זיין טויט. איך בין געווען ביי אים צוויי טעג מיט א האַלבן. און איצט, אינעם טאָג פון זיין יאָרצייט*), וויל איך זיך טיילן מיט די לייענער פון דעם זאַמלבוך מיינע איינדרוקן און דערציילן, וואָס איך האָב געזען און געהערט.

קראָפּאָטקין האָט פאַרנומען אין דמיטראָוו א קליין הויז, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט א גאָרטן, וועלכן ס'האָט באַאַרבעט זיין פרוי, סאָפיא גריגאָריעוונא. דער אַלטער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זיין פרוי, וועלכע איז שוין געווען אַריבער די זעכציק, אַרבעט איינע אַליין דעם גאַנצן זומער, טאָג איין טאָג אויס, אין שטוב און אין גאָרטן, און זי איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז זי האָט נישט קיין מעגלעכקייט איבערצולייענען אפילו איין בוך. די פרוי גופא האָט געחלומט פון דעם נאָענטן ווינטער, וואָס וועט איר דערלויבן אביסל רו און די מעגלעכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט גייסטיקער אַרבעט.

— „אַן עבירה, וואָס מיין האַרץ איז אַזוי שוואַך, אַז איך בין נישט בכוח צו העלפן דער פרוי ביי דער אַרבעט אין גאָרטן. — האָט קראָפּאָטקין געזאָגט. — ס'ווילט זיך מיר אַזוי דאָס טאָן"...

פונדעסטוועגן האָט קראָפּאָטקין געהאָלפן דער פרוי, אויב נישט אין גאָרטן איז אין דער שטוב-אַרבעט: ער האָט זיך אַליין צוגעגרייט דאָס בעט, אַליין געבראַכט וואַסער צום וואַשן זיך, אַליין אויפגערוימט דאָס צימער און נאָכן טרינקען טיי אַליין געוואַשן די גלעזער א.א.וו.

אין די טעג, וואָס איך בין געווען ביי די קראָפּאָטקינס, האָב איך גערעדט

---

*) געשריבן צו קראָפּאָטקינס צענטן יאָרצייט, אין 1931 אינעם זאַמלבוך פון די טשיקאַגער רוסישע אַנאַרכיסטן.

מיט אים וועגן פארשידענע זאכן, נאָר דער הויפּט־שמועס, פאַרשטענדלעך, איז געווען וועגן אונזער באַוועגונג.

אין איינעם פון די שמועסן האָבן מיר באַרירט די פראַגע וועגן גוואַלד. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בין איך געווען נייגיריק צו וויסן קראָפּאָטקינס מיינונג וועגן טאָלסטאָיען. איך האָב געוואָלט וויסן, צי וועט ער אים שענקען אין זיין „עטיק", איבער וועלכער קראָפּאָטקין האָט דעמאָלט געאַרבעט, אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געענטפערט נעגאַטיוו, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז טאָלסטאָיס שטאַנדפּונקט — איז די לערע פון קריסטנטום.

„איך ווייסט, ס'איז פונדעסטוועגן מאָדנע, וואָס טאָלסטאָי האָט אַזוי שטאַרק זיך אינטערעסירט מיטן קריסטנטום. ס'זיינען דאָך פאַראַן אַ סך אַנדערע רעליגיעס, וואָס זיינען אויך ווערטפול, און נישט ווייניקער פון דעם קריסטנטום. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע רעליגיעס האָט דאָס קריסטנטום קיין שום פאָרצוג נישט, סיידן אפשר די טעאָריע פון נישט געבן קיין ווידערשטאַנד דעם שלעכטס. פונדעסטוועגן דערוויזט די גאַנצע געשיכטע פונעם קריסטנטום, אַז די קריסטן פאָלגן נישט אויס דעם דאָזיקן גרונטפּרינציפּ. מיר האָבן דערום קיין שום גרונט נישט צו שטעלן דאָס קריסטנטום, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע רעליגיעס, אין אַ באַזונדער לאַגע".

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון אייניקע לענדער אין מיטל און צפון־אַמעריקע איז פאַראַן אַ ריכטונג, וואָס איז קעגן יעדער גוואַלד — אונזער שמועס איז פאָרגעקומען אין 1920 — האָט קראָפּאָטקין זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן דער דאָזיקער ריכטונג.

„איך בין קיינמאָל נישט געווען קעגן אָנווענדן גוואַלד — האָט ער געזאָגט. — איך דערמאָן זיך — האָט ער פאָרגעזעצט — אַז מיר זיינען בשעתו, אין פּאַריז, לאַנג פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער פּאָליציי. און ווען מיר האָבן סוף כל סוף, נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, האָבן מיר זיך געמוזט פאַרטיידיקן פון די פאַרפאָלגער. זשאַן גראַוו, וועמען מען האָט מער פון אַלעמען פאַרפאָלגט, האָט גאַנץ אָפן געשריבן אין דער צייטונג: „ביז איצט האָב איך גאָר נישט געטאָן קעגן מיינע פאַרפאָלגער. נאָר אַזוי ווי די פאַרפאָלגונג הערט נישט אויף, וואָרן איך איצט, אַז איך וועל באַגעגנען מיט אַ רעוואָלווער־קויל דעם ערשטן שפּיאָן וואָס וועט אַריבערטרעטן די שוועל פון מיין הויז". נאָך דער דאָזיקער דראָאונג האָט מען אים געלאָזט צורו".

קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן, אַז אין אַ פרייער געזעלשאַפט וועט מען נישט אָנווענדן קיין שום גוואַלד, נאָר אינעם קאַמף קעגן דער הערשאַפט און עקספּלאָאַטאַציע, אויף אויסצוקעמפן די דאָזיקע פרייע געזעלשאַפט, מוז מען אָנקומען צו גוואַלד.

קראָפּאָטקין איז שוין געווען זייער אַלט ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע, דאָך האָט ער נאָך פאַרמאָגט גענוג יוגנטלעך פייער און רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג. ער האָט איינער פון די ערשטע, נאָך אין קערענסקים צייט, פּראָקלאַמירט אויף דער מאָסקווער באַראַטונג*), אַז רוסלאַנד דאַרף ווערן אַ פרייע פעדעראַטיווע רעפּובליק.

קראָפּאָטקין איז ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געווען פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר די סאָוועטן. אָבער די סאָוועטן האָבן, לויט זיין מיינונג, געמוזט זיין זעלבסטשטענדיקע און האָבן דאָס רעכט פון איניציאַטיווע, באַזונדערס אין די אָרטיקע ענינים.

„ס׳איז בכלל נישט מעגלעך אַלעס צו אָרגאַניזירן פון איין צענטער, פון אויבן אַראָפּ — האָט ער געזאָגט. דאָ, למשל, האָט מען פאַריקן ווינטער געפאָדערט פויערים מיט פערד און שליטנס אויף צו ברענגען האָלץ, און זיי זיינען געווען גרייט דאָס צו טאָן אַליין. אָבער די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַליין געוואָלט אָנפירן מיט דער אַרבעט. נאָר ביז די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך גענומען דערצו, און ביז זי האָט געקראָגן די נויטיקע פויערישע שליטנס פאַרן טראַנספּאָרט, איז זיך צעגאַנגען דער שניי״.

„און האָט איז אַ צווייטער פאַל — האָט קראָפּאָטקין פאָרגעזעצט — הייינטיקס יאָר איז דער שניט אין צענטראַל-רוסלאַנד אַ שלעכטער. דאָס גראָז איז פאַרטריקנט געוואָרן, די פויערים האָבן נישט קיין פאַשע פאַרן סקאָט און ווינטער וועלן זיי זיין געצוואונגען צו קוילען דעם סקאָט, כדי האָבן פלייש צום עסן. די רעגירונג האָט שטרענג פאַרבאָטן צו קוילן דעם סקאָט און רעקאָמענדירט צו צענויפנעמען די גרינגע בלעטער און פון זיי צוגרייטן פאַשע אויפן ווינטער. אָבער איצט איז שוין שפּעט דאָס צו טאָן, און אַלץ דערפאַר, ווייל די אָרגאַניזירונג דערפון ליגט אין די הענט פון דער רעגירונג. וואָלט מען געלאָזט האַנדלען די אָרטיקע סאָוועטן אויף אייגענער איניציאַטיווע, וואָלטן זיי אַליין געוועזן געקאָנט געפינען פאַשע פאַר די בהמות אויפן ווייטסטן דרום פון רוסלאַנד״.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי, נאָכן פרישטיק, האָט קראָפּאָטקין מיר אומגעקערט דעם מאַנוסקריפּט וועגן דער פאַרטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס איך האָב אים געגעבן דורכצוקוקן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אויפגע־

*) די מאסקווער מלוכהשע באַראַטונג איז פאַרגעקומען אין דער מיט אויגוסט פון 1917. דער ציל פון דער באַראַטונג איז געווען — די אָרגאַניזירונג פון אַ פעסטער מאַכט און אַ פּרואוו צו פאַראייניקן די לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות און די „מלוכהש־דענקענדיקע עלעמענטן״. קראָפּאָטקין איז געווען אַנוועזנד אויף דער באַראַטונג אַלס ערנמיטגליד. ער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, וואָס וועגן איר אינהאַלט האָבן מיר איצט בלויז אַן אומקלאָרע פאָרשטעלונג און די מאַטעריאַלן פון דער באַראַטונג האָבן מיר נישט צו דער האַנט, און דערפאַר טאַקע האַלטן מיר זיך אָפּ פון איבערגעבן מיט אייגענע ווערטער קראָפּאָטקינס רעדע. — ג. מאַקסימאָוו.

שטאַנען גאַנץ פרי, דורכגעקוקט דעם מאַנוסקריפּט און געמאַכט אַ רייע אויס־בעסערונגען.

„די אידייע פון סאָוועטן איז אַ גוטע, אָן אויסגעצייכנטע — האָט ער גע־זאָגט. — אָבער זי האָט נאָך ניט דערגרייכט איר פולע אנטוויקלונג. פאַרגעסט ניט צו זאָגן די דייטשע חברים, אַז כדי די רעוואָלוציע זאָל זיין אַ דערפאָלגריי־בע, מוזן מיר האָבן סאָוועטן ניט נאָר פאַר די אַרבעטער אין די פאַבריקן, אין דער אינדוסטריע און די ביוראָען, נאָר אויך פאַר די איינוואוינער פון די גע־מיינדעס. למשל, צו וועלכן סאָוועט באַלאַנג איך דאָ, אין דמיטאָוו? מיר האָבן דאָ נישט קיין שום סאָוועט צו וועלכן איך וואָלט געקאָנט באַלאַנגען. מיר האָבן דאָ סאָוועטן אין די געמיינדעס, און זיי דאַרפן האָבן די מעגלעכקייט צו אויס־וויקלען פריי זייער איניציאַטיווע. זיי זיינע באַרופן דערצו, אויף צו זאָרגן פאַר דער באַשפייזונג. אַ צענטראַליסטישע רעגירונג באַוועגט זיך צו לאַנגזאַם פאַר אַזאַ אַרבעט. נאָר ווען די אָרטיקע געמיינדע-סאָוועטן פונעם גאַנצן לאַנד וועלן זיך פעדערירן וועט קאָנען געבוירן ווערן אַ לעבעדיקער צענטער.

„דאָס זעלבע איז מיט דער עקספּלאָטאַציע פון די נאַטור־אוצרות — האָט קראָפּאָטקין פאָרגעזעצט. אין אייניקע ערטער פון רוסלאַנד האָט מען אונטערן טאָרף געפונען אַ מאַטעריאַל, פון וועלכן מען קאָן אַרויסבאַקומען אַ גוטן נוץ־לעכן אויל. די געמיינדעס פון די דאָזיקע געגנטן לאָזט מען אים נישט באַאַרבעטן, ווייל די רעגירונג האָט דאָס גענומען אויף זיך. זי האָט איבערגעגעבן די אַרבעט אינזשיניערן וועלכע, נאַטירלעך, אַרבעטן בלויז פאַר גוט באַצאָלט. די אַרבעטער — זיינען בלויז פערד, איינגעשפּאַנטע אינעם וואָגן. אָט די אַרבעט וואָלט באַ־דאַרפט באַלאַנגען צו די אָרטיקע סאָוועטן, און זיי וואָלטן זי באַדאַרפט איבער־נעמען אין זייערע הענט. די סאָוועטן־אידייע וואָלט באַדאַרפט אויסגעפילט ווערן מיט אַ טיפערן אינהאַלט.

ס'איז געקומען די צייט אוועקצופאָרן. מיר האָבן זיך געמוזט איילן צום באַן. קראָפּאָטקין האָט ביים געזעגענען זיך מיך צעקושט אין ביידע באַקן און געזאָגט: „מיר פאַרבלייבן פריינט, איך פיל עס"... ער האָט אונז באַגלייט ביזן טויער פונעם גאָרטן און געבעטן איבערגעבן אַ גרוס אַלע חברים.

אלעקסאנדער בערקמאן

# דערינערונגען וועגן קראָפּאָטקינען*)

## (זיין שטעלונג צום באָלשעוויזם)

מיר האָבן דיסקוטירט פאַרשיידענע אנגעלעגנהייטן. איך האָב געפונען אז קראָפּאָטקין איז געווען אנטשלאָסן און קאַטעגאָריש קעגן די באָלשעוויקעס. אָדער, בעסער געזאָגט, ווי ער פלעגט שטענדיק ווידערהאָלן, ער איז געווען א קאָמפּראָמיסלאָזער שונא פון שטאַט־סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם, וועלכער ווערט מיט גוואלד ארויפגעצוואונגען אויפן פאָלק. און פון מארקסיזם אין אלגעמיין. „מען האָט קיין אנדער זאך נישט געקענט דערווארטן פון די באָלשעוויקעס — האָט ער צוגעגעבן. — זיי זיינען געווען מארקסיסטן אין טעאָריע און אין זייערע שטרעבונגען: זיי זיינען געווען אנטשלאָסן צו שאפן אן אלמעכטיקן, אבסאָלוטן שטאָט. זייערע רעוואָלוציאָנערע שלאַג־ווערטער פון די אָקטאָבער־נאָוועמבער טעג אין 1917 האָבן מיאוס פארפירט דעם פּראָלעטאַריאַט און די פּויערים, אי־בערהויפּט די אנארכיסטן. די אנארכיסטן האָבן, פארשטייט זיך, געוואוסט אז א רעגירונג באזירט אויף גוואלד, וואָס פאר א קלינגענדיקן נאָמען זי זאָל נישט האָבן, איז זי שטענדיק א צרה און אן אומרעכט, אָבער אין 1917 האָבן זיי אין די באָלשעוויקעס געזען א גרויסע רעוואָלוציאָנערע קראפט און זיי האָבן זיך אליין פארבלענדעט צו דער געפאר, וואָס ליגט אין דער פילאָזאָפיע פון מארקסיזם גופא. די רוסישע אנארכיסטן האָבן געארבעט האנט אין האנט מיט די באָל־שעוויקעס פאר דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געקעמפט זייט ביי זייט, האָבן געקעמפט איבערגעגעבן, העלדיש, הונדערטער פון זיי האָבן אוועק־געלייגט זייערע לעבנס — און איצט? איצט ווערן זיי פארפאָלגט, געיאָגט. יע־יער אויסדרוק איז זיי פארבאָטן, פיל פון זיי זיינען אין די טורמעס פאר זייערע

*) פון אלעקסאנדער בערקמאנס א ארטיקל אין דער „פרייער ארבעטער שטימע" פון דעם 3טן מערץ 1922, וועגן זיין באזוך ביי קראפאטקינען אין דמיטראוו.

אידעען. אייניקע זיינען דערשאָסן געוואָרן. און וואָס האָבן די באָלשעוויקעס איצט? שוין כמעט דריי יאָר אז זיי האָבן דעם פולן קאָנטראָל איבער דער רעגירונג און איבער דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון לאנד, וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן פארן פאָלק? איך רייד נישט וועגן דעם הונגערן און רואינירטן צושטאנד פון רוסלאנד, כאָטש דאָס קען מען אויך אינגאנצן נישט צושרייבן צו דער אינטערווענץ און דער בלאָקאדע. דער שטאט-קאָמוניזם און די מעטאָדן פון די באלשעוויקעס האָבן נישט קיין קליינעם חלק פון פאראנטוואָרטלעכקייט אין דעם; זייער פארריקטע ליידנשאפט פאר צענטראליזאציע, זייער אומפעאיקייט אין די פראקטישע זאכן פון לעבן — שוין נישט ריידנדיק פון קאָרופציע — און איבערהויפט זייער גאנצע אומוויסנהייט אין אגראר־פראגן און אין דער פסיכאָלאָגיע פון די פויערים — דאָס אלץ איז אין א גרויסער מאָס פאראנטוואָרטלעך פאר דער איצטיקער עקאָנאָמישער לאגע אין רוסלאנד. אָבער נישט דאָס וויל איך איצט באמאָנען. וואָס איך וויל איבערהויפט אונטערשטרייכן פאר אייך ביים איצטיקן מאָמענט (און קראָפאָטקין האָט אויף מיר א קוק געטאָן מיט אויגן פול מיט ליידן, זיין שטימע האָט געציטערט פון אויפרעגונג) איז די שטעלונג פון דעם באָלשעוויסטישן שטאָט צום פאָלק — צו די איינצלנע און צום קאָלעקטיוו. איך קען וועגן דעם נישט רעדן רואיק. אונטערדריקונג און טעראָר, דאָס זיינען די באָלשעוויסטישע מיטלען, וועלכע ווערן אָנגעווענדעט אפילו אויף די פריינד פון דער רעוואָלוציע. אָנשטאָט פארטיפן די רעוואָלוציע זיינען זיי איצט פארנומען מיט פארזיכערן זייער רעגירונגס-מאכט. זיי האָבן אינגאנצן פארלאָרן פון אויג דאָס וויכטיקסטע פון דער רעוואָלוציע: די שטענדיקע פראָגרעסיווע רעוואָלוציאָניזירונג פון די מאסן, די גרעסטע געלעגנהייט און אויפמונטערונג פאר דעם פאָלקס איניציאטיווע, זעלבסט־אויסדרוק, אָרגאניזאציע און זייער פרייער קאָאָפעראציע. האָב איך געזאָגט, אז זיי האָבן עס פארלאָרן פון אויג? ניין, זיי האָבן עס בכיון און סיסטעמאטיש אונטערדריקט, אויסגעראָטן יעדן צייכן פון איר. אָט דאָס איז די גרויסע טראגעדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע".

מען האָט געקענט קלאָר זען ווי טיף קראָפאָטקין האָט געליטן פון דעם אופן ווי די באָלשעוויקעס האָבן „פארוואלטעט" די רעוואָלוציע, ווי ער פלעגט מיט ביטערקייט כאראקטעריזירן די גאנצע אָנגעלעגנהייט. ער האָט פארדאמט זייער שטעלונג פון אונטערדריקן אלע אנדערע ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע פארטייען און באוועגונגען און איז איבערהויפט געווען אויפגעבראכט פון זייער פאָליטיק צו ארעסטירן און זאָגאר שיסן די אנארכיסטן. דאָס איז בארבאריזם נישט רעוואָלוציע, — פלעגט ער זאָגן. ער האָט זייער פיל גערעדט וועגן דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פארניכטעט די גרויסע, קאָאָפעראטיווע באוועגונג פון רוסלאנד, אָנווייזנדיק די שעדלעכע פאָלגן אויף דעם עקאָנאָמישן און פאָליטיש־געזעלשאפטלעכן לעבן; זיי האָבן געהאָלפן ברענגען דאָס לאנד אויף דעם ברעג פון עקאָנאָמישן אונטערגאנג פון איין זייט, און פון דער צווייטער — האָבן

זיי פֿאַרביטערט קעגן זיך די פּאָליטיש־נייטראַלע ביז צו מאַכן פֿון זיי קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. די קאָפּעראַטיווע באַוועגונג פֿון רוסלאַנד איז געווען אַן אומ־געהויער גרויסע קראַפֿט אין דעם לעבן פֿון לאַנד, נישט נאָר עקאָנאָמיש נאָר אויך אין קולטורעלן זין. זייער טעטיקייט האָט איינגעשלאָסן נישט נאָר די פֿאַברי־צירונג און פֿינאַנסירונג פֿון פּויערשע אונטערנעמונגען, קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, נאָר זיי האָבן אויך אָנגעפֿירט אַ ווירקזאַמע דערציאונגס טעטיקייט, איבערהויפּט אין די דערפֿער. עס איז אמת, די קאָאָפּעראַטיוון זיינען נישט געווען קיין רע־וואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען פֿאַרשידענע פּאָליטי־שע עלעמענטן, אָבער די טעטיקע רעאַקציאָנערן האָבן זיך געוויינטלעך געפֿונען צווישן די העכסטע באַאַמטע און האָבן געקענט זייער לייכט באַזייטיקט ווערן ניט צעשטערנדיק די אָרגאַניזאַציע אַלס אַ גאַנצע. דער עקאָנאָמישער אַפּאַראַט פֿון די קאָאָפּעראַטיוון איז געווען אַ זייער אַרבעטס־פֿעאיקער, וועלכע איז געווען אומבאַדינגט נויטווענדיק פֿאַר די לעבנס־אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציע. אין יאַנואַר 1918, זיינען די קאָאָפּעראַטיוון באַשטאַנען פֿון 25.000 אָפּטיילונ־גען, צעוואָרפֿן איבער גאַנץ רוסלאַנד, מיט אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון 9 מיליאָן מענטשן. אין דעם יאָר פֿאַר דעם האָט זייער אומזאַץ באַטראָפֿן 200 מיליאָן רובל. (אין יענע צייטן האָט נאָך דער רובל געהאַט כמעט ווי זיין פֿולע ווערט). די דאָזיקע מעכטיקע אָרגאַניזאַציע האָט פֿונקציאָנירט זייער ווירקזאַם אין יעדער שטאָט, שטעטל און דאָרף אין רוסלאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן פֿריער פּאַראַליזירט, דאַן אין גאַנצן „ליקווידירט" צעשטערט, די קאָאָפּעראַטיוון. דאָס איז געווען זעלבסטמאָרד פֿאַר דער רעוואָ-לוציע.

עס האָט שנעלער געמאַכט דעם עקאָנאָמישן צוזאַמענברעכן, וואָרום דער באָלשעוויסטישער ש ט אַ ט האָט נישט געקענט ווירקזאַם אָרגאַניזירן די זאַמלונג פֿון שפּייז־מאַטעריאַלן, נישט זיי ריכטיק פֿאַרנאַנדערטיילן. מיליאָ-נען טאָן פֿון טייערע שפּייז־פּראָדוקטן זיינען פֿאַרפֿוילט געוואָרן, ליגנדיק אומבאַ־שיצט פֿון שעדלעכן וועטער אויף די אייזנבאַן־הויפֿן, אויף די דאָרף סטאַנציעס און אויפֿן וועג — די קאָאָפּעראַטיוון זיינען געווען פֿאַרניכטעט, די מאַשינעריע פֿאַר לאָקאַלער פֿאַרטיילונג אָפּגעשאַפֿט, און דער קאָמוניסטישער שטאַט איז נישט געווען צוגעגרייט, נישט דערפֿאַרן און זייער נישט אַרבעטס־פֿעאיק אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן. נאָכמער, די דאָזיקע פֿאַרברעכעריש־נאַרישע פּאָליטיק פֿון די באָלשעוויקעס צו די קאָאָפּעראַטיוון, אין דער ווירקלעכקייט דער לאָגי-שער רעזולטאַט פֿון זייער צענטראַליסטישער, שטאַט־סאָציאַליסטישער פֿילאָ־זאָפֿיע, האָט נויטיקערווייזע געפֿירט צו אַ צאָל אַנדערע שעדלעכע שריט, וועלכע האָבן מיט דער צייט געמוזט פֿירן צו דער פֿאַרניכטונג פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דעם לאַנד. נישט זייענדיק פֿעאיק צו באַזאָרגן די שפּייז וואָס מען האָט גע־דאַרפֿט פֿאַר דער רויטער אַרמיי און דער שטאָט באַפֿעלקערונג, האָט די באָלשע־

וויסטישע רעגירונג זיך באלד גענומען צו דעם מיטל פון „ראזוויארסטקא", זאמ־לען שפייז מיט גוואלד. דאָס איז געווען א פארצווייפלטער מיטל, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גוואלד און עקסטרעמער ברוטאליטעט. עס האָט געמוזט פארביטערן דאָס פאָלק, איבערהויפט די פויערים. עס איז געווען א צו לעבעדיקע נאָכמאכונג פון דעם צארס צייטן. די פויערים האָבן פריער פראָטעסטירט קעגן דער אומגערעכטיקייט און דער אויטאָקראטישער עקאָנאָמישער פאָליטיק פון די באָלשעוויקעס, אָבער זייערע פראָטעסטן זיינען געווען אומזיסט. געוועגלעך פלעגן די פראָטעסטן נאָר ברענגען אונטערדריקונגס־מיטלען. די באָלשעוויקעס זיינען געווען אנטשלאָסן צו באווייזן אז זיי זיינען „א שטארקע קראפט", אזא „מיט וועלכער מען קען זיך נישט שפילן", ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין די רעגירונגס־קרייזן. ווען די בקשות, קלאגן און פראָטעסטן האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין א דורכפאל, האָבן די פויערים זיך גענומען שטעלן אנטקעגן מיט גוואלד. די רעגירונג האָט קעגן זיי געשיקט שטראָף־עקספעדיציעס, נעמענדיק שרעקלעכע נקמה פון גאנצע דערפער. די דאָזיקע שטראָף־עקספעדיציעס, שטענדיק געפירט פון קאָמוניסטן און טשעקיסטן, האָבן מיט זיך פארגעשטעלט די ערגסטע ברוטאלי־טעט: גאנץ אָפט פלעגט די גאנצע באפעלקערונג פון א דאָרף אָפגעווישט ווערן, אלצדינג אוועקגענומען פון די פויערישע הייזלעך, און אמאָל אפילו דאָס דאָרף פארניכטעט. די פאָליטיק פון די באָלשעוויקעס אין באצוג צו די רוסישע פוי־ערים איז, לויט קראָפּאָטקינס ווערטער, געווען דער שווארצסטער בלאט פון באָל־שעוויזם.

די דאָזיקע זאכן, שרעקלעך ווי זיי זיינען געווען, זיינען נישט געווען ניי פאר מיר: איך האָב געהערט וועגן זיי פון פארשידענע קוואלן איידער איך האָב באזוכט קראָפּאָטקינען. אָבער איך בין געווען זייער פריינדלעך צו די באָלשע־וויקעס אין יענער צייט און איך בין געווען געניגט צו דענקען, אז די קלאנגען וועגן דער באָלשעוויסטישער גרויזאמקייט זיינען שטארק איבערטריבן, און אז זייער פאָליטיק צו די פויערים ווערט שלעכט אויסגעטייטשט, אָדער שלעכט פאר־שטאַנען.

איך בין געקומען קיין רוסלאנד מיט א ליידנשאפטלעכן ענטוזיאזם פאר דער רעוואָלוציע און א טיפן גלויבן אין אירע מעגלעכקייטן. איך האָב פארשטאַנען די אומגעהויער גרויסע שוועריקייטן פון דער לאגע, די שטענדיקע געפאר פון דער אינטערווענץ, די אומפארמיידלעכע רעזולטאטן פון דער בלאָקאדע, און די פילע פארפלאָנטערטע נייע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געפאָדערט א לייזונג. איך בין געווען אנטשלאָסן בייצוטראָגן דאָס בעסטע פון מיינע כוחות צו דער גרויסער ארבעט. איך האָב געוואוסט, זעלבסטפארשטענדלעך, אז די באָלשעוויקעס זיינען מארקסיסטן, אָנהענגער פון א שטארקער, צענטראליזירטער שטאט־מאכט. אָבער זייער אמת רעוואָלוציאָנערע שטעלונג אין די אָקטאָבער טעג פון דער רעוואָלו־ציע, זייערע אָפטע אנארכיסטישע לאָזונגען, זייער ערנסטע טעטיקייט — די אלע

זאכן האָבן מיר געפירט צו גלויבן, אז נישט בלויז סאָציאַליסטישע טעאָריע, נאָר אז די ווירקלעך בעסטע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע זיינען זייערע וועג־ווייזער. אמת, איך האָב באמערקט באדייטנדע אומגערעכטיקייט און א שטאַרקע אומגלייכקייט אין די ערשטע עטלעכע וואָכן פון מיין זיין אין רוסלאַנד, אָבער איך האָב געזוכט צו דערשטיקן אין זיך אַלע ספקות וועגן דער רעוואָלוציאָנערער ערלעכקייט פון די באָלשעוויקעס. איך בין געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו די פירער פון דער באַוועגונג, האָב זיי באַגעגנט גאַנץ אָפט און האָב געפילט סימפּאַטיע צו זיי און צו זייער אַרבעט. אפילו ווען מיין זיין אין לאַנד האָט זיך פארלענגערט און איך האָב געזען פילע זאכן, וועלכע האָבן אויסגעזען צו ווידער־שפּרעכן מיינע באַגריפן וועגן רעוואָלוציאָנערע צילן און שטרעבונגען, האָב איך זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי מיין גלויבן אין די באָלשעוויקעס אלס א רעוואָלו־ציאָנערער פאַקטאָר. די באַווייזן, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן קעגן דעם, האָב איך געזוכט ווי עס איז צו פארגלעטן פאר זיך אליין. איך האָב זיך געמאַכט גלויבן אז די אומאָנגענעמע פאַסירונגען זיינען צופעליקע, אָפּט אומפארמיידלעכע; אָדער אז זיי זיינען בלויז אינצידענטן. אין דער אומפארשטענדלעכער פארמישונג פון דעם איבערגאַנגס פעריאָד, אומגליקלעכע רעזולטאַטן פון רעוואָלוציאָנערער נויטווענדיקייט, וועלכע קומען אַרויס פון די דריקנדע באַדערפעניש פון א קריטישן מאָמענט.

עס איז אַזוי שמערצפול, אַזוי שווער באַרויבט צו ווערן פון א באַליבטע אי־לוזיע! איך האָב נישט געקענט, איך האָב נישט געוואָלט גלויבן, וואָס איך האָב געהערט פון אַלע זייטן וועגן די באָלשעוויסטישע מעטאָדן און ברוטאַליטעט. איך האָב נישט געוואָלט פאַסן קיין מיינונג אין איילעניש אפילו פון די באַווייזן, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך האָב אפילו נישט געוואָלט געמען פאר ריכטיק דאָס, וואָס קראָפּאָטקין האָט מיר דערציילט: עס איז דאָך מעגלעך אז מען האָט אים נישט ריכטיק דערציילט, אָדער אז זיין שטעלונג ווערט באַפאַרבט פון זיינע פּאַרטייאישע געפילן. אָבער אַלץ דאָס וואָס איך האָב גע־הערט פון אים און פון אַנדערע, איבערהויפּט וועגן דער אַגראַר פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס, האָבן פארשטאַרקט מיין אנטשלאָסנקייט אליין אונטערצוזוכן די גאַנצע לאַגע און אויסגעפינען דעם גאַנצן אמת פון דער ערשטער האַנט. איך בין דאָן געווען אויפן וועג קיין אוקראַינע. די רייזע וועט מיר געבן די געלעגנ־הייט צו שטודירן די לאַגע גרינטלעך. די אומשטענדן זיינען געווען זייער גינס־טיקע: איך בין געווען דער פאָרזיצנדער פון א ספּעציעלער עקספּעדיציע פון דעם מוזיי פון דער רעוואָלוציע. אונדזער צוועק איז געווען צו זאַמלען מאַטעריאַל פון דער רעוואָלוציע זעלבסט, אַזוי גוט ווי היסטאָרישן מאַטעריאַל פון דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד פאר די לעצטע הונדערט יאָר. מיר האָבן געהאַט א באַזונדער וואַגאָן פאר אונדזער געברויך, מיט דעם רעכט צו פאָרן דורך גאַנץ דרום־רוסלאַנד, און די זעלטענע געלעגנהייט צו באַזוכן וועלכן פּלאַץ מיר

האָבן נאָר געוואָלט, און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מענטשן פון אַלע פאַר־שידענע שיכטן. נאָכמער, עס איז געווען מיין באַזונדער אויפגאַבע צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַזוי גוט ווי מיט די נישט געזעצלעכע און אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אין קורצן — עס איז געווען אַ העכסט אויסערגעוויינלעכע און אידעאַלע געלעגנהייט צו שטודירן די רוסישע רעוואָלוציע, אויסצוגעפינען די לאַגע אין לאַנד, זיך צו שטעלן אין דירעקטער באַרירונג מיט די אַרבעטער און פויערים און אַפילו אונטערזוכן די טורמעס און די קאָנצענטראַציע לאַגערן.

עס איז נישט מעגלעך אין די ברעגן פון איין אַרטיקל דערציילן די איינצלהייטן פון דער רייכער דערפאַרונג פון יענער רייזע, וועלכע האָט געדויערט פיר חדשים, דאָס וועל איך טאָן שפּעטער, פולשטענדיק און אומפּאַרטייאיש ווי נאָר מעגלעך. דאָ וויל איך נאָר זאָגן, אַזוי איבערצייגנד ווי איך קען, אַז אַלץ וואָס איך האָב געהערט אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע, און אַלץ וואָס קראָפּאָטקין האָט מיר דערציילט איז אַזוי בלאַס, אַז עס האָט גאָר קיין באַדייטונג נישט, ווען מען פאַרגלייכט עס מיט דעם וואָס איך האָב געזען אויף די פאַרשידענע רייזעס, צוערשט אין אוקראַינע, דערנאָך אין צפון, און צום סוף אין מערב רוסלאַנד. טרויעריק ווי דאָס איז צו דערציילן, איז עס אָבער דאָך אַלץ געווען ריכטיק; אין דער ווירקלעכקייט מער און ערגערע זאַכן האָבן פּאַסירט און פלעגן נאָך דאַן פּאַסירן. די באָלשעוויסטישע „ראַזוויאָרסטקע” האָט געטאָן זאַכן, וועלכע דער צאַריזם אין זיינע ערגסטע צייטן האָט קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן. עס האָט אויסגעזען אַבסאָלוט אומגלויבלעך אַז אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, אַפילו ווען זי איז אַ מאַרקסיסטישע, זאָל קענען דעגענערירט ווערן צו די טיפענישן פון אַזאַ אָפּשטויסנדיקער ברוטאַליטעט און באַרבאַרישער נ ק מ ה. נקמה — דאָס אַליין כאַראַקטעריזירט ריכטיק די פּאַרריקטע באָלשעוויסטישע פּאָליטיק צו די פויערים. גאַנצע געגנטן זיינען פאַרוויסטעט געוואָרן. איך האָב באַזוכט דערפער אין וועלכע עס איז גאָר נישט געווען קיין מענער אין דער באַפעלקערונג; די מענער האָט מען אויסגעשאָסן, נאָר פרויען און אינגלעך אונטער 14 יאָר זיינען געבליבן. אין אַנדערע דערפער האָט מען די מענער געשמיסן, איינעם נאָכן אַנדערן, און דאַן מיט גוואַלד גענומען אין דער אַרמיי, נישט קוקנדיק אָף זייער עלטער. אין איניקע דערפער זיינען די מענער, נאָך עטלעכע דערפאַרונגען מיט די „ש ט ר אָ ף ־ עקספּעדיציעס”, אַנטלאָפן אין די בערג, אָדער וועלדער, דאָרטן צו ווערן אַזוי גערופענע „גרינע” און אָנפירן אַן אָן־רחמנותדיקע גאַרילאַ מלחמה קעגן די באָלשעוויקעס. איך האָב געזען דערפער פון וועלכע די ראַזוויאָרסטקע-מאַכער האָבן אַוועקגעטראָגן אַלץ, ביז דעם לעצטן פּודמעל, אַפילו די זריעה, וואָס די פויערים האָבן באַהאַלטן פאַר דעם קומענדיקן פרילינג. בהמות און פערד האָט מען גענומען מער פון דעם געזעצלעכן פּראָצענט. די לעצטע הינער האָט מען צוגענומען. קישנס און קאָלדרעס צוריסן אויף שטיקלעך. די

דערפער זיינען געבליבן טרוקן ווי ביין. גאַנצע דערפער זיינען אָפּגעווישט געוואָרן ביזן באָדן דורך דער ארטילעריע פון די באָלשעוויסטישע שטראָף־עקספּעדיציעס, ביידע, — אַלס שטראָף און אַלס אָפּשרעקנדערביישפּיל פאר די פויערים פון דער שכנהשאפט. איך האָב געפונען אז דאָס וואָרט קאָמוניזם איז אין די קעפּ פון גע־וועלכע מענטשן געוואָרן דאָס זעלביקע ווי טשעקיזם — דער אויסדרוק פון אומגערעכטיקייט, אונטערדריקונג און גוואלד. די נעמען פון די קאָמוניסטן זיי־נען פאַרהאַסט געוואָרן אין די שטעט און שטעטלעך אין אַלגעמיין און אין די דערפער איבערהויפּט, מיט א האַס טיף, דויערנד און ליידנשאַפטלעך, א האַס וועלכער איז געוועז שרעקלעך אָנגעשטרענגט, געבוירן פון אָפּגענאַרטע האָפ־נונגען און אומזיסטע מאַרטירערטום.

:: :: ::

די דאָזיקע אגראַר „פּאָליטיק" פון די באָלשעוויקעס איז געוועזן דער טויטן קלאַנג פון דער רעוואָלוציע. ווי גערעכט זיינען געוועזן קראָפּאָטקינס ווער־טער, וועלכע ער האָט אָפּט מיט באַטאָנונג ווידערהאָלט אין בריוו און צו זיינע באַזוכער: „די באָלשעוויקעס האָבן באַוויזן דער וועלט ווי נ י ש ט צו מאַכן קיין רעוואָלוציע".

שטאָקהאָלם, יאַנואַר 1922.

---

# קראָפּאָטקינס פּראָטעסט קעגן דער סיסטעם פון ערובניקעס

## (זיין בריוו צו לענינען)

אין דעם היינטיקן נומער „פּראַוודא" געפין איך אן אָפיציעלן באריכט פון דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסארן, לויט וועלכן מען האָט באַשלאָסן צו האַלטן אַלס ערובניקעס עטלעכע אָפיצירן פון וראַנגעלס ארמיי. כ'קאָן נישט פארשטיין, ווי אזוי געפינט זיך נאָך אין אייער קרייז כאָטש איין גערעכטער מענטש, וואָס זאָל אייך זאָגן, אז אַזעלכע רעזאָלוציעס דערמאָנען אין די פינסטערסטע צייטן פון מיטלאַלטער — די צייטן פון די קרייצצוגן. וולאַדימיר איליטש (לענין), אייערע מאָסמיטלען אין דער פּראַקטיק זיינען אבסאָלוט אומווירדיק פאר די אידייען, אויף וועלכע איר פּרעטענדירט.

איז דאָס מעגלעך, אז איר ווייסט נאָך וואָס עס איז אַזוינס אן ערובניק? א מענטש, וועמען מען האָט פארשפּאַרט אין טורמע נאָך ווייל ער איז באַגאַנגען א פארברעכן, נאָר צוליב דעם איינציקן מאָטיוו, וואָס דערמיט קאָנען זיינע קעג־נער אויסאיבן א דרוק אויף זיינע חברים. די דאָזיקע מענטשן דארפן, מער־וויי־

ניקער, פילן דאָס זעלבע, וואָס די צום־טויט פאַרמשפּטע, ווען די אוממענטש־לעכע תּליונים זאָגן אָן יעדן טאָג, ווען דער זייגער קלינגט צוועלף, די בשורה, אַז זייער הינריכטונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף 24 שעה. אויב דער דאָזיקער פאַקט איז אמת, מעג מען זיך ריכטן, אַז אין אַ געווויסן טאָג וועט איר איינפירן די פייניקונג, ווי אין מיטלאַלטער.

איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט ענטפערן, אַז די מאַכט איז פאַר די פּאָלי־טיקער אַ פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבע, און אַז יעדער אָנפאַל אויף דער דאָזיקער מאַכט דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס קאָנקורענץ, וועלכע מען מוז באַקעמפן אום יעדן פּרייז. אפילו די קעניגן האָבן שוין נישט אַזאַ מיינונג, און די הערשער פון אַלע לענדער, וואו ס'עקזיסטירט נאָך די מאָנאַרכיע, האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן פאַרטיידיקונגס מיטל, וואָס איר האָט איצט איינגעפירט אין רוסלאַנד מיטן נעמען ערובניקעס.

ווי אַזוי קענט איר, וולאַדימיר איליטש, — איר, וואָס פּרעטענדירט צו זיין דער אַפּאָסטאָל פון אַ נייעם אמת, דער בוימייסטער פון אַ נייעם שטאַט, — ווי אַזוי קענט איר שטיצן אַזאַ אָפּשיילעכע האַנדלונג, אַזעלכע אומאַקצעפּטירבאַרע מעטאָדן? דאָס דאָזיקע מאַסמיטל מיינט, זיך מודה זיין עפנטלעך, אַז אייערע פּלענער האָבן באַנקראָטירט, אַז איר האַלט זיך שוין ניט ביי אייערע פריערדיקע אידייען. אָדער אפשר מיט נעמען ערובניקעס מיינט איר ניט צו ראַטעווען אייער ווערק, נאָר בלויז אייער לעבן?

זענט איר אַזוי שטאַרק פאַרבלענדט און געפאַנגען געוואָרן פון אייערע אויטאָריטעטרע אידייען אויף ניט איינצוזען, אַז איר, אַלס קאָפּ פון דעם אייראָפּייאישן קאָמוניזם, האָט ניט קיין רעכט צו באַשמוצן מיט שענדלעכע האַנדלונגען די אי־דייען, וואָס איר פּרעדיקט, — מיט האַנדלונגען, וואָס זאָגן נאָר עדות אויף אַ מאָנסטעריעזן פּחד, אויף דער מורא פאַרן אייגענעם לעבן, וואָס האָט קיין נאָמען ניט?

וואָסאַרא צוקונפט דערוואַרט דעם קאָמוניזם, ווען איינער פון זיינע גרעס־טע פּראָפּאַגאַנדיסטן טרעט מיט די פיס אַלע הערלעכע געפילן?

**פּיאָטר קראָפּאָטקין**

דמיטראָוו, אָקטאָבער 1920.

# קראָפּאָטקינס בריוו צו די שוועדישע אַרבעטער

(פונעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט" מאַי, 7, 1921).

די לעצטע בריוו, וואָס קראָפּאָטקין האָט געשריבן א קורצע צייט פאַר זיין טויט דעם 20טן דעצעמבער (הפּנים פון 1920)—און איז געווען געשיקט צו אונדזערע שוועדישע חברים. די בריוו אילוסטרירן אמבעסטן די לעצטע געדאַנקען פונעם פאַרשטאָרבענעם לערער און מאַכט אוועק מיט די ליגנס, וואָס די בורזשואזע פּרעסע האָט וועגן אים פאַרשפּרייט.

ליבע חברים! פון גאַנצן האַרצן דאַנקען מיר אייך אַלע דריי אייער אַנלאַקענדיקע איינלאַדונג קיין שטאָקהאָלם. עס וואָלט פאַר מיר געווען אַן אמתע פרייד ווידער צו באַזוכן אייער לאַנד, וואו איך האָב פאַרבראַכט שיינע טעג פון מיין יוגנט.

געזונט־מאַטיוון האָבן מיך געצוואונגען אויפצוגעבן דעם געדאַנק צו פאַרברענגען נאָך א ווינטער אין מאָסקווע און מיר האָבן זיך באַזעצט אינעם קליינעם שטעטל דמיטראָוו. איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אז פאַר מיין ארבעט וואָס איך טו איצט, פעלט מיר שטאַרק אוים דער צענטער פונעם אייראָפּעישן אינטעלעקטועלן לעבן.

אָבער, אחוץ דעם וואָס ס'וואָלט אונז שווער געווען זיך צו שיידן פון אונזערע אויסגעצייכנטע פריינט, וואָלט אונז אויך זייער לייד געטאָן גראָד איצט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. טראָץ אַלע פעלערן, וואָס עס כאַפּן זיך אריין אין א רעוואָלוציע, באַזונדערס ווען זי טראָגט א צענטראַליסטישע און אויטאָריטערע פאָרם, ברענגט פונדעסטוועגן די דאָזיקע רעוואָלוציע א פאַרענדערונג אין די גייסטער בנוגע דער מעגלעכקייט פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע אין וועלכער מען האָט שוין אָן אייראָפּע אָנגעהויבן צו צווייפלען. מען פילט ווי עס וואַקסט אוים א נייער גייסט, וועלכער מאַכט יעדן טאָג אוממעגלעכער דעם צוריקקער צו די אַלטע באַדינגונגען. איך פיל זיך אָבער נישט שטאַרק גענוג זיך אקטיוו צו באַטייליקן אין דער ארבעט פונעם נייעם אויפבוי און דאָס ברענגט מיך אָפּט צום געדאַנק — אָפּצושליסן מיינע ארבעטן אין דער נאָענטקייט פון א אייראָפּעאישן אינטעלעקטועלן צענטער.

קאַמעראַדן און פריינד! איך בין מיטן גאַנצן האַרצן מיט אייך, וועלכע ארבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. פּיאָטר קראָפּאָטקין.



פּ. א. קראָפּאָטקין אויפן טויטן־בעט

# צו קראָפּאָטקינס אָנדענק

ב. לעבעדיעוו

# ניטאָ קראָפּאָטקין!

ניטאָ פּיאָטר אלעקסייעוויטש... ס'איז דערווייל שווער צו באגרייפן די גרויס פון דעם פארלוסט... ס'האָט זיך געשאפן א טיפער חלל, וועלכן ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו אנפולן...

פּיאָטר אלעקסייעוויטש איז געווען דאָס דאָזיקע קול פון דעם געזעלשאפט-לעכן געוויסן, וואָס איז נויטיק פארן לעבעדיקן פּאָליטישן אָרגאניזם אונטער אלע רעזשימען; אָן דעם ווערט די רעפּובליק פארטריקנט און ווערט פארוואנדלט אין א טויטער מדבר פון געזעצלעכקייט און געהאָרכזאמקייט. פריער איז דאָס דאָ-זיקע קול געווען טאָלסטאָי, און אין אונזערע טעג — קראָפּאָטקין.

דאָרט, וואו ס'איז פאראן א רעגירונג, איז אומפארמיידלעך גוואלד, איז אומפארמיידלעך אומגערעכטיקייט. פּיאָטר אלעקסייעוויטש האָט די ליבע און גערעכטיקייט געשטעלט העכער פון אלעס, — דערפאר איז ער געווען אן אנאר-כיסט און דערפאר איז ער געוואָרן א רעוואָלוציאָנער. דאָס, וואָס צוליב זיינע אידעאלן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פונעם טיטול, כבוד און גלענצנדער קאריערע — איבערראשט אונז ניט אזוי שטארק. נאָר דאָס, וואָס צוליב דעם האָט ער מקריב געווען דאָס העכסטע גליק — די מעגלעכקייט צו ארבעטן פאר דער וויסנשאפט, איז דער גרעסטער קרבן, אויף וואָס ניט קיין סך זיינען פעאיק. זייענדיק סעקרע-טאר פון דער געאָגראפישער געזעלשאפט אין פעטערבורג, האָט ער גלייכצייטיק געמאכט פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער, אריינגעפאלן דערפאר אין דער פעט-ראָפּאוולאָווסקער פעסטונג און דערמיט אָפּגעהאקט זיין וויסנשאפטלעכע קאריע-רע אין רוסלאנד.

זייענדיק שוין אין ענגלאנד האָט ער באקומען די בכבודיקע איינלאדונג פון דעם קעמברידזשער אוניווערזיטעט צו פארנעמען א קאטעדרע פון געאָגראפיע, נאָר מיט דעם תנאי, צו אויפגעבן זיין אנארכיסטישע טעטיקייט — און קראָ-פּאָטקין האָט מיט אנטריסטונג אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

לעבנדיק באשיידן אין דער שטילקייט פון דעם שטעטל דמיטראָוו, האָט

קראַפּאָטקין זיך היים אָפּגערופן אויף די אַקטועלע פראַגן און גענומען שטאַרק צום האַרצן דעם גורל פון דער רוסישע רעוואָלוציע.

אַלס קענער פון שטאַטלעכקייט און צענטראַליזאַציע, און אָנהענגער פון א פילפאַכיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיווע, איז ער, פאַרשטענדלעך, זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די קאָמוניסטן, נאָר שטענדיק זעענדיק דעם הויפּטציל פון דער רעוואָלוציע אין איינפירן די סאָציאַלע, און נישט נאָר די פּאָליטישע גערעכטיקייט, האָט ער פאַראויסגעזען דעם דורכפאַל פון דער פעברואַר־איבערקערעניש און ווען דעם געוואָרנט אירע טוער. איך האָב אָפט געהערט פון אים די פראַזע:

— איך פיל אויף יעדן שפּאַן מיין קרובהשע פאַרבינדונג מיט די באָלשעוויקעס.

באַדויערנדיק די פעלערן פון דער רעוואָלוציע, פלעגט ער זיך ווענדן מיט פּראָטעסטן צו לענינען און צום העכסטן אויספיר־קאָמיטעט, און, ווער ווייסט, אפשר האָבן די דאָזיקע פּראָטעסטן געהאַט א מילדערנדיקע ווירקונג אויף אייניקע שריט פון דער רעגירונג.

איצט איז דאָס דאָזיקע קול פון דעם געזעלשאַפטלעכן געוויסן איינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן, און ווער וועט אים פאַרבייטן? איצט, ווען קראַפּאָטקין איז שוין ניטאָ, כאַפּט אונז אַרום דאָס ביטערע געפיל, אז מיר האָבן אים ניט גענוג גוט אָפּגעהיט און געשוינט.

געוואוינט האָט פּיאָטר אַלעקסייעוויטש אין א קליין שטיבל, וואו דער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן פון אַלע זייטן. ציטונגען איז ניט געווען קיין האַלץ. דער באַהייצונגס־קריזיס האָט אויך געבושעוועט אין דמיטראָוו, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט וועלדער. קראַפּאָטקינס באַליבטע פאַרוויילונג איז געווען צו שפּילן אויף דער פּיאַנאָ, — כאָטש ס'האָט אים געפעלט טעכניק, פלעגט ער, שפּילן מיט געשמאַק, נאָר אין די לעצטע צוויי חדשים האָט ער דאָס ניט געקאָנט טאָן, ווייל אין דעם צימער, וואו דער אינסטרומענט איז געשטאַנען, איז געווען שטאַרק קאַלט. ס'איז ביטער און א בושה ווען מען טראַכט דערפון.

אין אויסלאַנד פלעגט פּיאָטר אַלעקסייעוויטש באַקומען ציטונגען פון אַלע עקן וועלט אויף אַלע שפּראַכן. דאָ (אין דמיטראָוו) האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט דער „איזוועסטיא", נאָך וועלכער ער האָט אַלס צוגאָב, אַליין געמוזט גיין אין דער דמיטראָווער קלייט, ווייל א היים האָט מען זי אים ניט צוגעשיקט. נאָך דער אייראָפּעאישער פּרעסע האָט ער שרעקלעך געבענקט, נאָר זעלטן איז אים געלונגען צו קריגן פראַנצויזישע, אָדער ענגלישע ציטונגען. לענסבאָרי און אַנדערע אויסלענדער האָבן, אוועקפאָרנדיק, צוגעזאָגט אים שיקן ציטונגען. זיי האָבן דאָס זיכער געטאָן, אָבער די ציטונגען זיינען קיינמאָל ניט אָנגעקומען און זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן.

געגערט האָט זיך קראַפּאָטקין, ווי אַלע רוסישע בירגער, מיט קאַשע און

קאַרטאָפל; ער האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט, נאָר ער האָט זיך אוודאי געגנויטיקט אין פלייש אָדער אין א הון, וואָס איז געווען זייער טייער. פּיאָטר אַלעקסייעוויטש איז געווען שטאַרק אין כעס ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז די שוועדן האָבן פאַרטראַכט צו זאַמלען געלט פאַר דעם „הונגער-ליידנדיקן קראָפּאָטקינען" און זיי תיכּף געשיקט א פּראָטעסט-בריוו מיט דער בקשה, צו פאַרטאָן דאָס געזאַמלטע געלט אויף געזעלשאַפטלעכע צילן.

ס'איז טרויעריק צו טראַכטן, אז די לעצטע חדשים פון קראָפּאָטקינס לעבן זיינען ניט געווען איינגעאָרדנט מיטן נויטיקן קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייט.

קראָפּאָטקינס זידנדיקע נאַטור האָט ניט געוואוסט פון אָפּרו, פאַר אים איז די רו געווען דאָס איבערגיין פון איין אַרבעט צו דער צווייטער. ער פלעגט אַרבעטן גלייכצייטיק אין עטלעכע ריכטונגען — דאָס איז געווען זיין געוואוינהייט.

אָן אויסשליסלעך באַגאַבטע מענטש, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אומעטום, — אַן אַנאַרכיסט-רעוואָלוציאָנער, אַ רעדנער, אַ געאָגראַף, געאָלאָג, ביאָלאָג, היס-טאָריקער, פילאָזאָף, פיינער ליטעראַט, ליטעראַטור-קריטיקער, מוזיקער, מאָלער, — ער האָט אויף אַלע געביטן זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער זעלבער אויסערגע-וועגלעכער מענטש. אויפן טיש צווישן זיינע פּאַפּירן האָט מען געפונען א ראָ-מאַנס, וואָס ער האָט הפּנים ניט לאַנג אָנגעשריבן, מיט מוזיק פאַר פּיאַנאָ. ער האָט גוט געצייכנט מיטן בליישטיפט, און אין זיינע אַלבומען זיינען פאַראַן א סך אינטערעסאַנטע צייכענונגען. אַלס פיינער קענער און שעצער פון מוזיק, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט די אָפּערע און סימפאָנישע מוזיק. מיט סקריאַבינען האָט ער זיך באַקענט שוין צוריקקומענדיק קיין רוסלאַנד, און ער האָט אויף אים גע-מאַכט א גוואַלדיקן איינדרוק, ניט קוקנדיק אויף דער נייאיקייט.

אין דער זעלבער צייט איז פּיאָטר אַלעקסייעוויטש כסדר געווען פאַרן אַרבעטס-פּרינציפּ, ווענן וועלכן מען רעדט איצט אזויפיל אין די שולעס. ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אים מיט צען יאָר צוריק, האָט ער אין א שמועס פאָרגעוואָרפן אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן דאָס, וואָס זיי זיינען פּריצים און קאָנען אליין גאָר ניט טאָן פאַר זיך. פּיאָטר אַלעקסייעוויטש גופא האָט אויסגעצייכנט געקאָנט דאָס פאַך פון איינבינדעריי, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. אָבער ער האָט אויך געקאָנט אומגיין מיט סטאָליאַר-געצייג, און אין זיין קוואַרטיר אין לאָנדאָן זיינען דער רוב זאַכן געמאַכט געוואָרן פון אים אליין. לאָמיר האָפן, אז זיי וועלן אַלע געבראַכט ווערן אהערצו און אויסגעשטעלט ווערן אין דעם קראָפּאָטקין-מוזיי. אויף זיין טיש האָב איך געפונען א צייכענונג פון א פּאָליצע פאַר ביכער, וואָס ער האָט, הפּנים, געקלערט צו מאַכן, ווייל זיינע ביכער זיינען געלעגן אויפן פּאָל, אויף די בענקלעך און אומעטום.

פּיאָטר אַלעקסייעוויטש האָט אויסגעהויכט די נשמה דריי אזייגער מיט 10 מינוט אין דער נאַכט פון דעם 7טן אויפן 8טן פעברואַר. אַרום 12 אזייגער ביי-

נאכט, א מידער פון דער פארגאנגענער שלאפלאָזער נאכט, בין איך ארויסגע־גאנגען מיט קראַפּאָטקינס טאַכטער אויף דער פרייער לופט און פּלוצים בין איך געבליבן געפּלעפט פון אן אויסערגעוויינלעכן ספּעקטאקל. אויפן טונקעלן הימל האָט זיך באוויזן א ריזיקער מעטעאָר מיט א גרויסן עק, און ער האָט באלויכטן דעם הימל מיט דער ערד מיט א העל-גרינער שיין. ער האָט לאנגזאם און פייער־לעך אָנגעהויבן פאלן און איז נעלם געוואָרן נידעריק איבערן האָריזאָנט. אין מיין לעבן האָב איך נאָך אזעלכעס נישט געזען. מיר זיינען געשטאנען ווי צוגע־שמידטע. ס'האָט אויסגעזען, אז ס'איז געווען א מין מיסטעריעזע שייכות צווישן דעם געפאלענעם שטערן און דעם שטארבנדיקן רעוואָלוציאָנער...

ס'איז געשטאָרבן דער גרויסער רעוואָלוציאָנער, דער גרויסער הומאניסט, דער גרויסער מענטש... ס'איז אוועק דאָס גרויסע הארץ פון ליבע...

אַלעקסאַנדראַ קראָפּאָטקין

# פּיאָטר אַלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין

ביים קבר איז נישטאָ קיין אָרט פאר פּאָלעמיק. אָבער דאָס אויפקלערן אייניקע פראגן, וואָס זיינען פארבונדן מיט פּיאָטר אלעקסייעוויטשעס לעבן, איז ניט קיין פּאָלעמיק.

א סך האָט געוואונדערט די דערווייטערונג פון די אקטועלע געשעענישן, וואָס האָט כאראקטעריזירט די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן. די סבה איז א גאנץ פּשוטע. ער איז, קודם כל, געווען א רעוואָלוציאָנער, א שטאַרבנדיקער האָט ער פעסט געגלויבט אין די זעלבע קאמפּס־אידעאלן, וועלכע ער האָט געבויט זיין גאנץ לעבן: ער האָט געגלויבט, אז די רעוואָלוציע שטעלט אויף די לייכטטורעמס, צו וועלכע די מענטשהייט וועט שפּעטער מוזן שטרעבן. ער האָט פארשטאַנען, אז ווען מען בויט א נײַ לעבן, זיינען טעותן אומפארמיידלעך, און אז די בויער קומט אויס צו ארבעטן אין א ענגן לאגער, וואָס איז ארומגערינגלט מיט שונאים, אז פארדעטער און שטערער אין לאגער גופא זיינען פאראן ניט ווייניק.

נאָר די הויפּט־סיבה פארוואָס פּיאָטר אלעקסייעוויטש האָט ניט ארויסגעזאָגט זיין קריטיק וועגן דעם, וואָס עס בויט זיך איצט פון אויבן אין רוסלאנד, קען מען געפינען אין די ווערטער פון א מיטגליד פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּארטיי, וואָס מיר איז די טעג אויסגעקומען צו הערן דאָרט, וואו מען האָט געקליבן א פּלאַץ פאר מיין פּאָטערס קבר. די דאָזיקע ווערטער זיינען געווען: „ער איז געגאנגען פּאַראויס פון אונז, און מיר וועלן דורך אונזערע פעלערן לסוף קומען צו דער הערשאפטסלאָזיקייט, וואָס איז דער אמתער אידעאל".

קיינמאָל נאָך אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער וועלט, זיינען ניט געווען אזויפיל מענטשן, וואָס האָבן, אויף דעם פּרייז פון טעותן און ליידן, פארשטאַנען דעם גאנצן אמת פון דעם אנארכיסטישן אידעאל. זיי זיינען מערסטנס אין רוסלאנד, און אין רוסלאנד זיינען פאראן ניט ווייניק פון זיי אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

און פאר אלע ערלעך־דענקנדיקע מענטשן, וואָס זיינען דורכגעגאנגען די שול פון פּיין, דורכפאלן און אנטוישונגען, וועלכע האָבן פארשטאַנען, אז ניט אלעס וואָס איז שיין אין דער טעאָריע פּירט צו שיינע רעזולטאטן אין לעבן, פאר די אלע דארף איצט — און דווקא איצט, ווען די טעותן זיינען אלץ בולטער — זיין קלאָר, אז דעם מענטשן, וועלכער איז ערלעך און ליידנשאפטלעך געגאנגען צום ענדגילטיקן ציל, האָבן קיין שום הפסקות אין וועג ניט געקאָנט זיין צום

הארצן. אויפן גרויסן לעבנסוועג ציען זיך קאראוואנען — ס'גאלאפירן קוריערן. די קאראוואנען שטעלן זיך אפ, שלאגן אויף צייטווייליקע לאגערן, און יעדער נייער לאגער, כאטש ער איז מער פערפעקציאנירט אין פארגלייך מיט דעם פאריקן, איז דאך ענלעך אופן אלטן. אבער דער קוריער גאלאפירט פאראויס צו דעם בארג, וואו ס'דארף אויפגעבויט ווערן נים א צייטווייליקער בנין, נים א לאגער אויפן וועג, נאר די דאזיקע וואונדערבארע און אייביקע שטאט, וואס ציט יעדן פאראויס.

ווי זאגט פיאטר אלעקסייעוויטש אין זיין לעצטן ווערק, אין זיין בוך וועגן עטיק — „אן גלייכהייט איז ניטא קיין גערעכטיקייט"; אן גערעכטיקייט איז ניטא קיין מאראל, און דאס איז דער תוך פון זיין לעבן, דער סינטעז פון זיין שכל און נשמה.

דא איז אויך פאראן דער קאמפס־לאזונג פון א רעוואלוציאנער, דא איז פאראן די ליבע צום מענטשן און די טיפע פילאזאפיע פון א קרישטאל־ריינער נשמה. נאר האלטן פיאטר אלעקסייעוויטשן בלויז פאר א פילאזאף, פאר א געלערנטן אדער „טאלסטאיאנער", ווי דאס טוען אייניקע, איז אן אומזין. קודם כל, האט ער געגלויבט אין דער גלייכהייט. פאר אים האט די גערעכטיקייט — דער קאמפס־רוף — אן דער גלייכהייט נים געקאנט עקזיסטירן. נאר די גערעכטיקייט אליין איז א טויטע זאך, ווען זי איז נים באלויכטן פון דער מענטשנליבע, וואס איז געווען זיין ליכטיקער, כאראקטעריסטישער שטריך. ער האט ליב געהאט די מענטשן מיט יענער ליבע, וועלכע — פלעג ער שטענדיק זאגן — איז די ליבע פון דעם רוסישן פאלק, ד. ה. רחמנות. נאר ליב האבן, אדער אפילו רחמנות האבן אויף מענטשן פאסיוו, האט ער נים געקאנט. ער האט דאס דערוויזן מיט זיין גאנצן לעבן. און אויב ער האט אזוי ווינציק געלאזט הערן זיין קול אין די לעצטע דריי יאר, ארויסזאגנדיק זיינע פראטעסטן, אנטריסטונג אדער קריטיק במעט אויסשליסלעך אין פריוואטע בריוו, איז דאס דערפאר, ווייל ער האט מיט זיין קריטיק נים געוואלט געבן קיין געווער אין די הענט די מענטשן וועלכע קוקן אויף צוריק און נים פאראויס, ווי ער.

נאר קרוינען מיטן קראנץ פון זיין הסכמה די טעותן, וואס נעמען זיך, ווי ער האט געהאלטן, פון פאלש פארשטיין די מענטשלעכע נשמה, אירע נויטן און שטרעבונגען און אנשטרענגונגען צו דערגרייכן די אידעאלן, וואס מען פראקלאמירט אזוי פייערלעך און מען פארווירקלעכט זעלטן, האט ער נים געקאנט.

אבער ער איז געווען א רעוואלוציאנער, נישט נאר א ר ו ס י ש ע ר. אין זיינע בריוו צו די מערב־אייראפעאישע ארבעטער און חברים, האט ער גערופן פאראויס. ער האט דערווארט, לײדנשאפטלעך דערווארט דעם רעוואלוציאנערן מארגנרויט אויף דער גאנצער וועלט, און דערווארט נים ווי א רעטונג פון זיין לאנד, נאר ווי דעם אויפגאנג פון דער זון פון גלייכהייט פאר די הארעפאשניקעס פון דער גאנצער וועלט.

## נ. לעבעדיעוו

# צו קראָפּאָטקינס אָנדענק

היינט באערדיקט די רויטע מאָסקווע איינעם פון די גרעסטע און מערק־ווירדיקסטע פון אירע זין — פּ. א. קראָפּאָטקינען. ס'האָט פארלאָזט אונזער וועלט איינער פון די גרעסטע און אָנגעזעענסטע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן. עס האָט אויפגעהערט קלאַפּן דאָס הארץ פון דעם גרויסן פאָלקס־פריינט און טיפן דענקער...

מיט אומענדלעך־טיפן צער וועט זיך אָפּרופן די דאָזיקע אבידה אין די הערצער ניט נאָר פון זיינע קרובים און פריינט, נאָר אויך פון די אַלע, וואָס האָבן אים געקענט און געקומען מיט אים אין בארירונג, ווייל קראָפּאָטקינס נאָ־מען איז פאר אַלע פאָרגעשריטענע מענטשן פון אַלע לענדער אויף דער וועלט דער סימוואָל פון דער קומענדיקער באפרייאונג פון דעם צווייפאַכן יאָך — פון דעם קאַפּיטאַליזם און מלוכהשאפט. ס'איז שווער און ביטער צו שרייבן די דאָזיקע שורות... ס'ווילט זיך נישט גלויבן, אז ס'האָבן אויף אייביק זיך פארמאכט די גוטע, שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָבן געפלאַקערט מיט ליבשאפט צו די מענטשן... ס'ווילט זיך נישט גלויבן, אז דו וועסט מער ניט הערן פיאָטר אַלעקסייעוויטשעס צערטלעך און דערמוטיקנדיק קול.

באגינען פון א גרויען פעברואר־טאָג, אין דער שעה, ווען דער חושך פון דער אוועקגייענדיקער נאכט קעמפט מיט דעם אָנקומענדיקן ליכט, איז ער נפטר געוואָרן...

שטיל איז אַוועק פון אונז דער פּייערדיקער קעמפער פאַר פרייהייט, ברי־דערלעכקייט און גלייכהייט... שטיל איז פארלאָשן געוואָרן דאָס מעכטיקע, העלע ליכט פון גוטס און אמת.

צוזאמען מיט ל. טאָלסטאָיען איז ער געווען דאָס גרויסע געוויסן פון דעם רוסישן פאָלק, דער אויסדריקער פון אונזער פאָלקס נשמה, דאָס קול מבשר פון די פאָלקס־שטרעבונגען און האָפענונגען. נאָר גלייכצייטיק איז פּ. א. געווען ניט נאָר א רוס, נאָר אויך א אייראָפּעער. ער איז געווען א אינטערנאציאָנאליסט אין פולן זין פון וואָרט, און אָט דערפאר זיינען זיינע ווערטער און אידייען אזוי אייגן דעם אייראָפּעאישן און אמעריקאנער ארבעטער.

איצט איז ניט די צייט צו מאכן דעם אונטערצי פון קראָפּאָטקינס געזעל־שאפטלעך־סאָציאלער און וויסנשאפטלעכער טעטיקייט במשך פון איבער א האלבן יאָרהונדערט. דער פארלוסט איז פאר אונז צו גרויס און דער ווייטיק פון דעם דאָזיקן פארלוסט לאָזט ניט קאלטבלוטיק ארומנעמען קראָפּאָטקינס פּיל־קאנטיק לעבן.

מיט דער צייט, ווען ס'וועט געמילדערט ווערן דער צער פון דעם פארלוסט, וועלן קראָפּאָטקינס פריינט און חברים זיך באמיען צו אָנצייכענען זיין פּאָרטרעט אין זיין גאנצן פארנעם און באקאָנען מיט אים די רוסישע האָרעפּאָשנע מאסן, וואָס זייער באפרייאונג האָט קראָפּאָטקין געווידמעט זיין גאנץ לעבן, און מקריב געווען אלעם.

אָפּשטאַמענדיק פון די סמאָליענסקער גרויספירשטן, וואָס ציען זייער יחוס פון ריוריקן, א קאמערפאזש ביי דעם אימפּעראטאָר אלעקסאנדער דעם צווייטן, האָט פּ. א. געפונען אין זיך גענוג כוח, כמעט נאָך א אינגל, צו איבעררייסן מיט זיין סביבה און אוועק „אין פאָלק", כדי דאָרט פּראָפּאגאנדירן די אידייען פון סאָציאליזם און פרייהייט.

פּיאָטר א. איז געווען ניט נאָר א גרויסער סאָציאליסט און רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך א גרויסער געלערנטער. די וויסנשאפט האָט אין אים פארלוירן א טיפן און אלזייטיקן געלערנטן, א געאָגראַף, געאָלאָג, ביאָלאָג און היסטאָריקער. אין די אלע געביטן פון דער וויסנשאפט האָט קראָפּאָטקין ארייַנגעטראָגן א היפּשן חלק און דורכגעלייגט נייע וועגן. זיינע פארדינסטן פאר דער וויסנשאפט זיינען אנערקענט געוואָרן פון אלע וויסנשאפטלער אויף דער גאנצער וועלט, אפילו פון די, וועלכע האָבן ניט געהאלטן פון זיינע סאָציאלע אָנשויאונגען.

נאָר באזונדערס גרויס איז דער שאָדן מיט קראָפּאָטקינס טויט פאר די אר־בעטער־מאסן פון דער גאנצער וועלט. ער איז געווען דער עמוד האש פאר מיליאָ־נען ארבעטער און איינער פון די לעצטע לעבנגעבליבענע מיטגלידער פון דעם ערשטן אינטערנאציאָנאל, פון דעם דאָזיקן בארימטן אינטערנאציאָנאל, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם מעכטיקן פאקעל פון סאָציאליזם אויף ביידע האלבע ערד־קוגלען פון אונזער פּלאנעט, און געלייגט דעם פונדאמענט פון דער גרויסער צווי־שנפעלקערלעכער אָרגאניזאציע פון דער פּראָלעטארישער ארמיי צום קאמף מיטן קאפּיטאליזם און עקספּלאָטאציע.

נאָך באקונינס טויט, אין 1876, ווערט פּ. א. דער טעאָרעטיקער פון דעם אנארכיזם און זיין אינטערנאציאָנאלער אידייאישער פירער. ער גיט ארויס אנאר־כיסטישע צייטונגען, ער שרייבט אָן א גאנצע רייע ביכער, בראָשורן און ארטיק־לען וועגן אנארכיזם און געזעלשאפטלעכע פראגן, שטרעבנדיק צו באגרינדן דעם אנארכיזם, אלס אלגעמיין-פילאָזאָפישע און סאָציאלע וועלט־אנשויאונג.

וואו־זשע האָט פּ. א. געשעפּט דעם כוח צום קאמף פאר א בעסערער צו־קונפט פון דער מענטשהייט? דער קוואל פון די דאָזיקע כוחות זיינען געווען זיין

הייסע ליבע, „ברייט ווי דער ים", צו די אונטערדריקטע מאסן, דער ברענענ־דיקער פארלאנג צו העלפן די הארעפאשניקעס זיך באפרייען פון דער עקאנאמי־שער און גייסטיקער קנעכטשאפט.

א שארפזיניקער, אומאייגנוציק אין דער העכסטער מאס, ווייט פון כבוד־זוכעריי און דעם פארלאנג צו זיין א פירער, האט פ. א. מיט זיך פארגעשטעלט א רעוואלוציאנער אינעם העכערן און בעסערן זין פונעם ווארט. ער איז געווען אן אמתער ריטער פון דער פרייהייט און אמת אן פחד און פארווירפלאז. ער האט אומדערמידלעך און אן ריקזיכט פארשפרייט די אידייען פון ליכט און וויסן און, מען מעג זאגן, דאס גאנצע לעבן הייליק געדינט דעם דאזיקן אידעאל, אין וועמענס אמתדיקייט ער האט געגלויבט.

אן עסקן און קעמפער לטובת הכלל, האט פ. א. אין אלע זיינע ווערק גערופן די הארעפאשנע מאסן און יחידים, צו דער שעפערישער זעלבסט־טעטיקייט, קע־גנזייטיקער הילף און סאלידאריטעט.

„זיי שטארק — זאגט ער אין איינעם פון זיינע ביכער, — אנטוויקל דעם כוח פון דיין נשמה! און דיין שכל, דיין רחמים און דיין ווילן צו מעשים וועלן אנשטעקן אנדערע...

„זיי שטארק, זיי גרויס אין דיינע מעשים, וויקל אויס אין אלע ריכטונגען די קראפט פון דיין עקזיסטענץ, זיי פעאיק צו האנדלען, זיי אנטשלאסן און אומ־בויגזאם, אויב דו ווילסט פירן א פול און פרוכטבאר לעבן... פלאנץ ארום זיך לעבן, פראטעסטיר קעגן דער אומגערעכטיקייט און שווינדל"...

צו ארבעטן און קעמפן האט פ. א. געלערנט נישט נאר אין זיין שרייבן, נאר אויך מיטן ביישפיל פון זיין לעבן. זיך אפגעבנדיק מיט דער גאנצער נשמה דעם רעוואלוציאנערן קאמף, פלעגט פ. א. געפינען צייט אויך פאר וויסנשאפטלעך־ליטערארישער ארבעט, מיטארבעטנדיק אין די פראנצויזישע, ענגלישע און אמע־ריקאנישע וויסנשאפטלעכע זשורנאלן און אויסגאבעס. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז פ. א. נישט קוקנדיק אויף זיינע 78 יאר, געווען געצוואונגען צו זוכן מיטלען צום לעבן דורך זיין ליטערארישער ארבעט...

דערביי מוז מען דערמאנען דעם פאקט, אז זיין גאנצע מי און דחקות, סיי אין דעם לאנגיאריקן עמיגראנטישן לעבן, סיי אין דעם שווערן דריי־יאריקן לעבן אין רוסלאנד, אין דער צייט פון דער רעוואלוציע, האט אויך געטיילט מיט אים זיין העכסט־איבערגעגעבענע לעבנס־באגלייטערין און פריינט — זיין פרוי סאפיא גרעגאריעוונא, וועלכער ס'קומט פון אונז א גרויסן דאנק פאר דער הארצי־קער און ליבלעכער באציאונג צו אלעס, מיט וואס פ. א. האט זיך פארנומען. א דאנק סאפיא גריגאריעוונאס זעלבסט־אויפאפפערונג, איבערגעגעבנקייט און זארגן, האבן דערזען די ליכטיקע שיין קראפאטקינס א סך ווערק.

פ. א. האט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן מיט אנגעשטרענגטער אויפ־מערקזאמקייט נאכגעפאלגט דעם גאנג פון דער רוסישער רעוואלוציע. ער האט

טיף געליטן זעענדיק די פעלערן, וואָס מען האָט דערלאָזט אין דעם גיגאַנטישן קאַמף פון דעם רוסישן פאָלק פאַר זיין באַפרייאונג. פאַר זיין אויסגעשלייפטן מוח דורך דער פּראַקטיק און קאַמף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, זיינען געווען קלאָר אַ סך אָפּנויגונגען אין דער רוסישער רעוואָלוציע פון דעם גלייכן וועג, נאָר, צום באַדויערן, האָט מען זיך צו זיין מיינונג נישט צוגעהערט....

אָבער, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט פּ. אַ. קראָפּאָטקין הייס געגלויבט אין דער שעפערישקייט פון די פאָלקס־מאַסן און איז געווען טיף איבערצייגט, אַז דאָס רוסיש פאָלק וועט גובר זיין דעם חורבן און וועט אויפשטעלן אַ פעסטן בנין פון „אַ נייער געזעלשאַפטלעכקייט אויפן יסוד, נישט פון בלינדער געהאָרכזאַמקייט דער מאַכט, נאָר פון אַ פרייער מיטאַרבעטערשאַפט פון אַלע".

אָט מיט דעם דאָזיקן גלויבן אינעם רוסישן פאָלק האָט פּ. אַ. פאַרמאַכט זיינע מידע אויגן און האָט אויף אייביק פאַרלאָזט די וועלט פון די לעבעדיקע. זאָל־זשע דער בעסטער בלומענקראַנץ אויף דעם קבר פון דעם אומפאַרגעסלעכן פּיאָטר קראָפּאָטקין, זיין אונזער צוזאָג, אַז מיר אַלע, זיינע פריינט און חברים, וועלן אויך אַזוי ריקזיכטלאָז און אומאייגננוציק, ווי ער, אַרבעטן פאַר דעם, אַז ס'זאָל גיכער קומען די צייט, ווען אויף דער ערד וועט מער ניט זיין, „ניט קיין שווערער בלוטיקער קאַמף, ניט קיין שענדלעכע קייטן, און ניט קיין דריקנדיקע נויט און קנעכט".

---

### ווערא פינגער

# פיאָטר אַלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין

ווען מען באהאלט א פריינט און א ליבן מענטשן, גלוסט זיך שווייגן און בלויז טראַכטן און טרויערן אויף דער אבידה. ס'איז שווער צו קאָנצענטרירן די געדאנקען און זיי געבן די געהעריקע פאָרם. זיי פּאסן זיך ניט אריין אין איר.

מיר שיינט, אז דאָס, וואָס ס'האָט געצויגן די הערצער צו פּיאָטר אלעקסייעוויטשן איז זיין גרויסער, טיפער גלויבן אין דער מיליאָנענדיקער מאסע, אין זייער פון דעם לעבן אויסגעארבעטן געפיל פון גערעכטיקייט, און זייער פעאיקייט זיך איינצואָרדענען, זיך אָרגאַניזירן און ארבעטן אויף די יסודות פון סאָלידאַ־ריטעט און ברידערלעכקייט, ווי נאָר זיי זיינען פריי דאָס צו טון, אָן צוואנג און אָן גוואלד. מיט דעם דאָזיקן גלויבן אינעם מענטשן זיינען דורכגעדרונגען פּיאָטר אלעקסייעוויטשעס אלע רעוואָלוציאָנערע ווערק, און מיט דעם דאָזיקן גלויבן אינעם מענטשן זיינען געווען דורכגעזאפּט זיינע אלע באציאונגען צו מענטשן: ס'האָט זיך אין זיי כסדר געפילט די וואַרעמקייט פון א גרויס הארץ.

ס'טרעפט, אז דער מחבר אנטפּלעקט ניט אין זיינע ווערק זיך אליין, אלס מענטש. ס'טרעפט, אז דאָס אָנגעשריבענע שאפט א בילד, וואָס איז ניט אין איינקלאנג מיטן אמתן פּנים פון דעם מחבר, אָדער דאָס ווערק אנטפּלעקט די זייט פון דעם מחברס מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס איז פארבאָרגן ערגעץ אין דער טיפעניש און איז אומבאמערקבארביים פּערזענלעכן קאָנטאקט. אָבער פּיאָטר אלעקסייעוויטש איז קלאָר און דורכזיכטיק סיי אין בוך, סיי אין ריידן: אומעטום איז ער איינער און דער זעלבער, — דער ליכטיקער און שטראַלנדיקער אָנזאָגער פון א בעסערער צוקונפט פאר דער מענטשהייט. אין אים איז די האר־מאָניע פון דעם שרייבער און מענטש — א פולשטענדיקע. און דאָס מאכט א פארכישופדיקן איינדרוק. יאָ, זיין גאנץ לעבן, אין די גרויסע, ווי אין די קליינע זאכן, ביז די אלטעגלעכע פּרטים, איז ריין און הארמאָניזירט מיט זיינע רעוואָ־לוציאָנערע אָנשויאונגען און סאָציאלע אידייען.

ס'איז דערום קיין חידוש ניט, וואָס די אבידה, וואָס מיר האָבן געהאט, הילט אונדז אין טרויער, און ס'גלוסט זיך נאָר שווייגן און טרויערן.

## ראַראַלפאַ גאַנזאַלעז פּאַטשעקאַ

# געדאַנקען

וואָס מער ביכער מען גיט ארויס, אַלץ שווערער איז צו געפונען א בוך; א בוך פון דעם מין, וואו אויף דער ערשטער זייט זאָל דער מחבר קאָנען אָנשרייבן דאָס, וואָס וויטמאַן האָט אָנגעשריבן אין זיין „שפּליטער": — „ווער ס'רירט אָן דעם דאָזיקן בוך, רירט אָן א מענטשן". און איין מענטש איז פאַרשידן פון דעם צווייטן, ווי איין בלעטל פון דעם צווייטן, כאָטש ביידע זיינען פון איין און דעם זעלבן בוים. אָט-דאָס זוכן מיר און ס'איז פּישטאָ, ווייל אויך מיטן בוך קומט פאָר דאָס זעלבע, וואָס מיט אַלע אַנדערע שאַפונגען: הונדערט אויף איינעם; הונדערטער פּאַראַזיטן — הונדערטער ביכער. נאָכמער, דאָס פעלן פון אָריגינאַליטעט פאַרבייט מען מיטן סקאַנדאַל, וואָס הויפּנט זיך אָן ווי דאָס נאַראַפּטע פון דעם ראָסלפלייש מיטן געפעפערטן סאוס. די מענטשן לעבן מיט סענסאַציעס און לויפן צו זיי, פּונקט ווי צו שרפות, אָדער אהינצו, וואו ס'רייסן אויף ראַקעטן, און זיך דערנאָך אומקערן מיט מער טומל און רויך אין קאָפּ, באַרעכטנדיק נאָכאַמאָל לעאָן בלאָיס סאַרקאַזם: — „אויב דו ווילסט וויסן די לעצטע נייעס — לייען דעם הייליקן פּאַול"...

„היינט זיינען די צייטן פון דער געקייטלטער פּראָדוקציע, אָדער פון דעם אָנטאָן קייטן סיי די פיזישע, סיי די גייסטיקע ארבעטער. ס'זענען די צייטן פון אַלגעמיינער קנעכטשאַפט. מען שרייבט דאָס, וואָס עס לאָזט זיך פאַרקויפן. מען קויפט דאָס, וואָס איז נישט קענן דעם דאָזיקן אופן פון לעבן פון די סעריע-פּראָדוצירער. צווישן דעם שרייבער און דעם לייענער ווערט געשאַפן א מין שטילער אָפּמאַך אין וועלכן דער ערשטער גיט דעם אָרגאַן, און דער צווייטער דעם מאַסאַזש; איינער לייגט אריין זיין שכל און דער צווייטער זיינע אַלץ-מער סקאַנדאַליעזע דעפאָרמאַציעס.

ווי אַנדערש פון דעם וואָס מען שרייבט און מען לייענט איצט זיינען קראָפּאָטקינס „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער". דאָ רעדט א מענטש, וואָס חוץ א וויסנשאַפטסמאַן, איז ער אויך אַן אַנאַרכיסט. און ווייל ער איז עס, דריקט ער

זיך אוים אזוי איינפאַך! האָט ער באַשטעטיקט גיואַס ווערטער: „אַ בוך איז אַן אָפּן אויג, וואָס דער טויט פאַרמאַכט נישט קיינמאָל". עס קוקט אויף אונדז, ווי ס'האָט געקוקט אויף אונדזערע פאָטערס און וועט קוקן אויף אונדזערע קינדער: פאַרגלויבט און ערנסט. און אזוי לאָזט עס פאַר אונדז דאָס לעבן, ווי אַ רואי־קער און פאַרטרויליכער טייך.

באַפרייט עס אונדז אפשר פון דער אַגאָניע און קאַמף פון דער איצטיקער שעה?... אָ, ניין! עס רייניקט אונדז דאָס הארץ און דעם שטערן פון דעם ליאַרם פון דעם דאָזיקן יאַריד. עס גוואַלדעוועט נישט, נאָר עס רעדט צו אונדז ווי אַ מענטש און מיט אַ מענטשלעך קול. אָבער אַלץ נישט פון אים, פון דעם פּריווי־לעגירטן מענטשן אין אַן אומגערעכטער געזעלשאַפט, נאָר וועגן דעם וואָס ער האָט געזען, געטראַכט און געליטן פון זיין קינדהייט אַלס פירשט ביז די ליידן פון אַ טורמעניק.

לייענענדיק אים האָב איך זיך דערמאָנט, — און איך ציטיר עס, ווי אַ קעגנ־גיפט צו אַזויפיל שלעכטע ביכער, וואָס איינעם קומט אוים אַראָפּצושלינגען — וואָס דער דאָזיקער ערלעכער שרייבער, אַנאַטאָל פראַנס, האָט אָנגעשריבן פאַרן טויט: —

„קראָפּאָטקין האָט דורכגעלעבט דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן". אָט דאָס איז זיין אַטעסטאַט. אָט־דאָס איז אַ בוך!

## טויט און לעבן

נאָך גילאמען, לאנדאויערן און ניוואוונהויזן איז אויך אוועק קראָפּאָטקין.

קראָפּאָטקין האָט מער ווי וועד ס'נישט איז, אין די רייען פון דעם אנאַר־כיסטישן אינטערנאציאָנאַל, מיט זיין גאנצער פּערזענלעכקייט און יסודות פון זיין לערע, אונדז דערוויזן די סאמע גרויסע לעבנס־ווערטן, וואָס זיינען אייגנט־לעך דעם אנאַרכיזם.

במשך פון זיין גאנצן לעבן האָט קראָפּאָטקין געשטעלט אונדזער גאנצער קולטור די פאטאלע פראגע: „טויט אָדער אויפלעבונג?" און ער האָט געענט־פערט: „טויט, אויב מירן ניט קאָנען איבערבויען די געזעלשאפט אויף דעם פרייען אנטישטאַטלעכן פונדאמענט".

„אין פרייע פאראיינען פון פרייע מענטשן ליגט די לייזונג פון די גרויסע אויפגאבן, וואָס דאָס לעבן האָט אוועקגעשטעלט פאר אונדזער דור", — אָט דאָס איז קראָפּאָטקינס פונדאמענטאלע איבערצייגונג, וואָס ער האָט, צווישן אנדערס, אויך ארויסגעזאָגט אין זיין לעצטן זשורנאליסטישן ארטיקל.

זאָל דער טויט אפילו ארויסרייסן די בעסטע פון די ווייניקע, נאר די לע־בעדיקע טאָרן ניט אָפּשטעלן דעם קאמף פאַרן זיג פונעם לעבן!

**פּירא.**

## עריקאָ מאַלאַטעסטאָ

דער קוואל פון קראָפּאָטקינס גוואלטיקן פרעסטיזש איז דער פאקט, וואָס אין אים האָבן דער געלערנטער, פּראָפּאגאנדיסט און מענטש זיך צונויפגעגאָסן אין איין הארמאָנישן גאנצן, וואָס האָט באשאפן דעם מ ע נ ט ש ל ע כ ס ט ן מענטשן, וואָס איך האָב געקאָנט אין מיין לעבן. ער האָט ליב געהאט מענטשן. אלעס, וואָס ער האָט געטאָן און געטראכט איז דער רעזולטאט פון דער גוטסקייט, פון דער גרויסער ליבע צו מענטשן, צו אלע מענטשן, וואָס איז געווען די נאַ־טירלעכע אייגנשאפט פון זיין וועזן.

## עמיל פּוזשע

וואָסאַרא פרייד, וואָסאַרא סורפריז ס'איז געווען מיין לעצטע באגעגעניש




בײ קראָפּאָטקינס פרישן קבר אויפן בית־עולם פון דעם נאָוואָדיעוויטשי
מאָנאַסטיר אין מאָסקווע

מיט קראָפּאָטקינען! דורכפאָרנדיק פּאריז, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון דעם צו־הארטן ענגלישן קלימאט, איז ער, אָן שום פּאראויסיקער מעלדונג, געקומען צו אונדז אויפן בארג. און אין אָט דעם לעצטן מאָל — אונדזער פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט שטאַמט פון דעם יאָר 1886 — האָב איך אים דערזען אַלץ אַזאַ גייסטיק־יונגער, אַלץ אַזאַ פילבאַרער, אַלץ אַזאַ ענטוזיאַסט.

אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט איז אַוועק פון דעמאָלט אָן, ווען מיר, פאַרלאָזנדיק די רעפּובליקאַנער „ראַטשע", האָבן זיך באַקאַנט. מיר פּלעגן זיך אַמאָל טרעפן נאָר מיט גרויסע הפסקות. איך פלעג אים טרעפן כסדר דעמזעלבן. ער האָט באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, ביי וועמען די יאָרן פאַרמינערן ניט דעם לעבנס־כּוח. זיינע קלאָרע, גלאַנצנדיקע אויגן, פול מיט גוטסקייט האָבן תמיד געהאַט זייער מערקווירדיקע צוציאונגס־קראַפט. מיר האָבן לאַנג און האַרציק געשמועסט.

פון קראָפּאָטקינען האָט געשטראָמט סימפּאַטיע. צווישן אַלע האָט ער, אין אַן אויסשליסלעכער מאָס, פאַרמאָגט די גרויסע מתנה „מיטן וואָרט צינדן די הערצער". וויפל געוויסנס עס האָבן אויפגעוואַכט, וויפל מוחות ס'האָבן זיך באַפרייט פון די קייטן בלויז לייענענדיק זיינע בראָשורן, וואָס אַנטהאַלטן אין געציילטע זייטלעך דעם קאָנדענסירטן עוואַנגעליום פון דער צוקונפט: למשל, וואָסאַרא צויבערהאַפטע „אַפּאָסטאָל־ווערק" ס'איז זיין „אויפרוף צו דער יוגנט!"

אָפּלעבנדיק אַ גאַנץ לעבן, גייט ער אַוועק, איבערלאָזנדיק אַ ברייטן און טיפן שפּור. און וועלכע ס'זאָלן ניט זיין די ענדערונגען, וואָס עס גרייט אונדז צו דער מאָרגנדיקער טאָג, וועט קראָפּאָטקינס שיינער און נאָבעלער אָנבליק זיך דערהויבן און שיינען ווי דאָס בילד פון אַ גרויסן נביא.

## זשאָרזש דיומולען

כ'האָב געזען קראָפּאָטקינען נאָר אויף די פאָטאָגראַפישע בילדער. ער האָט געוואוינט ווייט פון אונדז, ווען מיר זיינען אריין אין דער וועלט פון קינדער. איך האָב אים געקאָנט פון די דערציילונגען פון דעם אַלטן דזשעמס גיליאָם, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ גאָר בכבודיק אָרט זיין אָפּגאָט — באַקונינען, נאָר ער האָט, פונדעסטוועגן, אונדז אָפט דערציילט פון קראָפּאָטקינען, וועגן זיין גרויס געלערנטקייט און נאָבעלן כאַראַקטער.

אָבער מיר, אַ דאַנק זיינע ביכער, אַ דאַנק דער גייסטיקער שפּייז, וואָס ער פלעגט אונדז געבן, אַ דאַנק די ביישפּילן, וואָס ער פלעגט אונדז ווייזן, האָבן מיר געפילט זיין נאָענטקייט. וואָס איז שייך אונדז, סינדיקאַליסטן, וואָס זיינען

ניט פאַרגליווערט געוואָרן אויף וועלכער ס'ניט איז סיסטעם אָדער שולע, האָבן מיר זיך געלערנט ביי אים. ער האָט אונדז געהאָלפן פאַרשטיין די אידייע פון פרייהייט.

מיר זיינען שולדיק זיין פרוכטבאַרער מי אייביקע דאַנקבאַרקייט און געבן אים אונדזער לעצטן גרוס.

## אַלבערט יענסען

פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט געהאַט אַ גוואַלטיקע ווירקונג אויף דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון סקאַנדינאַוויע, באַזונדערס אין שוועדן. דער רוב פון זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט אויף די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן. זיין אַרבעט וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דערוויילּ אין אויסנאַם, נאָר זי וועט אינגיכן אַרויסגעגעבן ווערן.

---

דער שוועדישער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם איז געשטאַנען אונטער קראָפּאָטקינס שטאַרקן איינפלוס. און אויב די „יונג־סאָציאַליסטישע" (אַנאַרכיס־טישע) און סינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין שוועדן זאָגט זיך אָפּ פון דער דיק־טאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, איז דאָס נאָר אַ דאַנק די אַנאַרכיס־טישע אידייען, וואָס קראָפּאָטקין האָט פּאַרזייט. קראָפּאָטקינס קבר איז אין מאָסקווע, נאָר ער אַליין וועט נאָך לעבן לאַנג. ער וועט צינדן די הערצער פון די נייע דורות, ער וועט אויפהאַלטן די לעבעדיקע אידייען פון פרייהייט אין אונ־דזערע הערצער און דינען אַלס פּאָן אויפן שווערן וועג צו פאַרווירקלעכן אונדזער אידעאַל. קראָפּאָטקין וועט נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרבלייבן אונדזער געאַכטעטער און באַליבטער לערער.

## א. אַלאַר

אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען קראָפּאָטקין איז פון אונדז אַוועק, וואָלט איך געוואָלט דערמאָנען, אַז ער איז געווען ניט נאָר אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַ היסטאָריקער.

אין דעם בוך „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע" האָט ער מיט גרויס טאַלאַנט און וויסן אָנגעוואָרפן דאָס געשיכטלעכע בילד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָט ווי ער אַליין כאַראַקטעריזירט זיין ציל:

„די ראָל פונעם פאָלק — פון די דערפער און שטעט — אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז נאָך קיינמאָל ניט פולשטענדיק אויסגעפאָרשט און איבערגעגעבן געוואָרן. פון צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע, איז באַקאַנט די גייסטיקע ריכטונג; אָבער די צווייטע — די פאָלקס־טעטיקייט — איז נאָך זייער ווינציק באַריהרט געוואָרן".

פונקט ווי לואי בלאַן, האָט קראָפּאָטקין, צוליב די זעלבע סיבות, זיך געפונען אין אומגינסטיקע אומשטענדן, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט — ער האָט געמוזט אַרבעטן אין לאָנדאָן, ווייט פון די פראַנצויזישע קוועלן. אָבער די מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט געהאַט צו דער האַנט אין לאָנדאָן, האָט ער אויסגענוצט מיט דער גענויקייט פון אַ ערודיט. זיין בוך איז ניט קיין פּאַמפלעט, נאָר אַן ערנסטע, אומפּאַרטייאישע און אינטערעסאַנטע דערציילונג. ער האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די רעוואָלוציע, אויף וויפל זי האָט פאַר בעסערט די לאַגע פון די מענטשן, איז זי געווען אויסשליסלעך דער אויפטו פון די אַרבעטער און פויערים.

פון דעם שטאַנדפּונקט, איז דאָס באמת די פאָלקס־געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. מישלע, אונדזער אַלגעמיינער גרויסער לערער, וואָלט מיט פרייד זי געוועזן געלייענט.

קראָפּאָטקין איז, דערום, געווען דער אָריגינעלער היסטאָריקער. אין דעם דאָזיקן בוך איז ער געווען אַ גוטער דינער פון דעם געשיכטלעכן אמת, דער היינטצייטיקער מוח, דער פעאיקער און אינטעליגענטער אַרבעטער, וואָס האָט ניט געהאַט צו זיין רשות אַלע נויטיקע אינסטרומענטן. פאַר אונדז איז, פונדעסטוועגן, געווען נוצלעך צו אַ קוק טאָן אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט זיינע אויגן, — די אויגן פון אַ וועלט־בירגער.

# ביילאַגע

# צי דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיטן אויסאַרבעטן דעם אידעאַל פון דער צוקונפטיקער אָרדנונג

## (פּ. א. קראָפּאָטקינס מעמאָראַנדום פון 1873)

(פון דער רעדאקציע: פּ. א. קראפּאטקין האט אנגעשריבן דעם דאָזיקן מעמאראנדום פאר אַן אומלעגאַלן רעוואָלוציאָנערן קרייז אין 1873. בעת קראפּאטקינס ארעסט, איז דער מעמאראנדום (אריינגעפאלן אין די הענט פון דעם פאליציי־דעפּארטאמענט און געדינט אלס זאכלעכער באווייז אין דעם באריםטן פּראצעס פון די 193. די גאַנצע צייט איז דער היסטארישער דאקומענט געלעגן אין ארכיוו פון דעם רוסישן פּאליציי־דעפּארטאמענט. און נאָך דער רעוואָלוציע, אין 1920, האט מען דעם דאקומענט ארויסגענומען פונעם ארכיוו און איבערגעגעבן קראפּאטקינען. דער דאקומענט איז געווען אָפּגעדרוקט, מיט קראפּאטקינס אויסבעסערונג, אין דער צייטונג „אמעריקאנסקיע איזוועסטיא", און שפּע־טער אין „גאָלאָס טרודא", אין בוענאָס־איירעס).

צו דארפן מיר זיך פארנעמען מיט באטראכטן דעם אידעאל פון דער צו־קונפטיקער אָרדענונג? איך דענק, אַז יאָ.

ערשטנס דערפאר, ווייל אין דעם אידעאל קאָנען מיר אויסדריקן אונדזערע האָפענונגען, שטרעבונגען און צילן, אומאָפּהענגיק פון די פראקטישע באגרענע־צונגען, אומאָפּהענגיק פון דעם פארווירקלעכונגס־גראד, וואָס מיר וועלן דער־גרייכן, און דער דאָזיקער פארווירקלעכונגס־גראד וועט באשטימט ווערן דורך ריין־אויסערלעכע סיבות.

צווייטנס, דערפאר, ווייל אין דעם אידעאל קאָן מען זיך ארויסזאָגן אויף וויפל מיר זיינען אָנגעשטעקט מיט די אלטע פאראורטיילן און טענדענצן. אויב אייניקע זייטן פונעם לעבנס־שטייגער וועלן זיך אונדז אויסווייזן אזוי הייליק, אַז מירן ניט וואגן זיי אָנצורירן, איז ווי־גרויס וועט זיין אונדזער געוואגטקייט ביים פראקטישן פארגיכטן אלע לעבנס־אייגנארטיקייטן? מיט אנדערע ווערטער, כאָטש דער גייסטיקער מוט איז ניט קיין גאראנטיע פאר דעם מוט אין דער פראקטיק, איז אָבער די גייסטיקע געדאנקען־מורא שוין א זיכערע מאָס פאר דער פראקכי־שער געדאנקען־מורא.

ריידנדיק וועגן דער דעפינירונג פון דעם אידעאַל, האָבן מיר, פאַרשטענדלעך, אײנזינען די דעפינירונג פון בלויז פיר־פינף גרויסע שטריכן פון דעם אידעאַל. דאָס איבעריקע דאַרף זיין דאָס אומרחמנותדיקע פּאַרווירקלעכן אין לעבן די דאָזיקע גרונטלאַגן. דערפאַר קאָן דאָס ניט זיין קיין קעגנשטאַנד אויף שוין צו באַהאַנדלען. די פאַרווירקלעכונגס־אופנים קאָנען ניט אָנגעצייכנט ווערן אויפן וויסנשאַפטלעכן וועג. פּראַקטיש קאָנען זיי אָנגעצייכנט ווערן נאָר דורך א פּילפּאַכן באַהאַנדלען זיי ערב און בעת זייער פאַרווירקלעכונג, אויף די ערטער, אין די געמיינדעס און אַרטעלן, נאָר ניט איצט, ווען די זאַך האַלט ערשט אין געבוירן ווערן.

מיטן נאָמען אידעאַל פאַרשטייען מיר אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איר פּראָגרעס שטיצט זיך ניט אויפן קאַמף פון מענטשן מיט מענטשן, נאָר מיט דער נאַטור.

ס'איז קיין שום ספק ניט אין דעם, אַז צווישן די פאַרשידענע סאָציאַליסטן פון די פאַרשידנאַרטיקסטע שאַטירונגען איז פאַראַן א גענוג פולע אײנשטימיקייט אין זייערע אידעאַלן, אויב מען באַטראַכט זיי אין דער סאַמע אַלגעמיינער פאָרם. דער געזעלשאַפטלעכער שטייגער, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט פאַרווירקלעבן אין דער מער־ווייניקער נאָענטער צוקונפט, איז בכלל גענוג אײנהייטלעך און דער חילוק צווישן זייערע אידעאַלן נעמט זיך גיכער ניט פון דעם גרונט־אונטערשיד אינעם אידעאַל, נאָר פון דעם, וואָס אייניקע קאָנצענטרירן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף אַזאַ אידעאַל, וואָס קאָן, לויט זייער מיינונג, פאַרווירקלעכט ווערן אין דער נאָענטסטער צוקונפט; אַנדערע — אויף אַן אידעאַל, וואָס איז לויט דער מיינונג פון די ערשטע, א סך א ווייטערער.

מירן איצט באַטראַכטן די אויבנדערמאָנטע פאַרשידענע פאָרמען און באַדינגונגען פון גלייכהייט אײנציקווייז און זען אויף וויפל זיי זיינען פאַראייניבאַר איינער מיטן צווייטן, און אויף וויפל ס'איז נויטיק זייער געמיינזאַמע פאַרווירקלעכונג צוליב דער פעסטקייט פון יעדן איינעם, דערביי וועלן מיר די פּראַקטישע מיטלען, וואָס ווייזן זיך איצט אויס פאַר נוצלעך אויף צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעאַלן, באַטראַכטן באַזונדער.

דער ערשטער תנאי צו דער גלייכקייט איז קלאָר פון זיך זעלבסט, און קאָן ניט זיין קיין קעגנשטאַנד פאַר דיסקוסיעס.

כדי יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרדינען זיין חיונה דורך זיין אייגענער אַרבעט, ניט פאַרשקלאַפנדיק זיך צוליב דעם צו קיינעם, צו קיין שום יחיד, קאָמפּאַניע, אָדער אַרטעל, דאַרף ער האָבן די מעגלעכקייט צו יעדער צייט צו נעמען דעם רידל, מיט וועלכן ער האָט בדעה צו גראָבן די ערד, די וואָטן, פון וועלכע ער וויל וועבן דעם פּאָדים אָדער שטאָף; דאָס ברויט, קליידער, וואוינונג, וואו ער דאַרף וואוינען איידער ער אַרבעט אויס

די זאַך, וואָס האָט א טוישוועדט פאַר דער געזעלשאַפט, דאָס צימער, וואו ער וועט אַרבעטן. ס׳איז אויגנשיינלעך, אז אויב אין די פריערדיקע צייטן, איז די פּראָדוקציע געווען אזוי פּשוט, אז ס׳איז צוליב דעם ניט געווען נויטיק קיין גרויסע אַנזאַמלונג פון פריעריקער אַרבעט און יעדער איינער, וואָס האָט גע־אַרבעט אפילו נאָר מיט די אינסטרומענטן, וואָס זיינען געווען אין זיין פאַמיליע, איבער די רויע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט גענומען אומזיסט ביי דער נאַטור, האָט געקאָנט פּראָדוצירן נוצלעכע טויש־ווערטן, דאַרף איצט — און אין דעם באַשטייט דער פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט — די פּאַראַוויסיקע אַנזאַמלונג פון די אַרבעטס־פּראָדוקטן, אויף צו שאַפן די אַרבעטס־אינסטרומענטן און פאַרגרייטן דעם רווישטאָף זיין אזוי גרויס, אז דאָס קאָן ניט געטאָן ווערן בלויז פון איין פּערזאָן, און אפילו ניט פון א גרופּע יחידים. ס׳איז, אלזאָ, קלאָר, אז אויב ס׳איז ווינטשנסווערט, אז דער יחיד, זיך געמענדיק צו דער אַרבעט, זאָל ניט דאַרפן זיך פאַרשקלאַפן, ניט דאַרפן אָפּטרעטן א חלק פון זיין אַרבעט, פון זיינע כוחות און פון זיין אומאָפּהענגיקייט, ניט אויף שטענדיק און ניט צייטווייליק, אַנדערע מענטשן, וועלכע זאָלן שטענדיק האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען ווי גרויס דער חלק דאַרף זיין — איז נויטיק, אז די אַרבעטס־אינסטרומענטן (די מאַשינען און די פאַבריקן), דאָס פּלאַץ, וואו מען אַרבעט אויס די רויע מאַטעריאַלן (די ערד) די פון פריער צוגעגרייטע רויע מאַטעריאַלן, די מיטלען זיי צו פאַרגרייטן און אריבערפירן (די פאַרקער־מיטלען, סקלאַדן א.א.וו.), די עקזיסטענץ־מיטלען אין דער צייט פון אַרבעט (די פּראָוויזיע־לאַגערן, די הייזער), זאָלן זיך ניט געפינען אין די הענט פון איינצלנע מענטשן.

אזוי אַרום קומען מיר צו צו דער פאַרלייקענונג אין דער צוקונפטיקער אָרדע־נונג, וועלכע מיר ווילן זען פאַרווירקלעכט, יעדער פּריוואַט־אייגנטום, יעדער איי־גנטום פון אקציאָנערן־געזעלשאַפטן, אַרטעלן א.א.וו.

די שרייבער פון די פריעריקע צייטן, וואָס זיינען געקומען צום זעלבן אויס־פיר, האָבן ניט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי איבערגעבן דעם גאַנצן געזעל־שאַפטלעכן קאַפּיטאַל דער מלוכה, ד. ה. א פעסטער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, און פאַרוואַלטעט מיט די ענינים, וואָס זיינען נוגע דער גאַנצער געזעלשאַפט צוזאַמענגענומען.

איר האָט מען איבערגעגעבן צו באַזאָרגן יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט מיט דער מעגלעכקייט צו קריגן די נויטיקע אַרבעטס־אינסטרומענטן א.א.וו. איר האָט מען אויך איבערגעגעבן צו צעטיילן צווישן די מיטגלידער פון דער געזעל־שאַפט די דורך־זיי אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן.

נאָר מאַקע דערפאַר האָבן די גרויסאַרטיקע חלומות פון די אָנהענגער פון דער דאָזיקער שיטה ניט געפונען גענוג סימפּאַטיזירער צווישן די יעניקע, וועלכע האָבן באַדאַרפט פאַרווירקלעכן די דאָזיקע חלומות. אין דעם אידעאַל גופא פון

דער דאַזיקער שיטה האָט זיך פאַרווירקלעכט בלויז אין זײַט פונעם לעבן — די עקאָנאָמישע. אָבער די אנדערע, וואָס זײַנען געוואוינט צו דענקען אין קאָנקרעטע בילדער, האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז וואָסאַראַ קאָמבינאַציע פון קאָנדיציעס מען זאָל ניט אויסטראַכטן דערצו, אַז אַזאַ רעגירונג זאָל מיט זיך אויסדריקן דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער מערהייט, ווי באַוועגלעך, פאַרענדערלעך און פאַרענדערבאַר עס זאָל ניט זײַן איר צוזאַמענשטעל, נאָר שטענדיק דער זעלבער קרייז מענטשן, צוליב וועמען די געזעלשאַפט זאָגט זיך אָפּ פון אירע רעכטן, — וועט זײַן אַ מאַכט, אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפט וואָס שטרעבט צו אויסברייטערן איר השפעה, איר אַרײַנמישונג אין די ענינים פון יעדן יחיד, פון יעדער גרופּע יחידים און וואָס ברייטער עס איז דער ווירקונגס־קרייז פון דער דאָזיקער רעגירונג — אַלץ מער וואַרשײַנלעכקייטן, אַז די רעגירונג זאָל אויפהערן אויסצודריקן די נוצן און ווילן פון דער מערהייט.

און דערפאַר האָבן סיי די מאַסן, סיי אַ סך דענקער לאַנג פאַרשטאַנען, אַז דאָס איבערגעבן אַזאַ וויכטיקסטן צווייג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די הענט פון אַ דערוויילטער רעגירונג, וואָלט געווען דער קוואַל פון די גרעסטע אומבאַקוועמלעכקייטן, אויב ניט פּשוט דער זעלבסטמאָרד פון דער געזעלשאַפט.

פון דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין איז דער נאַטירלעכסטער איבערגאַנג געווען צו דעם, אַז דער גאַנצער קאַפּיטאַל, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן אָנגעזאַמלט אין דער, אָדער אַ צווייטער פאָרם, דאַרף ווערן דאָס פאַרמעגן פון אַלע, פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע דאַרף אַליין ווערן דער פולמעכטיקער פאַרוואַלטער.

די נאָענטסטע, אוממיטלבאַרע אויסדרוקס־פאָרם פון דעם דאָזיקן אידעאַל איז:

„אנערקענען דעם גאַנצן פאַראַנענעם קאַפּיטאַל, צי ער ווערט באַאַרבעט צי ניט, אַלס דאָס אייגנטום פון אַלע מיטגלידער פון דעם טעריטאָריעלן איינס (גרופּעס, ראַיאָנען און לאַנד), וואו ס'ווערט געמאַכט די סאָציאַלע איבערקערעניש.

„אנערקענען דעם גאַנצן באַאַרבעט־ווערנדיקן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל (די ערד, וועלדער, מינען, פאַבריקן, אייזנבאַנען, הײַזער א.א.וו.), וואָס מען האָט געגעבן צום באַנוצן (אויף אַ געוויסער צײַט) די מענטשן, וועלכע ווענדן דאָרט אָן זייער אַרבעט, אַלס פאָלקס־אייגנטום.

„אָננעמען מיטלען דערצו, אַז דאָס אויסגלײַכן די אומבאַקוועמע קאָנדיציעס אין וועלכע ס'געפינען זיך אייניקע אַרבעטנדיקע גרופּעס, זאָל געטאָן ווערן אין די פאַרשידענע קליינע טעריטאָריעלע איינסן (שטעטל, גובערניעס) דורך אַ קעגנזײַטיקן הסכם פון די דאָזיקע גרופּעס".

דער גוואַלטיקער חילוק צווישן אַזאַ צושטאַנד און דעם איצטיקן איז קלאָר דערפון, וואָס איצט האָט אַ הייפעלע מענטשן, געוועלטיקנדיק איבער יענעמס

ארבעט, דאָס רעכט זי צו פארשווענדן אָן שום קאָנטראָל, אויף צו באַפרידיקן אירע באַדערפעניש און, אזוי ארום באַצאָלן מיט דער ארבעט פון אלע פאר זאכן, וואָס זיינען נויטיק בלויז דעם דאָזיקן הייפעלע מענטשן. דאָס דאָזיקע שלעכטס מוז מען באזייטיקן.

נאָר מען האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן, אז אזא אָרדענונג, וואָס מיר האָבן אינזינען, און אזא אידעאַל, האָט א צווייטן פעלער. מען האָט געזאָגט אז די באַדערפענישן פון דער מערהייט זיינען בכלל ניט די באַדערפענישן פונעם פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; אז דער פּראָגרעס אין דער געזעלשאַפט איז שטענדיק געגאנגען מיט אזא וועג, אז א געוויסע מינדערהייט, וואָס איז אריינגעפאַלן אין באַזונדערס־גינסטיקע אומשטענדן, האָט זיך אַנט־וויקלט מער פון די איבעריקע, האָט אויפגעדעקט און אָנגעזאָגט דער וועלט נייע אמתן, וואָס זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון עטלעכע צוגעגרייטע יחידים. כאָטש מיר צווייפלען, — צוליב סבות, וועגן וועלכע מירן ריידן שפּעטער — אז אזוי איז געווען, אין דעם רוב פאַלן, דער גאנג פון דעם פּראָגרעס אין דער מענטשהייט, און אז ער מוז כסדר זיין אזעלכער. נאָר לאָמיר אפילו צולאָזן, אז דאָס איז דער איינציקער מעגלעכער גאנג פונעם פּראָגרעס אין דער אָנגעגעבענער ריכטונג, אפילו אין וועלכן ס'ניט איז זעלטענעם אויסנאַמס־פאַל, דאַרפן מיר, נאַטירלעך, א טראכט־טאָן, צי וועט ניט די פון אונדז פאָרגעלייגטע קלאַסיפיקאַציע פון דער ארבעט דערשטיקן דעם דאָזיקן שטראַל פון פּראָגרעס?

פארשטענדלעך, אז די אלע, וואָס האָבן געאורטיילט אויף אזא אופן זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם איצטיקן צושטאַנד פון זאכן און זיך פאָרגעשטעלט די אידעאַלע אָפּשעצונג פון דער ארבעט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט ביי די איצטיקע שטיקנדיקע אומשטענדן אין די ווערקשטאַטן, ביי דער פאַרדאַרבנדיקער, איבערמענטשלעכער ארבעט, ביי דער אוממעגלעך־לאַנגער מאַשינאַלער ארבעט, וואָס איז איצט נויטיק צוליב דעם, אויף כאָטש האָבן א געלעגער און א ביסן ברויט. אָבער ס'איז קלאָר, אז די קלאַסיפיקאַציע פון באַשעפטיקונג, וועגן וועל־כער מיר ריידן, איז מעגלעך נאָר אין א געזעלשאַפט, וועלכע מען האָט שוין גע־ענדערט, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אין שייכות מיט דעם ערשטן תנאי פאַר גלייכהייט. און פאַר אזא געזעלשאַפט איז אומזיניק די אָפּוועזנהייט פון א גענוג לאַנגן אָפּרו. אויב איניקע עקאָנאָמיסטן האָבן אפילו געזאָגט, אז דאָס צעטיילן די גאנצע איצטיקע הכנסה פון דעם ניט־ארבעטנדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט אויף גלייכע חלקים צווישן אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט וואָלט פאַרגרע־סערט דאָס דורכשניטלעכע פאַרדינסט פון יעדן מיטגליד נאָר אויף פינף סו (אכט קאָפּיקעס), זיינען די דאָזיקע עקאָנאָמיסטן אליץ ארויסגעגאנגען פון אוממעגלעכע הנחות, ד.ה. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט א חלוקה, וואָס איז ניט מעגלעך אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, ביי די איצטיקע באַדינגונגען און פּראָדוקציע־פאָר־מען. איצט, פארשטענדלעך איז אפילו ניט מעגלעך צו באַשטימען, וויפל צייט

ס'וואָלט אויסגעקומען יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט זיך צו באַמיען אויף אויסצואַרבעטן די זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַרן קאָמפאָרט פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן מיטן קאָמפאָרט פאַר די נידעריקע טיילן פון דעם איצטיקן מיטלקלאַס. אָבער מען קאָן גלייך זאָגן, אַז אויב איצט האַלט יעדער אַרבעטער אויס דורכשניטלעך אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, חוץ זיך אַליין, נאָך דריי, און אין פראַנקרייך כמעט פיר מענטשן, פון וועלכע נאָר איינער איז אַ מיטגליד פון דער אַרבעטער־פאַמיליע, איז דאַרפנדיק אויסהאַלטן אין אַ בעסער־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט נאָר איינעם, אויב אַ סך, איז צוויי מענטשן, דאָס הייסט צוזאַמען מיט אים אַליין פון צוויי ביז דריי מענטשן, אויפן אָרט פון פיר־פינף, קאָן ער שוין אַרבעטן צוויי מאָל ווייניקער, ד. ה. פינף מיט אַ האַלבער שעה אויף אָרט פון 11 שעה אַ טאָג, — איינגאַנצן 33 שעה אַ וואָך, און דערביי לחלוטין ניט פאַרקלענערן זיין וואוילשטאַנד. צוגעבנדיק דערצו אַלע אומפּראָדוקטיווע הוצאות פון דער געזעלשאַפט וואָס נעמט זיך הויפּטזעכלעך פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַאַס (אַרמייען, מלחמות, טורמעס, ריכטער, לאַדענישן א.א.וו., א.א.וו.); דערמאָנענדיק זיך אויך וואָסאַראַ גוואַלטיקן סכום פון אַרבעט מען פאַרשווענדט אויף צו אויסאַרבעטן זאַכן, וואָס דינען ניט אויף צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווע כוחות פונעם פאָלק — ווען מיר, פאַרשטענדלעך, באַגרייפן, ווי לאַנג ס'וואָלט געווען די צייט פון אָפּרו, וואָס עס וואָלט געבליבן אין אַ גערעכטער געזעלשאַפט, נאָכן באַפרידיקן אפילו דעם פאַרנונפטיקן קאָמפאָרט, וועגן וועלכן איצט חלומט ניט אפילו די מיטלמעסיקע פּריצים; מירן דערמאָלט באַגרייפן ווי נאָענטער ס'איז געווען צום אמת אָווען, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דערויף און אויף נאָך אַ סך זאַכן וואָלטן געווען גענוג דריי שעה אַרבעט אין טאָג פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

מיר באַטראַכטן דערום אונדזער אַלטן תנאי אַלס דעם נאָענטסטן און נויטיקסטן תנאי פאַר דער גלייכהייט צווישן מענטשן. נאָר גלייכצייטיק האַלטן מיר פאַר אַ גענוג גרויסן שפּאַן צום דערגרייכן דעם דאָזיקן טייל פונעם אידעאַל, דאָס אָנערקענען די געזעלשאַפטלעכע טויש־ווערט נאָר פאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס דער רוב פון דער אָנגעוויזענער גרופּע, אָדער פאַריין פון גרופּעס וועט אָנערקענען אַלס נויטיקע פאַר דער געזעלשאַפט.

דאָס אַלעס אַרויסגעזאָגטע פירט אונדז אויך צו דער איבערצייגונג אין דער מעגלעכקייט און נוצלעכקייט פון אַזאַ פאַרטיילונג פון די נוצלעכע באַשעפטיקונגען ביי וועלכער ס'זיינען ניט שייך קיין יחידים, וואָס זיינען באַשעפטיקט בלויז מיט פּריווילעגירטער אַרבעט, למשל מיט גייסטיקער אַרבעט, מיט פאַרוואַלטן געוויסע ענינים אויף דער פאַבריק, אין דער געמיינע א.א.וו.

פון דעם, אַז די עקזיסטענץ פון אַזאַ קלאַס מענטשן איז אַ ניט־געוואונטשענע מאַניפעסטירונג פון אומגלייכהייט, אַן און פאַר זיך, קאָן ניט זיין קיין שום ספק. ספקות און אויסזעצונגען קאָנען זיין נאָר אין דעם זין, אַז 1) די עק־

זיסטעניז פון אזא קלאס מענטשן איז נויטיק פאר דער ווייטערדיקער אנטוויק־לונג פון דער געזעלשאפט; 2) פון דעם שטאַנדפּונקט פון נויטווענדיקייט אין דער אַרבעטס־צעטיילונג, לויט דער מיינונג פון א סך. מיר האָבן פריער געזאָגט, אז מיר געפינען ניט פאר גערעכט און ניט פאר נוצלעך צו באַצאָלן מיט געזעל־שאפטלעכער ארבעט פאר זאכן וואָס זיינען נוצלעך אָדער נויטיק בלויז פאר דער מינדערהייט. מיר האָבן אויך געזאָגט, אז אויף צו אויסארבעטן אָט־די זאכן וועט זיין גענוג די רו־צייט נאָכן פארענדיקן די ארבעט, וואָס איז נויטיק אויף צו באַ־פרידיקן די באדערפענישן פון דער געזעלשאפט, און אז די מעגלעכע מאָס פון דעם אָפּרו צוזאמען מיטן פארגרעסערן די צוגרייטונג פונעם באָדן און די צאָל מענטשן, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו אויסנוצן זייער אָפּרו־צייט פאר אַלערליי באַשעפטיקונגען וואָס העלפן צום פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, איז א גוטע גאראנטיע קעגן דער פארגליווערונג פון דער קולטור און ציוויליזאַציע פון דער געזעלשאפט.

איצט גייען מיר ווייטער. מיר זאָגן, אז צווישן די באַשעפטיקונגען, וואָס א געוויסע גרופּע מענטשן וועלן אנערקענען פאר נויטיקע, וועלן זיין באַשעפטי־קונגען, אזוי צו זאָגן, פּריווילעגירטע. אין דער ערשטער צייט וועט יעדער גע־מיינדע זיך נויטיקן אין א שול־לערער, אין א דאָקטער און בוכהאַלטער. אין א געוויסער צייט ארום, וועט מען דארפן א פּראָפעסאָר, א געלערנטער טעכניקער, אפשר אויך א פּיאַניסט א.א.וו., שטעלט זיך א פראגע, צי וועט זיך ניט לוינען בעסער דער געמיינדע גופא, אז דער שול־לערער זאָל זיך פארנעמען מיט לערנען די קינדער במשך פון די זיבן־אכט שעה, וואָס יעדער מיטגליד פון דער געזעל־שאפט וועט פארווענדן אויף געזעלשאפטלעכער ארבעט, ניט טוענדיק קיין אנדער ארבעט, אָדער ער וועט אויך דארפן אַלע טאָג, לויט דער רייע, דערפילן אנדערע פליכטן, שווערערע ארבעט, ווי למשל, האקן האָלץ פאר דער שולע, אויב מען וועט דאָס דארפן, וואשן, אָדער רייבן די פּאָלן, הייצן די הרובע, אויסקערן דעם שול־הויף א.א.וו., צי דארף דער פּראָפעסאָר אין אזא געמיינדע, וואו מען וועט זיך נויטיקן אין אים, זיך פארנעמען נאָר מיט לייענען לעקציעס אין די אָנגע־וויזענע זיבן־אכט שעה, און גלייכצייטיק זיך פארנעמען אין דעם ווערקשטאַט מיט אויסארבעטן די פיזישע אינסטרומענטן צוזאמען מיט די שלאָסערס און מעכאניקער, זיך פארנעמען מיט אויסרייניקן דאָס מיסט אין דעם אוניווערזי־טעט א.א.וו. מיר דענקען, אז יאָ, אז ער דארף אויך טאָן שווארצע ארבעט. אזוי ווי דאָס אויסבילדן אן אַריסטאָקראַטישן קלאַס פון ריינער ארבעט באגלייך מיט אן אַריסטאָקראַטיע פון שווארצער ארבעט איז בכלל ניט ווינטשנסווערט, איז, אַלזאָ, די גאנצע פראַגע נאָר אין דעם, אויף וויפל ס'לוינט זיך פאר דער געזעל־שאפט אזא ארבעטס־צעטיילונג, בא וועלכע איינצלנע פערזאָנען ספּעציאַליזירן זיך ניט, ווי אַצינד. אַ. דאַרווין, וואָס פארנעמט זיך מיט אַרויספירן דאָס מיסט

באטראכטן די מענטשן פאר אן אבסורד נאָר דערפאר, ווייל זיי זיינען ניט אומ־שטאַנד זיך אָפּצוטרייסלען פון די פאַרשטעלונגען וועגן צוועקמעסיקייט, וואָס שטאַמען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט; נאָר דערפאר, ווייל זיי פארגעסן, אז כדי ס'זאָל זיך קאָנען, אויסבילדן אזא פערזענלעכקייט ווי דארווין, וואָס האָט אריבערגעיאָגט אין גייסטיקער אנטוויקלונג זיין געזעלשאַפט אויף א גאַנצן יאָר־הונדערט, האָט זיך געגויטיקט די סעלעקציע במשך פון אַ סך באַזונדערס גינסטיקע יאָרן און אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן; ענדלעך נאָר דערפאר, וואָס זיי אנער־קענען (אָן באַווייזן, נאַטירלעך), אַז ווען דארווין זאָל אין 1859 ניט געווען ארויס־זאָגן די היפּאָטעזע וועגן דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב, וואָלט די מערהייט ניט גע־ווען געוואוסט פון איר נאָך א סך הונדערטער יאָרן און אז ס'איז ניטאָ אזא צוזא־מענהאַנג פון געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, ביי וועלכן די דאָזיקע היפּאָטעזע וואָלט געקענט ארויסגעזאָגט ווערן ניט נאָר אין 1859, נאָר אפילו א סך פריער; און אויך נאָר דערפאר, ווייל זיי באטראכטן פאר דעם איינציקן אָדער מער לויג־בארן גאַנג פון דעם פּראָגרעס אין דער מענטשהייט דאָס דערשיינען ביי איינ־ציקע פערזאָנען אזעלכע אָנשויאונגען, וואָס יאָגן אריבער די געזעלשאַפטלעכע מאסע אויף הונדערטער יאָרן, אויב ניט אויף טויזנטער. די אלע אָנשויאונגען און פאַרשטעלונגען זיינען, פונדעסטוועגן, זייער ניט ריכטיק.

אויפן סמך פון דעם ארויסגעזאָגטן, האַלטן מיר פאר אבסאָלוט נויטיק אין דער ערשטער צייט:

אנערקענען די ניט־נויטיקייט פון א קלאַס, וואָס האָט א פּריווילעגירטן סאָרט באַשעפטיקונג. מיט אַנדערע ווערטער:

אנערקענען די פליכט פון א בעסערער פיזישער ארבעט פאר אלע מיטגלי־דער פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך אנערקענען די פולע פרייהייט פון יעדער פּערזאָן צו אויסקלייבן די דאָזיקע באַשעפטיקונגען, „אויב דו וועסט נאָר דערווייזן דיין פעאיקייט צו דער אויסגעקליבענער באַשעפטיקונג".

דאָס פארווירקלעכן די דאָזיקע צוויי תנאים פון גלייכהייט און דאָס איינ־פירן זיי אין לעבן, ווערט גאראַנטירט דורך א דריטן תנאי — די גלייכהייט אין בילדונג, ניט נאָר אין דער מעגלעכער גלייכהייט פון בילדונג, נאָר אין דער פאַקטישער.

אבסאָלוט אָפּלייקענענדיק, אז די מער־לוינבארע פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין דער געזעלשאַפט זאָל פארווירקלעכט ווערן דורך דעם אנטוויקלען א מינדער־הייט, וואָס האָט באַקומען א סך א גרעסערע בילדונג ווי די איבעריקע געזעל־שאַפט, ווילן מיר בכלל ניט אויסטיילן אזא מינדערהייט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט. דעריבער דאַרפן מיר ניט דעם אוניווערזיטעט, ניט די אקאַדעמיע, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן דורך געזעלשאַפטלעכע געלטער, אויב מיט זיי באַנוצט זיך ניט יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אָן אויסנאַם. אויב יחידים, וואָס

ווילן אויסנוצן זייער פרייע צייט, כדי ווייטער אנטוויקלען זייערע גייסטיקע פעאיקייטן, וועלן גרינדן העכערע בילדונגס-אנשטאלטן, וויסנשאפטלעכע פאַ־ריינען, קאָנסערוואַטאָריעס א.א.וו., — זאָלן זיי דאָס טאָן דורך די פּראָדוקטן פון זייער פרייער צייט, זאָלן זיי זיי באַזוכן אין זייערע פרייע שעהן אין דער צייט, ווען אנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט וועלן פארשווענדן די דאָזיקע שעהן אויף אנדערע זאָרגן, אָדער אין פאַרוויילונגען, אָבער די געזעלשאפט, וואָס וויל ניט אַרויפלייגן אַ האַנט אויף די תנאים פון גלייכהייט, וואָס זי האָט אויפגע־קעמפט דורך אירע באמיאונגען, דאַרף ניט אָפּטיילן פאַר די דאָזיקע אנשטאַלטן קיין שום חלק דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט.

מיר ווילן ניט אַז די זעלבסטבילדונג פון קינדווייז אָן זאָל שטרעבן צו צע־טיילן די מענטשן אויף רעגירטע און רעגירער, פון וועלכע, די ערשטע זיינען איבערהויפּט באקאנט מיט דער שווארצער ארבעט, וואָס איז נויטיק פאַרן טאָג־מעגלעכן לעבן, און די צווייטע — הויפּטזעכלעך מיט פאַרוואַלטונגס־מעטאָדן און מיט די אזוי גערופענע העכערע מאניפעסטירונגען פון דעם מענטשלעכן שכל. דערפאר דארפן מיר בכלל ניט האָבן קיין אוניווערזיטעטן, וואָס וועלן ארויסגעבן דאָקטוירים, אין דער צייט ווען די מערהייט פון די, וואָס ארבעטן אויפן זעלבן געביט, וועלן זיין פאַראורטיילט צו דערפילן די פליכטן פון א וועכטער, קראנקן־שוועסטער אָדער פון א פעלדשער; פּראָפעסאָרן — און וועכטער, קאבינעטן פון געלערנטע, טעכניקער — און שווארצארבעטער.

איבערחזרנדיק פּרודאָנס פאָרמולירונג, זאָגן מיר: אויב די ים־שולע איז ניט די שיף גופא מיט גלייכבארעכטיקטע מאטראָסן וואָס באקומען א טעאָרעטישע בילדונג, וועט זי ארויסגעבן אָפיצירן איבער די מאטראָסן, נאָר ניט קיין מאט־ראָסן; אויב די טעכנישע שולע איז ניט די פאבריק גופא, די שול־ווערקשטאַט גופא, וועט זי ארויסגעבן מייסטערס און פאַרוואלטערס, נאָר ניט קיין ארבע־טער א.א.וו. מיר דארפן ניט די דאָזיקע פּריווילעגירטע אנשטאַלטן, מיר דארפן ניט קיין אוניווערזיטעטן, קיין טעכנישע שולן, קיין ים־אקאדעמיעס, וואָס זיינען באשאפן געוואָרן פאר אייניציקע; מיר דארפן דעם שפּיטאָל, די פאבריק, די כע־מישע פּראָדוקציע, די שיף, דעם ווערקשטאַט, די שול פאר די ארבעטנדיקע, וועלכע א באפרייטע, וועט מיט אן אומגלויבלעכער שנעלקייט אריבערשטייגן דעם ניוואָ פון די איצטיקע אוניווערזיטעטן און אקאדעמיעס. באַזייטיקנדיק דעם גאַנצן אומנויטיקן באלאסט פון אומנוצלעכן וויסן, אויסטראכטנדיק פארשנעלערנדיקע מעטאָדן (וואָס קומען שטענדיק נאָר דעמאָלט ווען ס'איז אויף זיי פאראן א דרינ־גענדע נאָכפראגע; אמעריקע איז דערצו, טיילווייז, א רעאלער באווייז), וועט די שולע צוגרייטן געזונטע ארבעטער, וואָס זיינען פונקט אזוי פעאיק צו ווייטער־דיקער גייסטיקער, ווי צו ווייטערדיקער פיזישער ארבעט.

וויפל שעה אין יעדער עלטער וועט דער תלמיד זיך דארפן פארנעמען מיט

דער פּראָדוקציע (ניט אין דער שפּיל פון פּראָדוקציע, ווי אין די איצטיקע טעכ־נישע און רעאַל־שולן) און וויפל שעה מיט טעאָרעטישן לימוד, און ביז וועלכער עלטער דער לימוד וועט זיין אָבליגאַטאָריש — דאָס וועט דעמאָלט באַשטימען יעדער געמיינדע, יעדער ראַיאָן זעלבסטשטענדיק, און, זיכער, וועט דער דאָזיקער באַשלוס זיין ניט קיין צופעליקער, ניט אַזוי ווי איצט, נאָר ער וועט זיך סומך זיין אויף פאַרנונפטיקע יסודות.

מיר דאַרפן ענדלעך, זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער אָבליגאַטאָרישער בילדונג, וואָס איז תמיד געווען די סיבה פון אַזויפיל וויכוחים. מיר האַלטן, אַז דער קוואַל פון אַלע וויכוחים איז געווען דאָס, וואָס די, וועלכע האָבן זיך ארויס־געזאָגט קעגן דער דאָזיקער אָבליגאַטאָרישקייט האָבן שטענדיק געהאַט אינזינען דעם איצטיקן שטאַט מיט אַלע זיינע אַטריבוטן. נאָר ס'איז אויגנשיינלעך, אַז מיר ריידן וועגן דער אָבליגאַטאָרישקייט פון בילדונג ניט אין דער איצטיקער געזעל־שאַפט מיט איר איצטיקן שטאַט, נאָר וועגן דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט מיט די אינסטיטוציעס, וואָס וועלן דערפילן די דאָזיקע נוצלעכע פונקציעס, (אָדער, בעסער געזאָגט, — וואָס קאָנען זיין נוצלעך) וואָס דער שטאַט דערפילט איצט.

דערפאַר האַלטן מיר, פאַרשטענדלעך, אַז אין דער צוקונפטיקער געזעל־שאַפט וועט די בילדונג, ביז געוויסע גרעניצן, זיין און מוז זיין אָבליגאַטאָריש.

אויפן סמך פון דעם אויבנגעזאָגטן, האַלטן מיר פאַר נויטיק צוליבן פאַר־ווירקלעכן אַט־די פערטע זייט פונעם אידעאַל פון גלייכהייט:

„אנערקענען די נויטווענדיקייט צו פאַרמאַכן אַלע אוניווערזיטעטן, אַקאַ־דעמיעס און אַנדערע העכערע לערן־אַנשטאַלטן און עפענען אומעטום אויפן גע־זעלשאַפטלעכן חשבון שול ווערקשטאַטן, וואָס וועלן אין גאָר אַ קורצער צייט אַרומ־נעמען דעם אונטעריכט און זיך אַנטוויקלען ביז צו דעם ניווא פון די איצטיקע אוניווערזיטעטן און זיי איבערשטייגן".

איינשטעלן די האַרמאָניע פון דער פּאָליטישער גלייכהייט, לויטן פינפטן פונקט, איז תמיד געווען שווער פאַר אַלע סאָציאַלע שולן; עטלעכע צענדליק יאָרן האָבן די וויסנשאַפטלעכע פאַרטרעטער פונעם סאָציאַליזם אפילו ניט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן אויף אַן אַנדער וועג, ווי נאָר מיט דער הילף פון אַ צענטראַליזירטער מלוכה מיט אַ שטאַרקער רעגירונג, וואָס זאָל רע־גולירן אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, זיך אַריינמישן אין אַלע קלייניקייטן פונעם פּריוואַטן לעבן. באַזונדערס האָט מען געטיילט די דאָזיקע באַגריפן צווישן די שרייבער פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. און דערום איז נאַטירלעך דער ווי־דערווילן, סיי צווישן גרויסע מאַסן, סיי צווישן די גאַנץ אויפריכטיקע סאָציאַ־ליסטן, צו די אַנדערע, גערעכטע יסודות פונעם קאָמוניזם.

אָבער ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלעס איז דער רעזולטאַט פון אַ פּשוטער מיספאַרשטענדעניש. באַפרייט פון דער אייביק דראָענדיקער פאַרשטע־לונג פון אַן אַלמעכטיקער רעגירונג, האָט דער קאָמוניזם גיך זיך אָנגעהויבן פאַר־

שפרייטן אפילו אין מערב־אייראָפּע, אין א געענדערטער און באגרענעצטער פאָרם, אונטערן נאָמען פון קאָלעקטיוויזם.

פון דער צווייטער זייט, האָבן אסך בעסערע דענקער פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט (דער 19טער) געשטרעבט צו באַשטימען אויפן ליטעראַרישן וועג דורך א וועלכער קאָמבינאציע פון באדינגונגען עס קאָן דערגרייכט ווערן אזא אָרדענונג, אין וועלכער דער יחיד איז גאראנטירט מיט דער גרעסטער מאָס פרייהייט פון האנדלונג און אנטוויקלונג מיט די קלענסטע באשרענקונגען? ס'איז אויך פאר־שטענדלעך, אז אזוי לאנג ווי די דאָזיקע דענקער האָבן זיך געשטעלט דעם ציל אויסצואַרבעטן בלויז די ריין־פּאָליטישע באציאונגען, האָבן זיי ניט געקאָנט דערגרייכן קיין שום פּראקטישע רעזולטאטן, נאָר מיטן אריבערטראָגן די פּראָ־בלעם אויפן געביט פון עקאָנאָמישע באציאונגען, ווערט זי געלייזט א סך איינ־פאכער. די אידעאלסטע פאָרם, צו וועלכער ס'האָבן זיך דערטראכט די פּארטיי־דיקער פון דעם מלוכה־געדאנק, איז די פעדעראל־רעפּובליקאנישע, מיט אזא זעלבסטשטענדיקייט פון דער געמיינדע, ביי וועלכער איר זאָל אויסקומען צו לייזן וואָס־מער ענינים מיט א וואָס־גרעסערער אומאָפּהענגיקייט פון דער מלוכה. אזא פאָרם זעען מיר אין די פאראייניקטע שטאַטן פון צפון־אמעריקע. אלס נויטיקן צוגאָב צו דער דאָזיקער פאָרם, האלט מען אין אייראָפּע דאָס, אז געוויסע געזעצן שטעלט מען צו דער אָפּשטימונג פון דעם גאנצן פאָלק, פון אלע בירגער, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין איניקע שווייצארישע קאנטאָנען און אין דעם גאנצן שוויי־צארישן פארבאנד בנוגע איניקע געזעצן וואָס זיינען שייך דער פעדעראלער קאָנ־סטיטוציע. אלס ווייטערדיקע אויסברייטערונג פון דער דאָזיקער פאָרם, האלט מען, ענדלעך, דאָס איבערגעבן אלע געזעצן צו א פאָלקס־אָפּשטימונג, מיטן געבן דער רעגירונג בלויז דאָס רעכט זיי צו פארעפנטלעכן.

אויסרעכענען די אלע איבלען פון אזעלכע פאָרמען, אלע פארלעצונגען פון דער פרייהייט, וואָס זיי זיינען גורם, די גאנצע אומפעאיקייט פון די דאָזיקע פאָרמען אין מערסטנס פאלן אויסצודריקן דעם ווילן און פארלאנג פון דער מער־הייט, — וואָלט ניט געווען אמפּלאץ; די דאָזיקע קריטיק האָט מען שוין א סך מאָל ארויסגעבראכט, און ס'איז גענוג צו זאָגן, אז דער גאנצער אנאליז האָט געפירט צו פאָלגנדיקע הנחות:

„אז, א צענטראלע רעגירונג פון א פּראָווינץ, צו פון א מלוכה איז ניט דער אויסדרוק פון דעם ווילן פון דער מערהייט באפעלקערונג; אז כסדר זיך באפעס־טיקנדיק, פירט דאָס צום פארכאפּן די רעכטן פון דער מלוכה, פון דער פּראָווינץ, פון דער געמיינדע; אז יחידים, מיט מער ענערגיע קאָנען, זאָל זיין אויף א צייט, פארכאפּן אין זייערע הענט א גרויסן טייל און פאראליזירן אלע נויטיקע מיט־לען, וואָס די מערהייט וויל אָננעמען;

„אז, שאפנדיק אזא שטאַרק־קאָמפּליצירטן מלוכה־אפּאראט, וואָס פאָדערט

א לאנגיאָריקע פּראַקטיק אויף צו באַקאַנען זיך מיט זיין מעכאַניזם, פירט דאָס צו דער אנטשטייאונג פון א קלאַס, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, און אויסנוצנדיק די באַקומענע דערפאַרונג הויבט ער אָן באַש־ווינדלען די איבעריקע צוליב פּערזענלעכע נוצן;

„ענדלעך, אַז ס'קאָן ניט דורכגעפירט ווערן קיין גרענעץ צווישן דעם געזעץ און דעם דעקרעט, אפילו מיט א בערכדיקער פּינקטלעכקייט, און אַז דערום קומט אוים איבערצוגעבן א היפּשע מאַכט אין די הענט פון דער מלוכה, פאַר ניט קאָנען אַלע טאָג פאַרזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק צו אן אָפּשטימונג".

אָט־די גאַנצע דערפאַרונג האָט עס געפירט פרודאָנען צום אָפּלייקענען יע־דער סאָרט רעגירונג — צו דער הערשאַפטסלאָזיקייט (אַנאַרכיזם).

אויף צו לייזן די פראַגן צווישן די פאַרגעלייגטע אַנשויאונגען, ניט־אַריינ־לאָזנדיק זיך אין לאַנגע חקירות, וועלן מיר זיך אומקערן צום סאַמע שורש פון דעם מלוכהשן געדאַנק.

דער שטריך, וואָס איז אייגן אַלע רעגירונגען איז דער, וואָס ביי די מיט־גלידער פון דער געמיינדע, פון דעם ראַיאָן, אָדער מלוכה האָט מען צוגענומען א טייל פון זייער רעכט צו לייזן זייערע אייגענע ענינים, און דאָס דאָזיקע רעכט האָט מען איבערגעגעבן עטלעכע יחידים. דערביי ווערט באַשטימט אין אַלגע־מיינע שטריכן, וואָסאַרא ענינים ס'קאָנען לייזן די דאָזיקע יחידים, וואָס שטעלן צוזאַמען די אָרטיקע רעגירונג. ניט קיין קלענערער גרונטשטריך איז דער, וואָס דער דאָזיקער גרופּע יחידים גיט מען איבער צו לייזן ניט נאָר וועלכן ס'ניט איז פּריוואַטן ענין, נאָר די אַלע ענינים, וואָס זיינען ארויפגעשוואָומען און קאָנען ארויפשווימען ביים פאַרוואַלטן די אַלגעמיינע ענינים. א צווייטער שטריך, וואָס איז אייגן יעדער רעגירונג, אויך אַזא גרינגטלעכער, איז דער, וואָס דער זעלבער גרופּע, אָדער נאָך א קלענערער, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון דער ערשטער אָדער פון אַלע מיטגלידער פון דער געמיינדע, אָדער פונעם ראַיאָן, גיט מען איבער צו דורכפירן דעם באַשלוס אָדער פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָדער פון דער אויסגעקליבענער רעגירונג. דערצו ווערט באַשאַפן א גאַנצער לייטער פון אויס־פיר־אָרגאַנען, וואָס מוזן אויספאָלגן די באַפעלן פון דער פּראָווינציעלער אָדער מלוכה־מאַכט. צוליב באַקוועמלעכקייט, איז די אויספיר־מאַכט פון דער געמיינדע אונטערוואָרפן דער געגנטלעכער מאַכט און יענע, פון איר זייט, איז אונטער־וואָרפן דער מלוכהשער. דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן, דער מהות פון יעדער רעגירונג. דער חילוק איז נאָר אין דעם אָרט, וואו ס'איז ברייטער דער טעטי־קייטס־קרייז פון דער געמיינדע, און אין אַנדערע ערטער, וואו מען האָט א גרע־סערן טייל פון די אַלגעמיינע ענינים איבערגעגעבן דער געגנטלעכער אָדער צענט־ראַלער רעגירונג; אין אייניקע ערטער זיינען די באַהערדן אינגאַנצן, אָדער טייל־

יוויז דערוויילטע, און אין אנדערע האָבן זיי זיך אליין באשטימט אלס הערשער איבערן פאָלק א.א.וו.

די איבלען וואָס קומען ארויס פון אזא אָרדענונג, זיינען צו גוט באקאנט, אז מען זאָל זיך אויף זיי דארפן אָפּשטעלן. נאָר וויכטיקער איז דאָ ניט דאָס, צי די דאָזיקע איבלען זיינען גרויסע צו קליינע, נאָר דאָס, וואָס זיי ליגן אין סאמע גרונט־געדאנק פון דער אינסטיטוציע, אין סאמע תוך, און דערום קאָן מען זיי ניט באזייטיקן דורך קיין שום מיטלען, ווי, למשל, דורך א קאָנטראָל, באגרענע־צונגען א.א.וו. אזוי לאנג ווי ס'עקזיסטירט דער סאמע מהות פון דער אינסטי־טוציע, און אין תוך ווייסן מיר, אז יעדער גרופּע מענטשן, וועמען מען גיט איבער צו לייזן א געוויסע קאָמבינאציע פון ענינים, זוכט שטענדיק צו אויסברייטערן דעם קרייז פון די דאָזיקע ענינים, און איר מאכט אין זיי, און וואָס קלוגער, ענער־גישער און טעטיקער עס זיינען די דאָזיקע מענטשן, אלץ־גרעסער וועט זיין זייער שטרעבונג צו פארכאפּן די ענינים, וואָס מען האָט זיי ניט אָנפארטרויט.

וואָס ענערגישער, וואָס טעטיקער און וואָס־געוויסנהאפטער עס זיינען די דאָזיקע מענטשן, אלץ־מער ווערט די געזעלשאפט צוגעוואוינט ניט־אכטונג צו געבן אויף זיי און זיי ניט קאָנטראָלירן. אלץ־לייכטער ווערט דערום דעם צופע־ליק ארייגעפאלענעם אין דער רעגירונג געוויסנלאָזן, נאָר טאלאנטפולן מענטשן ריכטן די טעטיקייט פון דער דאָזיקער גרופּע אויף צו דערגרייכן זיינע פערזענ־לעכע צילן.

ס'איז באוואוסט, אז דאָס שווערסטע איז אָנצוּוואווענדן צו א זאך א וועלכן ס'ניט איז פּרינציפּ. און וואָס־נייער ס'איז דער פּרינציפּ, און וואָס־ווינציקער ער איז באוואוסט אין זיין פּריוואטער אָנווענדונג, אלץ־לייכטער איז צו גיין אויף אזעלכע הנחות, וואָס קאָנען איננאנצן אָפּטויטן דעם פּרינציפּ גופא. פונדעסט־וועגן איז אין דער סיסטעם פון דערוויילטע, וועלכע דארפן באשליסן פאר א געוויסער גרופּע מענטשן, מוז מען ניט־ווילנדיק פאָדערן פון זיי נאָר באשלוסן אין הסכם מיט דער אלגעמיינער גרונטלאגע אין פּרינציפּ, נאָר ניט אין אלע פּרטים. הכלל, די סאמע שווערסטע טייל פון דער לייזונג, וואו עס פאָדערט זיך טער פון אלעם די מיטארבעטערשאפט פון פארשידענע שכלן, גיט די גרופּע איבער צו אן איינצלנער פּערזאָן.

יעדער צענטראלע מאכט פון א ראיאָן, פּראָווינץ אָדער מלוכה דארף באַ־שטיין פון א קליינעם קרייז מענטשן, און וואָס גרעסער ס'זיינען די דאָזיקע טע־ריטאָריעס, אלץ קלענער זיינען די מעגלעכקייטן, אז די דערוויילטע פארשוינען זאָלן זיין באקאנט דער מערהייט; אלץ קלענער, אלזאָ, איז די גאראנטיע, אז מען וועט אויסקלייבן געטרייע, אָרנטלעכע מענטשן.

לסוף, מוז יעדער רעגירונג, וואָס איז באשאפן לויטן היינטיקן מוסטער,

האָבן צו איר רשות א קראפט, וואָס זאָל אויספירן אירע באשלוסן. אָבער ס'איז פּאַרשטענדלעך, אז אויב די מערהייט פון די גלייכבארעכטיקטע בירגער זאָלן אנערקענען פאר נוצלעך אלע באשלוסן פון דער רעגירונג, וואָלט זי זיך בכלל ניט גענויטיקט אין אזא קראפט. אויב ס'וואָלטן זיך געפונען יחידים, אָדער קליינע גרופּעס מענטשן, וואָס וואָלטן ניט געוואָלט אויספאָלגן דעם ווילן פון אלע, וואָלט מען זיי אָדער געלאָזט צורו, אָדער זיי וואָלטן אויסגעבעסערט זייער פעלער דורך דער דערפארונג גופא, אָן שום פיזישן כוח. די דאָזיקע פיזישע קראפט, וואָס שטייט אין דינסט פון יעדער רעגירונג, איז נאָר דערפאר נויטיק, ווייל קיין שום רעגירונג קאָן ניט אויסדריקן דעם ווילן פון דער גרויסער מערהייט; וואָס נענטער זי איז צו דעם דאָזיקן אויסדרוק, אלץ-וויינציקער פיזישע קראפט האָט צו איר רשות די רעגירונג.

נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלן א לאנד אָן אזא צענטראלער מאכט, אָן א רע-גירונג. און מירן זען אין וועלכע פונקציעס פון דער געזעלשאפט קאָן מען זיך נויטיקן אין אזא רעגירונג?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן גרופּעס דאָרפס-געמיינדעס, וואָס פארנעמען זיך מיט ערדארבעט, פיצוכט א.א.וו.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז מיט דער איינשטימיקייט פון אלע איינוואוינער פון דעם דאָזיקן לאנד, ווערן די דאָזיקע געמיינדעס ניט באטראכט אלס די באַ-לעבאַטים פון דער ערד, וואָס זיי פארנעמען, נאָר זיי באנוצן בלויז מיט איר. לאָמיר זאָגן, אז אין א געמיינדע באווייזט זיך א פוילענצער, וואָס זוכט צו לעבן ניט ארבעטנדיק. איצט קריגט ער ניט קיין געלט, און אָן געלט קאָן ער ניט לעבן. ער וועט ניט קריגן קיין ארבעטס-באָנע, אלס סמן אז ער האָט ניט אָפּגעטאָן זיין טעגלעכע ארבעט, און אָן דעם, וועט ער ניט זיין אומשטאנד צו לעבן.

לאָמיר זאָגן, אז ער הויבט אָן ראבעווען א.א.וו. מען ברענגט אים צום פּאָ-ליציי-קאָמיסאר. מיט אים וועט זיך צורעכענען דאָס געזעלשאפטלעכע זעלבסט-געריכט גופא, אָדער דורך רעפּרעזענטאנטן.

מיט איין וואָרט, פארשטענדלעך — און דאָס איז אויסער יעדער דיסקוסיע — אז אין אלע אירע אינערלעכע ענינים וועט די געמיינדע, פּונקט ווי איצט, קאָנען אליין זיך אָן עצה געבן, ניט באשאפנדיק קיין רעגירונג.

מיר גייען איצט איבער צו דער שווערסטער, נאָר איינצייטיק, צו דער סאמע עצם-פראגע פון אונדזער פּראָגראם, צו דער פראגע וועגן די פּראקטישע מיטלען, וואָס מען דארף אָננעמען אויף צו פארווירקלעכן אונדזער אידעאל.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אז לויט אונדזער איבערצייגונג מוז דער דאָזיקער אידעאל פארווירקלעכט ווערן דורך א סאָציאלער רעוואָלוציע. דערביי זיינען מיר גאָרניט אזוי נאַיוו צו גלויבן, אז מיט דער ערשטער רעוואָלוציע וועט אונדזער

אידעאַל פאַרווירקלעכט ווערן אין זיין פולער מאָס. מיר זיינען אויך איבערצייגט, אַז אויף צו פאַרווירקלעכן די גלייכהייט, וועלכע מיר שטעלן זיך פאָר, וועלן נויטיק זיין אַ סך יאָרן, אַ סך איינציקע און אפשר אפילו אַלגעמיינע אויפטרייסלונגען. אָבער מיר זיינען אויך איבערצייגט, אַז וואָס פולער ס'וועלן זיין די פאָדערונגען, וואָס די מאַסן וועלן שטעלן דער ערשטער רעוואָלוציע, וואָס־קלאָרער, וואָס־רעאַלער ס'וועלן אויסגעדריקט ווערן די דאָזיקע פאָדערונגען, וואָס מער ס'וועלן פאַרניכטעט ווערן פונעם ערשטן שפאַן אָן די איצטיקע קולטור־פאָרמען, וואָס שטערן צו דעם איינפירן די סאָציאַלע אָרדענונג; וואָס מער מען וועט דעזאָרגאַניזירן די כוחות און באַציאונגען, אויף וועלכע ס'האַלט זיך די איצטיקע געזעלשאַפטלעכע און מלוכה־אָרדענונג, — אַלץ־פרידלעכער וועלן זיין די ווייטערדיקע איבערקערענישן, אַלץ־גיכער וועלן קומען, איינע נאָך דער צווייטער, גרויסע פערפעקציאָנירונגען אין די באַציאונגען צווישן די מענטשן. דערום דאַרפן מיר צילן צו אָנווענדן אונדזערע כוחות אויף צו פאַרשנעלערן דעם דאָזיקן אויפרייס; אויף צו מאַכן קלאָר די האָפענונגען און שטרעבונגען, וואָס זיינען פאַראַן ביי דער גרעסטער מערהייט אין אומקלאָרע פאָרמען, כדי מען זאָל באַצייטנס קענען אויסנוצן אַזעלכע אומשטענדן, ביי וועלכע דער אויפרייס וואָלט געקאָנט האָבן אַ גינסטיקערן אויסגאַנג; כדי, ענדלעך, דער אויפרייס גופא זאָל פאָרקומען אין נאָמען פון קלאָר־אויסגעדריקטע פאָדערונגען, אין נאָמען פון די פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן אויבן דערמאָנט.

מיר דאַרפן, אַלזאָ, אָנווענדן די אַלע מיטלען, דורך וועלכע, לויט אונדזער מיינונג, מען דערגרייכט אויפן בעסטן אופן דעם ציל.

דערביי, אויב ביים אויסאַרבעטן אונדזער אידעאַל האָבן מיר געקאָנט אין אַ גרויסער מאָס גיין מיטן וועג פון דער לאָגיק, וועט דאָ אונדזער גרעסטער אָנשפאַר זיין דער וועג פון דערפאַרונג. ריידנדיק וועגן דעם אידעאַל, וואָלטן מיר געקאָנט אַרויסגיין פון די אַלגעמיינע שטרעבונגען און האָפענונגען פון די מאַסן און אויספירן דעם אַלגעמיינעם געדאַנק, וואָס וואָלט אויפן בעסטן אופן באַפרידיקט די דאָזיקע שטרעבונגען, און געקאָנט אויסדריקן די באַגריפן פון גערעכטיקייט, וואָס זיינען שטענדיק פאַראַן ביי אַלע מאַסן. אָבער דאָ קאָנען מיר זיך שוין ניט באַגנוגענען מיט די אַלגעמיינע שטרעבונגען און האָפענונגען פון אונדזער פאָלק; מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט אַ גאַנצער מאַסע באַזונדערע פאָרשטעלונגען, דענקונגס־אַרט, באַציאונגען, האַנדלונגען א.א.וו., וואָס מען קאָן פריער ניט פאָראויסזען, און דערקאָנען זיי קאָן מען נאָר דורך דער פּראַקטיק.

ווייטער, אין די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון די מאַסן, ביי אַלע פעלקער, איז פאַראַן זייער אַ סך פון די שטרעבונגען און האַנדלונגען, וואָס עס האָבן אויסגעדריקט די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער, וואָס אין פיל הינזיכטן נעמען אָן מיט סימפּאַטיע אויך אונדזערע אַרבעטער. נאָר אין די פראַגן וועגן דער רעוואָלו-

ציאָנערער פּראקטיק דאַרפן די מיירעוו-אייראָפּעאישע ביישפּילן געבראכט ווערן מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט, ווייל אָפּוועגן, אין אזא פאַל, די גאַנצע באַ-העפטונג פון אומשטענדן, וואָס האָט געווירקט אויף אזא, אָדער צווייטן רעזול-טאַט, איז זייער שווער.

אָבער מיט די דאָזיקע באַטראַכטונגען ווערט אויך דעפינירט איין אַלגעמיי-נער שטריך פון דעם צווייטן טייל פון אונדזער פּראָגראַם. אויב מיר באַטראַכטן איצט אונדזערע אידעאַלן, אַלס פעסטגעשטעלטע דעפיניטיוו, אויב מיר האַלטן פאַר אומפּאַרענדערלעך די גרונט־יסודות פון אונדזערע אידעאַלן, אויב יעדער טיילווייזע הנחה וועלן מיר מאַכן נאָר דעמאָלט, ווען מירן איינזען די אַבסאָלוט אוממעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן וועלכן ס'ניט איז טייל פון אונדזער אידעאַל אין דער פּראַקטיק, און דעמאָלט וועלן מיר אַלץ באַטראַכטן די דאָזיקע הנחה, אַלס געצוואונגענע און צייטווייליקע, — איז, פון דער צווייטער זייט — אַזוי ווי די פּראָגראַם פון אונדזערע פּראַקטישע צוגרייטונגס־מיטלען דאַרף באַשטימט ווערן ניט־נאָר דורך זייער צילמעסיקייט אין אכט־נעמענדיק דעם אַלגעמיינעם אידעאַל, נאָר אויך דורך די לעבנס-באַדינגונגען פון דער מיט, וואו מיר זיינען טעטיק, ד. ה. דורך אַ רייע באַאָבאַכטונגען, וועלן מיר אויף דער דאָזיקער פּראָגראַם ניט קוקן ווי אויף אַן אומפּאַרענדערבאַרער זאַך, פאַרקערט, מירן זיין גרייט אויף אַלערליי ענדערונגען, אויב נאָר דאָס לעבן וועט אונדז דערווייזן, אַז דאָס פירט נענטער און בעסער צום ציל.

פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אייניקע גרונטלאַגן, וועלכע מיר האַלטן פאַר מעגלעך און נויטיק צו אויפהאַלטן אומפּאַרענדערטע אין אונדזער פּראַקטישער צוגרייטונגס-אַרבעט. דאָס איז דאָס ניט דערלויבן אין דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אַזעלכע באַציאונגען צווישן די מענטשן און אַזעלכע מעטאָדן, וואָס זיינען אין אַבסאָלוטער סתירה צום אידעאַל, צוליב וועלכן מען וויל זיי אָנווענדן.

אַזוי אַרום זיינען מיר אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון איינפירן אין דער רע-וואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע די געהאָרכזאַמקייט צו יחידים, די פאַרשקלאַפונג פון אַ סך צו איינעם אָדער צו עטלעכע מענטשן, די אומגלייכהייט און די קעגנ-זייטיקע באַציאונגען צווישן די מיטגלידער פון איין און דער זעלבער אָרגאַ-ניזאַציע, ליגן און גוואַלד אויף צו דערגרייכן דעם ציל.

מירן זיך נאָך אומקערן צו די דאָזיקע פראַגן, ווען מירן קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן אינזינען.

קודם כל זיינען מיר טיף איבערצייגט אין דעם, אַז קיין שום רעוואָלוציע איז נישט מעגלעך, אויב דאָס פאָלק גופא פילט ניט קיין נויטווענדיקייט אין איר. קיין שום הייפעלע מענטשן, ווי ענערגיש און טאַלאַנטפול זי זאָל ניט זיין, קאָן

ניט אַרויסרופן קיין פאָלקס-אויפשטאַנד, אויב דאָס פאָלק גופא קומט ניט, אין זיינע בעסערע פאַרשטעלונגען, צום באוואוסטזיין, אז ער האָט ניט קיין אנדער אויסוועג צו דער לאַגע, מיט וועלכער ער איז ניט צופרידן, ווי נאָר דעם אויפ-שטאַנד. די אויפגאַבע פון יעדער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע דאַרף, דערום זיין, ניט אַרויסצורופן דעם אויפשטאַנד, נאָר בלויז צוגרייטן דעם דערפאָלג פון דעם זיך גרייטנדיקן אויפשטאַנד, ד. ה. פאַראייניקן צווישן זיך די אומצופרידענע עלעמענטן, העלפן באַקאָנען די יחידים, אָדער גרופעס מיט די שטרעבונגען און אַקטיוויטעט פון אַנדערע אַזעלכע גרופעס, העלפן קלאָרער מאַכן די אמתע סיבות פון דער אומצופרידנקייט, העלפן זיי קלאָר מאַכן, ווער עס זיינען זייערע אמתע שונאים, אַראָפּרייסנדיק די מאַסקע פון די שונאים, וועלכע פאַרדעקן זיך מיט אַ פרומען שלייער און, לסוף צוזאַמען מיטאַרבעטן אין דעם קלאָר מאַכן די נאָענט-סטע פּראַקטישע צילן און די מעטאָדן אויף זיי צו פאַרווירקלעכן.

# קראָפּאָטקין וועגן באַקונינען*)

דער אַלטער בלאַנקי פלעגט אָפט זאָגן, אַז די באַדייטונג פון די געשעעענישן ענדערט זיך אָפט ניט אַזוי דורך זייערע אוממיטלבאַרע רעזולטאַטן, ווי דורך זייערע אומדירעקטע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען שטענדיק אַ סך וויכטיקער פון די ערשטע.

פונקט אַזוי, ריידנדיק וועגן באַקונינען, דאַרף מען אָפּשאַצן זיין באַדייטונג ניט נאָר לויט דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פּערזענלעך, נאָר לויט זיין ווירקונג אויף אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט — אויף זייערע געדאַנקען און אויף זייער טעטיקייט.

זיין ליטעראַרישע ירושה איז ניט קיין גרויסע. „די שטאַטלעכקייט און דער אַנאַרכיזם", „די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל", „גאָט און דער שטאַט" — דאָס זיינען די דריי ניט־גרויסע ביכער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. דאָס איבעריקע — „די קנוט־גערמאַנישע אימפּעריע", „בריוו צו אַ פראַנצויז וועגן דעם איצטיקן קריזיס", „מאַציניס טעאָלאָגישע פּאָליטיק", „די בערנער בערן" א.א. — דאָס אַלעס זיינען בראָשורן, וואָס ער האָט געשריבן אויף טאָג־פראַגן. אפילו די אויבנדערמאָנטע דריי ביכער האָבן די זעלבע אָפּשטאַמונג. באַקונין פלעגט זיך אוועקזעצן מיטן ציל אָנצושרייבן אַ בראָשור אַלס ענטפער אויף אַ טאָג־פראַגע. נאָר די בראָשור פלעגט זיך צעוואַקסן אין אַ בוך, דערפאַר, ווייל צוליב זיין טיפן פאַרשטיין די געשיכטע און צוליב זיין גרויסער באַקאַנטשאַפט מיט די אַקטועלע געשעענישן, האָט ער געהאַט אַזויפיל צו זאָגן, אַז די בלעטלעך האָבן זיך שנעל אויסגעפילט איינס נאָכן צווייטן.

ווען מען דערמאָנט זיך דאָס אַלעס, וואָס ער און זיינע פריינט — און זיינע פריינט זיינען געוועזן הערצן, אָגאַריעוו, מאַציני, לעדריו ראָלען און אַלע בעסערע מענטשן און טוער פון דעם רעוואָלוציאָנערן פעריאָד פון די פערציקער יאָרן אין אייראָפּע (פּ. י"ה) — האָבן נאָכגעדענקט וועגן די דאָזיקע פון זיי איבערגעלעבטע

---

*) דאָס דאָזיקע אַרטיקל קראָפּאָטקינס איז צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אין דעם זשענעווער אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „ברויט און פרייהייט" אין יולי 1905, און מיר דרוקן עס איבער אינעם קראָפּאָטקין־זאַמלבוך, וואָס איז געווידמעט קראָפּאָטקינס אָנדענק צוליב דער גייסטיקער, רעוואָלוציאָנערער און אידעאישער קרובהשאַפט צווישן ביידע גרויסע קעמפער און באַגרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע. — י. ס.

רעאקציע — איז לייכט צו פארשטיין, אז די געדאנקען, בילדער און ארגומענטן, דראמעס, האפענונגען און אנטוישונגען; ווען מען דערמאנט זיך אלעס, וואס זיי האבן איבערגעלעבט אין האפענונגספולן 1848סטן יאר און די נאכפאלגנדיקע וואס זיינען געשעפט געווארן פון קאנען דאס לעבן, האבן געמוזט בלייבן אין באקונינס קאפ, און פארוואס זיינע היסטעריש-פילאזאפישע אנשויאונגען זיינען אזוי רייך דורכגעמישט מיט פאקטן און אורטיילן פון דער דאמאלסטיקער ווירקלעכקייט.

ס'איז פונדעסטוועגן מערקווירדיק, וואס באקונינס יעדער בראשור האט באצייכנט א ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דעם רעוואלוציאנערן געדאנק אין איראפע. זיין דרעדע אויפן קאנגרעס פון „שלום און פרייהייט" איז געווען אן ארויסרוף פאר אלע ראדיקאלן פון איראפע.

באקונין האט אין איר געמאלדן, אז די עפאכע פון דעם ראדיקאליזם פון די פערציקער יארן איז פארענדיקט און עס טרעט ארייו א נייער פאזע פון דעם רעוואלוציאנערן לעבן — די ערא פון דעם ארבעטער-סאציאליזם; אז באגלייך מיט דער פראגע וועגן פאליטישער פרייהייט שטעלט זיך אוועק די פראגע וועגן עקאנאמישער אומאפהענגיקייט, און די דאזיקע פראגע וועט אויף ווייטער האבן די אויבערהאנט אין דער געשיכטע.

זיין בראשור, געווענדעט צו די מאציניסטן, זאגט אן דעם סוף פון דער ריין-פאליטישער קאנספיראציע פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג און דעם אנהויב פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע, ווי אויך דעם סוף פון דעם סענטימענטאלן סאציאליסטישן קריסטנטום און דעם אנהויב פון דעם אטעאיסטישן קאמוניסטישן רעאליזם אין דער געשיכטע. זיין בריוו צו הערצענען וועגן דעם אינטערנאציאנאל און באזונדערס רעאליזם האט דעם זעלבן זין פאר רוסלאנד.

„די בערנער בערן" — זיינען דאס אפשיד-ווארט דעם בורזשואזן דעמאקראטיזם, און „בריוו צו א פראנצויז", וואס ער האט געשריבן אין דער צייט פון דער מלחמה פון 1870-1871, איז דער „אל מלא" דעם גאמבעטישן ראדיקאליזם און דער אנזאג פון דער דאזיקער נייער ערא, וואס עס האט מיט זיך איינגיכן געעפנט די פאריזער קאמונע, וואס האט אפגעווארפן דעם געדאנק פון לואי בלאנס בירגערלעכן סאציאליזם און אנגעזאגט די נייע אידייע פון דעם שטאטישן, קאמונאלן קאמוניזם. די קאמונע, וואס הויבט זיך אויף אין דער פארטיידיקונג פון איר טעריטאריע און וואס הויבט אן ביי זיך די סאציאלע רעוואלוציע — אט וואס ער האט רעקאמענדירט אין די דאזיקע „בריוו" קעגן דער דייטשער אינוואזיע.

די „קנוט-גערמאנישע אימפעריע" — די בראשור, וואס די דייטשע סאציאל-דעמאקראטן האבן אזוי פיינט — איז א נבואה-אויסגעשריי פון אן אלטן רעוואלוציאנער, וועלכער האט פארשטאנען שוין דעמאלט (1871) דעם גאנצן גרויל פון דער רעאקציע, וואס וועט ארומכאפן איראפע אויף גאנצע 30-40 יאר

אדאנק דעם זיג פון ביסמארקס מיליטערישער מלוכה און צוזאמען מיט איר אויך פון דעם מלוכהשן סאָציאַליזם, וועמעס טויף־פאָטער אין דייטשלאַנד איז געווען דער זעלבער ביסמארק. זי (די בראָשור) האָט גלייכצייטיק באַדייטעט א שאַרפע ווענדונג אין דער זייט פון דעם שטאַטלאָזן קאָמוניזם — פון דער אנאַרכיע — אין די לאַטייניש לענדער.

ענדלעך, געפינט דער נאָכדענקענדיקער לייענער אין „שטאַטלעכקייט און אנאַרכיזם", „די געשיכטלעכע אנטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל" און „גאָט און דער שטאַט" — ניט קוקנדיק אויף זייער קעמפערישער, פאַמפלעטן־פאָרם, וואָס זיי האָבן באַקומען, ווייל זיי זיינען געשריבן געוואָרן צוליב אקטועלע פראַגן — מער פאָליטישן געדאַנק און א בעסערן פארשטייען די געשיכטע, ווי אין דער מאַסע טראַקטאַטן, אוניווערזיטעטישע און סאָציאַל־שטאַטלעכע, אין וועלכע דאָס פעלן פון געדאַנק ווערט פאַרדעקט מט א נעבלהאַפטער, אומקלאָרער, און דערום ניט־דורכגעטראַכטער דיאַלעקטיק. אין זיי איז ניטאָ קיין פאַרטיקע רעצעפּטן. די מענטשן, וועלכע דערוואַרטן אז דער בוך זאָל לייזן אלע זייערע ספקות, וועלן אָן דער ארבעט פון דעם אייגענעם מוח דאָס ביי באַקונינען ניט געפינען. נאָר אויב איר זענט פעאיק צו דענקען זעלבסטשטענדיק, אויב איר זענט פעאיק ניט נאָכצוגיין בלינד דעם מחבר, נאָר קוקן אויפן בוך ווי אויף מ א ־ ט ע ר י א ל צ ו ם ד ע נ ק ע ן — ווי אויף א קלוגן שמועס, וואָס רופט ביי אייך ארויס גייסטיקע ארבעט — דעמאָלט וועלן באַקונינס הייסע, ערטערווייז אָרדענונגסלאָזע, און ערטערווייז גלענצנדע פּאַראַלגעמיינערונגען העלפן צו אייער רעוואָלוציאָנערער אנטוויקלונג א סך מער, ווי אלע אויבנדערמאָנטע טראַקטאַטן, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן מיטן ציל צו מאַכן אייך גלויבן, אז איר טויגט נאָר צו געהאָרכזאַמקייט און דאַרפט בלינד נאָכגיין דעם מחבר — אין אייער געדאַנק, און דעם פירער — אין אייער טעטיקייט.

אייגנטלעך, איז באַקונינס כוח געלעגן ניט אין זיין שרייבן, נאָר אין זיין פּערזענלעכער ווירקונג אויף מענטשן. ער האָט געמאַכט פון בעלינסקין דאָס, וואָס ער איז געוואָרן פאַר רוסלאַנד: א טיפּ פון א אומאָונטערקויפבאַרן רעוואָלוציאָנער, א סאָציאַליסט און ניהיליסט, וועלכער האָט זיך שפּעטער פאַרקערפּערט אין אונזער וואונדערבאַרער יוגנט פון די 70ער יאָרן. ער האָט אים אויפגעצויגן. „דו ביסט מיין גייסטיקער פאָטער", האָט בעלינסקי גופא אים געשריבן. און וואָסאַרא ריזיקער כוח בעלינסקי גופא איז געווען פאַר דער רוסישער אנטוויקלונג — ווייסן מיר.

זיין איינפלוס אויף די בעסערע מענטשן פון זיין צייט איז געווען גרויס. בערנארד שאָו דערציילט אין א האַלבשפּאַסיקן טאָן אז אין (The perfect wragnerite) זיין „זיגפריד" וואָס ווייסט ניט פון מורא און רייסט מיט זיך מיט זיין ליבע ברונהילא, האָט וואַגנער פאַרקערפּערט באַקונינען. ער האָט, פאַרשטענדלעך, נישט פאַרקערפּערט באַקונינען גופא, נאָר דעם דרייסטן, געוואַגטן רעוואָלוציאָנער

בכלל. נאָר ס'איז קיין שום ספק ניט, אז אויף וואגנערן, ווי אויף זשאָרזש זאנדן און אויף הערצענען מיט אגאריעוון און אויפן גאנצן קרייז פון דער סאָציאַליס־טישער פראנקרייך וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין פּאריז, און אויף דער יונגער איטאַליע, און אויף דער יונגער שוועדן, האָט באקונין איז זיין צייט געהאט א גרויסן איינפלוס. — „צו אים האָט מען זיך ניט געקאָנט דערנענטערן, זיך ניט אָנשטעקנדיק מיט זיין רעוואָלוציאָנערן פיבער", האָבן וועגן אים געזאָגט זיינע צייטמענטשן. אזעלכער איז ער אויך געווען דעמאָלט, ווען ער איז אין 1862 אנטלאָפן פון סיביר און זיך ווידער באוויזן צווישן זיינע פריינט אין אייראָפּע. הערצן, ווי ס'איז באוואוסט, האָט באשריבן זיין דערשיינען אין לאָנדאָן און אביסל אונטערגעלאכט פון דעם, ווי אזוי באקונין פלעגט פּראָפּאגאנדירן אלער־ליי סלאוויאנער. ס'איז גאנץ מעגלעך, און דאָס איז זיכער אזוי געווען, אז בא־קונען האָט אָפט געלייגט האָפענונגען אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים דערנענטערט, מער ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט. — נאָר צי קאָן מען דען נישט זאָגן דאָס זעלבע וועגן מאציניז, וועגן יעדן אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער? דער־פאר, אפשר, האָט ער פארמאָגט, אָט די מאגישע קראפט, ווייל ער האָט גע־גלויבט אין דעם מענטשן, געגלויבט אין דעם, אז די גרויסע זאך, צו וועלכער ער האָט אים באהעפט, וועט דערוועקן באם מענטשן דאָס בעסטע, וואָס איז אין אים פאראן. און ס'האָט טאקע דערוועקט, און אונטער באקונינס ווירקונג האָט דער מענטש אין א קורצער צייט אוועקגעגעבן דער רעוואָלוציע דאָס בעסטע, אויף וואָס ער איז געווען פעאיק.

הערצן דערציילט אין א שפּאסיקן טאָן, ווי אזוי ער פלעגט פּראָפּאגאנדירן און שיקן מענטשן אויף ארבעט. נאָר — איז טאקע אמת, אז ער פלעגט ווירקלעך זיך אזוי טועה זיין אין מענטשן?... צי זיינען דען די מענטשן, וועלכע ער האָט באגייסטערט אין איטאַליע, אין שווייצאריע, אין פראנקרייך, — צי זיינען דען וואַרלען, עליזע רעקליו, קאַפּיעראָ, מאַלאטעסטא, פאנעלי (זיין שליח אין שפּאַ־ניע) גיליאָם, שוויצגעבל א.א.וו. ניט געווען די ב ע ס ט ע מ ע נ ט ש ן פ ו ן ד י ל א ט י י נ י ש ע פ ע ל ק ע ר, א י ן אָ ט ־ ד ע ר ג ר ו י ־ ס ע ר ע פּ אָ כ ע ? מיר דאכט זיך, פארקערט, אז זיין אָפּשעצן מענטשן איז געווען מערקווירדיק ריכטיק. לייענט איבער, למשל, דאָס, וואָס ער האָט געשריבן וועגן ניעטשייעוון, וועמעס שטאַרקע און שוואכע זייטן ער האָט אזוי מערק־ווירדיק קלאָר באצייכנט, אז אונז בלייבט גאָר ניט צוצוגעבן צו זיין אָפּשאצונג. און ווער האָט בעסער פון אים פארשטאַנען ניקאָליי אוטינען — דעם דאָזיקן זשענעווער געץ פון די מארקסיסטן?

— נאָך א זאך. מערקווירדיקער און באַלערנדיקער פאר אונז איז — דער הויכער מאָראַלער ניוואָ פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום באקונינען אין מערב־אייראָפּע. איך האָב באקונינען ניט געקאָנט, אָבער איך האָב געקאָנט א גרויסע טייל מענטשן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום

אים אינעם אינטערנאציאָנאַל, און דערפאַר זיינען זיי אזוי אומרחמנותדיק פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער שנאה פון מארקסן, ענגעלסן און ליבקנעכטן. איך זאָג דרייסט, אין פנים פון זייערע שונאים, אז יעדער איינער פון די אויבנדערמאָנטע טוער פון דעם פעדעראַטיוון אינטערנאציאָנאַל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א גרויסע מאָראַלישע פערזענלעכקייט. די געשיכטע, ווייס איך, וועט באשטעטיקן די דאָזיקע כאראקטעריסטיק און וועט, פארשטענדלעך, דערביי ארויסזאָגן איר באדויערונג, וואָס זייערע קעגנער — לפחות די הויפט־פירער — האָבן, אפשר, פארמאָגט שכל, אָבער זייערע מאָראַלע מעלות האָבן ניט דערגרייכט צו אזא הויך און פעסטקייט ווי ביי באקונינס פריינט, וועלכע איך האָב דערמאָנט.

ענדלעך, וואָס איז שייך באקונינס טעטיקייט אינעם אינטערנאציאָנאַל, האָב איך שוין כאראקטעריזירט די ראָל פון די „באקוניסטן" אין מיינע „זכרונות פון דער יורא׳ר פעדעראציע".

אין דער צייט, ווען די אינוואזיע אין פראנקרייך, די שחיטה איבער די פאַריזער פראָלעטאריער נאָך דער קאָמונע און דער מיליטערישער נצחון פון דער דייטשער אימפעריע — האָבן געעפנט דעם פעריאָד פון רעאקציע, וואָס האַלט אָן ביז איצט, און ווען מארקס מיט זיינע פריינט האָבן, מיט דער הילף פון אונטערערדישע אינטריגעס, געוואָלט פארוואנדלען די גאנצע טעטיקייט פון דעם ארבעטער־אינטערנאציאָנאַל, וואָס איז באשאפן געוואָרן צום דירעקטן קאמף מיטן קאַפּיטאַל אין א אינסטרומענט פון פארלאַמענטארישער אגיטאַציע לטובת די פארבורזשואזירטע סאָציאַליסטן — „געוועזענע מענטשן", דאמאָלט איז דער פעדעראַטיווער אינטערנאציאָנאַל, אינספּירירט פון באקונינען, ארויסגעטראָטן אלס די איינציקע פעסטונג פון יענער צייט, קעגן דער אלאייראָפּעאישער רעאקציע.

אים האָבן מיר אין א גרויסער מאָס צו פארדאנקען דאָס, וואָס אין די לאַטייניש לענדער איז פארבליבן לעבעדיק דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וואָס האָט געפונען אין די לאטייניש ארבעטער־מאסן דעם נייעם לעבנס־כוח, אויף צו באקעמפן דעם שארפן אָפּנויג פון דער אמאָל ראדיקאלער בורזשואזיע.

און צווישן אָט־דעם יונגן כוח, וואָס האָט אויף אייגענעם חשבון, אָן דער הילף פון די בורזשויען, דערקלערט א מלחמה דער גאנצער וועלט, — אָט אין דער מיט האָט זיך, ענדלעך, אנטוויקלט דער מאָדערנער אנארכיסטישער קאָמוניזם מיט זיין אידעאַל פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלייכהייט און מיט זיין דרייסטן קאמף קעגן דער עקספּלואטאציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן.

אָט־דאָס זיינען באקונינס פארדינסטן אין דער געשיכטע.

**פּיאָטר קראָפּאָטקין**

יוני 1905.

פיאָטר קראָפּאָטקין

# קראָפּאָטקינס אויפרוף צו פערערס טויט*)

חברים!

קיינמאָל נאָך האָט די היגריכטונג פון איינעם פון אונדזערע חברים נישט ארויסגערופן אַזאַ שטורעם פון אויפרעגונג, ווי דאָס האָט ארויסגערופן די הינ־ריכטונג פון אונדזער חבר פערער.

בעת די בורזשואַזיע האָט בלויז אונטערגעשטראָכן פערער בילדונגס־טעטיקייט, האָבן די אַרבעטער פון אַלע לענדער נישט געהאַלטן פאַר אַן עולה, אויב פערער האָט אין דעם טאָג פון אויפשטאַנד אין באַרצעלאָנע געפונען זיך אין די רייען פון פאָלק.

זיי האָבן געוואוסט, אַז די באַרצעלאָנער אַרבעטער זיינען אויפגעשטאַנען אַנטקעגן דער הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אָנגע־הויבן די מלחמה אין מאַראָקאָ אַנטקעגן די מיליטעריזם, וואָס האָבן געוואָלט די מלחמה צוליב רויב. אַנטקעגן די גלחים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו דערשטיקן יעדן פרייען געדאַנק אין שפּאַניע.

פאַר אָט דעם אויפשטאַנד האָבן די גלחים און מיליטעריזם באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַפעלקערונג פון באַרצעלאָנאַ. מער ווי אַליץ האָבן זיי זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט די אַנאַרכיסטן, מחמת צווישן די אַרבעטער פון קאַטאַלוניע זיינען, אין משך פון די לעצטע 40 יאָר, אונדזערע ברידער אַנאַרכיסטן געווען די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי.

פערערן האָבן זיי מער ווי אַליץ פיינט געהאַט פאַר זיין גייסטיקער ווירקונג, און זיי האָבן געמיינט, אַז אויב ס'וועט זיך זיי איינגעבן אים הינצוריכטן, וועט זיי דעמאָלט

---

*) דער דאָזיקער אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום ערשטן מאָל, צען יאָר נאָך קראָפּאָטקינס טויט, אינעם זאַמלבוך „קראָפּאָטקין אין זיין לעבע", וואָס איז דערשינען אין שיקאַגאָ אין יאָר 1931.

לייכט זיין צו הינריכטן 200-300 ארבעטער פון די 2000, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן נאָכן אויפשטאַנד.

אָבער פערערס הינריכטונג האָט אויפגערעגט די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט און אַפילו אַ באַדייטנדיקע טייל פון דער אינטעליגענץ. זיי האָבן פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק די קאַטוילישע פאַרטיי דאַרף זיין, אויב זי האָט זיך נישט געקוויינקלט צו דערמאָרדן פערערן.

חברים!

אין יאָר 1886, זיינען אונדזערע ברידער אַנאַרכיסטן אומגעקומען אויף די פאַרפאָסטן, ווי די ערשטע קרבנות פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק.

איצט איז אומגעקומען פערער, אויך אויף די פאַרפאָסטן, ביים פאַרטיידיקן דעם פרייען געדאַנק, די פרייע קריטיק פון דער מלוכה.

דעם מלוכישן אַבערגלויבן און דעם רעליגיעזן אַבערגלויבן — אַט וואָס פערער האָט געהאַלטן אין איין צעשטערן.

נישט בלויז ביי די דערוואַקסענע, נאָר אָנגעהויבן פון קינדערשער עלטער.

ביי די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן איז פון סאַמע אָנהויב גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַל, אַ טייל כוחות תמיד געווען אָפּגעגעבן דער פרייער שול. אַזעלכע שולן האָבן אונדזערע ברידער געגרינדעט אין פאַרשידענע שטעט אין קאַטאַלוניע.

און ווען אין אונדזערע רייען איז אַריינגעפאַלן אַ סטודענט אָדער אַ געבילדעטע פרוי, פלעגט מען אים אָדער איר איינאָרדענען אַ שול — אַ שול, וואָס איז געווען אַזוי ערנסט ווי די בעסטע שולן, אָבער אָן דעם געצנדינסט צו דער רעליגיע און צו דער מלוכה.

נאָכן אויפשטאַנד אין אַלקאָע, האָט זיך מיין פריינט אַלבאַראַסין אומגעקערט נישט לעגאַלערהייט קיין שפּאַניע און געלערנט אין אַזאַ שול אונזערער. אַזעלכע שולן האָבן מיר פאַרמאָגט ביז פופציק.

פערער האָט פאַראייניקט אַט די אַלע שולן, און ער האָט אַרויסגעגעבן פאַר זיי 40 אויסגעצייכנטע לייען־ביכער, איינפאַכע און פאַרשטענדלעכע פאַר אַלעמען.

עטלעכע פון אָט די ביכער מוז מען אומבאַדינגט איבערזעצן. זיי זיינען אויסגעצייכנט.

אין אונדזער אַנאַרכיסטישער פאַמיליע איז פאַראַן אַרבעט פאַר אַלעמען.

ס'איז פאראן ארבעט פאר די קאמפס-כוחות, און ס'איז פאראן ארבעט, א גרויסע ארבעט, פאר די געבילדעטע.

קען זיין, אז אונדזער יוגנט האט אמאל טאקע פארגעווארפן פערערן אט די פרידלעכע ארבעט.

און אט איז דער פרידלעכער פערער געפאלן ווי איינער פון די ערשטע קרבנות פון בארצעלאנער אויפשטאנד.

די שונאים האבן פארשטאנען, ווי געפערלעך ער איז געווען פאר זיי.

און געשטארבן איז ער ערלעך, שטאלץ, מוטיק פארטיידיקנדיק זיינע איבערצייגונגען. ווי ער האט זיי נישט געוואלט באהאלטן אויך פריער, בעת מ'האט אים געוואלט היגריכטן פאר זיין פריינטשאפט מיט מאראלעסן.

לעבן פאר דער זאך,

שטארבן פאר איר —

מער ווי דאס קען קיינער פון אונדז נישט געבן.

דער אנדענק וועגן פערערן וועט לעבן צווישן אונדז.

זאל יעדערער פון אונדז זיין אויך אזא טיפער קעמפער אנטקעגן דעם אבערגלויבן און אנקעגן דער מלוכה.

און — זאל לעבן דער אנארכיזם!

# פון „כּליעב אי וואָליאַ"

מיר גיבן דאָ אייניקע שטעלן פון ארטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „ברויט און פרייהייט" („כּליעב אי וואָליא"), — אנארכאָ־קאָמוניסטישער אָרגאַן — וואָס קראָפּאָטקין מיט א גרופּע חברים האָבן ארויסגעגעבן אין שווייצאריע. די ארטיקלען זיינען ניט אונטערגעשריבן, ווייל אלע אנטיילנעמער זיינען געווען דורכאוים סאָלידאריש מיטן אינהאלט.

פון דער פּראָגראם פון דעם לייטארטיקל אין דעם נומער איינס, אויגוסט 1903

ברויט און פרייהייט! ניט נאָר ברויט, נאָר אויך פרייהייט; ניט נאָר פרייהייט, נאָר אויך ברויט. מיר וויסן, נאַטירלעך, אז ניט נאָר מיט ברויט אליין לעבט דער מענטש, און דאָס וואָרט ברויט דארף פארשטאַנען ווערן אינעם ברייטסטן זין. די בעוולטע—ברויט, די אונטערדריקטע—פרייהייט! אָט דאָס איז אין זיין גאנצער איינפאכקייט דער אינהאלט פון דער גאנצער סאָציאַלער פּראָבלעם; דערפאר טאקע האָבן מיר אוועקגעשטעלט אויף אונזער פאָן די דאָזיקע צוויי ווערטער, וואָס רעזומירן קלאָר די פאָדערונגען פון די ארבעטער־מאסן. דער קאמף פאר ברויט, איז דער קאמף פאר פרייהייט! אָט דאָס איז געווען און איז די מינימום־פּראָגראם פון דעם ארבעטער פון זינט ער האָט אָנגעהויבן דערקענען זיינע שונאים: דאָס אייגנטום און דער שטאַט.

אייגנטלעך, ווערט דער קאמף פאר פרייהייט געפירט פון זינט אויף דער היסטאָרישער בינע איז דערשינען דאָס פּריוואַט־אייגנטום אלס פאקטאָר פון אונטערדריקונג. דער שטאַט איז ניט אנדערש, ווי די סאנקציע, דער אויסערלעכער לבוש פון דער ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס האָט אלס פונדאמענט דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וואָס נעמט זיך פון אוועקרויבן און אויף גוואַלד פאראייגענען דאָס, וואָס האָט פריער באַלאַנגט צו אלעמען. שטודירנדיק די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, ווערט ביי אונז נאָך פעסטער די דאָזיקע איבערצייגונג, ווייל מיר זעען, אז יעדער באפרייאונגס־באוועגונג פון די אונטערדריקטע,

האָט שטענדיק געהאַט צוויי צילן: די עקאָנאָמישע פרייהייט און די פרייהייט פון דער פּערזאָן.

...מיר ווילן העלפן שאַפן אַזאַ אָרדענונג, וואו אַלע וועלן פּראָדוצירן צום נוצן פון אַלעמען. אין דער הינזיכט זיינען מיר קאָמוניסטן, און דעם דאָזיקן פּונקט פון אונזער אידעאַל באַצייכענען מיר מיטן וואָרט ברויט.

אָבער וואָס איז ברויט אין קנעכטשאַפט? ניט ווייניקער פון ברויט דאַרף דער מענטש האָבן די פרייהייט. דערפאַר טאַקע האָבן די קעמפער, וואָס האָבן פאַר אונז געקעמפט פאַר דער פאָלקס-זאַך, קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פרייהייט. אויפריכטיק, ווען דער מענטש נאָר דעמאָלט זיין גליקלעך, ווען ס'וועלן באַפרידיקט ווערן אַלע זיינע באַדערפעניש, סיי פיזישע, סיי מאָראַלישע און גייסטיקע. ווען, חוץ דעם, וואָס ער וועט זיין זאַט, וועט ער אויך האָבן די מעגלעכקייט ארויסצוברענגען די גאַנצע ענערגיע, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט, לאָזן אין גאַנג יעדער איניציאַטיווע, וואָס ווערט ביי אים געבוירן. און דאָס לעצטע איז נאָר מעגלעך דעמאָלט, ווען די פּערזענלעכקייט וועט זיך באַפרייען פון דעם מלוכהשן יאָך, וואָס דריקט אים. מיר ווייסן פון דער געשיכטע, אַז דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז אַ דאַנק דער שטרעבונג פון דעם מענטשן זיך צו באַפרייען פון יעדן דרוק, און צו ארויסווייזן די פּערזענלעכע איניציאַטיווע. פון דער צווייטער זייט, זעען מיר פון דער זעלבער געשיכטע, אַז די מלוכה איז שטענדיק געווען דער טאָרמאָז סיי פאַר דעם ערשטן, סיי פאַר דעם צווייטן. מיר מוזן זיך, אַלזאָ, באַפרייען פון דער אָרגאַניזירטער גוואַלד, וואָס מען רופט — שטאַט.

קורץ געזאָגט, אונזערע שטרעבונגען טראָגן אַ צווייענדיקן כאַראַקטער: מיר שטרעבן צו אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, און צו איבערגעבן אַלעס, וואָס איז נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע, (די ערד, די מאַשינען און דאָס גאַנצע עשירות, וואָס די מענטשהייט האָט אָנגעזאַמלט), אין די הענט פון דעם פאָלק זעלבסט; אין דעם זיינען מיר אייניק מיט די סאָציאַליסטן. נאָר אין דער זעלבער צייט שטרעבן מיר אָפּצושאַפן דעם שטאַט, און אין דעם צוגייען מיר זיך מיט זיי...

דאָס אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט אייגנטום וועט אונז פאַרזיכערן דעם עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד, און דאָס אָפּשאַפן דעם שטאַט — די פרייהייט פון דער פּערזאָן. אָט פאַרוואָס מיר זאָגן: ברויט און פרייהייט".

:: :: ::

פון דעם אַרטיקל: די אַגראַר-פראַגע און די שטאַטלעכע סאָציאַליסטן (נומער דריי, אָקטאָבער 1903).

מיט וואָסאַרא קלינגענדיקע נעמען ס'זאָלן זיך ניט אָנרופן די פּאַרטיידיקער פון דער שטאַטס-מאַכט, וועלן זיי שטענדיק פאַרבלייבן קאָנסערוואַטאָרס אין

דער טיפעניש פון זייער נשמה. דער, וועלכער וויל, אָדער געפינט פאַר נויטיק צו אויפהאַלטן דעם „שטאַט" נאָך דער פאָלקס־רעוואָלוציע, קאָן ניט זיין קיין רע־וואָלוציאָנער, און אוודאי ניט קיין סאָציאַליסט. דער מיטאַרבעטער פונעם שטאַט, דאָס הייסט פון אַן „אַפּטרופּסות איבערן פאָלק", פון „געזעצלעכקייט און אָר־דענונג", אויב ער איז אַפילו אַמאָל אַ רעוואָלוציאָנער, איז דאָס נאָר צופעליק, און שטענדיק — צייטווייליק. ער איז נאָר קעגן דער עקזיסטירנדיקער פאָרם פון מאַכט, וועלכע ער שטרעבט צו ענדערן אויף זיין מאָדעל. ווען אָבער די ענ־דערונג איז געוואָרן אַ רעאַלער פאַקט, ווערט דער נעכטיקער רעוואָלוציאָנער, אומפאַרמיידלעך, אַ קאָנסערוואַטאָר. אַ סאָציאַליסט קאָן נאָר זיין אַ שטאַטלאָזער סאָציאַליסט, ד. ה. — אַן אַנאַרכיסט.

די פראַגע פון דעם אופן פון זיך באַנוצן מיט דער ערד נאָך דער אַרבעטער־פאָלקס רעוואָלוציע לייזט זיך פאַר אונז, אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן, פּונקט אַזוי איינפאַך און קורץ, ווי די ערשטע פראַגע. די באַפרייטע געמיינדעס וועלן אַליין לייזן די דאָזיקע פראַגע. אָפּוואַרפנדיק דעם שטאַט, וואַרפן מיר שוין דערמיט גופא אָפּ דאָס דורכפירן אין לעבן אונזער אידעאַל, די אַנאַרכיסטישע קאָמונע, מיט גוואַלד. און די באַפרייטע געמיינדעס וועט פאַר אונז, גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון די דאָזיקע געמיינדעס, בלייבן דער פּערזענלעכער בייִשפּיל, די מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע*).

## אַנאַרכיזם איז ניט אינדיווידואַליזם

אַנאַרכיזם איז ניט אינדיווידואַליזם. דער אַנאַרכיזם אַנערקענט פאַר יעדן די גלייכבאַרעכטיקונג אויף דער עקזיסטענץ און זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון וועלכן ס'ניט איז עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אָנגריף. דער אַנאַרכיסט זאָגט ניט:

*) פארשטענדלעך, אז דערפאר, וואס מירווארפן אפ דאס באנוצן זיך מיט דער ארגאַניזירטער, שטאטלעכער גוואלד, אויף צו פארווירקלעכן אין לעבן אונזער אידעאל, וועט קיין שום דענקנדיקער מענטש אונז ניט צענויפמישן מיט די טאלסטאיאנער. נאר וואס, וואס געשעט ניט אין אונזער צייטן אפטמאל פארשטעלן זיך קלוגע מענטשן אלס גארניט פארשטייענדיקע אידיאטן, כדי פארדרייען דעם נישט־באַקוועמען געדאַנק פון דעם קעגנער. דעריבער, אויף יעדן פאל, חזרן מיר איבער: אין דעם דעס־טרוקטיוון טייל פון אונזער אַרבעט, זיינען מיר פאַר אַנווענדן גוואַלד. מיר זיינען ניט נאר פאר א באוואפנטן אויפשטאנד. נאר אויך פאר באוואפנטע דעמאנסטראציעס, מאסן־טעראר און באוואפנטן ווידערשטאנד. אבער אין דעם קאנ־סטרוקטיוון טייל פון אונזער ארבעט, זיינען מיר קעגן גוואלד, איבערהויפט זיינען מיר קעגן דער ארגאניזירטער גוואלד. ווען גוואלד איז אומפארמיידלעך איז אונז שטענדיק ליבער דער אופן פון נים־ארגאניזירטער גוואלד. למשל אויפן אַרט פון דעם געריכט, קלייבן מיר אויס דאס זעלבסטגעריכט!

איך בין העכער פון אלע,—ער זאגט: כ'בין גלייך מיט אלע, אבער איך ווארף זיך ניט אונטער ניט דעם יחיד און ניט דעם כלל — איך בין דער באלעבאס איבער מיינע טאטן. אנארכיזם איז ניט די פארלייקענונג פון דער געזעלשאפט, ער לייקנט ניט אפ די ארגאניזאציע, די סאלידאריטעט; ער רופט צו פרייוויליקער סאלידאריטעט און האלט, אז די באפרייאונג פון דער געזעלשאפט איז מעגלעך נאר ווען דער יחיד איז באפרייט. דורך דער ארגאניזאציע פון פרייע יחידים, וואס לייגן פרייוויליק אריין זייער ארבעט אין דער געזעלשאפטלעכער זאך, — וואס איז אויך א פערזענלעכע — קאן די מענטשהייט ארויסווייזן די גרעסטע מאס ענערגיע און דערגרייכן די גרעסטע רעזולטאטן אינעם צופאסן די נאטור פאר אירע צילן".

(נומער 3, אקטאבער 1903).

# קראָפּאָטקינס ביאָגראַפיע

## (גענומען פון נ. ק. לעבעדעווס בראָשור וועגן דעם קראָפּאָטקין-מוזיי)

פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקין איז געבוירן געוואָרן דעם 9טן דעצעמבער פון 1842 אין זיין פאָטערס פּריצישן הויז אין מאָסקווע.

לויט זיין יחוס-בריוו שטאַמט קראָפּאָטקין אָפּ פון דעם ערשטן רוסישן פירשט (קניאַז) רוריק און פון זיין אוראייניקל וולאַדימיר דער הייליקער. אין דעם קראָפּאָטקין-מוזיי אין מאָסקווע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פּיאָטר א. קראָפּאָטקינס טויט, איז פאַראַן אַ פּאַרמעט, וואָס דער סענאַט האָט אַרויסגעגעבן זיין זיידן, וואָס באַשטעטיקט, אַז וולאַדימיר דעם הייליקנס אוראייניקל, וולאַדימיר מאָנאָמאַך האָט געהאַט אַ זון, מסטיסלאַוו כראַברי (דער העלדישער), וועמעס אייניקלעך זיינען געווען סמאָליענסקער גרויספירשטן. ווען מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס סמאָליענסקער גרויספירשטנטום, האָבן די סמאָליענסקער פירשטן זיך אָנגעהויבן רופן קראָפּאָטקין, לויטן ביינאָמען פון דעם לעצטן סמאָליענסקער פירשט, דמיטרי וואַסיליעוויטש (געשטאָרבן אין 1470), וועלכער האָט פאַר זיין שטענדיקער באַלעבאַטישער בייזקייט געקראָגן דאָס צונעמעניש „קראָפּאָטקאַ" (דער בייזער).

פון דער מוטערס זייט איז פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש געווען אַן אוקראַאינער. זיין זיידע פון דער מוטערס צד, גענעראַל ניקאָליי סולימאַ, האָט געשטאַמט פון די זאַפּאָראָזשיער קאַזאַקן, און איינער פון זיי, איוואַן סולימאַ, זאַפּאַראָזשיער העטמאַן (הויפּטמאַן), האָט אין 1635 געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַאינע, און די פּאָליאַקן האָבן אים גענומען געפאַנגען אין אַ שלאַכט, און אים געפירטלט אין וואַרשע.

אַזוי אַרום האָט פּיאָטר קראָפּאָטקין אין זיך פאַראייניקט צוויי הויפּטצווייגן פון דעם סלאַוויאַנער שבט.

פּיאָטר אַלעקסעיעוויטשעס פאָטער איז געווען אַ טיפּישער מיליטאַריסט פון

דער „ניקאָלייעווער עפּאָכע״. דערדינענדיק זיך צום ראנג פון גענעראל־מאַיאָר האָט ער דימיסיאָנירט און איבערגעגאַנגען צו געוויינלעכן לעבן פון א דאמאָלס־דיקן אדעליקן גוטבאזיצער; געשפּילט אין קאָרטן, געגעבן באַנקעטן און בעלער, און צייטנווייז באזוכט זיינע גיטער, וואו ס׳האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט די „בורמיסטערס״ (בירגערמייסטערס) און סטאַראָסטעס.

פּ. קראָפּאָטקינס מוטער, וועלכע איז געשטאָרבן צו די 35 יאָר פון טובער־קולאָז, איז אפּנים געווען נישט קיין געוויינלעכע פרוי פאַר איר צייט. זי האָט ליב געהאַט מוזיק, פּאָעזיע, און געקאָנט גוט צייכענען. נאָך איר טויט האָט מען צווישן אירע פּאַפּירן געפונען ריליייוועם און פושקינס פאַרבאָטענע פערזן.

פּ. א. האָט, וואַרשיינלעך, פון זיין מוטער גערירשנט די ליבשאַפט צו מוזיק, ליטעראַטור און קונסט. ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן, איז ער אינגאַנצן אַלט געווען פיר יאָר. „נאָר איר געדעכעניש — זאָגט פּ. א. — האָט אָנגעהאַלטן און געוואַרעמט אַלע אונדזערע קינדערשע יאָרן... מיין מוטער האָב איך צו פאַר־דאַנקען אַלע בעסערע פונקען, וואָס האָבן אריינגעדרונגען אין מיין קינדעריש האַרץ״...

פּ. א. איז געווען דאָס פערטע קינד ביי זיינע עלטערן. עלטער פון אים זיינען געווען זיין שוועסטער עלענא און זיינע ברידער ניקאָליי און אַלעקסאַנדער. פּיאָטר איז געווען באַזונדערס שטאַרק באַפריינדעט מיט אַלעקסאַנדערן, וועלכער האָט געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף זיין אַנטוויקלונג.

די סאָציאַלע סביבה איז דאַמאָלט געווען גאָרנישט קיין גינסטיקע. פּ. קראָ־פּאָטקין איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין דער פינצטערער עפּאָכע פון דער „ניקאָלייעווסקער רעאַקציע״ און „לייב־אייגנטום״. די שווערע האַנט פון ניקאָליי דעם ערשטן, וועלכער איז געווען אָנגעשראָקן פון דעם דעצעמבעריסטן־אויפ־שטאַנד, האָט שווער געדריקט דאָס גאַנצע לאַנד. די פּויערים־מאַסן זיינען געווען דאָס אַבסאָלוטע אייגנטום פון די פּריצים. דער פּריץ האָט געמעגט פאַרקויפן זיינע פּויערים־שקלאַפן, ווי פּשוטע חפצים. אין לאַנד האָט געהערשט דער דעס־פּאָטיזם און מיטוויליקייט פון אויבן ביז אַראָפּ.

דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן פונעם לאַנד איז געווען — די געצוואונגענע אַרבעט פון פאַרשקלאַפטע פּויערים. דאָס איז געווען דער פונדאַמענט, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אַדע־ליקן־קלאַס.

אָט די סביבה פון צוואַנג, שקלאַפעריי און אונטערדריקונג האָט שווער גע־ווירקט אויף דער נשמה פון אַזא עמפּינדלעך קינד, ווי פּ. א. איז געווען. און ווי־נאָר ס׳הויבט זיך אין אים אָן דערוועקן דאָס באַוואוסטזיין, אַזוי, באַווייזן זיך די ערשטע שפּראָצונגען פון פּראָטעסט קעגן דער ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אים אַרום.

איינע פון אַזעלכע פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציעס איז געווען די דראַמאַטי־

שע סצענע, ווען מען האָט געשמיסן דעם דינער מאַקאַר, וועלכע פּ. קראָפּאָטקין האָט אַזוי קינסטלעריש באַשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער״.

נאָך אַלס קינד האָט פּ. א. קראָפּאָטקין ארויסגעוויזן ליטעראַרישע נייגונ־גען. זיין לערער פון דער רוסישער שפּראַך, דער סטודענט סמירנאָוו, פּלאַנצט איין ביי זיין תלמיד די ליבשאַפט צו דער רוסישער ליטעראַטור, און שוין צו די ביין, אָדער צען יאָר מאַכט קראָפּאָטקין זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוואוון און גיט ארויס געשריבענע זשורנאַלן מיט זיינע סקיצן און דערציילונגען.

אונטער דער ווירקונג פון זיין באַליבטן פּאָעט ניעקראַסאָוו וואַקסט ביי קראָפּאָטקינען נאָך מער די ליבשאַפט צו די באַעוולטע און אונטערדריקטע. שפּע־טער האָבן הערצנס פייערדיקע אַרטיקלען, און טשערנישעווסקיס און דאָבראָליו־באָווס פּובליציסטישע אַרטיקלען געהאָלפן אויספורמען ביי אים דאָס געפיל פון פּראָטעסט, און די דערציילונגען וועגן די דעצעמבריסטן צינדן אָן דאָס ערשטע רעוואָלוציאָנערע פייער אין זיין האַרצן. אין דער זעלבער צייט האָבן געטאָס, שילערס און וואָלטערס גרויסע ווערק געהאָלפן קראָפּאָטקינען צו לייגן דעם פונ־דאַמענט פון זיין אַלגעמיין־פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג.

אין דער צייט, ווען אונטער דער ווירקונג פון דעם לעבן און פון דער ליטע־ראַטור, זיינען אין קראָפּאָטקינס נשמה געוואַקסן און רייף געוואָרן די שפּראָצ־לינגען פון פּראָטעסט און רעוואָלוציאָנערישקייט, האָבן די אומשטענדן אים גע־שטויסן אין אַן אַנדער ריכטונג. אין 1851 ווערט ער, אויפן פּערזענלעכן באַפעל פון ניקאָליי דעם ערשטן, פאַרשריבן אַלס קאַנדידאַט אין פּאַזשן־קאָרפּוס.

אין פּאַזשן־קאָרפּוס איז קראָפּאָטקין, א דאַנק זיינע גרויסע גייסטיקע פּע־איקייטן, געוואָרן דער ערשטער תלמיד, און אַלס ערשטער תלמיד, איז ער אין יאַנואַר פון 1861 באַשטימט געוואָרן אַלס קאַמערפּאַזש פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

פאַר קראָפּאָטקינען האָט זיך געעפנט א ברייטער וועג צו א הויף־קאַריערע. נאָר דאָס גלענצנדע הויף־לעבן האָט נישט געלאָקט דעם יונגן פּאַזש. אין זיין נשמה האָט אַלץ מער און מער געצייטיקט דער פּראָטעסט קעגן דעם יאָך און אומגערעכטיקייט פון דער איצטיקער אָרדענונג.

דאָס אומקלאָרע געפיל פורעמט זיך ביסלעכווייז אויס אין א באַשטימטן געפיל, און שפּעטער האָט קראָפּאָטקין געזאָגט וועגן דעם דאָזיקן לעבנס-פּעריאָד:

„און אויב איך האָב אין דער שטוב פון דעם פויער זיך אויסגעלערנט ליב צו האָבן און באַדויערן דאָס פאָלק, — האָב איך אין דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ זיך געלערנט פיינט צו האָבן די מאַכט״...*)

*) זע זיין אויטאָביאָגראַפיע „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער״.

דער פארלאנג צו פארלאָזן די פּריווילעגירטע וועלט פון דעם הערשנדיקן קלאַס צווינגט קראָפּאָטקינען נאָכן ענדיקן דעם פּאַזשן־קאָרפּוס (יוני 1862) צו בעטן מען זאָל אים באַשטימען אַלס אָפיציר אין דעם אַמורער קאַזאַקן־מיליטער אין מזרח־סיביר. דאָרט רעכנט ער צו נעמען אָן אַקטיוון אַנטייל אין די רעפאָר־מען. אין סיביר האָט פּ. א. קראָפּאָטקין פאַרבראַכט גאַנצע פינף יאָר (1867־1862). דאָרט, אין דער מיט פון דער בתולהדיקער ווילדער נאַטור, האָט דער יונגער אָפי־ציר א סך געריזט און געוואָרן א באַוואוסטער פאָרשער.

אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע קאַזאַקן, טיילווייז רייטנדיק און טייל־ווייז צופוס, אָדער אויף א שיפל, פאָרשט פּ. ק. אויס די ווילדענישן פון דער סיבירער טייגע, געפינט א דירעקטן וועג פון טשיטאַ קיין בלאַגאָוועשטשענסק דורך צפון מאַנדזשוריע, לייגט דורך א וועג פון די ליענאַר גאָלד־מינען דורך דער געדיכטער טייגע קיין טשיטאַ, און מאַכט א גאַנצע רייע אַנדערע אַנטדעקונגען.

קראָפּאָטקינס פאָרשונגען און אַנטדעקונגען האָבן גיך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. די רוסישע געאָגראַפישע געזעלשאַפט נעמט אים אַריין אַלס איר מיטגליד און באַאויפטראַגט אים צו אָר־גאַניזירן עטלעכע עקספּעדיציעס. פאַר קראָפּאָטקינען עפנט זיך די קאַריערע פון א וויסנשאַפטסמאַן, נאָר פילנדיק זיין נישט גענוגנדע טעאָרעטישע צוגרייטונג, טראַכט ער פון אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט. די גרויזאַמע אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד צווישן די פאַרשיקטע פּוילישע פּאַטריאָטן צווינגט פּ. קראָ־פּאָטקינען זיך אָפּצוזאָגן פון דער מיליטער־דינסט. זומער פון 1867 פאַרלאָזט ער סיביר און קערט זיך אום קיין פּעטערבורג.

קומענדיק קיין פּעטערבורג, איז פּ. ק. אַריינגעטראָטן אין דעם פיזיק־מאַ־טעמאַטישן פאַקולטעט פון דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט און אין דער זעל־בער צייט געפירט די אַרבעט אין דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. אָפּשעצנדיק קראָפּאָטקינס אַרבעט, האָט די געאָגראַפישע געזעלשאַפט אים באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פון דער אָפּטיילונג פון פיזישער געאָגראַפיע.

מען האָט אים באַאויפטראַגט אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פון דער ערשטער רוסישער עקספּעדיציע צום נאָרד־פּאָל. שטודירנדיק די אייז־פאָרמאַציעס האָט פּיאָטר קראָפּאָטקין באַגרינדעט די טעאָריע וועגן דעם אייז־פּעריאָד, און ער האָט צו דעם ציל באַזוכט פינלאַנד און שוועדן (אין האַרבסט פון 1871). אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט א אָפּהאַנדלונג, קריטיקירנדיק די טעאָריעס פון דעם באַרימטן געלערנטן א. הומבאָלד וועגן דער סטרוקטור פון אַזיע און גע־שאַפן זיין אייגענע טעאָריע וועגן דער אָראָגראַפיע פון מזרח־סיביר.

א דאַנק זיינע אַרבעטן הויבט קראָפּאָטקין אָן קריגן די רעפּוטאַציע פון א טאַלאַנטפולן געלערנטן און דער ראַט פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעל־שאַפט קלייבט אים אויס אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר.

אָבער אין קראָפּאָטקינס נשמה וויקלט זיך דאַמאָלט אויס א דראַמע: ער

הויבט אָן זען אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז זיך אָפּזאָגנדיק פון די פּריווילעגיעס פון זיין קלאַס, אוועקגייענדיק פון דער „הויכער אריסטאָקראַטישער וועלט" און ווערנדיק אַ פּשוטער באַשיידענער געלערנטער, דערפילט ער נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן זיין „חוב" צום פאָלק.

און פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט נישט געקאָנט זיך איבערגעבן דער העכסטער פרייד פון וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש אין דער צייט, ווען מיליאָנען אַרבעטער פּינצטערן אָפּ אַ לעבן פול מיט נויט און דחקות. ער האָט געפילט אַז מען מוז העלפן די האָרעפּאַשניקעס זיך צו באַפרייען פון דעם דרוק פון דער זעלבסטהערשאַפט און איז אַלץ מער און מער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס פאָלק קאָן מען באַפרייען נאָר אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג, און נישט דורך בהדרגהדיקע רעפאָרמעס.

און נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָט פּ. קראָפּאָטקין באַשלאָסן אוועקצוואַרפן די קאַריערע פון אַ וויסנשאַפטסמאַן און אַריבערגיין אין די קעמפער-רייען. ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם פּאָסטן אַלס סעקרעטאַר פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד (פעברואַר 1872), כדי אוממיטלבאַר זיך באַקאָנען מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די נעסט פון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און טאַט איז אין יענער צייט געווען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, און ווי נאָר קראָפּאָטקין איז געקומען קיין שווייצאַריע האָט ער זיך באַקאַנט מיט זיינע מיטגלידער, און איז צוגעשטאַנען צום באַקונינסטישן פליגל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אין קראָפּאָטקינס געגנצלעכן אַריבערגיין אין די רעוואָלוציאָנערע רייען האָבן אויך געהאַט אַ חלק די טראַגישע געשעענישן פון דער פּאַריזער קאָמונע. זייענדיק אין שווייצאַריע האָט פּ. א. קראָפּאָטקין זיך באַקאַנט מיט קאָמונאַרן, וועלכע ס'איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון די רדיפות פון דער בורזשואַזער רעגירונג. די דערציילונג פון די אַרבעטער-קאָמונאַרן, בפרט פון בענוא מאַלאָן, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער קאָמונע, האָבן אויף קראָפּאָטקינען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און דער קרבנותפולער העלדישער קאַמף פון די פּאַריזער אַרבעטער האָט אין זיין האַרצן אָנגעצונדן דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער. ער האָט באַשלאָסן צו ווידמען זיין גאַנץ לעבן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די האָרעפּאַשניקעס.

זיך אומקערנדיק זומער פון 1872 קיין רוסלאַנד שטעלט זיך קראָפּאָטקין תיכף אין פאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און שליסט זיך אָן אין דעם אַזויגערופענעם „טשייקאָווסקי קרייז", וואָס עס האָבן געגרינדעט אין 1869 נ. ב. טשייקאָווסקי און מ. א. נאַטאַנסאָן.

די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם קרייז זיינען געווען סאָפיאַ לוואָוונאַ

פיעראָווסקאַיאַ, ס. קראַווטשינסקי (סטעפּניאַק), פּ. קלעמענץ, סיניעגוב, ראָגאַ-טשעוו, די שוועסטער קאָרנילאָוו, סערדיוקאָוו, אָבאָדאָווסקאַיאַ, טשאַרושין און שישקאָ.

דער דאָזיקער קרייז האָט געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, פאַרשפּרייטנדיק פאַרבאָטענע ביכער. קראָפּאָטקין גופא האָט אונטער דעם פּסעוודאָנים באָראָדין אין הארבסט פון 1872 אָנגעהויבן מאַכן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּעטערבורגער וועבער-אַרבעטער. ער פלעגט אין די אַרבעטער-קרייזן ריידן וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועגן דער פּאַריזער קאָמונע און וועגן דער נויטיקייט פון אַ רעוואָלוציע.

אין הארבסט פון 1873 האָבן אין פּעטערבורג זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. איינע פון די ערשטע איז אַרעסטירט געוואָרן סאָפיאַ פּיעראָווסקאַיאַ און דערנאָך האָט מען אַרעסטירט נאָך מיטגלידער פון דעם קרייז. אין מערץ 1874 האָט מען אויך אַרעסטירט קראָפּאָטקינען. אויפן באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. קראָפּאָטקין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דערקלערונגען אויפן פאַרהער. דאַמאָלט האָט דער צאַר גע-שיקט צו זיין געוועזענעם פּאַזש אין טורמע זיין ברודער, דעם גרויספירשט ניקאָ-לײַ ניקאָלײַעוויטש, כדי ער זאָל זיך עפּעס דערוויסן פון קראָפּאָטקינען וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָר פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט גאָר אײַנגאַנצן נישט געוואָלט ריידן מיטן גרויספירשט. דאַמאָלט האָט דער צאַר באַפוילן צו פאַרער-גערן דעם טורמע-רעזשים פאַר קראָפּאָטקינען. נאָר דאָס האָט נישט געקאָנט ברעכן קראָפּאָטקינס אויסגעהאַלטנקייט.

אויף דער שתדלנות פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און דער וויסנ-שאַפטלעכער אַקאַדעמיע, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער דערלויבט אַרויס-צוגעבן דעם געפאַנגענעם פּאַפּיר און טינט, כדי ער זאָל קאָנען פאַרזעצן זיין אַרבעט וועגן דעם אייז-פּעריאָד.

אין פעסטונג האָט קראָפּאָטקין פאַרענדיקט דעם ערשטן באַנד פון זיין ווערק. „די אויספאָרשונג וועגן דעם אייז-פּעריאָד", און זיך גענומען צום צווייטן באַנד. נאָר נאָך זיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד זיינען די מאַנוסקריפּטן פאַרבליבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. און דער צווייטער באַנד האָט טאַקע נישט דער-זען די ליכטיקע וועלט. ערשט אין 1906 האָט דער פּאָליציי דעפּאַרטאַמענט אי-בערגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט און באַמערקונגען, וואָס קראָפּאָטקין האָט אָנגע-שריבן אין פעסטונג, דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט איינגעפּאַקט די כתבים אין אַ קעסטל פון צין און עס אָפּגעשיקט קראָפּאָטקינען קיין לאָנדאָן.

אָפּזיצנדיק צוויי יאָר אין פעסטונג, איז קראָפּאָטקין קראַנק געוואָרן. דער שטרענגער טורמע-רעזשים האָט אונטערגעבראָכן זיין געזונט. ער האָט באַקומען סקאָרבוט און רעוומאַטיזם. מורא האָבנדיק פאַר זיין לעבן, האָט קראָפּאָטקינס פאַמיליע זיך אָנגעהויבן משתדל זיין ביים צאַר, אַז ער זאָל פאַרלייכטערן דעם

גורל פון דעם ארעסטירטן. נאָר דער צאר איז געווען אומדערבאַרעמדיק. „לאָז ער זיצן", האָט ער געענטפערט אויף אַלע בקשות פון די קרובים.

און ערשט, ווען די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אַז קראָפּאָטקינס לעבן איז אין סכנה, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער דערלויבט אַז מען זאָל אים אריבערפירן אין אַ מער טרוקענער און ליכטיקער צעל פון דעם „פּאַרלויפּיקן ארעסט־הויז", און פון דאָרט האָט מען קראָפּאָטקינען אריבערגעפירט אין דעם מיליטערישן שפּיטאָל.

דעם 30טן יוני פון 1876 איז אים, מיט דער הילף פון פריינט, געלונגען צו אנטלויפן פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל דורך אַ פּלאַן, וואָס ער אליין האָט אויסגעאַרבעט. ווען דער צאַר האָט זיך דערוואוסט אַז קראָפּאָטקין איז אנט־לאָפן, האָט ער געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע פּאָליציי און הונדערטער שפּיאָ־נען. נאָר קראָפּאָטקין איז בשלום אריבער קיין פינלאַנד און פון דאָרט קיין שוועדן און נאָרוועגן, פונוואַנען ער איז אוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד.

פון דעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן אין קראָפּאָטקינס לעבן אַ נייער פּעריאָד — דאָס לעבן אין גלות, די אַרבעט אינעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און אין דער אייראָפּעאישער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

:: :: ::

נאָכן דורכפאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע און דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה, האָט מערב־אייראָפּע איבערגעלעבט טעג פון רעאַקציע. די אַרבעטער באַוועגונג איז געגאַנגען בארג אראָפּ. דער רוב סאָציאַליסטן האָבן מער נישט גע־גלויבט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט דורכגע־מאַכט אַ עוואָלוציע אין דער זייט פון דעמאָקראַטיזם און פּאַרלאַמענטאַריזם. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין געהאַלטן אין ירידה. נאָכן האַאַגער קאָנגרעס אין 1872 האָט דער אינטערנאַציאָנאַל זיך געשפּאָלטן אוןביידע צווייגן, דער מאַרק־סיסטישער און באַקוניסטישער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אומאָפּהענגיק איינער פון דער צווייטער. אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע ווען קראָפּאָטקין איז געקומען קיין אייראָפּע.

די שווייצארישע פעדעראַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן געבעטן קראָ־פּאָטקינען צו נעמען אָן אַנטייל אין זייער אַרבעט, און אין האַרבסט פון 1876 פאָרט פּ. ק. אריבער פון ענגלאַנד קיין שווייצאַריע, וואו ער טרעט אריין אַלס מיטגליד אין דער יוראַ'ר פעדעראַציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל און הויבט דאָרט אָן אַ ענערגישע אַרבעט. ער באַטייליקט זיך אינעם לעצטן קאָנגרעס אין ווערוויע (1877) און אין דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין גענט (1877). דער קאָנגרעס האָט אויסגעקליבן קראָפּאָטקינען אַלס סעקרעטאַר. דער ציל פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס איז געווען צו פּרואוון מאַכן שלום צווישן די מאַרקסיסטן און באַקוניסטן און צוריק גאַנץ־מאַכן דעם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דער פּרואוו

איז נישט געלונגען און ביידע ריכטונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען אַוועק אויף צוויי פאַרשידענע וועגן.

אין 1878 אָרגאַניזירט קראָפּאָטקין אין פּאַריז, צוזאַמען מיט זשול געדן, די ערשטע רעוואָלוציאָנערע קרייזן נאָך דער קאָמונע. ער אַרבעט מיט אין די רע־וואָלוציאָנערע צייטונגען „אַוואַנגאַרד", „ביולעטין פון דער יוראַ'ר פעדעראַציע". נאָכדעם, ווי מען האָט פאַרבאָטן דעם „אַוואַנגאַרד" האָט קראָפּאָטקין געגרינ־דעט אין פעברואַר פון 1879 זיין צייטונג „לע רעוואָלטע" (דער „מורד"). פאַר־אויסזעענדיק דאָס אָנקומען פון דער רעוואָלוציע, הויבט אָן קראָפּאָטקין ענערגיש אַרבעטן אויף צוריק אויפלעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַלס צווישנפעלקערלעכע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אָבער זיינע באַמיאונגען האָבן נישט קיין דער־פאָלג. די רעאַקציע האָט זיך פאַרשטאַרקט אומעטום.

אין שווייצאַריע האָט פּ. קראָפּאָטקין זיך נאָענט באַפריינדעט מיט די ברי־דער עליזע און עלי רעקליו און מיט אַנדערע עמיגראַנטן קאָמונאַרן און אַביסל שפּעטער אויך מיט לואיזע מישעל, וועלכע האָט זיך אומגעקערט פון דער קאַטאָר־גע אין ניי קאַלעדאַניע, וואוהין זי איז געווען פאַרשיקט.

אין 1878 האָט פּ. קראָפּאָטקין חתונה געהאַט מיט דער סטודענטקע פון דעם זשענעווער אוניווערזיטעט, סאָפיאַ גריגאָריעוונאַ אַנאַניעוו־ראַבינאָוויטש, וועלכע איז אים געווען נישט נאָר אַ איבערגעגעבענע פרוי, נאָר אויך אַ געטריי־ער חבר, וואָס האָט געטיילט מיט אים אַלע ליידן און פריידן זיין גאַנץ לעבן, אין די לאַנגע גלות-יאָרן און דערנאָך אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע.

נאָכן אַטענטאַט פון דעם ערשטן מערץ פון 1881 (ווען מען האָט מיט אַ באָמבע דערמאָרדעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אויף די גאַסן פון פּעטערבורג), איז די רוסישע רעגירונג, בפרט אַלעקסאַנדער דער דריטער, געווען איבערצייגט, אַז קראָפּאָטקין האָט אין דעם געהאַט אַ חלק. זיי האָבן דאָס געדרונגען דערפון, וואָס פּ. קראָפּאָטקין, אייגער פון אַלע רוסישע עמיגראַנטן, האָט אָנגעהויבן אַ ענערגישע קאַמפּאַניע אין זיין צייטונג „רעוואָלטע", פאַרטיידיקנדיק די אַנטייל־נעמער אין דעם „ערשטן מערץ", און איז אויך אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען אין שווייצאַריע און ענגלאַנד, אויפדעקנדיק די גאַנצע גרויזאַמקייט און שרעקלעכן דרוק פון דער זעלבסט-הערשאַפט. נאָך דער הינריכטונג פון סאָפיאַ פּעראָווס־קאַיאַ, זשעליאַבאָוון און זייערע חברים, האָט פּ. ק. אָפּגעדרוקט אַ גרויסן פּראָ־טעסט־אַפּיש און אים אַליין אויסגעקלעפּט אויף די זשענעווער גאַסן.

דאָס אַלעס האָט געפירט דערצו, אַז די אַזוי-גערופענע „הייליקע חברותא", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין הארבסט פון 1881 און אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די גרויספירשטן און די הויפלייט, האָבן אַרויסגעטראָגן קראָפּאָטקי־נען אַ טויט־אורטייל, און כדי דורכפירן דעם אורטייל, האָבן זיי געשיקט קיין פראַנקרייך אַ גוואַרדיע-אָפיציר, אַ געוועזענער תלמיד פון דעם פאַזשן־קאָרפּוס, וועלכער האָט געקאָנט קראָפּאָטקינען פערזענלעך.

וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן האָט זיך צופעליק דערוואוסט פון דעם דאַמאָלס־דיקן מיניסטאָרן־פּאָרזיצער לאָרים מעלוקאָוו, דער באַרימטער רוסישער סאַטיריקער מ. ע. סאַלטיקאָוו — שטשעדרין, וועלכער האָט געפונען פאַר זיין חוב תיכף צו וואָרענען קראָפּאָטקינען, דורך פּ. ל. לאַוורּאָוון און דעם דאָקטאָר ביעלאָגאָלאָוון וועגן דער סכנה פאַר זיין לעבן.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט קראָפּאָטקין אָפּגעדרוקט אין זיין צייטונג „לע רעוואָלטע" א נאָטיץ, אין וועלכער ער האָט געוואָרנט די איניציאַטאָרס פון דעם פּלאַן, אז אויב דער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועלן די נעמען פון די אמתע אינספּיראַטאָרס פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע.

דער אורטייל איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די רוסישע רעגירונג האָט בלויז געפועלט, אז מען זאָל קראָפּאָטקינען ארויסשיקן פון שווייצאַריע.

אין אויגוסט פון 1881 האָט די שווייצאַרישע רעגירונג דורך א דעקרעט ארויסגעשיקט קראָפּאָטקינען פונעם לאַנד. קראָפּאָטקין האָט זיך דאַן באַזעצט אין די גרעניצן פון פראַנקרייך, נישט ווייט פון זשענעווע.

אויף דער פאָדערונג פון דער רוסישער רעגירונג האָט מען אין דעצעמבער פון 1882 געמאַכט א הויז־זוכונג ביי קראָפּאָטקינען, און כאָטש מען האָט ביי אים נישט געפונען קיין שום פאַרבאָטענע זאַך, האָט מען אים דאָך ארעסטירט און אין יאַנואַר פון 1883 אים געמשפּט אין ליאָן. מען האָט אים באַשולדיקט אין פּרוּוון צוריקשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל, און אין רופן די אַרבעטער צו בונטן און גוואַלד־אַקטן. דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט אויף פינף יאָר טורמע, און צו באַצאָלן צוויי טויזנט פראַנק שטראָף. תחילת איז פּ. קראָפּאָטקין געזעסן אין דער ליאָנער טורמע און דערנאָך האָט מען אים אריבערגעפירט אין דער צענטראַלער טורמע פון קלערוואָ.

ווען מען האָט קראָפּאָטקינען פאַרשפּאַרט אין קלערוואָ, האָט זיין פרוי אי־בערגעריסן איר וויסנשאַפטלעכע ארבעט און זיך באַזעצט אין א דערפל נאָענט צו דער טורמע. זי פלעג אים ברענגען אין טורמע די אים נויטיקע ביכער און זשורנאַלן פון פּאַריז. — די וויסנשאַפטלעכע אקאַדעמיע האָט דערלויבט קראָ־פּאָטקינען זיך באַנוצן מיט די ביכער פון איר ביבליאָטעק, און ערנסט רענאַן האָט געשטעלט צו קראָפּאָטקינס רשות זיין פּריוואַטע רייכע ביבליאָטעק.

אין 1886 האָט מען אויף דער פאָדערונג פון די לינקע דעפּוטאַטן אין פּאַר־לאַמענט באַפרייט קראָפּאָטקינען פאַרן טערמין, און אינגיכן האָט מען אים ארויס־געשיקט פון פראַנקרייך. פּ. קראָפּאָטקין האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד, וואו ער האָט געלעבט פון 1886 ביז 1917, ווען א דאַנק דער רעוואָלוציע האָט ער זיך געקאָנט אומקערן קיין רוסלאַנד.

לעבנדיק אין ענגלאַנד האָט פּ. קראָפּאָטקין געאַרבעט, הויפּטזעכלעך, אויף דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון דעם אַנאַרכיזם. אין ענגלאַנד האָט ער אָנגע־שריבן „ברויט און פרייהייט"; „פעלדער, פאַבריקן און ווערקשטאַטן", „קעגנזיי־

טיקע הילף אלס פאקטאָר פון עוואָלוציע", "די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע" און "די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער אַנאַרכיזם". גלייכצייטיק האָט ער מיטגע־אַרבעט אין אַ סך פראַנצויזישע, שפּאַנישע און איטאַליענישע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבעס, און געשריבן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין די ענגלישע און אַמע־ריקאַנישע זשורנאַלן.

אָבער די ליטעראַרישע אַרבעט האָט נישט פאַרשלונגען קראָפּאָטקינס גאַנצע ענערגיע. אינגיכן נאָכן באַזעצן זיך אין ענגלאַנד באַקאַנט ער זיך מיט די טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, דערונטער מיט טאָמאַס מאַן, בען טילעט, קיר האַרדי, און מיט די ענגלישע סאָציאַליסטן היידמאַן, סידני וועב, וויליאַם מאָ־ריס, בערנאַרד שאָו א.א.

פּ. ק. איז זייער אָפט אַרויסגעטראָטן אויף אַרבעטער פאַרזאַמלונגען אין לאָנ־דאָן, מאַנטשעסטער און אין אַנדערע פאַבריק־צענטערס פון ענגלאַנד. ער איז אויך אָפט אַרויסגעטראָטן צווישן די רוסיש־אידישע עמיגראַנטן אין ווייטשעפּל. פּ. ק. איז געווען אַ מערקווירדיקער אַגיטאַטאָר. "באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ היי־סער, איבערצייגנדיקער שפּראַך — זאָגט סטיעפּניאַק־קראַווטשינסקי — ווערט ער איין שטיק ליידנשאַפט, ווי נאָר ער גייט אַרויף אויף דער טריבונע. זיינע רייד מאַכן אַ געוואַלטיקן איינדרוק, אַ דאַנק זיין באַגייסטערונג, וועלכע שטעקט אָן די אַנדערע און עלעקטריזירט די צוהערער". צוזאַמען מיט זיינע ענגלישע אַנאַרכיס־טישע פריינט האָט ער געגרינדעט די ערשטע אַנאַרכיסטישע צייטונג אין ענגלאַנד די "פרידאָם" ("פרייהייט").

אין 1886 האָט מען קראָפּאָטקינען אָנגעבאָטן די קאַטעדרע פון געאָגראַפיע, נאָר בתנאי, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון די אַנאַרכיסטישע אַרויסטרעטונגען. פאַר־שטענדלעך, אַז ער האָט דעם אָנבאָט צוריקגעוויזן.

נעמענדיק אָן אַנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג האָט קראָפּאָטקין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט פאַרגעסן רוסלאַנד.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין אויסלאַנד איז ער געשטאַנען אין באַציאונג מיט די רוסישע טוער, און אין זיין קליינער קוואַרטיר אין ענגלאַנד האָט מען שטענדיק באַגעגנט רוסישע שרייבער, וויסנשאַפטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער. צו קראָפּאָטקינען פלעגן קומען צופאָרן פון רוסלאַנד אַ סך אַרבעטער־אַנאַר־כיסטן אויף זיך אָן עצה האַלטן מיט אים וועגן רעוואָלוציאָנערע פראַגן.

אין 1903 האָט מיט קראָפּאָטקינס אַנטייל אָנגעהויבן דערשיינען אין זשע־נעווע די צייטונג אין רוסיש "ברויט און פרייהייט", וואָס איז געוואָרן דער אידע־אישער אָרגאַן פון דער אַזוי גערופענער "כליעבאָוואָלטשיסקער", אָדער "קראָפּאָט־קינשער" ריכטונג אין דעם אַנאַרכיזם. נאָכדעם, ווי די צייטונג האָט אויפגעהערט דערשיינען, האָט קראָפּאָטקין אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין לאָנדאָן די וועכנטלעכע צייטונג "בלעטער פון ברוט און פרייהייט", מיטן נאָענטן אַנטייל פון מאַריאַ א. גאָלדסמיט (מאַריאַ קאָרן).

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905 ווען די רעאַקציאָנערע וואַקכאַנאַליע האָט געבושעוועט איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָט פּ. קראָפּאָטקין אָנגעשריבן די בראָשור „טעראָר אין רוסלאַנד", וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין ענגלאַנד אין זייער א גרויסער צאָל און איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש און איטאַליעניש.

אין 1907־1910 נעמט קראָפּאָטקין א ענערגישן אנטייל אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין סיביר. סאָפיא גריגאָריעוונא קראָפּאָטקין אָרגאַניזירט א קאָמיטעט צו העלפן די פאַרשיקטע, לייענט לעקציעס לטובת די פאַרשיקטע, זאַמלט געלט און שיקט דאָס איבער קיין רוסלאַנד.

אין הארבסט פון 1908 האָט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן איינגעלאַדן פּיאָטער קראָפּאָטקינען צוזאַמען מיט הערמאַן לאָפּאַטין און וויערא פיגנער (די באַפרייטע „שליסלבורגער געפאַנגענע"), זיך צו באַטייליקן אלס בורר אין דעם „ערנגעריכט" אין שייכות מיט בורצעווס באַשולדיקן אַזעף אלס פּראָוואָקאַטאָר. דאָס האָט געפירט צו אַזעפס געוועלטיקער דעמאַסקירונג.

אין דעצעמבער פון 1912 איז קראָפּאָטקין אַלט געוואָרן 70 יאָר. די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע וועלט האָט געפּראַוועט דעם יובילעאום. אין פּאַריז און אין לאָנדאָן האָט מען דורכגעפירט מיטינגען לכבוד דעם בעל יובל. אין שייכות מיטן יובילייִ האָט מען אין אייניקע רוסישע קרייזן אויפגעהויבן די פראַגע וועגן בעטן ביי דער רעגירונג אן אַמניסטיע פאַר קראָפּאָטקינען. נאָר ווען קראָפּאָטקין האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט ער דערקלערט, אַז כאָטש ער גאַרט שטאַרק זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד, קאָן ער נישט אקצעפּטירן קיין אַמניסטיע אין דער צייט, „ווען אין סיביר און אין די ווילדענישן פון דעם ווייטן צפון זיינען צענדליקער טויזנטער רעוואָלוציאָנערן".

„דער טאָג, ווען מיר אלע וועלן זיך קאָנען אומקערן צו א פריי לעבן אין רוסלאַנד וועט, פאַרשטענדלעך, אויב איך וועל דאָס דערלעבן, זיין דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן" — האָט ער געשריבן.

:: :: ::

ווי־נאָר ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט קראָפּאָטקין זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין.

דעם 2טן יוני פון 1917 איז ער אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, וואו ער האָט תחילת געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן. אלע צייטונגען האָבן באַגריסט זיין צוריקקומען אין באַגייסטערטע אַרטיקלען. די צייטווייליקע רעגירונג האָט פאָרגעלייגט קראָפּאָטקינען א מיניסטאָרן־פּאָרטפעל, נאָר בלייבנדיק געטריי זיין אנארכיסטישער וועלט־אַנשויאונג, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען וועלכן ס'ניט איז אָפיציעלן פּאָסטן. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון דער יערלעכער פּענסיע פון צען טויזנט רובל, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט אים אָנגעבאָטן.

וואוינענדיק אין מאָסקווע, וואו ער איז אָפט געווען קראַנק, אָדער פון א צוקילונג, אָדער פון שלעכטער נאַרונג, האָט פּ. ק. די גאַנצע צייט זיך לעבעדיק אינטערעסירט מיט דער אויסוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ווי א היס־טאָריקער, וואָס האָט גוט שטודירט די געשיכטע פון פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ער פאָראויסגעזען די „אָקטובער"־געשעעניש און געזאָגט, אז די רעוואָלו־ציע, איינמאָל אָנגעהויבן, מוז דערגיין צו איר לאָגישן סוף. דעם דאָזיקן סוף האָט ער געזען אין די אידעען פון ק אָ מ ו נ י ז ם און פ ד ע ר א ל י ז ם. אין דער רעוואָלוציע פון אָקטובער האָט קראָפּאָטקין געזען דעם פּרוּוו, צו פאַר־ווירקלעכן די דאָזיקע אידעען.

דער באַשפּייזונגס און באַהייצונגס־קריזיס און אַנדערע אומגינסטיקע באַ־דינגונגען פון דעם מאָסקווער לעבן פון יענער צייט האָבן אין זומער פון 1918 געצוואונגען קראָפּאָטקינען זיך אריבערציען קיין דמיטראָוו (65 קילאָמעטער פון מאָסקווע). אין די דריי יאָר, וואָס קראָפּאָטקין האָט געוואוינט אין דמיטראָוו, האָט ער באַזוכט מאָסקווע בלויז דריי־פיר מאָל. אין איינעם פון די דאָזיקע באַ־זוכן, אין הארבסט פון 1918, האָט קראָפּאָטקין זיך געזען מיט לענינען (אויף לענינס איניציאַטיווע).

אויך אין דמיטראָוו, הגם א קראַנקער, האָט קראָפּאָטקין זיך נישט אויפגע־הערט אינטערעסירן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער באַקאַנט זיך מיט די פאָלקס־לערער פון דמיטראָווער ראַיאָן, טרעט ארויס מיט א רעפעראַט אויפן לערער־צוזאַמענפאָר, און באַטייליקט זיך אינעם קאָאָפּעראַטיוון צוזאַמענפאָר.

אין דמיטראָוו האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיין בוך וועגן „עטיק", דער פּלאַן פון וועלכן ס'איז שוין לאַנג געבוירן געוואָרן אין זיין מוח. צום באַדויערן האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן בלויז די ערשטע טייל פון דער אָנגעצייכנטער ארבעט — דעם געשיכטלעכן איבערבליק פון די פאַרשידענע לערן וועגן מאָראַל. די צווייטע טייל, אין וועלכער ער האָט געזאָלט דערקלערן די יסודות פון דער אַנאַרכיסטי־שער מאָראַל, איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. ער האָט בלויז באַוויזן אָנצו־ווארפן א רייע שטריכן.

פּיאָטר קראָפּאָטקין איז געווען א מערקווירדיק פאַרשידנאַרטיקע פּערזענ־לעכקייט. חוץ א וויסנשאַפטסמאַן און סאָציאַלער דענקער און טעאָרעטיקער, האָט ער אויך פאַרשטאַנען מוזיק און אליין גוט געשפּילט פּיאַנאָ, געווען א גוטער צייכנער און ליב געהאַט צו ארבעטן מיט דער זעג און הובל, ווי א געניטער סטאָליער.

:: :: ::

אין אָנהויב יאַנואַר פון 1921, שפּילנדיק אויף דער פּיאַנאָ אין דעם קאַלטן צימער, האָט קראָפּאָטקין זיך צוגעקילט און באַקומען א לונגען־אָנצינדונג. די

קראנקהייט האָט זיך קאָמפּליצירט און אין דריי וואָכן ארום אים דערפירט צום פאטאלן סוף.

אין דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט האָט קראָפּאָטקין זיך באמיט אָנצוהאלטן די מונטערע שטימונג. זיין פרוי און חברטע, סאָפיא גריגאָריעוונא, פארשטענדלעך, איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין קראנקן־בעט.

דריי טעג פארן פאטאלן סוף איז פּ. קראָפּאָטקין געוואָרן אפּאטיש; ער האָט ווינציק גערעדט און געלעגן שטיל, זיך נישט באקלאָגנדיק אויף גאָרנישט... איינמאָל, שוין נאָנט צום טוט האָט ער, נאָך א לאנגן שווייגן, שטיל געזאָגט, זיך נישט ווענדנדיק צו קיינעם: „וואָסארא שווערער פּראָצעס דאָס שטאַרבן איז".

אין דער נאכט פון דעם אכטן פעברואר 1921 האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה און דריי אזייגער מיט צען מינוט פארטאָג האָט דאָס הארץ פון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער און הומאניסט אויפגעהערט קלאַפּן...

דעם זעלבן טאָג האָט די קאָמיסיע, וואָס האָט זיך אָרגאניזירט פון פארטרעטער פון די אנארכיסטישע גרופּעס אויף צו איינאָרדענען די לויה געמאָלדן דורך ראַדיאָ וועגן קראָפּאָטקינס טויט, וואָס האָט געמאכט א דערשיטערנדיקן רושם אויף די פּראָגרעסיווע קרייזן פון דער גאנצער וועלט.

מען האָט קראָפּאָטקינס קערפּער אריבערגעפירט קיין מאָסקווע און אוועקגעשטעלט דעם אָרון אויף דריי טעג אין דעם הויז פון די ארבעטער-סינדיקאטן. דעם 13טן פעברואר, זונטיק, האָט מען באערדיקט קראָפּאָטקינען אויפן בית־עולם פון נאָוואָ־דיעוויטשער מאָנאסטיר. אויפן זעלבן בית־עולם איז פאראן דער פאמיליען־קבר פון די פירשטן קראָפּאָטקין, נאָר פּ. א. האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים באגראָבן צוזאמען מיט זיינע אבות. נאָך ביים לעבן האָט ער ארויסגעזאָגט דעם וואונטש, אז מען זאָל אים באגראָבן אויפן נייעם בית-עולם פון דעם מאָנאסטיר, און מען האָט דערפילט זיין ווילן.

# תיקון טעות:

זייט 18, שורה 28, „טוט עס מיר נישט"... דארף זיין „טוט עס מער נישט"...
זייט 40, אנהויב לעצטע שורה: „אירע שפאלטן"... דארף זיין: „זיינע שפאלטן"...
זייט 47, שורה 23 „דער צוואנג־געזעץ"... דארף זיין: „דאס צוואנג-געזעץ"...
זייט 81, שורה 6, שטייט „אימפעראסיוון"... דארף שטיין „אימפעראטיוון"...
אויף דער זעלבער זייט, אינעם צווייטן זאץ, צווייטע שורה פארן ווארט „ווי־באלד"... קומט א קאמע און נישט קיין פונקט.
זייט 84, צווייטער זאץ, ערשטע שורה שטייט „און ער האט געזארגט"... דארף זיין „און ער האט געזאגט"...
זייט 124, שורה 3: אויפן ארט פון „פארשפרייננג" דארף מען לייענען: „פאר־שפרייטונג"...
זייט 148, אין דער פוסנאטע אין דער זיבעטער שורה אויפן ארט פון „די צענ־טראלע רעגירונג קאן זיי נישט פארבאטן"... דארף זיין: „קאן זיי נישט פארביטן"...
זייט 161, שורה 27, שטייט „געבן אן ענטפער אויך"... דארף זיין: „אויף"...
זייט 178, שורה 17 שטייט „דערוואַרט"... דארף זיין: „דערהווארטן"...
זייט 180, שורה 10, שטייט „דערהויבענער"... דארף זיין — „דערהויבענע"...
זייט 193: דער צווייטער און דריטער זאץ דארפן געליינט ווערן צוזאמען אלס איין שטיק, נישט איבערגעריסן.
זייטל 195, אכטע שורה, שטייט „דאס איז געווען ווינטער פון 1901-20", דארף זיין „ווינטער פון 1901-02"...
זייט 196, דארף זיין אונטערגעשריבן מאקס נעטלוי, און ניט „נעטאו".
זייט 198, ערשטע שורה שטייט „ווי זאגט טרעפליך"... דארף זיין: „ווי איר זאגט טרעפליך"...
זייט 211, שורה 30, שטייט „א סך ווייניקע אויסזעצונגען"... דארף זיין: „א סך וואגיקע אויסזעצונגען".
זייט 214, 22-סטע שורה: אויפן ארט פון „האט שוין געזעלשאפטליכע"... דארף זיין „איין געזעלשאפטליכע"...
זייט 216, 5־טע שורה, אויפן ארט פון „און די אויסערליכע זיינען"... דארף זיין „און די אינערליכע"...
זייט 347, 23־טע שורה: אויפן ארט פון „אייך גלייכע חלקים"... דארף זיין „אויף גלייכע חלקים"...

זייט 348, 5-טע שורה שטייט „דורכשניטלעך אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, חוץ"... דאַרף זיין: „דורכשניטלעך אין דייטשלאַנד חוץ"...

זייט 348, 20-טע שורה: אויפן אָרט פון „איצט חלומט"... דאַרף זיין „איצט חלומען"...

זייט 349, לעצטע שורה אויפן אָרט פון „אַ. דאַרווין"... דאַרף זיין: „אַ דאַרווין"...

זייט 350, 3-טע שורה: פאַר די ווערטער „נאָר דערפאַר"... קומט בלויז אַ קאָמע.

זייט 351, צווייטע שורה, אויפן אָרט פון „וועלן גרינדן"... דאַרף זיין „ווילן גרינדן"...

זייט 351, סוף זיבעטע שורה: ניט „וואָס זי האָט אויפגעקעמפט"... נאָר „וואָס ער האָט אויסגעקעמפט". אויף דער זעלבער זייט, די 9-טע שורה: אויפן אָרט פון „קיין שום חלק דער"... דאַרף זיין: „קיין שום חלק פון דער"... אויף דער זעלבער זייט, די 10-טע שורה: אויפן אָרט פון „זעלבסטביל־דונג"... דאַרף זיין „אַז די בילדונג"... אָנהויב 13-טע שורה: אויפן אָרט פון „מעגליכן"... דאַרף זיין „טעגליכן"...

זייט 352, שורה 34: אויפן אָרט פון „צווישן גרויסע מאַסן"... דאַרף זיין: „צווישן די גרויסע מאַסן"...

זייט 356, 22-טע שורה: אויפן אָרט „אַז ער האָט נישט אָפּגעטון"... דאַרף זיין: „אַז ער האָט אָפּגעטון"...

זייט 361: די ערשטע שורה דאַרף קומען נאָך דער דריטער שורה. אין דעם זעלבן בלעטל, 5-טע שורה דאַרף אויפן אָרט פון „היסטעריש-פילאָזאָפישע"... זיין „היסטאָריש פילאָזאָפישע"...

חוץ דעם, זענען אַריינגעפאַלן אַ סך פאַרדריסלעכע דרוק-פעלערן, ווי קאָ־מאָס און פונקטן דאָרט, וואו זיי דאַרפן נישט זיין און מיר בעטן דערום דעם לייענער דאָס צו נעמען אין אַכט.

# אינהאַלט

זייט


פון דער רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — 5

פון דער פאַרלעגער-גרופּע — — — — — — — — — — — 3

## קראָפּאָטקין דער מענטש

רודאָלף ראָקער — מיינע דערינערונגען וועגן פּיאָטר קראָפּאָטקין — 9

ש. יאַנאָווסקי — קראָפּאָטקין ווי איך האָב אים געקאַנט — — — 15

עמאַ גאָלדמאַן — פּיאָטער אַלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין — — — 24

## קראָפּאָטקינס אידייען

רודאָלף ראָקער — פּיאָטר קראָפּאָטקין און זיין ווערק — — — — 33

מאַריאַ קאָרן — קראָפּאָטקינס קאָמוניזם — — — — — — — 53

פּיאָטר קראָפּאָטקין — סינדיקאַליזם און אַנאַרכיזם — — — — — 65

ג. מאַקסימאָוו — דער קאָנסטרוקטיווער כאַראַקטער פון קראָפּאָט־קינס לערע — — — — — — — — — — — — — 77

א. שאַפּיראָ — קראָפּאָטקין, די אַרבעטער־באַוועגונג און דער ערש־טער אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — — 92

וואָלין — „פּירער" און „מאַסן" — — — — — — — — — 115

עריקאָ מאַלאַטעסטאַ — פּיאָטר קראָפּאָטקין — — — — — — 124

ג. מאַקסימאָוו — קראָפּאָטקין און דער סינדיקאַליזם — — — — 136

מ. קאָרן — פּיאָטר קראָפּאָטקין און די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — — — — — — — — — — — — — — 154

ג. א. קריטסקאַיאַ — קראָפּאָטקינס פּעדאַגאָגישע אידייען — — — 167

מ. איזידין — פון פּ. א. קראָפּאָטקינס וויסנשאַפטלעך-פילאָזאָפי־שע אַנשויאונגען — — — — — — — — — — — 174

לואי בערטאָני — פּיאָטר קראָפּאָטקין 180
קריסטיאַן קאָרנעליסען — פּ. א. קראָפּאָטקין דער געלערנטער 182
קראָפּאָטקין און די קאָאָפּעראַציע 188
א בריוו צו די דמיטראָווער קאָאָפּעראַטאָרס 190
קראָפּאָטקינס שטעלונג צום אינדיווידואַליזם 195
מ. פּיערא — פּ. א. קראָפּאָטקין און די מלחמה 202
קראָפּאָטקין וועגן ציוניזם 208
נאָך וועגן אַנאַרכיזם און ציוניזם 218
מ. נעטלוי — פּיאָטר קראָפּאָטקין ביי דער אַרבעט 221
פּיאָטר קראָפּאָטקין — דער רעוואָלוציאָנערער גייסט 227
דר. הערמאַן פראַנק — קראָפּאָטקין, טורגעניעוו און מ. אַנטאָקאָלסקי 230
סאָפיא גר. ראַבינאָוויטש-קראָפּאָטקין 234
אבא גאָרדין — פּיאָטר קראָפּאָטקין 237
ג. קריטסקאַיאַ — דערינערונגען וועגן פּיאָטר קראָפּאָטקינען 240
הערי קעלי — בלעטלעך זכרונות 244
פּראָפ. ס. א. גרוזנבערג — „די הייליקע חברותא" 248
וו. טשערטקאָוו — מיין באַקאַנטשאַפט מיט קראָפּאָטקינען 252
קראָפּאָטקינס בריוו צו יאַנאָווסקין 254
צו פראַנסואַ דיומאַרטע 277

## קראָפּאָטקין און די רוסישע רעוואָלוציע

פּיאָטר קראָפּאָטקין — דער אידעאַליזם און די רעוואָלוציע 281
א בריוו צו געאָרג בראַנדעסן 285
א בריוו צו אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ 289
א בריוו צו די מערב-אייראָפּעאישע אַרבעטער 292
צו דע רעיגערן 295
פּיאָטר קראָפּאָטקין — וואָס זשע טוט מען? 296
אויפרוף צו די אַרבעטער פון דער מערב-וועלט 301
אווגוסטין זוכי — מיין באַזוך ביי קראָפּאָטקינען 307
אַלעקסאַנדער בערקמאַן — דערינערונגען וועגן קראָפּאָטקינען 311
קראָפּאָטקינס פּראָטעסט קעגן דער סיסטעם פון ערובניקעס 317
קראָפּאָטקינס בריוו צו די שוועדישע אַרבעטער 319

## צו קראָפּאָטקינס אָנדענק

ב. לעבעדיעוו — ניטאָ קראָפּאָטקין! 323
אַלעקסאַנדראַ קראָפּאָטקין — פּיאָטר אַלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין 327
נ. לעבעדיעוו — צו קראָפּאָטקינס אָנדענק 329
ווירא פיגנער — פּיאָטר אַלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין 333

ראָדאָלפאָ גאָנזאַלעז פּאַטשעקאָ — גערדאַנקען — — — — — — — — 334
טויט און לעבן — — — — — — — — — — — — — — — — — 336
עריקאָ מאַלאַטעסטאַ — — — — — — — — — — — — — — 226
עמיל פּוזשע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 336
זשאָרזש דימולען — — — — — — — — — — — — — — — — 337
אַלבערט יענסען — — — — — — — — — — — — — — — — 338
א. אַלאַר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 338

## ביילאַגע

צי דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיטן אויסאַרבעטן דעם אידעאַל פון
דער צוקונפטיקער אָרדנונג — — — — — — — — — — — — 343
קראָפּאָטקין וועגן באַקונינען — — — — — — — — — — — — 360
פּיאָטר קראָפּאָטקין — קראָפּאָטקינס אויפרוף צו פּערערס טויט — 365
פון „כּליעב אי וואָליאַ" — — — — — — — — — — — — — — 368
קראָפּאָטקינס ביאָגראַפיע בקיצור — — — — — — — — — — — 372

*Este libro se terminó de imprimir en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, el día 30 de Diciembre del año 1947.*